STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06260

TROYMEN ONGETON IN SHTOL

Tzalel Blitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צאַלעל בליץ

טרוימען אָנגעטאָן אין שטאָל

קווערשניטן

הילע — ר. מאַנדלצווייג

פאַרלאַג

בוענאָס איירעס

1948

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Copyright by
TZALEL BLITZ
Buenos Aires

TZALEL BLITZ

"Troimen Ongueton in Schtol"

(SUEÑOS REVESTIDOS DE ACERO)

(ENSAYOS)

Portada R. MANDELZWEIG

Editorial "I C U F"

Buenos Aires, 1948

אינהאַלט:

דער שרייבער

בלוט פון מיין מאַמען — 11

איך אַליין — 16

נישט ווי אַ פישעלע אַ גאָלדנס... — 23

די מילכאָמע

ווילנע — אונדזער קרוינשטאָט — 31

פאַריז — 44

אונדזער בערלינער געלעכטער — 50

יאָ — 57

„היום תאמצנו" — 64

די נירנבערגער וועלף — 74

יאַנטעוודיקע טליעס — 84

יידישע אַרכעאָלאָגיע — 89

זייבער ליגוואָרא — 97

די צייט

צייט, צייטיקייט, צייטונגען — 105

ערשטער מיי — 112

דער לעבעדיקער פּורפּורפלעק — 119
יאָרצייט נאָך לענינען — 130
אַלגינס וועלט — 137
איז די סאָוועטישע ביאָלאָגיע טרייף צי קאָשער? — 143
פראַנקרייך און אונדזער קולטור־סענטימענט — 155
דאָס בוך, דער לייענער און די סוויוועץ — 164
תינוקות של בית רבן — 176
טעאַטער־יוגנט — 188
דער פאָלקסטימלעכער באַראָן — 194
די קינדעריאָרן פון מאָזעסוויל — 207

די וועלט

אין שפּאַן — 221
אַ טראָפּן בראַזיל — 233
די ערד איז געווען דורשטיק — 242
אַ פּינטלאָוויגיקער קוק אויף קאָרדאָבע — 248

די ליטעראַטור

דער שוואַרצער דימענט — 257
דער פּאַטריאַרך פון אונדזער מאָדערנער קולטור — 265
אין דער טיף — 272
דאָס וואָרט וואָס איז נישט פאַרברענט געוואָרן — 281
דער יידישער פאָלקס־געלעכטער — 289
דער סאָציאָלאָגישער פילאָזאָף פון דער ווירקלעכקייט — 301
דאָס רייזנישע פּייערל — 316
פון פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן צו סאָציאַליסטישן רעאַליזם — 333
דער ניסטער איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש — 349
אַ בליק אויף קאַלמען מאַרמאָר — 363
ניגער דער ערשטער און ניגער דער צווייטער — 371

געמיט און וויזיע פון יידישן דיכטער — — — — — — — — 379
פּאָעזיע פון טויט — — — — — — — — — — — — — — 387
צווישן צוויי בלוט־צייכנס — — — — — — — — — — 398
וואָס פאַר אַ ליטעראַטור? — — — — — — — — — — — 411
דער וויי־געשריי פון דער וואָלגע — — — — — — — — 417
גאָרקיס רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — 423
וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי — — — — — — — — — — 432
אַזוי האָט גערעדט פרידריך ניטשע — — — — — — — — 442

☆

דער שרייבער

בלוט פון מײַן מאַמען

I

עס לעבט אַף מײַן פּען אַ טראָפּן בלוט פון מײַן פאַרצוקטער מאַמען.

מיט דער קראַפט פון אַ צעוויגטן יאַם ברויזט דער דאָזיקער טראָפּן צווישן די שטאָלענע ברעגעס פון מײַן פעדער און פאַרבלוטיקט אַלע מײַנע געדאַנקען, און טונקט אָפּ אין פּעך מײַנע געפילן און באַדעקט מיט שוועבל מײַנע רייד.

עס גייען אום אין מײַן האַרצן, אַף די שפּיץ פינגער, אַ סאַך דורכזיכטיקע, צאַרטע ווערטער און עס בורבלען און פלאַמען אויף אין מיר אַ סאַך לויטערע, טיפע געזאַנגען. איך וואָלט געקאָנט איצט שטיין ווי אַ קאַרשנבוים אין צוויט און בליען אַ האַלב-שיקערער פון זון און פון די אייגענע געווירצן, אָבער צווישן מיר און דער ליכטיקער וועלט געפינט זיך דער בלוטיקער טראָפּן, דער הייליקער, טויזנטקילאָאיקער טראָפּן בלוט פון מײַן מאַמען.

דער פרילינגדיקער שטראַל, וואָס רייסט זיך צו מיר, קומט אַ דורכגעזיפּטער, אַ דורכגעזייטער דורכן דאָזיקן טראָפּן. ווי אין אַ קרישטאָלענער פּריזמע ווערט דער שטראַל צעבראָכן אין מײַן מאַמעס בלוט און צעפאַלט זיך אַף די זיבן קאָלירן, פון וועלכע עס באַשטייט דאָס ליכט, אָבער אַלע זיבן קאָלירן, וואָס רײַסן זיך דורך דורך מײַן מאַמעס בלוט, האָבן בלויז איין קאָליר: רויט, רויט, רויט, רויט, רויט, רויט...

שאָקל איך אָפּ פון זיך דאָס ווײַסע בליעכץ. נישט קיין קאַרשן, נישט קיין פרוכט וועט וואַקסן אַף מיר. אַף מײַנע צווײַגן וועלן וואַקסן שטיינער,

האַרטע קיזלשטיינער, וואָס וועלן פאַרשטיינען צום טויט, אָבער וואָס וועלן אויך געבן ליכט. אַ שטיין דערהאַרגעט און אַ שטיין געבוירט פייער. אין דער צוקונפט וועלן זיין געבענטשט מיט פייער נאָר יענע שטיינער, וואָס וועלן זיין אויסגעשמירט אינעם בלוט פון צעקנאַקטע שלאַנגענקעפּ.

גרייט איך זיך, דעריבער, אויף אַ גרויסער, שנעלער שטיינער־געדעטע־ניש, ווייל עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סאַך עקלדיקע קעפּ און ווייל מען מוז נאָך פאַרוואַרפן אַ סאַך פייער.

ערשט נאָך דעם וועל איך זיך דערמאָנען, אַז איך דאַרף נאָך ענדיקן בליען. ערשט שפּעטער, שפּעטער, וועל איך זיך באַדעקן מיט אַ דופּטנדיקער בלומען־ווייסקייט און וועל צולאָזן צו זיך דעם פּרילינגדיקן שטראַל, אָן דער בלוטצענזור פון מיין פאַרשניטענער מאַמען.

II

איך פליק אַראָפּ פון מיין האַלדז דאָס לעבלעכע ווינטל, וואָס שטיפּט אויף מיינע אַקסלען און שושקעט מיר אין אויער אַזוינע גלאַטינקע, סאַמע־טענע טרייסט־ריידעלעך, אַזוינע ראַזינקע, אויסגעצוואָגענע ווערטעלעך, וואָס קוילערן זיך ווי רעשעלעך, און שוועבן ווי פלאַטערלעך, און טענצלען ווי בלעזעלעך, און שווינדלען ווי דריידעלעך, און קייקלען זיך ווי רענ־דעלעך.

איך שמיים אַראָפּ פון זיך דעם דאָזיקן ווינטל, וואָס איז פוכיק, ווייך און נאַריש, און וואָס פאַרשטייט נישט, אַז בלויז אַ הוראַגאַן, אַ סאַמום, אַ ווירבלווינט וועט קאָנען אַראָפּרייסן די טרערן פון מיינע אויגן, אַז בלויז אינעם טאַקט פון אַ ציקלאָן, וואָס בויגט וועלדער און פון אַ וויכער, וואָס וויגט יאַמען, קאָן זיך אַריינפּאַסן די ריטמיק פון מיינע האַרצקלעפּ און די שפּאַנונג פון מיין צאָרן.

עס שרייט אין מיר דער טראָפּן בלוט פון מיין מאַמען. ער שרייט און עס קאַרטשען זיך אין מיין פלייש די אָדערן, און עס שווידערט אין מיין לייב די נערוונגעץ, און עס רוישן, ווי וואַסערפאַלן, אונטער מיין הויט די פולסן.

ווען איך בין אַ שטורעם, וואָלט איך זיך אויסגעדונערט, אויסגע־בליצט און אויסגעהאָגלט, און וואָלט נאָך דעם זיך אויסגעצווינגן אויף אַ

באַרג-קייט און געקייט זיסע, ווייסע וואָלקנדלעך, אָבער איך בין אַ מענטש, איך קאָן נישט אַריבערטרעטן מיינע פּליישגרענעצן; איך געהער צום טראָפּן בלוט פון מיין מאַמען, און דער טראָפּן בלוט פון מיין מאַמען געהערט צו דער אויפגעריסענער וואונד פון מיין פאָלק, און די וואונד פון מיין פאָלק אייטערט אַפן קופּערנעם שטערן פון דער מענטשהייט.

יאָ, איך בין נישט קיין שטורעמווינט, איך בין אַ ייד און דערפאַר בין איך שטאַרקער פון אַ שטורעמווינט. איך וועל זיך נישט אויסלאָדן בלינדערהייט, ווי אַ ציקלאָן, ווייל איך בין אַ סטיכיע מיט אויגן, און די וואולקאַנישע, פייערשפּייענדיקע קראַפט, וואָס קאָן נישט אַרויס פון מיין פלייש, וועט מיך נישט אויפרייסן; זי וועט אַרויסשפּרודלען פון מיינע יידישע שוואַרצאַפּלען, ווי צעפּרעסנדיקער שוועבלזויער, ווי אַ ריטשקעלע סאַם, אָבער שפּעטער אויך ווי ליכטיקער קוועקזילבער און ווי קילנדיק קוואַלוואַסער.

איך וועל צעשטערן אַ סאַך און גיך, איך וועל אָבער אָפּבויען נאָך מער און לאַנג, ווייל איך בין נישט קיין ווירבלווינט, איך בין אַ מענטש. אַ מענטש, נישט אין זינען פון פאַרגענגלעכקייט און נישטיקייט, אין פאַרגלייך מיט די איימעדיקע, קאָסמישע נאַטורקרעפטן; אַ מענטש, נישט ווי אַן עקוויוואַלענט פון שטויב וואָס פליט אַוועק, פון אַ פלאַנץ וואָס פאַרוועלקט און פון אַ שאָטן וואָס פאַרשווינדט, נאָר ווי אַ קויעך, וואָס קאָן אָנטאָן אַ פּאַשעטן פּערדישן צוים דעם ווילדסטן, גרויזאַמסטן ווי-כער; אַ מענטש, וואָס זיין ערשטער נאַטור-געזעץ איז נישט אונטערטע-ניקייט נאָר רעוואָלט און זיין לעצטער ענדגילטיקער געזעץ איז ליבע.

עס וועלן מער נישט קאָנען עקזיסטירן קיין מענטשן אייגנקנייטשטע אין צווייען און צעבראָכענע אַף דער העלפט. דער מענטש וועט מוזן ווערן געוויקסיקער, שלאַנקער; פון אַ פלאַטשיקער זומפּנפלאַנץ וועט ער זיך מוזן פאַרוואַנדלען אין אַ קלעטערנדיקן באַרגגעוויקס.

איך ווייס, אַז עס איז נאָענט דער טאָג, ווען פונעם שטערן פון דער מענטשהייט וועלן אַראָפּגעשייערט ווערן די לעצטע קופּערנע שפּליטער-לעך און אַז די פעלקער וועלן זיך אָפּשערן סאָף קאָל סאָף די שמוציקע נעגל. דאַן וועט דער טראָפּן בלוט פון מיין מאַמען פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שימערירנדיקן רובין, וואָס וועט לויכטן ווי אַ לעבעדיקע בראָכע אַף מיין קאָפּ.

III

פון מיין מאַמען איז מיר געבליבן   א יי ן טראָפּן בלוט און פון מיין פאָלק — טראָפּנס, טראָפּנס...

ווי אַ הונגעריקער וואָלף בלאָנדזשעט אַרום אונטער מיינע ריפּן אַן אַנגעשאַרפטער, שאַרפציינערדיקער ווייטיק, אָבער איך וועל נישט קאַפּיטולירן צו דער לויערנדיקער פאַרצווייפלונג. קוים פאַרמאָגן מיר נאָך איין פינטעלע לעבן, איין שפּרענקעלע וויטאַליטעט, וועט אונדז צוריק אָפּוואַקסן דאָס צעטראָטענע און פאַרלוירענע.

איך וויל זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין טויט-בוכהאַלטעריע און וויל נישט אויסרעכענען דעם מוירעדיקן דעפיציט פון אונדזערע אויסגעררונגענע לעבנס. איך וויל נישט אַראָפּטויכן אין קיין קייוועריסטאַטיסטיק און וויל נישט אַנטוויקלען קיין באַנקראָט-פילאָזאָפיע, ווי דאָס טוען אייניקע פון מיינע פאָלקסברידער. עס איז עמעס, אַז מיר זיינען צעשטיקלט און צעברעקלט געוואָרן, אַז מיר זיינען רעדוצירט געוואָרן צו ברוכשטיקער און צו ברוכצאָלן, אַז עס איז פון אונדז געבליבן אַ „כזית", אַ „שמינית שבשמינית", אָבער אונדזער קוואַנטיטאַטיווע נישטיקייט טוט מיר בלויז וויי, זי שרעקט מיך נישט.

דער טראָפּן בלוט פון מיין מאַמען, גראָד אָט דער געשפּענסטיקער טראָפּן, וואָס דערנערט מיין צאָרן, גראָד אָט דער טראָפּן גיסט מיך אָן מיט מוט און מיט ליבע, וואָס שוימט אַריבער איבער די ברעגעס פון מיין פאַרביטערטקייט. מיר זיינען דאָ און מיר וועלן זיין, און קיין שום ווילדער שטורעם, מעג ער זיין אונטערגעגאַרטלט מיט ציקלאָנען און מיט וויכערס, וועט אונדז נישט אַראָפּטראָגן פון דער ערד, אונטער וועלכער עס ריזלען זיך און קרייצן זיך אונדזערע בלוטשטראָמען. ביז איצט האָט אונדז די שלעכטע מענטשהייט געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פּאַרטיליקט צו ווערן און די גוטע מענטשהייט האָט אונדז געגעבן מערידן און קילעס, אָבער פון איצט און ווייטער וועלן אַלע וויסן, אַז אויך מ י ר זיינען די מענטשהייט, פּונקט ווי מיר זיינען עס, זינט 30 יאָר, אַף צוואַנציק מיליאָן קוואַדראַט-קילאָמעטער פון דער ערד-אויבערפלאַך.

פון די זומפּיקע וועלדער האָבן זיך אַרויסגעשלייכט אונדזערע באַוואַקסענע פּאַרטיזאַנער, די בלוטבירגער פון דער וועלט, די אורפאָטערס

פון אונדזערע נייע שוואָטים. זיי זיינען אַרוים פון די וועלדער, נישט קעדיי אָפּצוטרעטן, נישט קעדיי צו אַנטלויפן פון זייערע צעקרישלטע היי־מען, נישט קעדיי צו דערזערטירן פון בלוטיקן קאָנטינענט. נישט אַף דעם האָבן זיי געפירט אַ ווערעמדיק לעבן אין די זומפּן און נישט צוליב דעם האָבן זיי געשונדן די נירנבערגער וועלף. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין די זומפּן, איז די מוירע. זיי האָבן זיך דעריבער נישט דערשראָקן פאַר די געפונענע ביינדעלעך פון זייערע אויפעלעך, ווייל די הערצער זייערע ליגן אין שטיינערנע בייטלען און די נערוון זייערע זיינען געגאָסן פון צעמענט.

זיי וועלן עם זיין די אייזערנע זיילן פון אונדזער צוקונפט, אָנשטאָט דעם שטרויענעם אונטערשפּאַר פון אונדזער נעכטיקער ווירקלעכקייט.

IV

טאָג און נאַכט פיל איך אַף מיין לייב דעם לעבעדיקן טראָפּן בלוט פון מיין פאַרצוקטער מאַמען, פון מיין טייערער, צעשניטענער מאַמען. עס איז מיר נישט איבעריק און נישט שווער דער דאָזיקער גרויזאַמער טראָפּן, און כאָטש ער מישט זיך אוים מיט מיין געטראַנק און מיט מיין ביסן, און כאָטש ער נעצט דורך מיין געדאַנק און זאַלצט אוים מיין האַרץ, טראָג איך אים, אַזוי ווי ס'טראָגט אַ דורשטיק גרעזעלע אַ טראָפּן טוי, קעדיי נישט פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט צו ווערן.

דער דאָזיקער טראָפּן גלאַנצט אין מיינע אויגן און לערנט מיר קוקן מיט אַן אַדלערישן בליק. דורך דעם דאָזיקן מאַמישן טראָפּן זע איך, ווי דורך אַ מאַגישן גלאָז, דעם טאָג פון מאָרגן, אַן אויסגעשניצטן און אַן אויפגעטורעמטן דורך פיר טויזנט מיליאָן הענט, דורך פיר טויזנט מיליאָן פרידלעכע דלאָניעס, פאַרברידערטע אַף שטענדיק.

דאָס איז דער צווייטער זין פון מיין מאַמעס טראָפּן בלוט, וואָס האָט אַריינגעטריפט אין מיין לעבן.

איך אַליין

I

פון ברייטן, צעשויבערטן פייגנבוים שוועבן אַראָפּ גראַציעז די געשניצטע, האַרצפאָרמיקע בלעטער. מיט אַ זיידענעם שאָרך הויבן זיי אָן זייער זעלבשטענדיקן האַרבסטלעכן אַף די כוואַליעס פון שטויביקן ווינט.

דאָס האַרץ ווערט אָנגעזאַפּט מיט אַרגענטינער פלאַכלאַנדיקן אומעט און מיט ליטווישן בערגלדיקן ווייטיק. איך דערמאָן זיך אָן קופּערנעם שטאָם פון מיין היימישער סאָסנע, וואָס סקריפּעט אפן ברעג פון אַ בלאָ־הויטיקער אָזיערע און וואָס אין יעדער גרינער נאָדל אירער איז אַריינגעצויגן אַ פאָדעם זון.

אַרום דעם ענטרע־ריאָסער ניאַנדובאַי, סאַנטאַ־פּעער אָמבו און בוענאָס־איירעסער אייקאַליפּטוס, נעמען זיך דרייען מיינע ליטווישע יאָדלעס און אָלכעס, ווערבעס און בעריאָזעס, דעמבן און טאָפּאָלן, און צווישן זיי, צווישן די טיף־בלאָע וועלדער אַף די האָריזאָנטן וואַקסן אויס די געמעסעטע בערווענעס און די שפּיציקע ברוקשטיינער פון מיינע הילצערנע שטעטעלעך.

עס דערשיינען אויך פאַר מיר מיינע אָוועס: מיין טאַטע מיט זיין איידעלן, מיסנאַגדיש־פּרעסטלדיקן פּראָפיל, מיין זיידע דער ראָוו, וואָס האָט צוליב אַ פּרוי אויווער געוועזן אַף „המאבד את עצמו לדעת”, מיין עלטער־זיידע — דער ווילנער ראָש יעשיווע „הרב הגאון ר׳ שמואל איסר בהרב ר׳ משה יצחק הכהן כהנא”, און איבער אַלעמען לויכטן אויף, ווי די פייערן פון אַ ווייטן פאָרט, די פּרייטיקצונאַכטיקע אויגן פון מיין מאַ־

מען — די איישעס־כאילדיקע טאָכטער פון די קורלענדישע נאַטאַנסאָנס און מאַריענהויזערס.

און אָט בין איך אליין, ווי אַ שפּיציקער אייקאַליפּטוס־בלאַט אין ווינט. אַ לאַנגער שמאָלער בלאַט, ווי אַן אָפּגעבראָכענער פינגער, אָפּן בארָאַט פון פוילישן יידנהאַס, אין גנאָד בּאַ דער פּראַנצויזישער וויסנשאַפט, אין קלעם פון דעם בראַזיליאַנישן עלנט און צום סאָף — אין די וואַרעמע שוואַרצערדיקע אָרעמס פון דער אַרגענטינער ערד.

צווישן די רווישנדיקע יידישע ווייצפעלדער פון פאָלקסטימלעכן באַראָן האָב איך דערפילט די מוטערלעכע שויספרייד פון אַ מידן קינד. זעקס הונדערט טויזנט יידישע העקטאַרן האָבן צעוויקלט פאַר מיר זייער גרינעם פויערישן גליק. אַ פעלדוויגט האָט צעעפנט און געבלעטערט פאַר מיר אַ לעבעדיקן, וואונדערלעכן סייפער, וואָס איז געווען געדרוקט נישט מיט קיין קלוגינקע שוואַרצע פינטעלעך, נאָר מיט יידישן ווייץ, מיט בלאָקעפּלדיקן לײַן, מיט געפּרענדזלטע קוקורוזע־שטעקנס. און אילוסטרירט איז דאָס דאָזיקע בוך געווען מיט לעבעדיקע יידישע קי, מיט גאַלאָפּירנדיקע אָגערס און מיט ווייסן שאָף; נישט מיט קיין ביבלישע שיר־השירים־מדיקע שעפעלעך און טייבעלעך אָדער שאָלעם־אַלייכעמדיקע ציגן, נאָר מיט לעבעדיקע צעמעסעטע בעהיימעס, ריטשענדיקע בוהאַיעס און צעגאַרגערטן געפליגל.

און דאָן האָט זיך צווישן מיינע יידישע ווייצפעלדער דורכגעקייקלט אַ קאַלטער, פינצטערער שאָטן: דער נאַצישער טויט פון מיין ליטווישער היים. און דאָן האָבן מיך אויך אָנגעיאָגט און דורכגעשטאָכן מיינע ערשטע אַרגענטינישע ווייטיקן...

מיין אַגריקולטורעלע באַהאַוונטקייט און מיינע זאָאָלאָגישע קענטענישן האָבן מיר דערוויזן, אַז פונקט ווי אין אַלע פּרוכטיקע באָדנס, זיינען אויך אין דער אַרגענטינער ערד פאַראַן ווערעם...

די בלעטער פאַלן. דער ווינט בייסט דעם פייגנבוים און רוישט אין זיינע אויסקריכנדיקע קודלעס. אונטערן בלעטערפאַל גלעט איך דאָס פרילינגדיקע קעפּל פון מיין אַרגענטינער קינד, וואָס צוויטשערט צו מיר אין דער מיט־יידישער שפּראַך פון מיין עלטער־זיידן. די זעלבע שפּראַך האָט געדונערט מיט טוירע אין מיין עלטער־זיידנס ברוסט, מיט הונדערט יאָר צוריק.

עס כוואַליען אין מיר די צופלוסן און אָפּפלוסן פון מיין פּאַרביטע־רונג. די צייט האָט אויסגעזאַלצן מיין האַרץ, אָבער איך פּיל, אַז אין סאַמע צענטער פון מיין וועזן, דאָרט וואו עס לויפן זיך צונויף אַלע בלוט־שטראָמען, וואָס ריזלען אין מיין פליייש, איז פאַראַן אַזוינס, וואָס וועט מיך נישט לאָזן אומוואַרפן: דאָרט ברענט מיין יידישקייט מיט אַ צונטער־רויטן אָפּגלאַנץ, דאָרט פינקלט דאָס זעקסשפּיציקע ליכט פון געלן מאָגן־דאָוויד, דאָרט בליצט עפּעס פינפשפּיציקס איבער אַלע פיר שפּיצן פון דער וועלט...

דער ווינט איז שטילער און וואַרעמער געוואָרן. דאָס בליענדיקע קעפּל פון מיין קינד איז אַנטדרעמלט געוואָרן אַף מיינע הענט. אין שמעקעדיק-געווירצטן פאַרנאַכט דערפּיל איך, אַז אויך אַף מ יי ן קאָפּ שוועבן אַראָפּ אַ פּאָר הענט. איך וויים, אַז דאָס זיינען די בענטשנדיקע הענט פון מיין עלטער-זיידן, איך וויים, אַז ער גיט מיר אַ העכשער אַף מיין יידישקייט, און מיר דוכט, אַז דורכן אָפּשטאַרבנדיקן ווינט גיט ער מיר איבער, „בלחש ובקול דממה דקה”, זיין גרייז-גראָע בראָכע:

„יברכך אדוני וישמרך”...

II

אַף מיינע פּלייצעס פּיל איך די וואָג פון אַ גאָלדענער קייט. איך דאַרף זי נישט, אָבער איך וועל זי נישט איבעררייסן. איך וויל בלויז זיין אַן אייזערנער רינג אין דער דאָזיקער קייט. און זיין וויל איך אַן אייזער־נער רינג, נישט ווייל איך קאָן נישט דערגרייכן צו דער מאָדרייגע פון אַלטן גאָלד, נאָר ווייל איך וויל באַוואוסטזיניק זיין נייער אייזן. איך וויל זיין דער פּאַרווירקלעכטער אייזערנער טרוים פון מיינע גילדערנע אָוועס.

דאָס גאָלד וועט בלייבן אַף אַזוי וויט גאָלדווערטיק, אַף וויפל עס וועט זיך דערוועבן אייזערנע פּאַרדינסטן און שטאָלענע בשיוועס. איך וויל שטרייטן פּאַר דער אייזערנער רעהאַביליטאַציע פון מיינע זיידעס, פון מיין יידישקייט, פון מיין פּאָלק. איך וויל נוצלעך זיין ווי אַ שטאָלע־נער האַמער, ווי אַ מעסער פון אַ פּאַרטיזאַנער, ווי דער שאַרף פון אַן אַקער־אייזן. פון מיין גאַנצער גאָלדענער ירושע, וויל איך בלויז יאָר־שענען די מידע פון נישט-פאַרזשאַווערט ווערן, קעדיי אַף מיין נייער

אייזערנער הויט זאָל זיך נישט אָפּזעצן קיין קרעציקער ראָסט. איך וויל, אַז עס זאָלן זיך ברידערלעך קרייצן אין מיר די גוואורע פון שטאָל און די ריינקייט פון גאָלד, און אַזאַ, ווי איך, זאָל אויך זיין מיין יידישקייט.

איך ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן רעדוצירטע און דעגראַדירטע יידן, וואָס ווילן, אַז זייער יידישקייט זאָל זיך אָנזען, ווי אַ כיין-פּינטל אַף אַ נעגער־פּאָנים... איך אָבער האָב אַ פיזיאָלאָגישן דראַנג צו טראָגן מיין יידישקייט, אַזוי ווי מען טראָגט אַ פאָן אַף אַ דעמאָנסטראַציע. מיר דוכט, אַז זינט מיינע זויגקינדערישע יאָרן אָן, איז אין מיר צעלייגט אַ נאַציאָנאַלער פייער, וואָס וויל נישט אונטערצינדן און פאַרצערן, נאָר לויכטן און לייכטן.

איך האָב קיין מאָל נישט אויסגעצירט מיין יידישקייט אין קיין גויעשע, זונטיקדיקע העמדער; איך האָב זי שטענדיק אויסגעטאָן נאַקעט. אין פוילישן פּילסודסקישן מיליטער, אין טאַרדיעס פראַנצויזישע פּאָליציי-באַצירקן, אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע צירלעך־מאַנירלעכע מעלוכע-אַמטן האָב איך אַזוי אייפערדיק און אַנטשלאָסן פּראָקלאַמירט מיין יידישקייט, אַז מען האָט מיך נישט געגלויבט.

„איך בין אַ ייד" — דאָס איז מיין ערנוואָרט און מיין פּאַראָל, מיין אַבסאָלוטער עמעס. איך בין אַ ייד אַ גאַנצער און אַ געפּערלעכער, ווי אַ נישט אויפגעריסענער גראַנאַט. עס איז וואַך אין מיר די סאַקאָנע און זי לויערט מיט גראַנאַט-שפּליטערם אַף די אַלע, וואָס מיינען, אַז זיי וואָלטן געקאָנט צעברעקלען מיין יידישע גאַנצקייט.

איך בין קאַרג אַף מיין יידישקייט און וועל נישט אַראָפּגעבן פון איר קיין איין צענטל פּראָצענט. אין דעם ריינעם שגייוויסן וואָלט פון דער דאָזיקער יידישקייט מיינער איז נישט פאַראַן קיין איין פעדימל באַוול, קיין איין שטויבעלע און קיין איין הערעלע, וואָס איך וואָלט געדאַרפט אַרויסוואַרפן.

איך בין אַ ייד, נישט ווייל זיין אַ ייד איז אַן אויבערמענטשלעכע זכיע; נישט דערפאַר וואָס מיר האָבן געהאַט מלאָכים און שאָפטים, נעוויאים און גיבוירים, טאַנאָאים און אַמוירעים, ראָשע-יעשיוועס און חז"ל, פּאַיטאָנים און מאַרטירער, שפּינאָזאָס און איינשטיינס, גענעראַלן און פּאַרטיזאַנער. איך בין אַ ייד, ווייל איך בין עס און קוים בין איך עס, וועל איך עס זיין אינטענסיווער ווי געוויינטלעך, ווייל מען צילט אין

מיין יידישקייט, מען לויערט אף איר און מען וויל זי אויסבעטן ווייך און באקוועם אפן יאטקעקלאץ...

III

מיין יידישקייט ברענט אין מיר אפן בעסטן, שמעקעדיקסטן בוימל — אף יידיש. אין דאזיקן קריגעלע בוימל, וואס איך האב געיארשנט פון אלע מיינע זיידעס און באבעס, ווייק איך מיינע רייד, מיינע געדאנקען, מיינע לײדנשאפטן.

דער דינסטמוידישער איכעס פון מיין שפּראך איז א בייזוויליקער מאסקילישער בילבל. איך וויים, אז די קאמפּליצירטע שטריקעכצן פון מיין עלטער־זיידנס ראש־יעשיוועדיקע געדאנקען זיינען געשטריקט גע־ווארן אף יידיש; אז מיין זיידע האט, איבעררייסנדיק זיין לעבן, אויפגע־ריסן זיין פּיין אף יידיש, אז מיין טאטע האט געטראכט, געטרוימט און געליטן אויסשליסלעך אף יידיש און אז מיין מאמעס געמיט האט איבער זיבעציק יאר געצאפּלט אף יידיש. אין מיינע אויערן זיינען נאך ביז היינט אויסגעהאנגען די קלאנגען פון איר „אמאל איז געווען א מיילעך״ און „די מעזינקע אויסגעגעבן״.

מיך אליין איז דערווידער מיין פּאליגלאטישע באהאוונטקייט. מיר דוכט, אז איך קוק און האר, און צו דעם אטעם אפילע אף יידיש, און מיין קינד, מיין קליינטשיק אויפעלע, רעדט אפילע צו דער ארגענטינער קאץ אף יידיש.

איך וויים, אז עס זיינען פאראן יידן מיט בלעכענע אויערן. זיי שטרענגען זיך אן איינצורײדן זייער אייגענעם געהער, אז יידיש גרילצט. צי ווייסן נישט די דאזיקע בארבארן, אז שפּראכן גרילצן נישט? קיין שום שפּראך, אפילע האטענטאטיש, גרילצט נישט.

יידיש, וואס זיינע אקסן זיינען געשמירט, שוין טויזנט יאר, מיטן נאקעטן בלוט פון אונדזערע עלטער־זיידעס, באבעס און מאמעס, קלינגט אפּ אין מיינע מענטשלעכע אויערן מיט אן אלטן יידישן עכא: „קדוש, קדוש, קדוש״.

עס זיינען אבער פאראן יידן, וואס האבן אפּגעשניטן זייערע יידישע אויערן. זיי האבן פארקויפט נישט נאר זייער צונג, נאר אויך זייער

מענטשלעכן געהער. די דאָזיקע גרילץ־יידן זיינען נישט קיין יידן, זיי זיי־נען גרילצנדיקע גרילן. מעגן זיי פּלאָטערן אין סאַמע בלאָען, נאַציאָנאַלן טכיילעס, מעגן זיי דוכענען אונטער פּאָרויכעסן, מעגן זיי זיך באַהאַלטן אונטער אַ רויכוואָנט פון הייליקסטן קטוירעס, איך גלויב זיי נישט. די יידישע סינע צו יידיש איז נאַציאָנאַלער קאַניבאַליזם, איז ברודער־פּרע־סעריי, איז גייסטיקער מוטערמאָרד.

די יידישע יידיש־מערדער וועלן, מאָרדנדיק יידיש, אַליין מאָראַליש דערמאָרדעט ווערן. איך האָב נישט קיין מוירע פאַר זייערע פּאַפּירענע נעגל און הילצערנע צינגער. מיט אַ צענטל פון איין יידישן וואָרט פאַר־ניכט איך זייער נישטיקייט.

מיך וועט אָבער קיינער נישט פאַרניכטן, ווייל אַף יידיש גליט מיין וואָרט און אַף יידיש שפּילט מיין נעשאָמע, און אַף יידיש פאַרשטיי איך מיין בלוט.

IV

עס קומט די נאַכט און גיסט אָן אונטערן פייגנבוים אַביסל לעוואָנע־שיין. דאָס מילכיקע ליכט טריפט פון די אָפּגעפּליקטע צווייגן אַף מיין פּאָנים און וויל פאַרוויישן מיין אומעט.

די נאַטור אַרום ליגט אין אַ מעלאַנכאָלישן, אַנטשטומטן הינער־פּלעט. אַ פלעדערמויז מיט אַ סאָווע, אין זייער אומגעלומפּערטן פלי, גיבן זיך אַ שטויס צונויף אונטער מיין פייגנבוים און גרילצן אריין אַ רויבע־רישן קרעכץ אין דער נאַכט אַריין. די לופט צעטרייסלט זיך און וויברירט פון שרעק אין דער דאָזיקער טויטער האַרבסטנאַכט, וואָס די לעוואָנע האָט אָנגעטאָן אין טאַכריכים...

מיין געמיט נעמט זיך אָבער מיט אַ מאָל אויסלייטערן. אין די טיי־פענישן פון מיין וועזן נעמט קרייזן אַ בלאָלעכע פּאַספּאָריסצענץ. עס דוכט זיך מיר, אַז מיטן מאַרך פון מיינע ביינער דערהער איך מיין על־טער־זיידנס הייסן קאָל.

— גלויב, מיין קינד, גלויב אין נאָנטן מאָרגנרויט! מיט די ריטער פון דיין וואָרט און פון מיינעם פאַרשמיים אַף טויט די געלייזמטע נאַכט. האַלט הויך דיין קאָפּ, מיין קינד, הויך ביז צום שטערנשיין. גיס אָן

דיינע שוואַרצאַפּלען מיט שטערנליכט און ליידיק זיי אויס אין דער ערדי-שער נאַכט אריין. פליק אראָפּ פון זיך די פינצטערניש און שפּרינג אריין א נאַקעטער אין קומענדיקן טאָג אריין. טונק זיך אָפּ אין דער ליכטיקייט, צוואָג זיך אויס אין דער לויטערקייט!

איך שטעל זיך האַסטיק אויף און גיב א בייזן קוק אף דער נאַרי-שער לעוואָנע. זי גיט זיך א טרייסל פון קעלט און וויקלט זיך אַרום מיט א ווייסן פוטערנעם רונג.

ניט ווי אַ פישעלע אַ גאָלדנס...

I

נישט ווי אַ פישעלע אַ גאָלדנס צאַפּלט אַרום דאָס יידישע וואָרט אין די ווינטיקע וואַסערן פון מיין געמיט, נישט ווי אַ פישעלע מיט שופּן פון זוניקן אַלעבאַסטער, נאָר ווי אַ שוואַרץ־גרויער סובמאַרין, וואָס אַלע זיינע פערצן אָנגעצילטע טאָרפּעדאָס זיינען גרייט צום פאַרניכטנדיקן וואַסערשפּרונג...

ס'איז געקומען איין פרילינג און ס'איז געקומען אַ צווייטער, אָבער די בלומענצייט די פרילינגדיקע איז נאָך אַלץ נישטאָ. דער שטורעם, וואָס האַלט נאָך אָן, האָט דערוואָרגן און אַראָפּגעריסן אַלע וואַסער־ליליעס פון דער אויבערפלאַך פון מיין געמיט און ווען עס איז אָנגעקומען נאָך אַ פרילינג און עס האָבן אַרויסגעטויכט נייע בלומען, האָט דער נישט־איינגעשטילטער ווירבער אָנגעקרייזלט מיט אומרו די מידע וואַסערן און האָט גענומען אַריינשעפּטשען אין מיין פאַרבענקטן געהער אַזוינע ראַציאָנאַליסטיש־באַטאַנישע אומפאַרשעמטקייטן:

„נישט דורך בלומען־פּיין דריק אויס דיין בענקשאַפט, נישט דורך בלומען־פּיין, ווייל אויך די בלומען־שיינקייט איז אַ פיקציע. ווייסטו, אין טאָך גענומען, וואָס אַ בלום איז? אַ בלום איז נישט מער ווי אַ צוגעפּוצטער געשלעכטס־אָרגאַן, אַ שמעקעדיקער געשלעכטס־אָרגאַן, און דער אַראָמאַט פון אַ בלום איז געשלעכטס־פּאָליטיק און די פאַרב פון אַ בלום איז קאָקעטישע רעקלאַמע. די שענסטע רויז איז אַ ווען וואָס איז דורך און דורך, פון אויבן ביז אַראָפּ און פון דרויסן ביז אינעווייניק — טאָטאַלער געשלעכט.

„די אַבסאָלוטע שיינקייט וואָס מען איז געוואוינט צו זען אין דער בלום איז נישט אַבסאָלוט, זי איז אַ פאַרשטעלטער אויסדרוק פון עפּעס אַנדערש; און דערפאַר זאָג איך דיר, אַז אַ בלום איז אַ גענייאַלע פעלשונג, גראָד פון קוקווינקל פון אייביקער, פרייער, אַבסאָלוטער שיינקייט.

„עס איז אָבער נאָך מער קלאָר, אַז אַפילע אַ בלום האָט אַ מיסיע און אַז דאָס וויכטיקסטע אין אַ בלום איז נישט די שיינקייט, נאָר די מיסיע וואָס זי פילט אויס, מיט דער הילף פון איר שיינקייט.

„די דאָזיקע מיסיע איז באַגרענעצט צו סעקסועלער פונקציע, און ווען די פונקציע איז אויסגעפילט, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די בלום דעם גאַנצן עסטעטישן אָנשטעל, טוט אויס די פאַרבן, וואַרפט אַוועק די רייכעס און נעמט וועלקן. זי דעמאַסקירט זיך אין גאַנצן. די שיינקייט פון אַ בלום איז אַ שיינקייט וואָס דערפילט איר מיסיע און גייט אויס; דו דאַרפסט אָבער זוכן אַ שיינקייט וואָס דערפילט איר מיסיע און בלייבט לעבן! זוך זי נישט צווישן בלומען, ווייל געפינען זי וועסטו בלויז צווישן מענטשן!

„די נאַטור איז בלינד, אינסטינקטיוו און סעקסועל. דער מענטש, וואָס איז אויך אַ פולווערטיק שטיק נאַטור, איז אָבער גלייכצייטיק דער וואַקסנדיקער בונטאַרישער קויעך, די גרויסע רעוואָלוציאָנערע קראַפט וואָס באַצווינגט די טיראַנישע באַשטימטקייט, די רויע אינערציע, דעם סטיכישן אומגעהויער און די קאָלאָסאַלע נאַטור־ווילדקייטן, בלומיקע און נישט־בלומיקע, וואָס שטעקן נאָך אין אים גופע. די ווילדסטע ווינקעלעך פון דער נאַטור דאַרף מען נישט זוכן אין די אַפריקאַנישע אורוועלדער, נאָר אינעם מענטשן אַליין. עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס קענען אַריינגעמען אין זייער האַרצן דעם גאַנצן מידבער סאַכאַראַ, האָגאָם עס ביינדלט זיך אַף זייער לאַץ די אומשולד פון אַ ווייסער רויז.

„ווען דער מענטש וועט באַפרייט ווערן פון דער נאַטירלעכער און קינסטלעכער דעספּאָטישקייט פון זיין מיטמענטשן, ווען ער וועט זיך אויספלאָנטערן פון זיין אייגענעם כאַיעשן פלאָנטער, וועט ער אַנשטאָט דער איינזייטיקער, סעקסועלער עסטעטיק פון דער נאַטור, קענען שאַפן די עמעסע פרייע עסטעטיק, דורך זיין טיף־מענטשלעכער קונסט, אַ קונסט, וואָס וועט זיך אינספּירירן נישט דאַווקע אין בלומען, נאָר מער פון אַלץ אינעם מענטשן און אין פּראָדוקטן פון מענטשלעכער אַרבעט. איך בין זיכער, אַז אין דער צוקונפט, ווען דו וועסט זיך באַפרייען פון דיין

צונויפֿגעפֿרעסטן טאָרפֿעדאָ־צאָרן און וועסט שוין מיט אַ רואיקן געמיט קענען קוקן אַפֿ בלומען, וועסטו אָנהייבן צו זינגען נישט נאָר וועגן דיין וואַסער־ליליע, נאָר אויך וועגן לעצטן טיפּ דיזעל-מאָטאָר, וואָס וועט שוין דאַן פֿונקציאָנירן אַפֿ פֿערפֿומירטן נאַפֿט און וועט פֿאַראייניקן אין זיך זיין וויכטיקע מיסיע מיט דער אַבסאָלוטער שיינקייט.

„און דערפֿאַר זאָג איך אייך, פּאָעטן, ליבט וויניקער די בלומען און האָט ליב מערער דעם מענטשן. שאַפֿט די עסטעטיק פֿון קאַמף, וואָס וועט פֿירן צו פֿרייהייט און צו דער אַבסאָלוטער, עמעסער, אומאָפּהענגיקער שיינקייט, וואָס נישט די רויז, נישט די וואַסער-ליליע און נישט די אָרכידייע פֿאַרמאָגן".

האָב איך געלאָזט דעם שטורעם אַרויסרייסן די לעצטע וואַסער-ליליע פֿון מיין געמיט און מיין וואָרט האָט זיך אָנגעהויבן באַוואָפֿענען צום קאַמף פֿאַרן מענטשן און פֿאַר דער נייער שיינקייט.

II

מיין וואָרט האָט נאָך, אָבער, נישט באַוויזן צו דערגראָבן זיך צו די שאַכטן פֿון דער נייער שיינקייט, ווייל עס איז נאָך וואַך אין אים דער יידישער צאָרן און ווייל עס שטייט אים אין וועג דער אומרו פֿון זיין נישט-אויסגעריסנעם פּיין.

עס איז מיר נישט באַשערט געווען צו בושעווען מיטן אויטאָמאַט און מיטן כאַלעף, ווי אַ יידישער בלוטוויכער אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער און צו פֿונאַנדערלייגן מיין שייטער אין אַ געטאָ-גרוב. דער גאַנצער הויך־געשפּאַנטער צאָרן מיינער, וואָס האָט געזאָלט אויסגעלאָדן ווערן דורך די פֿויסטן, איז געבליבן אַ נישט־אויסגעלאָדענער אין מיין וואָרט. און אויסלאָדן דאָס דאָזיקע וואָרט סטאַם אַזוי, נישט האָבנדיק פֿריער אַריינגעפֿייערט אַ גאַנצע קוילן-לענטע אין אַ נאַצי, זעט מיר אוים צו לייכט, צו באַקוועם און נישט גענוג ווירדיק. שטיקט זיך אין מיר דאָס דאָזיקע וואָרט און וויל זיך נישט אויסלאָדן, ווייל ווּעמען וועלן די שראַפּנעל-שפּליטערס פֿון מיין צאַר טרעפֿן, וועמען וועלן זיי צערייסן און אַף וועמענס האַלדז וועט זיך מיין פֿערז פֿאַרשלייפֿן ווי אַ פּעטליע? ניין, כ'וועל דעם דאָזיקן פֿייער נישט אויסשיסן אַף פּוסט, אָבער כ'וועל אים

אויך נישט לאָזן אָפּקילן זיך. די גאַנצע שלאָג־ענערגיע, די גאַנצע עלעק־טרישע שפּאַנונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין מיין וואָרט, וועל איך אויסנוצן אַף צו געבן ליכט. עלעקטרישער שטראָם קען דערהאַרגענען און קען באַלייכטן; איז אויב איך האָב נישט געקענט דערהאַרגענען דעם סוינע, זאָל מיר כאָטש געגעבן ווערן די זכיה צו לייכטן פאַר מיין פאָלק.

און אַז אַ יידיש וואָרט וועט מיר צוטראָגן זיין קנויט און וועט מיר זאָגן: „צינד מיך אָן", וועל איך זיך באַמיען אָנצוצינדן עס מיט אַ פייער, וואָס זאָל נישט נאָר לויכטן נאָר אויך לייכטן, דאָס הייסט נישט נאָר שיי־נען, נישט נאָר באַלייכטן זיך אַליין, נאָר אויסשטראַלן פון זיך דאָס ליכט אין ברייטע, אַרומנעמענדיקע און אַרומהאַלדזנדיקע קרייזן, און האַלוואַי זאָל דאָס דאַזיקע וואָרט פון איבערגעגעבנקייט און ליבע ווערט זיין נישט נאָר געהערט צו ווערן נאָר אויך געהאָרכט צו ווערן, דאָס הייסט, נישט נאָר אויפגענומען צו ווערן אין ריין־אַקוסטישן זינען, דערגיין צום אויער, נאָר אויך דערגרייכן צום הארצן.

איך פיל אין זיך די גנאָד פון יידישן וואָרט; אַזוי דאַרף פילן אַ מו־טער דעם אָנפּראַל פון אירע מילך־קוואַלן און אַ קנאָספּ — די ערדזאַפטי־קע, זיסע געשווילעכץ וואָס האַלט אין אַרויספּלאַצן. די דאַזיקע רויע גנאָד בענקט אָבער נאָך געשטאַלט, נאָך געשניצטקייט, נאָך געפורעמטקייט, נאָך אַ מאַרע, נאָך האַדראַס-פּאָנימדיקייט, נאָך אָנגעשאַרפטקייט און גע־נויקייט, נאָך דעפיניציע. גנאָד הויבט אויך אָן מיט שטאַמלען און מיט פּויזען אַף אַלע פיר. דערפאַר דאַרף מען זי לערנען גיין און ריידן, קעדיי זי זאָל זיך אַריינגעשטאַלטיקן אין אויסגעגלייכטן, פולווערטיקן וואָרט.

דאָס וואָרט אין סאַכהאַקלדיקייט. דאָס וואָרט בלייבט. אַלע פאַר־לוירענע און פאַרלאָפענע צייטן לעבן אין געבליבענעם וואָרט, אין זיין פעלזיקער נישט־פאַרגייערישקייט. דאָס וואָרט איז דער מענטשלעכער שטערן אין דער טיפנאַכטיקער, געשיכטלעכער פאַרגעסנקייט. פון גאַנצע פאַרלאָשענע דוירעס בלייבט אָפט נישט מער ווי איין וואָרטפונק, וואָס טראָגט זיך ווי אַ גליווערעמל אין דער פינצטער. פונקט ווי אין איין קעפּל פון אַ שוועבעלע באַהאַלטן זיך יאָמען מיט פייער, אַזוי פּרעסט זיך אַריין אין גרויסן דיכטערישן וואָרט די ברייטיאָמיקייט פון אונדזער לעבן. דער־פאַר איז וויכטיק, אַז דאָס וואָרט זאָל זיין דאָס וואוינאָרט פון עמעס, אַז דאָס וואָרט זאָל וויסן ווי אַזוי צו מעסטן די צייט.

די צייט קען מען מעסטן מיטן זילבערנעם שעפּטש פון אַ קליין זייגערל און אויך מיט די רעגלמעסיקע קלעפּ פון אַ העקעקערהאַק; מען קען זי מעסטן מיטן ווייטן טריפּן פון פרילינגדיקע אייזטראָפּנס און אויך מיט דער נאָנטער וויבער־ריטמיק פון אונדזערע אייגענע פּאַמפּעס; אָבער מיט וואָס פאַר אַ מעטאָד מען זאָל די צייט נישט מעסטן, מוז מען אָנקומען צום וואָרט, און דערפאַר דאַרף דאָס דאָזיקע וואָרט זיין מיקראָמילימעטערדיק געניי און רעגנבויגנדיק שיין.

אונדזערע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, אונדזער גאַנצער שפּראַך־פאַרמעגן איז אויך געשאַפן געוואָרן פון געוועזענע גרויסע ווערטער. וואָס אָריגינעלער און טיפער אַ וואָרט איז געווען, אַלץ מער איז ער איבערגעכאַזערט געוואָרן, פּאָפּולאַריזירט געוואָרן און סאָף־קאָל־סאָף אַריינבאַקומען זיך אין פאָלקסמויל און געוואָרן אַ פאַרקער־מיטל, אַ לויפיקער עלעמענט אין דער אומגאַנגשפּראַך. אַזוי שאַפט זיך און אַזוי ווערט רייך אַ שפּראַך. די שפּראַך פון אַ קולטור־פאָלק איז די קאָלעקטיווע ירושה פון זיינע דיכטער.

אונדזער דאָר וועט איבערלאָזן גרויסע און גרויזאַמע, אָבער אויך ליכטיקע ווערטער; ווערטער איינגעקאָרטשעטע פון ווייטיק, ווערטער צעשניטענע אין קאַמף און ווערטער צעפינקלטע פון ניצאָכן.

III

פאַראַן מענטשן וואָס האָבן מוירע צו בלייבן מיט זיך אַליין; זיי האָבן מוירע שטיין צו בלייבן אָפן ברעג פון זייער אייגענער פּוסטקייט, זיי ציטערן אַריינצופאַלן אין טהאָם פון זייער אייגענער אויסגעליידיקטקייט.

פון דאַנען דער גייעג זייערער צו זוכן דעם צווייטנס פּוסטקייט, דער געלאַף זייערער נאָך פלאַטשיקע פאַרווייִלונגען און גראָשנדיקן געניטס. זיי טוען עס, נישט קעדיי צו ווערן רייכער אין דערפאַרונגען, נאָר קעדיי אָנצושטאָפּן זייער נעשאָמעדיקע פּוסטקייט, ווי מען שטאָפּט אָן אַ פּוסטן מאָגן, וועלכער איז אין זעקס שאָ אַרום שוין ווידער פּוסט. זיי זוכן נישט קיין אָנפילונג, נאָר אָנשטאָפּונג, ליכטע, נישט פאַרשטאָפּנדיקע אָנשטאָ־

פונג. זיי שרעקט די פערספעקטיוו איבערצוועסן זיך מיט אינהאַלט און צו בייטן צופיל בויך-סובסטאַנץ אױף מאַרך-סובסטאַנץ...

קעדיי רייבער צו ווערן מיט אַ נייער דערפאַרונג, האָב איך עטלעכע מאָל געפּרואווט פילן זיך פוסט, זינדיקן באַוואוסטזיניק מיט פוסטקייט, אָבער דאָס יידישע וואָרט לאָזט מיר נישט. דאָס יידישע וואָרט לאָזט מיר קיין מאָל נישט איבער אַליין און שטייט מיר ווי אַ מאַלעך צוקאָפּנס. עס טוליעט זיך צו מיר ווי אַן אייגן קינד אָדער וויל מאַכן פון מיר אַ קינד, קעדיי צו פּאַרווינגן מיך אין מאַמישער וואַרעמקייט. מער פון אַלץ, אָבער, קומט צו מיר דאָס יידישע וואָרט ווי שולאַמיס, וואָס בעט זיך בא מיר מיט שיר-האַשירימדיקער ליידנשאַפט: נעם מיר, באַגייסטער מיר, פאַר־וואַרף אין מיר פייער, צעאַקער מיין לייב מיט דיין הייסן מויל, גלעט מיין צעדערדיקע שלאַנקקייט און הויך אַריין אַ ווירבלווינט אין מיין האַרצן.

געטריי און איבערגעגעבן איז מיר דאָס מילגרוימיקע יידישע וואָרט, איך וויל אָבער נישט זיין קיין פּאַהשלאָסענער שייער, קיין פאַנצער־קאַסע פאַרן דאַזיקן וואָרט. איך וויל אים אַרויסברויזן פון זיך נישט נאָר מיטן מויל, נאָר מיטן גאַנצן וועזן, מיט אַ סימפּאָניש ,,בכל נפשי ובכל מאודי". און איך וויל אַז דאָס דאַזיקע וואָרט זאָל אױף זיין יונגן קאָפּ טראָגן אַ מיסיע, אַ מענטשלעכע מיסיע און ווען די מיסיע וועט דערפילט ווערן, זאָל דאָס וואָרט נישט באַלוינט ווערן מיטן טויט, ווי אַ בלום, נאָר בלייבן לעבן, קעדיי צו קענען נעמען אױף זיך אַ צווייטע מיסיע. דאָס נייע וואָרט דאַרף זיך פילן העכער, וויכטיקער און ווערטפולער פון אַ בלום. עס דאַרף שמעקן, נישט מיטן מיין אָפּצונאַרן און האַרף זיין קאַליהפּול, נישט מיטן מיין צו פאַרבלענדן. אַזאַ וויל איך זאָל זיין אונדזער וואָרט.

ערשט דאַן וועט אַראָפּנידערן די שאַלווע אױף די אומרואיקע וואַ־סערן פון מיין געמיט און עס וועט אַרויפטויכן אַ שלאַנקע וואַסער-ליליע — די וואַסער-ליליע פון לעבן, די וואַסער-ליליע פון מענטשלעכן אויס־דויער, די וואַסער־ליליע וואָס וועט זיך דערמאָנען אין דער לעגענדע פון דער שטיינערנער בלום...

עפּשער וועט דאַן מיין פּיין, מיין באַנאַדלטער און באַנאָגלטער, זיך באַדעקן מיט פערלדיקע שופּן און נעמען אַרומצאַפּלען ווי אַ פישעלע אַ גאַלדנס אין דער בלאָוואַסערדיקער דורכזיכטיקייט...

די מילכאָמע

ווילנע - אונדזער קרוינשטאָט

I

אין מיטן זומער 1944 האָט די לייוונטענע און פלאַקסענע ליטע געעפנט אירע יידישע אויגן און דערזען אַז ס'איז טאָג, רויטאַרמייאישער טאָג...

פון די שוואַרץ־גרינע, פּאַרטיזאַנישע וואַלד-טיפענישן האָט זיך אַרויסגערויטלט דער גרויסער טאָג, דער גרויסער באַלעף-טאָג פון מידאַס־האַדין און האָט זיך גלייך צעפינקלט איבער ירושאַלאַים ד'ליטע.

אין אַ הייסן יולי-טאָג זיינען די רינשטאָקן פון ווילנע אָנגעפילט געוואָרן מיט נאַצי־בלוט. אין אַ שטויביק-שווייסיקן פאַרנאַכט האָט די רויטע אַרמיי אויסגעפלאַסטערט די ווילנער יידישע גאַסן מיט נאַצישע שאַרבנס און אָפּגעקילט דעם הייסן ברוק מיט אַ שטראָם פון גערמאַנישער יוכע. די קאָשערע ווילנע האָט דאָס מאָל מיט פרייד געבויגן זיך אונטער דער טרייפענער מאַסע פון אַכט טויזנט געקוילעטע שווינען און האָט באַם שיין פון פאַררויכערטן זון-אונטערגאַנג זיך צוגעקוקט ווי אַזוי דער אויבערמענטש נעמט איין אַ סאָוועטישע מיסע־מעשונע.

און אַזוי איז עס געשען אומעטום. די סטאַדעס דערשראָקענע, יידישע שטעטלעך האָבן זיך צוגעקוקט מיטן לעצטן שיין פון די אויסגערונענע אויגן צום זעלבן בילד. די נירנבערגער וועלף זיינען געבליבן פוילן אין די יידישע שעפסענע שטעטלעך און די רויטאַרמייאישע פלייש-מאַשינקע האָט געדרייט און געפיצלט ווייטער דאָס הינטישע פלייש פון די נאַצים.

אַף אַזאַ מין אויפן האָט דאָס צווייטע יערושאָלאַים אונדזערס צו־ריק דערלעבערט איר יידישן און איר ראַטנפאַרבאַנדישן קאָוועד, איר אַל־טע און איר נייע יידישקייט. פון די אַלע, וואָס זיינען ארויסגעפירט גע־וואָרן אין פיוואַגאַנען, האָבן זיך בלויז עטלעכע אומגעקערט אַף די באַ־פרייערישע טאַנקען און האָבן מיט נאַצי־בלוט געשריבן די גרויסע פייער־מעגילע, די פּאַשעטע און גרויליקע ווערטער, ווי אַזוי מען האָט אונדז גע־קוילעט, געפּאַלמעסט און געשגיטן.

עס איז אָבער נישט באַשע־ט געווען, אַז דער יאָנטעוו פון נעקאָמע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון אונטער די רויטאַרמייאישע טריט, זאָל לויכטן פאַר אונדז ווי אַ נייער־טאָמיד, ווייל אין דער באַפרייטער ליטע האָט מען באַפרייט בלויז דאָס אַש פון אונדזערע פאַרסאַרפּעטע היימען, בלויז די אויסגעהוילטע ביינער פון אונדזערע צעפּיצלטע מאַמעס און אויפּעלעך, בלויז דעם פאַרקוילטן זייכער פון אונדזער טויזנטיאָריקער אריינגעוואָקסנקייט אין די ליטווישע זאַמדן און וועלדער.

פון ווילנע איז געבליבן כורבן ווילנע. עס איז אָבער דאָ אַ קראַפט, וואָס וועט זי נישט לאָזן כאָרעוו זיין. דאָס איז די זעלבע קראַפט, וואָס האָט ארויסגעקראַכט פון די דרייסיק זאַלפּן, מיט וועלכע מאָסקווע האָט אָנגעזאָגט די באַפרייאונג פון יערושאָלאַים ד׳ליטע. עס וועט זיין אַ נאָכ־כורבנדיקע ווילנע פונקט ווי ס׳איז געווען אַ פאַרכורבנדיקע און דערפאַר איז אין אונדזער ווייטיק נישט פאַראַן קיין פאַרצווייפלונג ווען עס גיט אַ טויך ארויף אין געמיט די באַפרייטע קרוינשטאָט אונדזערע, די „עיר רבתי יה״, די „עיר ואם בישראל״, די הויפּטשטאָטישע היים פון אונ־דזער גייסט, די מעטראָפּאָליע פון אונדזער יידישקייט, דער צענטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, די הויפּטשטאָט פון אונדזער קולטור, דער גייסטיקער קראַך פון גאַנצן יידישן פאָלק — אונדזער יערושאָלאַים ד׳ליטע.

II

ווילנע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין יידישן לעבן נישט נאָר אַ געאָגראַפישע ווירקלעכקייט, נאָר דער איקער אַ קולטור־היסטאָרישע. ווילנע האָט באַדייט אייגנאַרטיקער יידיש־נאַציאָנאַלער סטיל. אַף אַלע

געביטן פון יידישער קולטור־עקספּאַנסיע און קונסט־אויסדרוק האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלער „נוסעך ווילנע". דער דאָזיקער „שטייגער ווילנע" האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט אינטעלעקטועלער פּאַרטייִשקייט, אומבויגיקער פּרינציפּיעלקייט, שאַרפער עמאָציע, לייכט־איראָנישן סקעפּטיציזם, קאַלטן שאַרפזין און סינטעטישער האַסאָגע.

די ליטוואַקישע קאַלטקייט און טרוקנקייט איז בלויז געווען אַ דרויסנדיקער לעוואַש, אונטער וועלכן עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אין אַניוועסדיקער שאָטנדיקער באַשיידנקייט, אַ טיף־יידישע היץ און אַ צאַרטע שפּירעוודיקייט. די נאַציזשע בעסטיע האָט עס געוואוסט און אַרויסגעפּילט. אין געהיימען געזעצבוך פון די ס. ס. איז געווען אַ פּונקט, וואָס סוצקעווער האָט ציטירט און וואָס איז דער שענסטער אַטעסטאַט פאַר ווילנע. דאָרט זאָגט זיך: „דער ווילנער ייד איז דער געפערלעכסטער אויף דער וועלט. אויב עס וועלן איבערבלייבן אין ווילנע כאָטש אַ צען יידן, וועט עס הייסן, אַז מיר האָבן אונדזערס נישט דערגרייכט".

פון זינט דאָס יידישע לעבן אין מיזרעך־אייראָפּע האָט אָנגענומען אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, איז ווילנע שטענדיק געווען זיין נעוראַלגישער צענטער, זיין קנופּפּונקט און זיין אויטאָריטאַטיווער וועגווייזער. אָנהייבנדיק מיט די מיטלאַלטערלעכע ראַבאָנים און ראָשע־יעשיוועס, פאָרזעצנדיק מיטן ווילנער גאָען, מיט די רענעסאַנס־באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, מיט דער אַנטשטייאונג פון „בונד", מיטן אויפקום פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, מיט דער גרינדונג פון מאָדערנעם, אינטעגראַל־יידישן שולוועזן, מיט דער פאַרפעסטיקונג און קאָדיפיצירונג פון דער יידישער וויסנשאַפט (נישט נאָר פילאָלאָגיש־היסטאָרישער אין ייוואָ, נאָר אויך פּרעציז־נאַטור־וויסנשאַפטלעכער), און ענדיקנדיק מיט דער קינסטלער־גרופּע „יונג־ווילנע", מיט דער „ווילנער טרופּע" און מיט דער יידישער קאַטעדרע אַפן סאָוועטישן ווילנער אוניווערזיטעט, ציט זיך דורך, דורך די דאָזיקע אַלע עטאַפּן, ווי דער ביבלישער רויטער פאָדעם, דער וויברירנדיקער גייסט פון אונדזער פאָלק, די אומצעשטערלעכע וויטאַליטעט זיינע, דער בערגסאָנישער „עלאַן וויטאַל" (לעבנס־אימפּעט), אין אַ ראַציאָנאַלגעלייטערטער פאָרם.

פון די טיף־מיטלאַלטערלעכע צייטן אָן איז ווילנע געקרוינט גע־

וואָרן פון דער יידישער וועלט מיטן ערן-נאָמען „ירושלים ד׳ליטע“. קיין איין שטאָט אָדער גייסטיקער צענטער אין אונדזער אויסערפּאַלעסטינישער צוויייטויזנטיאָריקער געשיכטע, איינשליסנדיק די צייטן פון דער אַזוי גערופענער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע, האָט נישט געהאַט די זכיה צו טראָגן דעם נאָמען פון אונדזער געוועזענער הויפּטשטאָט. ווילנע האָט באַדייט דאָס נייע, געפונענע, לעבעדיק-צאַפּלדיקע ירושלאַים, ניט אַזוי אין קעגנזאַץ, ווי אין קאָמפּענסאַציע פאַר דער פאַרלוירענער.

אין דער מאָס ווי דאָס יידישע לעבן האָט זיך מאָדערניזירט און געוואָרן אויסגעקריסטאַליזירט סאָציאַל-עקאָנאָמיש, איז דער פריינטלעכער שטרייט צווישן ביידע ירושאָלאַימס געוואָרן פאַרשאַרפט, און די פּיקבעסדיקע, אַלט-טראַדיציאָנעלע ווילנע האָט זיך אַלץ מער און מער גענומען נויגן צו דעם יינגסטן און אייגנטלעך טיף-יידישן וועלטבאַנעם, וואָס זוכט אונדזער נאַציאָנאַלע רעהאַביליטאַציע אין די ראַמען פון אַ סאָציאַל-אויסגעלייזטער וועלט, וועלכע איז די איינציקע, וואָס קאָן אונדז געבן מיטן גאַנצן האַרצן אַ טעריטאָריאַלן, עקסטעריטאָריאַלן אָדער אויטאָנאָמען מעלוכע-טיטל.

III

די גראַוויטאַציע און ערשטקלאַסיקע פּראָמינענטקייט פון ווילנע אין דער יידישער וועלט איז נישט קיין צופעליקייט, נישט קיין „אויסדערוויילטקייט פון גורל“ און זיכער נישט קיין קאָנסעקווענץ פון ספּעציעלער „ראָסן-העכערקייט“ פון אירע יידן. ווילנער יידן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין אַדלשיכט פון יידישן פאָלק, זיי זיינען נישט דאָס אויבערשטע פון שטויסל, זיי זיינען נישט קיין ציִמעס-יידן. ביאָלאָגיש און אַנטראָפּאָלאָגיש זיינען זיי די זעלבע יידן וואָס די פּוילישע, גאַליציאַנער, בעסאַראַבער און אוקראַינער. זייער גרעסערע גייסט-אַנלאָדונג און קולטור-אויסשטראַלונג איז נישט קיין מיסטעריעזע רעטעניש, נאָר האָט ווי יעטווידע ערדישע דערשיינונג געוויסע סיבעס וואָס זיינען, אין דעם פאַל, געאָגראַפיש-עקאָנאָמישע, דאָס הייסט זייער און זייער פּראָזאַישע.

ווילנע איז צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע און דעמאָגראַפישן צונויפשטעל געווען דער קרייצפּונקט פון אַ סאַך קולטורן. די פּוילישע,

ליטווישע און רוסישע קולטורן האָבן זיך דאָרט געטראָפן און געקריגט, און עס האָבן זיך אויך נאָכגעבאָמבלט ווייסרוסישע, טאָטערישע, באַלטיש־דייטשע און קורלענדיש־לעטישע קולטור־עלעמענטן. די ערשטע דריי קולטורן, האַגאַם סלאַווישע און קריסטלעכע, האָבן זיך, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, געפונען אין אַ שטענדיקן אַנטאַגאָניזם, באַשולדיקנדיק איינע די אַנדערע אין אומלאָיאַלער אַריינדרינגערישקייט און פאַרכאַפּערישקייט. די צאַריש־רוסישע קולטור האָט געטראָגן אַן אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער, די פּוילישע — אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַלן און די ליטווישע אַ נאַציאָנאַל־באַפרייערישן.

בענעגייע דער יידישער קולטור האָבן די דריי זיך באַקעמפנדיקע קולטורן נייטראַליזירט און נישט געקאָנט זי באַקעמפן און באַאיינפלוסן, ווי אין אַנדערע ערטער. פון די דריי נישט־יידישע קולטורן, זיינען שטענדיק צוויי געווען אין קאַמף מיט דער, וואָס האָט דאָמינירט צוליב איר פּאָליטישער מאַכט. די פּאָליטיש־הערשנדיקע, צייטווייליק־דאָמינירנדיקע קולטור פלעגט, אין גיכן נאָך אויסשליסלעכע רעכט, האָבן אינטערעס צו באַקעמפן דער איקער די צוויי נישט־יידישע קולטורן, צוליב דער פּאָליטישער סאַקאָנע, וואָס האָט געשטעקט אין זיי, און פלעגט ווייניק אַכט ליגן אַף דער אומשעדלעך־פרידלעכער יידישער קולטור. אין קאַמף קעגן דער הערשעריש־באַצווינגנדיקער קולטור, פלעגן די צוויי נישט־יידישע קולטורן זוכן אַליאירטע און אָננעמען ווי אַזאַ די יידישע קולטור, געבנדיק איר די קאַטעגאָריע פון פאַרהעלטענישמעסיקער פולבאַרעכטיקייט און אָנערקענענדיק איר נאַציאָנאַלע ווערדע. די יידישע קולטור, נישט שטייענדיק אונטערן איינפלוס פון איין גרויסער, דאָמינירנדיקער, סאָוועריגנער קולטור־סוויווע, האָט זי זיך לייכט געקאָנט באַשיצן קעגן דרויסנדיקע איינפלוסן און ווילדפלייסיקע אַנוואוקסן. זי האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, עמאַנציפּירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערטן גלייכווערטיקן קולטור־עלעמענט, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער שוואַכסטער, צוליב זיין עקסטעריטאָריאַלקייט און אויספעלן פון פּאָליטישע פּערספּעקטיוון.

צוליבן דרויסנדיקן קולטורקאַמף האָט, בעכיין, די יידישע קולטור, אַנשטאָט צו זיין אַן אָביעקט פאַר איינפלוסן, געוואָרן אַ צאַד פאַר זיך און קולטיווירט אירע אייגנטימלעכקייטן, קאָנסערווירנדיק איר אייגענעם פּאָנים און איר שאַרף־יידישן פּראָפיל. אינעם געמיש פון קולטורן, האָט

די יידישע קולטור אין ווילנע, וואָס איר היסטאָריש־טראַדיציאָנעלער באַגאַזש איז געווען לעבאַל האַפּאָכעס אַזוי וואָגיק ווי דער פון די עקזיסטירנדיקע קולטורן, געהאַט די מעגלעכקייט צו בלייבן עכט־יידיש, אָפּצוהיטן איר אָריגינעלקייט, אָפּצוצייכענען אירע נאַציאָנאַלע קאָנטורן און שטאַרקן איר ווידערשטאַנד־פעיקייט.

נאָכן יאָר 1914, האָט זיך די פּאָזיציע פון דער יידישער קולטור נאָך מער פאַרשטאַרקט, צוליבן אומאויפהערלעכן בייט פון דער סואווערעניטעט פון ווילנער קאַנט. פון 1914 ביז 1944 האָט ווילנע 12 מאָל געביטן איר מעלוכע־אָנגעהעריקייט און מיט יעדן נייעם רעזשים, פלעגן זיך בייטן די מעלוכע־שפּראַך און די פּאָליטישע קולטור־איינשטעלונגען פון די פרישע רעגירער. די רעאַקציע, וואָס די דאָזיקע דערשיינונג פלעגט אַרויסרופן אין דער יידישער געזעלשאַפט, איז געווען: האַלטן זיך נאָך מער טריי אָן דער אייגענער שפּראַך און נישט מיטפּאָרן אַפן קאַרוסעל פון שפּראַכן און קולטורן. אין דער צייט ווען ווילנער געגנט האָט געביטן אַלע וויילע אירע פּאָליטישע פעדערן און איר נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט, האָט יערושאָלאַים ד׳ליטע איראָניש צוגעשמייכלט מיט טויזנטיאָריקן סקעפּטיציזם און געשטעלט אַלץ העכער און העכער אירע אייגענע ווערטן.

דער כאַראַקטער פון דער ווילנער יידישקייט איז אויך באַווירקט געוואָרן פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ווילנע איז די הויפּטשטאָט פון אַן אָרעמען צאָפנדיקן קאַנט, פון דער זאַמדיק־שטיינערנער, גריקענער און קאָרענער ליטע, וואָס ווייס נישט פון קיין ווייץ און פון קיין פעטע רינדער. עס האָט זיך נישט געשאַפן קיין ברייטער בורזשואַזער טאַקיפים־קלאַס, נאָר אַ מיטלבירגערלעכער פּאָלקסשיכט פון קליינע קרעמער און באַלמעלאָכעס און שפּעטערצו אַ באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט.

דער ווילנער דאָרף האָט נישט געוואוסט פון פּריצישער הערשאַפט; דאָס לאַנד איז אין קליינע כאַלאָקימלעך געווען פאַרצעלירט צווישן אָרעמען פויערטום, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די עקאָנאָמישע באַזע פון ווילנער יידנטום. די דאָזיקע אומשטענדן האָבן אויסגעמיטן, אַז דער ווילנער יידישער כאַראַקטער זאָל האָבן אין זיך סימאָנים פון האַכנאָע צום פּריציש־פּוילישן קנוט אָדער דערשראָקענע נאָכגיביקייט. פאַרקערט, עס האָט שטענדיק עקזיסטירט אַ שטאָלצע זעלבסטזיכערקייט און אַ ברידערלעכער סאָלידאַריטעט־געפיל מיטן ווייטיקנדיקן ליטוויש־ווייסרוסישן היג־

טערלאַנד, וואָס האָט געצאַנקט אין עקאָנאָמישער און קולטורעלער נויט. אויך דאָס יידישע לעבן איז אָפּגעגאַנגען אין נויט, מיט „הערינג און בולבע" און האָט צוגעגעבן דעם גייסטיקן לעבן אַ ספּעציעלע ניכטערקייט, שפּירעוודיקייט און דורכדרינגלעכקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם „טרוקענעם ליטוואַק". אַוראָם רייזענס פּאָעטישע טעמאַטיק איז אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דאָזיקן פיזיש־אָרעמען אָבער גייסטיק־געלייטערטן לעבן פון ווילנער ליטע.

IV

די יידישע ווילנע איז געווען יידיש דורך און דורך, אין אַלע אירע דימענסיעס און גייסטיקע פּליינען. זי איז געווען אַלזייטיק יידיש, נישט נאָר אין אירע קולטורעלע מאַניפעסטאַציעס, נאָר אויך אין טאָג־טעגלעכן, עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און פאַמיליערן אויסלעבן זיך. און ווייל די פּוילישע מאַכט האָט געפּרואווט מיט גוואַלד פאַרמינערן דאָס עכט־יידישע אין ווילנע, האָט דער קולט פון אומאויפהערלעכער יידישקייט באַהערשט די אידעעס, שטימונגען און שטרעבונגען פון דער יוגנט.

די דאָזיקע יידישקייט איז געווען אַן אויטענטישע און אַן אינטעגראַלע, ניט יענע „אינטעגראַלע יידישקייט", וואָס מען האַלט איצט אין פרייַדיקן און וואָס איז נישט מער ווי סטיליזירטע יידישקייט, דרויסנדיקע שאַבלאָן־יידישקייט, אַזוי צו זאָגן. דאָס וואָס עס האָט זיך אָנגעזען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ווילנער יידישקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די טיפענישן, אין די אָקעאַנישע טיפענישן פון יענער הונדערטפּראָצענטיקער יידישקייט, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין איר אייגענער גאַנצקייט און וואָס אירע דרויסנדיקע פאָרמען זיינען געווען אַן אויסערלעכער עטאַפּ פון אַ רייכן 10-עטאַפּיקן אינהאַלט, פון אַן אָנגעפּאַקטן נאַציאָנאַלן אינעווייניק.

אונטער קיין שום פאָרעם איז אין ווילנע נישט אריינגעדרונגען די עקלהאַפטע אסימילאַציע, וואָס האָט איבערגעלאָזן אירע זשאַווער־סימאָנים אין אַלע עקן פוילן. פאַרקערט, אין ווילנע האָט זיך געמערקט אַן אינטעדעסאַנטע קעגן־דערשיינונג, וואָס מען קאָן אָנרופן „קאַפּויערדיקע אסימילאַציע" און וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פריערדיקע רוסיש־

אסימילירטע יידישע אינטעליגענץ איז אריבער צוריק אף יידיש, זי האט זיך, אזוי צו זאגן, „איבעראסימילירט".

אנהייבנדיק מיטן שיקיינגל און ענדיקנדיק מיטן דאקטער און אינזשעניער האבן קימאט אלע ארויסגעבראכט זייער טאגטעגלעכקייט און זייער יאנטעוו אף יידיש. ווילנע האט געארבעט, געלעבט, געפרייט זיך, גע־לערנט, געשפאסט, געוויטיקט, פילאזאפירט, געזידלט זיך און געזינדיקט אף יידיש.

אין ווילנע האט מען זיך נישט געקאנט פארשטעלן ווי אזוי עס קענען עקזיסטירן אזוינע יידישע באשעפענישן ווי פאליאקן פון מוישע ראביינוס גלויבן און ווי אזוי געוויסע יונגע דאקטוירימלעך פון גאליציע קאנען מאכן, אפן וועג פון זייער קאריערע, אזויפיל קונציקע אפנויגן, קעדיי צו באהאלטן זייער יידישן אפשטאם. מען האט נישט געקענט זיך פארשטעלן ווי אזוי די פוילישע כסידים, וואס פארן צום גערער רעבן, דערציען זייערע טעכטער אויסשליסלעך אף פויליש, בישאס די פראמינענטסטע ווילנער דאמעס ריידן זיך דורך, פריוואט און עפנטלעך, אף א זאפטיקן יידיש, וועגן אלץ אין דער וועלט. אין גאנצן ווילנער יידנטום, אן אונטערשייד פון סאציאלן אפשטאם אדער גראד געבילדעטקייט, האט געלעבט, ווי א נאטירלעכע זאך, דער דאזיקער יידיש־באוואוסטזיין, די דאזיקע נויטיקייט פון אינטעגראלער טאג־טעגלעכער יידישקייט, דער דאזיקער ערשטער פונקט פון יידישער נאציאנאלער היגיענע: האבן א ריינעם, אייגענעם פאנים, אן פוילישע, ליטווישע אדער רוסישע ביין־פינטעלעך.

כאטש דאס דאזיקע טריי זיין זיך אליין איז נישט געווען קיין שפראך־פראגע, נאר אן אויסדרוק פון באוואוסטזיניקער טיף־ארגאנישער נויטווענדיקייט, האט זיך דאך געפונען אן עקזאלטירטע גרופע, וואס האט געשאפן דעם מיליטאנטישן יידישיזם, אן אן אידעאלאגישן הינטערגרונט פון סאציאלן כאראקטער, אבער מיטן ציל צו פלעגן און פארהערלעכן אונדזער לעבעדיקע פאלקסשפראך אין וועלט־מאסשטאב און דערגרייכן, אז זי זאל צעמענטירן אונדזער פאלק אין אלע וועלט־ווינקעלעך. די דאזיקע באוועגונג איז געשאפן געווארן פון בירגערלעכע עלעמענטן, וואס האבן נישט פארשטאנען, אז סטאם־יידישיזם איז אן אפגעריסענע זאך, אז קולטור־יידישיזם פאר זיך מוז, בא זיין גאנצן אידעאליזם, בלייבן אבסטראקט און פרוכטלאז אין נאציאנאלן און סאציאלן זינען.

V

דאָס ווילנער יידישע לעבן האָט אויך אַרויסגעבראַכט זיינע אייגנ־טימלעכקייטן אַף דער דרויסנדיקער גרויסשטאָטישער און קליינשטאָטישער גאַס, נישט מיט איבערגעטריבענעם שטאָלץ, נישט מיט קראַנקהאַפטן עקסהיביציאָניזם, נאָר מיט נאַטירלעכער קאָנסעקווענטקייט.

אַז מען איז געגאַנגען אַף ווילנער גאַסן, פלעגט מען זיך באַגעגענען, אָן אויפהער, מיט יידישע אויסיעס, וואָס פלעגן אַראָפּקוקן פריילעך פון אַלע מויערן. אַ יידישער קרעמער האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז דער שילד, וואָס ער הענגט אַרויס אַף זיין קליין קרעמל אָדער גרויסן הורטגעשעפט, זאָל אויך זיין געמאָלט און געשריבן אין יידיש. די עפּל־פאַרקויפערנס און מאַרק־זיצערנס פלעגן אויסשרייען זייער סכוירע מיט אַ סאַך פאָלקלאָרישן כיין; די פיש־פאַרקויפער, אָנהייבנדיק מיט די רייכערע, וואָס האַנדלען מיט העכט, קאַרפּן, שלייען און אָקונעס און ענדיקנדיק מיט די אָרעמערע, וואָס פאַרקויפן שטינקעס (קליינע פישלעך), סעלעווקעס (סאַרדינען־פיש־לעך) און פלאָץ (פלאָטקעס), פלעגן אויסשיטן אַף די ווילנער פישמערק אַ זעלטענעם יידישן פיש־פאָלקלאָר, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַסער־פלאַנצן, מיט זון און מיט די פראַכטפולע ווילנער אָזיערעס. אַפילו ווילנער גאַנאָווים און מאַרעוויכערס האָבן געהאַט זייער פראָפעסיאָנעלן שאַרפזי־ניקן זשאַרגאָן אין יידיש. איך האָב, לעמאָשל, געהערט אין אַ ווילנער שענק ווי אַ מאַרעוויכער האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין כאַווער: „אויב דו הערסט נישט אויף צו גיסן אין לאָמפּ, צעקנייטש איך דיר דעם ציפערבלאַט”, וואָס דאָס הייסט: „אויב דו הערסט נישט אויף צו שיקערן, צעפּאַטש איך דיר דעם פּאָנים”.

אַף די ווילנער גאַסן און ספּעציעל אין די שטעטלעך אַרום ווילנע, פלעגט קלינגען די יידישע שפּראַך מיט איר גאַנצער אומגעצוימטקייט און פיבערדיקייט, און פלעגט אַריבערשרייען אַלע סלאַווישע דיאַלעקטן, אָן קיין שום ציטער פון מינדערווערטיקייט און מיט דער גאַנצער באַקוועמלעכקייט פון דער אייגענער היים.

VI

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס יידישע לעבן, וואָס איז געווען עכט־יידיש און וועלטלעך אין שטוב און אין גאַס, און געהאַט זיין איי־גענעם שפּראַך־אינסטרומענט, האָט, ווי די ערשטע דערשיינונג פֿון זיין לעבנספֿעיקייט, געדאַרפֿט שאַפֿן אַן אייגענעם שולוועזן.

נישט געקוקט אַף די רעדיפֿעס אַף דער יידישער שול און דאָס אָפּ־נעמען יעדע עפֿנטלעך־רעכטלעכע קראַפֿט באַם יידישן דיפּלאָם, האָט געהערשט אַ מין קידוש־השם־שטימונג פֿאַרן יידישן שולוועזן, וואָס זיין עקזיסטענץ איז געווען אַזוי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך ווי דער אַמאָ־ליקער כיידער פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע דוירעס. אויסער דער געדיכטער נעץ פֿון יידישע פֿאָלקסשולן, איז מיט דער הילף פֿון פֿאָלקס־ענטוזיאַזם, אויפֿ־געקומען אַ מיטעלער שולוועזן, — דער אייזיציקער אין זיין מין אין פּוילן און אַף דער גאַנצער וועלט.

אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן איז די יידישע ליטעראַטור, שפּראַך און געשיכטע, וואָס זיינען געווען די גרונט־לימודים, געוואָרן אַנאַטאָמיש צעגלידערט און געשטודירט מיט מאָדערנע מעטאָדן און עס איז געגעבן געוואָרן די שילער אַ דורכגעזיפּטע טיף־יידישע צוגרייטונג. די וואָס זיי־נען אַרויס פֿון די דאָזיקע שולן, האָבן זיך געפֿילט ווי ריטער, ווי קויהאַ־נים פֿון וועלטלעכער יידישקייט, ווען עמעצן געווען, דאָס יידישע און מענטשלעכע, איז געוואָרן צונויפֿגעגאָסן אין איין פּערפֿעקטן סינטעטישן גוס, אָן ספּייקעדיקע בלויזן און אָן וואַקלענישן.

אַפֿן טעאַטער־געביט איז אַנטשטאַנען די וועלט־באַרימטע „ווילנער טרופּע", וואָס האָט געגעבן וועלט־בירגערשאַפֿט דער יידישער דראַמאַ־טורגיע און בינעקונסט, און איז געוואָרן אַ שול און אַ שלאָגוואָרט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

דער הויכקוואַליטאַטיווער ווילנער צושטייער צו דער יונגער מאָ־דערנער ליטעראַטור האָט, אין אָנפֿאַנג, געפֿונען זיין פֿאַרקערפּערונג אין מוישע קולבאַקן, וועמענס לירישע ווילנע־פּייזאַזשן און ברייט־עפּישע שילדערונגען פֿון די דאָרפֿישע פֿישעריונגען באַ די בלאָע אָזיערעס און גרינע טייכן פֿון דער מאָלערישער ווילנער געגנט (ספּעציעל אין דער פּאָעמע „רייסן"), האָבן אָנגעפֿילט די יידישע ליטעראַטור מיטן רייעך

פון סאסנעס, רויערד און שווארצן ברוים. אין דער לעצטער צייט איז אנטשטאנען די גרופע „יונג־ווילנע", מיט א. וואגלער און כ. גראדע אין דער שפיץ, וואס האט פאקטיש דאמינירט די יונגע יידישע דיכטונג אין פוילן. וואגלער האט אויפגערודערט מיט זיין אנטראפאמארפיזירן, פאר־מענטשלעכן די נאטור און מיטן סובטעלן אויסוויייטיקן זיין יעסוימישן גורל; גראדע האט איבערראשט מיט זיינע געוואגטע סאציאלע מאטיוון און מיט זיין שפראך־ווירטואזישקייט.

וואס שייך דעם ווילנער יידיש, איז ער פאנעטיש, לעקסיקאלאגיש און אידיאמאטיש דער אפגעהיטסטער פון זייטיקע איינפלוסן, דער קלא־סישסטער פון אלע אנדערע יידישע דיאלעקטן, האגאם עפשער נישט דער קלאנגפולסטער. מיט א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, וואס שליסט אויס בעלוקעדייעס, איז דער ווילנער דיאלעקט געווארן פאקטיש דער אפיציע־לער ליטעראטור־יידיש אף דער גאנצער וועלט.

און אז די יידישע ליטעראטור איז ווי די איינציקע עקסטעריטא־ריעלע איינהייט, אנגענומען געווארן, ווי א גלייכבארעכטיקטער מיטגליד אין אינטערנאציאנאלן פארבאנד פון די פען־קלובן, איז זי אין לאנדאנער וועלט־רעגיסטער פארצייכנט געווארן אף אזא מין אויפן:

טעריטאריע — יידיש.

הויפטשטאט — ווילנע.

VII

אין דער מאס ווי דער פוילישער פאשיזם איז, אין זיינע לעצטע פארבלענדעטע יארן, געווארן בלוטדורשטיקער און פארכאפערישער, האט ער אונטערגענומען אן אלגעמיינעם אנגריף אף דער ווילנער יידישער קולטור, וועלכע איז, לויט אים, געווען די טרעגערן פון רויטע באצילן.

די פאליציי האט פארטיליקט ביבליאטעקן, צעראבירט שולן, פאר־שיקט אין קאנצענטראציע־לאגער אין קארטוז־בערעזע, דערמארדעט אפי־לע א יונגן יידישן ליטעראטור־קריטיקער, אבער ווילנע האט זיך בלויז איינגעבויגן און נישט איינגעבראכן געווארן. שטילערהייט האט אנגעריסן די סינע אין די יונגע יידישע הערצער צו די פוילישע הינטשלעגער אין

פּאָליציייִאישע און סטודענטישע היטלען, וואָס זיינען מיט 20 יאָר צוריק אַליין געווען צעטראָטענע ווערים.

ווען דער פּוילישער פאַשיזם האָט קראַפּירט אין האַרבסט 1939 אונטער די רעדערקייטן פון די סאָוועטישע טאַנקן, איז די יידישע פרייד שטראָמענווייז געפלאָסן אין ווילנע. די שמאָלע, אָריענטאַליש־אויסגעדרייטע געסלעך, מיט די איבערגעבליבענע סימאָנים פון זייערע מיטל־אַלטערלעכע געטאָ־מויערן, מיט זייער באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק, האָבן געטאַנצט אַ פריילעכס און האָבן אויסגעקנאַקט זייערע אַלטע קנאָכנס. די פאָרשטעטע האָבן געיויוולט און סאָכרים פון דער רייכער דייטשער גאַס האָבן ספּאָנטאַן געטראָגן און איבערגעגעבן די שליסלען פון זייערע קראָמען דער סאָוועטן־מאַכט.

די יידישע ווילנע איז געוואָרן אָפיציעל יידיש און האָט געיידישט טאָג און נאַכט. דאָס זאַפטיקע יידישע לעבן אין ווילנע האָט געקראָגן זיין מעלוכישן, סאָציאַליסטישן טיקן און אין אַלטן קאַטוילישן אוניווערזיטעט, פון וואַנען יידישע סטודענטן פלעגן אַרויסגעוואָרפן ווערן, באַשפּיגענע און צעהאַרגעטע, איז פייערלעך געעפנט געוואָרן אַ יידישער פאַקולטעט, מיט ד״ר נויעך פּרילוצקי אַלס דעקאַן.

דעם לעצטן גרוס וואָס מיר האָבן געהאַט פון דער סאָוועטישער יערושאָלאים ד׳ליטע, אַ פּאָר טעג נאָכן היטלער־אָנפאַל אַפן ראַטנפאַרבאַנד, איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער, עכט־ווילנער רוף פון די דאָרטיקע ראַבאָנים, צו שטעלן זיך הינטער דעם פירער פון ראַטנלאַנד, אין קאַמף קעגן נאַציש אַריינדרינגער, קעגן היטלעריסטישן שערעץ.

IX

ווילנע איז נישט נאָר טייער די יידן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר איז אויך דאָס הייליקטום פון פּוילישן און ליטווישן פאָלק. אין ווילנע האָבן זיך געקרייצט סיי פרידלעך, סיי קריגעריש, די היסטאָרישע גויראָלעס פון די דאָזיקע צוויי פעלקער, און אין ווילנע האָט זיך געזוניקט זייער גייסט, אָבער מער פון אַלץ איז ווילנע א ו נ ד ז ע ר ו ו י ל נ ע, די אויסגעפייניקטע יערושאָלאים ד׳ליטע. אָנהייבנדיק פון דער באַרימטער עטלעכע־הונדערטיאָריקער יעשיווע „ראַמײַלעס קלויז” און

ענדיקנדיק מיט דער רעאל־גימנאזיע און מיטן יידישן פאקולטעט, זיינען אין דער דאזיקער שטאט דיסטילירט געווארן אונדזערע ריינסטע גייסטיקע ווערטן. צווישן איין וועלט־מילכאמע און דער צווייטער איז דארט אויסגעוואקסן, שלאנק און גוואורעדיק, אונדזער וועלטלעכע יידישקייט, וואס האט מיט איר שטראלן־געפלעכט דערגרייכט צו אלע גייסטיקע ווינקעלעך פון אונדזער פארוואגלטקייט און פארווארפנקייט.

דריי יאר האט די נירנבערגער האק און די מינכענער פירפיסיקע רעציכע געצאפט דאס יידישע בלוט פון אונדזער קרוינשטאט, ביז עס האבן ארויסגעטויכט פון די גרינע טיפענישן פון די ליטווישע וועלדער די רויטע טאנקן, און אף די דאזיקע טאנקן זיינען געריטן די ווילנער בראנזענע יונגען און די דעמבענע פארטיזאנער, די עזרעס און נעכעמיעס פון יערושאלאים ד׳ליטע, די כאלאפים־טרעגער פון אונדזער פאלקס-נעקאמע, די בלוטמאנער און די טויט־אויסטיילער.

ליטע און ווילנע, איינגעריבענע אין די זאלבן פון נעקאמע, זיינען אויפגעשטאנען צו א נייעם ראטנפארבאנדישן לעבן. די ווילנער אלט־יידישע זאפטן וועלן ביסלעכווייז פארלירן זייער טרעריקע געזאלצנקייט און זייער ביטערלעכן ביי־טאם, און יערושאלאים ד׳ליטע וועט זיך אויסגלייכן אין איר גאנצער יידישער און ראטנפארבאנדישער גרייס.

פּאַריז

I

צי וועט אַ פויגל זיך דערשרעקן, אַז מען וועט אים אַראָפּוואַרפן פון צענטן שטאָק, אָדער אַ פיש, — אַז מען וועט אים דערטרינקען, אָדער אַן ערדוואָרעם, — אַז מען וועט אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט?

די הערמעטיש־פאַרפאַנצערטע נאַצי־טעמפּקייט האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז וועלן צעשמעטערן פראַנקרייכס גייסט איז פונקט דאָס זעלבע ווי אַראָפּוואַרפן אַ פויגל פון צענטן שטאָק אָדער דערטרינקען אַ פיש, אָדער באַגראָבן אַן ערדוואָרעם. איבער פיר יאָר האָט זי געהאַלטן אין איין דערטרינקען דעם פיש און ערשט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אַליין געגומען טרינקען, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אַ פיש קען מען ניט דערטרינקען.

איבער פיר יאָר האָט פּאַריז געלעבט ווי אַן ערדוואָרעם אין אונטער־ערד, אינעם פינצטערן געפלעכט פון קאַטאַקומבעס און היילן, אין פאַרפּלאָנטערטן קאַנאַלן-געדריי פון אירע אייגענע געדערים, און אין דער זעלבער רעגע, ווען עס האָט געגומען פּלאַקערן די בלוטיקע ערד אונטער די נאַצישע פּיאַטעס, האָט דאָס פּאַריזער פאָלק אַרויסגעשפּראָצט פון די ערד־טיפענישן. אַרויסגעשפּראָצט, נישט ווי פרילינגדיק גראָז, נאָר ווי בריענדיקע קראָפּעווע און ווי שטעכעדיקע דערנער.

פראַנקרייכס קאָוועד, וואָס איז אַראָפּגעשמיסן געוואָרן פון שפּיץ אייפל־טורעם אַף צו צעטראָטן ווערן אַף אייביק דורכן גאַנדזנטראָט פון די נאַצישע שטיוואַליעס, איז נישט אַראָפּגעפאַלן אַפן ברוק, נאָר האָט

זיך אויפגעהויבן העכער פון אייפל־טורעם און אוועקגעשוועבט ווי אַ טויב, וואָס נאָך אַן אומקרייז פון פיר יאָר, האָט זי זיך אומגעקערט, נישט מיט אַן איילבערט־צווייגל אין שנאָבל, נאָר מיט אַ בלאַנקן כאַלעף, מיט אָד־לער־נעגל, מיט מעטראַליע־געזאַנג און מיט שטאָלענע פעדערן.

אַזוי האָט זיך אומגעקערט פראַנקרייך און אַזוי האָט אַרויסגעטויכט פון אונטער דער ערד פאַריז.

די נאַצישע האָרדע האָט שוין אַפילו מער נישט געקענט פאַלן מיט קיין זעלנערשן טויט, אַ טויט וואָס קומט שטענדיק פון פאָרנט. זי איז געפאַלן מיט אַ קויל אין רוקן, אין געזעם, אין די פּיאַטעס. פאַריז האָט שוין מער נישט געקענט זען די מיט בלוט אָנגעזויפענע, גערמאַנישע ביר־מאָרדעס, ווייל אומעטום האָט געשווינדלט פאַר די אויגן איין־איינציק בילד: אַנטרינענדיקע נאַצי־רוקנס. די פאַרשטויבטע פאַנצער־דיוויזיעס זיינען עלאַסטיש־אינטואיטיוו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הינטן־דיוויזיעס, קעדיי מיט דער דאָזיקער לעצטער הינטן־וואַנט צו באַשיצן דעם קאָוועד פון האַקנקרייץ.

די געציילטע נאַצים, וואָס זיינען דערלאָפן אַהיים, האָבן רעזומירט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדסקינדער די פינפיעריקע קריגס־דערפאַרונג זייערע, מיט אַ קורצער סענטענץ:

—אַ פיש איז אוממעגלעך צו דערטרינקען, אָבער אַ שוויין — יאָ.

און אַז זיי האָבן זיך עטוואָס אויסגעטשוכעט, איז די דאָזיקע סענ־טענץ אַרויסבאַקומען באַ זיי אַביסעלע ברייטער:

— אַ פיש קען מען נישט דערטרינקען, אַפילו ווען מען דערטרינקט אים, אָבער אַ שוויין קאָן דערטרונקען ווערן, אַפילו ווען מען דערטרינקט אים נישט...

II

פאַריז!

אַז מיר ווילן זאָגן, אַז פאַריז איז נישט נאָר אַ שטאָט, נאָר אויך אַ לאָזונג, אַ דעוויז, אַ קריגסגעשריי, וועט עס זיין ריכטיק, אָבער נישט גע־נוג. פאַריז איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז גלייכווערטיק צו דער מאָראַלי־שער גאָלדדעקונג פון דער מענטשלעכער ווערדע, צו דער גאַראַנטיע פון

אינהאַלטספולער לעבנספרייד, צום וועלט־רעזערוואואַר פון דער פרייהייט, וואָס איז אַזוי שווינדזיכטיק אומעטום און אַזוי רויטבלוטיק און ברייט־פלייציק אין פּאַריז.

פּונקט ווי אין פּאַריזער וויסנשאַפטלעכן מוזיי ווערט קאָנסערווירט דער פּראָטאָטיפּ פון קילאָ און פון מעטער, אַזוי, דוכט זיך אונדז, ווערט דאָרט אויך קאָנסערווירט דער קילאָ פון מענטשלעכן געוויסן און דער מעטער פון מענטשלעכן גייסט; און נישט סטאַם קאָנסערווירט ווי אַ שטוי־ביקע רעליקוויע פאַר מוזיימילבן, נאָר פּאַרטיידיקט ווי דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פאַרן אייגענעם קינד. אַזוי איז עס געווען אין סאַנקיולאָטישן פּאַ־ריז פון די יאַקאָבינער, אין רעוואָלוציאָנערן פּאַריז פון די קאָמונאַרן און אין פּאַרטיזאַנישן פּאַריז פון די מאַקיס, און אַפילע אין מינכעניסטישן פּאַריז פון די פּאַררעטער האָט דאָס אַנטוואָפנטע פּאַריזער פאָלק, אָן אויפהער, געשלאָגן די פינצטערע האָריזאָנטן מיט זיינע נאַקעטע כוואַ־ליעס.

דערפאַר טראָגט אַף זיך דאָס וואָרט פּאַריז אַן עלעקטרישע לאָדונג, וואָס איר הויכע שפּאַנונג פּאַראַליזירט די רעאַקציאָנערע שטשורעס און גיסט אַן עמערס ליכט אין מיליאָנען אויגן. דערפאַר איז אַלעמענס געהער אָנגעפילט מיטן זיידענעם געפלאַטער פון די אַלטע פּאַריזער שלאַכטפענער און מיט די וויינפולע טענער פון דער מאַרסעליעזע.

אַז פּאַריז איז צוגעדעקט געוואָרן דורך דער געפּאַנצערטער פּוסט־קייט, דורך דער קרעטינישער נישטיקייט פון די קאַניבאַלן, האָט זי זיך נישט דערשראָקן. זי האָט קוים אַ פינטל געטאָן מיט אַ ווינקל אויג און האָט, ווי שטענדיק אין אַזוינע פאַלן, זיך אונטערגעגראָבן טיף אונטערן סוינע, וואָס האָט זיך אַף איר אַרויפגעוואַלגערט מיט זיין גאַנצן מעכאַ־ניזירטן געשפּאַן און מיט זיין גאַנצער אָנטרייבערישער כוצפּע. דאָס פּאַ־ריזער פאָלק האָט געליטן, כויזעקנדיק. דאָס צעווייטיקטע פּאַריז האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאָטן פון דער אויסגעדרעסירטער בעסטיע, און אַז עס איז געקומען דער מאָמענט פון אויפהויבן זיך און אויסקנאַקן די ביינער, האָט דאָס דאָזיקע קנאַקן אָפּגעהילכט אין אַלע וועלט־ווינקעלעך, ווי דאָס קנאַקן פון אייזקריעס ערעוו פרילינג, ווי דאָס מעכאַיעדיקע קנאַקן פון ברענענדיקן בעריאָזע־האָלץ אין אַ גרויסן פראָסט.

דאָס דאָזיקע קנאַקן האָט אָפּגעהילכט מיט דער קראַפט פון דונער־

זעצן גראָד אין די לענדער, וואו די אונטערדריקונג איז גלאָריפיצירט גע־וואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע סיסטעם, ווי אַ „נייע אָרדענונג", וואו דער גלאַנ־ציקער שטיוול האָט געמיינט, אַז זיין אונטערגעקאָוועט קנאַפּל איז קלי־גער פאַרן גאַנצן פאָלק, וואו די פויסט האָט געדענקט און פילאָזאָפירט, ווייל דער מויער, לאָזט זיך אויס, איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַלטמאָ־דיש און אויווערבאָטל. דאָס וואונדערלעכע אויפהויבן זיך פון פאַריז האָט אָבער צעקלונגען אומעטום דעם אוראַלטן עמעס, וועלכן די ווינטן האָבן שנעל צעטראָגן אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, אַז:

דאָס באַרוועסע פאָלק איז שטאַרקער און קליגער פון פילאָזאָפירנ־דיקן שטיוול.

די פאַריזער בליצן האָבן צעטרענט אַלע כמארעס, זיי זיינען אָנגע־קומען מאַסנווייז, ווי אַ ליכטיקער היישעריק און זיי האָבן באַוויזן אַן אומגעוויינטלעכן ספּעקטאַקל: אַ סרייפע פון כמארעס, אַ סרייפע פון וועלט־פינצטערקייט.

דער ערשטער פאַריזער בליץ האָט געטראָפן אין איינעם פון די פינצטערסטע ווינקלען: דער רומענישער כווישעך האָט אָנגעהויבן צו ברע־נען, אָבער נישט אדאנק די פלאָעשטער נאַפטקוואַלן, נאָר אדאנק דעם רו־מענישן פאָלק. נישט נאַפט, נאָר פאָלקסבלוט איז דער טייערסטער און גע־פערלעכסטער ברען-מאַטעריאַל. פאָלקסבלוט איז קליגער פאַרן בלינדן נאַפט און ברענט מיט סייכל. דערפאַר האָבן די טיראַנען ליב נאַפט און פיינט פאָלקסבלוט, ווייל פאָלקסבלוט צירקולירט נישט געהאָרכיק אין די אָדערן, אַזוי ווי נאַפט אין די מאַטאָרן. עס האָבן אָבער גענומען אויסרי־נען די לעצטע טראָפּנס נאַפט, עס זיינען פוסט געוואָרן די נאַפטטאַנקן. פאַריז האָט באַשלאָסן אַז פון איצט און ווייטער וועט דעצידירן דער בלוט־טאַנק און דער בלוטטאַנק דאָס איז דער לעבעדיקער, פרייער מענטש.

עפּעס ענלעכס האָט דערוויזן פאַריז נאָך מיט 150 יאָר צוריק, אַז די שפּיציקע ברוקשטיינער פון אירע געסלעך און אין 1944 האָט זי עס נאָך אַמאָל דערוויזן אויפן פאַרוואונדעטן אַספאַלט פון אירע בולוואַרן.

III

קיינער האָט פּאַריז נישט באַפרייט, פּאַריז האָט זיך באַפרייט אַליין. אַליין אויסגערויכערט די געפּאַנצערטע וואַנצן פון אַלע פּאַריזער שפּאַלטן, אַליין אַריינגעפּלאַכטן די סענע אין דער באַפרייטער וואַסערנעץ פון דער ווייסל, פון דניעפּער פון דער וואָלגע, פון טיבער.

פּאַריז איז קיינעם נישט אַזויפיל שולדיק ווי דעם אייגענעם פּאַריזער פאָלק, ווי די אייגענע אויסגעצערטע קינדער, וואָס האָבן אַראָפּגעריסן פון איר האַרצן די שטאָלענע פּיאַווקעס און עקדישן, וואַמפּירן און פּיפּער־נאָטערס, אָנגעזויפּענע מיטן בעסטן פראַנצויזישן בלוט און מיטן פויגל־מילך פון דער פראַנצויזישער ערד. פּאַריז האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט איין טרייסל אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם גאַנצן הויכראַסיקן אומפלייט, און אין איין מאָמענט האָט אַ היציקע פּאַריז־שיקרעס אַרום־געכאַפּט די גאַנצע וועלט, ווייל פּאַריז האָט זיך אַ שטעל געטאָן שטאָלץ און ווערטיקאַל ווי קיינמאָל נישט און מיט צען קעפּ העכער ווי געווען.

אַסאַך שטעט אין מיזרעך, מיירעוו און דאַרעם זיינען באַפרייט גע־וואָרן פאַר פּאַריז, אָבער קיינמאָל איז די פריידיקע צערודערונג נישט גע־ווען אַזאַ צערודערנדיקע, אַפילו פאַר אונדזערע יידישע הערצער, ווי דאַן. אַז די רויטע אַרמיי האָט אָוועקגעשטעלט אַף די פיס דעם סקעלעט פון ווילנע, האָבן זיך אונדזערע שוואַרצאַפּלען געטרונקען אין טרערן און אַף אונדזערע וויעס איז געהאַנגען, ווי אַ טויגעפּריר, דער איינגעגעסע־נער פּיין, אָבער ווען פּאַריז האָט אַריינגעוואָרפן די נאַציס אין מיסט, האָט זיך אין די זעלבע אויגן אונדזערע אָנגעהויבן אַ געפּליעריי פון פונ־קען און יעדעס הערעלע פון אונדזערע וויעס האָט זיך אָנגעשפּיזט און געוואָלט שטעכן ווי אַ באַגנעט. מיר האָבן דערפילט אַ האַרצקלאַפּעניש, נישט נאָר אין ברוסטקאַסטן, נאָר אין אַלע גלידער און דאָס בלוט האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין די אָדערן.

אַזוי האָט געווירקט פּאַריז; אַן מאָרפיום און אַן קאָקאַין, נאָר מיטן בלויזן מענטשלעכן צויבער פון איר פאָלק, מיט דער בלוטיק־געשיכטלע־כער טראַדיציע פון איר יעדן ברוקשטיין און מיט דער פּאָשעטער לופט, וואָס איז פערפומירט מיטן סאַמע הערלעכסטן פון אַלע אירע פערפומען: מיט פרייהייט. פרייהייט, אַן דריידלעך און אַן באַוואָרעניש, אַן קונצן

און אָן אויסטייטשונגען, נאָר אַזוי ווי זי שטייט און גייט, נאַקעטערהייט, גאַנצערהייט: פ ר יי ה יי ט.

דאָס איז פּאַריז און דאָס איז פראַנקרייך. קיינער קען זי ניט אַראָפּוואַרפן פון צענטן שטאָק, ווייל גלייך פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ פויגל; קיינער וועט זי נישט באַגראָבן לעבעדיקערהייט, ווייל זי קען זיך אויך פאַרוואַנדלען אין אַן ערדוואָרעם און אַז עמיצער וועט זי וועלן דערטרינקען, ווייסט זי אויך ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פרעכטיקן פיש...

אונדזער בערלינער געלעכטער

Il y a quelque chose qui est plus beau que les belles choses —ce sont les ruines des belles choses.
Viollet Le Duc.

דער פראנצויזישער עסטעט וויאָלעי לע דיק האָט, אין אַ ווערק וועגן דער ארכיטעקטאָנישער קונסט פון אַלטערטום, פאָרמולירט אזא מין סענ־טענץ:

„עס איז פאַראַן אַזוינס, וואָס איז שענער פון שיינע זאַכן, — דאָס זיינען די רואינען פון שיינע זאַכן".

ער האָט זיכער געמיינט דעם קאָליזעום פון רוים און דעם אקראָפּאָ־ליס פון אַטען, וויל אַף די דאָזיקע כורוועס קאָן אַ דיכטער ארויסקישעפן די דראַמאַטישע וויזיעס פון דער אַלטרוימישער און אַלטגריכישער גע־שיכטע. דאָך איז מיר די דאָזיקע עסטעטישע סענטענץ שטענדיק אויס־געקומען פרעמדלעך, סנאָביש און איך האָב אפילע ארויסגעשפּירט פון איר אַ דעקאַדענטישן רייעכל.

דעם צווייטן מאַי 1945 האָב איך מיין מיינונג געביטן. געצוואונ־גען דערצו האָט מיך נישט קיין קינסטלערישע רעוויזיע, נאָר דער טרוקע־נער סאָוועטישער קריגס־קאָמוניקאַט, וואָס איז דאָס מאָל געווען זאַפטיק ווי אַ פרישער איילבערט. איך האָב זיך דערמאָנט לע דיקס סענטענץ, אָבער איך האָב פאַרגעסן די ריזיקע אַרענע און קיילעכדיקן פּאַסאַד פון קאָליזעום, און די מירמלנע זיילן און יאָנישע קאַרניזן פון מינערוועס

טעמפּל, וואָס קרוינט דעם אַקראָפּאָלים. איך האָב געדענקט איין זאַך: בערלין. אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן און אין מיין הויכגעשפּאַנטן געמיט האָבן בלויז עקזיסטירט: דאָס נישט עקזיסטירנדיקע צעקנאַקטע בערלין און לע דיקס סענטענץ.

ביידע זאַכן האָבן זיך אינטים איבערגעפלאָכטן און דער נייער גע־פלעכט האָט באַדייט:

בערלין איז אַ וואונדערלעך שיינע זאַך, אָבער די רואינען פון בער־לין זיינען נאָך שענער.

אַזוי אַרום האָט מיר דער ערשטער מאַרשאַל פונעם ראַטנפאַרבאַנד פּראַקטיש פאַרטייטשט די סענטענץ פון בירגערלעכן פראַנצויזישן עס־טעט, און צוליב נאָך מער קלאָרקייט, האָט ער די דאָזיקע סענטענץ פעט אונטערגעשטראָכן מיט דרייסיק זאַלפן פון טויזנט קאַנאָנען...

האָב איך איבערגעוואָרפן אַ גוטמוטיקן שמייכל איבערן אַטלאַנ־טיק צום אַלטן לע דיק און איך האָב צו אים איבערגעשריען: די נייע צייט יאַרשנט און אַסימילירט דיין פאַרעלטערטע סענטענץ. אין דאָזיקן מאָמענט אָנערקענען מיר, אַז שענער פון שיינע זאַכן זיינען די רואינען פון שיינע זאַכן, ווייל שענער פון בערלין זיינען די רואינען פון בערלין...

II

פאַררייסנדיק זיין נירנבערגער עק און אויסשטשירענדיק זיינע מע־סערדיקע שניידציינער, האָט דער ברוינער קעלעוו מיטן צעקודלטן לאָק גאַראַנטירט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אַז:

„די יידן וועלן שוין מער קיין מאָל נישט לאַכן".

אַף זיינע שוואַרצע וואָנצעלעך איז, אַזוי ווי אַ סמאַרק, געבליבן הענגען אַ כוצפּעדיק געלעכטערל. זיין לאָק האָט פילדייטיק אונטערגע־טענצלט און זיין פּאַרצעף האָט זיך באַדעקט מיט אַ פעטער כאַזער־שמאַל־ציקער צופרידנקייט, ווייל ער האָט באַוויזן איבערצושפּיצן אַפילע אונ־דזער אַלטן איימעדיקן „ונתנה תוקף", אויסגעפינענדיק פאַר אונדז אַ טויט, וואָס איז נישט צו געפינען צווישן אַלע יידישע טויטן.

שוין צוויי טויזנט יאָר, ווי די וועלט פאַרבעט אונדז צו גניסן פון דעם גרעסטן און דעם שענסטן אויסוואַל פון אַלערליי טויטן; דאָס איז

דער אײנציקער לוקסוס, וואָס אַלע פאַרגינען אונדז און עס האָט זיך גע־קאָנט דוכטן, אַז פאַר אַזױנע אויסגעפּראוווטע פײנשמעקער אָפּן געביט פון טויט, ווי מיר ייִדן זײַנען, וועט שוין שווער זײַן צו געפינען עפּעס נײַעס, אָבער דער פּערוווערזער קעלעוו האָט דאָך באַוויזן צו זײַן אָריגינעל באַם אַדמיניסטרירן און אויסטײלן זײַן גרויזאַמקייט. ער האָט אונדז נישט געזשאַלעוועט קיין פּליסיקע, האַרטע און פּייערדיקע טויטן, אָבער זיי האָבן אים נישט דערוואַרעמט זײַן האַרץ, ווײַל דאָס זײַנען אַלץ געווען פּאַמעלעכדיקע קריך־טויטן, נישט אין גײַסט פון דער צעבליצטער צײַט און נישט אױף דער ליניע פון מאַסן־אַנטשיידונגען. האָט ער, דעריבער, מיט דער הילף פון דער דײַטשער באַבריליטער הויכוויסנשאַפט, דערפונדן דעם גאַזיקן בליצטויט, צורויבנדיק די לופט פון אונטער אונדזערע נאָז־לעכער און אַרויסרײַסנדיק דעם אָטעם פון אונדזערע לונגען.

ס'איז אַרויסגעקומען עכט דײַטשמעסיק, עכט פּלאַנמעסיק און עכט צײַטמעסיק:

זױבער און גיך, זױבער און גיך, זױבער און גיך...

דערפאַר האָט זיך צווישן די שוואַרצע וואָנצעלעך אַרומגעהוידלט אַזאַ מין נאַקעטער, בלוטיקער געלעכטערל און דערפאַר האָט דער קעלעוו, נישט נאָר נישט באַגנוגנט זיך מיטן צורויבן אונדזער בלוט, נאָר ער האָט נאָך דעקרעטירט און אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט, אַז:

ער האָט קאָנפיסקירט דעם ייִדישן געלעכטער.

אין זײַן היטלערישער פאַרביסנקייט איז ער געווען מאַטעמאַטיש זי־כער, אַז אונדזער טיפער געוויין פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק איז דער עפּילאָג פון ייִדישן פאָלק. אין ווערעמקנויל פון זײַנע געדאַנקען איז אים גאָרנישט אײַנגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער דערשטיקטער יאָמער איז גאָר דער פּראָלאָג פון אונדזער בערלינער געלעכטער, אַז דער עכאָ פון די קרעכצן פון אָשוועצים און באַבי־יאַר וועט דערגיין קיין בערלין אין גע־שטאַלט פון אַ לאַנגער קלינגענדיקער געלעכטער־קייט.

נעכטן נאָך האָבן געלאַכט און געכאָכאָטשעט די סאָוועטישע קאַנאָ־נען און הײַנט טרעט פון אונדז נישט אָפּ אונדזער געלעכטער. די וואָנצנ־פּרייד איז פאַרשוואונדן, די וואָנצעלעך זײַנען פאַרשוואונדן, דער פּיי־גער אַפילו זײַנער איז פאַרשוואונדן, אָבער אונדזער געלעכטער, אונדזער בלוטיקער געלעכטער איז דערגאַנגען וואו ער האָט געדאַרפט.

אונדזערע יידישע געלעכטערס רייסן אויף ווי מינעס צווישן די בערלינער כורוועס. אונדזער קאסרילעווקער געלעכטער האט דאס מאל, אף אן עמעס, געוואונען דאס גרויסע געווינס. ער ליגט צעלייגט „אונטער דען לינדען" און שפארט זיך ברייטלעך דורכן „בראנדענבורגער טאר", און פאיאצעוועט אפן אלעקסאנדער-פלאץ, און טוט זיינע באדערפעניששן אין די אלייען פון „טיערגארטען", און גיט זיך א קייקל דורך שארלאטענבורג קיין פאטסהאם, קעדיי א הילך צו טאן שאלעם-אלייכעמדיק אונטער די ארקאדן פון ווילהעלמס פאלאצן...

אונדזער געלעכטער האט אקופירט בערלין. עס האבן אים געבראכט אהין צען יידישע גענעראלן און דרייסיק טויזנט אויסגעוואקסענע מאטלפייסים און פענעקס, אויסגעפוצטע אין רויטארמייאישע מונדירן. אונטער זייערע באגנעטן ליגט עס איצט א פארציטערטע די נאצישע שושאן-האבירע, די צעקוועטשטע שטאט, וואו דער קודלאטער קעלעוו האט פראקלאמירט, אז דאס יידישע פאלק האט פארלוירן דאס רעכט צו לאכן און אז ער לייגט ארויף דעפיניטיוו זיין לאפע אפן יידישן געלעכטער.

זיינען מיר אבער איצט אין בערלין און מיר לאכן אן זיין דערלויבעניש. מיר קייכן איצט פון געלעכטער אין דער דאזיקער גייוועדיק-גיידערדיקער שטאט, וואס ליגט איצט א צעמאלענע אף מעל. דאס מעל, וואס איז געבליבן פון בערלין, דאס דאזיקע זיסע זעמלמעל פארקנעטן מיר איצט מיט אונדזער געלעכטער און מיר פלעכטן אויס דעם קוילעטש פון זיג...

אין געפייגערטן בערלין לעבט אין וואוילטאג אונדזער יידישער געלעכטער, און עס וויסן די נאציש-פרייסישע מערדערישע מארדעס, אז אין זייער בערלין ווערט איצט געלאכט דער גרעסטער יידישער געלעכטער פון אונדזער געשיכטע, אז מיר הויבן ערשט אן צו לאכן, מיר הויבן ערשט אן...

מיר הויבן אן און מיר וועלן לאכן אין אסאך פארזעצונגען...
מיר האלטן ערשט באם פארווארט צום ארייננפיר פון פראלאג...

III

ווען די דונערנדיקע לופטשיפן האבן אראפגעפארפלט אף בערלין

זייערע שטאָלענע, זודיקע פּאַרפל, ווען בערלין איז נאַכט־איין, נאַכט־אויס געשלאָפן אין אַ נאַכטהעמד פון פייער, ווען די בערלינער פאַר־סמאַליעטע טעג זיינען געווען שוואַרץ און די אונטערגעצונדנע נעכט — רויט, ווען די גאַנצע מאַסיווע, בעטאָנהויטיקע שטאָט האָט געהאַלטן אין פּלאַצן ווי ביליק גלאָז, האָט דער נירנבערגער קעלעוו נאָך אַלץ געציטערט פאַר אונדז מערער ווי פאַר די אַכט מיליאָן אַנגרייפנדיקע זעלנער און פופציק טויזנט פייערשפייענדיקע אַוויאָנען.

אין זיין לעצטן ספּאָזמאַטישן געבריל האָט ער ווידער אַ דערשראָ־קענעם טייטל געטאָן אויף אונדז. מיט זיין אינטואיציע פון אַ שפּירהונט האָט ער עפּעס דערשמעקט אין דער לופטן. און אין דער לופטן איז ווירק־לעך עפּעס געווען שוין, עס איז שוין דאָרט געהאַנגען אונדזער גרויסער געלעכטער...

ער האָט געזען, אַז מיר האָבן זיך נישט געענדיקט אין טרעבלינקע און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן זיך שוין אין ערגעץ נישט ענ־דיקן. ער, וואָס האָט מיט אַזויפיל וועלפישער רעציבע געלויערט אויף אונ־דזער געלעכטער, ווייל ער האָט אין אים געהערט דעם אויפרייסנדיקן כוויזעק פון היינע און פון מאַרקס, האָט באַם סאָף פון זיין אַפּאָפּלעק־טישן לעבן ענדלעך פאַרשטאַנען די געשיכטלעכע געזעצמעסיקייט פון ווייטערדיקן עמעס:

מיר ווייגען די ערשטע און מיר לאַכן די לעצטע.

דערפאַר זיינען מיר ביז איצט פאַראַן אויף דער ערד, ווייל אין טרערן ווערט געבוירן אונדזער פרייד און פון אונדזער געוויין פּיקט זיך אויס אונדזער געלעכטער. דערפאַר האָט דער היסטערישער קעלעוו אַזוי געציטערט פאַר אונדזער לעצטן געלעכטער, ער, וואָס האָט אין זיין לעבן קי־מאַט ווי נישט געלאַכט. דאָס מענטשלעכע געלעכטער האָט קראַנק גע־מאַכט זיינע אויערן און גרילציק געקריצט אויף זיין בלעכן האַרץ, אָבער מער פון אַלע געלעכטערס האָט אים מעשוגע געמאַכט דאָס יידישע געלעכ־טער, און נאָך מער — דאָס לעצטע יידישע געלעכטער, און מער פון אַלץ — דאָס לעצטע יידישע געלעכטער אין בערלין.

אונדזער געלעכטער, אונדזער קלוגער, אויסגעליטענער געלעכטער האָט זיך נישט געלאָזט דערשטיקן מיט קיין גאַז און מיט קיין דעקרעטן. ער איז געקומען קיין בערלין אָן אַ וויזע, דירעקט פון טרעבלינקע און

מאידאנעק, פון היינעם קייווער און פון שאלעם-אליייכעמס פערעיאסלאוו און פון אלע לעבעדיקע יידישע הערצער.

מיר זיינען אין בערלין און מיר וועלן לאכן ביז ווייטיק, ביז אויס־שעפונג. ביז אין די פרייסישע אויערן וועלן נישט פלאצן די פויקהייטלעך וועלן מיר נישט אויפהערן צו לאכן אונדזער גרויסן געלעכטער. מיר וועלן דעם דאזיקן בערלינער געלעכטער פארוואנדלען אין א נאציאנאלן הימן אונדזערן און וואס מיר זאלן נישט טאן און וואו מיר וועלן נישט זיין, וועט אונדז שטענדיק נאכטאנצן די נאציאנאלע מוזיק פון אונדזער בער־לינער געלעכטער.

די אלטע וועלט האט געוואלט, אז מיר זאלן קיינמאל נישט אויפ־הערן צו וויינען; דער פאשיסטישער שערעץ האט אונדז געוואלט אויס־פיקן די אויגן, אז מיר זאלן אפילע וויינען אויך נישט קענען, אבער די נייע וועלט, וואס איז מיטן רעכטן פוס אריין א פריילעכע אין בערלין, הייסט אונדז לאכן מיטן גאנצן גארגל, מיט אלע גארגלען, וואס עס זיי־נען אונדז נאך געבליבן.

מיר וועלן פאלגן דער נייער וועלט...

IV

צוויי אויסערגעוויינטלעכע פריווילעגיעס זיינען באשערט געווען אונדזער דאר: אנקוקן זאכן, וואס זיינען שענער פון די שענסטע זאכן — די רואינען פון בערלין, און קאנען לאכן אין זעלבן בערלין, נאכן יאמער־שטורעם פון מאידאנעק און נאכן בלוטוויכער פון טרעבלינקע.

עס איז נאך שווער צו לאכן. אבער מיר מוזן עס טאן. וו יי ל דער פארגאנגענער קעלעוו האט געוואלט, אז מיר זאלן וויינען, איז איצט א נאציאנאלער כייוו פון יעדן ייִדן וואס מער צו לאכן. מיר דארפן איצט לאכן צווייערליי געלעכטערס: אונדזער אייגענעם פערזענלעכן געלעכטער און אויך דעם געלעכטער פון די וואס זיינען שוין נישטא. מיר דארפן לאכן פאר צען מיליאן לעבעדיקע און זעקס מיליאן טויטע. זאל אין אונ־דזער בערלינער סינטעטישן געלעכטער קלינגען די זעקסמיליאניקע שטים פון די פארשניטענע. די פרייד דארף אויך זיין זייערע און זאל וויברירן איצט אף אונדזער גומען אויך זייער געזאנג.

אונדזער געלעכטער איז איצט אונדזער נאַציאָנאַלער קענצייכן, אונ־דזער נאַציאָנאַלע אַנטשליסונג צו לעבן אָן אויפהער, צו לעבן דרייפאַך, פירפאַך און צענפאַך, צו לעבן אָן פּויזעס, צו לעבן מיט אַלע לעבנס־מאָטאָרן אין גאַנג.

ביז איצט זיינען מיר באַ אַלע געלעגנהייטן צו פיל און צו אינטענסיוו געשטאָרבן, אָבער נאָך דער גרויסער שכיטע וועלן מיר מוזן אָנהייבן צו טאָן דאָס וואָס מיר האָבן קיין מאָל נישט געטאָן ווי געהעריק: לעבן!

זאָל דעריבער פלאַטערן איצט איבער בערלין, ווי אַ זיגרייכע פאָן, דער גרויסער, אייביקער געלעכטער פון יידישן פאָלק!

יא

איך קוק אַרוים ווען הייבט שוין אָן צו טאָגן,
עס נאָגט מיין האַרץ דער אומעטיקער בלאָ,
איך מוז זיך דורך דער נאַכט דער שלאָפלאָזער דערשלאָגן
דעם קומענדיקן טאָג צו זאָגן: יאָ!

כאים גראדע

I

אַז די נאַכט איז אַוועק און עס איז געוואָרן טאָג, האָט אונדז די ליכטיקע שיין באַוויזן אונדזערע נייע גרענעצן. זי האָט אונדז געהאָלפן זען אונדזערע צעפלאַצטקייטן און האָט אונדז דערמעגלעכט אָנצוטאַפּן אונדזער בראָך. דאָס אומעטיקע ליכט האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז די אימפּעריע פון אונדזער יידישן וועלטאומגליק, מיט אירע רייכע בלוטקוואַלן, מיט אירע נאַטירלעכע אוניטערערדישע רייכטימער, מיט אירע ווילדע, גאַלאָפּירנדיקע ווייטיקן און מיט איר מעשונעדיקער באַפעלקערונג פון איין לעבעדיקן און הונדערט טויטע אַף יעדן קוואַדראַט-קילאָמעטער.

אַזאַ איז דער געאָגראַפיש-דעמאָגראַפישער טאַמציס פון אונדזער היינט, פון יידישן נייעם פאַרטאָג. ווען עס צערונצלטע קאָנטורן עס האָבן זיך גענומען אויסשיילן נאָך דעם ווי דער בלייענער כווישעך איז צעשמאָלצן געוואָרן און ווי די נאַציפעל איז אַראָפּגעשונדן געוואָרן פון אייראָפּע. די אויסגערונענע נאַכט האָט פאַרגעסן מיטצונעמען איר קאָשמאַר און אונדזער טאָג איז שוין געבליבן אַ געקעסטלטער מיט גרויסע נאַכטפלעקן. צו-

זאַמען מיט אַנדערע, האָבן אַ סאַך פון אונדז געפרעגט: וואו זשע איז דער צווייט פון פּאָליטישן פרילינג און וואו איז דער שמעקעדיקער בעז פון פעלקער-פריינד?

אַנדערע, ווידער, האָבן געוואָלט וויסן, צי די זיגערישע לאָרבערקרענץ זיינען טאַקע געמאַכט פון אויטענטישע לאָרבערבלעטער אָדער פון פּאַפּיר. דער געפּליסטער פון די פעלדקווייטן אויף די אויטענטישע ברידער-קוואָרים האָט געראַצט זייערע געוויסנס און אין נאָמען פונעם אויסגעצאַפּטן בלוט האָבן זיי געפאָדערט הונדערטפּראָצענטיקע אויטענטישקייט.

נאָך אַנדערע האָבן געהאַט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זעקס יאָר געשיילט אַ זודיקע איי און ווען מען האָט שוין מיט די אָפּגעבריטע פינגער באַוויזן אָפּצושיילן די שאָלעכץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט נישט ווילנדיס איינגעשמוצט און צעקוועטשט דאָס ווייסל, אַז דאָס געלכל איז צו האַרט און אַז די גאַנצע איי איז אַביסל טוכלע.

אַ סאַך פון אונדז האָבן געפרעגט: גיט אונדז דער זיג אַן אויסגאַנג? און נאָך מער האָבן געענטפערט היסטעריש: ניין, ניין, ניין!

איך, אָבער, האָב, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, באַגריסט דעם אָנקומענדיקן טאָג מיט אַ הייסן, באַרעכהאַבאָדיקן „יאָ".

II

איך האָב, אַזוי ווי אַלע, געזען ווי אונדזער טאָג איז אָנגעטאָן אין שאָטנס, ווי די ערד איז אָנגעגאָסן מיט אונדזער בלוט; איך האָב אויך געהערט, ווי צווישן די שטאָלענע ציינער פון די גאַזאויוונס קנאַקן אונדזערע געלענקן, און מיין ווייטיק האָט אויך געוואַנדלט פון היסטעריע צו היסטעריע, אָבער קיום האָט מען געדאַרפט ענטפערן „יאָ" צי „ניין", האָט מיין יידיש האַרץ געענטפערט מיט אַ קאָנסטרוקטיוון „יאָ", ווייל דער ניהיליסטישער „ניין" איז נישט קיין יידישער ענטפער.

„יאָ" דאָס איז מיין פּערזענלעכער און מיין נאַציאָנאַלער ענטפער דעם נייעם טאָג, ווייל „יאָ" סימבאָליזירט דעם טיפן זין פון אונדזער געשיכטע, די פּאָטענציעל-דינאַמישע קראַפט פון אונדזער ביטאָכן, דעם ביאָ-

לאָגישן וואונדער פון אונדזער עקזיסטענץ, די צעלאָכעס־פּאָרמול פון יידישן אָפּטימיזם.

דער ערשטער פּאָסטולאַט פון מיין יידישקייט איז: נישט נעגירן. אונדזער פאַרביטערונג און אונדזער אויסגאַנגלאָזיקייט וועלן נישט פאַר־ענטפערט ווערן מיט קיין שום „ניין". זינט יאָרהונדערטער זיינען מיר גע־וועזן פאַרביטערטע אָפּאָזיציאָנערן צום לויערנדיקן אַרום, אָבער „ניין" איז נישט אונדזער שלאָגוואָרט, ווייל „ניין" איז נישט קיין אויסדרוק פון אָפּאָזיציע, נאָר פון נעגאַציע, און נעגאַציע איז פונאַנדערפאַל, אַנאַרכיע. זינט יאָרהונדערטער האָט די אַרומיקע וועלט געזאָגט אף אונדז „ניין", אָבער מיר האָבן אַקשאָנעסדיק געענטפערט „יאָ" און דערפאַר איז נישט „ניין" נאָר „יאָ" דער אָפּאָזיציאָנעלער שלאָגוואָרט פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע ניסיוינעס, די באַגלייט־פּאָרמול פון אונדזער עקזיסטענץ.

דער ניסאָיען פון קידעש־האַשעם איז אַ פאַרקערפּערונג פון אונדזער יאָ־פילאָזאָפיע; דער אויסגעשריי „שמע ישראל" פון אונדזערע עלטער־זיידעס איז אַ פּאַראַפראַזירטער יאָ; דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער גע־טאָ איז אַן אויפטרייסלענדיקער, קאָלעקטיווער יאָ; דער בונט אין טרעבלינ־קע איז אַ פאַרצווייפלטער, מאַקאַבייאישער יאָ און די יידישע צייטונג „טכיאַס האַמייסים" פון בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אַ פרעכטיקער יידישער יאָ. די רעדאַקציע פון „טכיאַס האַמייסים" גע־פינט זיך אַפן שוועל פון קאַלכאַויוון און פון קאַלכאַויוון אַרויס האָט זי אַרויסגעשריען אַ לעבנסלוסטיקן יידישן יאָ. די יידישע אויסיעס זיינען אַרויס פון קאַלכאַויוון נישט אין אַ צושטאַנד פון אַש, נאָר אין זייער הייליקער גאַנצקייט, ווייל דער טרייפענער פייער האָט נישט געהאַט קיין שליטע אף זיי. אַזוי אַרום האָבן מיר אַפילע אַפן דעק פון קאָכעדיקן קעסל געזאָגט „יאָ" און געזאָגט האָבן מיר עס דורך אונדזער מאָדערנעם יידישן וואָרט, וואָס האָט זיך פאַרטיזאַניש אויסבאַ־האַלטן אין בוכענוואַלד.

שטענדיק, אונטער אַלע אומשטענדן און ביז דער לעצטער טרער אין די אויגן וועלן מיר זאָגן אונדזער „יאָ", ווייל:

„יאָ" דאָס איז דער פרייד־געשריי פון שטורעם
צו דעם גראָעזן ווערעמל אין שטויב".

(כאַים גראַדע)

איצט, נאך דעם ווי די נאכט פון לאנגן מעסער איז פארברענט געווארן אפן שייטער פון די פאראייניקטע פעלקער, איצט, פאנעם על פאנעם מיט אונדזער טאג, וואס שרעקט אונדז מיט זיין שווארצער צעשויבערטקייט, מוזן מיר שטארקער ווי שטענדיק, מוזן מיר קייפל־קיפלאיעמדיק זאגן „יא" ווייל די פערספעקטיוו פון „ניין" איז א זעלבסטמערדערישע פעטליע, איז פרייוויליקע צעשטויבונג.

III

און דאך זיינען פאראן ניין־זאגערס. דאס זייגען פיטשינקע בעהאלעיידעלעך, וואס האבן שוין פראקלאמירט דעם אונטערגאנג פון יידנטום אין אייראפע, מאכמעס דער „אומהיילבארער" אנטיסעמיטיזם האט טיף פארוואָרפן זיינע נאצישע אנקערס צווישן אלע פעלקער.

מיט צוויי זאכן האבן די דאזיקע יידעלעך באערט דעם אנטיסעמיטיזם. קוידעם קאל האבן זיי אים געגעבן די קאטעגאריע פון אייביקייט, נישט נעמענדיק אין אכט, וואס אזא מין טיף־פאראנקערטער און אייביקער אנטיסעמיטיזם ווי דער רוסישער האט געהאט אזוינע קורצע יארן אינעם ראטנפארבאנד. זיי ווייסן עפשער נישט, אז די „אייביקייט פון אנטיסעמיטיזם" געהערט צו די זעלבע פארברעכערישע און אנטיהומאניטארע פארמולן, וואס זאגן, אז „דער מענטש איז שלעכט" און „מילכאמעס זייגען אומפארמיידלעך". די דאזיקע פינצטערע אקסיאמעס געהערן צו דער סאציאלאגישער פילאזאפיע פון די פאליטישע אפעריסטן און פאשיסטישע מענטשן־יעגער. די דאזיקע מיזאנטראפישע טיפזיניקייטן באמבלען זיך עם איצט צווישן די ארגומענטן פון די יידישע ניין־זאגערס.

אויסער דער קאטעגאריע פון אייביקייט האבן די דאזיקע יידעלעך באערט דעם אנטיסעמיטיזם מיט דער קאטעגאריע פון זעלבשטענדיקייט. זיי ריידן וועגן אנטיסעמיטיזם ווי וועגן אן אומאפהענגיקער דערשיינונג און נישט ווי א פועל־יוצע פון א סיסטעם. זיי זעען א בלוטיקן נאגל און זיי פארשטייען נישט, אז דער נאגל זיצט אף א לאפע און אז די לאפע געהערט צו א כאיע. זיי באטראכטן דעם אנטיסעמיטיזם שיר נישט ווי אן איינגעבוירענע, אינמאנענטע אייגנשאפט פון די אייראפעישע פעלקער, ווי א נאטירלעכן, נאציאנאלן שטריך זייערן, בעשאס אין דער עמעסן האנדלט זיך

עס פון אַ ביליקן, שוואַרצמייעדיקן אָפּיום, וואָס איפּעשט פון ווייטן מיט אַנגעטראָגענעם פּאַשיזם.

דער איצטיקער אייראָפּעאישער אַנטיסעמיטיזם איז דער איפּעש פון געפּיינגערטן פּאַשיזם. ווי יעדער מעס. מוז אויך דער פּאַשיזם אַ געוויסע צייט שטינקען נאָכן טויט, שטינקט ער דעריבער מיט אַנטיסעמיטיזם, אָבער דער רייעך וועט זיך סאָפּקאָלסאָף מוזן אויסוועבן. די אייזערנע סיסטעמען, אין וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון די שטאַרקסטע שטאָלענע באַלקנס, זיינען שוין איינגעבראָכן, אָבער נאָך נישט פאַרניכטעט אין גאַנצן. אומפאַרמיידלעך, וועלן זיי זיך אָבער מוזן פאַרוואַנדלען אין ברוכאייזן.

דער זיג איז נישט געקומען ווי אַ הייסער זומער מיט פאַרטיקע פרוכטן, נאָר ווי אַ קאַלטער פרילינג מיט שפּעטיקע שנייען. עס איז אָבער אין דאָזיקן וועטער פאַראַן אַ פאַקטאָר פון סטאַביליטעט. צווישן די זיגער איז פאַראַן אַ צאַד, אַף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן, און כאָטש דער דאָזיקער צאַד איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט, קאָנען מיר אים אָנפאַרטרויען אַלע אונדזערע אָפּגעשפּאָרטע יידישע האָפענונגען. אַ דאַנק דעם דאָזיקן צאַד קאָנען מיר זאָגן, מיט אַ פולן מויל, אַ הילכיקן, נישט שטאַמלענדיקן „יאָ" צו אונדזער נייעם טאָג וואָס דעפּילירט אַ הינקעדיקער פאַר אונדזערע אויגן.

די יידישע ניין־זאָגערס, אַפילע די מער סובטעלערע פון זיי, וואָס פרוּוון פאַרענטפערן זייער אָפּנהאַרציקע אָדער דעמאַגאָגישע היסטעריע מיט דער „פסיכאָלאָגישער אוממעגלעכקייט" צו עקזיסטירן אַף די ערטער פון אונדזער מאַרטירערטום, זיינען קלענער פון די שאָען און פון די מינוטן פון אונדזער צייט. זייער עקזיסטענץ האָט פאַר אונדז אַ מענטשלעכע באַדייטונג, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַלע, זייער „ניין" אַנטיידישט זיי, ער צאַפּט אָפּ באַ זייער יידישקייט די גאַנצע ווערדע און זייערע דורכגעלעבטע פיזישע ליידן פאַרלירן די קאַטעגאָריע פון קאָרבאָנעסדיקייט.

וויכטיק פאַרן יידישן פאָלק זיינען די אַנטשלאָסענע יאָ־זאָגער; די ווירדיקע יידן, די פאַרטיזאַנער, די דעקאָרירטע און נישט דעקאָרירטע העלדן, די געטאָ־קעמפער, די בוכענוואַלדער שרייבער, די פרייזישסער, וואָס זיינען פּאָטענציעל גרייט נאָך אַ מאָל בייצושטיין זייערע יידישע ניסיוינעס אין די וואַלד־טיפענישן פון דער צעברויזטער נאַכט. זיי וועלן נישט

קאַפּיטולירן צום אַנטיסעמיטיזם, זיי וועלן זיך נישט עלימינירן פּרעווענטיוו, זיי וועלן נישט ציטערן און פּלאַטערן מיט אַ „ניין" אַף די ליפּן. אייראָפּע און די וועלט געהערן אַזוי גוט צו זיי ווי צו יעדן נישט־יידן.

זיי אידענטיפיצירן זיך מיטן גלויביקן, טיף־יידישן פּאַראָל: „יאָ"!

IV

פינף יאָר האָב איך אַף מיין מיליטערישער מאַפּע איבערגערוקט טאָגטעגלעך די שפּילקעלעך לענגויס די פראָנטליניעס. אָנהייבנדיק פון סטאַלינגראַד, פון על אַלאַמעין, פון אַלזשיר, פון סיציליע, פון נאָרמאַנדישן ברעג, פון טולאָן, פון די דאָדעקאַנעסער אינדזלען, פון קאַרעלישן פּעטראָזאַוואָדסק און פון צענדליקער אַנדערע ווינקלען, האָבן מילימעטערווייז אַוואַנסירט מיינע שפּילקעלעך אונטער דער באַגלייט־מוזיק פון די קריגסקאָמוניקאַטן. פון אַלע אייראָפּעישע פּעריפעריעס האָבן זיי זיך געריסן צום צענטער און יעדער מילימעטערדיקער שפּאַן זייערער איז געווען גלייכווערטיק, פאַר מיר, צו אַ קילאָמעטער פרייד.

נאָך קנאַפּע זעקס יאָר מילכאָמע איז מיין מאַפּע געהאַנגען אַ פאַרוואונדעטע פון טויזנטער שפּילקעשטעך און ווען דעם אכטן מאַי האָבן אַלע פאַרשיידענע פראָנטליניעס פאַרלאָרן זייערע פּאַראַבאָלישע, היפּערבאָליש, עליפּטישע, פאַרשיידנעקיקע, פילשפּיציקע און זיגזאַגישע פאָרמען, קעדיי צונויפצוגיסן זיך אין איין שלאַנקער זיגליניע הינטער בערלין, האָבן אַלע טויזנט שפּילקעשטעך וואָס האָבן ביז איצט סימבאָליזירט, פאַר מיר, די וואונדן פון מיין פאָלק, אויפגעלויכטן ווי עלעקטרישע בליצלעמפּלעך און אַ גאַס געטאָן אַף מיר זייער ליכט. שפּעטער אַביסל, ווען דער גענעראַל יאַנקל קרייזער, העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אַף אַ טאַנצנדיקן טאַנק אריינגעריטן אין בערלין און ווען דער קאָנטראַדמיראַל יסראָעל פייזאַנאָוויטש, העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אַריינגעשוואומען, אין שפּיץ פון זיין סובמאַרינען־פלאָטיליע אין האַפן פון שטעטין, האָט מיין צעשטאָכענע מאַפּע באַקומען לאָשן. פון אַלע טויזנט שפּילקעשטעך פון מיין צעלעכערטער, שטראַלנדיקער מאַפּע האָט ווי אַ הורא־געשריי, אַרויסגעהילכט:

יאָ, יאָ, יאָ!

יאָ, דאָס איז דער זיג! דאָס איז אויך דער יידישער זיג! דאָס איז עפשער קוידעם קאָל דער יידישער זיג! מעג דער טאָג אונדזערער זיין קויל-שווארץ אָדער זוניק-בלאָנד, טראָג איך אים אַנטקעגן א צעוויקלטן, א צע-פלאַטערטן מיין יידישן יאָ, מיין אומבאַדינגטן יאָ, מיין בלוטיקן יאָ, וואָס באַדייט דאָס זעלבע וואָס דער טיפערער זין פון מיין עלטער-זיידנס „שמע ישראל", ווייל:

„אויב ס'וועט אפילו בלייבן איין ייד אויף דער ערד,
וועט זיין א פאלק און עס וועט אייביק לעבן!"

(פערעץ מארקיש)

„היום תאמצנו"*)

(ראָשעשאָנעדיקע רעפלעקסן ערעוו התש"ז)

I

דער אַרגענטינישער עלול ווייקט זיך נישט קיין נאַקעטער און קיין אָפּגעפליקטער אין האַרבסטיקן כווישעך. צוליב זיין געאָגראַפישן מאַזל פרעסט אים נישט דער אייראָפּעיִשער אומעט און ער וואַלגערט זיך נישט אַרום קיין באָרוועסער און קיין צעדריבלטער אונטער די שפּיזיקע, דריבנע רעגנדלעך.

מיט אַרגענטינישער זאָרגלאָזיקייט צוואָגט ער זיין געקרויזלטע, בלאָנדהאָריקע פרייד אין פריש־פרילינגדיקער זון און רייבט זיך איין מיט די געווירציקע איילן, וואָס דאַמפן זיך אויס פון דעם העל־פּיאָלעטן צוויט פון פערשקעס און אַבריקאָסן, פון די פּיטשינקע גאָלד־געלע מימאָזע־בלימעלעך און פון די לילע, דינהאַלדזיקע וויאָלעט־קווייטלעך.

דעריבער קלינגען פרעמדלעך און עקזאָטיש פאַרן דאָזיקן אויסגעפּוצטן דאָרעם־אַמעריקאַנער עלול די סליכעסדיקע עלעגיעס און די ליטורגישע געוויינען, וואָס האָבן עמיגרירט אַהער צוזאַמען מיט אונדזער יידישקייט. די מוזיק פון אונדזער טרויער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַף אַ נישט־אַנטשפּרעכנדיקן הינטערגרונט; אַנשטאָט סליכעס, רייסן זיך גאָר פון די פרילינגדיקע טיפעניש פון היגן עלול מוזיקאַלישע וואַריאַציעס אַף דער טעמע פון שיר־השירים...

---

*) „היינט וועסטו אונדז שטאַרקן" (פון אַ ראָשעשאָנעדיקער טפילע).

אויסערלעך פעלט דאָ דעם אַרגענטינישן עלול די איימעדיקע יאָמים־נוראָאימדיקייט, דער פלאָטערנדיקער ציטער פאַרן „יום הדין" (דער טאָג פון מישפּעט), פאַרן „מידת הדין" (די מאָס פון געזעץ), פאַרן „אין רחמים בדין" (נישטאָ קיין ראַכמאָנעס אין געזעץ), פאַרן „אל עורך דין" (די געטלעכקייט וואָס מישפּעט).

האָט זיך דער אימיגראַנטישער יידישער קרעבץ געפּרואווט אסימילירן אין פאַרלויף פון שווערע, אָבער פּרוכטיקע יאָרן. די סליכעס זיינען געוואָרן שיר־האַשירימדיק, די זיפצן זיינען אַרויסגעקומען טאַנגאָמעסיק און אין דער פעטגעוואָרענער יידישקייט איז געווען מער פעטס ווי יידישקייט...

אָבער זינט דער מילכאָמע זוכט אונדזער קרעבץ זיין יידישע נאַציאָנאַלע עכטקייט, זיין נאַטירלעכע אינטאָנאַציע, זיין פאַרלוירענע פּערזענלעכע אידענטיטעט. ער וויל נישט זיין קיין וויטער האַלבזאַרגלאָזער עכאָ פון אונדזער אייראָפּעישער קרייציקונג, נאָר אויך אַרטיקולירט ווערן ווי אַ קאָל פון אונדזער פאָלק.

דער איצטיקער ראָשעשאָנע קומט פאַרן יידישן פאָלק נאָך אַן אומאויפהערלעכן זעקסיאָריקן יאָם־האַדין; זעקס יאָר עלולדיקע טעג און כעשוונדיקע נעכט, זעקס יאָר באַנאַכטיקע און באַטאָגיקע פינצטערניש, זעקס יאָר קידעש־האַשעם און בלוטיקע וואָלדפאַניק. דעריבער איז דער היינטיקער קאַלענדאַרישער ראָשעשאָנע, דער היינטיקער פאָרמעל־כראָנאָלאָגישער יאָם־האַדין נישט בעיכאָילעם אָנצואוואַרפן אַ מוירע אַפילע אַף אַ פרומען יידן, ווייל אַלע אויפשוידערנדיקע גרוילן, וואָס זיינען קאַלטבלוטיק קאַטאַלאָגירט אין דער טויבעכע און אינעם „ונתנה תוקף", זיינען לייכטע מאָס־קיטן־שטעך, אין פאַרגלייך מיט די צאָנרעדער, וואָס האָבן געדראָשן אונדזער לעבעדיק פלייש אין פאַרלויף פון זעקסיאָריקן יאָם־האַדין, פון זעקסיאָריקן עקזעקוציע־טאָג.

דער יידישער שטראָפקאָדעקס אָנערקענט בלויז פיר טויטן (ארבע מיתות בית־דין), דער מוירעדיק־באַריידעוודיקער „ונתנה תוקף" זעט פאָר צען טויטן; וויפל טויטן, אָבער, האָבן מיר דורכגעלעבט אין די יאָמים־נוראָאימדיקע זעקס יאָר? אַף דעם קען געבן עפּשער אַן ענטפער די אַסטראָנאָמישע מאַטעמאַטיק.

דעריבער פילן מיר זיך דעם היינטיקן ראָשעשאָנע נישט ווי מיר וואָלטן געגאַנגען צו אונדזער אייגענעם מישפּעט, נאָר ווי ריכטער, וואָס גייען

מישפּטן עמעצן אַנדערש. און נישט אַזוי ווי ריכטער, נאָר ווי בלוט-אויס־לייזער, ווי בלוט־אויפמאָנער, ווי כאַלאָפים־פידלער, ווי שטריק-פאַרציער. מיטן מאַנדאַט פון אונדזערע אונטערערדישע בלוטטייכן קומען מיר מישפּטן. אונדזער קאָדעקס באַשטייט פון זעקס מיליאָן פּאַראַגראַפן, דיקטירטע יעדער איינער פון איינעם פון די זעקס מיליאָן קעדושים. ביז איינעם ווילן מיר אָנווענדן די דאָזיקע אַלע פּאַראַגראַפן פון אונדזער בלוטיקן קאָדעקס, קעדיי דאָס אַלץ, וואָס אונדזער טראַדיציע האָט איינגעשלאָסן אין די באַגריפן: אַשמדאַי, סיטרע־אַכרע, סאָטן, מאַשכים, מאַלכאַמאָוועס און וואָס איז איצט סינטעטיזירט אין ראָצכישן קלאַל-באַגריף „נאַצי־פאַשיזם", זאָל צעריבן ווערן אַף שטויב און דער דאָזיקער שטויב זאָל אַראָפּגעשטויבט ווערן פון אונדזער פּלאַנעטע.

דעריבער איז אונדז באַשערט אַ צוגאָבפרייד אין דאָזיקן אַרגענטינער עלול. ער פּוצט זיך, ווי שטענדיק אין זוניקן זיידנס, אָבער אין זיין פרילינגדיקער לופט, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַזוי פיל רייכעס, איז הייַיאָר צוגעקומען נאָך אַ מעכאַיעדיקער נייער רייעך: דער רייעך פון יאָם־האַדין. עס דופטן נישט נאָר די בלומען, נאָר עס דופט אויך דאָס פאָלק. אין קיין איין פרילינג האָט זיך דאָס פאָלק אַזוי נישט צעשמעקט ווי אין איצטיקן און נישט צעעפנט, מיט אַזאַ מין בונטקייט, די צאַרטע בלעטלעך פון זיינע אויפרייסנדיקע קנאָספּן.

צום ערשטן מאָל פילט זיך באַקוועם דער אַרגענטינער פרילינג אינעם האַרבן קלימאַט פון יאָם־האַדין. און עס איז בעפיירעש פאַלש, אַז אַ יאָם־האַדין ווייעט שטענדיק מיט טרויער און מיט איימע. דער היי-יאָריקער פרילינגדיקער עלול האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווייזן אונדז אַ פריילעכן יאָם-האַדין.

II

אין דער יידישער טראַדיציע איז ראָשעשאָנע דער טאָג פון יאָריקן מאָראַלישן באַלאַנס. עס איז, אין טאָך גענומען, דער יאָמים־נוראָאימדיקער יאָנטעוו נישט פון פאָלק ווי אַ גאַנצס, נאָר פון יאָכיד, וואָס דאַרף אויסזוכן רעטראָספּעקטיוו די פערזענלעכע, עטישע פלעקן פון אָפּגעפלאָ־

סענעם יאָראָפּשניט און אויסגעפינען פאַר זיי אַ באַרעכטיקונג, אָדער בעטן פאַר זיי מעבילע באַ דער „פאמאליע שעל מאילע".

די ראָשעשאָנעדיקע ליטורגיע, די מאַכזערדיקע האַרץ-אויסגיסעכצן, דאָס קאַנאָניזירטע אויסטיינען זיך מיט גאָט, האָט פאַר אַ ציל צו רעדוצירן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט פון יאָכיד צו אומבאַדייטנדיקס, צו לעכערלעכער זעלבסטפאַרלייקענונג. דער מענטשלעכער אָנזען פון יאָכיד צעלאָזט זיך דאָרט אין דער גרוילהאַפטיקער, שוועבלזויערדיקער געטלעכקייט; די מענטשלעכע ווערדע קאַפּיטולירט דאָרט אומקאָנדיציאָנעל צו אומגעהויערע מעטאַפיזישע קרעפטן.

אין די געציילטע שורעס, וואו ס'רעדט זיך נישט וועגן דער קאַטאַסטראָפאַלער קראַפט, וואָס איז באַהאַלטן אין דער געטלעכקייט, נאָר וועגן מענטש אַליין, זאָגט זיך אַזוי:

„אַ מענטש איז געגליכן: צו אַ צעבראָכן שערבל, צו אויסגעטריקנט גראָז, צו אַ וועלקנדיקער פלאַנץ, צו אַ פאַרביילויפנדיקן שאָטן, צו אַ פאַרשווינדנדיקן וואָלקן, צו אַ פאַרבייבלאָזנדיקן ווינט, צו אַ פאַרביישוועבנדיקן שטויב און צו אַ פאַרביילויפנדיקן כאָלעם".

קעדיי צו לינדערן דעם דינאַמיטישן צאָרן פון די הימלען, קלאַפּט מען זיך אַל כעט אַף 44 דעפינירטע, אויסגערעכנטע זינד און אַף 9 סעריעס אַנדערע אומדעפינירטע זינד, פאַר וועלכע מען רעכנט בלויז אויס די שטראָף.

שוין אין מיינע פריע קינדעריאָרן, נישט געקוקט אַף דעם וואָס מיין יינגלשע נעשאָמע איז געווען געניגט צו מיסטישן עקסטאַז, האָט מיך דערצאָרנט און פאַרצווייפלט די דאָזיקע פאַרשקלאַפנדיקע באַציאונג צו זיך אַליין, דער דאָזיקער אויפן פון ריידן צו גאָט מיט אויסדרוקן פון אַ בעטלער און מיט דריידלעך פון אַ שנאָרער, דאָס דאָזיקע קלאַפּן זיך אַל כעט פאַר נישט קיין באַגאַנגענע זינד און דאָס מאַכן זיך אַליין צו בלאָטע. דער סאָף איז געווען, אַז מיין פאַרצווייפלונג האָט עקספּלאָדירט אַף אַזאַ מין אויפן: דעם ראָשעשאָנע, ווען איך בין אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָב איך אונטערן טאַלעס, באַם דוכענען, צווישן איין קויהאַנישער בראָכע און דער צווייטער, אָנגעהויבן אונטערצוזינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל...

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע, נישט אַזוי אומווערדיקע ווי אומשטאָלצע, ספּעציפיש-יידישע באַציאונגען צווישן מענטש און גאָט, האָבן

זייערע פסיכאָלאָגיש-געשיכטלעכע סיבעס, אָבער די דאָזיקע פילאָזאָפיע פון דערנידעריקונג האָט מיר שטענדיק אויסגעזען ווי אַ פּראָפּאַגאַציע פאַרנעם מענטשן און איך האָב געפילט, שוין יינגלווייז אַפילע, אַז איך האָב זי איבערגעלעבט און איבערגעוואַקסן. דערפאַר, אַז כ׳וויל אויפכאַפן דעם הויפטטאָן פון פּאָעטיש־מוזיקאַלישן שטייגער־קאָמפּלעקס פון ראָשעשאָנע, טויכט נישט אַרויס פאַר מיר קיין איינע פון די הונדערטער קנעכט־פאָרמולן און אונטערטעניקייט־דעקלאַראַציעס פון דער ראָשעשאָנעדיקער ליטורגיע, ווי וואוילקלינגעוודיק זייער מוזיקאַלישע אָנלאָדונג זאָל נישט זיין, נאָר איינע פון די ווינציקע האָפענונגספולע ווענדונגען, וואָס דער יידישער אָפּטימיזם האָט דורכגעשמוגלט שוין באַם סאַמע סאָף פון ראָשעשאָנעדיקן מוסעף:

היום תאמצנו! (היינט וועסטו אונדז שטאַרקן).

אין די דאָזיקע צוויי ווערטער זע איך דעם זין פון יידישן ניי־יאָר, ראָשעשאָנע, — דער ערשטער טאָג פון יידישן יאָר דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג פון שטאַרקן זיך, פון אָנגורטן די לענדן, פון יידישער ציין־פאַרקריצונג און פון נאַציאָנאַלער אַנטשלאָסנקייט. נאָר אויף אַזאַ אויפן וועט דער דאָזיקער יאָנטעוו פאַרלירן זיין יעבידישע פאַרצווייפלונג און אָנלאָדן זיך מיט אַ נאַציאָנאַלן זין, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט. איצט, נאָך זעקס יאָר קאָלעקטיוון קידעש־האַשעם, דאַרף דער דאָזיקער יאָנטעוו פאַרלירן זיין יעבידישע יאָמים־נוירואָימדיקייט און באַקומען אַן אינהאַלט פון נעאָראָמאַנטישער גוואורע. ש ו י ן דעם ערשטן טאָג פון יאָר דאַרף מען אָנהויבן מיט שטאַרקן זיך, מיט קרעפטיקן זיך, קעדיי מיר זאָלן מיט אונדזער פעלדזיקער פעסטקייט ווערט זיין די פאַרבלוטיקטע שטיינער פון אונדזערע געטאָס, קעדיי מיר זאָלן אויסהאַלטן אַזוי ווי אונדזער קויסל מאַראָווי, קעדיי מיר זאָלן זיין שטאַנדהאַפטיק ווי די ציגל פון סטאַלינגראַד, קעדיי מיר זאָלן זיין דויערהאַפטיק ווי די ברוקשטיינער פון פאַריז.

דערפאַר דאַרף דער ביזאיצטיקער הויפט־מאָטיוו פון דער ראָשעשאָנעדיקער שטימונג — דער „תן פחדך עלינו״ (וואַרף אָן אויף אונדז דיין מוירע), אינגאַנצן ליקווידירט ווערן לטובֿתו פון דעם „היום תאמצנו״.

ווי אַ פאָלק, האָבן מיר נישט פאַר וואָס צו קלאַפן זיך אַל כעט; ווי יעבידים — עפשער, ווי אַן אָרגענטינער סעגמענט פון יידישן פאָלק —

עפּשער, אָבער אין דאָזיקן מאָמענט פון מיינע באַטראַכטונגען אינטע־רעסירט מיר דערווייל בלויז די אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוו פון אונדזערע איינשטעלונגען, דאָס צענטראַלע און נישט דאָס פּעריפערישע.

שטייענדיק ביז די קני אין אונדזער אייגענעם בלוט, האָבן מיר ניט, ווי אַ פאַלק, פאַר וואָס צו פאַלן אַף די קני. אויב מיטן אויסגיסן זיך פון אונדזער בלוט זיינען מיר געוואָרן נאַציאָנאַל שיטערער, פּליסיקער, טאָרן מיר אָבער נישט ווערן צעפלאָסענער, נאָר האַרטער ווי שטענדיק, אָקשאָ־נעסדיקער און גלייכצייטיק אַרויסיאָגן פון זיך דעם אַסקעטישן אומגלויבן אין פיזישן מענטשן, ווייל איצט מוז אָנקומען די ערע, דער צייטאַלטער נישט פון עלעקטריע, נישט פון דער אַטאָמישער ענערגיע, נאָר קודעם קאָל פון הומאַניטאַרן מענטשן, פון הויך-עטישן מענטשן, וואָס וועט דער־ציען און באַהאַלטן אין זיין ווערטל־קעשענע אַלע בלינדע, געטלעכע, קאַ־טאַסטראָפאַלע קרעפטן און וועט אַנולירן אין זיך גופא די מאַגנעטישע ווירקונגען פון דער זאָאָלאָגישער מאָראַל.

מיר דערנעענטערן זיך צו דער היסטאָרישער עפּאָכע פון אַלגעמיין־מענטשלעכער אויבערמענטשלעכקייט.

III

איידער, אָבער, מיר קלייבן זיך אַרויס צו דער וואונדערלעכער היס־טאָרישער רייזע, מוזן מיר האָבן מאָראַלישע הויצאָעס אפן וועג, און דער־פאַר מוז געגוי ליקווידירט ווערן אונדזער יידישער כעשבן. דאָס מאָל ווילן מיר קיינעם נישט מויכל זיין און זאָל מען באַ אונדז נישט פּרואוון אויספּויעלן קיין יידישע ווייכהאַרציקייט.

זאָל קומען דער גרויזאַמער יאָם־האַדין מיט זיין שוידערלעכער שאַרפ־שווערדיקייט און איינמאָל כאָטש זאָל אונדז באַשערט זיין צו זיין די מישפּעטער און נישט די געמישפּעטע. אין דאָזיקן טאָג וועלן מיר, יידן, ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים, פאָדערן מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט, אָקשאָנעסדיקייט און קעשיי-אווירעפדיקייט, אז עס זאָל אָנגעווענדט ווערן, אין איר גאַנצער שאַרפקייט, די אַלט־יידישע יורידישע פאָרמול:

„אין רחמים בדין” (נישטאָ קיין ראַכמאָנעס אין געזעץ).

אין דאָזיקן טאָג פון אונדזער שטאַרקן זיך, פון אונדזער אויסגלייכן

זיך, פון אונדזער פאַרצווייפלטער גוואַורע, זאָל פון אונדז אָפּגעטאָן ווערן די מידע פון ראַכמאָנעס. עס זאָל אַף אונדז רוען צום לעצטן און איינציקן מאָל דער ווילדער, קאַלטער כעסעד פון ראַכמאָנעסלאָזיקייט.

מיר ווילן זיי מישפּעטן די אַלע גאַרגל־שניידער, וואָס זיינען אין די מויזפּאַסטקעס געוואָרן סענטימענטאַל; די גאַזמייסטערס, וואָס רייבן זיך די אויגן מיט ציבעלע און זאַמלען טרער צו טרער; די מענטשן־פרעסער און יידן־שלינגער, וואָס טאַינען אַז זיי זיינען וועגעטאַריאַנער, אין דער צייט ווען צווישן זייערע ציינער פוילן נאָך שטיקער פון אונדזער פלייש; די אַלע באַגראָבער און דערשטיקער, וואָס האָבן געשיקערט מיט אונדזער בלוט און וואָס זאָגן, אַז זיי האָבן עס געטאָן אין אַ לונאַטיש־לעטאַרגישן צושטאַנד, אונטערן היפּנאָז פון אַ העכערן, ארויפגעצוואונגענעם ווילן.

די אַלע געפעלשטע, בלעכענע רייד פון די פּסעוודאָ־מענטשן האָבן אַן אָפּקלאַנג אין פאַרשיידענע פּוטערדיקע הערצער, אין די ראָמאַנטישע בוזימער פון אייניקע ענגלישע צוגעפּוילטע לײדים, אין די אויערן פון דער באַרימטער, פאַרזעסענער פריילן, וואָס הייסט „מיירעוודיקע ציוויליזאַציע".

די דאָזיקע אַלע, וואָס הערן זיך צו צו דער וועלפישער געזיפצעריי פון דער נאַצישער פאונע, ריידן וועגן גרויסמוטיקייט פון זיגער צו באַזיגטע, פון באַגנעדיקונגען, פון פאַרשטענדעניש און איינזעעניש.

אונדזער הויל בלוט וואַנדערט אין די איינגעווייטן פון דער ערד, אָבער דאָס בלוט פון די הענקער האָט נאָך אָדערן וואו צו צירקולירן. מען זאָגט אונדז, אַז „מען וועט זיי און מען וועט זיי". זיכער וועט מען זיי מישפּעטן, אָבער אונדז דוכט זיך, אַז אַ סאַך פון זיי וועט מען מישפּעטן מיט דער לעבאַטכילעדיקער געשאָנקענער פּערספּעקטיוו פון באַגנעדיקונג. אין שלעסער און האָטעלן האַלט מען זיי, די גרויסע אָנגעזויפענע וואַמפּירן און מען דערלויבט זיי אַרויסצוזאָגן זייערע אומפליייטיקע טראַכטעכצן. די קלייניקע וואַמפּירעלעך, ווידער, זיינען זיך צעקראָכן איבער גאַנץ מיירעוו־אייראָפּע און אויב מען וועט זיי נישט אויפזאַמלען שנעל און גרינטלעך, וועלן זיי זיך פאַרוואַנדלען אין די גרויסע בלוטזויפער פון מאָרגן.

ביז איצט האָבן מיר געוואוסט, אַז לויטן נאַטירלעכן געזעץ פון מענטשלעכן עקל, דאַרף מען אַ וואַנץ פּראַסט און פּאַשעט צעקוועטשן, אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז לויט דער נייער מאָראַל פון די זיגער, דאַרף

מען נאָך אַ וואַנץ פריער מישפּעטן און געבן אים יורידישע גאַראַנטיעס, און עפּשער שפּעטער — אויך שטימרעכט צו וואַלן, קעדיי עס זאָל זיך לאָזן הערן „די אויטענטישע שטים פון גאַנצן פאָלק". דערפאַר קוקט אַזוי קרום די מיירעוודיקע ציווילינאציע פון מיסטער בעווין און פון מיסטער טרומאַן, פון סאַלאַזאַר און פון פראַנקאָ אַף דער מיזרעכדיקער העלפט פון אייראָפּע, וואו קיין שראַצים זיינען נישטאָ, ווייל, ווײ־געשרייען, דאָרט הערשט אַ וויסטער פּאַרטיזאַנישער טאָטאַליטאַריזם פון יוגאָסלאַווישן שניט, אַנשטאָט דער פרייער וואַנצן־דעמאָקראַטיע פון גריכישן מאָדעל.

מיר זיינען אומגעדולדיק, ווייל צווישן אונדז און דעם יאָם־האַדין הענגען נאָך אַ סאַך נעפּלען. מיר ווילן דעם דאָזיקן גרויסן טאָג זען און אָנטאַפּן אים מיט אונדזערע אייגענע פינגער, און באַשווערן אים, אָן אויפ־הער, מיט אונדזער יידישער באַוואָרעניש, אַז „אין רחמים בדין". מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז דער דאָזיקער טאָג פון בלוטיקע באַלאַנסן זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טאָג פון יורידישע דריידלעך. מיר דאַרפן שטאַרק זיין ווי אייזן און דערפאַר כאַזערן מיר איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אין דאָזיקן ראַשעשאַנעדיקן טאָג פון כעשבן האַנעפעש, דעם סימבאָלישן שפרוך:

היום תאמצנו!

IV

נישט געקוקט אַפן שאַרסטיקן איבערגאַנג פון גוטסאַפּיקן אויס־גאַנג פון דער מילכאָמע צום שווערלעכן אָנהייב פון שאַלעם, שפּירן מיר בעכוש, אַז עס האַלט זיך שוין אין פאָרמירן איבער אונדזערע מידע קעפּ און איבער דער מידער ערד, עפּעס ריזיקס און רעגנבויגנדיקס, וואָס לויכט מיט נעוויאישן רענעסאַנס און מיט לעבעדיקער בעדווע.

עס וועט זיך אין גיכן אָנהייבן די גרויסע איבערבויאונג פון עם מענטשן. דאָס טיף־מענטשלעכע אין אים וועט מוזן ווערן נאָך טיפער און איבערגעשטאַלטיקן זיך נישט נאָר פאָרמעל נאָר אויך אינהאַלטלעך. מיר וועלן רייכער ווערן אין מענטשלעכער סובסטאַנץ און די עצעם סובסטאַנץ וועט נישט האָבן מער אין זיך די אויפריים־פּוריע, וואָס האָט מענגלעך געמאַכט דעם מענטשלעכן אַטענטאַט אַפן מענטשן.

די נאַטור איז געבויט אַף האַרמאָנישע צוזאַמענהאַנגען. אַפילע אין אַ זייל שטויב, וואָס טאַנצט אַף דער זון, שטויסן זיך די שטויבעלעך קיינ־מאָל נישט צונויף. אַפילע אין דעם פּיץ-פּיצלדיקן אומבאַגרייפלעך־קליינעם אַטאָם שטויסן זיך קיינמאָל נישט צונויף די פּראָטאָנען, נייטראָנען און עלעקטראָנען, נישט געקוקט אַף דער שווינדלדיקער גיכקייט פון די באַוועגונגען. איך וויל מיט דעם נישט זאָגן, אַז מיר זאָלן זיך לערנען זיין מענטשן בא די שטויבעלעך, די אַטאָמען, פּונקט אַזוי ווי די הימל־קערפּערס און ווי די גאַנצע נאַטור, ווייזן אונדז בלויז די סכעמע פון האַרמאָנישער אָפּהענגיקייט, וואָס גיט אַבסאָלוט-געזיכערטע פּלאַנמעסיקע פרייהייט פון באַוועגונג און פון עקזיסטענץ. ווען מיר טראָגן אַריבער די דאָזיקע סכעמע אַף די מענטשלעכע באַציאונגען, קענען מיר זי דעפינירן ווי די קאָלעקטיווע געזעצמעסיקייט פון אינדיווידועלן גליק.

מיר מיינען נישט מיט דעם צו באַהויפּטן, אַז די קאַלטע מעכאַניק פון די נאַטור-באַוועגונגען דאַרף אויטאָמאַטיש דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר די געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענהאַנגען. מיר ווילן בלויז אָנווייזן אַפן דיאַלעקטישן פּרינציפּ פון באַוועגלעכער האַרמאָניע און סימעטריע, וואָס טרייבט די ריטמישע פּראָצעסן אין דער נאַטור.

אַפן דאָזיקן פּרינציפּ דאַרף אויך געבויט ווערן די נייע מענטשן־ליבע. אַף דער דאָזיקער נייער און זויבערער אויבערפלאַך וועלן די מענטש־לעכע באַוועגונגען אויפהערן צו זיין צוגרייטונגען צום צוזאַמענשטויס, נאָר זיי וועלן זיך קויפלען איינע אַף די אַנדערע, קעדיי אַ וואַקס צו טאָן ביז צו די גראַנדיעזע מאַדרייגעס, צו וועלכע עס קען דערגרייכן דער מענטשן־מין.

ערשט ווען דאָס טיף-מענטשלעכע וועט סאָציאַל האַרמאָניזירט ווערן, וועט קענען ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן דאָס טעכנישע גליק, וואָס האָט ביז איצט געבראַכט אַזויפיל אומגליק. ערשט דאַן וועט מען קענען אָן מוירע באַצווינגען און באַהערשן נישט נאָר אַלע פיזישע און אינטים-אַטאָמישע ענערגיעס, נאָר עפּשער אויך אַלע טראַנספּלאַנעטאַרע, אולטראַ־קאָסמישע, מעטאַפיזישע און סופּערסטראַטאָספערישע דערשיינונגען, מיטן זעלבן דערפאָלג ווי דער אורמענטש האָט באַהערשט און פאַרוואַנדלט אין הויז־כאַיעס דעם ווילדן פערד און דעם בופלאָקס.

מיר מוזן אָבער שטארק זיין און דעצידירט, און שטעלן דעם טראָפּ אפן מענטשן. מיר מוזן דעם סאָציאַל־אומאַנטוויקלטן מענטשן סובטע־ליזירן דורך בעהאדראַגעדיקער סאָציאַליזירונג און אויפהייבן זיך אליין און אלעמען ביז צו די העכסטע הויכקייטן פון נייעם הומאַניזם.

דערפאר מוזן מיר זיין אנטשלאָסן און קוקן מיט טויזנט אויגן. און דערפאר הערט נישט אויף צו קלינגען אין מיינע אויערן, אין דאָזיקן טאָג פון פרילינגדיקן עלול, אין דאָזיקן טאָג, ווען דאָס פאָלק האָט זיך צע־בליט אפן גלאַנציקן גרויסשטאָטישן אספאַלט, אין דאָזיקן טאָג, ווען מיר ווארטן אפן אוניווערסאַלן יאָם־האדין, דער ראַשעשאַנעדיקער רוף:

„היום תאמצנו!"

די נירנבערגער וועלף

א שפּיציקע שטאָט פון שטיין און אייזן — נירענבערג.

אַף אירע גלייכאַקסלדיקע און קרומאַקסלדיקע צלאָמים פּלאַטערן פינצטערע שלייערן און די שטאָטישע פּלעצער אירע זיינען אָנגעפּעלצט מיט שאָטנס. דורך די געשלענגלטע געסלעך פלעכטן זיך די פעך־שווארצע צעפּ פון צוויי מיטלאַלטערס: פון וויטן קרייצטרעגערישן און פון נאָנטן האקנקרייצלערישן.

גאָטישע שמאָלקייט און פּאַרשפּיציקטקייט פון אויסגעצויגענע קאַטעדראַלן און קיילעכדיקע, ברייט־שטיינערדיקע אָנגעטורעמטקייט פון גראַניטענע שלעסער. דער ריטערשלאָס, ארומגעגארטלט מיט א וואסער־גארטל, קוקט מיט די שיסלעכער פון זיינע טורעמלעך אפן וואלדהאָרן־שלאָס און אפן פירשטן־שלאָס, און אלע שלעסער צוזאמען ווינקען צום פירהונדערטיעריקן הענקער־טורעם און צו דער אלט־טראַדיציאָנעלער טליע־שטייג, וואָס באָמבלען זיך, ווי א פּאָר יערושע־אוירינגלעך אַף די אויערן פון דער בעקאָוועדיקער, שווארץ־פּארשלייערטער מאַטראָנע — דער שטאָט נירענבערג.

אפן אייזערנעם שוים פון דער דאָזיקער מאַטראָנע האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט און געווילדעוועט א סאך יאָרן פון דייטשער געשיכטע; יאָרן, וואָס האָבן געוויזקט און גענעצט אין בלוט דעם אלטערטימלעכן, מעגור־שעמדיקן אייזן, די הויטשינדערישע צוואנגען, דעם מאסיוון געהילץ פון די עשאַפאָטן, די פארקלעמענדיקע קייטן, דאָס עקזעקוציע־געצייג. דאָס אלץ געהערט צום אויסשטייער פון נירענבערג און צו דער נאציאָנאלער צירונג פון גערמאנישן גייסט.

דערפאַר האָבן די נירענבערגער היסטאָרישע רייכעס אַזוי געריצט דעם וועלפישן שפּיר־כוש פון די נאַצים און ד׳ערפאַר איז דער דאָזיקער אַלט-דייטשער קראַך געוואָרן די קרוינשטאָט פון זייער פּאָליטישן שונד. צווישן די נירענבערגער מאָביקע שטיינבלאָקן און געקאָוועטע, אייזערנע טויערפּלאַסטן, צווישן רומפּולן זשאַווער און שימל און אויפגעוועקטע, הונ־דערטיעריקע מאָרד-טראַדיציעס, פלעגן זיך יאָר־יערלעך צונויפקומען פּראַ־וועץ זייערע יאַנטויווים די נאַצישע סטייעס וועלף פון גאַנץ דייטשלאַנד. דאָ, אַפן היסטאָרישן שוים פון דער גערמאַנישסטער פון אַלע שטעט, פלעגן אינסצעניזירט ווערן די „פּאַרטייטעג” און עס פלעגט פּאַיאַצעווען מעלאָדראַמאַטיש דער פירער. דאָ, אין די אַלפּאַנסן־קנייפּעס און ביר־קעלערן פלעגט די וועלפישע יוגנט, מיט בלוטפּאַרלאָפענע ווייסאַפּלען, אַרויסוואָיען איר נאַציאָנאַלע שיקרעס. דאָ האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מאָרדטרוימער און מעסער־לונאַטיקער, דאָ איז אַ גאַנץ פאָלק פאַר־סאַמט געוואָרן מיטן נאַצישן אָפּיום.

דאָ, אַף די נאַצישע צירק־יאַרידן זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג די פאַלשע מאַטבייעס פון ראַסנהאַס. דאָ איז אויך דעקרעטירט געוואָרן דער יידישער טויט און דאָ האָט מען אַף אונדז אַרויפגעשטאָכן אונדזער טויטצייכן — דעם מאָגן-דאָוויד. דאָ האָט נירענבערג באַקומען אַ יידישן טייטש: „לעם דין וועלעם דאַיען”; אַן אַריטמעטישן טייטש: זעקס מיליאָן טויטן; אַן אַלוועלטלעכן טייטש: „פאַרזיכטיק, טויט־געפאַר!”.

איצט איז נירענבערג אַ צעבויגענע שיווורע־קיילע. איר גאַנצער היס־טאָרישער אייזן איז פּראָסט, פאַרזשאַווערט ברוכוואַרג און אירע שטיי־נערנע געבויען קרישלען זיך ווי געמיינער קאַלך. די שוואַרץ־פאַרשלייער־טע מאַטראָנע האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט און איר אויסגעדאַרטן שוים האָט מען קוידעם קאָל פאַרוואַנדלט אין אַ באַשולדיקונגס־באַנק פאַר די ווילדסטע צוואַנציק נאַצישע וועלף.

דאָס איז די טראַגעדיע פון אַ שטאָט און פון צוואַנציק געוועזענע קאַרפּנקעפּ, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הערינגעקן, דורך דער נאָך נישט אָפּגעקילטער געשיכטע פון אונדזערע טעג.

אָבער אין דער עמעסן איז עס די גרעסטע קאָמעדיע, צו וועלכער עס קוקט זיך צו די מענטשהייט, ווייל קען מען זיך דען פאָרשטעלן אַ מער

לעבערלעכע זאַך ווי אַ שטאָלצן קאַרפּנקאָפּ אין דער ראָל פון אַן אָרומ־געקייטן הערינגעק?

II

מען האָט זיי געמישפּעט אין נירענבערג און מען מישפּעט זיי אַנ־דערשוואו. בּיסלעכווייז נעמט מען אַרויפטרעטן אַף די נאַצישע עקן, אָבער אינעם דאָזיקן אַרויפטרעטן זעט זיך נישט די דעצידירטקייט פון וועלן צעקוועטשן, פון וועלן ענדגילטיק צעטרעטן. אַ סאַך ענגליש-אַמעריקאַ־נישע „צעטרעטונגען" מאַכן דעם איינדרוק פון אַ גלעט מיט דער פּאַ־דעשווע.

אין שייכעס מיטן פּראָצעס פון די צוואַנציק נירענבערגער וועלף האָט דער יידישער וויטיק געפאָדערט נישט נאָר צעטרעטונגען, נאָר צע־מאַלונגען און צעפּיצלונגען. די אַנגלאָזאַקסן און ספּעציעל די נאָרד־אַמערי־קאַנער האָבן קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען ווי געהעריק, אַז בּאַ אַ יידן רופט אַרויס דער בּאַגריף „נירענבערג" צום ווינציקסטן דעם זעלבן רוגזעדיקן עקל, וואָס דער בּאַגריף „פּירל־הארבור" בּאַ אַ יענקי. אויב דער אָנגריף אַף פּירל-הארבור שטעלט מיט זיך פאָר, לויט רוזוועלטן „דאָס געמיינסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער נידערטרעכטיקייט", טאָ וואָס זשע שטעלט שוין מיט זיך פאָר דער נירענבערגער ראַסן־אָנגריף, וואָס איז געווען די לעגאַלע פּרעלודיע צו דער פולשטענדיקער פאַרזינקונג פון אַ וואַסערע אַכט טויזנט יידישע יישואווים און וואָס די קאַטאַסטראָפע פון יעדן איינעם פון זיי, דעם קלענסטן אַפילע, איז גלייכווערטיק צו פּירל-הארבור, לויט דער ראַציכישער אַכזאָריעסדיקייט און גאַזלאָניש-קאַל־טער אויסרעכענונג, מיט וועלכער עס איז פון זיי אויסגעצאַפּט געוואָרן דאָס לעבן?

די שיפן, וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרן אינעם איינגוס פון פּירל־הארבור, האָט מען אויפגעהויבן פון די טיפענישן און אַריינגעבלאָזן אין זיי נייע נעשאָמעס. דאָס אַלץ אָבער, וואָס מ י ר האָבן פאַרלוירן איז גרינט־לעך און פולשטענדיק פאַרלוירן. פון די טיפענישן פון דער ערד און פון די וואַסערן וועלן מיר קיינעם שוין נישט אויסגראָבן און נישט אויפ־הייבן.

דערפֿאַר האָט געברענט אין אונדז אַ מין יידישע אייפערזוכט פּאַנים־על־פּאַנים מיט דער ריטערלעכער עטיקעטע פֿון די דאָזיקע אַלע פּראָצעסן. מען האָט זיך געקעכלט מיט די מערדער אַזוי ווי מיט קאַוואַלירן, נישט קוקנדיק אַף דעם, וואָס יעדער הערעלע פֿון זייערע וועלפֿישע פֿעלן איז אָנגעזאַפּט געווען מיט בלוט. מען האָט זיי געשטאָפּט מיט יורידישע גאַראַנטיעס, מען איז זיי בווידעק געווען פֿיזיש און גייסטיק, מען האָט זיי אַנאַליזירט פּסיכיש, קעדיי פעסטצושטעלן, מיט דער טרייקייט פֿון אַן אַפּטייקער־וואָג, צי זייער אינטעלעקט איז אין גלייכגעוויכט, און מען האָט פֿאַרגעסן, אַז דער אינטעלעקט פֿון אַ נאַצי איז איין עקלהאַפֿטער ווערעמקנויל, וואָס לאָזט זיך נישט מעסטן מיט קיין נאָרמאַלע מאָסן, סיידן מיט דער דאָזע שפּייעכץ, וואָס אונדזער געפֿיל פֿון עקל קאָן פּראָדוצירן אין יעדן געגעבענעם פֿאַל.

די עקספּערטן האָבן אָבער אַנטדעקט און די מענטשהייט האָט עס אומבאַדינגט געמוזט וויסן, אַז דער זוילעל־וועסויוועדיקער סופּער־שוויין, פּסיכאָפּאַט, מערדער און אונטערצינדער, גערינג, איז „געניאַל"; אַז דעם קאַמיוואָיאַזשאָר פֿון נאַציזם, דעם פֿאַרברעכערישן פֿוקס און אינטערנאַציאָנאַלן אינטריגאַנט פֿאָן פּאַפּענען קומט נאָר „אַ פּרעמיע פֿאַר שאָלעם", פֿאַר האָבן אויסגעמיטן, אַז טערקיי זאָל אַריין אין דער מילכאָמע; אַז דער סעקסועלער דעגענעראַט, יידן־שלינגער, ראַסן־שווינדלער און פּאָרנאָגראַפֿיע־מייסטער, שטרייכער, איז אַ „פֿאַרנונפֿטיקער, לאָגיש־דענקענדיקער מענטש" און אַז דער פֿאַיאַץ נומער צוויי — העס, ליידט בעפּיירעש און לעכאָל האַדייעס פֿון „היסטערישער אַמנעזיע".

נישט נאָר מיר אַלע, נאָר אַפֿילע העס אַליין, דער דאָזיקער שטיינפֿאַרהאַרטעוועטער ציניקער האָט שוין נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן די קעלבערנע טמימעסדיקייט פֿון די כעלעמער פּסיכיאַטרען, וואָס זיינען קענטיק שלאָפֿעדיקערהייט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער לעוואָנע. ער האָט אויסגעטאָן נאַקעט זיין נאַצישן אָנשטעל און האָט געהייסן די אַלע עקספּערטן אין פּסיכאָלאָגיע און יוריספּרודענץ, אַז זיי זאָלן אים אַ קוש טאָן אין זיין הוילער אַמנעזיע און פֿאַרנעמען זיך, נאָך דעם, אַף זייער איינציקן וועג — צוריק צו דער לעוואָנע.

מער פֿון אַלעמען האָבן זיך מיסטאָמע געוואונדערט די מערדער אַליין. די יידן אין די קאַלכאַוויוונס האָבן, פֿאַרן טויט, קיין „יורידישע

גאַראַנטיעס" נישט באַקומען, קיין אַדוואָקאַטן־ליסטעס האָט מען זיי נישט אונטערגעטראָגן, קיין אַמנעזיעס האָט מען בא זיי אונטער די נעגל נישט געזוכט, מען האָט זיי אַפילע נישט געמישפּעט. מען האָט געהאַקט ווי אין קרויט, מען האָט געשניטן ווי ווילדגראָז און מען האָט געטראָטן מיט די פיס. האָבן זיך געוואונדערט די מערדער: אונדז, שולדיקע, וואָס צוליב אונדזערע מאַיסים טאַטואַים קומט אונדז יורידיש גאָרנישט, גיט מען איצט אַוועק, מיט שעפע, דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן די עמעס־אומשולדיקע נישט געגעבן אַפילע בעצימצעם, כאָטש זיי און בלויז זיי האָט עס אַלץ געקומט. און טאָן טוען עס נישט קיין נאַצים, נישט קיין דייטשן, נאָר די אָלימפּיש־רואיקע, פליכעוואַטע יוסטיץ פון די זיגער.

די נאָרמאַלע פרידנס־יוסטיץ, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרן לעגאַבע די נאַצישע וועלף, איז געווען אַ בעפּיירעשער אַנאַכראָניזם. עס וואָלט געדאַרפט הענגען איבערן קאַרק פון די נאַצים אַ ספּעציעלע קריגס־יוסטיץ, וואָס דער ערשטער פּאַראַגראַף אירער וואָלט געדאַרפט זיין אַזאַ:

זיין אַ נאַצי הייסט אויטאָמאַטיש זיין פאַראורטיילט צום טויט; הייסט: זיין שוין געמישפּעט; הייסט: האָבן שוין אָף זיך אָן אַרויסגעטראָגענעם טויטאורטייל. נאַצי און געזעץ זיינען צוויי קעגנזעצלעכע טערמינען, וואָס שליסן זיך אויס; דערפאַר דאַרף יעדער נאַצי געפינען זיך אויסערן געזעץ.

די אויפגאַבע פון דער יוסטיץ האָט געדאַרפט באַשטיין פון בלויז איין טעכנישער קלייניקייט: באַשטימען די דאַטע פון אויספירן דעם טויטאורטייל און דעפינירן דעם אויפן פון טויט. אַזוי אַרום וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר געוואָרן, אַז דער באַגריף „נאַצי" איז נישט קיין באַשולדיקונגס־טערמין, נאָר אַ פאַרטיקע טויטסענטענץ, ווייל דאָס מינימאַלסטע, מיט וואָס מען קאָן אָפּצאָלן אַ נאַצי, איז באַגראָבן אים, אין העסקעם מיטן נאַטירלעכן טויטאורטייל, וואָס איז אויסגעקריצט אָף זיין קופּערנעם שטערן. אַזאַ מין יורידישע אינטערפּרעטאַציע וואָלט געווען די איינציק־ווערדיקע און עקזאַקט־גערעכטיקע. דורך איר וואָלט געוואָרן געוואָרן דער שאָלעם זיכער און ראַציאָנעל, און נישט לאָטעריע־מעסיק אָדער טאַפּנדיק אַ וואַנט, אַפן קאַלטן ענגלישן שטייגער אָדער ניכטער־יענקישן.

קעדיי אויפצודעקן אַלע בעסיטאַלישע רעציכעס פון די נאַצים, איז

נישט נייטיק צו באַשמוצן מיט זיי די באַשולדיקונגס־בענק. דער גאַנצער נאַצישער וועלטשוידער קאָן רעקאָנסטרואירט ווערן דאָקומענטאַל, אָן דעם, אַז דער אָדער יענער מערדער זאָל מיט זיין מוידע־זיין־זיך אָדער איידעס־זאָגן געבן זיין וועלפּישע האַסקאָמע אָדער נישט. די מיינונג פון די שאַקאַלן איז דאָ אַבסאָלוט איבעריק. עס איז אויך איבעריק גענוי אויסצומעסטן צי דער אָדער יענער פאַרברעכער איז אַ דריימעטערדיקער אָדער אַ צוואַנציקסענטימעטערדיקער נאַצי. עס איז אויך אַן ארויסגעוואָרפענע מירכע צו זוכן ווייסע שפּרענקעלעך אַנשטענדיקייט אין דער ברוינער אומפאַרשעמטקייט. עס זיינען נישטאָ קיין אַנשטענדיקע אָדער אומאַנשטענדיקע נאַצים, פּונקט ווי ס'איז נישטאָ קיין אַנשטענדיקער אָדער אומאַנשטענדיקער סיפילים.

דער גאַנצער שווערוואָגיקער, פייערלעכער, באַריידעוודיקער אַפּאַראַט פון דער פרידנס־יוסטיץ קלעפּט זיך נישט צו די קריגס־פאַרברעכער. עס וואָלט געדאַרפט זיין ווינציקער פייערלעכקייט און מער פייער. דערפאַר, מיינען מיר, אַז דער איינציקער אַפּאַראַט און די איינציקע באַריידעוודיקייט, וואָס וואָלטן זיך יאָ געפּאַסט, איז אַ באַריידעוודיקער קוילנוואַרפער. דאָס איז די איינציקע שיינריידעריי, וואָס די נאַצים פאַרשטייען, און די איינציקע יוסטיץ, וואָס האָט זיי געדאַרפט גאַראַנטירט ווערן.

III

אַ צווייטע אומגלויבלעכע זאַך, וואָס רייסט די אויגן, איז דער קרעציקער פּייזאַזש פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערס. די דאָזיקע שאַנדע אייטערט נאָך אין סאַמע צענטער פון אייראָפּע און די נאַצישע יערושע עלטערט זיך אַף ענגליש־אַמעריקאַנער קעסט.

מען האָט דערוואַרט, אַז בענעגייע די דאָזיקע וואַרשטאַטן פון מענטשן־פּראָפּאַנאַציע וועט אַף מאָרגן נאָכן זיג אָנגעווענדט ווערן די ווייטערדיקע פּראָצעדור:

פון די נאָענטסטע דייטשע שטעט וועט מען ארויסטרייבן אַלע דייטשן און אַף די דאָזיקע אָפּגערייניקטע ערטער וועט מען מיט אַ גרויסאַרטיקן פּאַראַד אַריבערפירן, ווי מילכאָמע־העלדן, די אויסגענאָגטע קאַרבאָנעס. ווער האָט זיך דען געקאָנט פאַרשטעלן, אַז עס וועט נישט הערשן

דער פרינציפ פון אויסליידיקן די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין די דייטשע שטעט אַריין?

אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, איז פאַראַן אַ סובטעלער אַנגלאָזאַקסישער כוש, וואָס דערלויבט נישט, אַז דער „אָפּפאַל פון די געטאָס" זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון די האַלבע און פערטל בעסטיעס. יאָרן נאָכן זיג עקזיסטירן נאָך די דאָזיקע נאַצישע געשווירן און עס פוילן מענטשן אינעווייניק. דער אַנגלאָזאַקסישער פּלאַסטער פון אויבן איז, אין ברייטערן זין, נישט קיין פאַרלייכטערונג, נאָר אַ העכשער, אַן אָפיציעלער פּאַטענט פאַר די דאָזיקע גרוילאַנשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן די נידעריקסטע פאָזע פון דעקאַדענטישער פאַראומענטשלעכונג און פאַראומווירדיקונג. זיי ז יי נ ע ן עס, אויב נישט צוליב דעם וואָס זיי זיינען איצט, איז צוליב דעם וואָס זיי זיינען אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון דעם, וואָס זיי זיינען געווען. עס האָט בעשום אויפן נישט געטאָרט זיין קיין פאָרזעצונג, אַפילו אין איר לייכטסטער פאָרעם. אַזאַ זאַך האָט געדאַרפט אָפּגעווישט ווערן, ווי אַ בייזער כאָלעם, און איבערגעגעבן ווערן דער יוסטיץ פון די פלאַמען.

אויב מען האָט איינעם אָדער צוויי קאָנצענטראַציע-לאַגערס פאַרברענט, איז עס נישט געווען דערפאַר ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָנצענטראַציע-לאַגערס, נאָר ווייל ס'האָט דאָרט צופעליק געלויערט דער טיפוס. נאַציזם אַליין, הייסט עס, איז ווינציק; ערשט נאַציזם מיט טיפוס איז אַ געפאַר. ערשט דאַן, ווען אַ שטיקל „אָפּפאַל פון געטאָ" האָט דאָס גליק צו זיין באַדראָט פון טיפוס, האָט ער שאַנסן צו שיידן זיך מיט זיין קאָנצענטראַציע-היים און מעגלעך אַפילו אַריינגאַנוּוענען זיך, ווי אַ פאַרברעכער אין אַ פינצטערער נאַכט, אין ערעציסראָעל, קעדיי צו שטאַרבן פאַרטאָג, פון אַן ענגלישער קויל, אין ווייסן, אייגענעם טעלאַוויוו, אַף דער ווייכער פערענע פון די באַלפור-גאַראַנטיעס.

האָבן די אַליאירטע נישט פאַרמאָגט דאָס ביסל באַרעמהאַרציקייט און פאַרשטעלונגס-קראַפט, קעדיי צו באַשליסן, אַז די קאָנצענטראַציע-לאַגערס זיינען, אין גייסטיק-מענטשלעך-היסטאָרישן זינען, גלייכווערטיק צום ווינציקסטן צו אַ וואולגאַרער טיפוס-עפּידעמיע? האָבן זיי נישט געקענט פאַרגינען זיך אַליין און דעם יידישן פאָלק די דאָזיקע היפּאָטעטישע טיפוס-אילוזיע, קעדיי אַזוי אַרום, צו צעשמעטערן די געמיינסטע שאַנדע פון מענטשן-מין? האָט מען ביכלאַל געדאַרפט דעם סטימול פון אַ וועל-

כער נישט איז אילוזיע אָדער שלאָגנדיקן פאַרגלייך, קעדיי צו פּאַרטי־ליקן, לעאווילעם וואָעד, דאָס אַלץ, וואָס איז די שמוציקסטע נעגאַציע פונעם מענטשן און פונעם לעבן?

VI

און דאָך זיינען פאַראַן מיינונגען, אַז מיר דאַרפן נאָך עפּשער זיין צופרידן, ווייל ווען דער צעקודלטער נאָווי פון „נייעם וועלט-סיידער" וואָלט קוידעם קאָל געמאַכט אַ סיידער באַ זיך אין קאָפּ, וואָלט ער פאַר־שטאַנען, אַז אין דער אויספירונג פון זיינע פאַרברעכנס דאַרף מען אויך איינשטעלן אַ סיידער.

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שוואַכער קענער נישט נאָר אין סאָוועטישער אַריטמעטיק, נאָר אויך אין יידישער. ווען ער פאַלט אַפן געדאַנק, אַז פריער דאַרף מען דערגרייכן דעם זיג און נאָך דעם אויס־האַרגענען די יידן, וואָלט ער טאַקע עפּשער געהאַט געזיגט און איך וואָלט איצט, אַנשטאָט צו שרייבן די דאָזיקע שורעס, געלעגן אין אַ היגן ברודער-קייווער, אין לעצטן יידישן ברודער-קייווער. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, אַז אין פאַל פון אַ זיג, וועט ער דאָך קיינמאָל נישט פאַרשפּע־טיקן אויסצוהאַרגענען די יידן און אין פאַל פון אַ מאַפּאָלע האָט דאָך די אויסשלאַכטונג פון די יידן אַלץ איינס קיין באַדייטונג נישט. ווען ער פאַרשטייט עס, וואָלט ער, מעגלעך, אַ דאַנק דער געוואַלדיקער סומע פון דער דייטש-יידישער וויסנשאַפט, געהאַט געוואונען, מיט איין וואָך פריער ווי אַמעריקע, דעם געיעג פון דער אַטאָם-באָמבע. ער וואָלט, אויסער דעם, נישט געדאַרפט טראָגן אַף זיך די איימעדיקע ראַסיסטישע לאַסט פון אַל־וועלטלעכן פעלקערהאַס און זיין „קאַמף" וואָלט אפילע געקענט אַרויס־רופן פאַרשטענדעניש.

ווען ער וואָלט געווען קליגער פון זיין אייגענער אינטואיציע און ווען די האַשגאָכע וואָלט אים געדינט אַביסל געטרייער ווי ער האָט גע־מיינט, וואָלט ער היפּאָקריטיש געקאָנט אויסבאַהאַלטן, ביז צום לעצטן מאָמענט, דעם ראַסן־ און יידן־האַס, אַזוי ווי ער האָט געטאָן מיט אַסאַך אַנדערע דעליקאַטע מאַטעריעס. ער האָט געקאָנט אויסנוצן און באַזיגן עלעגאַנט די יידן מיט אַ קוים-קוים לעבלעכער וואָרעמקייט, אָדער אַפילע

מיט פראָסטער טאָלעראַנץ, קעדיי זיי שוידערלעך צו דערשטעכן מיט זיין לעצטער סינע, נאָכן זיג, אָן קיינעמס קריטיק און פראָטעסטן; אָבער, ווי עס ווייזט, האָט אים געפעלט אביסל פּיפּיקע אויסגערעכנטקייט. אין יאָם פון זיין טאַנדעטנער אָפּנאַרעריי האָט אים אויסגעפעלט איין טראָפּן אָפּאָרטוניסטישע פאַלשקייט אפן געביט פון יידן-פּראָבלעם. די ראסן־מע־שוגאס האָט אזוי טיף געשטעקט אין גאַנצן מעהום פון נאַציזם, אז ער האָט זי נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אָדער אָפּלייגן אף שפּעטער, און דער דאָזיקער אומשטאַנד, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען, האָט מעגלעך אָפּגעראַטעוועט צען מיליאָן יידן, פאַרן פּרייז פון „בלויז" זעקס מיליאָן.

ער האָט שטענדיק מוירע געהאַט צו קעמפן אף צוויי פראָנטן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אז דער יידנהאָס איז אַ דריטער פראָנט. סאָף־קאָל־סאָף האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין פינף פראָנטן און דעם יידישן קריגספראָנט האָט זיין אינטואיציע אינגאַנצן נישט באַמערקט.

איז טאָקע מעגלעך, אז נאָכן אויסכליפּען זיך אף אונדזערע קוואָרים און נאָכן אָפּזאָגן קאַדיש, אף פאַרשיידענע שטייגערס, זאָל אונדז דער־לויבט זיין איבערצוכאַזערן, מיטן גרעסטן ווייטיק אין האַרצן, דעם טיפּיש יידישן „גם זו לטובה"?

V

מיט נאָגנדיקער דערוואַרטונג האָבן מיר זיך צוגעקוקט צום נירענ־בערגער פינאַל פון די צוואַנציק נאַצישע וועלף.

זיי זיינען נישט געזעסן, נאָר זיי זיינען געריטן שטאָלץ אף דער באַ־שולדיקונגס-באַנק און צענדליקער אדוואָקאַטן האָבן אונטערגעהאַלטן די צוימלעך און געפּוצט מיט יורידישע בערשטעלעך דעם געפּרענדזלטן גע־שפּאַן פון פראָצעס. זיי האָבן נישט פאַרטיידיקט די נאַצי־דאָקטרין, נאָר די אייגענע צוואַנציק וועלפישע פעלן און זיי האָבן געוואָלט דערווייזן, אז זיי זיינען קיינמאָל קיין זעלבסשטענדיקע קאַרפּנקעפּ נישט געווען, אז זיי האָבן פּרייוויליק געטראָגן די לאַסט פון דער אייגענער פוסטקייט, קעדיי צו האָבן וואָס מער אָרט אָנצושטאָפּן זיך מיט דער געבענטשטער פולקייט פון פירער.

עס איז, לאָזט זיך אויס, געווען בלויז איין קאָפּ און זיי זיינען נעבעך צוואַנציק אומשולדיקע עקן. אויב אַזוי, איז שוין פֿאַרשטענדלעך, אַז אַלע בלוטיקע באַוועגונגען פֿון די דאָזיקע עקן זיינען בלויז געווען אומבאַוואוסטזיניקע רעפֿלעקסן פֿון אַ דרויסנדיקער, אימפּעראַטיווער אינטואיציע, וואָס איז שולדיק אין אַלץ. אַזאַ איז די נאַצישע לאָיאַלקייט: טעמפּ, ווען דער קאָפּ האָט נאָך געלעבט; פֿאַררעטעריש, ווען דער קאָפּ איז שוין נישטאָ.

צוואַנציק זיינען זיי געווען אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק און צוואַנציק טויזנט וועלן מיסטאָמע די באַשולדיקונגס־באַנק אויסמיידן, ווייל דער קריג האָט זיך נישט געענדיקט מיט דער דרעשנדיקער קריגסיוסטיץ. אַנשטאָט דעם, אַז עס זאָלן, אין געציילטע טעג, אויסגעדראָשן ווערן, ביזן לעצטן קערנדל, אַלע נאַצישע קרייטעכצער, גייט אָן די קרענקלעך־ביוראָקראַטישע געוויסנהאַפֿטיקייט פֿון געזעץ מיט אירע קלעפּיקע פֿאַרשעכצן און גליטשיקע גריבלעניש. דער סאָף קאָן זיין, אַז ביז וואָס־ווען וועלן זיך די פֿאַרגיפֿטיקטע קערנדלעך אויסשיטן, נעמען וואַקסן און פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ צווייטער נאַצישער גערעטעניש.

וואָכנלאַנג האָבן די צוואַנציק נירענבערגער געוועזענע קאַרפּנקעפּ געשפּילט זייער עקן־קאָמעדיע. עס האָבן געהילכט אַדוואָקאַטישע סערענאַדעס וועגן אַבסאָלוטער לעגאַליטעט, טראַנסצעדענטאַלן יורידישן שולדפּרינציפּ, סעקונדערער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַנדערע שירהאַמיילעסן. מען האָט זיך באַמיט אַז די ענגליש־אַמעריקאַנישע הערצער, וואָס זיינען קיינמאָל צו האַרט נישט געווען, זאָלן ווערן ווייכער, ווייכער...

דער יידישער ווייטיק האָט אָבער, אין נאָמען פֿון איינציק־לעגאַלן קאָדעקס, וואָס די טויזנטער צעוואָרפֿענע בלעטער זיינע זיינען די ברידער־קוואָרים פֿון גאַנץ אייראָפּע, געשריען צום געריכט:

„באַציט זיך צו די צוואַנציק בעסטיעס מיט פֿאַראַכטנדיקער גרינגשעצונג, ווי צו אַרומגעביסענע הערינגעקן, אָבער פֿאַרמישפּעט זיי ווי בלוטדורשטיקע וועלף.

זאָל די אַלטע, פֿאַראומווירדיקטע שטאָט נירענבערג אַרומוואַשן איר שאַנדע מיט דער יוכע פֿון די צוואַנציק בלוטבעסטיעס".

יאָנטעוודיקע טליעם

(הוישיינע ראַבע התש״ז)

I

אַף די ברוכשטיקער פון נירענבערג בליען היינט עלף טליעם. עלף פריילעכע, עלף ליכטיקע טליעם.

ווי דער איידלסטער פּימסנהאָלץ שמייכלט צו מיר דאָס נאַקעטע עקזעקוציע־געהילץ. די מעגושעמדיקע, נישט־געהובלטע עשאַפּאָט־קלעצער זעען מיר אויס היינט ווי פּאַלמעס אין אַן אַאַזיס, ווי מאַנדל־שטעקענער אין דער וויסטעניש, ווי קאַרשנבוימער אין צוויט, ווי ווייסע בעריאָזעס אויסגעצוואָגענע אין זון.

זיי שמייכלען צו מיר די טליעם מיט די פּלאַקסענע צעפּ פון זייערע פּעטליעס און מיר דוכט, אַז אין די דאָזיקע פּעטליעס זיינען אַריינגעפלאָכטן: לייוונטענע פּעדעמלעך פון מיין צעפליקטער ליטע, לעקעלעך פון אַטלאַסענע יידישע קינדער־קעפּעלעך, פּאַסמעס האָר פון די 93 ווארשעווער יידישע טעכטער און דאָס גראָע, מיט בלוט אַרומגעזוימטע זיידנס פון מיין מאַמעס קאָפּ.

אַזאַ איז דער יידישער רווישטאָף פון וועלכן עס זיינען אויסגעפלאָכטן די נירענבערגער פּעטליעס און דערפאַר געהערן די טליעס, מער ווי צו וועמען נישט איז אַנדערש, צו אונדז. פאַר יעדער איינער פון די דאָזיקע טליעס האָבן מיר באַצאָלט אַ האַלבן מיליאָן; נישט אין גאָלד און נישט אין באַנקנאָטן, נאָר אין אויטענטישער יידישער בלוט־וואַליוטע. די גע־

שיכטע צאָלט אונדז היינט צוריק עלף גראָשנס פאר אונדזערע מיליאָנען. די אנגלאָזאַקסישע קאַרגשאַפט פארגינט אונדז נישט מער ווי איינס פאר פינף הונדערט טויזנט.

II

עלף טרייע טליעס וועלן פארווייגן היינט אין זייערע הילצערנע אָרעמס און מיט דער גאַנצער פלאַקסענער צערטלעכקייט זייערער די עלף מענטאוואַלדיקע בניי בלייאַל (בני בליעל).

אַף די גאָרגלען פון עלף גאָרגל־שניידער וועט די געשיכטע אויסבינדן היינט איר שווארצן שלייף און געשען וועט עס אין דער אמאָל אַזוי צע־גאָרגלטער און צעגראַגערטער קרוינשטאָט פון די נאַצישע היסטעריקעס; אין דער שטאָט, וואו דער גערמאַנישער גייסט האָט זינט יאָרהונדערטער גענויעפט מיטן טויט אַף אַ געלעגער פון אייזערנע פערענעס און שטאָ־לענע פרענטן; אין דער שטאָט, וואו עס איז לעגאַליזירט געוואָרן, אַף דער באַזע פון לעם דין וועלעם דאַיען, דער רויבער־קאָדעקס קעגן אונדזער בלוט, די אָסערעס האדיברעס פון נאַצישן יידנדורשט, וואָס פארמאָגט בלויז דעם איין־און־איינציקן געבאָט „תרצח״, געקויפלט אַף צען, אָדער ווי די דייטשע פראָפעסאָרן האָבן עס אויסגעדריקט אין דער פאָרמול: „דערהארגע דעם יידן דאָרט וואו דו געפינסט אים״.

דאָרט, אין דער צעשטיקלטער, צעדריבלטער און צעפארפלטער שטאָט, וואו ס'איז אויסגעבריט געוואָרן די שלאַנגנאיי פון דער נאַצישער אידעאָלאָגיע, דאָרט וועט מען זיי היינט דערשטיקן. דאָרט וועלן די טליעס זיי פארווייגן און אַ וואָרף טאָן אַף די נאַצישע נאַקנס דעם לעצטן, היל־צערנעם שפיי.

עס האָט זיך זיי גאָר נישט געגלויבט די גאָרגל־שניידער, אַז זיי וועלן פארשפילן זייערע אייגענע גאָרגלען. אונדז האָט זיך אָבער נישט געגלויבט, אַז בלויז אַף עלף פון די דאָזיקע גאָרגלען וועט אָנגעטאָן ווערן דער שניפּס פון גערעכטיקייט.

די באַפרייטע און לעבנגעבליבענע גאָרגל־שניידער גאָרגלען שוין מיט שטאָלץ און מיט האָפענונג, אונטער די סאַמע נאָזלעכער פון דער מעיר־שעוודיקער ענגליש־אמעריקאַנער יוסטיץ. דער קורצזיכטאָרנדיקער העס,

וואָס האָט אַזוי געשיקט געשפּילט אַף דער קאַטערינקע פֿון זיין „אַמ־
נעזיע״, האָט אָפּגענאַרט דאָס הויכע געריכט פּונקט ווי אַ קאַטערינשטשיק
נאַרט אָפּ אַ סענטימענטאַלע דינסטמויד מיטן נעוויאישן קאָנווערטל וואָס
אַ פּאָפּוגיי ציט אַרויס פֿון קאַטערינקע-קעסטל. איצט, גלייך ווי זיין גאָרגל
איז געבליבן פֿאַרזיכערט, איז פֿאַרשוואונדן זיין מיסטעריעזע מאָרע־שכוי־
רע און זיינע מאָנגקראַמפּן, און ער ווייסט שוין אַף זיכער, אַז אין צוואַנ־
ציק יאָר אַרום „וועט צוריק זיין אַ מעכטיק דייטשלאַנד״. דאָס אינטע־
רעסאַנטסטע, אָבער, דערביי איז, אַז די ענגליש-אַמעריקאַנישע טעלע־
גראַפֿן-אַגענטורן, וואָס דינען געטריי דער „פֿרייער״ פּרעסע, צעפּויקן די
שוואַרצע נעוואוע און צעליי‌גן אַף טעלערלעך יעדן לייכעצדיקן וואָרט
וואָס פֿאַלט אַרויס פֿון די שלאַנגישע פּיסקעס.

פּריטשע, דער טאָגטעגלעכער צושטעלער פֿון טיפּאָגראַפֿישן און ראַ־
דיאָגראַפֿישן סאַם פֿאַרן דייטשן פֿאָלק, גלייך ווי ער האָט זיך דערפֿילט
באַלעבאָס פֿון זיין גאָרגל, האָט ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו מאַכן אַפֿילע
אַן אָנשטעל, אַז ער האָט כאַראָטע אַף זיין נאַצישער גיפֿטמישעריי; ער
האָט געמאָלדן די אונטערלעקערישע ניים־אַגענטורן, אַז ער איז גרייט צו
„פֿאַרטיידיקן״ אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך נאָך
איצט געפֿונען אין די היטלעריסטישע, אידיליש-העראָישע צייטן פֿון פֿאַר־
סטאַלינגראַד. דער ברויטגעבער פֿון נאַציזם — שאַכט און דער שמוצי־
קער מעקלער פֿון היטלעריזם אַף די וועלטבערזעס פֿון דער צוגעפּוילטער
דיפּלאָמאַטיע — פֿאָן פּאַפּען, האָבן אויך געמאָלדן דורך דער דעמאָקראַ־
טישער וועלטפּרעסע, אַז, זאָל מען זיי נאָר בעטן, זיינען זיי גרייט, מיט
די לעצטע קויכעס און מיט די גאַנץ-געבליבענע גאָרגלען, צו „דינען״
דעם דייטשן פֿאָלק.

די צוואַנציק יאָר טפֿיסע פֿאַרן רויטבעקלדיקן מעזיניקל, פֿאַרן יעלעד־
שאַשואים (ילד שעשועים) פֿונעם נאַציזם, פֿאַרן פֿאַרברעכערישן קאָרומ־
פּירער פֿון דער דייטשער יוגנט — באַלדור פֿאָן שיראַכן, וועלן פֿאַקטיש
זיין אַ צוואַנציקיאָריקע סטיפּענדיע, וואָס ער וועט קאָנען מעיושעוודיק
אויסנוצן, קעדיי אויסצואַרבעטן די באַזעס פֿון דעם אַלט־נייעם דייטש־
לאַנד און קעדיי צו איבן זיך און ווערן דער יוירעש עצער — היטלער דער
צווייטער.

צום גליס נעמט אָבער ביסלעכווייז אַרויסשפּראָצן אַ ניי דייטשלאַנד,

וואס פארשטייט שוין דאס וואס די פארמאליסטיש-פארפרוירענע נירענבערגער יוסטיץ האט נאך נישט פארשטאנען: קעדיי אויסצומיידן אן עפידעמיע פון נעאהיטלעריזם, מוז מען ש ו י ן און וואס גיכער דערשטיקן ביז צום לעצטן נאצישן מיקראב.

מיר האבן זיך אף אזוי פיל בארעמהארציקייט נישט גערעכט. מיר וואלטן געוואלט, אז אלע וועלדער פון דייטשלאנד זאלן אויסגעהאקט ווערן און פון יעדן בוים זאל מען מאכן א טליע. מיר וואלטן געוואלט, אז די טליע זאל ווערן א דויערנדיקער באשטאנדטייל פון די נייע דייטשע פיזיאנאמיע, פון די נייע דייטשע פיזיאזשן, א נאציאנאלער דייטשער געוויקס. מיר וואלטן געוואלט, אז אלע דייטשע האריזאנטן זאלן זיין פארשטאכן נישט מיט פאבריק-קוימענס, נאר מיט עקזעקוציע-קלעצער; אז נישט דורך עלף, נאר דורך עלף מיליאן דייטשע גארגלען זאלן ארויסגעקוועטשט ווערן די שערעצדיקע נעשאמעס, און ערשט דעמאלט אפילע וואלטן נאך לעבן געבליבן 85 פראצענט דייטשן, וואס דאס איז אויך צו פיל, לעבאל האדייעס צו פיל.

III

די עצעם געשעעניש און די ציפער עלף פירן אונדז ארויף אף פארימדיקע געדאנקען. אויך אין שושן-האבירע זיינען אויפגעהאנגען געווארן עלף נעוויילעס: האמען און די אסערעס בניי האמען. נישט קוקנדיק, אבער, אף דעם וואס די פערסישע יידן זיינען בלויז אפגעקומען מיט שרעק און נישט אנגעווארן אין די אפגרונטן קיין זעקס מיליאן יידישע לעבנס, האבן זיי זיך נישט באגנוגנט מיט די עלף טליעס.

לויט די סטאטיסטישע ציפערן פון מעגילאס עסטער, האבן די יידן, מיט די אייגענע הענט אויסגעהארגעט אין צוויי טעג 75.800 סוינע יסראעל, וואס האבן זיך געקליבן אויסצופירן האמענס „נירענבערגער געזעצן". אזא פרייז האבן די אמאליקע יידן פון דער פערסישער אימפעריע זיך געלאזט באצאלן פארן בלויזן שרעק, אבער דאן האט אכאשווייראש נישט געהאט טשוירטשילס און בעווינס מיירעוו-אייראפעישע סקרופולן.

מיר אבער האלטן ערשט בא די עלף געהאנגענע, אבער דאך האט די פרייד אונדזערע צעעפנט טיר און טויער און גייט ארום אין אונדזער

הארצן פראַנק און פריי. זיי זיינען טאַקע בלויז עלף, אָבער די עלף בלו־טיקסטע, די עלף ערגסטע, די עלף עקלהאַפטסטע און צווישן זיי דער וואיזאָסע יוליוס שטרייכער, וואָס האָט פאַרשפּילט זיין גאַרגל אויסשלים־לעך צוליב אונדז און וואָס וועט הענגען אויסשליסלעך צוליב אונדזער קאָוועד וועגן. ער וועט פייגערן מיטן געדאַנק, אַז דאָס וועלט־יידנטום פירט אוים איבער אים אַ ריטואַל־מאָרד.

דערפאַר איז אונדז איצט אַזוי פורימדיק אפן הארצן. עס איז איצט פורים וואָס פאַלט אוים אין הוישיינע ראַבע. קען דען זיין אַ מער אינטע־רעסאַנטערער און אַפילע סימבאָלישערער צוזאַמענטרעף?

IV

ביז איצט האָבן מיר טאָג טעגלעך געשפּירט דעם בלוט־רייעך פון די טליעס פון וואַרשע, פון ווילנע, פון ביאַליסטאָק. די שפּיציקע שפּענער פון די דאָזיקע טליעס, דאָס שוואַרצע אומגליקלעכע האָלץ האָט זיך גע־ריסן צו אונדזערע שוואַרצאַפּלען, קעדיי אַרויסצושאַרן פון דאָרט דעם גלאַנץ פון פרייד. היינט, אָבער, בליען די נירענבערגער טליעס און פאַר־שטילן אַף אַ וויילע מיט זייערע געווירצן די רייכעס פון אונדזער אייגן פאַרגאָסן בלוט.

עס ווילט זיך אַריינציען אין זיך אַף לאַנג, אַף לאַנג דעם אַראָמאַט פון די דאָזיקע טליעס און געדענקען אים אַף אייביק.

די נירענבערגער טליעס זיינען די שענסטע פרוכטבוימער וואָס וואַקסן איצט אין דייטשלאַנד. דאָס דאָזיקע לאַנד נויטיקט זיך אין אַסאַך אַזוינע פרוכטבוימער, אין גאַנצע פּלאַנטאַציעס פון טליעס...

זאָלן אַזוינע אייגנאַרטיקע פרוכטבוימער בליען אין געדייען אין גאַנץ דייטשלאַנד און זאָלן וואָס מער נאַצי־קעפּ וואַקסן אַף זייערע צווייגן!

יידישע אַרכעאָלאָגיע

I

אויף דער טויטער אויבערפלאַך פון װאַרשעװער געטאָ האָבן אַרויפגע־טויכט צען קאַסטנס מיט באַלזאַמירטער יידישער געשיכטע.

יידישער טויכער האָבן אַראָפּגעטויכט אין טויטן אַש־יאַם. יידישע ציטערדיקע נעגל האָבן זיך געגראַבלט אין דער צעטאַרטקעװעטער װאַרשע און אָן געאָלאָגישע אינסטרומענטן, נאָר מיטן בלויזן בליציקן אינסטינקט, דערגראָבן זיך צו די ערטער װאָס האָבן אַמאָל געהייסן נאָװאָליפּקי 68 און שװיענטאָיערסקע 34. דערגראָבן זיך און געפאַנגען אין זייער נער־װעזער פינגערנעץ צען פון די צװאַנציק קאַסטנס, װאָס ד״ר עמאַנועל רינגעלבלום האָט אין 1942 און 1943 אַראָפּגעלאָזן אין די אינגעװייטן פון געטאָ.

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן סאָף 1946 די ערשטע יידישע אַרכעאָלאָ־גישע אויסגראָבונגען; אַזוי האָט די יידישע װיסנשאַפט באַקומען, אין אַ פּײַנלעך־איראָנישן זינען, איר ערשטע אַרכעאָלאָגישע דערפאַרונג...

די דאָזיקע אַרכעאָלאָגיע, מיט װעלכער דער נאַצישער טויטפיינד האָט באַרייכערט די יידישע װיסנשאַפט, איז אָבער מעשונעדיק און אומ־נאַטירלעך; זי היט נישט אָפּ קיין איינגעשטעלטע נאָרמעס און האָט זיך אירע אייגענע קלאָלים.

אַרכעאָלאָגיע האָט געװײנטלעך צו טאָן מיט פאַרקילטע, שלאָפנדיקע יאָרטויזנטער און דערמאָנט אין פּיראַמידישער פאַרגליװערטקייט און אין פאַראַאָנישע מומיעס, אין גריכישער צעראַמיס און אין רוימישע בעדער.

פון דער אומעס-האַווילעמדיקער נאָרמאַלער ארכעאָלאָגיע שמעקט מיט איבערגעטריקנטקייט, מיט ווייטער געשיכטלעכער אויסגעלאָשנקייט און זי טראָגט נישט אַף זיך בעדערעך קלאַל קיין שפור פון מענטשלעכן ווייטיק.

אונדזער געטאָ-ארכעאָלאָגיע איז אָבער נישט געבענטשט מיט טויזנטיאָריקער ווייטזיכטיקייט; דורך איר פארטרערטקייט זעט זי אַ צייט-אָפשניט פון עפּעס מער ווי טויזנט טעג. זי קען זיך אויך נישט פארגי־נען איינצואוויקלען אין אָביעקטיוועד, באקוועמער פארטריקנטקייט, ווייל זי איז דורך און דורך דורכגעווייקט און דורכגענעצט, און גייט אָפּ מיט יידיש בלוט.

II

די איינגעווייטן פון געטאָ האָבן איצט ארויסגעגעבן דעם ערשטן צענקאסטנדיקן סאַד וואָס רינגעלבלום האָט זיי אָנפארטרויט.

דאָס זיינען צען קאסטנס מיט טייטלדיקע פינגער, מיט צעוויקלטע באווייזן וועגן נאַצישע רעציכעס או אַכזאָריעס, און יעדעס בלעטל איז קאָנדענסירט יידיש בלוט. אָבער ס'איז נישט בלויז דאָס אליין. דאָס זיי־נען אויך דאָקומענטן וועגן דער יידישער קולטור, וואָס האָט זיך צע־וואָרצלט ווייל זי האָט זיך נישט געקענט צעצווייגן. זי האָט זיך צע־וואָרצלט אין אונטערערד ווייל זי האָט זיך נישט געקענט פארצווייגן אַף דער וועדעמדיקער אויבערפלאך. די יידישע קולטור איז נישט פארפוילט געוואָרן אונטער דר'ערד; זי איז, ווי דאָס גאנצע אידישע לעבן, וואָס איז באגראָבן געוואָרן אין די קעלערן, געוואקסן מיטן קאָפּ אראָפּ, אין דער טיף, פארוואנדלענדיק איר אומנאָרמאַלקייט אין אַ נאָרמע. זי איז געוואָרן סאַמע וואָרצל, און דער וואָרצל האָט נישט נאָר געזאַפּטיקט ווי אַ וואָרצל, נאָר אויך געבלעטערט ווי אַ צווייג און געבליט אין דער פינצטער. שי־ראַים פון דאָזיקן קולטורצווייט ליגן אין רינגעלבלומס קאסטנס און מיל־דערן מיט זייער נישט-אויסגעוועפּטן אראָמאַט דעם שאַרפן בלוט-רייעך.

דאָס זיינען אויך צעפלאַטערטע דאָקומענטן וועגן יידישן בונטאריש־רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט אָן אָפּטישע אינסטרומענטן, אָן פּע־ריסקאָפּן און אָן ראַדאַר געזען פון אונטער דער ערד אַרויס, פון אונטער די צעטופּעטע נאַצישע שטיוואַלעס די ווייטע ליכטיקייט פון די הימלען.

דאָס זיינען דאָקומענטן ווי אַזוי אַ לעבעדיק־באַגראָבן פאָלק האָט געלעבט און געוואַקסן אין קיייוער, ווי אַזוי זיין נאַציאָנאַלער אומגליק האָט אים נישט פאַרוועמט און ווי אַזוי דאָס דאָזיקע צעטראָטענע פאָלק איז מיט אַ מיליטערישן טראָט אַרויס פון קיייוער קעדיי צו מיימיסן זיין אייטאָס־האַמאָוועסדיקן סוינע.

דאָס אַלץ, אונדזער גאַנצע געטאָ-מאַרטיראָלאָגיע, איז פאַרבאַלזאַמירט געוואָרן אין די 20 קאַסטנס.

מיר האָבן נישט געוואָלט אַז די דאָזיקע קאַסטנס זאָלן אַלט ווערן טויזנט און צוויי טויזנט יאָר, מיר האָבן נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך עלטערן אין דער ערד, אַפילע פאַרן פרייז פון האָבן אַן עמעסע, אַ לייטישע אַרכעאָלאָגיע. מיטן גרעסטן אימפּעט רייסן מיר זיי אַרויס פון די געדערעם פון געטאָ, נישט ווי אַרכעאָלאָגישע מוזיי־אָביעקטן, נאָר ווי דימענטן, ווי נאַציאָנאַלע איידלשטיינער. אין דאָזיקן מאָמענט ווען מען גראָבט אויס די קאַסטנס, זיינען די וואַרשעווער כורוועס פאַר אונדז גאָלדגרובן.

אַזאַ איז זי אונדזער טרויעריקע יידישע גאָלדזוכעניש, אונדזער פּיבערדיקע גאָלדגרעבעריי און די אויצרעס וועלכע מיר געפינען. אַזאַ איז זי אונדזער מעשונעדיקע אַרכעאָלאָגיע, וואָס איז אומגעזעצלעך יונג, וואָס איז אומנאַטירלעך שטויבלאָז, וואָס איז אומגעווייינטלעך פריש, וואָס איז אומוויסנשאַפטלעך לעבעדיק און פון וועלכער עס שלאָגט אונדזער הייסער נאַציאָנאַלער אָטעם און דער שלאַכט־רייעך פון אונדזער אויסגעגאָסן בלוט.

III

די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אין לאָדזש האָט מיט פּאָרכטיקן איראַס־האַקאָוועד אָנגעהויבן עפענען די קאָדשע-קאַדאָשימדיקע קאַסטנס.

די אַרויסגענומענע בלעטלעך זיינען ערטערווייז באַשעדיקט און פאַרנעצט. פייכט זיינען זיי נישט נאָר פון אַריינגעטריפטן אַטמאָספערישן און אונטערערדישן וואַסער, נאָר אויך פונעם וואַנדערנדיקן בלוט. דאָס עלנטע בלוט האָט זיך געצויגן נישט נאָר פון דער אויבערפלאַך צו די טיפענישן, נאָר אויך פון די טיפענישן צוריק צו דער אויבערפלאַך, ווייל די ערד האָט זיך איבערגעזויפט מיטן דאָזיקן בלוט און האָט אים, אין העסקעם מיט

אַן אומשולדיקן נאַטור־געזעץ, געמוזט צוריקשיקן, אַף אַ קאַפּילאַרן וועג, צוריק אין דער הויך, צו דעם צעמאַלענעם געטאָ. אַזוי אַרום האָבן זיך אין די קאַסטנס געקרייצט פאַרשיידענע בלאָנדזשענדיקע בלוט־פּעדים און עפּשער איז אין זיי אויך אַריינגעדרונגען דאָס בלוט פון רינגעלבלומען, וואָס איז אַף די זעלבע ברוכשטיקער פון געטאָ בעסטיאַליש דערמאָר־דעט געוואָרן דעם 9־טן מערץ 1944.

דעריבער זיינען די בלעטלעך הייליק נישט נאָר דורכן אינעווייניקסטן פאַרטערטן פייער פון זייערע שורעס, נאָר אויך דורך זייער דרויסנדיקער פייכטקייט, געלקייט און פאַרשימלטקייט.

יידישע ציטערדיקע און פלאַטערדיקע שפּיץ־פינגער האַלטן איצט אין היילן און רעסטאַווירן די דאָזיקע קראַנקע, ראַכיטישע בלעטלעך, און גאָר אינגיכן וועלן די אויסגעהיילטע בלעטלעך נעמען ריידן און דערציילן. זיי וועלן אויסוויינען און אויסקלאָגן די גאַנצע צענקאַסטנדיקע איכע (איכה), אָבער זיי וועלן אויך אויסזינגען און אויסצויבערן די העראָישע אַקאָרדן פון אונדזער פאַרביילטן, פאַרביסענעם אימפּעט, וואָס האָט אונדז נישט פאַרלאָזן אין אונדזער צעטראָטנקייט. זיי וועלן דערציילן, אַז מיר זיינען נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי הויך און וואוקסיק ווי אין אונדזער צענ־פאַכיקער איינגעבויגנקייט און איינגעדריטקייט, און זיי וועלן אויך דער־ציילן ווי אַזוי אונדזער יידיש־נאַציאָנאַל לעבן האָט פּולסירט און צירקו־לירט דורך די שמוציקע קאַנאַליזאַציע־רערן, ווי אין אַ נאָרמאַלן אָדער־געפלעכט.

די דאָזיקע בלעטלעך וועלן נישט נאָר מעקווינען זיין, נאָר זיי וועלן אויך זינגען שירע און עפּשער וועט זייער „אָז ישיר" זיין שטאַרקער פון זייער „איכה ישבה בדד".

די דאָזיקע בלעטלעך וואָס זיינען אַרויס פון אונטער דער ערד, נישט לויט די קלאַלים פון דער טראַדיציאָנעלער אַרכעאָלאָגיע, וועלן לערנען מיט דער וועלט יידישע געשיכטע. זיי וועלן נישט דערציילן דער וועלט קיין מייסעלעך וועגן אוראַלטע ציוויליזאַציעס און פאַרשוואונדענע קול־טורן, וועגן פאַרגעסענע אַלעף־בייסן און געשטאָרבענע שפּראַכן, ווי דאָס איז געוואוינט צו טאָן די בעקאַוועדיקסטע און אָפּגעקילטסטע פון אַלע היסטאָרישע וויסנשאַפטן — די אַלטע, באַזאַכטע און קאַלטבלוטיקע אַר־כעאָלאָגיע.

אונדזער אַרכעאָלאָגיע האָט, צום באַדויערן, טעמפּעראַטור. זי איז רעוואָלוציאָנער מיט איר בלוטיקונג און הייסבלוטיקייט. די מאָדערנע יידישע אַרכעאָלאָגיע וועט מיט אַ פּאַרבלוטיקטן מויל דערציילן נישט נאָר וועגן טויטע, נאָר אויך וועגן לעבעדיקע זאַכן, וועגן לעבעדיקע קולטור-פעלקער. זי וועט דערציילן ווי אַזוי די מיירעוודיקע ציוויליזאַציע איז געקומען צום אויסדרוק אַף נאָוואָליפּקי, זי וועט באַשרייבן די טרעבלינקער גאַז-שטיפּעריען פון דער מאָדערנער קולטור און זי וועט דערקלערן ווי אַזוי דער פּראָסטער אַלעף-בייס פון „תרצח", „תגנב" און „תנאף" איז שפּראַכלעך פאַרשיפּרירט געוואָרן אין אַ פּראָפעסאָריש-פילאָזאָפישן אָן-קויצעצדיקן קוידערוועליש.

אַף די דאָזיקע בלעטלעך וועט מען נישט געפינען קיין שטומע, אָפּגעריבענע הערגליפן, קיין אַרכעאָלאָגישע רעמאָזים און סוידעס; דאָס וואָס איז אָנגעשריבן אַף זיי וועט מען אַפילע נישט דאַרפן לייענען, פּונקט ווי מען דאַרף נישט לייענען דעם דונער אַף אַ צעשטורעמטן הימל. ווי די דונערן, וועלן די ווערטער אַליין זיך לייענען און אַרויסהילכן, ווייל אין יעדן וואָרט איז פאַרשלאָסן אַן עכאָ, אַ ראַדיאָאַקטיוויקייט וואָס רייסט זיך צו אויסשטראַלונג, אַ קלאָלע וואָס וויל עקספּלאָדירן, אַ פאַרשטיקטקייט וואָס וויל זיך פאַרקייכן און אויסהוסטן.

די יידישע אַרכעאָלאָגיע האָט נישט קיין געהיימענישן און נויטיקט זיך נישט אין קיין וויסנשאַפטלעכע נאָכשליסלען. זי איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען און איז אָפן ווי אַן אויפגעשניטענער אָדער, און דערפאַר טאָקע וועט מען זי עפּשער נישט וועלן פאַרשטיין אין איר גאַנצער צעעפנטער פאַרשטענדלעכקייט. ווען זי וואָלט געווען אַביסל צוגעשלאָסענער, אַביסל טויטער, אַביסל ווינציקער בלוטשרייעריש, אַביסל מער שטאַמלעריש-העראָגליפיש, ווי לעמאָשל אַסיראָלאָגיע אָדער עגיפּטאָלאָגיע, וואָלט די וועלט מיסטאָמע געהאַט מער רעספּעקט צו איר...

IV

ד"ר מאַנועל רינגעלבלום האָט באַהאַלטן אין דער ערד די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין געטאָ-וואַרשע און געטאָ-פּוילן. ער האָט די דאָזיקע

טויכעכע־געשיכטע באַגראָבן אין דער בלוטיקער ערד, קעדיי מיר זאָלן זי שפּעטער אויסזוכן און געפינען.

געוויינטלעך פלעגן יידן געוואוינט זיין צו באַגראָבן זאַכן אַף אייביק. באַגראָבן האָט געהייסן פאַרלוירן. אונדזערע באַציאונגען מיט דער ערד זיי־נען צוויי טויזנט יאָר געווען אויסשליסלעך ק וו א ו ר ע - באַציאונגען. מיר האָבן קיינמאָל נישט באַגראָבן, מיר האָבן שטענדיק מעקאַבער געווען. מיר האָבן מעקאַבער געווען קעדוישים און מיר האָבן מעקאַבער געווען צע־פליקטע סייפער־טוירעס, און מיר האָבן אַפילע מעקאַבער געווען שיימעס פון ספאָרים. מיר האָבן דער ערד שטענדיק אַלץ אוועקגעגעבן, אָבער קיינ־מאָל פון איר גאָרנישט גענומען. ביז נישט לאַנג צוריק האָבן מיר קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע און קיין היסטאָרישע באַציאונגען מיט דער ערד אַזוי גוט ווי נישט געהאַט.

אין די פינף פאַרלאָפענע נאַצי־יאָרן האָבן יידן אָן אויפהער מעקאַ־בער געווען. די וואָס זיינען נישט געווען קיין הארוגים זיינען געווען קאַב־ראָנים און כאָטש מען האָט זיך אַזוי פיל פאַרנומען מיט קוואורע און כאָטש מען האָט זיך אַפילע אויסגעלערנט צו ברענגען צו קיווער יִסראָעל אַזאַ הייליקייט ווי יידיש זייף, האָט מען אָבער אויך אָנגעהויבן באַגראָבן אַף נישט צו פאַרלירן. צוזאַמען מיט פאַרטיזאַניש געווער האָט מען באַ־האַלטן אין דער ערד לעבעדיקע יידישע אויפעלעך און אין די צייטן פון דער גרעסטער קוואורע־אַקטיווקייט, האָט רינגעלבלום איינגעשטעלט אַ היס־טאָרישע פאַרבינדונג מיט דער מאַרטירער־ערד און זי פאַרוואַנדלט אין אַ פייער־קאַסע פאַר די דיניטשקע גילזע־בלעטלעך, וואָס האָבן אַריינגעזאַפּט אין זייער דורכזיכטיקייט דעם גאַנצן געטאָ־ווײי און די גאַנצע געטאָ־ווערדע.

איצט גראָבט מען אויס די באַגראָבענע פינף יאָר יידישע געשיכטע. דאָס זיינען נישט קיין בענד וואָס מען נעמט אַראָפּ פון אַ פּאָליצע און נישט קיין מאַנוסקריפּטן וואָס מען ציט אַרויס פון אַ טישקעסטל. דאָס איז אַ פּאַרזונקענע יערושע און צוואָע, וואָס מיר רייסן אַרויס מיט צוואַנגען פון די טיפעניש. די דאָזיקע יערושע איז צוגעדעקט נישט נאָר מיט צע־קנוידערטער ווייסל־ערד און מיט צעקנאָטענעם געטאָ־גרוז, נאָר אויך מיט שוואַרצע יידישע שאַרבנלעכער און מיט ווייסן יידישן ריפּן־סכאַך.

פון די דאָזיקע מעאויעמדיקע לעבער ראַטעווען מיר איצט אַרויס אַ

שטיק יידישע געשיכטע. נישט קוקנדיק אַף איר צענקאָסטנדיקן פּאַרנעם, איז זי אָבער נישט מער ווי אַ טיי-לעפעלע מיט צען טראָפּנס. די עטלעכע טראָפּנס האָבן אָבער אין זיך אַזוי פיל געזאַלצנקייט, אַז זיי קענען פאַרוואַנדלען אין יאַם־וואַסער אַלע טייכן פון דער וועלט.

אַזאַ איז זי די געשיכטע וואָס איז איינגעבונדן אין די צען קאָסטנס, און דערפאַר טאַקע, אַז דער שוידער פון די דאָזיקע קאָסטנס וועט איבערגעבן ווערן צום דרוק, וועלן די ביכער דאַרפן הייסן „פינף יאָר יידישע געשיכטע, אין צען קאָסטנס" און נישט „אין צען בענדער".

V

די ערשטע אויסגראָבערישע דערפאַרונג פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע איז אַ צאַרפולע און אַ פיינלעכע.

מיר האָבן אויסגעגראָבן אונדזער אומגליק און מיר קענען נישט האָבן די גרויסע אַרכעאָלאָגישע פרייד פון די עמעסע אַרכעאָלאָגן, וואָס דערגראָבן זיך צו אינטערעסאַנטע געפינסן. זיי גראָבן אויס דאָס ראָוו: אַלטן גליק, לעבנשטייגער, אַרכיטעקטור, קונסט, אָרנאַמענטיק, און אויב זיי שטויסן זיך אָן אַף אומגליק, איז עס נישט זייער אומגליק, און אויב עס איז שוין יאָ זייערער אַן אַלטער, לאַנג שוין אויסגעוועפּטער אומגליק, איז ער הונדערט מאָל קאָמפּענסירט געוואָרן מיט שפּעטערדיקן נאַציאָנאַלן גליק.

מיר האָבן אָבער גלייך פון אָנהייב געוואוסט, אַז מיר גראָבן זיך צו אונדזער ווייטיק דורך קאַנאַלן וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו שוויצן מיט יידיש בלוט און וואָס זיינען געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט יידישע ביינער. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב מיר וועלן זיך אָנטרעפן אַף די צען קאָסטנס, וועלן עס זיין צען קאָסטנס מיט אומגליק, צען קאָסטנס מיט צען מאָל הונדערט טויזנט טויטן. עמעס, מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז דאָס וועלן אויך זיין צען קאָסטנס מיט העלדישקייט, אָבער דאָס האָט בלויז געקענט קילן און גלעטן אונדזערע פאַרשוואַרצטע געמיטער און בעשום אויפן נישט אַרויסשרויפן דעם פיין פון זיי.

אונדזער אַרכעאָלאָגיע איז ענלעך אַף וויוויסעקציע, ווייל דאָס גראָבן און דערגראָבן זיך צו די קאָסטנס איז אַ פאַלמעסן זיך אַליין, אַ מעסער־עקספּעדיציע צו די אייגענע געפילן.

אזא איז זי די יידישע אַרכעאָלאָגיע. נישטאָ אין איר קיין ווייט־הים־טאָרישע נייגעריקייט, ספּעקטאַקולאַרישקייט און טויזנטיאָריקע דיסטאַנצן. עמעס, אונדזער אַרכעאָלאָגיע, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אַרכעאָלאָגיעס, גראָבט זיך צו טויטע וועלטן, אָבער אין דער צייט ווען דער נאָרמאַלער אַר־כעאָלאָגישער טויט פון אַן עפּאָכע געפינט זיך ווייט־ווייט אויף יענער זייט פון איצטיקן לעבן, איז דער טויט וואָס מיר גראָבן אויס — טיף אין אונדז. עס איז אַ טויט וואָס לעבט, און דעם דאָזיקן אייגענעם לעבעדיקן טויט ציען מיר איצט אַרויס מיט די אייגענע הענט פון דער פאַרקוילטער, צע־בריטער און צעטרייבערטער וואַרשעווער ערד.

אזא איז זי די נייסטע, עלעגישסטע און האַרצרייסנדיקסטע פון אַלע אונדזערע וויסנשאַפטן — די אַבסורדאַלע יידישע אַרכעאָלאָגיע, וואָס איז אָקערשט געבוירן געוואָרן אין די געטאָ־גריבער און וואָס איר שוואַרץ־פאַרשלייערטע יונגקייט שוועבט איצט איבערן אַשיק־שטויביקן טויהו־וואָוואָיהו...

זייבער ליגוואָרא

אז רוב נסים הפלאת בלילה:
הפחדת ארמי באמש לילה:
זרע בכורי פתרוס מחצת בחצי הלילה:
חילם לא מצאו בקומם בלילה:
שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה:
תאיר כאור יום חשכת לילה.

(האַגאָדע)

I

אין דער טיפנאַכטיקער יידישער געשיכטע איז צוגעקומען נאָך אַ נאַכט, אַ גרויסע יידישע נאַכט.

ס'איז צוגעקומען אַ נאַכט, אָבער ס'איז נישט צוגעקומען קיין פינצ־טערקייט, ווייל די נאַכט איז געווען אַ שטראַליקע, אַ דימענטענע מיט רור־בין-רויטע אָפּגלאַנצן. דאָס איז געווען אַ נאַכט אַן אויסגעבאָדענע אין פאַר־טרערטן פייער, אַ נאַכט פון פאַלנדיקע יידישע שטערן, אַ נאַכט פון ווייטיק און פון שיינקייט, אַ נאַכט וואָס איז ענלעך בלויז אף זיך אַליין. יעדער שטערן אירער, וואָס איז געפאַלן, האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ בליץ, און יעדער בליץ וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינצטערניש, האָט אַוועקגעשאָנקען זיין גרויסע יידישע ליכטיקייט דער דאָזיקער נאַכט...

די יידישע געשיכטע איז געוואוינט געווען צו פינצטערע און איימע־דיקע נעכט, אָבער אַזאַ נאַכט ווי די ערעוו-פייסעכדיקע געטאָ־נאַכט התש"ג, ווי די וואַרשעווער אַפּריל־נאַכט פון 1943, האָט זי נאָך נישט באַגעגנט. די דאָזיקע נאַכט האָט אונטערגעצויגן אַ בלוטשטריך אונטער צוויי טויזנט

יאָר יידישן וויטיק און האָט אָנגעהויבן אַ נייעם כעשבן — דעם כעשבן פון יידישער בעציבורדיקער גוואורע. דער דאָזיקער כעשבן, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו פירן אָפן צעפליקטן ברוק פון די גאַלעוועס, האָט זיך אַוועקגעצויגן אין די פּאַרטיזאַנישע וואַלד-טיפעניש און איז דערגאַנגען צו טיראַט צווי, צו מישמאַר האַעימעק און צו די יערושאָלאַימער מייאַ שעאַרים. דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער כעשבן וועט שוין מער נישט געשלאָסן ווערן און וועט זיך ציען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז אַלע אונדזערע געשיכטלעכע העזייקעס וועלן נישט געדעקט ווערן.

דעם 19טן אַפּריל האָט די וואַרשעווער געטאָ-נאַכט געגומען ליקווידירן דעם יידישן היסטאָרישן פּאַסיוו, דעם בליגדן, שעפּסענעם ביטאָכן און האָט אַריינגעשפּיגן אין סאַמע מיטן פון נאַצישן פּאַרצעף אַ גאַליק-יידישן, אַ לייבעצדיק-ברענענדיקן פייערשפּיי.

די נאַצישע קנופּיעס האָט געמיינט אַז דאָס ערגסטע מיט וואָס די געטאָ קען באַדראָען איז טיפוס-געפאַר אָדער פּעסט-מאַגייפע. זייער אויפשריפט „זעאוכע-געפאַהר" איז געווען די געלע לאַטע וואָס די געטאָ-מויערן האָבן געטראָגן. אַף קיין אַנדערע געפאַרן האָבן זיי זיך גאָרנישט געריכט.

זיי זיינען דעם 19טן אַפּריל אַריין אין געטאָ דורכצופירן אַ פריילעכן האָזן-געיעג און באַגעגנט האָבן זיי זיך מיט אַ מילכאָמע, מיט אַ נייעם פראָנט. אין טאָג ווען דער פירער האָט זיך מיט אַ מעלאַנכאָלישן געגגל אַריינגעשלייכט אין זיין 55טן לעבנסיאָר, אין טאָג וואָס האָט געזאָלט זיין דער לעצטער יידישער פּייסעך, האָבן זיי אַריינגעטופּעט אין געטאָ, קעדיי צו היילן מיט יידיש בלוט דעם סטאַלינגראַדער בראָך, אָבער געכאַפּט האָבן זיי אומגעריכטערהייט אַ וואַרשעווער געטאָ-בראָך, וועלכן זיי האָבן געמוזט פאַרגיסן מיט זייער אייגענעם בלוט. דאָס וואָס עס האָט געזאָלט זיין אַן אַמוזירנדיקע מאָרד-שטיפעריי אין אַ פרילינג-נאַכט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידיש-דייטשער מילכאָמע.

די טעמפּע פרייסישע רעציכע האָט אויסגעקווילערט אירע קעלבערנע קוקערס און האָט נישט געקענט איבערציילן די טויזנטער פונקען און דערשטוינטע פראַגע-צייכנס, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון איר צעביילטן, צעכמאַליעטן שטערן און פון אירע בלוטפאַרלאָפענע אויגעגעס. עס האָט געברענט איר וויטיק און נאָך פייערדיקער האָט געסמאַליעט איר שאַנדע,

ווייל געזעצט אין דער באַזויפטער מאָרדע האָט גראָד דער צעטראָטענער „שיים-יודע". עס האָט מאַמעש געשטיקט און געוואָרגן די כאַרפּע פון דאַרפן דערנידעריקן זיך צו אַזאַ מין ביזע-ביזיוינעסדיקער אומווירדיקייט ווי ראַנגלען זיך מיטן געטאָ-אָפּפאַל; פון איבערלעבן אין דער צוגעשטיקטער הינטערלאַנדישער געטאָ די סטאַלינגראַדער טויטשרעק, פון באַקומען אָנשטאָט אַ קאָמפּענסאַציע פאַר סטאַלינגראַד, אַ סטאַלינגראַד צוגאָב-פּאָרציע פון שמוציקע יידישע הענט; פון נישט קענען מאָרדן, נאָר מוזן קעמפן און טאַקע אַליין דערמאָרדעט ווערן, און פון וועמען? אָ, קרויז-דאָנערוועטער!...

דאָס יידישע פאָלק אין געטאָ האָט אָבער דעם דייטש נישט געגעבן קיין צייט צו אַנטוויקלען און צו שפּירן זיין געפיל פון עקל. דאָס גאַנצע פאָלק „כנפש אחת בישראל" האָט זיך אויפגעהויבן צום קריגערישן „חצות", צום בלוטיקן, רויט-הימלדיקן „חצות", קעדיי, צום ערשטן מאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר, מעקאַיעם צו זיין די מיצווע פון ברענגען אַ „קרבן פסח"... נישט קיין שעפּעלעך און נישט קיין טויבן האָבן די יידן געקוילעט נאָך כּאַנדעבורגער שווייגען און ווירטעמבערגער אָקסן, און אויב די הימלען האָבן אַ כוש-האָרייעך, האָט זיי דער רייעך פון דאָזיקן קאָרבנדיקן גע-בראָטנס געדאַרפט זיין זיס ווי צוקעררויך, פאַרשיקערנדיק ווי רויזנדופט און פאַרוויגנדיק ווי ווייררויך.

צום ערשטן מאָל איז דער פייסעכדיקער „שפוך חמתך" נישט געבליבן קיין פרומער וואונטש, קיין רוגזעדיקער געפּרעפּל און קיין טעאָרעטישע פאָרמול. דאָס מאָל איז געשטאַנען אַנטקעגן אַ קאָנקרעטער איימאַס-מאָ-וועסדיקער דאַס-סוינע. דאָס מאָל איז דאָס געזאָגטע נישט נאָר געזאָגט געוואָרן, נאָר אויך געטאָן געוואָרן. „שפוך חמתך" האָט דאָס מאָל באַדייט: „גיס פייער" און די געטאָ האָט געגאָסן! פון פלאַנדיקע דעכער און פון זינקענדיקע קעלערן, דורך אָפּגעברענטע טעג און דורך רויטהאָריקע נעכט האָט זיך געטראָגן דאָס יידישע פייער-געשפייערייַ אַף דער נאַצישער כאַיע-ראָע, ביז עס איז אויסגעגאַנגען דאָס געטרייע פייער און ביז עס איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער שפּייענדיקער גומען...

אין 18 טעג איז דאָס דרייסיקמיליאָניקע פוילן געפאַלן און איבער-געקערט זיך; צו 3 טעג האָט די אָנדערטהאַלבנמיליאָניקע וואַרשע אוועק-געלייגט דאָס געווער; אָבער די געטאָ, די קוים פערציקטויזנטדיקע, די גע-

שמידטע און נאקעטע, האָט דריי וואָכן דערלאַנגט צוריק מיליטעריש און פינף וואָכן — פריישיסעריש און שפּילקעשטעכעריש... און אַפילו נאָך דעם איז זי נישט געפאַלן. זי איז אויסגעריסן געוואָרן מיט וואָרצל, אויס-געברענט געוואָרן ביז די פאַרבאָרגנסטע טיפענישן, איבערגעקערט און איבערגעקנאָטן געוואָרן, הורכגעלאָזן געוואָרן דורך די שטיינערנע מיל-צילינדערס פון דער סיטרע-אַכרע...

דער דאָזיקער קאַמף איז אָבער נישט פאַרשוואונדן אונטער די כור-וועס. ער איז אריין אין דער יידישער געשיכטע, קעדיי צו שלאָגן דאָרט ווי אַ קילער. לעבעדיקער קוואַל; קעדיי צו דערמאָנען אין דער ערשטער צעלויכטענער נאַכט, די נאַכט פון צעקודלטן פייער, די נאַכט פון „דם ואש ותמרות עשן", די נאַכט וואָס פון איין זייט פינצטערט זי מיט דייטשן פאַרברעכן און פון דער אַנדער זייט זילבערט זי זיך מיט יידישער גוואורע.

זי לייכט די דאָזיקע נאַכט מיט פערציק טויזנט יידישע שטערן און הינטער איר בלייכט אַ לאַנגער לאַנגער מילכוועג פון אַשיקן יידנשטויב.

II

אין מיטן פון דער פאַרסאַרפעטער וואַרשעווער בלוטערד איז אוועק-געשטעלט געוואָרן אַ שטיינערנער איידעס.

פון פאַרקוילט-פאַרקילטן געטאָ-מידבאָר וועט אַ ברייטאַקסלדיקע וואַנט אויסוויטיקן אין מירמלשטיין די יידישע אַפּריל-טעג, דעם צאַ-וואָעסדיקן קאַמפּסרוף פון די יידישע אויפשטענדלער. נישט נאָר דאָס מאַ-צייוועדיקע וועט אַראָפּטרויערן פון דער דאָזיקער וואַנט, נאָר דער איקער — דאָס לעגענדאַרישע, דאָס גיבער-יסראָעלדיקע וועט פון איר אַראָפּ-פינקלען. דאָס וועט זיין נישט קיין זייכער לעבורבן נאָר אַ זייכער לי-גוואורע!

אַ סך טרויעריקע זייכערס זיינען דורעסוויז קאָלעקציאָנירט געוואָרן אין אונדזער געשיכטע, אָבער דער טרויעריקסטער פון זיי, דער זייכער פון אונדזער דאָר, איז גראָד באַקראַנצט מיט פרייד פון גוואורע. ס'איז אַ האַרצרייסנדיקע פרייד, אָבער זי איז דאָ — אַ קאָשער-פאַרדינטע, אַ שווער-פאַרהאָרעוועטע, אַ בלוטיק-באַזוימטע.

נאָך די פריערדיקע כורבוינעס פלעגן אונדז בלייבן צעקרישלטע

וועגט, צעשטויסענע טעמפלען און א לאנגע גאלעסדיקע אפהענטיקייט, נאך דעם דאזיקן כורבן ברענט אין אונדז נ א ך שטארקער דאס יידי־שע דורשטיקע לעבן און עס קומט אונדז צו א טעמפל — די וואנט פון אונדזער שטאלץ. די דאזיקע וואנט איז נישט קיין צופעליק איבערגעבלי־בענער שערבל פון געוועזענער גרויסקייט. מיר שטעלן זי אוועק אף אונ־דזער אש און מיר הייליקן זי ווי א מאנאליט פון זיג. זי איז ווי א מירמלנע פאן פון אונדזער נייעם, שארפאויגיקן ביטאכן, זי איז ווי אן אויפגעהויי־בענע שטיינערנע סייפער־טוירע, זי איז דער צענטראליזירטער לעבנסרוף פון אונדזער איבערבלייבעניש, פון אונדזער קוואליקן און קנאספיקן „שארית החורבן".

מיר האבן אוועקגעשטעלט די דאזיקע וואנט אף אויסגעלייזטער פוי־לישער ערד, אין מיטן פון א נייעם יידישן אויפקום. אף דער דאזיקער אלטער, קיייוורדיקער ערד, אין דאזיקן געוועזענעם איימעק האבאכא גרא־זיקט און בלומיקט א יידיש לעבן, א לעבן וואס וואקסט נישט מער מיטן קאפ אראפ, וואס רוקט זיך נישט אין דער קווער, וואס באהאלט זיך נישט אין קיין שפאלטן, וואס קלאמערט זיך נישט ווי א קריכפלאנץ און וואס שארט זיך נישט אין שאטן. ס'איז א לעבן אף דער אפענער אויבערפלאך, א לעבן א פריילאנדיקס און א פרייוועלטיקס. די היסטארישע בארעכטי־קונג פון דאזיקן לעבן איז פארקערפערט אין דער יידישער וואנט וואס הייבט זיך אויף צום ווארשעווער הימל און שטרעקט אוים אין דער הייך איר לויטערע זויבערקייט.

אין גיכן וועט אן ענלעכע וואנט אויפגעטורעמט ווערן אף אן ערעצ־יסראעלדיקן בארג. די דאזיקע ביידע צווילינג־ווענט וועלן זיין די לו־כעס פון יידישער גוואורע, די לוכעס פון אונדזער ווייטערדיקן יידנגאנג און וועלטגאנג...

פריער איז געוועזן א געטא־מויער, איצט — א גוואורע־וואנט. דאס איז דער זין פון אונדזער נייער געשיכטע. פון איצט אף ווייטער וועט דער געבאט פון אונדזער לעבן דארפן זיין:

נישט אפטרעטן פון דער גוואורע־וואנט צום געטא־מויער!

III

אז די אָפּגעדעקטע וואנט האָט א שימעריר געטאָן מיט אירע מיר־מלנע בלאָקן און גראניטענע טאָוולען, האָט בא אלעמען אין דער נעשאָמע אויפגעגלאנצט דער זייכער פון יענער נאכט, פון יענער ערשטער נאכט וואָס האָט געבוירן דעם 19טן אפּריל פאַר דער יידישער געשיכטע.

אַף די שטיינערנע ווייסקייטן וועט זי אויפגיין יענע נאכט, יענע נאכט פון „יד חזקה וזרוע נטויה", יענע געטאָ־נאכט פון וועלכער עס האָט זיך אָפּגעטאָן די פינצטערניש, יענע נאכט פון יידישער צעשטערנטער און צעבליצטער ליכטיקייט.

מיט טאָגליכט וועט זי שטראַלן די גרויסע יידישע נאכט, ווי עס האָט געוואָלט דער פּערז פון דער האַגאָדע־פּאָעזיע: „תאיר כאור יום חשכת לילה".

די צײַט

צייט, צייטיקייט, צייטונגען

I

דער קירצסטער, געשלאסענער קרייזלויף פון דער צייט, — דער מעסלעס, איז א פיראונצוואנציקשאעדיקער צוזאמענשפיל פון ליכט און ריטם.

דאס ליכט איז אין יעדן מאמענט פארענדערלעך, אפהענגיק פון דעם אין וועלכער פאזיציע עס געפינט זיך די פליענדיקע ערד לענגאבע דער זון, דער לעוואנע און די שטערן-סיסטעמען. דער ריטם בלייבט אבער דער זעלבער, ווייל יעדע מינוט, מעג זי זיין א באזוניקטע, אן אויסגעשטערנטע צי א שטאקפינצטערע, דויערט ניט מער און ניט ווינציקער ווי א גענויע מינוט. אזא איז די פיזיש-מעכאנישע, אסאציאלע כאראקטעריסטיק פון דער צייט.

דער דאזיקער אומפארמיידלעכער, נאטירלעכער געוויקל פון דער צייט, דער דאזיקער אבסטראקטער צוזאמענשפיל פון פאסיווע נאטור-דערשיינונגען קריגט, דורכן מענטשלעכן לעבן, א סייכלדיקע, סאציאלע אויסגעפולטקייט, פארלירט זיין אויטאמאטישע בראנאלאגישקייט, זיין נאטור-אבסטראקציע און ווערט די מאס פון לעבעדיקער דויערהאפטיקייט, דער אינסטרומענט פון געשיכטע-מעסטונג.

ווען מען טראגט אריבער דעם סימבאלישן זין פון ליכט און ריטם אף די צווישנמענטשלעכע באציאונגען, זעט מען, אז די מענטשהייט, אין איר אומאויפהערלעכן קאמף מיט דער נאטור און מיט דער אייגענער מענטשלעכער רעאקציע, וויל איינאנצן בייטן די אייגנשאפטן פון די דא-

זיקע צוויי עלעמענטן. זי וויל, אַז דאָס ליכט, וואָס איז אין דער נאַטור פאַרענדערלעך, זאָל אין די סאָציאַלע אומשטענדן ווערן אומפאַרענדערלעך, דאָס הייסט עס זאָל שטענדיק זיין ליכטיק אין מענטשלעכן לעבן, און אַז ריטם, וואָס איז אין דער נאַטור אומפאַרענדערלעך, זאָל יאָ ווערן פאַר-ענדערלעך, קעדיי עס זאָל וואָס מערער קענען אויפגעטאָן ווערן אין אַ וואָס קירצערער צייט; קעדיי מיטן ריטם פון איין טאָג זאָל אויפגעטאָן ווערן אַזויפיל וויפל די נאַטור טוט אויף אין צענדליקער יאָרן. דאָס איז דער אויפן פון סאָציאַליזירן און הומאַניזירן די צייט.

אייניקע פאַרגלייכן די צייט צו אַ ספינקס, מיטן מיין אונטערצושטרייכן איר גראַניטענע פאַרגליווערטקייט, איר שטיינערנע אומפילעוודיקייט, איר ראָל פון אַן אומפאַראינטערעסירטן טויב-שטומען איידעס לעגאַבע דעם גאַנג פון דער געשיכטע און פון דער וועלט.

אַנדערע, ווידער, פאַרגלייכן די צייט צו אַ שנעל-בליצנדיקן קויעך, צו אַ יאָגנדיקן עקספּרעס-באַן, צוליב דער שווינדלדיקער גיכקייט מיט וועל-כער עס פאַרשווינדן, אַף אַזאַ מין פאַרשווענדערישן אויפן, די מינוטן און די שאָען.

די סטירע צווישןביידע פאַרגלייכן איז בלויז אַן אויבנאויפיקע, ווייל אין גרונט גענומען, שטרעבן זיי ביידע „פילאָזאָפיש" צוצוגעבן דער צייט אַ קאַטעגאָריע פון אויסער-מענטשלעכער העכערקייט און געהיימ-נישפולקייט... זיי שטרעבן אַרויסצוברענגען די אַנונג, אַז די צייט איז אַ גרייס, וואָס לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירן דורכן מענטשן, אַ גרייס וואָס איז אָפּגעשלאָסן אין איר אייגענער אומאָפּהענגיקייט. בעמיילע קומט שוין אויס, אַז די באַציאונג צווישן מענטש און צייט איז מער אַ גורל-זאַך, אַן איניען פון פאַטום און אַז די דירעקט-מענטשלעכע פאַראַנטוואָרטלעכ-קייט פאַר צייטפאַרלאָנג איז זייער אַ באַשרענקטע.

דער ערשטער צוגאַנג איז אַ מעטאַפיזישער, אַן אויסרייד נישט צו האָבן קיין שום באַציאונג צום אויפן ווי אַזוי מיר לעבן, ווייל די צייט, די אַבסאָלוטע, פאַרגליווערטע צייט, ווי זיי ווילן אויפווייזן, קימערט זיך ניט וועגן אונדז, זי שטייט אויסער אונדז.

דער צווייטער צוגאַנג איז אויך אַן אויסרייד, אַן עפּיקורישער טע-רעץ, קעדיי צו געבן אַ העטער אויסצונוצן עגאָיסטיש און האַנאָעדיק דאָס לעבן, ווייל „די מינוטן אַנטלויפן".

ביידע צוגאנגען זיינען נישט מער ווי אויסריידן, ביליקע פילאָזאָפישע דריידלעך, וואָס די רעאַקציע האָט, זינט דווירעס, אַריינגעטריפט אין דער פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע, קעדיי צו האַמעווען דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אין ערשטן פאַל אָפּערירט זי מיט איבערנאַטירלעכן, אויבערגלויבערישן פּאַכד און אין צווייטן פאַל מיט אוטיליטאַריזם און אויפּרייץ צו גענוס.

די וואָס כאַזערן איבער אומבאַוואוסטזיניק, אַז די צייט רינט אויס שנעל, איז אַ סימען אַז זיי לעבן אַ פּוסט לעבן, ווייל אַ מינוט מיט אינ־האַלט דויערט מער ווי אַ פּוסט יאָר. די, ווידער, וואָס שטאַמלען וועגן צייט-פּאַרגליווערטקייט, לעבן אַ פאַרשטאָפּט לעבן, ווייל אין אַלע זייערע מאַיסים זעען זיי די באַגרענעצונג, די אומבאַפרידיקטקייט, די פּאַר־פלאַכטקייט.

פּאַרמעל גענומען איז די צייט אַ מאָס, און אויב שוין יאָ אַ מאָס, איז וויכטיק עס זאָל זיך האַנדלען פון אַ פּינקטלעכער מאָס און נישט פון אַ גאַמע אומפּינקטלעכקייטן, וואָס וואַקלען זיך צווישן פאַרשטיינערטקייט און בליצשנעלקייט, און עס איז אַן אַבסורד צו באַטראַכטן זי פון קוקווינקל פון דואַליזם.

אוועקגייענדיק, אָבער, פון ריין־פּאַרמעלן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען זאָגן, אַז אין אַלגעמיין און אין טאָך גענומען, קען מען די צייט נישט אָפּ־טיילן פון מענטשלעכן לעבן. נישט די צייט הערשט איבערן מענטשן, נאָר דער מענטש געשטאַלטיקט די צייט, און אויב ער געשטאַלטיקט זי שלעכט, איז ער דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער. אין יעדן פאַל בלייבט זי שטענדיק ווי אַ פונקציע פון מענטשלעכן לעבן און נישט ווי אַ דרויסנ־דיקע, פּוסטע סכעמע. די צייט, אַבסטראַקט גענומען, איז ווי אַן אויסגע־שפּאַנט פערד, וואָס וועט זיך אַליין אין וואָגן נישט איינשפּאַנען. דער מענטשלעכער סייכל, דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין און די מענטשלע־כע אָרנטלעכקייט דאַרפן זי באַהערשן. דערפאַר איז נישט ריכטיק דאָס העברעישע שפּריכוואָרט וואָס זאָגט: „מה שלא יעשה השכל, יעשה הזמן". דאָס אוועקשטעלן די צייט העכער פאַרן סייכל, דאָס פאַרלאָזן זיך בלינד אויף דער צייט ווי אויף אַ מיסטעריע, איז הוילער פאַטאַליזם און אַ העפקערדיק־באַקוועמער אויפן צו באַפרייען זיך פון פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט.

די צייט איז נישט קיין ספינקס און נישט קיין עקספּרעס־באַן. עמעס,

זי איז קאָמפּליצירט אין איר מאָדערנעם געוויקל און געוואַקל, אָבער דער מענטש וויקלט זי אויף און דער מענטש צעוואַקלט זי. עס איז בלויז וויכטיק, אַז דאָס וויקלען און צעוואַקלען זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין פאַרפּלאָנטערן און צעמישן.

די צייט איז נישט קיין מעטאַפיזישער באַגריף און נישט קיין דרויסנדיקע מיסטעריע.

דער מענטש דאַרף האַלטן אין זיינע הענט די צוימען פון דער צייט.

II

פון באַגריף צייט צווייגט זיך אָפּ דער באַגריף צייטיקייט אָדער רייפקייט. אין אַ באַשטימטער צייט ווערן צייטיק די פרוכטן, ווערן רייף די ברויטקערנער אינעם זאַנג און עס ווערט צייטיק דער באַנעם און אינטעלעקט פונעם מענטשן.

דאָס צייטיק ווערן, האַגאַם דאָס איז די נאַטירלעכסטע הויפּטנייגונג פון יעדן געוויקס און באַשעפעניש, פאָדערט הילף. אין דער נאַטור העלפט די זון און עס העלפן די רעגנס, און עס העלפט דער כלאָראָפיל פון די בלעטער און די פּראָטאָפּלאַזמע פון די קעמערלעך. דעם מענטשלעכן אינטעלעקט קומט צו הילף די דערציאונג, דאָס בוך, די וויסנשאַפט, די דערפאַרונג, די בילדונג.

קעדיי, אָבער, אָנצוהאַלטן פריש די דאָזיקע דערוואָרבענע צייטיקייט, קעדיי צו אַקטואַליזירן און באַוואַסערן זי טאָג-טעגלעך, איז אַנטשטאַנען די צייטונג, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען דעם צייטגייסט, פאַרגעדענקען דעם ריטם פון מעסלעס, פאַרצייכענען דעם פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן ווידוי פון אָוועקגייענדיקן טאָג און פאַרשטעלן מיט זיך דעם אינטימען טאָגבוך פון דער קעגנוואַרט.

אָפּ צו העלפן דעם פּראָצעס פון טאָג-טעגלעכן צייטיק-ווערן, דאַרף די צייטונג אַליין זיין צייטיק. אין אידעישן זינען זיינען ,אָבער, פאַראַן מער אומצייטיקע צייטונגען ווי צייטיקע. די צייטונג דאַרף נישט נאָר שפּיגלען זיך און אָפּשפּיגלען, ווי דאָס טוט אַ גלייכגילטיקער שפּיגל, נאָר אויך פאַרשטעלן מיט זיך דעם געזעלשאַפטלעכן זייגער פון דער צייט.

באַנוצנדיק אַ זייגער-טערמינאָלאָגיע, קען מען זאָגן, אַז עס זיינען

פאראן שטייענדיקע צייטונגען און צייטונגען וואס קריכן; צייטונגען וואס לויפן און צייטונגען וואס פארשפעטיקן זיך; צייטונגען אן ווייזערס און צייטונגען אן ציפערבלעטער; צייטונגען נישט קיין אנגעצויגענע און צייטונגען וואס קלאפן נישט אוים די שא, אויף וועלכער עס ווייזן די ווייזערס; צייטונגען, בא וועלכע דער אומרו איז נישט אומרואיק און צייטונגען מיט געפלאצטע שפרינפעדערס און אן גערערעם; צייטונגען מיט א שטילינקן גענגל און צייטונגען מיט א גאנג פון א גאנג.

מיר מוזן האבן פינקטלעכע צייטונגען, צייטונגען מיט סעקונדן-מעסטערס, צייטונגען וואס זאלן מיט זייער ווארעמען עמעס עפענען די אויגן, צייטונגען וואס זאלן מיט זייער געשפאנטער גוואורע האלטן די צוימען פון דער צייט, קירעווען מיט דער צייט, אנשטאט צו פארוואנדלען זיך אין די אפפאלקוישן פון גרויע מינוטן און טריבע טעג.

מיט א שווארצן צאנראד האבן אונדז דורכגערעדלט די מילכאמעיארן און אריינגעשטאכן זייערע צעבראכענע אקסן אין אונדזער געמיט.

די פאליטישע וואונדן פון אונדזער ליטעראריש ווארט אייטערן מיט פארצווייפלונג.

איז אין אונדזערע צייטונגען דערשינען עפעס מער ווי אייבעדיקע קלעמעניש און מעוואולוולדיקער פארדרוס? איז אויפגעקומען א קאנסטרוקטיווער געדאנק אדער א גראדליניקע אידעע, אדער א פעסטער פירווינקלדיקער פראיעקט פון באשיידונג?

כ. נ. ביאליק האט, פארשניצנדיק אמאל א בלייער, אפגעשניטן זיך א שטיקל פלייש פון א פינגער. אין א געווויסער צייט ארום האט זיך דער פינגער גענומען היילן און אפן ארט פון שניט האט גענומען אנוואקסן פריש פלייש פון א יונגן, ראזן קאליר. האט ביאליק געוויזן זיינעם א פריינט דעם געזונטווערנדיקן פינגער און האט אים געזאגט: „קוק זיך איין, אט איז טכיאס-האמייסים אפן שפיץ פינגער".

דער דאזיקער גוואורעדיקער און טיפזיניקער אויסדרוק קומט מיר איצט אפן זינען, צוזעענדיק ווי א סאך פון אונדז האבן נישט קיין הויפטגעדאנק, ווי א סאך פון אונדז זוכן טרופעס און ווייזן אן אף טיילווייזע באשיידונגען, וואס זיינען נישט מער ווי א טכיאס-האמייסים אפן שפיץ פינגער.

מיר טארן זיך אבער נישט באגנוגענען מיט א שפיצפינגערדיקן

טביאָס-האָמיים, מעג דער שפּיץ פינגער זיין אויסשליסלעך אַ יידישער, ווייל אַז עס וועט קומען צו געבן דעם דאָזיקן צוגעזאָגטן שפּיץ פינגער, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז נישט מער ווי דער שמוציקער נאָגל.

מיר ווילן אַן אינטעגראַלן טביאָס-האָמיים, אַ מענטשלעכן, אַן אַלוועלטלעכן. דורך אַזאַ מין טביאָס-האָמיים וועט שוין בעמיילא אויך קומען דער יידישער טביאָס-האָמיים, דער ערעציסראָעלדיקער און דער ניט ערעציסראָעלדיקער. אַלע איבעריקע שפּיצפינגערדיקע טרופּעס זיינען פּלאַסטערלעך וואָס דער שטורעמווינט רייסט אַראָפּ נאָך איידער זיי קלעפּן זיך צו. דער שפּיץ פינגער, וואָס מען וועט אונדז באַוויליקן צו געבן אויף אַן אַנדער וועג, וועט שטענדיק זיין דער שפּיץ פון אַ... פייג; אַזוי לערנט אונדז אונדזער אַלטע און מאָדערנע געשיכטע.

אונדזערע צייטונגען זיינען פול מיט דער גרויסער, צעבלאָזענער בע־האָלע פון די קליינע מענטשעלעך מיט די מאָן־קעפּעלעך, וואָס פּרעפּלען וועגן אַ פּרייוויליקן גיירעש, וואָס ווילן אָפּמעקן מיט איין שמיר פון אַרבל אונדזער בלוטיקן זייכער פון דער באַפרייטער מיזרעך־אייראָפּע. שעליכים און אַגענטן, פּליענדיקע פייער־מעשאָרסים און לויפנדיקע וואַסער־מעשאָר־סים מאַכן פּרומע (טויזנטדאָלערדיקע) מינעס און וואַרפן דעם גיוויזע־דיקן פּאַראָל פון קאַפּיטולאַציע צו די יידנמערדער, פון דעזערציע. אונ־דזערע פּאַרטייזאַנער וועלן, אָבער, נישט דעזערטירן, גראָד דערפאַר וואָס יעדע סאָסנע און יעדער זומפּ, יעדער שטיין און יעדע גרוב זיינען גע־יידישט מיט יידיש בלוט. זייער הימן, וואָס איז דער נאַציאָנאַלער הימן פון גאַנצן יידישן פאָלק, וועט קלינגען אין אייראָפּע אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ס'וועט קלינגען די מאַרסעליעזע אין פראַנקרייך און דער אינטערנאַציאָנאַל אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

אונדזערע צייטונגען זיינען גרויס און קלוג. זיי זיינען פול מיטן צייטצאַפּל און מיטן צייטציטער, מיטן געוויקל און געוואַקל פון אונדזער צייט, אָבער זיי פאַרמאָגן צו פיל צערודערונג און צו ווייניק צייטגייסט. די צייט פאָדערט צייטיקייט און די צייטיקייט דאַרף קומען צום אויס־דרוק אין דער צייטונג. ס'איז צייט, אַז בעהאָלע און פּאַניק זאָל פאַרלירן זייער יידישע בירגערשאַפט און אַז זיי זאָלן אויפהערן צו געפינען, אומ־פאַרדינטערהייט, אַזילרעכט אָפן סאַמע קיסע־האַקאָוועד פון דער יידישער פּרעסע.

דאָס איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי ס'איז וויכטיק צו פאַרשטיין, אַז צייט איז נישט קיין מעטאַפיזישע דערשיינונג, נאָר אַ באַגריף, וואָס דער מענטש אַליין מאָדעלירט אויס מיט זיין געדאַנק, מיט זיין אידעאָלאָגיע און מיט זיינע מאַיסים.

ערשטער מיי

I

דער ערשטער רעוואלוציאנערער אויפטו פונעם אורמענטש איז געוועזן: ארבעט.

די ארבעט, אין איר אורגעשטאלט, איז געוועזן רעוואלט, קאמף פונעם מענטש קעגן דער אנגרייפנדיקער סוויווע, קעגן דער איימעדיקער נאטור, קעגן דער ארומכאפנדיקער געדיכטעניש און קאסמישער מוירע. עס איז געוועזן ארבעט, וואס האט זיך איבערגעגאסן אין קאמף; עס איז געוועזן א געראנגל מיט די באצווינגענדיקע אויסערמענטשלעכע נאטורקרעפטן, מיט דעם וועגעטאטיוון אומגעהויער און כאיעשער גרויזאמקייט. עס איז געוועזן א פרואוו אנצוכאפן מיט די צען פינגער דאס אוממענטשלעכע און עס דערשטיקן אדער איבעראנדערשן. עס איז געוועזן דער ערשטער רעוואלוציאנערער שריט ארויסצורייסן זיך פון דער זאאלאגישער געזעצלאזיקייט, קעדיי צו שאפן דאס מענטשלעכע געזעץ, דורך ארבעט און קאמף.

ווען דער אינטואיטיווער אימפולס פון אורמענטש האט זיך בעהאדראגעדיק פארוואנדלט אין סייכלדיקער אנשטרענגונג, איז געבוירן געווארן די מענטשלעכע ארבעט. דער פרימיטיווער אינטעלעקט האט, ווי מיט א שטריק, ביסלעכווייז איבערגעפענטעט דאס בינטל רויע אינסטינקטן, וואס האבן געצאפלט אין די נעגל און אין די ציין און האט מאביליזירט דאס אומבאהאלפענע ביסל געדאנק, וואס האט מיט אומדערפארענער נייגעריקייט גענומען שפילן אין די מענטשלעכע שפיץ פינגער, שטויסנדיק זיי צום שאפן.

אזוי ארום זיינען געדאנק און ארבעט קיין מאל נישט געווען קיין סטירעס; יעדע ארבעט האט געהאט און האט אומבאדינגט גייסטיקע אויסמעסטונגען; ערשט א צייט שפעטער האבן די עקספלואטירנדיקע קלאסן געפרואווט צערייסן דעם ארגאנישן בונד צווישן גייסט און ארבעט און פארשטעלן זיי ווי קעגנזאצן אנשטאט דעם מאזלבראכעדיקן סינטעז וואס זיי שטעלן פאר, האט מען זיי געפרואווט אנטקעגנשטעלן, ווי צוויי אנטיטעזן, וואס האלטן זיך אין באשטרייטן.

די באזיצער האבן איינגעטיילט די מענטשהייט אין צוויי אומגלייכע לאגערן און האבן געזאגט: „מיר וועלן פאר אייך טראכטן און איר וועט פאר אונדז ארבעטן". א צייט שפעטער האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז אין אזא מין לאנד ווי ראטנפארבאנד, לעמאשל, איז גאר דער גייסט א בראכע פאר דער ארבעט; אז וואס מער גייסטיקע טעמפעראטור עס האט די פיזישע ארבעט, אלץ מעכטיקער דרייען זיך די רעדער פון דער פראדוקציע, אז ארבעטן און טראכטן זיינען צוויי העלפטן פון איין און דער זעלבער זאך.

די ארבעט, ווי די ערשטע רעוואלוציאנערע טאט און ווי דער ערשטער פראדוקט פונעם געדאנק, האט געמאכט דעם צוויפיסיקן פאר א מענטשן, פארן „האמא סאפיענס" (סייכלדיקער מענטש) און פארן „האמא פאבער" (פראדוצירנדיקער מענטש). די דאזיקע צוויי וויסנשאפטלעכע באצייכענונגען פונעם מענטשן אונטערשטרייכן, אז דער סייכל און די פעיקייט צו פראדוצירן זיינען די צוויי הויפט־סימאנים פון דער באשעפעניש נומער איינס פון אונדזער ערדקויל.

II

אויב דער ערשטער סוינע פון דער מענטשהייט איז געווען די נאטור, איז שוין דער צווייטער סוינע אירער געווארן, אף אן אומווירדיקן אופן, דער מענטש אליין.

די ארבעט ווי אן אלגעמיין־מענטשלעכער אטריבוט איז ביסלעכווייז פארשוואונדן, דאס הייסט, עס איז שוין נישט געווען צו דערמאנען דאס ווארט „מענטש", קעדיי טייקעף צו אסאציאירן עס מיטן באגריף „ארבעט", ווייל דער דאזיקער באגריף האט אויפגעהערט צו זיין

כאראקטעריסטיש פאר אלע מענטשן. פונעם באגריף „ארבעט" האט זיך אויסגעוויקלט דער נייער באגריף „ארבעטער". עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האט אויך געקענט זיין א מענטש נישט נאר נישט ארבעטנדיק, נאר אפילו פאראזיטירנדיק די פרעמדע מי, נישט פארלירנדיק דערביי דעם מענטשלעכן פארצעף.

פון די פריסטע צייטן פון דער געשיכטע איז די מענטשלעכע ארבעט געווארן אן ארטיקל פון רויב, פון פרום־לעגאליזירטער גענייווע. קעדיי דאס רויב זאל ארייגפאלן גלייך אין מויל אריין, האט מען די ארבעט דעגראדירט צו שקלאפעריי און דער ארבעטמענטש איז געווארן דאס לייבאייגנטום פון באצווינגער, זיין צווייפיסיקער סקאט. די דערציאונג איז געוועזן דער בייטש. די באלוינונג — שווינדזוכט און די אויפקלערונג — רעליגיעזע שרעק. די פריסטער פון די פרימיטיווע שוואטים, די קישעפמאכער, די קויהאנים, די מיליטאריסטישע קאסטעס, דאס ריטערטום און דער שפעטערדיקער פעאדאליזם האבן, מיט גאטס גענאד, געפרעסן די פרעמדע ארבעט, ברוטאליזירנדיק די פארהארעוועטע שקלאפן־מאסע און אויסביינדלענדיק דאס מינדסטע באוואוסטזיין־יאדערל פון איר גייסט.

מיטן אויפקום פון גאלאפירנדיקן קאפיטאליזם האט זיך ארויסגעוויזן אז די קאנצענטרירטע ארבעט שיט מיט רענדלעך און שאפט דעם צויבערדיקן קאפיטאל. מיט בליציקע טעמפן האבן זיך פארמערט די פאבריק־קוימענס און עס האט זיך גלייכצייטיק פארשנעלערט דער ווייניק צויבערדיקער פראצעס פון פראלעטאריזירונג פון גערדיכטע פאלקשיכטן.

צוזאמען מיט דער באלעבאטישער גייציקייט פון דער, אף הייוון וואקסנדיקער, אינדוסטריע, האט זיך אונטערן געבראזג פון די מארטין־האמערס גענומען שלייפן דער באוואוסטזיין פון נייעם אומבאקאנטן פאבריק־סאלדאט — דעם פראלעטאריער.

זעענדיק, אז פון זיין שוויים און ארבעט בלייבט איבער דאס גאלד פארן באלעבאס און די שווינדזוכט פאר אים, האט ער פארשטאנען, אז זיינע צען פינגער זיינען אים געגעבן געווארן נישט נאר צו ארבעטן נאר אויך צו ק ע מ פ ן .

ביסלעכווייז האט עס גענומען קאכן אין זיין הארצן, ביז די באגרינדער פון סאציאליזם האבן מיט זייער שניידנדיקן ווארט דעפינירט זיין

ווייטיק און פאַרמולירט, אױף אײביק, זײנע שטרעבונגען. פון דאַן אָן האָט די געשענדערטע מענטשהייט געוואוסט גענוי וואו עס איז באַגראָבן איר גליק, ווער עס זײנען די באַגרעבער און וואָס מען דאַרף טאָן קעדײ אױס־צוגראָבן דאָס באַגראָבענע...

די רעאַקציע און איר גערעטן מאַמזערל דער נאַציפאַשיזם האָבן מיט אַרבעטער־בלוט געפּרוּאווט אָפּשווענקען די ברוקשטײנער פון די אינ־דוסטריעלע שטעט, אָבער דאָס פאַרגאָסענע בלוט האָט צונויפגעקלעפּט די שטאָלענע און בראָנדזענע רייען, אין זייער מאַרש צו דער פרײהייט. דאָס וואָס בלוט קלעפּט צונויף קען קײן שום קויעך אױף דער וועלט נישט פונאַנדערקלעפּן, קען קײן שום שווערד נישט פונאַנדערשניידן, קען קיין שום רעציבע נישט פונאַנדערריײסן.

III

אין צאַפּנדיקן האַלבקויל פון דער ערד, וואו עס איז אַנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן די אַרבעטער־באַוועגונג, פאַלט אויס דער כוידעש מײ אין פרילינג.

אין ערשטן טאָג פון שענסטן פרילינג־כוידעש, ווען די גאַנצע נאַטור נעמט שוואַנגערן מיט מאַזל־בראָכע, ווען אַלץ וואָס איז פליסיק און שטראָ־מיק, סײ וואַסער אין די טײכן, סײ בלוט אין די אָדערן, זויגט זיך אָן מיט זון און נעמט קרייזן שוימיקער און האַסטיקער, ווען די לופט איז פּערפומירטער סאַמעט און דופטנדיקער זאַפט, ווען צען טויזנט אַנפאַנגנ־דיקע פאַטען זינגען וועגן מײ און ווען דאָס גראָע לעבן ווערט שיקער־לעך פון דער קוואַלנדיקער פרייד, האָט דער אַרבעטער געלאָזט פאַלן זײן מעטאַלענעם וואָרט: אױפן גראָז, אױפן בעטאָן, אױפן גרויסשטאָטישן ברוק, אױפן קלײנשטעטלדיקן מאַרק, אױף די צעבליטע פעלדער, אױף זײנע צעפלאַ־טערטע פענער פון בלוטקאָליר:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראײניקט זיך!”

דאָס סאַמע פרילינגדיקסטע און מערקווירדיקסטע אין כוידעש מײ איז נישט נאָר די יונגע זון און נישט נאָר די דערוואַכטע לעבנסזאַפטן אין יעדן גרעזעלע און אין יעדן ווערימל, נאָר אויך דער וואַלדגערויש פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט, די מאַניפעסטירונג פון זיין טיטאַנישער פאַ־

טענץ, פון זיין אוואַנגאַרדישן אימפּעט און פון זיין טיפּברוסטיקן אָטעם, וואָס קען אויסרייסן וועלדער.

נישט רעכענענדיק די רעליגיעזע יאַנטויווים, איז דער ערשטער מיי דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער יאָנטעוו פון דער מענטשהייט. עס איז נישט קיין דערמאָנונג־יאָנטעוו און אין טאָך גענומען אויך נישט קיין יאָר־פייערונג פון אַ היסטאָרישער פּאַסירונג, נאָר אַ סימבאָלישע פאַר־קערפּערונג פון די שטרעבונגען פון אַרבעטנדיקן פאָלקסמאַסיוו. דער דאָ־זיקער יאָנטעוו פון רוח און פון קוכעס־פאַרמעסט שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין אָפּשלוס פון עפּעס, נאָר אַ פייערלעכן אָנהייב פון נייעם גע־ראַנגל פאַר מענטשלעכער אויסלייזונג, דורך אַרבעטער־פאַרברידערונג, דורך היסטאָרישע מאַיסים, דורך אויסגלייכן דעם דעגראַדירטן מענטש, דורך אומקערן דער אַרבעט איר גייסטיקע הייך.

די רעאַקציע אין די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער האָט זיך געשטיקט מיט די מיי־פייערונגען און ביז נישט לאַנג צוריק פלעגט זי אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט צו פּראָוואָצירן די אַרבעטער און פאַרוואַנדלען די מיי־מאַניפעסטאַציעס אין מיי־שכיטעס, קעדיי אַזוי אַרום צו פאַרניכטן דעם יאָנטעוו, אָבער די ערשטמייאיקע אויסשטראַלונג האָט געגליט ווי די טויזנטגראַדיקע היץ פון די מעטאַלורגישע שמעלצ־אויוונס און דער יאָנטעוו האָט נישט געקענט באַזיגט ווערן.

דעריבער איז די רעאַקציע געפאַלן אַף אַן איינפאַל: זי האָט מיט איר גאַנצן מעלוכישן קלאַפּערגעצייג גענומען מיטפייערן דעם ערשטן מאַי. זי האָט דער יאָנטעוו פאַשעט צוגעגאַנוועט פאַר זיך, זי האָט אים איידעלער־הייט צוגעלאַקכנט, קעדיי אים צו פאַרוואַסערן, קעדיי ער זאָל זיך נישט אָנזען, קעדיי צוצונעמען בא אים זיין גאַנצן זין, קעדיי זיין גאַנצע באַ־דייטונג זאָל זיך צעלאָזן ווי אַ שטיקל צוקער אין אַ גלאָז טיי. אָבער דאָס שטיקל צוקער איז האַרט ווי אייזן און וועט זיך נישט צעלאָזן. עס וועט זיך, ווי אַ ביין, שטעלן אין האַלדז פון די נייע מיי־פייערער.

IV

די לעצטע מילכאָמע האָט געענדערט דעם געוויינטלעכן זין פון די מיי-פייערונגען און האָט אין זיי אייגעוויקט אַ נייעם בלוטיקן אינהאַלט.

דער נידערטרעכטיקער נאַצי-אָנגריף אַף דער גאַנצער מענטשהייט האָט צייטווייליק אָפּגערוקט אָן אַ זייט די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס. די „פּראָלעטאַרישע איינהייט", וואָס איז געווען די ערשטע לאָזונג פונעם באַוואוסטזיניקן אַרבעטער איז אויסגעבראַיטערט געוואָרן צו דער מענטשלעכער איינהייט, צו דער ברייטהאַרציקער פעלקער-איינהייט, קעדיי מיט דער געמיינזאַמער, קאָנצענטרירטער סינע צו קענען צעפּלעטשן, צעשטערן, צעקוועטשן, צעריבן און צעברעקלען דעם מענטשנפרעסערישן און בלוטזויגערישן סוינע פון אונדזער קינד אין וויג, פון אונדזער גראָער מאַמען, פון אונדזער שטילן וואָרט, פון דער ריינער לופט וואָס מיר אָטעמען און פון באַגראָזטן שפּאַן ערד אַף וועלכן מיר שטייען.

צענדליקער יאָרן איז אויסגעקומען צו פייערן דעם ערשטן מיי מיט געביילטע פויסטן, אָבער בעאיים דער מילכאָמע האָבן זיך בא אַלעמען בעמעשעך פון פינף יאָר די פויסטן אין גאַנצן נישט געעפנט. ערשט ווען די סאָוועטישע פויסט האָט דעם ערשטן מיי 1945 אַ קנאַק געטאָן אַף בערלין און צעשטיקלט זי ווי אַ פּלעשל פון ביליק גלאָז, האָבן זיך גענומען אויסגלייכן אַלעמענס פינגער.

אָבער דער פאָרמעלער טויט פונעם סופּער-סוינע האָט נאָך אַלץ נישט דערנענטערט די מענטשהייט צו „מאָשיעכס צייטן" און דער מיי פון זיג האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרגינען אויפהערן צו זיין דער מיי פון קאַמף.

דער טויט פון היטלעריזם האָט באַדייט בלויז, אַז עס איז אָפּגעבראָכן געוואָרן דער שפּיץ פון שפּיז. וואָס האָט געצילט אין אונדז, אָבער אַ טעמפּער שפּיז איז אויך אַ שפּיז און אין אַ געווויסער צייט אַרום קען אַף אים אַרויפגעזעצט ווערן אַ צווייטער שפּיץ.

דער קעמפערישער זין פון די נייע ערשטע מייען דאַרף, בעכיין,

זיין אזאַ: נישט פאַרבלענדט ווערן מיטן טראַפּיי פון דאַזיקן אָפּגעבראָ־
כענעם, טויטן שפּיז; צעברעכן אַף פּיץ־פּיצלעך דעם גאַנצן שפּיז און דער
איקער — אָפּהאַקן די האַנט וואָס שפּילט זיך מיט אים.

ערשט דאַן וועט דער לויכטנדיקער מיי קענען אָוועקגעבן דער גע־
שיכטע זיינע קעמפערישע איינשטעלונגען און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ
יאַנטעוו פון זיג און פון דערמאָנונג.

ביז דאַן וועט זיך דער ערשטער מיי מוזן קליידן נישט נאָר אין
ווייסן צוויט, נאָר אויך פּוצן זיך אין די קאָלירן פון אונדזער בלוט.

דער לעבעדיקער פּורפּורפלעק*)

I

אין אַ האַרבסטיקער, פאַרנעפּלטער אָקטאָבער־נאַכט פון יאָר 1917 האָט די וועלט־געשיכטע באַקומען געבורט־ווייען און גענומען גיין צו קינד אויפן קאַלטן, גרויסשטאָטישן, פּעטראָגראַדער ברוק.

דער צאַרט־פאַרכאַלעמטער סמאָלני אינסטיטוט האָט אויסגעהויכט זיינע מיידלשע רייכעס און האָט געלאָזט אויסרינען דאָס מילכיקע ליכט פון זיינע קאַנדעלאַברעס. דער דאָזיקער צאַרישער דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַר אדעליקע פריילנס איז געלעגן אין באָלשעוויסטישן פיבער און האָט מיט לעגינס מויל אויסגעשריען זיינע שענסטע רייד. די דערשראָקענע עס־ערן און מענשעוויקעס האָבן געמיינט, אַז סמאָלני רעדט פון היץ, אָבער די היץ איז נישט געווען קיין קראַנקהאַפטע, ס'איז געווען די היץ פון וועלטבאַשאַף. עס איז געפאַלן דאָס גרויסע פיבערוואָרט, דאָס פייער־שפּייענדיקע וואָרט, דאָס מענטשלעכע וואָרט, וואָס האָט סינטעטיזירט אין זיך דעם פילאָזאָפישן „לאָגאָס", דעם ביבלישן „ויהי אור" און דעם פאַרצאַפּלטן, צייטמעסיקן און פאַרשמאַכטן דראַנג צו שאָלעם און צו פרייהייט.

עס איז געווען די ערשטע באָלשעוויסטישע נאַכט אין שלאָפלאָזן פּעטראָגראַד, די נאַכט פון אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער ראָמאַנטיק, די נאַכט פון וואונדערלעכע אָנהייבן. לענין האָט געאָטעמט מיט אויסגע־דאַמפטן סאָלדאַטן־שווייס און מיט אָנגערויכערטער מאַכאָרקע, און אויף די

*) צום 28טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ראַנדן פון זיינע מידע אויגן האָט געלויכטן דער מאָרגנרויט פון אַ נייער וועלט. ווי אַ דינאַמאָ פון בלוט און פלייש האָט ער מיטן הויכגעשפּאַנטן וואָלטאַזש פון זיין וואָרט עלעקטריזירט די נאַסע פּעטראָגראַדער נאַכט אין די שפּעט־האַרבסטיקע ווינטיקע אָקטאָבער־טעג. דאָס שמוציקע און בערדיקע פאָלק, וואָס איז דריי יאָר געווען פארקנעפּלט אין די סאָלדאַטישע שינעלן, און די אויסגעמאָגערטע אַרבעטער פון די פּוטילאָוו־פאַבריקן האָבן אויפגעכאַפּט די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע עלעקטרישע לאָזונג און גענומען צירקולירן ווי רויטע בלוט־קערפּערלעך, ווי אָקטאָבער־בלוט אין די אָדערן פון פּעטראָגראַד. די צאַרישע הויפּטשטאָט האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן הויכן בלוטדרוק און איר פאַרפוילט האַרץ האָט געפּלאַצט.

אַף אַזאַ מין אויפן האָט די וועלט־געשיכטע, נאָך דעם ווי זי האָט געמאַפּלט מיט דער פּאַריזער קאָמונע און מיטן יאָר 1905, געבוירן אַף פּעטראָגראַדער גאַסן די ערשטע לעבעדיקע רעוואָלוציע, די עמעסע, די גרויסע, וואָס האָט שוין אין אירע זווינקינדערישע יאָרן באַקומען דער־וואַקסענע ציין און געשליפענע נעגל. מיט איר געבורט, איז די בורזשואַזישע, טאַקיפיש־בריטהינטנדיקע „מוטערל רוסלאַנד" מעגולגל געוואָרן אין אַ נאַקעטן און באָרוועסן יונג, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „ראַטנפאַרבאַנד". דער דאָזיקער יונג האָט אַ וואָרף געטאָן זיין רויטע טשופּרינע אַפן ווינט און פאַרקוועטשט זיין האַרץ ווי אַ האַנטגראַנאַט אין זיינע דלאָניעס, קעדיי צו פאַרטיידיקן, מיט קראַנשטאַטער מוט און מיט באָלשעוויסטישער אַנטשלאָסנקייט, זיין פּלאַטערדיק־דורכזיכטיקן לעבן און לעבנס ערשטע לאָזונגען:

די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!
שאָלעם אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס!
זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר אַלע פעלקער!
אָפּשאַפונג פון ערד־אייגנטום!

די רעוואָלוציע איז ניט געבוירן געוואָרן אין אַ ווייכן בעט און האָט נישט געוואוסט פון קיין פוך און פון קיין פעדערן. די אויווערבאָטלדיקע וועלט־געשיכטע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטער מאַמען; זי האָט איר מעזיניקל, אַ נאַקעטן, אונטערגעוואָרפן אַפן פּעטראָגראַדער ברוק, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דער ווייסגוואַרדייאַישער גענעראַל קאָרנילאָוו און דער ליאַקעוואַטע־אויסגעצאַצקעטער, צירלעך־מאַנירלעכער קע-

רענסקי, וועלן עס צעקוועטשן ווי אַ זשאַבע נאָך אַ רעגן. אָבער די לעבנסקראַפט פונעם אויפּעלע איז געווען אומצעשטערלעך, ווייל עס איז געבוירן געוואָרן נישט אין ווייסהייטלדיקע, צאַרטע געוועבן, נאָר אין אַ שטאָלענער הויט. אַנשטאָט מילך האָט עס געזויגן סאָלדאַטישן שווייס און אַנשטאָט אין אַ זיידן העמדל האָט עס זיך אַרומגעוואָלגערט אין אַ צעריסענעם שינעל. מיט גרויס אַפּעטיט האָט עס גלייך גענומען אריינשלינגען, פאַרדייען און אויסליידיקן פון זיך, אָן אַ אַפּפיר־מיטל: קאָרנילאָוו, קראַסנאָוו, דעניקינען, קאָלטשאַקן, יודעניטשן, וראַנגלען, די אינטערווענץ פון די קאָאַליציע פרומע קעץ און די גאַנצע ווייסגוואַרדייאישע פאַרגאָווערטע קנופּיע.

די, וואָס האָבן אין אויסלאַנד גענויעפּט מיט דער האַלב־שיקערער וועלט־געשיכטע, האָבן זיך דריי מאָל איבערגעציילעמט און וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַן אומגעזעצלעך קינד פון וועלטקריג. קעדיי צו נייטראַליזירן די דאָזיקע מאַמזערישע שאַנדע האָבן זיי באַפּרוכפּערט און טראָגעדיק געמאַכט, אַף אַ געזעצלעכן אויפן, די צעשויבערטע, פאַרעלטערטע וועלט־געשיכטע און פון זייער זוימען, וואָס האָט, אַפן דיפּלאָמאַטישן לאָשן, געהייסן ווערסאַליער טראַקטאַט, זיינען שפּעטער געבוירן געוואָרן די צוויי סטאַטעטשנע, אויסגעכאָליעטע בענאָקלעך: פאַשיזם און נאַציזם. נאָך שפּעטער, ווען די דאָזיקע צוויי טאַכשיטימלעך האָבן מוירעד בעמאַלכעס געווען, נישט געהאַלטן פון קיבעד־אָוו און נישט דערקענט זייערע אייגענע „פּאַפּאַשעס", האָבן די אַלטע נועפים, קראַצנדיק זייערע אויסגעקראָכענע לייב־און־לעבנס און קאָרטשענדיק זיך פון זייערע „דעמאָקראַטישע" ספּאַזמעס, אויסגעדזשיאַמדזשיעט, מיט דער לאָגיק פון זייער גייסטיקער אימפּאָטענץ, אַזוי צו זאָגן: „איז עס דען אַ וואונדער? זיי זיינען דאָך לייבלעכע ברידער פון באָלשעוויזם. קען דען זיין דעריבער אַן אונטערשייד צווישן קאָמוניזם, פאַשיזם און נאַציזם?"

דאָס יאָר 1942 האָט זיי אונטערגעטראָגן אונטערן נאָז דעם דאָזיקן אונטערשייד, אַפן שפּיץ פון דער סאָוועטישער סטאַלינגראַדער שווערד, נאָך דעם ווי דאָס יאָר 1939 האָט זיך געדאַרפט צוקוקן ווי די צוויי צעפיעסטשעטע, געזעצלעכע זינדלעך פאַרמעסטן זיך אַף פאָטערמאָרד, נישט געקוקט אַף דער גאַנצער פאָטערלעכער מינכען־גוטסקייט, און נאָך דעם ווי דאָס יאָר 1941 האָט געצוואונגען דער מיירעוודיקער ציוויליזאַציע

צוצודריקן צו איר שלוכצנדיקער ברוסט דאָס אומגעזעצלעכע קינד פון דער וועלט־געשיכטע...

II

די ראָמאַנטישע סטיכיע פון דער אָקטאָבער־נאַכט האָט געדויערט נישט מער ווי איין נאַכט, ווייל שוין אַף מאָרגן האָט די רעוואָלוציע גענר־מען פאַרגיסן איר בלוט איבער די שנייען און עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סאָוועטישע אָנשטרענגונג, דער ריזיקער פאַרמעסט, וואָס האָט אַף אַ הונדערטגעשטאַלטיקן אויפן אָנגעהאַלטן בעמעשעך פון פאַרסאַפּע־טע, גאַלאָפּירנדיקע יאָרן.

די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק האָט זיך איבערגעגאָסן אין רויט־אַרמייאישער העראָאיק און די שלאַכט־העראָאיק — אין סאָציאַליסטישן קאָנסטרוקטיוויזם. פּונקט ווי יעדער פיזישער קערפּער וואָס קען זיך, לויט די טעמפּעראַטור־באַדינגונגען, געפינען אין דריי צושטאַנדן: גאַזיק, פליי־סיק און האַרט, אַזוי האָט זיך אויך די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע געקאָנט לייכט איבערגעשטאַלטיקן און אָננעמען די צושטאַנדן פון: ראָמאַנטיק, העראָאיק און רעאַליזם, לויט די רעוואָלוציאָנערע באַדערפענישן און לויטן באָלשעוויסטישן געבאָט פון דער שאָ.

די פאַרוואַנדלונג איז אָבער נישט געווען קיין מעכאַנישע און ריין־פיזישע, נאָר אַ לעבעדיק־אָרגאַנישע. יעדער פון די דאָזיקע צושטאַנדן, אין מאָמענט פון דאָמינירן, האָט געהאַט אונטער זיך, ווי אַ דאָפּלטן אונטערשלאַק, די איבעריקע צוויי צושטאַנדן. אַזוי אַרום האָט די סאָווע־טישע ראָמאַנטיק געהאַט אין זיך פאָלקס־העראָאיזם און לעניניזם רעאַ־ליזם. די העראָאיק — אָקטאָבערשע ראָמאַנטיק און עמבריאָנערן סאָציאַ־ליסטישן רעאַליזם, און דער שפּעטערדיקער רעאַליזם, — יונגבלוטיקע, אָפּפרישנדיקע ראָמאַנטיק און די טראַדיציע פון רומפולער שלאַכט־העראָ־איק.

דאָס צוזאַמענלעבן פון די דאָזיקע דריי צושטאַנדן אין באַוואוסטזיין און געמיט פון סאָוועטישן מענטשן און זייער צוזאַמענגיסן זיך אין אַ דריימעטאַליקן גוס אין דער נעשאָמע פון פּראָלעטאַריער און פּאַרטיי־מאַן, האָבן דערמעגלעכט די גרויסע ווירטשאַפטלעכע איבערבוי־פּראָצעסן;

די לעבנסגעפערלעכע סאָציאַליסטישע אָפּעראַציעס, נאָך דעם ווי עס איז פאַרקילט געוואָרן די לאַווע פון בירגערקריג.

נאָכן בירגערקריג האָט פאַרפעלט אָטעם. די ערד האָט געזשאַווערט אַ קאַרגע און אַ פאַרשלאָסענע אונטערן פאַרגאָסענעם בלוט, דער הונגער האָט געלויערט פון הינטער יעדער כורווע, די שטעט האָבן נישט געהאַט וואו צו באַהאַלטן זייערע אָפענע וואונדן, אַלץ האָט געדאַרט און געקווארט, אָבער דאָ און דאָרט, אין סטעפּ, אין דאָרף און אין שטאָט, איז אין מיטן פון דער אַלגעמיינער איינגעדאַרטקייט און פרוכטלאָזיקייט, אויסגעוואַקסן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען שטאַרק ווי דעמב, כיינעוודיק ווי רויטער מאָן, פריש ווי דער באַגינען, אומבויגיק ווי אַ סאָסנע, האָניקדיק־שטעכעוודיק ווי אַ בין. דער דאָזיקער געוויקס איז געווען דער אייזערנער סאָוועטישער מענטש, וואָס דער נייער, באָלשעוויסטישער קלימאַט האָט גענומען אַרויסצוציבערן פון די טיפענישן פון פאָלק.

נאָכן פונאַנדערשיטן אַפן ווינט דעם אַש פון זיינע רעאַלע און פּאָטענציעלע סאָנים, האָט דער טייער מענטש באַשלאָסן שנעל, מיט אַיין שטערנקנייטש, צו מאַטעריאַליזירן דעם טויזנטיאָריקן קינדערטרוים פון דער מענטשהייט און ער האָט געזאָגט: דאָ וועט זיין סאָציאַליזם, דאָ וועל איך אָנטאָן אין שטאָל אַלע טרוימען פון די פאַרפייניקטע, דאָ וועל איך מיין שוויים איבעראַרבעטן אין טוי.

דער סערפּ מיטן האַמער האָבן זיך איבערגעקרייצט אַפן רויטן טוך און געבליבן הענגען ווי אַ פלאַטערדיקע שוואַלבע איבער זיין קאָפּ. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער סאָוועטישער רענעסאַנס.

III

דאָס צאַרישע באָיאַרן־לאַנד פון אַלעקסעי דעם צעדרייטן, יעקאַטערינע דער ליידנשאַפטלעכער און ניקאָלאַי דעם נישטיקן, איז געוואָרן אַ ברידערלעכער פאַרבאַנד פון הונדערט פופציק פעלקער, אָנהייבנדיק מיטן רוסישן פאָלק און ענדיקנדיק מיט די עסקימאָסאַרטיקע שוואָטים פון די סובפּאָלאַרע וויסטענישן. פון די פאַרפרוירענע צאָפנדיקע טונדרעס ביז די פאַרסאַרפּעטע זאַמדן פון בוכאַרע האָט דער לענינישער וויכער געקייקלט, אין שטויב, די פּראַוואָסלאַווע, הויכגעבוירענע דורכלויכט פון דער סאַמאָדערזשאַוויע.

אומעטום האָט געטריפט דאָס בלוט פון געקוילעטן, צווייקעפּיקן, אימפּע־ריאַלן אָדלער, אַף וועמענס נעגל עס איז געוועזן אַרויפגעשטאָכן די אומ־אָפּהענגיקייט פון פעלקער און לענדער. דורך אַלע ברייטן און לענגן פון לאַנד, דורך ריזיקע, אומגעהויערע שטאָכים פון צוויי קאָנטינענטן, האָט זיך דורכגעטראָגן דער זיידענער שאָרך פון פעלקער־פרילינג און אין דער לופטן האָט וויברירט דער געזשום פון אַלע נאַציאָנאַלע געזאַנגען, וואָס האָבן ווי בייטייכן געשטראָמט צום אינטערנאַציאָנאַל.

פאַר אַ סאַך פרימיטיווע פעלקער האָט דער רומפולער אָקטאָבער מיט זיך פאָרגעשטעלט נישט נאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאָר איז אויך געווען די דאַטע פון זייער נאַציאָנאַלן געבורט. זיי זיינען געוואָרן סאָציאַל באַ־פרייט און נאַציאָנאַל דעפינירט, נאָך איידער זיי האָבן גענוי געקאָנט באַ־גרייפן וואָס דאָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין. די סאָוועטן־מאַכט האָט איינגעשניצט אַף זייערע רויע פענימער די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע שטריכן זייערע, האָט צונויפגענומען און דיסציפּלינירט זייערע צעפּלאָסענע נאַציאָנאַלע קאָנטורן, וואָס האָבן געלעבט קוים־קוים סקיצירט, פאַרטאַיעט און דערשראָקן, און האָט געזאָגט צו יעדן איינעם פון די דאָזיקע פעלקער־שאַפטן:

דו ווערסט געהייליקט ווי אַ פאָלק, דו ווערסט געזאַלבט ווי אַ נאַציאָ־נאַלער רינג אין דער סאָציאַליסטישער פעלקער־קייט פון ס.ס.ס.ר.

אויך דאָס יידישע פאָלק איז אָפּגעטוווולט געוואָרן אין דער ליכט־פאַרפלייצונג און איז אויפגעהויבן געוואָרן צו אַ נייעם טכיאַס־האַמייסימ־דיקן לעבן. יעבעזקל האַנאַווים וויזיע אין טאָל פון די טויטע ביינער האָט פאַרלאָרן אירע באַלאַדנמעסיקע שטריכן און איז געוואָרן פולבלוטיקע, טיפ־אָטעמענדיקע רעאַליטעט אין טאָל פון דניעפּר און פון פּריפּעטש.

די שוואַרצמייעדיקע לאָזונג פון פּאָניע גאָנעוו: „בעי זשידאָוו, ספּאַ־סאַי ראַסעיו" (שלאָג די זשידעס, ראַטעווע רוסלאַנד) איז דערטרונקען גע־וואָרן אין ווייסגוואַרדיייאישן בלוט. מענאַכעם מענדלס מוישעלעך און שלוי־מעלעך זיינען דערהויבן געוואָרן צו אינזשעניערן, טראַקטאָריסטן, אַגראָ־נאָמען, גענעראַלן און לופטפליער און טעוויע דעם מילכיקערס שפּראַך האָט זיך היימישלעך צעקלונגען, מיט אַלע אירע יידישע זיבן כיינען אין די אַמטן און געריכטזאַלן פון דער סאָציאַליסטישער יעהופּעץ און איבערגעניצעווע־מער קאַסרילעווקע.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט איינגעזען, אַז כּוץ דעם פעלט נאָך עפּעס דעם יידישן פאָלק און פונקט ווי ער האָט פאַר זיינע אָפּגעשטאַנענסטע אַנאַלפאַ־בעטישע פעלקערשאַפטן דערפונדן נאַציאָנאַלע אַלעף־בייסן, אַזוי האָט ער אויך פאַר זיין, אין דורכשניט, פאַרגעשריטנסטן, אָבער גלייכצייטיק עקס־טעריטאָריאַלסטן פאָלק, באַשלאָסן צו שאַפן אויסער אַ היים, אויך אַן אייגן און עמעס לאַנד. צוזאַמען מיטן ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן איז פייערלעך פּראָ־קלאַמירט געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמיע געגנט, אַפן לינקן ברעג פון ברייט-צעגאָסענעם אַמור. די דאָזיקע יינגסטע נאַציאָנאַלע ערד אונדזערע האָט שוין באַוויזן דורכצומאַכן איר ראַיאָניקע, רויערדיקע קינדהייט, זי מאַכט איצט דורך איר שטורמישע, אויטאָנאָמע יוגנט און שפּרייזט אַ זאַטע, אַ פאַרפלאַמטע און אַ פאַראַקערטע צו איר רעפּובליקאַנישער דערוואַקסנ־קייט.

עס פרייט זיך דער וויטער, סאָוועטישער מיזרעך מיט זיין רייכן אויס־שטייער — מיט זיין שפּאָגל־נייער יידישקייט, וואָס רוישט אין דער טייַ־גע, גליטשט זיך אַפן אַמור און קלעטערט אַף די כינגאַנער בערג. אַזעלכע זיינען די אויבנאויפיקע, אָקטאָבערשע שטריכן פון סאָוועטישן יידן־עפּאָס.

אין מיטן פון דער האַרמאָנישער פאָלקס־עמאַנציפּאַציע און אונטערן שאַרפּאויגיקן אויפזיכט פון אויסגעגלייכטן פּראָלעטאַריאַט, האָט דער סאָ־וועטישער מענטש געמומען אויפטורעמען זיין היים און אָנטאָן אין בעטאָן זיין לאַנד, אונטערן לאָזונג: „דעריאָגן און אַריבעריאָגן אַמעריקע". דער מענטשלעכער שוויים האָט אין די נייע ציטן דערגרייכט די מאַדרייגע פון לעבנסזאַפט. די מענטשלעכע פּראַצע איז דערהויבן געוואָרן צו ציווילן העל־דנטום און פון זיך אַליין איז אַרויפגעשוואומען די אידעע פון פאַרמעסט, פון סאָציאַליסטישן געוועט, פון מאָדערנע, ריטערלעכע טורנירן אַף די פאַב־ריק־אַרענעס, וואָס זיינען פאַרגעקומען נישט צוליב הולציניייעס און בעד־אַטרישעס, נאָר צוליב דינאַמאָס, דיזל־מאָטאָרן, שמעלצאויוונס, מעכאַ־נישע האַמערס און טראַקטאָרן פאַר די הונדערט פופציק פעלקער, פאַרן ברויט-פאַרזיי, פאַר דער עלעקטרישער ענערגיע, פאַר די אויפגעוואַכטע באַרג־קייטן פון יונגן, היציקן לאַנד.

עס איז אויפגעקומען די מידע פון שלאָגלעריי, פון וואַרפן זיך אין דער אַרבעטשלאַכט, נישט מיט בלינדן „רוסישן" פאַטאַליזם, נאָר מיט דער אומענדלעכער, קימאַט זאָאָלאָגישער ליבע פון אַ מוטער צו איר קראַנקן

קינד. עס איז אויפגעקומען די פריוווליקע, ווייטגייענדיקסטע קאָרבאָנעם־גרייטקייט, וואָס טעאָרעטיש קאָן זי דערפירן צו זעלבסטפאַרלייקענונג און זעלבסטפאַרצערונג, אָבער וואָס האָט, אפן סאָוועטישן באָדן, דערפירט צו עקזאַלטירטער באַפרידיקונג, צו אַלטרואיסטישן גענוס און צו דער אָקצענטירונג פון דער פערזענלעכקייט.

בא די בורזשואזע עקספּערטן מיט די יוסטע דאָקטאָר־טיטולן, מיט די קילאָמעטער־טיפע עקאָנאָמישע קענטעניש, מיט דער אייזנפעסטער באַהאוונטקייט, זיינען די אויגן אַרויסגעשפּרונגען, זעענדיק ווי די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און וועלט־צעשטערער, וואָס האָבן צוגעגרייט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיינען געוואָרן ווירטשאַפטלעכע סטראַטעגן אפן געביט פון סייכלדיקער, פּלאַנירטער ווירטשאַפט, אין דער צייט ווען זייער אייגענע בורזשואזע עקאָנאָמיק איז געוואָרן זעלבסטפּרעספּעריש, קאַניבאַליש, כאַסערדייעדיק און האָט געדראָט מיט אַן אינערלעכן אויפרייס. די אַלטע רויבערישע וועלט, מיט אירע גרויסאַרטיקע, בעקאָוועדיקע רויב־טראַדיציעס, האָט געהאַט נעגידישע, אָנגעבלאָזענע טאַינעס: „ס'טייטש, וואָס פּאַר אַ סמיכעס־האַפּאַרשע צווישן באָסיאַקישן באַלשעוויזם און פאַרנונפטיקער ווירטשאַפט? ס'איז רויטער בלאָף, ס'איז שקלאַפן־סיסטעם"! אָבער דער רויטער געלעכטער פון די דריי פינף־יאָר־פּלענער האָט דורכגעלעכערט די פּאַרפּאַנצערטע פויקהייטלעך פון די עקספּערטישע אויערן און אַריינגעשרויפט זיך טיף אין די פּאַרפּראָרענע מויכעס פון די אויסלענדישע מעווינים.

די ראַטנפאַרבאַנדישע וויאָרסטן און מיילן זיינען דערוויילן אַריינגעטוליעט געוואָרן אין דער סאָוועטישער ציוויליזאַציע. יונגנטלעכע שטעט האָבן אַרויפגעקלעטערט אף די העכסטע בערג און אַריינגעגעבערט זיך אין דער אורוואַלדיקער טונדרע; טייכן האָבן געביטן די ריכטונג, וואָס איז זיי מיישיעס יעמיי בערייִשים אַרויפגעצוואונגען געוואָרן פון געאָלאָגישע נאַטור־קאַפּריזן און גענומען פליסן אין העסקעם מיט די באַדערפענישן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, איינשטעלנדיק, גלייכצייטיק, צווישן זיך באַציאונגען דורך אַ סיסטעם פון בעטאָנענע קאַנאַלן. די צוימען אף די פעלדער — די לעצטע שפּינוועבס־סימאָנים פון פּריוואַט־אייגנטום, זיינען צעריסן געוואָרן דורך די טראַקטאָרן און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די קאָלעקטיוויזאַציע אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דניעפראסטראיער אימפעט האט געטריבן עלעקטריש בלוט איבער מיליאנען קופערנע אדערן פון ראטנפארבאנד און אפילע די ערד און די פלאנצונגען האבן באקומען א סאוועטישע דערציאונג. די ריזיקע אזיאטישע שטאכים, וואס זיינען פון אגראנאמישן שטאנדפונקט געווען פונקט אזוי פארגרעבט, אומוויסנדיק און אנאלפאבעטיש, ווי דער גרויסרוסישער מוזשיק, זיינען דורך דער וויסנשאפט ארויסגעריסן געווארן פון דער פארגליווערטקייט און גענומען לעבן א ווייצענעם לעבן, און גענומען מאביליזירן זייערע אנטשלאפענע זאפטן, און גענומען געבוירן ברויט פאר די דוירעס, וואס האבן געאיילט צום סאציאליזם. דאס וואס סטאכאנאוו און בוסיגין זיינען געווען פאר דער אינדוסטריע, זיינען ליסענקא און מישורין געווען פאר דער לאנדווירטשאפט. די לעצטע צוויי האבן אין פולן זינען פון ווארט, דרעסירט פלאנצונגען, צווינגענדיק זיי ארויסצוברענגען גרעסערע געוועקסן אין א קירצערער צייט, אף פארשיידענע געאגראפישע ברייטן און אין אומגינסטיקע קלימאטישע באדינגונגען, שאפנדיק, גלייכצייטיק, דורך שארפזיניקער אנווענדונג פון דער גענעטיק, פולשטענדיק נייע פלאנצונגען. אזוי ארום קאן מען ריידן נישט נאר פון נייעם סאוועטישן מענטשן, נאר אויך פון דער נייער סאוועטישער געוויקסן-וועלט, וואס האט אויך, פון איר זייט, אריבערגעשטיגן אלע נארמעס, אין קאמף פאר גרעסערער ארויסגיביקייט און פאר שלאגלערישער קוואליטעט.

און אזוי זיינען געגאנגען די יונגטיארן פון ראטנפארבאנד, אלע פרייעלעבערע און זאטערע, אלע וואוקסיקערע און ברייטברוסטיקערע; יארן געגליכן צו יארהונדערטער, דורך זייער געשיכטלעכן אינהאלט, איבערמענטשלעכער אנשטרענגונג, אלוועלטלעכן אפגלאנץ און סימבאלישער אויסשטראלונג. די אלע, פאר וועלכע דער ראטנפארבאנד איז נאך אלץ געווען „דער סאוועטישער עקספערימענט”, האבן נישט פארשטאנען, אז דער דאזיקער עקספערימענט איז מער ווערט פון גאנצן פינצטערן יארטויזנט פון מיטלאלטער און פון יעדן איינעם פון די שפעטערדיקע „אויפגעקלערטע” יארהונדערטער. זיי האבן עס גענומען פארשטיין ערשט דאן, ווען אפן 24טן לעבנסיאר פונעם ראטנפארבאנד, האט זיך פלוצלינג פארווירקלעכט דאס, אף וואס דאס סאציאליסטישע לאנד האט זיך געריכט פון ערשטן טאג אן פון זיין געבוירן ווערן אפן פעטראגראדער ברוק: דער פארעטרישער קאצנ-

שפּרונג אויף זיין לויטערן לייב־און־לעבן און אויף זיין שווער־פאַרהאַרעוועטן האָב און גוטס.

IV

צוקאַפּנס פון די עפּישע, איבערגעלאָדענע, ראַטנפאַרבאַנדישע יאָרן שטייט דער רויטער אָקטאָבער און צופוסנס וואַלגערט זיך בערלין, אַפּן פּאָן פון לויכטנדיקן סטאַלינגראַד.

בא סטאַלינגראַד האָט דער אָקערשט־געבוירענער, באַרוועסער ראַטנפאַר־באַנד געראַטעוועט זיין קינדערשן לעבן און בא סטאַלינגראַד האָט דאָס רויטאַרמייאישע לאַנד, צו זיינע 25 יאָר, געראַטעוועט זיין מענערשע, פאַר־האָרעוועטע עקזיסטענץ. ער האָט דאָרט אויך געראַטעוועט דאָס ליכט פון זיינע אייגענע בלאַנד־בליענדיקע טעג און פון די פאַרציטערטע טעג פון צוויי טויזנט מיליאָן מענטשן, וואָס לעבן אויף דער פאַרכמאַרעטער ערד. בא סטאַלינגראַד האָט די רויטע אַרמיי אויך געראַטעוועט דייטשלאַנד. דאָרט האָט זי גענומען ראַטעווען דאָס דייטשישע פאָלק פון דער מיעסער פאַשיס־טישער קרענק — פון גרויזאַמען היטלעריסטישן שאַנקער. אין דער געשיכ־טע פון דייטשלאַנד וועט די רויטע אַרמיי פאַרבלייבן ווי אַ גרויסער נאַציאָ־נאַלער וואונדער, ווייל קיין איין אויסלענדישע אַרמיי האָט נאָך קיינמאָל ניט געטאָן אַזויפיל פאַר אַ פרעמד, פיינטלעך לאַנד, וויפל עס האָט געטאָן, אין געשיכטלעכן זינען, די רויטע אַרמיי פאַר דער עמעסער דייטשלאַנד.

די געפּאַנצערטע נידערטרעכטיקייט פון די גערמאַנישע שאַקאַלן און פון די דעגענערירטע פּרייסישע יונקערס, די גאַנצע צעיושעטע טעאוטאָני־שע פּוריע פון די נירנבערגער ראַסנהינט, די גאַנצע מאַלפּישע קליינקעפּל־דיקייט און ענגהאַרציקייט פון די מינכענער מאַטעריזירטע שווייַנען, האָט רעציכעדיק אַ גאָס געטאָן איר צוגעפּודערטן שמוץ אַפּן אַרבעטזאַמען, פריד־לעבן לאַנד פון די סאָוועטישע אַרבעטער און פּויערים, אַפּן סימבאָלישן פּאָטערלאַנד פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. די וועלט האָט אַ ציטער געטאָן און עס האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. איידער אָבער זי האָט נאָך אָנגעהויבן איר געוויין און איר העספּעד, איז זי פאַרבלענדט געוואָרן פון אַן אומגלויבלעכן ספּעקטאַקל: זי האָט דערזען דעם קאַזאַקן־טאַנץ, דעם „קאַזאַטשאָק״ פון די סאָוועטישע כאַלאַפּים און „קאַטיושאַס״ איבערן

שטאָלן־פאַריסענעם גאָרגל פון סוינע, זי האָט געזען, ווי אַזוי די דורשטיקע סאָוועטישע ערד שיקערט, טאָג און נאַכט, מיט פינקלדיקן נאַצי־בלוט און זי האָט זיך צוגעהערט צו דער אויסטערלישער מוזיק פון די סאָוועטישע קינבאַקן, וואָס האָבן געקנאַקט די געבראָטענע קנאָכנס פון די נאַציס.

זי האָט אויך געזען ווי אַזוי די צעקאַליעטשעטע סטאַלינגראַדער טראַקטאָרן־פאַבריק „רויטער אָקטאָבער" קען אין אַ גויט פּראָדוצירן, אַנ־שטאָט טראַקטאָרן, גאַלאָפּירנדיקן נאַצי־טויט און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נאַצי־טויט איז דער רוישטאָף פון אוניווערסאַלן גליק פון דער מענטשהייט, און זי האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז געווען דער גרעסטער צושטעלער פון דאָזיקן רוישטאָף. ווייס זי, דעריבער, איצט אין וואָס צו גלויבן און אַף וואָס צו האָפן, פּאָנים על־פּאָנים מיט די פאַרסמאַ־ליעטע ברעקלעך, וואָס זיינען געבליבן פון די קאַלכאָזיוונס און מיט די פאַר־יאָסעמטע אויפּעלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעזיפּט דורכן געדיכטן נאַצי־פייער.

אַזוי האָט דער ראַטנפאַרבאַנד דורכגעבלוטיקט זיינע מיליאָנען־יאָרן און האָט רויטאַרמייאיש ליקווידירט אַלע פאַרלעגענע בעשבווינעס. מיט איין רויטאַרמייאישן גענעץ איז אויך ליקווידירט געוואָרן דער לעצטער שווערער הערקאַליפן־כעשבן מיט יאַפּאַן. די קרומאַוויגיקע נישטפאַרגינע־רישקייט פון געלן נאַציזם, די טכוירענע וואַכזאַמקייט און פאַרטייעטקייט פון די סאַמוראַאישע שטשורעס אַפן סאַמע ראַנד פון ביראָבידזשאַן, אַפן סאַמע ברעג פון סאָוועטישן מיזרעך, איז מיט איין רויטאַרמייאישע בלאָז אויסגערויבערט געוואָרן און וואַלגערט זיך איצט אין די טיפע וואַסערן פון פּאָרט אַרטור און פון טשוסימאַער דורכגוס. צום ערשטן מאָל אין 28 יאָר האָט דער גרויסער אָקטאָבער געקענט אוועקלייגן אויסרויען זיין מידן קאָפּ, סיי אין מיזרעך, סיי אין מאַירעוו.

דער ראַנד פון די סאָוועטישע יאָרן איז אויסגעשמירט אין רומפּולן בלוט. דער אָנדענק פון דאָזיקן בלוט וועט נישט אויפהערן צו לויכטן אין דער געשיכטע פון אַלע צייטן און וועט איבערלאָזן זיין פורפורפלעק אַף די פּאָנעס פון אַלע פעלקער.

יאָרצייט נאָך לענינען

„ער האָט געזען אַלץ, וואָס די צייט באַהאַלט".

וו. מאַיאַקאָווסקי — „לענין".

— ⁂ —

„אין דער צונויפגיסונג פון רוסישן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט מיטן אַמע־ריקאַנישן כוש פאַר פּראַקטישקייט שטעקט די עסענץ פון לעניניזם, אפן געביט פון דער פּאַרטיי־אַרבעט און מעלוכע־פירונג".

י. סטאַלין — „וועגן די פונדאַמענטן פון לעניניזם".

— ⁂ —

„דעם זעקסטן נאָוועמבער וועט זיין צו פרי אָנצוהייבן די רעוואָלוציע, דעם אַכטן — צו שפּעט, מיר מוזן אָנהייבן גענוי דעם זיבעטן".

לענין, לויט דזשאָן רידס „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט".

— ⁂ —

I

זינט 1924 שטייט לענינס קייווער אָן אָפענער פאַר דער ליבע פון סאָוועטישן מענטשן.

אין מעשעך פון יאָרן און יאָרן האָט גאַנץ מאָסקווע נישט אויפגע־הערט דורכצוגיין, אַף די שפּיץ פינגער, צווישן די הויכע קייווער־ווענט פון טונקל־רויטן מירמלשטיין, קעדיי מיט אָן אָפּגעהאַקטן אָטעם שטיין צו בלייבן, איין מאָמענט, צופוסנס פון באַלזאַמירטן ריז.

דער קייווער איז אָפן פאַר זיין פאָלק און די פאָלקסליבע איז, ווי אַ פאָדעם אין אַ נאָדל, אַריינגעצויגן אין דאָזיקן קייווער. בלויז איין מאָל

האט מען דעם קייווער פארמאכט. ווען די נאצישע כוואליע האט אין אקטאבער 1941 צוגעקייקלט איר ברוינעם שמוץ ביז צו א פונקט, וואס איז געווען דערווייטערט בלויז 28 קילאמעטער פון לענינס פיאטעס, האט א מירמלנע טיר הערמעטיש פארמאכט דעם מאוזאלעאום, און לויט אלע ווארשיינלעכקייטן איז דער גרויסער בארמינען אפגעטראגן אין הינטער־לאנד, צוזאמען מיט די לויפנדיקע פאבריקן און עוואקואירטע שטעט.

נאך דעם האט ער זיך אומגעקערט אף זיין רומפולן געלעגער, וואס איז אנגעזאפט געווארן מיט די נישט־אויסגעוועפטע עכאס פון די טויזנ־טער זיגערישע זאלפן פון אלע מאסקווער קאנאנען. זיין קייווער איז ווי־דער געעפנט געווארן פארן פאלק און דאס פאלק איז ווידער געקומען צו אים אין קייווער.

ווידער רוט ער אפן רומפולסטן ארט אין מאסקווע, דארט וואו דער רויטער פלאץ דריקט צו צו זיין שטיינערנער ברוסט די געציינדלטע ווענט פון קרעמל. דארט ליגט ער, קעדיי מער שוין קיינמאל נישט אפצוטרעטן, און ווידער איז אפן די מירמלנע טיר, קעדיי מער שוין נישט פארמאכט צו ווערן.

דארט קוקט, ווידער, גאנץ מאסקווע אף זיין ליכטיקן שטערן, אף דער ענערגישער בוילעטקייט פון זיינע באקנביינער, אף דער אנטשלאסע־נער ערנסטקייט פון זיינע ליפן, אף דער אנטשיידענער קורצקייט פון זיין נאז, אפן פארשפיציקטן קין, וואס נידערט אראפ צו דער סאלדאטישער באקי־בלוזע.

דארט, דורכן דאזיקן קייווער, פילטרירט זיך טראפנווייז די ליידנ־שאפטלעכע סאוועטישע ליבע צו לענינען, אומאויפהערלעך ווי די צייט אליין, אומאויסשעפלעך ווי א בארגיקער שנור קוואלוואסער און אזוי נא־טירלעך ווי די נאטירלעכסטע נאטור־דערשיינונג.

דער דאזיקער נאציאנאלער קייווער איז דער לעבעדיקסטער מאנו־מענט פון דער רעוואלוציע. ער שטעלט מיט זיך נישט פאר עפעס אזוינס, וואס זאל ענלעך זיין אף א געצנדינערישער רעליקוויע און איז אויך ניט קיין אביעקט פון קיין בלינדן קולט. ער איז א קוואל פון מענטשלעכער באגייסטערונג, אן איידעס פון סאוועטישער דאנקבארקייט, אן אויסדרוק פון קאמוניסטישן ביטאכן.

דאס סאוועטישע פאלק דארף נישט קיין קינסטלעכע לעגענדעס. לע־

נינס רעוואָלוציאָנערעווירקלעכקייטן און די ווילדע שיינקייט און ראָמאַנ־טישע אויסשטראַלונגען פון אָקטאָבער, פון בירגערקריג, פון דער סאָציאַ־ליסטישער פונאַנדערבויאונג און פון דער פּאַטעריעטישער מילכאָמע, פילן אָן מיט היסטאָרישן וואונדער די סאָוועטישע טאָג־טעגלעכקייט. די לעגענדאַריש־רעאַלע דרייסיקיאָריקע געשיכטע פונעם ראַטנפאַרבאַנד גע־הערט נישט צו דער פאַרגאַנגענהייט; זי איז אַריינגעקייטלט אינעם היינט און דער היינט אַליין וויל ווערט זיין, אַפן סמאַך פון אייגענע פאַרדינסטן, אַז דער מאָרגן זאָל זיך אָן א י ם א ו י ך דערמאָנען מיט היסטאָרי־שער אַנטציקונג. דאָס סאָוועטישע פאָלק לעבט אינטענסיוו זיין לעבן און האָט נאָך, דערוויייל, קיין צייט נישט שטאָלץ צו זיין, נישט מיטן נעכטן און נישט מיטן היינט. דאָס פאָלק ווייסט אָבער, אַז אַלץ האָט זיך אָנ־געהויבן מיט לענינען, אַז פון אָנהייב איז געווען לענין.

פאַרן סאָוועטישן פאָלק איז דערוויייל געגנוג, וואָס אין צענטער פון מאָסקווע שלאָגט אַ קוואַל און וואָס דער דאָזיקער קוואַל איז אַ טייערער קיוווער — לענינס קיוווער.

II

דער מאַרקסיזם לייקנט נישט די פּראָמינענטע ראָל פון דער פּערזענ־לעכקייט אין דער געשיכטע, ווי עס מיינען אַ סאַך און ווי עס האָט אויך געמיינט עמיל לודוויג, איידער סטאַלין האָט אים, אין אַן אינטערוויו, אין יאָר 1932 געעפנט די אויגן.

עס איז קלאָר, אַז די געשיכטע ווערט נישט געמאַכט פון פאַטומס, גויראָלעס, האַשגאָכעס, מיסטיציזמען, נאָר דורך מענטשן; עס איז, אָבער, אויך נישט ווייניקער קלאָר, אַז זי ווערט נישט געמאַכט לויטן פּערזענלעכן קאַפּריז, אָדער פאַנטאַזיע פון די דאָזיקע מענטשן. די ראָל פון דער פּער־זענלעכקייט באַשטייט אין אויפכאַפּן און אָפּשאַצן געטריי די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און צוזאַמענהאַנגען אין דער נאַציאָנאַלער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער סוויווע און פאַרשטיין אין וועלכע באַדינגונגען די פעלערהאַפטע אָדער אַנטאַגאָנישע סיטואַציעס קאָנען באַווירקט, אויסגענוצט און געענדערט ווערן. די ראָל פון דער פּערזענלעכקייט איז,

בעכיין, אין דער ערשטער ריי, אן אינטערפרעטאטיווע און ערשט שפעטער א פונקציאנעלע אדער אויספירערישע.

לענין האט פארמאגט די טאפלטע געאוינישע גענימקייט אריינצו־קוקן אין דער טיפסטער טיף פון די קאמפליצירטסטע סאציאלע פאר־נעפלטקייטן און ווידעראנאנדן, מיט וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכנט די עפאכע פון אויפשטייגנדיקן אימפעריאליזם, און צו אנטוויקלען די שפעטערדיקע אקטאבערשע שלאגקראפט פון דער רעוואלוציע, געבנדיק דעם טויט־קלאפ אין סאמע פרעציזן מאמענט, דעם זיבעטן נאוועמבער פארטאג, א מינוט נישט פריער און א מינוט נישט שפעטער!

אומגעפער דרייסיק יאר האט געדויערט דאס פאליטיש־געזעלשאפט־לעכע שפרודלען פון דער דאזיקער לענינישער סטיכיע, פון דאזיקן „מעין המתגבר", וואס האט באוואסערט די טרוקענע זאמדן פון געזעלשאפטלעכן געדאנק, געגעבן זיין היימלאנד די שטאלענע שליסלען פון מענטשלעכן גליק און איבערגעלאזן דער צעטומלטער וועלט — א קלארע וועלט־אנשויאונג.

אין דעם דאזיקן לענינישן אויפברויז טיילן זיך אויס פיר באזונדערע שטראמען, וואס וואקסן ארויס איינער פון צווייטן:

1) לעניניסטישע אקטואליזירונג פון מארקסיזם.

2) סטראטעגיש־טעארעטישע צוגרייטונג פון דער רוסישער רעוואַ־לוציע און אויסבילדונג פון באלשעוויסטישן אוואנגארד.

3) אקטאבער־רעוואלוציע און פארפעסטיקונג פון פראלעטארישן זיג.

4) מעלוכישע בויאונג פון סאציאליזם.

אף די דאזיקע אלע געביטן און הונדערטער צווישן־געביטן האט לענין ארויסגעוויזן דעם ברייטיאמיקן שוואונג פון זיין גייסט און זיין שטענ־דיק אנגעשארפטע לאגיק. די ציטאטן, וואס ווערן געבראכט אין אנהייב פון ארטיקל, זיינען גענוג צו כאראקטעריזירן די רעליעפע, לענינישע גע־שטאלט. ער האט געזען נישט נאר אלץ, וואס עס לאזט זיך זען, נאר אויך דאס אלץ, וואס באהאלט זיך אויס אונטער דער אפנארערישער אוי־בערפלעכלעכקייט פון דער איבערגעשפיצטער צייט; ער האט דעם רוסישן אימפעט פארוואנדלט אין אן ארבעטסקראפט, צוזמענדיק אים אין מע־טאדאלאגישער פראקטישקייט, פונקט ווי מען צווינגט א רייסנדיקן וואַ־סערפאל טרייבן א טורבינע און פראדוצירן עלעקטרישע קראפט; אויסער

דעם האָט ער געקענט מאַטעמאַטיש אויסרעכענען דעם מאָמענט פון אַק־טואירן, — ער איז געווען דער זייגער־מעכאַניזם פון דער רעוואָלוציע.

די מערסטע טייל פון זיינע געפעכטן איז אים אויסגעקומען צו פירן נישט אַזוי קעגן פאַרפוילטן צאַריזם, ווי קעגן דעם פאַרגליווערטן און פאַרטריקנטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מאַרקסיזם, אין אַלגעמיין, ווי אויך קעגן די קרויוישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: מענשעוויקעס, עס־ערן, רעכטע און לינקע אָפּנייגלער אין דער אייגענער פּאַרטיי, וואָס האָבן טרינקענדיק זיך אין דער מעוואָלוציאָנדיקייט פון דער צעברויזטער צייט, גע־מיינט אַז זיי שלאָגן געשיכטלעכע שווים־רעקאָרדן. שוין גלייך פון אָנ־הייב האָט לענין דערוויזן, אַז דער מאַרקסיזם איז נישט קיין זאַמלונג פון מעכאַנישע פאָרמולן און אַז די גרויסע עמעסן פון מאַרקסן מוזן אָטעמען, מוזן אַריינציען אין זיך דעם לעבעדיקן אָטעם פון דער צייט, קעדיי עס זאָל פון זיי שלאָגן מיט סאָציאַלער דינאַמיק.

אין אויסלאַנד האָט ער צונישט געמאַכט די „אָרטאָדאָקסישע”, „אי־בערגעגעבענע” מאַרקסיסטן, וואָס האָבן אונטער זייער קאָדשע־קאָדאָשימ־דיקער אָרטאָדאָקסיע אויסבאַהאַלטן נישט מער ווי אַ געמיינעם אָפּאָר־טוניזם, פאַרוואַנדלענדיק פּאַקטיש זייער מאַרקסיזם אין אַ מין בורזשואַזן סאָציאַליזם. אין רוסלאַנד גופע האָט די דאָזיקע „אָרטאָדאָקסיע” געוואָלט באַווייזן, ערעוו דער רעוואָלוציע, מיטן אויטאָריטעט פון מאַרקסן און ענגעלסן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט טאָר נישט איבערנעמען די מאַכט, ווייל טעאָרעטיש איז נאָך צו פרי... די ליבע צו טעאָריזירן, אַפן סמאַך פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט די „אָרטאָ־דאָקסן” צו טאָן נישט טעאָרעטישן נאָר גאַנץ פּראַקטישן סאַבאָטאַזש, נאָכן פולשטענדיקן זיג פון דער רעוואָלוציע.

עס זיינען אויך געווען מאַקסימאַליסטן, פאַרגייער פון שפּעטערדיקן טראָצקיזם, וואָס האָבן אין דער רוסישער רעוואָלוציע געזען אַ באַשרענ־קונג. נישט באַנעמענדיק דעם טיפערן זין פון מאַרקסיזם, האָבן זיי, מיט דער אויטאָריטעט פון מאַרקסן, געפאָדערט שוין דעם אכטן נאָוועמבער אַ וועלט־רעוואָלוציע, כאָטש דעם זעקסטן האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט פון דעם, וואָס לענין האָט געטראַכט צו טאָן דעם זיבעטן...

פּאַראַלעל, אַלזאָ, מיטן אָנגריף אַף דער רעאַקציע, אַפן קלאַסן־סוינע, אַפן אימפּעריאַליזם, אַפן צאַרישן דעספּאָטיזם, האָט לענין געהאַט זיין

היימישן „צווייטן פראָנט", וואָס האָט זעלבסטפּרעסעריש פאַרצוקט אַ גרויסן טייל פון זיינע ענערגיעס און אין לעצטן סאַכאַקל אויך זיין ניט אויסגעלעבטן לעבן.

ניט קוקנדיק, אָבער, אויף אַלץ, איז געקומען אָקטאָבער און די גאַנצע וועלט האָט דערזען לענינען; זי האָט אים דערזען „אויפן שפּיץ פון דער ערד" (וו. מאַיאַקאָווסקי). ער האָט געניאַל אויסגעטאַשט די סאָציאַלע קעגנזעצן, קערענסקיס ניט דערבאַקענע בירגערלעכע רעוואָלוציע, די פראָנט-אומשטענדן, דעם פּראָלעטאַריש-רעוואָלוציאָנערן אַגוואַוקס און האָט געוואונען. געוואונען, אָן בלאָף און אָן קונצן, נאָר אָרנטלעך: מיט סייכל און מיט באָלשעוויזם. די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און האָט פאַרשטאַנען, אַז די אויבערפלאַך פון דער ערד האָט זיך גענומען באַדעקן מיט אַ נייער הויט, וואָס קאָן ניט אָפּגעשונדן ווערן.

נאָכן זיג האָט לענין ניט געהאַט קיין צייט צו פראַוון מיט דער רע־וואָלוציע ניט נאָר קיין האַניק-כאַדאָשים, נאָר אַפילו קיין האַניק־מינוטן אויך ניט, ווייל גלייך האָבן זיך אַ שאַט געטאָן אויפן צאַרטן אָקטאָבער די קאָנטררעוואָלוציע, דער בירגערקריג, די דייטשע אָפּענסיווע, די טעריטאָ־ריעלע פאַרלוסטן, די בלאָקאַדע, די אינטערווענץ, דער הונגער...

אומעטום איז געווען לענין און אומעטום האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט פון דער ליבהאָבעריש־אימפּראָוויזירטער, באָרוועס־נאַקעטער רויטער אַרמיי און אומעטום איז דער אָקטאָבער געשטאַנען אין פלאַמען.

ערשט שפּעטער, ווען די ווילדע אָקטאָבערשע ראָמאַנטיק האָט איבער־געגעבן איר בונטאַרישן זיג דער סאָוועטישער רעאַליטעט, איז לענינען באַ־שערט געווען אָנצוהייבן דעם ארכיטעקטאָנישן אויפבוי פון דער נייער גע־זעלשאַפט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום לעצטן מעלוכעשן עטאַפּ פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, מיט דעם בילדערישן גלייכוואָרט: „ראַטנפאַר־באַנד איז קאָמוניזם פּליוס עלעקטריפיקאַציע", אָבער אַלע לאַנגיאָריקע פאַרגעסענע ווייטיקן זיינע, די צענדליקער אָנגעלעבטע שוואַכקייטן, די ניט-דערשלאָפענע נעכט, די אַלטע עס-ערישע קויל, וואָס האָט געשטעקט אין זיין לייב און די הונדערטער קליינע, טאָג־טעגלעכע האַרצווייטיקן, האָבן זיך צעבונטעוועט און דורכגעבראָכן לענינס געזונט, טויטנדיק אים אין דער סאַמע מיט פון זיין דינאַמיש לעבן.

III

דאָס איינפאַכע פאָלק, וואָס קלייבט זיך ניט פונאַנדער אין די סובטעלקייטן פון מאַרקסיסזם, וואָס פאַרשטייט ניט גענוי די עקאָנאָמישע טעאָריעס פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וואָס ווייס גאָר ניט פונעם מעטאָד פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, איז פונקט אַזוי ווינציק באַקאַנט מיט דער לערע פון לעניניזם, אָבער לעניגען האָט עס ליב מיטן טיפסטן סענטימענט, מיט די וויברירונגען פון דער אינטואיציע, מיטן „כל עצמותי תאמרנה”, ווייל דער לויטערער עמעס פון דער דאָזיקער פערזענלעכקייט אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אונדזער יאָרהונדערט, איז פאַרן פאָלק קווידעם קאָל, אַ געמיטזאַך, אַ זאַך, וואָס איר עכטע שיינקייט וויקלט זיך און וויקלט זיך אַף די געפילן. פאַרן פאָלק און פאַר דער געשיכטע פון ראַטנפאַרבאַנד איז לענין, פריער פון אַלץ, אַן עמאָציאָנעלער פאַקטאָר, אַף וויפל ער שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרקערפּערונג פון גרעסטן נאַציאָנאַלן העלדנטום און ברייטסטן אינטערנאַציאָנאַלן רום.

דערפאַר איז זיין קייוועך אויסגעפלאַסטערט מיט פאָלקסליבע, דערפאַר ווערט קיינמאָל נישט שיטערער דער מענטשן־געדראַנג בא זיין צופוסנס און דערפאַר איז דער צווייזילביקער קלאַנג פון זיין נאָמען אָנגעפילט מיט אַזויפיל פריידיקע, מוזיקאַלישע ניואַנסן.

אַלגינס וועלט

I

אַז מען וויקלט פֿונאַנדער, אין דער גאַנצער ברייט, דעם יידישן סאָציאַליזם, דערזעט מען ווי פֿון אַלע זיינע פּופּציק יאָר קוקט אַראָפּ אַן אָפּענער, וואַרעמער פּאָנים — דער פּאָנים פֿון מוישע אָלגין.

אַ פּאָנים איינגעבוימלט אין מילדקייט, אָבער די בלאַסע, ווינקלדיקע ביינִיקייט דערציילט וועגן אַ געזונט וואָס איז צענויפֿגעשטוקעוועט פֿון שטיקלעך און ברעקלעך. פֿון צו ווייניק פֿלייש פֿאַרמאָגט דאָס אָפּגעצערטע פּאָנים צו פֿיל הויט. דאָס לויזע הויט-אָנטועכץ פֿאַלדעוועט זיך אין קנייטשן, אָבער עס זעט זיך ניט קיין צעקנייטשטקייט אָפֿן דאָזיקן פּאָנים. די קנייטשן זיינען אַנטשלאָסענע און האָבן אַ ריכטונג, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט צו ווערן אויס קנייטשן און פֿאַרוואַנדלען זיך אין כאַראַקטער־שטריכן. פֿון אונטער די אויגן לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין דער קווער צום אונטערשטן קין, צו צוויי פֿון יעדן זייט פּאָנים, גלייכע און פֿעסטע ווי צוויי פּאָר רעלסן, וואָס אָט-אָט דאַרף זיך אָף זיי דורכטראָגן אַן עקספּרעס-באַן...

די בלאָלעכע וואַסערן פֿון זיינע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך געטויוולט אַזוי פֿיל שלאַנקע וויזיעס זיינען פֿאַרקראַטעוועט מיט גלאָז; זיי באַוואָרענען זייער פֿיזישע שוואַכקייט אונטער אַ שטענדיקן ברילנגלאַנץ. אָף די איינגעפֿאַלענע שלייפֿן איז אָנגעשריבן אַז אויך דאָס האַרץ איז שוואַך אָנגעצויגן. די פֿאַרברייטערטע נאָזלעפֿלען און די עטוואָס שווער-געוואָרענע אונטערשטע ליפּ מאָסערן וועגן דער ביטערער שאָכנטע וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיינע אָטעם-אָרגאַנען — די אַסטמע, וואָס פֿאַרוואַנדלט

אָפּט די שמעקעדיקסטע לופֿט אין שפּיציקע שפּענער. דער האָלדז ווערט פֿון צייט צו צייט דיק, אָבער די דיקייט איז נישט מער ווי אַ געשווילעכצ־דיקע אָנגעפּוישטקייט.

אין דאָזיקן קערפּער, וואָס האָט באַלוינט מיט ווייטיקן און וואָס האָט אַלע ווײַלע פּיזיש געשטרייקט, האָט געלעבט אַלגין. אין דאָזיקן קערפּער האָט אַלגין באַוויזן צו זײַן גאַנץ און דורכזיכטיק, אָן אַ ראַץ און אָן אַ שפּעלטעלע. אַזאַ איז ער געווען זינט ער האָט נאָך געהייסן מוישע־יאָסל פֿון שטעטעלע בוקי, זינט ער האָט אָפּגעלאָזן זײַן ערשטן און לעצטן שידעך קעדיי צו קענען מאַסמידיש אַריינטאָן זיך אינגאַנצן אין דער אידעאָלאָגיש־וויסנשאַפֿטלעכער באַגרינדונג פֿון זײַן וועלטבאַנעם, ביז ער איז אין אַ האַרבסט־פֿרימאָרגן פֿון יאָר 1939 געפֿאַלן אונטער דער מאַסע פֿון זײַנע קערפּערלעכע ווייטיקן, ניט באַווייזנדיק שוין איבערצוגיסן אויף פּאַפּיר דעם פּאַרטיקן אַרטיקל וואָס ער האָט געטראָגן אָן אײַנגעוויקלטן אין זײַנע גע־דאַנקען, פֿאַר דער „מאָרגנפֿרײַהייט" פֿון 22טן נאָוועמבער. דעם זעלבן 22טן נאָוועמבער האָט נאָך אָבער באַוויזן צו דערשיינען זײַן לעצטע ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענץ אין מאָסקווער „פּראַוודאַ".

דאָס גאַנצע לעבן זײַנס האָט ער געפֿירט אַ דאָפּלטן קאַמף: אַ קאַמף מיט די סאָנים פֿון דער מענטשהייט און אַ קאַמף מיט זײַן אייגענעם קער־פּער. די סאָנים האָט ער לייכט באַהערשט, אָבער דעם אייגענעם קערפּער האָט ער נישט געקענט באַזיגן.

61 יאָר האָט אים זײַן לעבנס־אימפּעט מיט צוואַנגען אויפֿגעהאַלטן אין דאָזיקן צעווייטיקטן גוף. געבליבן איז פֿון דאָזיקן לעבן אַ גרויסע אָל־גיגישע גערעטעניש: 7 ביכער אין יידיש, 4 אין ענגליש, 16 בענד איבער־זעצונגען, 50 בראָשורן, אַ יידישע כרעסטאָמאַטיע, אַ נישט־פֿאַרענדיקט אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק, זעקס טויזנט אַרטיקלען און... עלף דאָלאַר מיט דרייצן סענט...

II

אַלגינס געמיט האָט זיך באַוועגט צווישן ליריק און פּאָליטיק. נישט געוואַקלט זיך צווישן ביידע, נאָר באַוועגט זיך האַרמאָניש. בײַ אים זײַנען עס נישט געווען קיין צוויי פּאָליוסן. ער איז פֿון דער פּאָליטיק נישט געגאַנ־

גען אָפּקילן זיך אין דער פּאָעזיע און פון דער פּאָעזיע איז ער נישט גע־גאַנגען אָנהיצן זיך אין דער פּאָליטיק. ער איז שטענדיק געווען אין ביידע ערטער גלייכצייטיק. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט סענטימענטאַליזירט אָדער פאַרפּאָעטעוועט די פּאָליטיק. ער האָט בלויז אריינגעוועבט אין איר יענעם לירישן בלאָען אָדערל, וואָס האָט געמאַכט אַזוי אייגנאַרטיק זיין סאָציאַלן אומרו און זיין פּאָליטישן געדאַנק. זיין לירישקייט האָט קיין מאָל נישט געמאַכט שלאַבעדיק זיין פּאָליטיק און האָט זי נישט צוגעגעבן קיין ליבהאָבערישע צעקראָכנקייט. ער איז שטענדיק געווען אַן ערשטראַנ־גיקע פּאָליטישע פיגור, סיי אין זיינע צוואַנציק יאָר בונדיזם און נאָך מער אין זיינע צוואַנציק יאָר קאָמוניזם. גראָד דאָס לידערדיקע אין זיין געמיט האָט אים עפּשער געמאַכט פאַרן גרויסן לידער.

עס איז אַ ליגן אַז פּאָליטיק איז קיזלשטיין, אייזן און פראָסט. אַזוי־נע זיינען די קענצייכנס פון פּאָליטיק־מאַכעריי אָבער נישט פון פּאָליטיק. די דערפאַרונג האָט דערוויזן, אַז וואָס סאָציאַליסטישער אַ פּאָליטיק איז און דער איקער וואָס קאָמוניסטישער זי איז, אַלץ מער האַרץ איז אין איר פאַראַן, אַלץ מער סאָציאַלע ליריק רינט אין איר פּאַטעטישקייט. אָלגין האָט זיין גאַנץ האַרץ, זיין קראַנק האַרץ אריינגעלייגט אין יעדן פּאָליטישן וואָרט זיינעם און דערפאַר איז ער שוין בעמיילע געוואָרן אַ זוכער פון יידישע שיינקייטן, פון וואָרט־צעשטראַלטקייט און דערפאַר האָט ער אַ גרויסן טייל פון זיין קאָמוניסטישן אימפּעט אריינגעלייגט אין קאַמף פאַר קולטור, ווייל קאַמף פאַר עמעסער קולטור איז נישט נאָך „אויך" אַ קאַמף פאַר סאָציאַליזם, נאָר טאַקע אַן איקער־פראַגע פון סאָציאַליסטישער איינ־שטעלונג.

צוזאַמען מיט די ערשטע פּאָליטישע פּראָקלאַמאַציעס וואָס ער פאַר־פאַסט אין זיינע סטודענטן־יאָרן, פאַרטיפט ער זיך אין דער יידישער פּאָעזיע און פירט דורך ליטעראַריש־קריטישע פאָרשאַרבעטן וועגן דער טעאָריע און אָנווענדונג פון דיכטונג, וועגן סימבאָל און ריטם, וועגן שפּראַך און אינהאַלט, וועגן דער נעשאָמע פון פּאָעזיע, וועגן טענדענץ אין קונסט. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צו נישט געמאַכט די וואולגאַרע אויפפאַסונג אַז פּראָלעטאַרישע און סאָציאַלע דיכטונג האָט גאָרנישט צו טאָן מיט טרוימען, דענקען, פאַנטאַזירן און אַז יעדע אָנגעשטרענגטע פּסי־כישע אַרבעט איז נישט נויטיגע די קעמפנדיקע מאַסן. ער האָט דערוויזן

דעם גאַנצן ליִנקאַטשישן סנאָביזם וואָס ליגט אין דער פאַלשער טעאָריע פון איבערגעטריבענער אַמכאַ־פאַרשטענדלעכקייט, פון יענער נעבעכדיקער פּאַשטעס, וואָס איז נישט מער ווי אָרעמקייט און דאַלעס. גראָד דאָס פאָלק איז פאַרשטענדלעכער און נעמט אויף טיפער אַ סאַך שאַפונגען, אַף וועלכע די פּראָלעטאַריזירנדיקע „אינטעליגענטן" זאָגן מיט פאַראַכטונג אַז דאָס איז סיסרע־טוירע.

פון די דאָזיקע פּאָעטישע אַנאַליזן און רעפלעקסן אָלגינס איז שפּעטער אויפגעקומען דאָס שפּיגלבוך פון זיין ליטעראַרישער קריטיק „אין וועלט פון געזאַנגען", וואָס האָט באַוויזן ווי טיף די דאָזיקע ערשטע פיגור פון יידישן וועלט־סאָציאַליזם איז אינטים־פּאָעטיש אריינגעגלידערט אין יידישן וואָרט און ווי ווייט אים אינטערעסירט דער יידישער וואָרט־געזאַנג אין מיטן פון פּאָליטישן געפעכט.

זיין אייגענע בעלעטריסטישע וואָרעמקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין די דערציילונגען וואָס ער האָט גרופּירט אין „ווען דאָס לעבן רופט" און אין דראַמאַן „האַורילאַ און יאָעל", וואו שאַרפע סאָציאַלע צייט־מאָטיוון זיינען שוואַרצפאַרעמדיק אויסגעהאַפטן אפן העלן הינטערגרונט פון יידישן און נישט־יידישן פאָלקסשטייגער.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער מעמוארן, שילדערונגען, אָבער דאָס וואָס גיט אַ באַגריף וועגן פאַרנעם פון זיין טיטאַנישער שעפערישקייט און שווינדלדיקער פּראָדוקטיווקייט זיינען גראָד די „נישט־ליטעראַרישע" אַרבעטן: די פּאָליטישע אָפּהאַנדלונגען, די 50 בראָשורן און די זעקס טויזנט אַרטיקלען — דער טאָג־טעגלעכער אָטעם זיינער, וואָס איז טיפּאָגראַפיש פאַרקילט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער שורעס פון צייטונגען און זשורנאַלן. די דאָזיקע שורעס זיינען עס די פּאַשעטע פעדעם פון וועלכע עס איז אויסגעוועבט געוואָרן די מעכאַיעדיקע לייוונטענע גרויסקייט אין וועלכער עס איז איינגעוויקלט זיין נאָמען, — דער נאָמען פון וועלכן עס שלאָגט אַזאַ וולאַדימיר־לענינישע וואָרעמקייט — מוישע אָלגין.

III

דער דאָזיקער נאָמען איז ווי אַ שליסל צו דער אייגענער היים און ווי אַ בינטל שליסלען צו אַזוי פיל ספּייקעס. עס איז אַ נאָמען וואָס ענטפערט

אַף אַלץ. עס איז אַ נאָמען וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך דאָס טיף־פאָלקסטימלעכע פון יידישן געמיט און דאָס שפּיצבאַרגיקע פון סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק. אַ נאָמען וואָס האָט אין זיך דאָס שיימהאַפּוירעשדיקע פון אַ באַוועגונג און וואָס דעפינירט דעם מענטשן גופא.

פון דאָזיקן נאָמען שיינט אויך אַרויס דאָס אָלגיניש־פּערזענלעכע, זיין לעבן פון אַ נאָזיר לעטוויוועס האַקלאַל, די שוועדגעוויכטיקע אַרבעטזאַמקייט וואָס ער האָט אַרויסגעצוואונגען אַף זיין צעשרויפטן קערפּער, זיין לעבן וואָס איז געווען פונאַנדערגעטיילט צווישן צוויי קליינטשיגקע צימערלעך: זיין באַכעריש צימערל וואו ער האָט ט ע אַ ר ע ט י ש געוואוינט און זיין רעדאַקציע־צימערל אין דער „מאָרגן־פרייהייט" וואו ער האָט פּ אַ ק־ט י ש געלעבט. ווינציקער פון אַלץ האָט ער אין די דאָזיקע 2 צימערלעך געפירט אַ „נאָרמאַלן לעבן". אין דער עמעסן זיינען געווען עס געווען צוויי קעס־לען, פון וועלכע עס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט אַרויסצוקנוילן זיך דער אָלגינישער דינאַמישער דאַמף. איין מאָל איז אים אין דער „מאָרגן־פרייהייט" צו קורץ געוואָרן אַ מעסלעס, איז ער אָפּגעזעסן בא זיין שרייב־טיש 36 שאָ אָן איבעררייס, דאָס הייסט 2 טעג מיט אַ נאַכט און די מיד־קייט אין זיינע אויגן האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען... פאַרלאָזן פלעגט ער די דאָזיקע צימערלעך בלויז דאַן ווען ער האָט געדאַרפט גיין ריידן אַף אַ מיטינג, אָדער געבן אַ לעקציע מאַרקסיזם אין אַרבעטער־אוני־ווערסיטעט, אָדער האַלטן אַ פּראָגראַם־רעדע אַף אַ צוזאַמענפאָר, אָדער אַריינכאַפּן זיך אַף אַן אָרגאַניזאַציע־זיצונג פון „פּראָלעטפּען", אָדער אַ מונטער טאָן דעם „איקוף", אָדער צולויפן אין „אַרטעף" מיט אַ קינסט־לעריש־געזעלשאַפטלעכער אידעע, אָדער אַרויספאָרן מיט אַ לעקציע־טור אין דער פּראָווינץ, אָדער אַראָפּכאַפּן זיך אין דער קאָלאָניע „קינדערלאַנד" פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקסאָרדן...

אויסער זיין דירעקטער ליטעראַרישער אַרבעט האָט ער נאָך גע־דאַרפט אָן אויפהער פירן אַ מילכאָמע קעגן די טעאָריעס פון די ליטעלע־שער און שאַטנטרעגער, פון די העצער און פאַרפירער, אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, קעגן „די זומפּ־פּאַסטקעס, פּאַסטקעס פון נאַציאָנאַלער אַצוועס און פּאַסטקעס פון נאַציאָנאַלער אָראַגאַנץ".

זיינע שטאַרקסטע ליידנשאַפטן זיינען געווען די „מאָרגן־פרייהייט" און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דער „איקוף". ביז איצט פילט מען

נאָך די וואַרעמקייט פון דער גרויסער אַלגינישער ליידנשאַפט, וואָס האָט געבויט און געגלעט, און גלייכצייטיק געגאַסן פעך און שוועבל אַף די שפּאַל־טערס און באַוויזן אַז אונטער זייערע צאַדיקישע פּעלצן געפינען זיך נישט קיין ערבעקאַנפעסן, נאָר קויטיקע העמדער...

זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געראַנגלט פאַר אַ טיפער יידישער פאָלקס־קולטור און האָט אָן אויפהער געלערנט אַז פאָלקסקולטור איז נישט פאַר־פלאַכונג און וואולגאַריזאַציע. אַפן קולטור־קאָנגרעס אין 1937, אין פּאַריז, האָט ער געזאָגט אַט־וואָס:

„עס וואָלט נאָר געווען אַ טרואיזם ווען מען וואָלט באַזונדער אונטער־געשטראָכן, אַז מאַסנהאַפטיקייט שליסט נישט אויס טיפקייט, עכטקייט, ערנסט, ערשטקלאַסיקייט. ווען מיר ריידן וועגן פּאָפּולאַריזאַציע, וואָס דאָס איז אַ באַזונדערע קונסט, ריידן מיר געוויס נישט וועגן אַ פון־אויבן־אַרונ־טער־באַציאונג פון קולטור־אַרבעט „פאַרן פאָלק" (גראָשן־ביכלעך מיט אַ טיי־לעפעלע אדולטערן וויסן). מיר ריידן וועגן ערנסטער קונסט, גרויסער קונסט, ערשטקלאַסיקער ליטעראַטור. מיר ריידן וועגן דעם בעסטן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט, קען פּראָדוצירן. מיר ריידן אָבער וועגן פּראָדוצירן די אַלע עמעסע קולטור־ווערטן מיט אַן אויג אַפן פאָלק און אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מאַסן. וואָרעם נאָר אַזוי וועלן מיר שאַפן אַן עפעקטיווע קולטור, וואָס איז אַ היסטאָרישער קויעך".

IV

דאָס אַלגינישע אויפשליסנדיקע וואָרט איז מיט אַ סאָציאַליסטישן און ליטעראַרישן טראָט אַריין טיף אינעם פאָלק און געבליבן דאָרט. געבליבן נישט ווי אַן אָנדענק, נאָר געבליבן דאָרט לעבן, קעדיי פונאַנדערצוטראָגן אומעטום אַלגינס געבאָט, אַז לעבן הייסט קעמפן און אַז עס איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט.

ביז איצט צאַפט מען זון פון דאָזיקן וואָרט און פון גוטן אַלגינישן נאָמען, — דעם גרויסן קלאַסישן נאָמען אין דער געשיכטע פון יידישן סאָ־ציאַליזם.

איז די סאָוועטישע ביאָלאָגיע טרייף צי קאָשער?

I

די סאָוועטישע וויסנשאַפט איז ביז איצט געשוינט געוואָרן פון די קאָלערליי פייל וואָס זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן אַף דער אַלגעמיינער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט. די פּיראָטעכניק פון סינע פלעגט, צו־קומענדיק צו דער גרענעץ פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט, פאַרלירן איר פייל־און־בויגנדיקע פלינקייט, איר קינדערשע ביקסל־טראַסקעריי, אירע ראָגאַטקע־שטיינדלעך און איר צעגראַגערטע זעלבסטזיכערקייט. פאַרביי דעם שוועל פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט פלעגט די דאָזיקע סינע, אַ פאַרשטיקטע פון קינע, פאַרביישלייכן זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק, קעדיי צו זוכן אָנגרייפערישן גליק און פרייליכערע פּערספּעקטיוון; אַביסל ווייטער, אַף אַנדערע ווייניקער באַשיצטע סאָוועטישע געביטן.

מיט אַ מאָל, אָבער, אין סאַמע מיטן פון יאָר 1946 האָט אַ יידישער שיסער אַריינגעשאָסן אַ פראַגע־צייכן אין דער סאָוועטישער ביאָלאָגיע, וואָס איז דער שעפערישסטער אָפּצווייג פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט. דער דאָזיקער פראַגע־צייכן האָט זיך אָבער נישט אויפגע־פירט ווי אַ פראַגע־צייכן. ער איז נישט געקומען פרעגן, זוכן אַן אַנטשיי־דונג אָדער וואַרטן אַף אַ דירעקטן ענטפער, נאָר האָט זיך אַריינגעריכן מיט דער לעכאַטכילעדיקער אויסרעכענונג צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פייל. דער פראַגע־צייכן איז אַריינגעשאָסן געוואָרן אַ פאַרענטפערטער

און דער ענטפער וואָס ער האָט ז י ך אַליין געגעבן איז אייגנטלעך געווען מער פון אַן ענטפער, עס איז געווען אַן אורטייל.

טרייף!

און נישט סתּם טרייף, נאָר טאַקע מיטן זעלבן גראַד טרייפקייט וואָס די נאַצישע וויסנשאַפט.

די סאָוועטישע וויסנשאַפט, וואָס האָט קיין איין טראָפּן בלוט נישט פאַרגאָסן, וואָס האָט בעמעשעך פון דער מילכאָמע בעפויעל מאַמעש מע־כאַיע־מייסים געווען הונדערטער דערהאַרגעטע זעלנער, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן צוריק דערפונדן דעם מיטל ווי אַזוי צו נוצן באַרמינען־בלוט צו טראַנספוזיע־צוועקן, ווערט אַוועקגעשטעלט אויף דער זעלבער מאַראַלי־שער הייך וואָס די ספּאַזמאַטישע, בלוטפאַרגיסערישע נאַצי־וויסנשאַפט, נישט כּאָלילע צוליב בלוט־טאַימים, נאָר צוליב דער „האַרן־אידעאָלאָגיע" וואָס באַהערשט ביידע וויסנשאַפטן...

אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל האָט אַ יידיש־וועלטלעכער ייד אין אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלן אָרגאַן; געטאָן האָט עס דער באַקאַנטער יידי־שער פּעדאַגאָג און אָנגעזעענער פּסיכאָלאָג לייבוש לעהרער, אין נומער 654 פון דער ניו־יאָרקער פּאָאַלע־ציוניסטישער צייטשריפט „דער יידי־שער קעמפער".

ע ר האָט עס אַ שטעל געטאָן די פּלאָקנשיסערישע קלאָץ־קאַשע און ער אַליין האָט עס פּיילנשיסעריש־גיך געפּאַסקנט, אַז די סאָוועטישע וויסנשאַפט איז פּאָסל...

אויסגענוצט האָט ער צו דעם אַ געלעגנהייט, וואָס האָט סיי פון אַבסטראַקט־עטישן, סיי פון יידיש־עמאָציאָנעלן שטאַנדפּונקט נישט גע־דאַרפט אויסגענוצט ווערן. אין אַן אַרטיקל מיט אַן אומשולדיק־פּאַרפּירנ־דיקן אַנטי־נאַצי־קעפּל „הערן־ראַסע און הערן־אידעאָלאָגיע" רעדט ער אַרום ד"ר מאַקס וויינרייכס קרעפּטיק־דערשיטערנדיקן בוך „היטלערס פּראָפעסאָרן", וואָס דאָקומענטירט דעם קרימינעלן אָנטייל פון דער דעגע־נערירטער און דעגראַדירטער דייטשער וויסנשאַפט אין די שכיטעס אויף אונדזער פאָלק. אויף דער באַזע פון דאָזיקן האַרשפּאַלטנדיקן מאַטעריאַל נעמט לעהרער שטעלן דריבנע, פּאָרזיכטיקע טריטעלעך, פּאַרפּאָרט אויף אַ ווייַלינקע קיין בוויבעריק, איז מאַטריעך אַריסטאָטעלן, די רוימער, די אַראַ־בער, היפּאָליט טענען, קאַרל מאַרקסן, דאָס קריסטנטום, ביז ער קומט צו

דער מאַסקאָנע, אַז ווען אַן אידעע ווערט אַ „הערן-אידעאָלאָגיע" איז „דעמאָלט שוין איינגנטלעך אַלץ איינס צי די טעאָריע איז נאַציאָנאַליזם אָדער סאָציאַליזם, אָדער ראַסע אָדער ליבע". עס איז בלויז געגוג אַז אַן אידעע זאָל הערשן „מיט דער מאַכט פון אַ מעלוכע", דאַן קומט שוין „דאָס גרויסע אומגליק", די מאָנאָקראַטיע. פאַר לעהרערן איז נישט וויכטיק וועלכע אידעע און וועלכע מעלוכע, פונקט ווי ער וואָלט באַהאַנדלט אַן אַבסטראַקט-וויטע, אַקאַדעמיש־טעאָרעטישע פראַגע, אין דער צייט ווען די פונדאַמענטן גופע פון זיין אַרטיקל זיינען אונטערגעשוואונקען מיט אונדזער בלוט.

אַף דער דאָזיקער הייך פון זיין געדאַנקען-גאַנג דאַרף מען אפילע ניט קלערן וואו לעהרער צילט, ווייל ער שיסט שוין אַליין אוים. ער גיט זיך אַ צעוויג אַף זיין, ביז איצט באַהאַלטענער, אַנטיסאָוועטישער טראַפּעציע און גיט אַ שפּרונג אַריבער מיט אַ מעשונעדיקן „סאַלטאָ מאָרטאַלע" פון דייטשלאַנד קיין ראַטנפאַרבאַנד. ווי אַ וויסנשאַפטלער, ברענגט ער, פאַרשטייט זיך, פאַרשיידענע ראַיעס און ציטאַטן וועגן דער טרייפקייט פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט. אַזוי אָבער ווי ער האָט אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט נישט געפונען קיין ראַסן-לערעס, האָט ער זיך גענומען צו דער ביאָלאָגיע.

וואָס פאַר אַ שייכעס דאָס אַלץ האָט מיט דער היטלעריסטישער, בלוט־הינטישער וויסנשאַפט, איז, נאָך אַלע לעהרערס פּילפּולים, שווער צו דערגיין. ווי אַזוי אַ ייד מיט אַ נאָמען קען זיך דערלויבן, באַ דער געלעגנהייט פון באַהאַנדלען דאָקומענטן פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע אָנצופאַלן אַף דער סאָוועטישער ביאָלאָגיע, וואָס האָט אויפגעטאָן וואונדער, איז נאָך שווערער צו דערגיין. ווען די סאָוועטישע וויסנשאַפט וואָלט אפילע געווען אין אַ וועלכן נישט איז פּראַט „זינדיק", וואָלט מען זי דאָך אויך ניט געטאָרט באַהאַנדלען אין איין אָטעם און אַף דער זעלבער זייטל מיט דער היטלעריסטישער רעציכע, אונטער איין שוטפעסדיקן קעפּל „הערן-ראַסע און הערן־אידעאָלאָגיע", און צום סאָף נאָך אויסמישן נאַצישע און סאָוועטישע ציטאַטן קעדיי צו באַווייזן אַז די גייסטיק-מאָראַלישע שטויסקראַפטן און איינשטעלונגען פון ביידע וויסנשאַפטן זיינען די זעלבע.

ווען דער גאַנצער אָנפאַל וואָלט געקומען צום אויסדרוק אין פּראַנקאָס „אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן", אָדער אין מאָסלים אַ בלעטל, אָדער

אין סענאַטאָרס טאַפּטס אַן אַרטיקל, אָדער אין הוגאָ וואַסטס אַ פּאַמ־פלעט, אָדער אַפילע אין מופּטים אַ רעדע, וואָלט עס קיינעם נישט געאַרט. אַזוי אָבער ווי דאָ זיינען דורך אַ יידן, אַף יידיש און אין אַ יידישן בלאַט מעכאַלעל געוואָרן אומבאַרירלעכע עטישע נאָרמעס און אַזוי טאַקע ווי דאָס אַלץ וואָס לעהרער טייטשט אויס ליגנאַי פון דער סאָוועטישער וויסנ־שאַפט, דאַרף גאָר געזאָגט ווערן לישוואַך, מוזן מיר זיך מיטן גאַנצן אי־ניען אַ ביסל פאַרנעמען און דערווייזן, אַז אַפילע ריין־וויסנשאַפטלעך איז זיך לעהרער טויע.

II

לעהרער דערציילט, אַז אַף אַ קאָנפערענץ (ער זאָגט נישט וואו און ווען) האָט דער דירעקטאָר פון דער סאָוועטישער אַקאַדעמיע פאַר אַגרי־קולטור־וויסנשאַפט, דער גרויסער וועלט־געלערנטער ט. ד. ליסענקאָ אַזוי פאָרמולירט זיין צוגאַנג צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג: „קעדיי אַרויס־צוקריגן אַ באַשטימטן רעזולטאַט, דאַרף מען וועלן קריגן אַקוראַט אַזאַ רע־זולטאַט. אויב איר ווילט קריגן אַ באַשטימטן רעזולטאַט, וועט איר אים קריגן”. אויסער דעם זאָל ליסענקאָ האָבן געזאָגט, אַז ער אנערקענט נישט די באַרימטע געזעצן פון ביאָלאָגישער יערושעדיקייט, וואָס עס האָט איינ־געשטעלט, מיט אַן אַכציק יאָר צוריק, יאָהאַן גרעגאָר מענדעל. אַ צווייטער סאָוועטישער וויסנשאַפטלער, טשערנאָיאַראָוו, זאָל זיך האָבן אויס־געדריקט, אַז אויב מען וועט צווינגען יונגע מענטשן צו שטודירן גענע־טיק, וועט מען צעשטערן זייער פעיקייט צו דענקען. צו דעם אַלעמען טשע־פּעט ער צו די ווייטערדיקע ציטאַט פון נאַצי וואַלטער פראַנק: „מיר ווייסן אַלע, אַז כאָכמע אַליין, אָן אינסטינקט, אָן קראַפט און אָן אַ קליין ביסל מעשוגאַס ווי אַ צוגאָב, האָט נאָך קיין מאָל נישט געשטורעמט די פעסטונג פון דער געשיכטע”. אַזוי אָבער ווי לעהרער פילט, אַז דער נאַצי־ציטאַט קלעפּט זיך נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין צו די סאָוועטישע, אַנטדעקט ער אַז אַ געוויסער ענגלענדער ד. קראָאוטער, וואָס האָט אַ „קאָ־מוניסטישן קאָפּ” זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט אַז „אַן אינקוויזיציע איז נוצלעך פאַר וויסנשאַפט ווען זי באַשיצט אַן אויפגייענדיקן קלאַס”.

פון דעם אַלעמען קנעט לעהרער אויס אַ מעשונעדיק נישט־אויפגע־

גאנגענעם סאָוועטיש־נאַציִשן טייג, וועלכן ער באַשיט מיט ענגלישן קימל, קעדיי צו באַווייזן אַז דער מאָראַלישער פונדאַמענט פון דער דייטשער און סאָוועטישער וויסנשאַפט איז צעשטערט געוואָרן פון אַ „פּאָליציייאיש־אוניפאָרמירטער הערן־אידעאָלאָגיע". צום סאַך קומט ער צום אויספיר, אַז אין דער נאַצישער וויסנשאַפט איז נישט וויכטיק צו זוכן די טעאָריעס פון בלוט, באָדן און האַסע, „דאָס איז בעעמעס נישט דער איקער" זאָגט ער, ווייל, לאָמיר צוגעבן פון אונדזער זייט, ווען דאָס וואָלט געווען דער איקער, אַזוי ווי דאָס איז טאַקע ווירקלעך, וואָלט דאָך לעהרערן שווער געווען צו מאַכן דעם שטוינענדיקן פּאַראַלעל צווישן ביידע וויסנשאַפטן. דער איקער איז, לויט לעהרערן, אַז „אין אַ הערן־אידעאָלאָגיע מוזן וויסנשאַפט און וויסנשאַפטלער ווערן די מעכאַנישע אינסטרומענטן אין די פּיין־קאַמערן פון דער באַזונגענער אינקוויזיציע".

מיטן דאָזיקן לעצטן אַקאָרד וויל ער אריינשיסן די לעצטע קויל סיי אין דער נאַצישער, סיי אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט, האָגאָם די לעצטע האָט נישט קיין בלוט־ און קיין ראַסן־טעאָריעס, אָבער לויט דער טיפער געלערנטקייט לעהרערס און לויט זיין יידישן געוויסן „איז עס דאָך נישט דער איקער". דער איקער איז בא אים אויפסטריגעווען אַ האַרן־אידעאָלאָגיע און אַן אינקוויזיציע אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט.

דער דאָזיקער מיליאָן־ווישער פון דער וויסנשאַפטלעכער מאָראַל ווייזט זיך אָבער אַרויס פאַר אַ צו קליינעם אַקראָבאַט צו קענען עס דערגרייכן און פאַר אַ צו קלײנעם מעכאַשעף צו קענען איינרייידן דער סאָוועטישער וויסנשאַפט אַ קינד אין בויך. די טויזן וואָס ער באַנוצט אין זיין קאָרטנשפּיל ווייזן זיך אַרויס פאַר פּאַשעטע נייַנטלעך און דער סאַך איז אַז ער צעמאַזיקט זיך אַליין אָן די „באַווייזן", וואָס ער ברענגט.

III

לעהרער איז אַ פּסיכאָלאָג און עס איז נישט מער ווי רעכט, אַז אַ פּסיכאָלאָג זאָל נישט זיין דאַווקע קיין מומכע אין מאָדערנער ביאָלאָגיע, וואָס האָט צו טאָן מיט אַגראָנאָמיע, און ביפראַט נאָך מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַגראָנאָמישער ביאָלאָגיע פון וועלט־מומכע פּראָפעסאָר ליסענקאָ. ער זעצט זיך דעריבער אַליין אַריין אין דער טפּיסע פון זיינע באַ-

גריפן און בלייבט שוין דאָרטן אַ געפּענטעטער דורך זיין לעבאַטכילעדיקן ווילן דורכצוקוועטשן די ווערטיקאַלע גראַדליניקייט פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט דורך די אונטערערדישע לאַבירינטן פון נאַציזם.

פּראָפעסאָר ליסענקאָ האָט צוזאַמען מיט די פּראָפעסאָרן מישורין און ציצין דורכגעפירט אַן עמעסע רעוואָלוציע אין דער געוויקסן־וועלט און געביטן קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו די אַרויסגיביקייט פון פאַרשיי־דענע קולטיורן. זיי האָבן נ י ש ט נ אָ ר געביטן די נאַטור, אייגנ־שאַפטן און געוואוינהייטן פון פלאַנצונגען, זיי האָבן נישט נאָר געשאַפן נייע טיפּן פון טוואועס און גרינסן, נאָר זיי האָבן בעפוויעל־מאַמעש גע־שאַפן נייע פלאַנצונגען. זיי האָבן אויסגעדרעסירט פלאַנצונגען און גע־צוואונגען זיי צו דינען די סאָוועטישע באַדערפעניש. ווער עס האָט אַן אַנונג אין אַגראָנאָמיע און גענעטיק ווייסט אַז דרעסירן אַ פלאַנצונג איז שווערער ווי דרעסירן אַ לייב.

די פעטע אוקראַינער ווייצן, וואָס דאַרפן זיך באָדן אין זון קעדיי צו געדייען, האָט ליסענקאָ געצוואונגען צו וואַקסן אין די סובפּאָלאַרע ווים־טענישן פון האַלבאינדזל קאָלאַ. ער האָט געצוואונגען קאַרטאָפל־פלאַנ־צונגען צו פּראָדוצירן טאָמאַטן און טאָמאַטן־געוויקסן צו זיין פּראָדוקטיוו אויך אונטער דער ערד און פּראָדוצירן קאַרטאָפל אף זייערע וואָרצלען. איצט עקזיסטירט אַ נייע סאָוועטישע פלאַנצונג, וואָס פּראָדוצירט גלייכ־צייטיק קאַרטאָפל און טאָמאַטן, ד״ה אַ פלאַנצונג וואָס איז פּראָדוקטיוו סיי אין דער לופטן סיי אין באָדן און וואָס פּראָדוצירט צוויי פאַרשיידע־נע פּראָדוקטן.

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן נישט מיט ניסים, נישט ווייל ליסענקאָ האָט אַזוי „געוואָלט”, נאָר ווייל ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו וועלן. צו דעם האָט צוגעהאָלפן די נייע סאָוועטישע גענעטיק, וואָס שטיצט זיך אף דער דיאַלעקטישער קאָנצעפּציע פון יערושעדיקייט און נישט אָפן אַלטן סכעמאַטיש־באַגרענעצטן מענדעליזם. די סאָוועטישע וויסנשאַפט איז אַרויס פון דער טפיסע, אין וועלכער לעהרער זיצט נאָך ביז איצט און קוקט אף דער וויסנשאַפטלעכער ווירקלעכקייט דורכן טור־מע־פענצטערל פון פאַרקראַטעוועטע פּרינציפּן.

עס קען זיין אַז לעהרער וועט מיט דער צייט באַהויפּטן, אַז דאָס אויסמאַטערן פלאַנצונגען, דאָס צווינגען זיי צו פּראָדוצירן איבער די קווי־

בעם און נישט קעדערעך האטעווע — הייסט אריינשפארן אין פיין־קאמערן די נאטור; אז דאס פארשיקן די אוקראאינער ווייצן קיין סיביר איז אן אנווענדונג פון געפער־מעטאדן אין דער אגראנאמיע. ער וועט אבער מוזן אנערקענען, אז אין דער צייט ווען די נאצים האבן געפייניקט מענטשן און זיי אומגעבראכט, האט די סאוועטישע וויסנשאפט בלויז „געפייניקט" פלאנצונגען צום וואויל פון דער מענטשהייט און מאיסע־סאטן זיינען די געפייניקטע פלאנצונגען נישט אומגעקומען, נאר געווארן קרעפטיקער און פראדוקטיווער.

אף צו נייטראליזירן לעהרערס ארויסדרינגענישן איז נישט נייטיק צו זוכן קיין פראסאוועטישע באווייזן. די באשולדיקנדיקע ציטאטן וואס ער ברענגט, מיינענדיק אז זיי באווייזן זיכער די אנטי־וויסנשאפטלעכקייט פון דער סאוועטישער ביאלאגיע, זיינען גענוג צו באווייזן פונקט דעם היפּעך, נישט קוקנדיק וואס זיי זיינען קורץ־אפגעריסענע, פראגמענטארישע און ספּעציעל־צוגעקליבענע. עס ווייזט זיך טאקע ארויס, אז דאס אלץ וואס מאכט גרויס די סאוועטישע וויסנשאפט וויל לעהרער באנוצן נישט נאר צו מאכן זי קליין נאר צו אנולירן זי.

IV

מענדעלס געזעצן, וואס זיינען אויפגעקומען מיט אכציק יאר צוריק, צייכענען אן ווי אזוי און אין וועלכער פראפארץ באלע־כאים און פלאנצונגען גיבן איבער בעירושע זייערע שטריכן און אייגנשאפטן צו די ווייטערדיקע דורעס.

דאס איז א ריין־סכעמאטישע פראטאקאלארע פארצייכענונג פון א ביאלאגישער געזעצמעסיקייט, וואס אין איינע און די זעלבע באדינגונגען כאזערט זי זיך איבער בעדערעך קלאל. מענדעלס געזעצן זיינען בלויז פעסטשטעלונגען, בלויז אויפדעקונגען פון געוויסע פאקטן. אויסער דעם האט זיי מענדעל צוגעגעבן א כאראקטער פון אבסאלוטקייט, נישט רעכענענדיק זיך מיט די איינפלוסן פון דער סוויווע אף דער ביאלאגישער אנטוויקלונג, האגאם די אזוי גערופענע „מוטאציעס" אדער פלוצלינגדיקע פארענדערונגען האבן שפעטער דערוויזן, אז פלאנצונגען קענען באקומען

נישט קיין געיאָרשנטע אייגנשאַפטן און פירן נישט אויס, אין אַ סך פאַלן, מענדעלס געזעצן.

דער אונטערשייד צווישן די סאָוועטישע ביאָלאָגישע איינשטעלונגען און מענדעלס געזעצן איז דער, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפט וויל ניט זיין קיין פּראַקטאַלאַליסטין פון דער נאַטור, קיין פּאַרצייכנערין פון דעם ווי אַזוי די נאַטור־קויכעס רעאַגירן, נאָר זי וויל אַליין ווערן אַ גלייכ־באַרעכטיקטער נאַטור־קויעך, אַן אָנפירנדיקער נאַטור־קויעך צווישן אַלע נאַטור־קויכעס. זי וויל זיין דער טראָפּן אָריענטירנדיקער סייכל אין דער בלינדער אינסטינקטיווקייט פון דער נאַטור.

אין מענדעלס געזעצן שטעקט צופיל אויסערמענטשלעכע געזעצלעכקייט און מעטאַפיזישע אומאויסמיידלעכקייט. לויט מענדעלס געזעצן איז אַבסאָלוט אומעגלעך, אַז טאָמאַטן זאָלן וואַקסן אויף קאַרטאָפל־פלאַנצן; לויט די זעלבע געזעצן דאַרף מען וואַרטן צענדליקער יאָרן ביז אַ דאָרעמדיקער ווייַן זאָל קענען וואַקסן, מיט סאַפּעקדיקע רעזולטאַטן, אין צאָפן. די סאָוועטישע וויסנשאַפט האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט צו וואַרטן און דערפאַר האָט זי זיך געמוזט באַפרייען פון די מענדעליאַנישע פּענטעס. זי האָט בעפּוועל־מאַמעש אינטערווענירט די נאַטור מיט אָריגינעלע און טיף־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, אויף וועלכע נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן.

דערפאַר האָט זיך, צו דער שטוינונג פון לעהרערן, ליסענקאָ געקאָנט אויסדריקן אַז ער איגנאָרירט דעם מענדעליזם, וואָס איז קורצזיכטיק און אומשעפעריש, נישט געקוקט אויף זיין קאָרעקטקייט. אונדז איז אָבער שווער צו גלויבן, אַז פּראָפעסאָר טשערנאָיאַראָוו זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז דאָס שטודירן גענעטיק מיצאַד יונגע מענטשן קען צעשטערן זייער פעיקייט צו דענקען, סיידן ער האָט זיך באַציגן צו דער אומלאָגישער, פאָרמאַליסטישער גענעטיק, וואָס איז געבויט אויף סכעמאַטישער אויסגעסיידערטקייט און אויף אַן איינגעשטעלטן שאַבלאָן. אַזאַ פאַרקילטע גענעטיק קען ווירקלעך ווערן געפערלעך, ווייל זי קען אַרויספירן דעם יונגן פאָרשער אויפן ווייטערדיקן געדאַנק: „צו וואָס דענקען, אַז אויף אַלץ גיט שוין אַן ענטפער די עקזיסטירנדיקע טעאָריע"?

די סאָוועטישע וויסנשאַפט וויל נישט קיין פאַרטיקע באַקוועמלעכקייטן. זי דענקט און האַלט אומאויפהערלעך אָנגעשטעלט אויף אַלע

זעלבסטצופרידענע טעאָריעס, אייגענע און פרעמדע, דאָס שארפע, דיאַלעקטישע ליכט פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, און דערפאַר ווערן אַרויסגעזאָגט אַזוי פיל „אַפּיקאָרסישע" געדאַנקען אַף די סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן.

עס איז נישט ריכטיק, אַז די סאָוועטישע וויסנשאַפט אַנערקענט נישט די גענעטיק. זי אַנערקענט זי, אָבער זי וויל ניט זיין איר קנעכט. זי וויל איר נישט געבן די קאַטעגאָריע פון אַבסאָלוטקייט, ווייל אַלץ ענדערט זיך און אַלץ איז אָפּהענגיק פון סוויווע-באַדינגונגען.

אַף ווי ווייט גענעטיק איז אָנגעלייגט אין ראַטנפאַרבאַנד קען דינען דער פאַקט, אַז דאָרט זיינען פאַראַן נישט נאָר קאַטעדרעס, נאָר אַפילע ספּעציעלע אינסטיטוטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער פראַגע, אין דער צייט ווען אין קימאַט אַלע אַנדערע וועלט-אוניווערסיטעטן גייט גענעטיק אַריין אין דער קאַטעדרע פון פיזיאָלאָגיע. גראָד האָט איצט באַקומען דעם נאָבל-פּריז פון מעדיצין דער אַמעריקאַנער ביאָלאָג הערמאַן דזשאָזעף מילער, וואָס איז געווען פּראָפעסאָר פון גענעטיק אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט. די פּרעמיע האָט ער באַקומען פאַר זיינע פאָרשונגען ווי אַזוי קינסטלעך צו ענדערן די אייגנשאַפטן וואָס באַלע-כאַים און געוויקסן גיבן איבער בעירושע און פאַר זיין פאַרטיפן די „מוטאַציע-טעאָריע", וואָס שטעלט אים אַוועק אַף דער זייט פון דער סאָוועטישער שיטע פון אַנטי-מענדעליזם, — אַ זאַך וואָס איז איצט סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דער נאָבל-פּרעמיע*).

דער דאָזיקער שפּאָגל-נייער פאַקט באַווייזט אַז די סאָוועטישע קריטיק פון מענדעלס געזעצן באַקומט אַן אוניווערסאַלע באַרעכטיקונג קעגן אויסדריקלעכן ווילן פון ל. לעהרער און פון „יידישן קעמפער"...

V

לעהרער האָט זיך אויך אומזיסט דערשראָקן פאַר דעם געפערלעכן, אַנטיוויסנשאַפטלעכן זאָג ליסענקאָס, אַז אין דער וויסנשאַפט „אויב אירווילט קריגן אַ באַשטימטן רעזולטאַט, וועט איר אים קריגן". לעהרער באַ-

*) זע „לאַ פרענסאַ" פון 1טן נאָוועמבער 1946.

נעמט דעם דאָזיקן זאַץ אין זיין געוויינטלעכן זין און פאַרשטייט נישט, אַז אויב אַ וויסנשאַפטלער דריקט עס אויס אַף אַ וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ, זאָגט ער עס נישט סתּם היפּאָטעטיש, נאָר סיטואירט זיך צווישן געגנויע גרענעצן. ליסענקאָ, כאָטש ער שרייבט צו אַזוי פיל מאַכט דעם מענטשלעכן ווילן, וועט זיכער נישט וואגן צו וועלן, אַז וויינטרויבן זאָלן וואַקסן אַף אַ נאָדלבוים, ער האָט אָבער געוואגט צו צווינגען אַ קאַרטאָפּל־פלאַנץ צו פּראָדוצירן טאָמאַטן, ווייל ביידע געוויקסן געהערן צו דער זעלבער באָטאַנישער פאַמיליע. דער באַגריף „וועלן", אין זיין וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג, איז נישט קיין אויסדרוק פון אַנאַרכיע און אַוואַנטורע, נאָר טראָגט שוין אין זיך די דיסציפּלין פון אריינפּאַסן זיך אין גוואול פון גענויאויסגערעכנטע מעגלעכקייטן, וואָס קענען נישט אריבערשפּרונגען ווערן. „וועלן" הייסט אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט קענען פאַרויסזען ביז אין די ווייטסטע ווייטקייטן, נאָך איידער עס קומט די באַשטעטיקונג פון עקספּערימענט.

אויסער דעם באַנעמט נישט לעהרער די נייע ראָמאַנטישע קראַפט, וואָס די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט אריינגעבראַכט אינעם באַגריף „וועלן". דאָס איז די קראַפט פון פרענעטישער שעפערישקייט, פון באַגייסטערטער באַנייאונג און פון אומבאַדינגטן דורכשלאָגן זיך. אַן אויסדרוק פון „וועלן" איז סטאַלינגראַד; „וועלן" איז דער ווייטערדיקער גרונטגעדאַנק אין פילם „רויטע טאַנקען": „אַז מען דאַרף, קענען סאָוועטישע טאַנקען פליען און שווימען"; „וועלן" איז דורכשלאָגן זיך צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט דורך די קריעס פון אַרקטיק; „וועלן" הייסט צווינגען אַ קאַרטאָפּל־פלאַנץ צו פּראָדוצירן טאָמאַטן, ווען די סאָוועטישע ווירטשאַפט נייטיקט זיך מער אין טאָמאַטן ווי אין קאַרטאָפּל. דער העכערער זין פון סאָוועטישן מאַטעריאַליזם איז טאַקע די דאָזיקע ווילן־באַגייסטערונג, מיט וועלכער עס איז באַהויכט דער באַוואוסטזיניקער, שעפערישער מענטש און וועלכע האָט פאַקטיש אַנולירט דעם שפּריכוואָרט, אַז „פון אַן עפּלבוים קען מען נישט פאָדערן קיין בארן".

דער דאָזיקער נישט־אָפּטרעטנדיקער אויפן פון וועלן, דער פּרינציפּ אַז וועלן הייסט דורכפירן, איז אויך אריינגעדרונגען אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט און דערפאַר קלינגט עס מיט אַזאַ נאַטירלעכן שטאָלץ אין

מויל פון פראפעסאר ליסענקא, דאס וואס לעהרער נעמט אן פאר וויסנ־שאפטלעכער אפיקארסעס.

יא, די סאוועטישע וויסנשאפט האט אויך אין זיך ראמאנטיק און קען אף א ראמאנטישן אופן זיין וויסנשאפטלעך־ניכטער און אויפטועריש. איר ראמאנטיק באשטייט אין דעם, וואס זי וויל נישט זיין אויסוואַרטנדיק, וואס זי וויל זיך נישט נאכשלעפן נאך די אינערטישע גייגונגען פון דער נאטור, זי וויל זיך נישט פארנעמען מיטן אויסטייטשן אירע געזעצן און צופאסן דיווירקלעכקייט צו דער דאזיקער אויסטייטשונג. זי וויל נישט זיין קיין אינטערפרעטאטיווע, נאר א קרעאטיווע, א שעפערישע, און האט די האסאגע צו ק א ר ע ג י ר ן די נאטור דארט וואו די נאטור איז פעלערדיק, איז פויל, אדער איז זיך טויע.

די סאוועטישע וויסנשאפט וויל זיך נישט באגרענעצן מיטן פאסיוון אויסקוקן אף די רעזולטאטן פון דעם וואס עס קומט פאר אין לאבאראטא־רישן פרוביר־רערל; זי דרינגט אליין אריין אין דאזיקן רערל ווי א באווירקנ־דיקער קויעך, זי נעמט אנטייל אין עקספערימענט ווי א סואווערענע קראפט צווישן בלינדע נאטור־צופעליקייטן. פארלאזן זיך פאסיוו אפן עקספערי־מענט הייסט לעבאטכילע פויעלן בא זיך צו זיין געהארכיק דעם פאטא־ליזם, דער פיזישער טיראניע פון נאטור־קאפריזן אין דער מעטאפיזישער אומאנטשיידנקייט.

די סאוועטישע וויסנשאפט אנערקענט נישט קיין העכערן ארויפגע־צוואונגענעם נאטור־ווילן, אפילע ווען ער מאניפעסטירט זיך דורך אזא אדער אנדערער אויבערפלעכלעכער געזעצמעסיקייט. זי פארשפינט זיך נישט אין קיין סכעמאטישקייטן און זוכט דעם אופן ווי אזוי צו צעברעכן די געזעצמעסיקייטן וואס זיינען אומגינסטיק פארן מענטשן. זי וויל הומא־ניזירן די קויכעס פון דער נאטור און נישט באגרענעצן מיט נאטורוויסנ־שאפטלעכע שטערונגען די מעגלעכקייטן פונעם מענטשן.

VI

אזא איז זי די טרייפענע סאוועטישע וויסנשאפט, וואס לעהרער האט געפאסלט און וואס ער האט אף אזא אומפארשטענדלעכן אופן ארונ־טערגערוקט אונטער איין דאך מיט דער עפילעפטישער, בלוט־פארלאפענער

ראַסנלערע פון די נאַציס. ער האָט אַפילע פאַרגעסן צו מאַכן די קליינע באַוואָרעניש, אַז די סאָוועטישע „האַרן־אידעאָלאָגיע" שטאַמט נישט פון קיין האַרן־ראַסישע פּרינציפּן, אָבער דאָס איז נישט די איינציקע זאַך וואָס לעהרער האָט מיסטאָמע צופעליק פאַרגעסן, נישט קוקנדיק אַף זיין גלענצנ־דיקן זיקאָרן...

די דאָזיקע אומעטישע און אומוויסנשאַפטלעכע טאַינעס צו דער ראַטנפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט מיצאַד אַן אָנגעזועענעם יידישן פּסיכאָ־לאָג, גראַד באַם באַהאַנדלען אַ בוך וואָס דאָקומענטירט די אַנטי־יידישע רעציכע פון די דייטשע פּראָפעסאָרן, באַווייזט אַז אַפילע די נישט־דעקלאַ־רירטע פיינט פונעם ראַטנפאַרבאַנד ווילן נאָך אַלץ נישט אויסמיידן קיין שום געלעגנהייט, ווי פּאַטעטיש און הייליק זי זאָל נישט זיין, קעדיי אַראָפּ־צוקריכן פון וועג, אויב עס דוכט זיך זיי בלויז אַז ס'וועט זיך לאָזן אַ בים טאָן די „סאָוועטישע מעטאָדן"...

לעהרער האָט אָבער אַ בים געטאָן די פּוסטקייט און האָט צעבלוטיקט די אייגענע יאַסלעס. די וויסנשאַפטלעכע מיצווע וואָס ער האָט געוואָלט פאַרדינען מיטן אוועקשטעלן די סאָוועטישע ביאָלאָגיע אין שאָטן פון דער נאַצישער האַרן־אידעאָלאָגיע איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַווירע, ווייל ער האָט אין אַ קאָשערן יידישן זשורנאַל גענעסן טאַרפעס בע־פאַרהעסיע...

פראַנקרייך און אונדזער קולטור־סענטימענט

I

דער וואַכעדיקסטער מענטש, ווען ער פאַרטראַכט זיך וועגן פראַנקרייך, מוז ווערן אַביסל דיכטעריש פאַרטרוימט; דער מער שפּירעוודיקער מענטש דערפילט גלייך ווי עס ווערט אים שיר־האַשירימדיק אפן האַרצן און דער טיפערער דיכטער פאַלט אריין אין טראַנס פון שעפערישער באַגייסטערונג, ווייל פראַנקרייך איז אַ סאַך מער ווי אַ קאָנקרעטער געאָגראַפישער באַגריף און אַ סאַך מער ווי אַן אָביעקטיווע נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַצייכענונג.

פראַנקרייך איז די שענסטע היסטאָרישע פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכן דראַנג צום סייכלדיקן ליכט, דער צענטראַלער סימבאָל פון בלוטיקדערוואָרבענער רעוואָלוציאָנערער פרייהייט, דאָס קלאָרסטע עמבלעם פון ווירדיקסטן פאָלקס־מאַיעסטעט. דערפאַר ווילט זיך ריידן וועגן פראַנקרייך מיט סאַנקיולאָטישן פייער, מיט מאַרסעליעזע־אַקאָרדן און קאַרמאַניאָלע־ריטמיק, און דערפאַר איז מיר אַזוי שווער איצט אויסצוגעפינען אַ טאָן פון באַזאַכטקייט און מעיושעוודיקייט, און אריינצונעמען מיינע רייד אין די פאַרקילטע ראַמען פון אַ געאָגראַפישן, היסטאָרישן און סאָציאָלאָגישן סיידער.

אויב די היסטאָרישע לאָגיק צווינגט אונדז ליב צו האָבן פראַנקרייך מיטן פאַרשטאַנד, האָבן מיר זי נאָך מער ליב מיטן געפיל, מיטן סענטימענט אפילע. צו פראַנקרייך קען מען זיין סענטימענטאַל, נישט אריינ־

פּאַלנדיק אין לעבערלעבקייט, ווייל עפּעס לייבלעכס און ליבלעכס שטראַלט
אַראָפּ אַף אונדז פון דער דאָזיקער נאַציע, וואָס האָט ווייך און מילד גע־
מאַכט דעם גייסטיקן קלימאַט פון דער וועלט און האָט הומאַניזירט די
זאָאָלאָגישע באַגריפן, וואָס האָבן געהערשט אין די צווישנמענטשלעכע און
צווישנמעלוכעשע באַציאונגען, און האָט מיט די פייערדיקע ריטער פון
סייכל און פרייהייט צעשמיסן ביז צו אָנמאַכט, אָבער צום באַדויערן נישט
ביז צום טויט, דעם אָבסקוראַנטיזם און די טיראַניע. דערפאַר שפּירן מיר
צו פראַנקרייך אַ טיפמענטשלעכע וואַרעמקייט, אַ ספּעציעלן קולטור-סענ־
טימענט, אַ הייסן קולטור־פּאַטריאָטיזם. אויסער דעם איז דער גרעסטער
טייל פון מאָדערנעם קולטור-פאַרמעגן פון דער מענטשהייט אָפּגעשפּאָרט
געוואָרן אַ דאַנק פראַנקרייך, און אין אָדערן־געוועב פון אונדזער הומאַ־
ניסטישן גייסט, צי מיר פילן צי מיר פילן עס נישט, פליסט אַ סאַך פראַנ־
צויזיש קולטורבלוט.

אויך די פרייהייט די פראַנצויזישע איז נישט געווען קאַרג. זי האָט
געעפנט איר טראַכט און געבוירן די נאַציאָנאַלע פרייהייטן פון אַ סאַך
אַנדערע פעלקער, בישאַס די ענגלישע פרייהייט, לעמאָשל, האָט באַפרי־
דיקט בלויז אירע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן און איז, אין אינטערנאַציאָנאַלן
זינען, פאַרבליבן אַן אַקאָרע. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט, בײַ איר
גאַנצן איינגאַרט און פּאַטריאָטישקייט, אָפּעררירט מיט אַלמענטשלעכע קאַ־
טעגאָריעס; זי האָט נישט געבראַזגעט אין שאָוויניסטישן בלעך, נישט גע־
בלאָזן אין נאַציאָנאַליסטישן מעש און נישט געגרילצט מיט קיין נאַרישן
פּיקהאָלצענעם פּאַטריאָטיזם. זי איז גראָד געווען טיף־פּאַטריאָטיש און טאַ־
קע גראָד דערפאַר האָט איר פייערדיקסטער אַני־מיימין געטראָגן דעם נאָ־
מען: „דעקלאַראַציע פון מענטשנרעכט”...

דאָס וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן באַגריף „מיירעוו-אייראָפּע” אין
זינען פון העכסטן קולטור־אויסדרוק פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט,
טראָגט, אין גרעסטן טייל, פראַנצויזישע סימאָנים. עס איז זייער לייכט
פאָרצושטעלן זיך מיירעוו-אייראָפּע אָן איינער פון די איבעריקע פיר גרוי־
סע מעלוכעס, וואָס גייען אַריין אין איר צוזאַמענשטעל. אָן יעדער איינער
פון די דאָזיקע מעלוכעס וואָלט מיירעוו־אייראָפּע פאַרבליבן ווי אָן אַ האַנט,
אָן אַ פוס, אָן אַן אויג, אָבער אָן פראַנקרייך וואָלט זי פאַרבליבן ווי אָן
אַ האַרץ; זי וואָלט ביכלאַל פאַרלוירן די באַרעכטיקונג, גילטיקייט און לע-

גוטמוטיקייט פון איר נאָמען און וואָלט אויסגעזען ווי אַן אומגעלונגען־גע־פעלשטער באַנקנאָט.

קוקנדיק אַף אייראָפּע אין פּערספּעקטיוו פון די לעצטע 150 יאָר איז די געאָגראַפישע און גייסטיק קולטורעלע פּאָזיציע פון די דאָזיקע פיר מע־לוכעס לעגאַבע דעם קלאַל-באַגריף „מיירעוו־אייראָפּע", אומגעפער אַזאַ:

דייטשלאַנד ליגט בײַ מיירעוו-אייראָפּע ערגעץ צוקאָפּנס, מיט איר פּרייסישער שטיוול-פּוריע, מיט איר יונקערישער אינדיק-גייווע, מיט איר צענפּודיקער שווערמוטיקייט, מיט איר נעשאָמעלאָזער מעכאַניזירטקייט, מיט איר קליינלעכער מיזאַנטראָפּיע צום נישט-גערמאַנער, מיט איר פּוס־טער פּעדאַנטישקייט און גאָר נישט לאַנג — מיט איר היטלערישן מעלוכע-באַנדיטיזם.

שפּאַניע ליגט צופוסנס, מיט איר געשיכטלעכן סקלעראָז, מיט איר עקאָ־נאָמישער אָפּגעלעבטקייט, מיט איר פּראָווינציעלער אומרירעוודיקייט, מיט איר אינטעלעקטועלער פּאַרשפּעטיקטקייט, מיט איר טעכנישער פּאַר־שלעפּערטקייט און צו לעצט מיט איר פּאַלאַנכיסטישער פּאַריסנקייט.

ענגלאַנד ליגט ערגעץ פון אויבן, אָפּגעטיילט פון קאָנטינענט מיט אַ „פּאַס פון שוימענדיקן זילבער" (בייראָן), מיט איר „ספּלענדיד איזאָ־ליישן", מיט איר קאָמערציעל-סאָכרישער זאַכלעכקייט, מיט אירע נעגידי־שע פּאָראורטיילן, מיט אירע טאַקטישע הוסטעלעך, מיט איר אימפּעריאַ־ליסטישער אָנגעבלאָזנקייט און מיט איר סאָציאַליסטישן קאַטער...

איטאַליע ליגט ערגעץ פון אונטן, מיט איר ריכטונגסלאָזער אימפּול־סיווקייט, מיט איר אָפּערע־גלאָריע, מיט איר אַלטרוימישן ייכעס, מיט אי־רע בערסאַגליערי-שווערדלעך, מיט איר סענטימענטאַלער צעטענצלטקייט און מיט אירע אויסגעריסענע פּאַשיסטישע פּאַווע-פּעדערן.

יעדע איינע פון די דאָזיקע לענדער און אַפילע אַלע צוזאַמען זיינען, נישט נאָר געאָגראַפיש נאָר אויך קולטורעל און גייסטיק, עפּעס ווינציקער ווי מיירעוו-אייראָפּע, און קעדיי צו דערגרייכן זייער מיירעוו־אייראָפּעישע פולווערטיקייט, דאַרפן זיי דערגענצט ווערן מיט עפּעס וואָס ליגט צווישן זיי אַלעמען. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז קעדיי צו דעראָבערן די שטריכן פון פולשטענדיקער מיירעוו־אייראָפּעישקייט, דאַרפן זיי אַף עפּעס געקוּיפּלט ווערן, און דער דאָזיקער שוטפעסדיקער קויפּלער, דער דאָזיקער קאָעפיציענט פון פּערפעקטער מיירעוו-אייראָפּעישקייט, קען נישט זיין

קיין אַנדערער ווי פראַנקרייך, ווייל זינט דעם רענעסאַנס האָבן זיך אויף דער צענטראַלער באַזע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער קולטור געקרייצט אַלע הומאַניסטישע שטרעבונגען אין אייראָפּע, אַלע אינטעלעקטועלע שטריימפּראַגעס און אַלע עמאַנציפּאַנעלע אויפטרייסלונגען.

אויסער דעם האָט פראַנקרייך פאַר די לעצטע 150 יאָר באַרעכטיקט די צענטראַלקייט פון איר גייסטיקער און ניט נאָר געאָגראַפישער פּאָזיציע אין מיירעוו־אייראָפּע דורך אירע גרויסע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט אַלוועלטלעכע פעריפערישע אָפּשפּיגלונגען און אויסשטראַלונגען. סיי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (1789), סיי דער פעל־קער־פרילינג (1848), סיי די קאָמונע (1871) און סיי אפילע דער פאָלקס־פראָנט (1936), זיינען ראָמאַנטישע שטאַפּלען, אויף וועלכע ניט נאָר דאָס פראַנצויזישע פאָלק, נאָר די גאַנצע מענטשהייט איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער צו איר רעאַלן גליק. ניט די רעאַקציע, וואָס האָט אונטערגע־זעגט יעדן איינעם פון די דאָזיקע שטאַפּלען, ניט די פינצטערע נאַצי־לאַפּע זיינען געווען בעקויעך אָפּצומעקן די דאָזיקע פראַנצויזישע פריי־הייט־עטאַפּן פון דער מענטשהייט.

עס איז קלאָר, אַז אויך פראַנקרייך קאָן מען צושרייבן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע דעפעקטן, און פון דער אַנדער זייט זיינען די דעפעקטן פון די פיר איבעריקע מעלוכעס עפּשער מער אויבערפלעכלעכע ווי אָרגאַנישע, ווייל ניט דאָס פאָלק איז אין זיי שולדיק, נאָר די הערשנדיקע קאַסטעס. פרייע פעלקער קאָנען ניט זיין אומסימפּאַטיש און אויב עס עקזיסטירן אומסימ־פּאַטישע פעלקער, איז אַ סימען, אַז זיי זיינען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן פאַרשקלאַפט אָדער באַהערשט. פראַנקרייך האָט, אָבער, אונטער קיינע שום אומשטענדן ניט פאַרלאָרן די סימפּאַטיע, ווייל זי האָט געמאַכט פון דער פרייהייט איר אומרעדוצירלעכן לעבנסקולט. פון זינט צענדליקער דורעס אָן זיינען פראַנקרייך און פרייהייט די צוויי באַגריפן, צווישן וועלכע עס עקזיסטירט די סאַמע קלענסטע דיסטאַנץ. אַלע, אפילע די רעאַקציאָנערן, פילן עס אין זייער בלוט און דערפאַר שילטן זיי אין זייער אייגענעם און אין גאָטס נאָמען די „ברענעס פון דער סענע"...

אינטערעסאַנט, אַז אפילע די עמבלעם פון פראַנקרייך איז ניט ענלעך אויף די עמבלעמען פון אַלע איבעריקע אייראָפּעישע פעלקער. איר עמבלעם באַשטייט ניט פון קיין אויסגעצוואָגענע לייבן וואָס שטייען אויף דער וואַך,

פון קיין שוואַרצע פּאַרקרימטע רויבפייגל, פון קיין ווייסע קרומשנוקיקע אָדלערס, פון קיין באַקרוינטע צלאָמים, פון קיין געקרייצטע שווערדן, פון קיין באַגלעקלטע קרוינען אָדער צעספּוזשעטע פערד. די דאָזיקע אַלע עמבלעמען, פון וועלכע עס ווייעט מיט נאַציאָנאַלער רעציכע און צווישן וועלבע מען געפינט ניט קיין איין מענטשלעכן מאָטיוו, קיין איין מילדן שטריך, געהערן צום רעקוויזיט פון די איבעריקע צוויי צענדליק אייראָפּעישע מעלוכעס.

פראַנקרייכס עמבלעם איז אַ גוטמוטיק, יונג מיידל אין אַ סימבאָלישן פריגישן פּרייהייטהוט, וואָס זיצט געמיטלעך און האַלט אויף איר האַנט, אין אַ ניט קריגערישער פּאָזיציע, אַן אַרומגעוויקלטע, דעקאָראַטיווע האַק (האַלאַבאַרדע). אויף אַזאַ מין פרויאיש־מענטשלעכן אופן סימבאָליזירט פראַנקרייך איר מאַכט, איר קאָוועד און איר פרייהייט.

II

פון די צייטן פון לואי דעם 14טן אָן איז די וועלט פאַרליבט אין פראַנקרייך און די „העכערע ספערן" האָבן שטענדיק געפּרואווט מיט געוואַלט איינאָימפּן שטיקער פון פראַנצויזישן לעבנס־שטייגער אין זייער אייגענער סוויווע.

די פראַנצויזישע שפּראַך איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער לאָשן־קוידעש פאַר דער דיפּלאָמאַטיע, פאַר די סאַלאָנען, פאַר די הויפן, פאַר די קאָנפערענצן, פּאַקטן, טראַקטאַטן, פּראָטאָקאָלן, דעקלאַראַציעס, קאָנקאָרדאַטן, נאָטעס, קאָנווענצן. און ווירקלעך, די פראַנצויזישע שפּראַך פרעגלט זיך מאַמעש אונטערן צונג, מיט אַ מעלאָדישן אויפקנאַלן און מיט אַזויפיל פּאָנעטישע ניואַנסירונגען, אַז די גאַנצע מויל־, נאָז־ און צונג־מוסקולאַטור איז אָן אויפהער פאַרנומען מיט אויסאיבן די סובטעלע האַלב־און פערטל־באַוועגונגען. די קורצקייט פון די ווערטער און די פילצאָליקייט פון די פאַרבינדונג־טערמינען גיבן צו דער שפּראַך אַ כאַראַקטעריסטישע גע־קייטלטקייט און בויגזאַמקייט, אין קעגנזאַץ, לעמאָשל, צו דער אומעלאַסטישקייט פון דער דייטשער שפּראַך, וואו עטלעכע ווערטער מיטאַמאָל קאָנען זיך געבן אַ גיס צונויף אין איין גוס פון צוואַנציק אָדער דרייסיק אויסיעס און לייגן זיך אַוועק אויפן צונג ווי אַן אייזערנע שטאַבע. אַזוי

ארום זעען מיר, אז אפילע אין דער שפראך טויכט ארויס דער גרינטלע־כער גענמיט־אונטערשייד צווישן די צוויי פעלקער.

אויסער דער שפראך האט מען קאפירט פון פראנצויזישן לעבן אלץ וואס עס האט זיך נאר געלאזט: די קליידונג, די מאדע-עקסטראוואגאנצן, די פארוויילונגען, די מאנירן, די אויסערלעכע קולטור; די מעבל אין סטיל פון די פארשיידענע לואיען, מיט די אויסגעדרייטע ראקאקא-פיס, מיט די ראפינירטע אויסגעהויקערטקייטן און דעקאראטיווע איבערגעשפיצטקייטן, וואס זייגען נאך ביז איצט אין דער מאדע בא א סאך סנאבן.

די פראנצויזישע ליטעראטור האט אנגעהויבן אויסצואיבן א וועלט-איינפלוס אין זיבעצנטן יארהונדערט, דורך דער דראמאטורגישער קונסט פון קארנעל, ראסין און מאליער, דורך דער פילאזאפיע פון פאסקאל און דורך די ליטעראטור־טעאריעס פון בואלא.

איבער דער קלאסישער פאטעטישקייט, רעטארישקייט און ליידנ־שאפטלעכער טראגיק פון קארנעלן און דער לירישקייט און אידילישקייט פון ראסינען, הייבט זיך ארויס מאליער — דער זיידע פון דער מאדערנער קאמעדיע, מיט א זין פאר פאלקסטימלעכקייט און פאר דער טיפיפיצירונג פון די מענטשן פון זיין צייט. דער טיפדענקענדיקער פאסקאל איבעראשט מיט זיין דרייסטן קאמף קעגן די יעזואיטן און ווערט באריממט ווי א גרויס־מייסטער פון קורצן און שארפזיניקן אפאריזם.

מיט אנקום פון 18טן יארהונדערט ווערט די פראנצויזישע ליטעראטור פארוואנדלט אין א רעוואלוציאנערן וועלט־קויעך. די הומאניסטישע אי־דעען צעכוואליען זיך אף אן אלץ ברייטערן פאלקס-פערימעטער, אין דער באגלייטונג פון רעליגיעזן סקעפטיציזם, פון וואקסנדיקער קריטיק קעגן דער מאנארכיסטישער מאכט און פון סייכלדיקער אפאזיציע צו אלע פאלקס-פיינטלעכע קאנווענציאנאליזמען. עס ווערט געשאפן א וויסנשאפט־לעכער פראנט פון די אזוי־גערופענע ענציקלאפעדיסטן, וואס קאארדינירן, צום ערשטן מאל, דעם אנגעזאמלטן מענטשלעכן וויסן אף די בויגנס פון דער ענציקלאפעדיע, וועלכע ווערט אזוי ארום דער גייסטיקער ארסענאל פון פראנצויזישן פאלק און העלפט געבן שפעטער יורידיש־וויסנשאפטלעכע יעסוידעס דער רעוואלוציע.

עס דערשיינען דאן די דריי ליטעראריש גאוינים פון 18טן יארהונ־דערט: וואלטער, רוסא און מאנטעסקיע, וואס האבן צוגעגרייט דעם גייס־

טיקן פערמענט פון דער רעוואלוציע, אן א בעפײרעשן ציל זי ארויסצורופן און וואס קיין איינער פון זיי האט ניט דערלעבט דעם וואונדערלעכן 1789. וואלטער איז געווען דער שעפער פון ראציאנאליזם און דער פארביסנסטער פיינט פון קלער און קאנאניזירטער רעליגיע; רוסא, ווידער, אויסער זיין ריין־ליטערארישער טעטיקייט, וואס האט אריינגעבראכט דעם ביז דאן אומבאקאנטן ראמאנטישן זשאנר, דארף באטראכט ווערן ווי דער באגרינדער פון דער מאדערנער דעמאקראטיע, דורך זיינע קאפיטאלע פילאזאפיש־סאציאלאגישע ווערק וועגן אנהייב פון דער אומגלייכקייט צווישן מענטשן און וועגן סאציאלן קאנטראקט. מאנטעסקיע האט דורך זיינע אויסערגעוויינטלעך־טיפזיניקע יורידיש־געזעלשאפטלעכע אפהאנדלונגען וועגן דער רוימישער אימפעריע און וועגן גייסט פון די געזעצן באלויכטן די שוין דאן קאטאסטראפאלע ווירקלעכקייט מיט היסטארישע פאראלעלן, און דערוויזן, אז די אנוואקסנדיקע קאטאסטראפאלקייט איז א היסטאריש־געזעצלעכע און פירט צו רעוואלוציאנערע באשיידונגען.

דורך די צוויי דוירעם ליטערארישע קלאסיקער־דריילינגען: קארנעל־ראסין־מאליער און וואלטער־רוסא־מאנטעסקיע האט די פראנצויזישע ליטעראטור און דער פראנצויזישער געזעלשאפטלעכער געדאנק איבערגענומען די העגעמאניע פון דער דעמאלסטדיקער קולטורוועלט. פון דער רעוואלוציע אן איז די ליטעראטור פראנקרייכס געווארן נישט נאר פראנצויזישע ליטעראטור נאר אויך וועלט־ליטעראטור, נישט אין אן אויסשליסלעכער פארם, פארשטייט זיך, נאר אין א קימאט דאמינירנדיקער, א דאנק אירע שטייגער־שרייבער, ראמאנטיקער, נאטוראליסטן, סימבאליסטן און סאציאלאגישע פילאזאפן.

דאס זעלבע לאזט זיך זאגן וועגן דער פראנצויזישער געשיכטע. בעמעשעך פון טויזנט יאר, פון קארל דעם גרויסן (אכטער יארהונדערט) ביז נאך נאפאלעאנען, איז די געשיכטע פון פראנקרייך נישט נאר פראנצויזישע געשיכטע נאר אויך וועלט־געשיכטע און פון 1815 ביז איצטער איז זי א קארדינאלער טייל פון דער זעלבער וועלט־געשיכטע.

זינט יארהונדערטער האט פראנקרייך געהאט די גייסטיקע און פאליטישע בכוירע אין איירָאפע און מיט קליינע אויסנאמען איז זי מיט דער דאזיקער בכוירע קיין מיסברויכן נישט באגאנגען. איר איינגעבוירענער זין פאר טאלעראנץ האט דערגרייכט זיין מאקסימאלע אויסשפרייטונג אין

19טן יאָרהונדערט און האָט זיך אינטים באַהאָפטן מיט די גרויסע פריי־הייט־פּרינציפּן, וואָס זיינען שאַרף דעפינירט געוואָרן מיט אַ יאָרהונדערט פריער און וואָס האָבן נאָכן דורכמאַכן דעם בלוטפּרואוו אַף די באַריקאַדן, גענומען צירקולירן אַף אַ נאַטירלעכן אויפן אין טאָג־טעגלעכן געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

די דאָזיקע אומשטענדן האָבן זיך האַרמאָניש קאָמבינירט מיטן כאַ־ראַקטער פון פראַנצויזישן פאָלק, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין גוטמוי־טיקייט, אוממיטלבאַרקייט, צוגעלאָזנקייט, דינסטגרייטקייט, לעבנספרייד און מיטן באַרימטן פראַנצויזישן „עספּרי" — אַ מין אָפּטימיסטישע לעבע־דיקע שאַרפזיניקייט, אַ ספּעציפישע אַמכאָדיקע אויפגעלייגטקייט, אין וועלכער מען שפּירט די וואַרעמקייט פון לייכטן בורגאָניער, לאַנגעדאָקער אָדער באָרדאָער וויין און די שטיפנדיקע זעפיר־ווינטלעך פון דער ריוויערע, פון ביסקייער איינגוס אָדער פון לאַ מאַנשער קאַנאַל.

אַזוי אַרום האָט זיך אין פראַנקרייך געשאַפן אַ מאַגנעטיש פעלד פאַר די פרייגייסטער פון אַלע פעלקער, און אומעטום איז דערוועקט געוואָרן אַ לעגאַלע אָדער לינקע ליבע צום דאָזיקן פריידיק־פרידלעכן פאָלק, צום דאָזיקן מענטשלעכסטן לאַנד אַף דער וועלט, וואו מען קאָן באַקומען גייס־טיקן קאָמפאָרט פונקט אַזוי ווי פיזישן און וואו די רעדער פון לעבן זיינען געשמירט מיט האָניק. דערפאַר איז געשאַפן געוואָרן דער באַרימטער שפּרוך, אַז יעדער מענטש האָט צוויי פאָטערלענדער: זיין אייגענע און פראַנקרייך.

די פאָלקסמאַסן פון פראַנקרייך האָבן אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי צו פאַרזיכערן זייער גליק. מיט ענטוזיאַסטישן פייער האָבן זיי צעטריי־בערט זייערע טיראַנען, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די מיליטערישע אַקסיאָמע, אַז נאָכן זיג, ווי פאַרניכטעריש ער זאָל נישט זיין פאַרן סוינע, דאַרף מען קאָנסאָלידירן די געוואונענע פּאָזיציעס און אויפשטעלן נייע. דער סוינע האָט דיסקאָנטירט דעם לויטערן אָפּטימיזם און די פּאָליטישע נאַאיווקייט פון די באַפרייטע מאַסן און האָט מיט זיין וואָלפישן ביסק שטענדיק פאַרצוקט דאָס פריש־געבוירענע, צאַרטע גליק פון פאָלק. אַזוי האָט די נאַפּאָלעאָנישע אַוואַנטורע און די מאָנאַרכיסטישע רעסטאַווראַציע פאַרניכטעט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע; אַזוי האָבן מאַק מאַהאָן און טיערס פאַרניכטעט די קאָמונע; אַזוי האָט דאַלאַדיע פאַרניכטעט דעם

פאָלקס־פראָנט און אַזוי האָבן לאַוואַל און פּעטען פאַרניכטעט דעם פאָלקס־ווידערשטאַנד אין 1940.

דעריבער איז דאָס ערשטע געבאָט פון פראַנצויזישן פאָלק אין באַ־פרייאונגס־יאָר 1944, געווען: נישט באַזיגן די פאַרניכטער, נאָר פאַרניכטן זיי.

III

ווען פראַנקרייך איז געטראָפן געוואָרן פון היטלער־בליץ און איז אַני־דערגעפאַלן ווי אַן אונטערגעזעגטע אף די פּעטען־קני, האָט יעדער דערפילט ווי „דורך זיין האַרץ גייט דורך אַ וועלט־שפּאַלט" (היינע). אַלע הייסע סענ־טימענטן צו פראַנקרייך זיינען געוואָרן נאָך הייסער און האָבן אויפגעזידט אין דער נעשאָמע פון יעדן קולטורמענטש, אין אָנבליק פון בילד ווי אַזוי דער „שמוציקער באָש" — פראַנקרייכס טראַדיציאָנעלע סיטרע־אַכרע האָט פאַרגאָסן און פאַרכליאַפּעט דאָס זוניקע לאַנד און ווי פּעטען האָט זיך באַר־קויפט ווי אַ „פּיטען" (גאַסנפרוי).

די קלאַנגפולע עכאָס פון די סאָוועטישע ווינטערדיקע און זומערדיקע קלעפּ און פון די יוגאָסלאַווישע שפּילקעשטעך האָבן אָבער גיך אָפּגעהילכט אין די פראַנצויזישע בערג און טאָלן, געסלעך און בולוואַרן, וויינגערטנער און וועלדלעך, און מען האָט דערזען מיט אַ מאָל ווי פראַנקרייך דערוואַכט אין די סאַוואָיען־אַלפּן, ווי עס נעמען זיך רירן אירע גלידער אין די וואָסגן־בערג, אינעם יורא־הויכלאַנד, אין די פּירענייען און הינטער די קינסטלעכע שטאָלענע קאַנאָנען־ציין, וואָס די נאַצים האָבן אָנגעזעצט אף די ברעגעס.

און דאַן איז די שטאָקפינצטערע היטלער־נאַכט אין פראַנקרייך פול געוואָרן מיט גלינצערנדיקע גליווערימלעך, וואָס האָבן געראַצט אין געביסן זיגזאַגיק די פינצטערניש; אין נאָרמאַנדיע האָבן די אַליאירטע מעסערס אָנגעהויבן איינגאַנצן אָראָפּצושינדן די נאַכט פון פראַנקרייך. פּאַריז האָט זיך אויסגעגלייכט ווי אַן אויסרוף־צייכן און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אָפּגע־פונען זיין פאַרוואָגלטע פרייד אונטערן קוים־איינגעשטילטן ווייטיק.

פראַנקרייך, די „אייביקע פראַנקרייך", האָט ווי דאָס שוואַכע שיפל פון פּאַריזער שטאָט־עמבלעם זיך דורכגעשלייכט דורכן שטאָלענעם געווי־טער און האָט צום הונדערטסטן מאָל באַשטעטיקט דעם אַלטן, לאַטיינישן דעוויז פון דער שטאָט פּאַריז:

Fluctuat nec mergitur

(זי בויגט זיך, אָבער ווערט נישט פאַרשלונגען).

דאָס בוך, דער לייענער און די סוויווע*)

דאָס בוך איז דער מאָקעם מענוכע, די טיפּאָגראַפישע היים פון מענטשלעכן געדאַנק, פון מענטשלעכן געפיל, פון ליטעראַרישן וואָרט און פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרמולע. אין בוך ווערן „פּראָטאָקאָלירט" און באַקומען אַ קאָנקרעטן צוראַס-אָס, אַן אויסזען און אַ געשטאַלט די אַנונגען פון מענטשלעכן גייסט, אין בוך ווערן געניי געמאָסטן, דורך דער פאַרמיטלונג פון מענטשלעכן פיגוראַטיוו-אויסגעשטאַלטיקטן וואָרט, די אויסרינענדיקע און קורצבוואַליקע רעפלעקסן פון דער נעשאָמע, דאָס גאַש-מיעסדיקע און דאָס רוכניעסדיקע, דאָס טאָג-טעגלעכע, דאָס ווייט-פאַר-גאַנגענע, דאָס צוקונפטיק-פאַרהוילענע און אַפילע דאָס אומבאַגרייפלעכע.

דאָס בוך האָט אָבער אַ ווערט נישט נאָר אין רעספּעקטיוון זינען, נאָר אויך אין טראַנסמיטיוון; דאָס הייסט עס איז וויכטיק נישט נאָר אין זיין אויפנעמערישער פונקציע צו אַקומולירן די מענטשלעכע גייסטיקע שאַ-פונג, נאָר אויך, און עפשער דער איקער, אין זיין איבערגעבערישער, פאַר-שפּרייטערישער און פּאָפּולאַריזירנדיקער באַדייטונג. דאָס בוך איז גע-שאַפן געוואָרן, נישט קעדיי צו פאַרשליסן אַ געדאַנק, נאָר צו געבן אים טיפּאָגראַפישע פליגל, וואו יעדער אָס איז אַ פעדערל וואָס וואַרעמט און העלפט פליען דעם מענטשלעכן געדאַנק. עס איז דאָס נאַטירלעכע לאָקאָ-מאָציע-מיטל פון מענטשלעכן דענקען.

דאָס אָפּגעדרוקטע בוך איז נישט קיין דענקמאָל, נאָר אַ קוואַל וואָס

---

*) רעפעראַט (מיט קיצורים), געהאַלטן אויף דער שטאָטישער קולטור־קאָנפערענץ דעם 9טן סעפּטעמבער 1946.

גיסט זיך אַריבער און טרינקט אָן, וואָס גיסט זיך צונויף מיט אַנדערע ביכער, וועלכע שאַפן צוזאַמען דעם גרויסן וואַסער-שפּיגל פון יעטווידער נאַציאָנאַלער קולטור.

דאָס בוך איז די נאַציאָנאַלע קולטור-לעגיטימאַציע פון יעדן פאָלק און בײַ אונדז ייִדן איז עס געווען נישט נאָר קיין לעגיטימאַציע, נאָר קי־מאַט ווי די מעטריקע, אָדער דער „ספר היחוסין", אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט די פאַרצווייפלט־איינגעגלויבטע אַטאַ-בעכאַרטאָנעדיקייט, די מיסטיש-הייליקע שיים־האַמפוירעשדיקייט און די פּרעטענציעזע אָמ־האַסייפּערדיקייט.

דער אַלעף־בייס, דער אָס איז בײַ אונדז געווען נישט נאָר קיין פאָ־שעטער דרוקצייכן, נאָר אַ הייליקער סימבאָל. עס איז געווען וויכטיק ניט נאָר דאָס וואָס ער האָט אויסגעדריקט, נאָר דעם אָס אַליין ווי אַן אָס זיינען צוגעשריבן געוואָרן סימבאָלישע פאַרהוילעניש, אייגנשאַפטן פון אַ געהיימען קאָדעקס, וואָס איז מעראַמעז אויף טויזנטעראַרליי זאַכן און פאַ-סירונגען. די קאַבאַליסטישע מאַטעמאַטיק האָט פון ייִדישן אָס אויסגע־פלאָכטן די פאַרשיידנסטע גימאַטריעס, נאָטריקוינס, טמורעס און צירופים, וואָס האָבן אין זיך פאַרבאָרגן אַ סאַך באַטלאָנעס אָבער אויך שאַרפזין און גייסטיקע צירק־אַקראָבאַטיק.

דאָס וואָרט איז געווען הייליק נישט נאָר אַן און פאַר זיך, נאָר האָט אויך הייליק געמאַכט דאָס פּאַפּיר, דעם פּאַרמעט און דעם טאָוול, אויף וועלכן עס איז געקריצט און געקסיוועט געוואָרן, נאָך איידער גוטענבערג האָט אַנדעקט די דרוקקונסט, און אויב עס האָט געטראָפן, און געטראָפן האָט עס זייער אָפט, אַז ייִדישע ספאָרים און ייִדישע פּאַרמעטן, און ייִדי־שע גיליוינעס, און ייִדישע מעגילעס און ייִדישע קסאַוון זיינען פאַר־ברענט געוואָרן אויף די שייטערהויפנס, איז אָבער בײַ ייִדן איינגעפלאַנצט געוואָרן דער גלויבן, אַז דאָס פּאַפּיר ווערט פאַרברענט אָבער די אויסיעס נישט. אַ פאַרקערפּערונג פון דאָזיקן גלויבן איז די לעגענדאַרישע וויזיע פון ברענענדיקן, האַלבפאַרברענטן רעב כאַנינע בען טראַדיען, וועמענס שוואַרצאַפּלען האָבן אַ מינוט פאַרן טויט אויפגעלויכטן, ווייל ער האָט דערזען די „אותיות פורחות", די אויסיעס וואָס פלאַטערן אין דער לופטן און וואָס האָבן אַראָפּגענידערט פון ברענענדיקן פּאַרמעט פון אַ סייפער־טוירע, אין וועלכן די ראָצכים האָבן אים איינגעוויקלט. אַזוי אַרום איז

אויסגעקומען, אַז אויך אויסיעם האָבן אַ נעשאָמע, וואָס איז אומצעשטער־לעך און אייביק אין אַלע אירע גילגולים.

דער טאַלמיד־כאָכעם וואָס האָט זיך געטוויוועלט אין די טיפקייטן פון יידישן וואָרט און דער אַם־האָאַרעץ וואָס האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען טויכט זיך אונטער אין איִם, האָבן אַף פאַרשיידענע עמאָטיווע אויפאַ־נים, אָבער מיטן זעלבן איראַס־האַקאָוועד, געשעצט דעם אָס און געוועזן איינגעגלויבט אין אים. דער צאַדיק גאָמור און דער בור דעאַויראַיסע, די רעבעצן און די צענערענעדיקע אישע, די טינויקוים שעל בייס ראַבאָן און די בויגערעם האָבן געקוקט אַפן סייפער, אַפן לאַמדאָנישן און רעלי־גיעזן יידישן בוך ווי אַף אַ הייליקייט. דאָס דאַזיקע בוך איז נישט געוועזן אין אַלגעמיין קיין אָביעקט פון גייסטיקער נייגעריקייט און פון אַ צייט־מעסיקן געַנוס, נאָר פון אַן אומפאַרמיידלעכן מוז, פון אַ גע־יאַרישנטער באַשערטקייט. עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ לערנערישע דיסציפּלין פאַרן לערנער און אַן אָביעקט פון אָפּשיי פאַרן ניט־לערנער; עס האָט ניט עקזיסטירט ווי אַ פּויעל־יויצע פון אַ נויטווענדיקייט, נאָר ווי דער ציל פון אַ קולט און דערפאַר האָט מען אַמאָליקע ספאָרים נישט געלייענט, נאָר געלערנט און איבערגעלערנט צענדליקער מאָל.

דער יידישער אָס האָט געוועלטיקט אין יידישן לעבן און דערגרייכט האָט ער עס מיטן קויעך פון דער רעליגיעזער דאָגמע, וואָס איז, צוליבן גאַנצן שטייגער לעבן, אויפגענומען געוואָרן אַף אַן אומקריטישן אויפן און מיט דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער זעלבפאַרשטענדלעכקייט.

מיטן אויפקום פון דער האַסקאָלע, מיט דער שפּעטערדיקער פאַר־וועלטלעכונג פון יידישן לעבן, מיט דער פאָרמעלער בירגערלעכער גלייכ־באַרעכטיקונג וואָס דאָס נייַנצנטע יאָרהונדערט האָט אונדז געבראַכט, מיט די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען וואָס האָבן געטאָן אַ פלייץ אַריין אין דער געעפנטער יידישער גאַס, האָט דאָס יידישע גייסטיקע לעבן געעפנט די אויגן און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַפן ברעג פון גרויסע אַנטשיי־דונגען, אין מיטן פון אַן עמעסן פּאָראָשאַס־האַדראָכים און אַפן ראַנד פון אַן אינטערעסאַנטן קריזיס. עס איז געווען אַ קריזיס פון פענאָמענאַלן וואוקס אין דער וועלטלעכקייט אַריין און נישט קיין אָנהייב פון אונטער־גאַנג און פון גייסטיק־נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע, ווי דאָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געוואָלט איינריידן אַ היגער זשורנאַל, וואָס האָט זיך

אויסגעפּוצט מיטן לאָזונג, אַז „מיט דער האַסקאָלע הייבט זיך אָן דער דריטער כורבן”. די האַסקאָלע, וואָס האָט געהאַט גרויסע און קאַרדינאַלע פעלערן, האָט אָבער אויסגעפירט די ראָל פון אַ געשיכטלעכן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן וועקזייגער. זי איז געווען, מיט אַלע אירע ווילדקייטן און טאָעסן, די ערשטע אויפקלערערישע באַוועגונג פון יידישן פאָלק און די פאַרניכטערין פון טאַקיפעסדיקער פינצטערקייט. אירע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן זיינען באַשטאַנען אין אירע פאַרגליווערטע אַבסטראַקציעס. אין איר אַריסטאָקראַטישער אָנגעבלאָזנקייט, אין איר סאָציאַלער בלינדקייט און אין איר סינע צו דער יידישער שפּראַך.

דער לעבעדיקער געווירבל פון די אויפגעוואַכטע יידישע פאָלקסמאַסן און די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט געגעבן אַ וואקס אויף שנעל און גוואורעדיק, האָבן קריסטאַליזירט די נייע קעגנוואַרט און די נייע וועזנטלעכע און צאַפּלדיקע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. דאָס אַלץ האָט געקראָגן אַן אויסדרוק אין דער בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, פּובליציסטיק, זשורנאַליסטיק, סאָציאָלאָגיע און פילאָזאָפיע און עס איז געבוירן געוואָרן דאָס מאָדערנע יידישע בוך אַף יידיש, וואָס האָט אין געציילטע צענדליקער יאָרן אָנגעיאָגט די ליטעראַרישע דערגרייכונגען פון אַ סאַך פעלקער און קולטורן.

II

אומעטום און בא אַלע פעלקער, אויסער אין ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָס בוך נישט קיין פאַרשפּרייטע און נישט קיין גאַנגיקע סכוירע. אומעטום באַקלאָגט מען זיך אפן קנאַפּן אינטערעס, וואָס דאָס בוך רופט אַרויס און אומעטום שטעלט מען פעסט, אַז די ביבליאָטעק־פאָליצעס זיינען קוואָרים אָדער מאַאוזאָלעאומס פון ביכער. מיר האָבן דירעקט אַרויסגעלייענט די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע גלייכגילטיקייט און אומאינטערעס צום בוך, אין פאַרשיידענע ציטן און אין פאַרשיידנשפּראַכיקע צייטשריפטן, וועלכע האָבן ווייטיקדיק אַרויסגעבראַכט זייער ליטעראַרישע זאָרג און זייער קולטור־מוירע.

די אויבערפלעכלעכע מאָדערנע ציוויליזאַציע איז אַזוי פאַרשווינדעריש רייך אין פאַרשיידנאַרטיקע, פאַרשיידנפאַרביקע און פאַרשיידנמאַ־

ניקע פאַרוויילערישע האַמצאָעס, וואָס זעטיקן אָן דירעקט דאָס אויג אין דאָס געהער, אַז דאָס בוך, ווי אַן אומדירעקטער רעפּראָדוצירנדיקער גע־נוס־מיטל, פאַרלירט זיין ברייטן ווירקונגקרייז. דאָס ערנסטע בוך פאָ־דערט אַ געוויסע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג און אויפנעלייגטקייט מי־צאַד דעם לייענער, קעדיי צו קענען אַרויסגעבן פון זיך די לערע, די אי־דעע, דעם גענוס אָדער די עסטעטיק, וואָס דער מעכאַבער האָט אין אים אַריינגעלייגט, אָבער דער טעמפּ פון מאָדערנעם לעבן, די שטאָטישע פאַר־האַוועטקייט, די פלאַכע בירגערלעכע קולטור און דער גײַסטיקער צע־קײַטער סינטעטישקייט און לײַכטע באַפרידיקונגען, וואָס פאָדערן נישט קיין אָנשטרענגונג, זיינען פאַקטאָרן וואָס דערווייטערן דאָס בוך פון ברייטן קאָנסומענט. אין די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען ווערן די גענים און געבראַוכער פון בוך אַלץ ווינציקער און דאָס רופט זיך אָפּ פאַטאַל אויפן שעפער פון בוך, ווייל אויב עס איז נישטאָ ווער עס זאָל געניסן פון אַ פּאַרטיקער, זאַרגעוודיק־אויסגעפּאַרטיקטער זאַך, טאָ ווי אַזוי זאָלן זיך געפינען אַ סאַך פון די, וואָס זאָלן וועלן אָפּגעבן יאָרן פון אָנשטרענגונג, טעג פון באַגייסטערונג און מעסלעסן פון גייסטיקער שפּאַנונג און צערודערונג, קעדיי צו שאַפן די דאָזיקע גרויסע קינסטלע־רישע זאַך?

אויב בײַ אַלע טעריטאָריאַלע און אַזוי צו זאָגן „פּראָפעסיאָנעלע" פעלקער איז דאָס בוך ווייט נישט קיין אַרטיקל פון ערשטן געברויך, האָט עס בײַ אונדז יידן מיטן יידישן בוך דאָפּלט ערגער, ווייל צווישן אונדזער אייגענעם קליינעם הייפל לייענער, וואָס האָבן שוין יאָ אַן אינטערעס פאַרן בוך, איז די גרעסטע טייל געניוונט צום נישט־יידישן בוך, אַזוי אַז דאָס יידישע בוך ליידט סיי פון אַלגעמיינעם, היינטצייטיקן קליינעם אינ־טערעס צום בוך, סיי פון דער געניגטקייט פונעם יונגן יידישן לייענער צום נישט־יידישן בוך. עס קומט, בעכיין, אויס, אַז ווען בײַ אַלע פעלקער איז דער באַשטאַנד פון קליינעם קאָנטינגענט לייענער, וואָס האָבן אַן אינ־טערעס אין זייער מוטערשפּראַכיקן בוך, גלייכווערטיק צו דער צאָל לייע־נער וואָס פאָרמירן דעם דאָזיקן קאָנטינגענט, איז בײַ אונדז די צאָל יידיש־לייענער אַ סאַך קלענער פונעם אַלגעמיינעם קאָנטינגענט יידישע לייע־נער. עס איז דערביי פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: אין דער צייט ווען בײַ אַלע פעלקער איז דער קליינער אינטערעס צום אייגענעם בוך

נישט בעיכוילעס אונטערצוגראבן דעם נאציאנאלן אייגנארט, ווייל די לויפנדיקע קולטור, די טאג־טעגלעכע לעבנסקולטור פון ברוק און פון דער גאס און די ווינציקער קולטורעלע באפרידיקונגען ווערן אלץ איינס דער-גרייכט אף דער לאנדשפראכיקער מוטערשפראך, איז עס בא אונדז אינ-גאנצן אנדערש, ווייל דער קליינער אינטערעס צום יידישן בוך ברענגט טאקע א בעפיירעשן ארגאנישן שאדן דער יידישער קולטור און גיט אן אומזיסטע וויזע צו דער אסימילאציע. בא אלע פעלקער באדייט דער קליינער אינטערעס צום בוך — קלענערע אינטעלעקטועלע אנלאדונג, קלענערע אדער גרעסערע אומקולטור, אבער עס ווערן נישט אנגערירט קיינע שום נאציאנאלע אטריבוטן; בא אונדז, ווידער, באדייט עס — בע-האדראגעדיקע איינשרומפונג פון אונדזער שפראך און פון אונדזער גייס-טיקער אייגנארטיקייט און דענאציאנאליזאציע פון אונדזער קולטור.

די לאגע ווערט נאך מער פארשארפט אין די נייע לענדער, וואס האבן אריינגענומען א באדייטנדיקע יידישע אימיגראציע. ווי באוואוסט־זיניק און ווידערשטאנדיק דער דורכשניטלעכער יידישער אימיגראנט זאל נישט זיין צו אסימילאציע, וויל ער זיך דאך אקלימאטיזירן וואס גיכער, נישט שטעקן ווי א פרעמדער דארן אין דער נייער סוויווע און אריינזאפן לעבאל־האפאכעס רודימענטארע עלעמענטן פון דער נייער קולטור און אין דער ערשטער ריי גלייכבארעכטיקן בירגערלעך זיינע קינדער. דער פאקט וואס בלויז א 15 פראצענט יידישע קינדער אין ארגענטינע באזוכן יידי-שע צוגאבשולן בעמעשעך פון 2-3 יאר און וואס אביטוריענטן פון יידיש־וועלטלעכע שולן, ווי מיר האבן עס פעסטגעשטעלט אן א שיר מאל, לייע-נען מיט א סאך מער כיישעק שפאנישע ביכער ווי יידישע, איז א סימפ־טאם וואס פירט צו א נישט־פריילעכן פראגנאז.

וואס שייך דעם דורכשניטלעכן עלטערן אדער דערוואקסענעם יידישן לייענער, איז ער, בעדערעך קלאל, יוצע מיט דער צייטונג. די יידישע צייטונג אומעטום און ספעציעל אין ארגענטינע איז נישט נאר א צייטונג, נאר א סורגאט פון א בוך. דער גרויסער טאג־טעגלעכער ליטעראַרישער אדער קעמוי־ליטעראַרישער מאטעריאל וואס ווערט געגעבן, די ראמאנען וואס יעדע צייטונג דרוקט אין העמשאכים, די ארטיקלען, פעליעטאנען און אויסלענדישע קארעספאנדענצן פילן אוים די צייט, וואס דער יידי־שער פאלקסמענטש קען אפגעבן אף לייענען. אויסער דעם קומט נאך צו

דער טעאַטער און די פּאַרלעזונג, די פּאַרטיי-זיצונג און די געזעלשאַפט-לעכע אַרבעט, די פּוסטע קאָפּ-זיצעריי און די קאָרטנשפּילערישע ליידנ-שאַפט, אַזוי אַז אַ בוך, אַפילו ווען מען קויפט אים, קויפט מען אים גע-ווײנטלעך נישט צו לייענען נאָר אַוועקצולייגן און איינצופּעפּערן.

מיר זאָגן דאָס אַלץ נישט צוליב דעם קעדיי צוצוגרייטן אַ פּעסימיס־טישן אויספיר. וואָס שייך דער יידישער קולטור טאָר מען קיינמאָל נישט זיין פּעסימיסטיש; אויב די שוועריקייטן זיינען קאָמפּליצירטערע און שווערערע ווי געוויינטלעך, דאַרפן די פּאַרהיטערישע אָנשטרענגונגען אויך זיין שטאַרקער ווי געוויינלעך און פּראָפּאָרציאָנעל צו די געפאַרן. דאָס געזאָגטע איז בלויז אַ פעסטשטעלונג, קעדיי צו האָבן אַ בעסערן אויסקוק אַף די אויפגאַבעס פון אַרויסרופן אינטערעס צום יידישן בוך.

אַזוי ווי דער פּריוואַטער אינטערעס צום יידישן בוך איז אַן אומ־באַדייטנדיקער, דאַרף מען אים, אַף ווי ווייט מעגלעך, פאַרגרעסערן דורך קאָלעקטיוויזירונג, דורך פאַרגעזעלשאַפטלעכונג; עס דאַרף זיך שאַפן אַ סוויווע-אינטערעס צום בוך. די עקזיסטירנדיקע ביבליאָטעקן דאַרפן אויפ-הערן צו זיין פּאַסיווע ביכער-געשטעלן און ווערטיקאַלע אַרכיוון, נאָר פאַרוואַנדלען זיך אין לעבעדיקע אַקטיווע וואַרשטאַטן פון ליטעראַטור און קולטור־אַרבעט. זייער אויפגאַבע דאַרף זיין נישט אַזוי אין אַרויס-געבן ביכער ווי אין אַריינ־נעמען לייענער. די ביבליאָטעק דאַרף נישט וואַרטן אַפן לייענער, נאָר שאַפן אים. דער ביבליאָטעק־אַלמער דאַרף נישט שטיין אין יעטווידער פאַריין ווי אַ שיוורע־קיילע, נאָר פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג, ווי ספּעציפיש באַגרענעצט עס זאָלן נישט זיין די אינטערעסן פון פאַריין און ווי קליין עס זאָל נישט זיין די ביבליאָטעק. מען מוז אָנהייבן מיטן שאַפן אין יעטווידער ביבליאָטעק לייענער־קרייזן, וואָס זאָלן האָבן פאַר אַ ציל צו לייענען קאָלעקטיוו, לויט אַ געוויסן שטרענג-אָפּגעהיטן צייט-סיידער און ליטעראַטור־סיידער, לויט אַ קאַלענדאַר פון לייענשטאָף, וואָס דער איקוף דאַרף צוגרייטן. דער כומעש און דער טאַנאַך האָבן זיך אַזוי אינטים איינגעבירגערט אין אַמאָליקן יידישן לעבן דורך דעם טאַקע וואָס מען פלעגט יעדן שאַבעס מייוויר זיין די סעדרע און לייענען די האַפ-טוירע. לויטן זעלבן מעטאַדאָלאָגישן פּרינציפּ, וואָס מען מעג לעבאָל-האַדייעס יאַרשענען, וואָלט מען אין די לייענער־קרייזן געדאַרפט בעמע־

שעך פון יאר דורכמאכן דאס וויכטיקסטע און כאראקטעריסטישסטע וואס מיר פארמאגן אין דער יידישער ליטעראטור, לויט א גענוי־אויסגעארבעטן לייען־פראגראם פאר יעדער וואך. מען דארף אויך אין די לייענער־קרייזן דערנענטערן די ליטעראטור צו די לייענער דורך רעציטאציעס; אינטער־פרעטירן די יידישע ליטעראטור, קעדיי צו אידענטיפיצירן זי פאר יענע יעכידים און קרייזן, וואס האבן א שוואכע אנונג פון אירע שיינקייטן און טיפקייטן.

אזוי, צום ביישפיל, קענען מיר זאגן, אז ראזנבלום־מעלניק, הערץ גראסבארד און אנדערע האבן אויפגעשלאסן דאס יידישע קינסטלערישע ווארט פאר היגן עולעם; מען קען זאגן, אז זיי האבן מער אויפגעטאן פאר דער פארשפרייטונג פון דער יידישער ליטעראטור ווי א סאך ביבליא־טעקן וואס שטייען ליידיק און ווי א סאך לעקטארן וואס זיינען קיין לעק־טארן נישט. א סאך פון די, וואס האבן נישט געהאט די געלעגנהייט צו לייענען יידישע ביכער, איידער זיי האבן געהערט די אינטערפרעטאציעס פון די קינסטלער, האבן גארנישט כווישעד געווען, אז די יידישע ליטע־ראטור איז אויסגעזועצט מיט אזוי פיל איידלשטיינער און אפערירט מיט אזוי פיל רייכקייטן.

אף ווי ווייט מעגלעך דארף מען אננעמען מיטלען, אז דער נישט אריענטירטער לייענער אדער דער לייענער אין פאטענץ פון יידישן בוך זאל ז ע ן און ה ע ר ן די יידישע ליטעראטור איידער ער לייענט זי. נאך דער טעאטראליזאציע און רעציטאציע וועט שוין בעמיילע קימען די לעקטור.

דערפאר וואלט געווען גוט, אז דער איקוף זאל זיך פארשטענדיקן מיטן „איפט" וועגן שאפן א ספעציעלע פארלייענער־ און רעציטאציע־ברי־גאדע, וואס זאל בעמעשעך פון יאר באזוכן אלע אנגעשלאסענע ביבליא־טעקן און באווייזן באל־פע וואס די יידישע ליטעראטור פארמאגט ביי־קסאוו. אויסער דעם וואלט דער לעקטארן־קרייז באם איקוף געדארפט באזארגן יעדער אנגעשלאסענער אינסטיטוציע מיט לעכאל־האפאכעס זעקס רעפעראטן א יאר. אזוי ארום וואלט יעדער לייענער־קרייז, אויסער זיין שטענדיקער לעקטור־ארבעט, אין העסקעם מיטן לייען־קאלענדאר פון איקוף, געדארפט האבן צוויי גרויסע רעציטאציע־אוונטן און זעקס רעפע־

ראַטן, נישט רעכענענדיק די אַרטיקע פּאַרלייענונגען און רעציטאַציעס מיט לאָקאַלע קויכעס.

עס וואָלט אויך נייטיק געווען צו אָרגאַניזירן יידישע שפּראַך־קורסן פאַר דער יוגנט אין יעדער ביבליאָטעק, פאַרבעטנדיק די יידישע לערערשאַפט צו אָריענטירן איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג.

דער איקוף וואָלט אויך געדאַרפט סטימולירן צו שאַפן קלובן פון אַביטוריענטן פון יידיש־וועלטלעכע שולן, וואָס זאָלן האָבן פאַר אַ ציל צו באַוועגן די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געענדיקט אַ יידישע שול, אויסצולעבן זיך אין אַ יידישער קולטור־ספערע. צו דעם צוועק וואָלט אויך נייטיק געווען, אַז אַלע יידיש־וועלטלעכע שולן זאָלן זיך אייניקן, קעדיי אַרויסצוגעבן אַן ערנסטן, פאַראַנטוואָרטלעכן און אינטערעסאַנטן יוגנט־זשורנאַל, וואָס זאָל מיט סענטימענט און מיט באַוואוסטזיין זיין מעסוגל צוצובינדן צו זיך דאָס יידישע שולקינד, אַפילו יאָרנלאַנג נאָכן פאַרלאָזן די שול.

אויך וואָלט מען זיך געדאַרפט ווענדן צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס און אַפילו פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס געפינען זיך אויף דער באַזע פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, אַז דער אינטערעס צום יידישן בוך זאָל רעקאָמענדירט און פּראָפּאַגאַנדירט ווערן אומאויפהערלעך צווישן זייערע מיטגלידער, אָרגאַניזירן גרויסע יעריקע אויסשטעלונגען פון ביכער, דער־שינענע אין לאַנד און אין אויסלאַנד, און באַ דער דאָזיקער געלעגנהייט איינשטעלן אַ כוידעש פון יידישן בוך; איינפירן דעם מינעג, אַז אָנשטאָט באַגריסונגען, מאַטאָנעס, בלומען אאַ״וו זאָל מען שטענדיק שענקען ביכער.

דער זשורנאַל „איקוף" דאַרף אָרגאַניזירן דעם אינטערעס פאַרן בוך דורך אַ שטענדיקער ביבליאָגראַפישער אָפּטיילונג, וואָס זאָל אָבער נישט טראָגן קיין קאַלטן פאַרצייכענערישן כאַראַקטער, נאָר האָבן אין זיך דעם סינטעטישן קויעך אַ גלי צו טאָן און אַ ברי צו טאָן דאָרט וואו מען דאַרף און אַרויסרופן באַם לייענער די דעציזיע דעם קורץ־באַהאַנדלטן בוך דורכצולייענען. ער וועט, אויסער דעם, אין יעדן נומער דאַרפן רעפּראָדוצירן דעם כוידעשדיקן אָפּשניט פון לייען־קאַלענדאַר און קאָמענטירן אים. אויך געבן אַן אָרט פאַר מיינונג־אויסבייטן פון די לייענער־קרייזן און סטימו־

לירן זיי ארויסצוברענגען די פראגעס, וואס זייגען ארויסגעשוואומען באם קאלעקטיוון לייענען. דער זשורנאל דארף זאגן דעם לייענער וואס צו לייענען, פארוואס צו לייענען אזא און נישט קיין אנדער בוך, ווי אזוי צו לייענען. יעדנפאלס דארף די אפטיילונג געשאפן ווערן און די פראקטיק וועט פאר איר שוין אויספלאסטערן דעם ריכטיקן דערעך.

איידער ס'וועט געשאפן ווערן א גרויסער ערנסטער פארלאג באם איקוף, וואלט מען געקענט דערווייל, אף א באשיידענעם אויפן אנטוויקלען א קלענערע פארלאג־ארבעט, וואס זאל באשטיין אין ארויסגעבן יעדן כוידעש, אין א בראשור־פארמאט דאס סאמע קירצסטע און וויכטיקסטע פון דער יידישער און וועלט-ליטעראטור, געבנדיק פרעפערענץ דער אקטועלער היינטצייטיקייט און ספעציעל שאפונגען פון ארגענטיניש־יידישע שרייבער, אויב זייערע ווערק וועלן זיין אנטשפרעכנדיק. די דאזיקע באגרענעצטע פארלעגערישקייט וואלט געקאנט שאפן א סעריע וואס זאל הייסן „מיניאטור־ביבליאטעק" און וואס וואלט צוגעשטעלט רעגולער, בעמעשעך פון יאר, צוועלף העפטן־ביכלעך, וואס וואלטן אימפאנירט מיט זייער נייקייט, קורצקייט און ציל־באוואוסטקייט.

ס'איז קלאר, אז דער איניען פון אונדזער היגער יידישער ביך־קולטור איז נישט קיין אפגעריסענע, אומאפהענגיקע זאך; עס איז א פראט און א פועל-יוצע פון אונדזער גאנצן געזעלשאפטלעכן לעבן, פון דער פסיכאלאגישער איינשטעלונג, פון דער עקאנאמישער סטרוקטור, פון דער יידישער דערציאונג, פון דער היימישער פאמיליע, סוויווע. פון דער נאציאנאל־קולטורעלער באוואוסטזיניקייט.

די דאזיקע אלע פאקטארן האבן ביז איצט נישט באגינסטיקט און נישט גענערט דעם אינטערעס צום יידישן בוך, און דעריבער קען זיך אויבנאויפיק אויסדוכטן, אז די אלע היילנדיקע טרופעס, וואס מען לייגט פאר, זייגען קינסטלעכע און נישט קיין ארגאנישע; זייגען אין א געוויסן זינען צוואנגמיטלען, וואס אויב די פאראינטערעסירטע וועלן אפילע פרייוויליק ארויפצווינגען אף זיך, וועלן זיי אלץ איינס קיין האפט נישט האבן, ווייל זיי קומען נישט אף א נאטירלעכן אויפן און זייגען נישט קיין פועל יוצע פון א ווארעמען לעבנס־אינטערעס; אז דער עמעסער אינטערעס צום בוך וועט ערשט קענען קומען דאן, ווען עס וועלן זיך ענדערן די אלגע-

מיינע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און ווען עס וועט אויפקומען אַן עמעסע יידישע קולטור-ספּערע.

אַזאַ שטאַנדפּונקט וואָלט אָבער פאַר אונדז געווען געפערלעך, ווייל ער איז, אין גרונט גענומען, נישט קיין זאַכלעכער נאָר אַ מעכאַנישער. ווי אַזוי זשע וועט געשאַפן ווערן די יידישע קולטור-ספּערע און ווי אַזוי וועלן מיר צואיילן די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אָן דער מיטהילף פון ערנסטן בוך, אָן דעם וואַרעמען, ביישטראָמיקן וואָרט, וואָס עפנט אַף יידיש דעם יידישן מויעך, וואָס שליסט אויף אַף יידיש דאָס יידישע האַרץ און וואָס איז די אייגענע גייסטיקע אַמוניציע, מיט וועלכער יעטווידער פּראָגרעסיווער מענטש דאַרף זיין אָנגעלאָדן אין לענדער, וואָס זיינען נאָך נישט דערגאַנגען צו זייער סאָציאַלן זעניט. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז לייכטער צו גיין אויסגעלאָדן ווי אָנגעלאָדן, אָבער עס איז פּוסטער און וויסטער. יעדן סענטימענט, יעדע אידעע, יעדן געדאַנק מוז מען קולטיווירן און האָדעווען, אָבער אַף צו קולטיווירן מוז מען האָבן אַ באָדן. קולטיווירן קען מען מיטן הייסן זשורנאַליסטישן וואָרט, מיט פּעדאַגאָגישער איבערגעגעבנקייט, אָבער דער באָדן, אין גייסטיקן זינען, איז די קולטור פון פאָלק און איינער פון די הויפּטמיטלען צו שאַפן און באַרייכערן דעם דאָזיקן באָדן איז דאָס בוך, דאָס גרויסע וואָרט, וואָס איז די נאַציאָנאַלע צירונג פון יעטווידער קולטור, איר טיפוואָרצלדיקייט, ברייטשטאַמיקייט און געדיכטצווייגיקייט. גראָד דערפאַר וואָס די באַדינגונגען זיינען דאָפּלט אומגינסטיק פאַרן יידישן בוך, מוזן מיר זיין דאָפּלט וואַך און מיט אַ דאָפּלטער זאָרג אַנטקעגנשטעלן זיך דער פאַרוואַסערונג פון אונדזערע קולטור-ווערטן אין דער קלוגיטשקער, אויסגעקליגלטער מעהעיבעטייסעדיקייט.

דאָס בוך איז אַן אַלט יידיש געווער, וואָס איז אָבער שטענדיק מאָדערן. אין דער דאָזיקער הינזיכט זיינען מיר איצט שטאַרק אַנטוואָפנט, אָבער מיר מוזן זיך צוריק באַוואָפענען מיט דעם דאָזיקן נאָבעלן וואָפן. עס איז אַ זאַך פון אָנשטרענגונג און פון קעגנשטראָמיקער אַקשאָנעס, אָבער וואָס און ווען איז אונדז עפּעס אָנגעקומען לייכט?

דער יידישער קולטור-פאַרבאַנד אין אַרגענטינע דאַרף אַכטונג געבן און אַקטיוו מיטווירקן, אַז דאָס יידישע בוך זאָל פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אונדזער לעבן, נישט קיין דעקאָראַטיוון פּלאַץ, נאָר אַ שעפערישן און אַן

אויפרודערנדיקן, און דאָס איז שייך סיי דעם קריטיש-גנעיאַרשנטן אַלט־ יידישן בוך, סיי דעם בוך פון אונדזערע קלאַסיקער, ראָמאַנטיקער און רעאַליסטן, און סיי דעם מאָדערנעם בוך פון אונדזער פרייד און פון אונ- דזער ווייטיק. קולטור דורך סיסטעמאַטישן לייענען, קולטור דורכן בוך און נישט סתם קיין שמעק-לעק-ליטעראַטור איז די אָנרעגנדיקע קראַפט פון אונדזערע טיפע סענטימענטן, פון אונדזער סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פון אונדזער לייבלעכן אינטערעס צום יידישן קלאַל- לעבן.

מען מוז שאַפן אַ באַוועגונג אַרום יידישן בוך, צו וועלכן אַלע, אַפילו די סאַמע דערווייטערטסטע, פילן אַ געוויסן סענטימענט, וואָס איז אַן אַטאַוויסטישער אָפּהילך פון יענעם אַלטן איראַס-האַקאָוועדיקן געפיל צום יידישן אָס, וועלכער איז שוין פאַר אַ סאַך אַ טויטער בוכשטאַב, אַפילו אין זיין איצטיקער נייער פאָרעם. מיר דאַרפן אים רעסטאַווירן און אַריינ־ הויבן אין אים אונדזער אייגענעם לעבעדיקן אָטעם, צוזאַמען מיט דער צויבערקראַפט פון מאָדערנעם יידישן וואָרט, אַ וואָרט וואָס האָט גע־ יאַרשנט די דוירעסדיק-אַלטע יידישע אייגנטימלעכקייטן און וואָס פאַר־ מאָגט אין זיך דעם לעבעדיקן צעפינקלטן פונק פון אונדזער ווייטיקדיקער היינטצייטיקייט, און פון אונדזערע גרויסע האָפענונגען.

דאָס יידישע וואָרט איז דאָס לעבעדיקסטע און טייערסטע וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט און וואָס בינדט אונדז אַלעמען צונויף מיט אַ זיידענעם פאָדעם. לאָמיר-זשע דעם דאָזיקן פאָדעם נישט אַרויסלאָזן פון אונדזערע הענט.

תינוקות של בית רבן

I

האט איר ווען געזען די פערלמוטערנע טוי־פייכטקייט, וואס רוט אף אן אקערשט אויסגעפיקטן שפיץ פון א בלום־בלעטעלע?

האט איר ווען געזען די ציכטיקסטע זויבערקייט וואס פינקלט ארויס פון די סאטינענע צארט־ציטערדיקע טיפענישן פון אן ארכידייע?

האט איר ווען געזען די גאנצע נאטור־שיינקייט קאנצענטרירט אפן שעטעך פון איין קוואדראט־סענטימעטער?

איר דארפט נישט זוכן די אלע לויכטנדיקע לויטערקייטן אף די ברעגעס פון א יונגיטשקן בלום אדער אף די ראנדן פון א שעמעוודיקער ארכידייע. איר דארפט נישט לויערן אף די אלע שיינקייטן אין געקרייזלטע בארגוועלדער און אף פארשווימטע יאם־ברעגעס. גיט א קוק אין די שאטנדיקע אויגן־ווינקלען פון א יידיש קינד און איר וועט דערזען ווי דארט שפילט די נאטור מיט אלע אירע ריינקייטן און שיינקייטן, ווי דארט קרייצט זיך עפעס בארגיקס און טיפס, גליאיקס און קוואלוואסערדיקס, ברייזשעסדיקס און פרישצאפלדיקס, און ווי דאס אלץ מישט זיך אויס אבער צעמישט זיך נישט, פלעכט זיך דורך אבער פארפלאנטערט זיך נישט, און דערגרייכט צו דער מאדרייגע פון „תפארת שבתפארת" (טיפערעם שעבעטיפערעס).

אין די אויגן פון א קינד האט די נאטור באהאלטן איר פארבן־ציטער, איר איידלסטן אפשיין. די אויגן פון א קינד דאס איז די כסימע פון

דער נאטור, דאס איז די מיניאטור־מייסטערשאפט פון דער יעצירע, דאס איז דער דעפיניטיווער „כי טוב" (קי טויוו).

די אויגן פון א יידיש קינד האבן ד א ס אלץ און פארמאגן נ א ך עפעס. אין די אויגן פון א יידיש קינד איז די דאזיקע נאטורקונסט פאר־שלייערט מיט א זיידענעם שאטן, וואס שטייערט מיט מיט זיין אייגענער שיינקייט צו דער אלגעמיין-נאטירלעכער. דאס איז דער שאטן פון דער יידישער געשיכטע, דאס איז דער געיארשנטער טרויער־אפגלאנץ, וואס וואנדערט זינט יארהונדערטער פון אויג צו אויג. דער דאזיקער שאטן איז אבער נישט קיין פלעק, וואס פארשטעלט, באהאלט און פארדעקט. ער וויל א ו י ך שיין זיין און א י ז עס, אפילע ווען ער שטאמט פון וויטן און פון נאענטן וויטיק. דאס אויג פון א יידיש קינד דאס איז די נאטור־שיינקייט, וואס טראגט טרויער, אבער טרויעריקע שיינקייט איז נישט אלעמאל מיעסער פון פריילעכער שיינקייט.

דער טויטפיינד פון יידישן פאלק האט געזאגט, אז יידן זיינען דאס העסלעכסטע פאלק, נישט נאר גייסטיק, נאר אויך פיזיש, אבער מיט איין אויגן-ווינקל פון איין יידיש קינד קען מען פארוואנדלען אין אש אויך דעם דאזיקן נאצישן ליגן.

מען דארף קענען די שיינקייט פון די דאזיקע אויגן. מען דארף אפט אריינקוקן און מאמעש טויוול זיין זיך אין זיי. דאס זיינען די דרויסנ־דיקע, צעווינטיקטע פלעמלעך, די אנגעצונדענע ליכט פון טמימעסדיקע נעשאמעס, און עס איז א כויוו צו היטן, אז זיי זאלן נישט אנהייבן צו רויכערן, אז זיי זאלן נישט אנהייבן צו לעשן זיך.

נישט אלע ווייסן ווי אזוי צו היטן דעם דאזיקן יונגן פייער און נישט אלע ווייסן ווי צו באגיין זיך מיט א קינדערשער נעשאמע. דאס איז גע־דולדיקע פיליגראן-ארבעט, דאס איז גאלדשמידעריי אפן שפיץ פון א נאדל, דאס איז שפיצן-שטריקעריי אף מאטיוון פון שוים און רויך.

דאס דארף זיין די דעליקאטע מייסטער־ארבעט פון דער שול און די נאך דעליקאטערע פון דער יידישער שול.

II

דאס יידישע פאלק האט שטענדיק געהאט א סענטימענט צום קינד און די ליידנשאפטלעכע יידישע מוטער־ליבע איז א שעם-דאוואר.

דאָס איז עפּשער דערפאַר, וואָס שוין פון קינווייז אָן פלעגט דאָס יידישע קינד צוגעשפּאַנט ווערן צום יידישן גורל און פלעגט ניט דורכ־מאַכן קיין קינדערשע נאָר אַ קליין-יידלדיקע קינדהייט. אין דער דאָזיקער ליבע איז געווען אַ לעבאַטבילעדיקער, אַדערוויפיקער ראַכמאָנעס, אַן אוואַנס פון מיטלייד אַפן כעשבן פון קינדס שווערוועגיקער יידישער דער־וואַקסנקייט. עס האָט זיך אין דאָזיקן סענטימענט אויך געפּרואווט באַ־האַלטן דער שוואַכער גלויבן, אַז עפּשער וועלן די אייגענע ניט-דערפילטע האָפענונגען דערפילט ווערן פאַרן קינד און אַז עס וועט עפּשער זויבע זיין צו געניסן דאָס ניט-גענאָסענע דורך דוירעס און דוירעס.

שוין אין די עלטערע יידישע קסאָווים און אין דער טאַלמודישער לי־טעראַטור קומט צום אויסדרוק די ספּעציעלע, רירנדיקע וואַרעמקייט צום שפּראָצנדיקן נאָכוואוקס, און קימאַט שטענדיק, ווען עס רעדט זיך וועגן אַ קינד, ווערט עס דערמאָנט אין שייכות מיט דער שול, מיט דער מאָ־ראַלישער אויסבילדונג. די דאָזיקע ליבע איז אַ צווייגעשטאַלטיקע; זי איז ניט נאָר אַ קערפּערלעך-כושימדיקע עלטערן-ליבע, נאָר אויך אַ גייסטיק-נאַציאָנאַלע; דאָס קינד איז ניט נאָר אַ פּיזישער אָפּצווייג פון פּלויני בען אַלמויני, נאָר אויך אַ צוגעהעריקער צו דער אומפּערזענלעכער, גייסטיקער יידישקייט. די ליבע צום קינד און די זאָרג פאַר זיין גייסטיקער שליימעס באַגעגענען זיך איינע מיט דער אַנדערער אין דער צערטלעכער, אַלט-יידישער באַצייכענונג „תינוקות של בית רבן”, — אַ באַצייכענונג וואָס האָט, אין לויף פון דוירעס, אָנגעפילט זיך מיט מעסיקעסדיקייט, סענטי־מענט און איבערגעגעבנקייט.

עס איז באַקאַנט דער אוניווערסאַלער, וואולגאַר-געוואָרענער אויס־דרוק, אַז דאָס קינד איז די צוקונפט פון פאָלק. דאָס קינד איז אָבער קווי־דעם קאָל אַ סאַכאַקל. פונקט ווי עס איז אין פּיזישן זינען אַ סאַכאַקל פון הונדערטער דוירעס אַזוי איז עס אויך אין גייסטיקן זינען אַ סאַכאַקל. אין דער צייט אָבער, וואָס פּיזיש-ביאָלאָגיש איז דער סאַכאַקל קאָנקרעטי־זירט אין בלוט און פלייש, איז ער גייסטיק — אַן אַבסטראַקציע, אַ ניט-אַנטפּלעקטקייט, אַ שטומע, שיפרירטע שריפט, צו וועלכער מען דאַרף גע־פינען דעם צוגעפּאַסטן שליסל.

ערשט אַן אָרנטלעכע הומאַניסטישע דערציאונג, אַ געזונטע גייסטיקע יעניקע קען אויפעפענען, אַף אַ נאַציאָנאַלן און אַלמענטשלעכן אויפן, די

ניט־צוגעשלאָסענע אָבער דאָך פאַרמאַכטע טירן פון קינדערשן געמיט, געשאַמע, אינטעלעקט. דאַן ערשט ווען אינעם קינד וועט זיך נעמען אויפֿוועקן אַ אַ נאַטירלעכן אויפֿן און אַן ביליקע וועקזייגערס זיין גייסטיקער סאַבאַקל, וועט עס לייכטער און אייגנטימלעכער קענען אויפֿנעמען די היינטצייטיקייט און ווערן דער גייסטיקער אויסגאַנגפּונקט פאַר ווייטערדיקע דורעס.

אין דעם סאַבאַקל, וואָס מען וועקט אויף אין קינד, דאַרפֿן אָבער ניט זיין קיין פּיקטיוועס און קיין אויפֿגעבלאָזענע ציפֿערן.

אונדזער געשיכטע איז רייך, אָבער עס טרעפֿט אַז באַם קלאַסיפֿיצירן פֿאַרן קינד איר רייכקייט, באַלויגט מען געוויסע צייטן און געשעענישן מיט אַן אומפּאַרדינטער גרויסציפּערדיקייט, בעשאַס אַנדערע וויכטיקע צייטן לאָזט מען איבער אַפֿן באַראַט פֿון אַ בעקיוונדיקער קליינציפּערדיקייט. בעמיילע באַקומט זיך, אַז דער אַלגעמיינער געשיכטלעכער סאַבאַקל, וואָס ווערט געשאַפֿן דורכן סומירן עטלעכע צענדליק געשיכטלעכע גרייסן, בלייבט דאָמינירט פֿון דער טענדענציעזער גרויסציפּערדיקייט פֿון צוויי אָדער דריי גרייסן, צום שאָדן פֿון די עטלעכע צענדליק אַנדערע. ביים סומירן געשיכטע, אָדער נאַציאָנאַלע דערפֿאַרונג, אָדער גייסטיקע ירושע, טאָר ניט עקזיסטירן קיין לעבאַטבילעדיקע אויסגערעכנטקייט, נאָר פּאַשעטע אריטמעטישע אָרנטלעכקייט.

דאָס קינד טאָר ניט זיין, אַפֿן פּאַשיזירנדיקן שטייגער, אַ „נאַציאָנאַלער אָביעקט”, נאָר אַ קרישטאָלענע קיילע וואָס מען דאַרף איידל עפֿענען און אָנפֿילן זי ניט נאָר מיט אויסגעפּוצטע אָדער אָפּגעריסענע פֿאַקטן, נאָר אויך מיט דער לעבעדיקייט פֿון אונדזער געשיכטע, מיט איר דינאַמיק און דיאַלעקטיק, מיט דער גייסטיקער, קולטורעלער און שפּראַכלעכער עוואָלוציע פֿון אונדזער פֿאָלק. אונדזער געשיכטע באַשטייט ניט פֿון בלויז טרויעריקע אייזקריעס, פֿון פֿאַרשטיינערטער גרויסקייט און פֿון נאַציאָנאַלע האַלוצינאַציעס. אונדזער געשיכטע איז אַ טייך מיט בייטייכן, אַ טייכסיסטעם, וואָס איז קיינמאָל אינגאַנצן ניט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן און וואָס האָט אָפֿט געביטן זיין גלעגער און זיין ריכטונג, אָבער וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו פֿליסן און ניט פֿאַרלאָרן זיין אייגענעם שטראָמיקן אימפּעט. עס זיינען ניט אַזוי וויכטיק די באַזונדערע אינדזעלעך אַפֿן דאָזיקן שטראָם, ווי די שטראָמיקייט גופֿא, דער סייכל וואָס ליגט

אין זיין באַוועגונג און דער באַגריף פון ברייטן וועלט־יאַם וואו מיר דאַרפן אַריינגיסן אונדזערע נאַציאַנאַלע טייכוואַסערן.

מען מוז אַרויסוואַרפן די היפּערפּאַטריאָטישע און פּאָליטישע מאַטע־מאַטיק פון דער דערציונג און אויסמיידן די מאַניע צו קויפלען און הייבן אין קוואַדראַט אונדזערע אייגנטימלעכקייטן און אונדזער געשיכטלעכן אי־בעס. פון דער אַנדער זייט, דאַרף מען ניט פאַרשטעלן די אויגן פון קינד מיט קיין זייטיקע אויגן־לעדערלעך אָדער אויגן־טאַרמאָזן, ווי מען טוט עס מיט די שלעפּפערד אין די גרויסע שטעט. דאָס קינד דאַרף זען די זאַכן ניט גרעסער און ניט קלענער ווי זיי זיינען.

די נאַטור, וועגן וועלכער מען דערציילט דעם קינד, דאַרף ניט באַ־שטיין פון גאָלע מאַנדלען, איילבערטן, באָקסערן און טייטלען, נאָר אויך פון זאַפטיקע עפּל און קאַרשן, אוגערקעס און קאַרטאָפל, מערן און ציבעלע, וואַסער־ליליעס און קראָפּעווע.

דער באַגריף „פאָלק" דאַרף פליסן אין דער ריכטונג פון באַגריף „מענטש" און אַריינפליסן אין אים. אַזוי אַרום וועט דאָס קינד, דורכן לעבעדיקן, היינטצייטיקן קולטור־אויסדרוק פון זיין פאָלק, מעסוגל זיין אָפּצושאַצן אַן פאַרגרעסער־גלעזער דאָס פאַרגאַנגענע און דערקענען דאָס אַלמענטשלעכע.

קעדיי צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן דאָס פאַרגאַנגענע דאַרף מען עס ניט אידעאַליזירן און אויפלעבן קינסטלעך אָפּן כעשבן פון לעבעדיקן היינט. אַף געוווינענער גרויסקייט דאַרף מען ניט קוקן דורך דער פּערספּעק־טיוו פון אייגענער קליינקייט. ניט אַף אַזאַ אויפן דאַרף מען זיך דערנענ־טערן צו דער טראַדיציע. אַגעוו, ליגט ניט די טראַדיציע הינטער די האָריי־כווישעך, נאָר זי לעבט אַף אַן אוממיטלבאַרן אויפן אינעם קינד און אַנט־וויקלט זיך אַלע ווייטער און ווייטער. עס איז אַן אַלטער ליגן, אַז טראַ־דיציע איז קאָנסערוואַטיזם. טראַדיציע דאָס איז דאָס יערושעדיקע, דאָס לעבעדיקע, וואָס וואַנדערט אַריבער מיטן בלוט, פון טאַטן צום זון. דאָס איז דאָס סאַבאַקלדיקע וואָס וועקט זיך אויף אינעם קינד, ווען מען באַ־לייכט פאַר אים מיט קלאָרן טאָגליכט זיין היינט.

דאָס יידישע קינד דאַרף פאַרשטיין, אַז יידישקייט איז ניט קיין אָפּגעלעבטע זאַך, ניט קיין אויסלענדישע זאַך, ניט קיין זאַך וואָס שמעקט מיט ניט־דאָאיקייט. יידישקייט איז אַ זאַך אַן אוניווערסאַלע, אַ היגע, אַ

דאָאיקע, אַן אַלצייטיקע, אַ היינטצייטיקע און אַן אומעטומיקע. מיר לעבן אָבער ניט אין זכות פון דעם וואָס מיר זיינען אַמאָל געווען אָדער פון דעם וואָס מיר וועלן ווען ניט איז זיין. מיר זיינען אויסגעקניפּט מיט אונדזער נעכטן און אויסגעבונדן מיט אונדזער מאָרגן, אָבער מיר דאַרפן ניט קיין ספּעציעלן זכות צו באַרעכטיקן אונדזער לעבן.

מיר זיינען אַ פּולציפּערדיקע גריים און אין אונדז זיינען אַף אַ נאַ־טירלעכן אויפן קאָנצענטרירט אַלע ברוכצאָלן פון אונדזער געשיכטע, פּונקט ווי אין דער ציפער איינס זיינען קאָנצענטרירט דריי דריטלען אָדער צען צענטלען. עס איז אָבער לעבערלעך צו זאָגן, אַז אַן אַמאָליקע דריטל אָדער אַ מאָרגנדיקע צענטל איז וויכטיקער פאַרן היינטיקן איינס...

III

עמעצן קען עס וואונדערן, אָבער פאַר אונדז איז עס זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז גראָד די אָנהענגער פון דער „טראַדיציאָנעלער" אָדער „נאַ־ציאָנאַליסטישער" שיטע אין דער דערציונג זיינען ניט בעקויעך צו אַנט־פּלעקן פאַרן קינד דאָס בעמעס־טראַדיציאָנעלע און נאַציאָנאַלע פון אונ־דזער לעבן. זיי שטאָפּן אריין אינעם קינד נאָר די הוילע פאָרמאַליסטיק, די סכעמאַטישע פאָרמען, די ריטואַליסטיק, דעם קרענקלעכן שטאָלץ, די בלויזע אָפּגעלעבטע אָדער ניט־דערלעבטע דרויסנדיקייט פון אידעען. דאָס קינד זעט פאַר זיך גרויסע ציפערן, אָבער די בייכיקע, טאַקיפּעסדיקע זעראָס באַדייטן פאַר אים בלויז לעבער, ווייל זיי זיינען ניט אויסגעפילט מיט קאָנקרעטער לעבעדיקער טעמאַטיק, מיט בילדעריש־קינדערשן וועלט־באַנעם, מיט סוויווע־סענסיביליטעט.

זיי קענען ניט איינפלאַנצן די מעסיקעם פון יידישן וואָרט, די יונגט־פרייד פון דערקענטעניש און אוואַדע און אוואַדע ניט דעם פּרימיטיוועסטן נעשאָמע־ציטער פאַר אונדזער פאַרגאַנגענער און היינטצייטיקער געשיכ־טע־פּראָבלעמאַטיק. די פּאָעזיע פון טאַנאַך ווערט פאַרוואַנדלט אין כראָ־נאָלאָגיע און באַרימערייי, די געשעעניש — אין אַ געוועב פון גוירלדיקייט און פאַטאַליזם, דער יידישער היינט — אין אַ זומפּיקן מיקראָ־קאָסמאָסל, וואָס ווערט באָטל בעשישים צווישן נעכטן און מאָרגן. און דאָס אַלץ ווערט אַנטוויקלט אין אַן אַטמאָספער פון סינע צו אונדזער שפּראַך, וואָס איז

אויפגעקומען אויף די סאַמע קרייצוועגן פון אונדזער געשיכטע, צו דער שפּראַך פון אונדזער טיף־נאַציאָנאַלן פיקבעסדיק־בעדרועדיקן און אַצוועס־דיק־ווייטיקדיקן אייגנאַרט.

דערפאַר באַנעמען זיי ניט די צאַרטקייט און די איידלקייט וואָס איז אַריינגעלייגט אין האַלב־סימבאָלישן באַגריף „תינוקות של בית רבן", אַ באַגריף וואָס קריגט באַ זיי קיין טיקן ניט און איז אַן איידעס פון זייער אומפילבאַרקייט. זיי פילן ניט קיין ריינע, געלייטערטע ליבע צום קינד, פונקט ווי דאָס האָט ניט געפילט דער אַמאָליקער מעלאַמעד. דאָס קינד איז דער „אָביעקט", דאָס ביסל גראָבע רווישטאָף, דער קאַלט־קלעפּיקער „חומר ביד היוצר".

דאָס קינד וואָס גייט אַרויס פון זייערע „געצעלטן" האָט די זיכער־קייט אַז דאָס לערנען יידישקייט איז ניט מער ווי אַ מאָראַלישער קאָרבן צו זיין אָפּשטאַם. ער טוט עס באַל קאָרכוי, מיט רעזיגנאַציע, ווי ער וואָלט איינגעמען אַ מיקסטור אין וועלכער ער גלויבט אַליין ניט. דעריבער בלייבט זיין דורשטיקע קינדערשע פרייד און זיין שפּעטערדיקער יוגנטלעכער ברען אויסער די גרענעצן פון אונדזערע לעבעדיקע, יידישע אָנגעלעגנהייטן.

מיר איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעקומען צו פאָרן אין אַן ענ־טרע־ריאָסער קאָלאָניע מיט איינעם פון די באַקאַנטסטע און עלטסטע שול־אינספּעקטאָרן פון אַ נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער שול־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די גייסטיקע אַפּיטראָפּסעס איבער אַ סאַך יידישע שולן אין דער פּראָווינץ, ספּעציעל אין די איקאַ־קאָלאָניעס.

אונדזער אויטאָ האָט זיך געשניטן אין פרילינגדיקן ווינט. פון ווייטן, פון צווישן די יידישע ווייצפעלדער האָבן מיט אַמאָל גענומען אַרויספּלאָ־טערן ווייסע וואָלקנדלעך אויף פערד. דאָס זיינען יידישע צעפּלאָפּלטע קינ־דערלעך, איינגעהילטע אין ווייסע פאַרטעכלעך, געריטן אין גאַלאָפּ אין שול אַריין.

די ליכטיקע סוויווע און דער באַוואוסטזיין אַז דאָס אַלץ, די מענטשן און די נאַטור אַרום און אַרום, פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט, איז יידיש און לעבעדיק, האָט מיך אַ ווארעם געטאָן דורך און דורך און עס האָט זיך מיר אַזש געוואָלט אַ טרוים טאָן, אַז מיר געפינען זיך ערגעץ צווישן דאָן און בעאייר שעווא.

דער אינספּעקטאָר איז געזעסן אַ קאַלטער און אַ בלינדער. מיט דער

זיכערקייט, אז דער אויסדרוק וועט אים זיין צום הארצן, האב איך אים א זאג געטאן:

— גיט א קוק, אט שוועבן ווי קרוּאווימלעך (מאלאכימלעך) אייערע „תינוקות של בית רבן"!

דער אינספעקטאר האט זיך געגעבן א קרים און האט א בייזן גלאץ געטאן מיט זיינע אויגן:

— ווייס איך וואס! דאס זיינען טינופעס, ניט קיין טינויקעס!...

דער ציניקער ענטפער האט מיר אויסגעזען ווי א שפיי אפן ליכטיקן, יידישן טאג און ווי א פארעטערישער זעץ אונטערן קינבאק. דער לאנג־יאריקער שול־אינספעקטאר האט מיט זיין בלייענער צונג גענומען קאַ־טעווען די ווייסע יידישע קינדערלעך און געמאכט אויסצודרייען זייערע קאלאניסטישע טאטע־מאמעס. ווען איך האב אריינגעווארפן א ווארט וועגן דער צוויי־פלהאפטיקער מאלאכישער אומשולד פון אינספעקטארן, לערער און שול־סיסטעמען, איז ער געווארן אייש־לעהאווא און איז אן אנגעצונ־דענער אראפ אף אן אינספעקציע אין א דערבייאיקער שול.

באם מיטאג האב איך געטראפן דעם שול־אינספעקטאר אין נאך אן ערגערער שטימונג. ווייזט זיך ארויס, אז די קינדער האבן ניט געוואוסט ווער טערעך איז געווען, ווי אלט סארע איז געווען, ווען זי איז פארגאנגען אין טראגן מיט איצחאקן און זיי האבן אפילע ניט געוואוסט, פארוואס מען רופט אווראמען „אווינו" און ניט „ראביינו". דאס איינציקע וואס האט געקלאפט גוט איז געווען דער רעגימענטירטער, אויטאמאטישער „שאַ־לאם", באם באגריסן און געזעגענען זיך.

דער נאציאנאלער אינספעקטאר פון די „רעליגיעזע קורסן" (אזא איז דער אפיציעלער נאמען פון „די שולן) האט געשפריצט מיט פייער אף זיינע „טינויפעס" און האט אפילע ניט באמערקט ווי שנעל עס פארשווינדן אין זיין קאשערן מויל די פיין־צוגעשניטענע, דיניטשקע שטיקלעך דאווער־אכער, פון וועלכע ער איז זיך נויהעג טאמיד טויעם טאם צו זיין, איידער ער נעמט זיך צום שטיקעלע אף...

דער דאזיקער עפיזאד האט מיר קלאר געמאכט, פארוואס איך זע אזוי פיל אפגענארטקייט, פארגלעזערטקייט און אויסגעליידיקטקייט אין די אייגעלעך פון די קינדער, וואס לויפן ארויס פון די דאזיקע שולן נאכן פארענדיקן דעם טעגלעכן „אונטעריכט". אויב עס גיט אין זיי יא א גלאנץ

אַ שיין פֿון פֿרייד, איז עס די פֿרייד פֿון באַפֿרייען זיך, פֿון גיין אַהיים, פֿון „ברוך שפּטרני"...

IV

אַז מען קניפּלט פֿונאַנדער דעם פּלאָנטער פֿון שול־סיסטעמען, שול־אָרגאַניזאַציעס, שול־טיפּן, שול־עקספּעריטורן און שול־קלייניקייטן, ציט מען אַרויס פֿון צווישן צעמילבטן אַטלעס און קינסטלעכן זייד דעם איינציקן שטאַרקן לייוונטענעם פֿאָדעם — די יידיש־וועלטלעכע שול.

גראָד זי, די פֿאַרשריענע פֿאַר אירע קלוימערשטע אַנטינאַציאָנאַלע איינשטעלונגען, גראָד די יידיש־וועלטלעכע שול איז די איינציקע וואָס קען איבערנעמען, אויפֿלעבן און קולטיווירן די טראַדיציע פֿון „תינוקות של בית רבן", און אויפֿגעהאַלטן דעם נאַטירלעכן יידישן פֿייער אין די אייגעלעך פֿון יידישן קינד. די יידיש־וועלטלעכע שול איז די איינציקע, וואָס איז פֿול מיט ליבע צום גאַנצן יידישן לעבן; זי איז די איינציקע, וואָס קען סייבלדיק יאַרשענען און עמאָטיוו צוגענגלעך מאַכן פֿאַרן יידישן קינד דאָס גאַנצע קולטור־פֿאַרמעגן פֿון אונדזער געשיכטע. זי איז די איינציקע, וואָס פֿאַרוואַנדלט דעם טאַנאַך אין אַ קוואַל פֿון פּאָעזיע און ניט פֿון הילצערנעם שטאָלץ; זי איז די איינציקע, וואָס האָט אויסגעלופּטערט אונדזער טראַדיציע און פֿאַרטריבן פֿון איר די פֿאַרשידענע קיווער־רייכעס.

די יידיש־וועלטלעכע שול קוקט ניט אָפּ יידישן לעבן דורך אַזאַ אָדער אַנדער שליסללאָך און זי צעברעכט ניט דאָס קינד אַף איין צענטל ייד און ניין צענטל גוילעם.

די יידיש־וועלטלעכע שול באַזאָרגט דאָס קינד מיט פֿרישן, נאַר־האַפּטיקן עמעס.

אַז איך טרעף זיך צייטנווייז מיט כאַווירים, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען אין איין שול, און מיר נעמען פֿאַרשן צוזאַמען פֿון וואַנען עס שטאַמט דער יידישער פֿייער וואָס הערט ניט אויף צו ברענען אין אונדזערע אויגן און פֿון וואַנען עס נעמט זיך די ליבע אונדזערע צו דער גאַנצער וועלט, פֿירן אונדז אונדזערע זוכונגען, דורך אַלע וועלט־וועגן און דורך אַלע אינטימע שטעגלעך, שטענדיק צו איין אָרט: צו דער יידיש־וועלטלעכער שולבאַנק אונדזערער.

דאָרט, אַף דער אָרעמער יידיש־וועלטלעכער שולבאַנק איז געשטאַ־נען די מענוירע, וואָס האָט אָנגעגאָסן אונדזערע שוואַרצאַפּלען מיט אַלטן און מיט נייעם ליכט. דאָרט זיינען מיר געווען עמעסע און גליקלעכע „תי־נוקות של בית רבן" און פון דאָרט זיינען מיר אַרויס גאַנצע, צען־צענטל־דיקע יידן.

V

און דערפאַר איז אַזאַ פרייד וואָס אַף די וואָגשאָלן פון דער יידישער פאָלקסקולטור האָט אַרגענטינע אַרויפגעלייגט אירע פריש־אויסגעשניצטע יידיש־וועלטלעכע שולן.

עס האָט אַ שימער געטאָן מיט שפּאָגלנייקייט, עס האָט אַ שלאָג גע־טאָן אַ רייעך פון צעמענטענעם צוויט און עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט הערקולעסישער שיינקייט.

קולטור־שלעסער. זוניקע פעסטונגען פאַרן יידישן וואָרט. צעפינקלטע, יידישע שוואַרצביינעוודיקייט צווישן ווייסביינעוודיקע ווענט. און אומע־טום זיינען אָנגעשאָטן קינדערשע קעפּעלעך, ווי שמעקעדיקער, מאַזלבראַ־בעדיקער מאָן, און אומעטום שווימט די יונגע צעפּלאָפּלטקייט און צעבור־בלטקייט. אָט שטעלט אַ שטאַמלדיק יידיש וואָרט זיינע ערשטע, קרומע טריטעלעך אַף פּיריאָריקע, צאַרט־ציטערדיקע, סאַמעטענע ליפּעלעך און אָט הילכט אַרום אַ צעניאָריקע מאָטל־פּייסידיקע צעשטיפּטקייט איבער די ווענט, וואָס זיינען אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק.

און די דרויסנדיקע ווענט פאַנגען די גאַנצע זון אין זייער הונדערט־פּענצטערדיקייט אַריין און קעניגן מיט זייער בעטאָנענער עלעגאַנץ איבער אַלע יידישע דעכער און שטאָקן. מיט ווערדע טראָגן זיי אויסגעהאַקט אין שטיין זייערע וויזיט־קאַרטן, זייער אַדלדיקן אָפּשטאַם, זייערע איבעסדיקע נעמען. די נעמען פון שאָלעם אַלייכעם, פּערעץ און זשיטלאָווסקי האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די מאַציייוועס און אַריבערגעצויגן זיך אַף די פאַראַד־פּאַסאַדן, אונטער די לוקסוסדיקע געזימסן. זיי האָבן זיך אויסגעשריבן פון שוואַרצן בייסאַלמענדיקן מירמלשטיין און זיך אַריינגעשריבן אין דער וויי־סער פרייד. זייער גייסט האָט אווילע־רעגל געווען צום לעבן, צום יידישן קולטור־אימפּעט, וואָס איז סימבאָליש אַריינגעמויערט אין די דאָזיקע יידיש־אַרגענטינישע ווענט.

זיינען די דאָזיקע שטיינערנע בלאָקן בלויז מאַטעריעלע גראַנדיעז-קייט? בלויז יידישע פּיסעם-ווערטמסעדיקייט? בלויז אָנגעטורעמטקייט? ניין! עפּעס איז אין זיי פאַראַן פון די ביים-האַמיקדעשדיקע טורים און אַמודים, אַראַזים און קרואַווים, עפּעס גליווערט אַף די דאָזיקע ווענט דער נאַציאָנאַלער אָטעם אונדזערער, די בענקשאַפט נאָך סאָציאַלער ליכטיקייט. עפּעס זעען אויס די דאָזיקע ווענט ווי שטיינערנע אַסעגוראַציע-פּאָליסן קעגן אונטערגאַנג, ווי געמויערטע איידעס פון אונדזער ניט-פאַרגייע-רישקייט.

שטייען זיי די דאָזיקע ווענט און לויכטן לעקאָווער דעם יידישן וואָרט. לעקאָווער יענעם וואָרט וואָס האָט זיך גאָר ניט לאַנג, מיט עטלעכע צענד-ליק יאָר צוריק, געוואַלגערט אַפן פּריפּעטשיק און אַפן פּעקעליק, געריבן זיך אַרום דער קאָטשערע און פּאָמעלע, געוואַלגערט זיך אַף די בוידעמס און אין די קעלערן, געלעגן אין באָד און אין העקדעש, געטוליעט זיך צום האַרצן פון דינסטמוידן און צו די יאַדאַים פון קוילעריוננגען. צוזאַמען מיט אַ סאַך אַנדערע גרויסע זאַכן וואָס האָבן געלעבט אין שטויב, איז אויך דאָס יידישע וואָרט אוילע-ליגדולע-געוואָרן, אויסגעהאַלטן זיין נאַ-ציאָנאַלן עקזאַמען אין טשערנאָוויץ, אַריין אין די ליטעראַרישע פעדערן און אין אַלע יידישע מיילער, געוואָרן אויסגעבונדן מיט אַלץ און מיט אַלע-מען, און צעשאָטן זיין רייכקייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אויך אין אַרגענטינע האָט זיך דאָס דאָזיקע וואָרט דערקייקלט צו-זאַמען מיט אונדז; געוואָרפן זיך אין קלאָפּערישן פּעקל, געזעצט זיך אַפן אַקער, געמייסטערעוועט אין וואַרשטאַט, געשליפן זיך אין פּאַרטייאישן גע-פּעכט, געליטן קולטור-הונגער און געפירט אַן עמיגראַנטישן, אָרעמאַנסקען שול-לעבן אין טאַלמעד-טוירעס און שולעכלעך. די גאַנצע צייט האָט אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט געשטרעבט אַריינצוקריגן זיך פראַנק און פריי אין די מיילער פון יידישע קינדערלעך און האָט געוואָלט באַזעצן זיך אַף וואַקסנ-דיקע יידישע צינגעלעך.

אַף אַ ספּאָראַדישן און צופעליקן אויפן איז עס דעם יידישן וואָרט געלונגען. איצט איז אָבער געקומען די צייט צו פאַרזייען סיסטעמאַטיש דאָס דאָזיקע וואָרט אין מויל פון יידישן קינד. פאַרזייען הויפנווייז, פאַר-זייען ניט אַפן ווינט, נאָר אין די זוניקע אָראַנזשערייען פון די נייע שול-רעזידענצן. גראָד איצט!

גראד איצט, ווען דער ווילדסטער ציקלאן־ווירבער פון אונדזער גע־שיכטע האט אויסגעלייגט און צעוואלגערט אלע ווענט פון די יוגנטהיימען פון יידישן ווארט און פארשטיינערט מיט זיי איבער א מיליאן יידישע קינ־דערלעך, גראד איצט וואקסן ארויס פון דער גוטער סאנמארטינישער ערד די דאזיקע ליכטיקע זיילן, די דאזיקע מאיעסטעטישע ווענט, די דאזיקע ווייסע בערג, וואס באדעקן זיך מיטן ווייס־זיידענעם צוויט פון שפראצנ־דיקער יידישקייט.

וואקסן די דאזיקע ווייסע שולבערג און קייטלען זיך ארײַן אין אײַן גרויסער בארג־קייט, פון וועלכער עס רוישט אראפ די פערלדיקע קינדער־שע פרייד און דער פולקערנדיקער זאנגען־געפליסטער פון יידישן ווארט!

טעאַטער־יוגנט

פאַר עלטערע מענטשן און פאַר יונגע יידישע אינסטיטוציעס איז יונג-זיין אַן אָנשטרענגונג — דאָס איז אַ קלאַל אין אונדזערע מעקוימעס.

האָט גענומען דער „איפט״*) און האָט אַוועקגעגעבן איבערניצעווען דעם דאָזיקן קלאַל. און אַוועקגעגעבן איבערניצעווען אים האָט ער ניט נאָר צום פאַרקישעפטן שניידערל, ניט נאָר צו שימעלע סאָראָקער, ניט נאָר צום הייליקן שניידערל, ניט נאָר צו אַלע איבעריקע טייערע שניידערלעך וואָס האַלטן אָפן זייערע וואַרשטאַטלעך אין דער יידישער דראַמאַטורגיע און ניט נאָר צו אַלע שניידעריונגען וואָס וואוינען מאַסנווייז אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך צו זיין אייגענער אַרגענטינישער יוגנט, וואָס האָט געהאַלטן אָפן אירע עטלעכע צענדליק קינסטלערישע הערצער פאַרן קולטור-ציטער פון דער נייער צייט און וואָס האָט גראָד געוואוינט ניט אין דער בעלעטריסטיק, נאָר אַף דער גרויסשטאָטישער, אין אַספאַלט איינגעבונדענער ערד...

איז גלייך פון אָנהייב, העט, העט, ווייט, מיט 15 יאָר צוריק, געוואָרן לאיהודימדיק און סימכעוועסאָסנדיק, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע, אָריגינעל-סצענישע שטשאָבעניש, פאַרסטריגעניש, צושניידעניש, לאַטעניש, נייעניש, מאַשין־דרייעניש, און פרעסעניש, ווי אין פאַסעק שטייט:

אָן אַ נאָדל, מיט אַ נאָדל,
ניי איך מיר בעקאָוועד גאָדל...

---

*) יידישער פאָלקס-טעאַטער אין אַרגענטינע.

דער סעצעגישער פייער וואָס די יוגנטלעכע הענט האָבן געפּרוּוווּט פאַרוואַרפן איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, און דער נייער יונגער פונק, וואָס האָט אַראָפּגעגידערט פון די האַרעפּאַשנע דלאָניעס, האָט גענומען וואַקסן. דער דאָזיקער פונקט איז נישט געווען פון יענע פונקען, וואָס ווערן געבוירן מיטן טרוים צו פאַרוואַנדלען זיך אין שטערן און וואָס לעשן זיך געוויינטלעך אויס אין די שטאָטישע רינשטאָקן, צוזאַמען מיט זייער שטערן-טרוים. אין דער נאַטור פון דאָזיקן פונק איז נישט געלעגן די געוויינטלעכע פונקישע פאַרגייערישקייט און אויך נישט די פּריצייטיקע שטערנדיקע פאַר־ריסנקייט.

עס איז נישט געווען קיין צופעליקער פונק, וואָס פליט אַרויס פון אַ קוימען, קעדיי צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ רעגע אַרום אין אַ פעניצל סאַ־זשע. עס איז געווען אַ פונק, וואָס האָט אַרויסגעשפּריצט פון אונטערן גע־זעלשאַפטלעכן האַמער, אַ פונק וואָס האָט געשטאַמט פון אייזן און וואָס האָט, בּאַ זיין גאַנצן ראָמאַנטישן אויפפלאַם, בּאַ אַלע זיינע וואוקס־שוואַכקייטן און בּאַ אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען, נישט פאַרלוירן זיין איי־זערנעם געזונט און זיין אייזערנע דעציזיע נישט צו פאַרלעשן זיך...

פון דאַן אָן האָט זיך נישט אויפגעהערט דורכצווייסן דורך דער סצע־נישער מאַסקע פון „איפּט" די אויסשטראַלונגען פון דער יוגנט. און גראָד איז עס געווען אַ יוגנט אין קערפּערלעכן זינען, נישט קיין אויסגעגיים־טיקטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע, נישט קיין רעטאָריש־מעטאַפאָרישע, נאָר קוידעמקאָל אַ לעבעדיק־פיזישע. דער „איפּט" איז געווען יונג, ווייל ער איז עס געווען אין נאַטירלעכן צושטאַנד. ער איז געווען יונג, נישט נאָר אין זכוס פון „אייביקן, יונגן גייסט פון יידישן פאָלק", נאָר דער איקער אין אייגענעם פאָלקס-זכוס, אין זכוס פון יונגן אָטעם, וואָס האָט אין די לונגען נישט אויפגעהערט צו זיין ווינט. דערפאַר האָט דער „איפּט" גע־טראָגן זיין יוגנט נישט ווי אַ יאָך, נאָר ווי אַ זיידן טיכל אַף זיין האַלדז.

פון דאַן אָן האָט דער „איפּט" איינגעשטעלט אַן אייגענעם קלאַל:

יונגע ווערן נישט עלטער,
עלטערע ווערן נישט אַלט...

און אויב יידישע אינסטיטוציעס האָבן אַ טעווע אַז זיי זיינען אַ סאַך יינגער פון זייערע מיטגלידער, האָט דער „איפּט" אויך די דאָזיקע טעווע טיילווייז איבערגעדרייט מיטן אונטערשלאַק אַרויף, ווייל פונקט ווי עס

זיינען פאַראַן איפּטלער זיינען אויך פאַראַן איפּטלערלעך און אַט די דאָזיקע זאַפּטיקע איפּטלערלעך זיינען נישט עלטער נאָר יינגער פון זייער אינסטיטוציע. אַזוי אַרום איז נישטאָ אין „איפּט״ קיין אַראָפּוואוקס און קיין צוריקוואוקס, נאָר אַ נאָכוואוקסיקער אָנוואוקס און אַרויפוואוקס...

עס איז אַן אינסטיטוציע אָן אינסטיטוציע-שטויב. אָנשטאָט שטויב, זעט מען דאָרט יוגנטלעכן פּוך. אַט דאָס דאָזיקע פּוכיקע איפּטלערוואַרג, אַט דאָס דאָזיקע אויסגעוואַקסענע אָדער אונטערוואַקסנדיקע קליינוואַרג וואָס איז געקומען רייף ווערן אין „איפּט״, אַט די דאָזיקע צאַרטע קלעטערפּלאַנץ וואָס טוליעט זיך צום שטאַם פון יידישן פאָלקס-טעאַטער איז דאָס ליבטיקסטע וואָס גיט אַ שיין אין די אויגן.

מען קלאָגט באַ אונדז אַז דורך אונדזערע לעבערדיקע נאַציאָנאַלע קעשענעס פאַרלירן מיר אונדזער יוגנט. דער „איפּט״ האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע לעבער; די קעשענעס פון „איפּט״ זיינען פול מיט יוגנט. אין די גאַנצע קעשענעס פון „איפּט״ קלינגען די ווערטפולסטע מאַטבייעס — די רענדלעך פון יוגנטלעכער פרייד.

דאָס איז נישט די יוגנטלעך-געמאַכטע פרייד פון דערוואַקסענע וואָס ווילן זיך פרייען און שטרענגען זיך אָן צו זיין יונג. דאָס איז די יוגנטלעכע פרייד פון יוגנטלעכע, וואָס ווייסן גאָר נישט פון קיין אַנדער זאַך ווי יונג זיין און וואָס פאַרשטייען גאָר נישט ווי אַזוי מען קען דאָס זיין נישט יונג. דער ווערב „יונג-זיין״ אַנערקענט אין „איפּט״ נאָר איין צייט — די קעגנוואַרט. ער ווייסט, אַז „איך בין יונג געווען״ איז אויך זייער וויכטיק, אָבער ער האָט עס שוין גרויסמוטיק אַוועקגעשענקט דער געשיכטע; ער ווייסט אַז „איך וועל יונג זיין״ איז נאָך וויכטיקער, אָבער ער איז אַזוי זיכער אין דעם, אַז ער וויל וועגן דעם נישט טראַכטן. צו וואָס טראַכטן, אַז מאָרגן וועט אויפגיין די זון? זי וועט דאָך בעמיילע אויפגיין!

אַז מען וויל אָנטאַפּן די יונגע יידישע פרייד פון בוענאָס-איירעס, די פאָלקסטימלעך-נאַציאָנאַלע פרייד פון יידישן יוגנטלעכן, דאַרף מען נישט מאַכן קיין רייזע צו דער פאַנטאַזיע, נאָר אַריינכאַפּן זיך אין „איפּט״.

און אַז מען כאַפּט זיך אַהין אַריין, גיט מען קוידעמקאָל אַ טראַכט: עס איז דאָך באַוואוסט, אַז פאַר אַ היגן יוגנטלעכן איז יידישע קולטור אַ שווערער שטיין, איז יידישע קולטור פאַרדרייט און קאָמפּליצירט, איז יידישע קולטור אַלט און קאַלט, טאָ ווי זשע קומט עס וואָס דאָ אין „איפּט״

איז יידישע קולטור נאָר יוגנטפרייד, איז יידישע קולטור שפּיל און געגנום?

און אַז מען הערט זיך צו צום גאַנצן שעפערישן טומל, צו די דעקלאַמאַציעס, צו די כּאָראַלע געזאַנגען, צו די רעפּעטיציעס, צום גאַנצן אַמכאַדיק-יוגנטלעכן הוהאַ פון די קולוואַרן, צום גאַנצן „הינטערקוליסיקן" יידישלעכן קאָך און מען פאַלט נאָך דעם אַריין אַף אַ ליטעראַטור-לעקציע אין דער דראַמאַטישער סטודיע, גלויבט מען זיך גאָר נישט ווי אַזוי אַ יוגנטלעכער, וואָס איז מיט 15 אָדער 16 יאָר צוריק געבוירן געוואָרן אין דריימיליאָניקן קראַך בוענאָס-איירעס, כאַפּט זיך אַרויף אַזוי לייכט אַף מענדעלעס טונעיאַדעווקער קליאַטשע, ווי אַזוי ער איז בוידעק דאָס בערדל פון שאָלעם אַלייכעמס ציג און ווי אַזוי ער גיט אַפילע אַ קיצל אַ יאַלעך פון פּערעצעס פּאַמאַליע שעל מיילע... מען וועט זיך וואונדערן ווי אַזוי דעם דאָזיקן יוגנטלעכן אינטערעסירט דאָס אויסזען פון אַ יידישער באָד אין כּאַנדריקעווקע מיט 100 יאָר צוריק און ווי אַזוי דער זיידע מענדעלע איז עס אים מאַסביר. דער יידישער יוגנטלעכער פון „איפּט" רעדט זיך צונויף מיט מענדעלען אַף יידיש; נישט אַף דעם היגן יידיש, נאָר טאַקע אַף מענדעלעס פענאָמענאַלן, געקייטלטן, באַריידעוודיקן יידיש. זיין שפּיץ צונג ראַנגלט זיך נעבעך מיטן פּיקכעסדיקן יידישן וואָרט, אָבער דער זכום פון אונדזערע אָוועס שטייט אים ביי און ער איז אים גוווער ווי יאַנקעוו אָווינו דעם מאַלעך...

שפּאַצירט טאַקע אַרום אין איפּט דאָס יידישע וואָרט און פּיעשטשעט זיך אין זיין כיינעוודיקער אַרגענטינער אויסשפּראַך. אָט איז אָן איינגעקנייטשט יידיש וואָרט פון 13טן יאָרהונדערט און אָט איז אַ גאַטספּאַרכטיק וואָרט פון צענע-רענע, איינגעוויקלט אין אַ שטערנטיכל, און אָט איז אַ שפּילזינגעריש וואָרט מיט פאַרדרייטע דייטשמערישע וואָנצעלעך, און אָט איז מענדעלעס אַ שפּיזיקע אַריינזאָגעניש, און אָט איז פּערעצעס אַ ניצעצדיקער פונק, און אָט איז שאָלעם אַלייכעמס אַ שפּיצל וואָס גיט זיך אַ שטיפערישן גליטש, און אָט טראָגט זיך פאַרביי אַף גומענע זוילן בערגעלסאָנס אַ שמייכל, און אָט כאַלעשט אין אַ ווינקל רייזענס אַ זינגענדיקער קרעכץ, און אָט איז מאַרקישעס אַ פערד וואָס טאַנצט באַלעט און אָט איז מוישע נאַדירס אַ דראָטנייעריש וואָרט...

און אָט די דאָזיקע אַלע ווערטער זוכן בירגערעכט און לעבנסרוים אַפן סאַמע שפּיץ צונג פון יוגנטלעכן איפּטלערל און דאָס איפּטלערל דער־

שטיקט זיך נישט מיט די דאָזיקע אַלע ווערטער, כאָטש אָפטמאָל דאַרף ער אויפעסן אַ סאַך מאָרער ביז ער דערפילט זייער טאָמגאַניידנדיקייט. ער ווייס אָבער, אַז דאָס איז אַזאַ סאָרט מאָרער פון וועלכן מען וועט קענען מאַכן איינגעמאַכץ...

און דאָס איפּטלערל וויל נאָך און נאָך. ער וויל וויסן אין וואָס באַשטייט זיין יידישקייט און מיט וואָס מען דאַרף זי עסן, און צי זי ווערט אויס יידישקייט אויב מען עסט זי מיט ניט־יידישקייט. ער דערוויסט זיך אַז נישט יעדע נישט־יידישקייט איז אַנטי־יידישקייט אָדער אומיידישקייט און ער דערזעט מיטאָמאָל הינטער זיין יידישקייט די גאַנצע אַלמענטשלעכקייט, און ער דערוויסט זיך, צו זיין שטוינונג, אַז דער וועג צו אַלמענטשלעכקייט פירט גראָד נישט דורך אומיידישקייט נאָר דורך טיפיידישקייט.

און ער נעמט פאַרשטיין נישט נאָר פאַרוואָס דער „איפּט" איז אַ טעאַטער מיט סאָציאַלע אידעען, נאָר פאַרוואָס אַזוי דאַרף טאַקע זיין. ער נעמט פאַרשטיין פאַרוואָס אַ טעאַטער דאַרף פּראָדוצירן נישט נאָר ענגכושימדיקן געננוס, נאָר אויך דערציען און עפענען די אויגן, און גראָד דורך דער דאָזיקער דערציערישקייט ווערן מער פאַרוויילעריש. ער נעמט פאַרשטיין אַז דער „איפּט" איז נישט נאָר אַ טעאַטער, נאָר אויך אַן אַרסענאַל און ער דערפילט, אַז ווי אַן איפּטלער איז ער נישט נאָר אַ קולטורמענטש, נישט נאָר אַ צוקונפטיקער קינסטלער, נאָר אויך אַ פרייזשיסער, אַ פעכטער, אַ קעמפער. און ער דערפילט אויך אַז זיין יידישקייט איז נישט קיין געיאַרשנטע בלינדע קישקע וואָס פאַרשאַפט ווייטיק זיין יוגנטלעכער פרייד; ער דערפילט, אַז אַן זיין יידישקייט איז ער אַ פאַרלוירענער אויסגעריסענער קנעפל און אַז גראָד זיין יידישקייט וועט אים, דורכן יידישן וואָרט, קאָנעקטירן מיט דער וועלט.

און דערפאַר אַזוי ווייניק ספּייקעס און אַזוי פיל יוגנטלעכע פרייד אין „איפּט", אַזויפיל גלויבן אין אַלץ. אַן טעלעסקאָפּן זעט מען דאָרט די ליכטיקייט פון די הימלען אַף דער ערד און מען וויל מיט דער דאָזיקער ליכטיקייט זיך אָנטרינקען און אָנשיקערן, קעדיי שפּעטער אויסצולאָדן זי פאַר אַלעמען, דורך דער יידישער קונסט.

און דערפאַר אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע אויפגעלייגטקייט, און נישט־באַגרענעצטקייט; אַזאַ מין ווילן צו קרויוולען זיך מיט אַלע איבעריקע קונסטן און אַזאַ מין צאַרטקייט אינעם וועלן האַלטן אַרומגענומען מיט איין

האנט די פּלאַסטישע קונסט, אין דער געשטאַלט פון „גאָאָפּ" און מיט דער אנדער האַנט די יידישע קולטור, אין דער געשטאַלט פון איקוף.

און ווייל איפּט איז קונסט, באַוואוסטזיין און יוגנט, איז דער טערמין „איפּט" געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע יידישע באַצייכענונג, צוזאַמען מיט פריערדיקע באַרימטע טעאַטער־טערמינען. אַז מען נעמט אין דער בריי־טער יידישער וועלט אויסרעכענען די טעאַטערס וואָס האָבן פאַרקערפּערט יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער־גרויסקייט אָדער יידישע טעאַטער־דערהויבונג, און מען דערמאָנט די ווילנער טרופּע, דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, דעם פּיאַט, דעם אַרטעף, דעם איקוט, פאַרגעסט מען אויך נישט צו דערמאָנען דעם „איפּט", פאַר זיין אָנהאַלטנדיקן סאָציאַלן ברען און פאַר זיין בריענדיקער יוגנט.

די דאָזיקע יוגנט איז נישט קיין אָנגעלעבטע, נישט קיין דערוואָר־בענע. דער איפּט איז געבוירן געוואָרן מיט דער דאָזיקער יוגנט, פּונקט ווי מען ווערט געבוירן מיט אַ כיין־פּינטל אויף אַ באַק; קאָל זמאַן עס לעבט די באַק, לעבט דער כיין־פּינטל. פּונקט ווי מען קאָן נישט אָנלעבן קיין אויי־גנשיינקייט, אַזוי קען מען אויך נישט אָנלעבן קיין יוגנט. פאַרקערט, נאָך אַ געוויסן עלטער, וואָס מער מען לעבט, אַלץ מער יוגנט פאַרלירט מען. אין איפּט איז אָבער די פראַגע פון יוגנט נישט קיין פראַגע פון געווינסן און פאַרלוסטן, נישט קיין פראַגע פון באַלאַנסן און דעפיציטן. עס איז פּאַשעטע אויגנשיינקייט, וואָס גיט אַ שיין גלייך ווי מען ווערט געבאָרן און וואָס דויערט אַזוי לאַנג ביז די ערד פאַרדעקט עס נישט. אויגנשיינקייט ווערט נישט אַלט, אויגנשיינקייט קנייטשט זיך נישט. וואָס מער אויגנ־שיינקייט דויערט, אַלץ מער אויסדרוקפולער ווערט זי, אַלץ מער קליגער ווערט איר נישט־פאַרגייערישע יוגנטלעכקייט.

דער „איפּט" גייט צו זיין אויסדרוקפולקייט, וואָס איז אַ סינטעז פון גוואורע און שיינקייט. ער שטעלט זיך נישט אָפּ; און די נאַטירלעכע יוגנט זיינע פינקלט אין אים ווי ס'פינקלט דער דורכזיכטיקער פייער פון אויגנ־שיינקייט.

דער פאָלקסטימלעכער באַראָן

I

אַז איך דערמאָן זיך אָן די פיר ווענט צווישן וועלכע עס האָבן גענומען צייטיקן די יידישע יאָדערן פון מיין קינדהייט, גיט זיך אַ שטעל אַוועק פאַר מיינע אויגן גראָד יענע וואַנט, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן דעם יידישן אינהאַלט אירן מיט אַזוינע פרעמדע נישט־יידישע שטריכן ווי אַ פאָר שפּיציק־פאַריסענע, גויאישע וואָנצעס און אַ פּריצישן קאָפּ אָן אַ היטל.

דאָס איז געווען דער באַראָן הירש, וואָס האָט זיך דער ערשטער באַזעצט אַף אונדזער יידישער וואַנט און האָט אָנגעפילט די שטוב מיט די אַריסטאָקראַטישע לויטערקייטן אין זיין גרויסאַרטיקער געשטאַלט. ערשט שפּעטער, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז אַף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט אויסגעוואַקסן הערצלס באָרד, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אין האַדראַס־פּאָנימדיקייט מיט באַראָן הירשס לייבן־וואָנצעס.

דער אַלט־יידישער פאַרבאָט וואָס האָט, זינט דורעס, פאַרשלאָסן די יידישע הייזער פאַר יעטווידער „פסל ותמונה", האָט געווייניטלעך געצוואונגען צו באַצירן די יידישע ווענט נישט מיט בילדער נאָר מיט ספאָרים, אָבער דער באַראָן איז געווען איינער פון די ערשטע אַריינדרינגער און באַצווינגער פון יידישע הייזער און פון יידישע ווענט, נישט קוקנדיק אַף דעם וואָס ער איז אומעטום אַריינגעקומען בעגילוי־ראָש (בגלוי ראש) און מיט געגאָלטע באַקן. אַף די שטענדיקע יידישע ווענט פון צאַרישן טכום האָט גע־

נומען בליען אַ גרויסע יידישע לעגענדע, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ מין מעכטיקן, אַזאַ מין האָפערדיקן און אַזאַ מין טרייסטפולן נאָמען ווי „באַראָן הירש".

דער נאָמען אַליין האָט מיך, קליינערהייט, אויסגעזען ווי אַ מין שאַטנעז (שעטנז), ווי אַ מין פאַרבאָטענער צוזאַמענהעפט, עפּעס אַזוינס ווי פלייש מיט מילך אָדער ווי אַ זיווג „שלא מן השמים". אַזאַ מין גויאיש-הויכער טיטל ווי „באַראָן", וואָס שמעקט מיט הויכגאַרנדיקן מאַלכעס און אַזאַ מין יידיש-וואָרעמער נאָמען ווי הירש, וואָס שמעקט מיט קליינשטעטלדיקער היימישקייט, צונויפגעפּאָרט אין איין שוטפעסדיקער קאָמבינאַציע און פערזאָניפיצירט, אין גויאישע שטריכן, אויף אונדזער וואַנט, סאַמע לעבן דער מעזוזע, איז עפּעס געווען פאַר מיר אַן אומגעווייינטלעכע, רעטענישפולע דערשיינונג, וואָס האָט געעגבערט די צערייצטע פאַנטאַזיע און האָט גענומען אויסמאָלן אין דער צעהיצטער יינגלשער פאַרשטעלונג דאָס נייע יידישע קנאַאַן, דאָס לאַנד אויפיר, די על דאַראַדאָ און די נירוואַנאַ, דאָס זילבערנע אַרגענטינע, אַ דערוואָרבענע דורך אַזאַ מין אומגעווייינטלעכן מענטשן ווי אַ יידישער באַראָן, וואָס שעמט זיך נישט, באַ זיין גאַנצער באַראָנישקייט, צו הייסן מוישע הירש, פּונקט אַזוי ווי אונדזער שאָכן מוישע הירש דער לאַטוטניק.

געוואוסט האָב איך שוין דאַן וועגן יידן, וואָס אַנטלויפן פון יידישקייט, וואָס שמאַדן זיך אָפּ און וואָס וואָלטן פאַרן בלויזן טיטל „באַראָן" זיך געלאָזט אויסברענען אַ ציילעם אַפן שטערן, און דאָ דערציילט מיר גאָר די באָבע וועגן אַן עמעסן באַראָן, מיט אַזאַ מין שיינעם באַראָנישן האַדראַספּאָנים, וואָס נישט נאָר ער לייקנט נישט אַז ער איז אַ ייד, נאָר ער קומט נאָך מיט פולע הויפנס באַראָנישע מיליאָנען אויסצוקויפן אַ לאַנד פאַר די איבעריקע יידן פון צאַרישן טכום, וואו יידן זיינען געווייינטלעך נישט קיין באַראָנען נאָר „זשידאָווסקי מאָרדעס".

עמעס, מען האָט שוין פריער אויך געהערט פון יידישע באַראָנען, פון די „אייגענע" רוסיש-יידישע גינצבורגס, פון די אינטערנאַציאָנאַלע ראָטשילדס און פון די יידישע ליטעראַריש-פּאַפּירענע באַראָנען פון שאָמערס מייסע-ביכלעך. מען האָט געמיינט, אַז אַזוי טאָקע דאַרפן אויסזען יידישע באַראָנען, אָבער באַראָן הירש, דער ווייטער, פרעמדער באַראָן, וואָס איז אַזוי ווי אַראָפּגעפאַלן מין האַשאָמאַיִם, האָט באַוויזן אַז זיין יידיש האַרץ איז

נישט צוגעפּרווירן צו זיינע מיליאָנען, אַז ער איז אַ באַראָן נישט אַף דעם, קעדיי צו בלאָזן פון זיך ווי אַן אינדיק מיטן טאַקיפישן האָלדער־באָלדער, נאָר אַ ייד מיט יידן גלייך און אַז נישט נאָר ער אַליין איז אַ ייד, נאָר אויך די מיליאָנען זיינע זיינען יידישע, קלאַל־יִיסראָעלדיקע.

דערפאַר איז דער באַראָן הירש געוואָרן דער כאַד בעדאָראָ (חד בדרא) פון זיין צייט און אָראָפּגעקיניגט פון אַלע כווישעבדיקע יידישע וועגט. זיין געשטאַלט האָט געשטאַרקט דעם ביטאָכן פון יידישע טאַטעס, ווייך געמאַכט דעם בליק פון יידישע מאַמעס און צעגליט דעם קויעך האַדימיען פון יידישע קינדער.

II

דאָס טאַמציסדיקע, וואָס עס לאָזט זיך זאָגן וועגן באַראָן הירש, קען מען צונויפפרעסן אין איין זאַץ: געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד, פאַרבראַכט זיין יוגנט אין בעלגיע, באַזעצט זיך אין פראַנקרייך, געבויט אייזנבאַנען אין עסטרייך, רומעניע, סערביע, בולגאַריע, קליין־אַזיע, געגרינדעט אין פראַנקרייך אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט מיט ענגלישע סטאַטוטן און מיט אַן ענגלישן נאָמען, קעדיי צו קאָלאָניזירן אין אַרגענטינע יידן פון רוסלאַנד מיט דער הילף פון מיליאָנען דערוואָרבענע אין טערקיי און אין די באַלקאַנען, געגרינדעט הילפספאָנדן אין קאַנאַדע און צאָפן־אַמעריקע, געשטאָרבן אין אונגאַרן.

מען דאַרף זיין געאָגראַפיש און סאָציאָלאָגיש באַהאַוונט קעדיי צו פאַרשטיין די דאָזיקע קאָמפּליצירטע אינטערנאַציאָנאַלע צונויפגעקייטלטקייטן פון באַראָן הירשס אונטערנעמערישן גייסט, פון זיינע גרויסצוגיקע איינפאַלן, פון זיינע וועלטגעשעפטן, פון זיינע קאָנטינענטאַלע פּלאַנירונגען, פון זיינע פילאַנטראָפּיש־קאָנסטרוקטיווע האַסאָגעס און פון זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, ספּעציעל מיטן פּרינץ פון אועלס, — דעם שפּעטערדיקן ענגלישן קייסער, און מיט די פּרינצן פון בייערן און טאָסקאַנאַ.

ער איז געווען אַ פּראָמינענטער וועלטבירגער פון אייראָפּע, מיט פראַנצויזישע סענטימענטן, ענגלישער געשעפטסמעסיקייט און בייערישער געמיטלעכקייט. זייענדיק אַן אויסגעשפּראָכענער מיירעוו־ייד און אַ באַראָן

פון דריטן דאָר, האָט אים מיטן יידנטום געבונדן די כאַראַקטעריסטישע „גלויבנסגענאָסן"-יידישקייט, אַ רעליגיעז-סאָלידאַרישע, וואָס איז קולטיווירט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן גרויס-דאַבינאַט אין דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל". די דאָזיקע יידישקייט האָט נישט אָנערקענט די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון יידישן פאָלק, אין העסקעם מיט דער נאַפּאָלעאָנישער אינטערפּרעטאַציע פון דער יידן־פראַגע, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דורכויסיקע אַסימילאַטאָרישע איינשטעלונגען.

שפּעטער, ווען דער באַראָן הירש האָט אויף זיינע געשעפט-רייזעס זיך אָנגעשטויסן דירעקט מיט דער יידישער מיזרעך-אייראָפּעאישער ווירקלעכקייט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס עקזיסטירט אַ יידן־פראַגע, האָגאַם ער האָט נאָך אַלץ נישט באַמערקט אַז עס עקזיסטירט אויך אַ יידיש פאָלק און אַ יידישע קולטור. ער האָט דערווייל בלויז געזען אַ ספּעציפישע יידישע לאַגע און מיליאָנען יידישע מיטגלויבנדיקע.

ער איז געקומען צו דער יידן־פראַגע און האָט אויסגעפונען דאָס יידישע לעבן, אַזוי ווי ד"ר הערצל, ערשט דאַן, ווען ער האָט אַנטדעקט די שטאַרק-אָנשוילעכע יידישע טראַגיק און די קאָנקרעטע צאָרעס, אָבער נישט פריער, נישט אויף אַן אוממיטלבאַר-נאַטירלעכן וועג, נישט אַפן רוף פון אַ נאַציאָנאַל־איינגעבוירענעם געפיל, נישט אויף אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן אויפן, נישט אומאָפּהענגיק פון קריטעריום: יאָ יידישע צאָרעס אָדער נישט יידישע צאָרעס, נישט ווי אַ פולווערטיק-באַוואוסטזיניקער ייד אַן און פאַר זיך. לויט זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער זיך געפילט ווי אַן אָנגעהעריקער צו דער מענטשהייט, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ ייד, איז זיין נאַטירלעכער הויפּטוואונטש געווען צו העלפן „די קינדער פון יסראָעל וואָס זיינען אונטערגעדריקט און געפינען זיך נאָך איצט אין דער גרעסטער אָרעמקייט".

עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך ווען דער באַראָן הירש וואָלט רעאַגירט אַנדערש אויף דער יידן־פראַגע, ווייל זיין גאַנצע דערציאונג, זיין יודאַאיסטישע פאָרמירונג, די ליבעראַלע באַפאַרבונג פון אייראָפּעישן הומאַניזם אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט און דער נאַפּאָלעאָנישער קאָדעקס האָבן דענאַציאָנאַליזירט די יידן-פראָבלעמען און האָבן געשאַפן די באַדינגונגען, אַז דער ייד ווי אַ לעבאַטכילעדיקע, אויסגעשפּראָ-

כענע נאציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, זאָל, מיטן אויסנאַם פון זיין גלויבן, צע־לאָזן אַלע זיינע נאַציאָנאַלע סימאָנים אין דער מעלוכישער קולטור־נאַציאָ־נאַלער סוויווע וואָס רינגלט אים אַרום.

דעם טראָפּ האָט, בעכיין, דער באַראָן הירשט געשטעלט נישט אַף סאָ־ציאַל־נאַציאָנאַלער באַפּרייאונג און נישט אַף קולטור־אויטאָנאָמיע, ווייל אַזוינע ווילד־פרעמדע זאַכן האָבן נישט געשטימט מיט זיינע איבערציי־גונגען; פאָדערן, ווידער, באַם צאַר פאַשעטע גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן, וואָלט געהייסן אריינמישן זיך אין פּאָליטישע איניאָנים; איז געבליבן בלויז איין מעגלעכקייט — מאַטעריעלע הילף, וואָס זאָל געגעבן ווערן אַף אַן אָריגינעלן, פּראָדוקטיוון אויפן. די דאָזיקע ברייטהאַרציקע און ברייטצי־פּערדיקע הילף האָט ער געגעבן נישט ווי קיין נאָדיוו פון אַלטן שניט און נישט ווי קיין זעלבסטצופרידענער נאַדוועןָ. ער איז נישט געווען קיין פּאַ־סיווער געלטגעבער און נישט קיין אינדיפערענטער שטיצער, נאָר אַ קאָנ־סטרוקטיווער אויפשטעלער, אַ מעכאַדעש און אַ פּערזענלעך־פאַראינטערע־סירטער אין דער לוינעוודיקייט און פּראָדוקטיווקייט פון יעדער הילפס־אַקציע ווי אין זיינעם אַן אייגענעם געשעפט און עפּשער נאָך מערער.

עס האָבן זיך געקרייצט אין אים דריי אייגנשאַפטן פון אַ גרויסן מעלוכע־מאַן: שפּירעוודיקייט, אַנטשלאָסנקייט און וויזיע.

די נעגישעס, פּוראָניעס און יעסורים פון רוסישן יידנטום האָבן אים עמאָטיוו שטאַרק אויפגעטרייסלט און אַרויסגערופן באַ אים די פעסטע אַנטשלאָסנקייט צו אַנטשיידן איינער אַליין און אין אַ גרויסן מאַסשטאַב די רוסישע יידן־פראַגע. מיט אַ רעאַל־פּראַקטישן כוש האָט ער פון אָנהייב געהאַלטן, אַז די יידן דאַרפן בלייבן אַף די ערטער און פּראָדוקטיוויזירן זיך אין אַ נעץ פון פאַכשולן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט באַדעקן דעם גאַנצן יידישן טכום. קעדיי צו באַווירקן די צאַרישע סאַטראַפּן און באַקור־מען פון זיי אַ דערלויבעניש צו גרינדן, אַף זיינע אויסשליסלעכע הויצאָעס, אַ גראַנדיעזן שולוועזן, האָט ער געפּרוּווט ריידן צו זיי דורך דער פאַרמיט־לונג פון ענגלישע שעליכים און אויך אַף דער פאַרשיקערנדיקער קישעף־שפּראַך פון גאָלד, אָבער איינזעענדיק שנעל אַז דאָס גאָלד פאַרשווינדט שפּורלאָז אין פּאָבעדאָנאָסצעווס טיפער רוסישער „פאַזוכע" און אַז אַפּי־לע מיט גראָבע מיליאָנען וועט ער נישט קענען איינקויפן קיין ברעקעלע גוטן ווילן באַ דער צאַריש־סינאָדישער שוואַרצער מייע, האָט ער אָנער־

קענט זיין דורכפאַל, דעם ערשטן דורכפאַל אין זיין לעבן, אָבער אונטער־
געגעבן זיך האָט ער נישט. דער דאָזיקער דורכפאַל איז געווען פּרוכטיק און
האָט געבוירן זיין גרויסן וויזיאָנערישן פּלאַן: דורך מאַסן-עמיגראַציע
אַרויסנעמען פון אונטער דעם צאַרס פּיאַטעס דריי מיט אַ פערטל מיליאָן
יידן און ברענגען זיי אונטער די יונגע סאַנמאַרטינישע פליגל פון אַרגענ־
טינע.

ער האָט אָבער פאַרגעסן איין זאַך: צוגרייטן די געהעריקע צען פּאָלי־
טישע מאַקעס פאַרן רוסישן צאַר, קעדיי די דריי מיליאָן יידן זאָלן בעשאָ־
לעם קאָנען אַרויסגיין. אַ צווייטע זאַך, אַף וועלכער ער האָט זיך נאָך דאַן
נישט געריכט, איז פאַרגעקומען אין קנאַפּע פינף יאָר אַרום נאָך דער גרינ־
דונג פון דער ייקאַ: ער איז פּלוצלינג ניפטער געוואָרן אין סאַמע ברען פון
זיינע וואַקסנדיקע און יווירנדיקע פּלענער, און אויב עס איז עמעס, אַז די
דאָזיקע פּלענער זיינען, נאָך זיין טויט, נישט פאַרקוילט געוואָרן אין גאַנצן,
זיינען זיי אָבער דאָך געבליבן פאַרקילט...

III

אין אַ בלאָלעכן רויך פון קטוירעס האָט מען איינגעהילט די פיגור
פון באַראָן און מיט אַן אָרעאָל פון אַ הייליקן האָט מען אַרומגעשטראַלט זיין
קאָפּ. זייט באַ זייט מיט אים האָט מען אויך אַרומגעזוימט מיט אַ האַלב־
מיסטישן שיין די צאַרטע געשטאַלט פון דער איידל-דורכזיכטיקער, בלאַ־
סער באַראָנעסע, „די ווייסע פרוי”, און דעם פרי־געשטאָרבענעם בען-יאָכיד,
אַף וועמענס אָרט דער באַראָן האָט אַדאָפּטירט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק...

גרויס איז געווען די גוטמידעסדיקייט פון באַראָן, אָבער מען האָט זי
געוואָלט מאַכן נאָך גרעסער און פון צוויי זייטן האָט מען זי אויסגעבריי־
טערט אַף אַ סופּערלאַטיוון אויפן. פון איין זייט האָבן עס געטאָן דעם באַ־
ראָנס אַדמיניסטראַטיווע עפּיגאָנען אין דער ייקאַ, וואָס האָבן זיך געניי־
טיקט אין אַ גרויסן און שיינענדיקן „מלך עליון”, און פון דער אַנדער זייט
האָט זיך פאַרנומען מיט דעם די פאַנטאַזיע פון ליידנדיקן פאָלק אין די
ערשטע קאָלאָניעס, וואָס האָט געטרוימט פון אַ „מלך של חסד”.

ביידע הייפּעכדיקע עקסטרעמען האָבן זיך, באַם באַגעגענען, נישט
פאַרניכטעט, נאָר פאַרקערט, זיך געקויפּלט איינער אַפן צווייטן, און מיט

פאַרשיידענע מיטלען און פאַרשיידענע עמאָטיווע שטויסקראַפטן מיטגע־גאַנגען אין איין ריכטונג, קעדיי צו אידעאַליזירן נישט נאָר דעם באַראָן, זיין יווישער־דיקייט, ברייטהאַרציקייט און מידעם טוויוועס, נאָר אויך זיין פאַמיליע-לעבן און זיין העכערע אַרט עקזיסטענץ, וואָס האָט אים געדאַרפט מאַכן גרעסער פון יעטווידן באַסער וועדאָם.

אין דער עמעסן איז דער באַראָן געווען אַ מענטש פון געוויינטלעכן בלוט און פלייש און טאַקע בעפיירעש פון באַראָנישן בלוט און פלייש. ער האָט געפירט אַ גרויסאַרטיקן, גרויסהאַריקן, אוילעם־האַזערדיקן לעבן; האָט אַפילע, אַפן באַראָנישן שטייגער, געהאַט צוויי אומגעזעצלעכע קינדער, — די שפּעטערדיקע ווינער באַראָנען דע פאָרעסט־בישאָפּסהיים, וועלכע די גוטע, שטילע טויב — די באַראָנעסע האָט נאָכן מאַנס טויט אַדאָפּטירט, נישט קוקנדיק אַף דעם וואָס זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּיזישע פאַרקערפּערונג פון איר פאַמיליע-שאַנדע. וואָס שייך דעם טויט פון באַ־ראָנס זון, האָט מען די סיבעס און די שפּורן פאַרריבן, אָבער אַ סוואָרע, אַז דער דאָזיקער טויט איז נישט געווען קיין נאַטירלעכער, נאָר האָט געהאַט צו טאָן מיט מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד, אַפן באָדן פון פאַרשיידענע פער־זענלעכע קאָמפּליקאַציעס אין דער העכערער פאַריזער געזעלשאַפט. דער באַ־ראָנישער בען-יאָכיד האָט אויך איבערגעלאָזט אַ קינד, אָבער די מאַמע פון קינד, — אַן אָרעם פראַנצויזיש מיידל, איז אין באַראָנישן הויז נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן און זי האָט זיך אַף שטענדיק געדאַרפט שיידן מיט איר אויפעלע.

די דאָזיקע אויסבאַהאַלטענע און אומעטום פאַרשוויגענע פּראָטים ווערן דאָ געבראַכט נישט מיטן מיין צו פאַרמינערן אַף אַ האָר אַפילע, די געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע ראָל פון באַראָן, נישט צוליבן „היסטאָ־רישן עמעס" און נישט צוליב „פּיקאַנטקייט", נאָר פּאָשעט קעדיי צו באַ־ווייזן ווי אַזוי, אַפן סמאַך פון געוויסע מענטשלעכע שוואַכקייטן, האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ טראַגעדיע אין דער שאַלוועדיקייט באַראָנישער היים. עס קען זיין, אַז די אָנוואַקסנדיקע פאַמיליע-טראַגעדיע האָט דעם באַראָן, אַפן וועג פון פּסיכאָלאָגישער קאָמפּענסאַציע, אַרויפגעפירט בעהאַדראָגע־דיק אַף דער ייִדן־פּראַגע. קען זיין, אַז זיין אַרט לעבן און זיין שטייגנדיקער וויטיק האָבן סאָף-קאָל-סאָף אוועקגעשטעלט פאַר אים דעם גרויסן פּראַגע־צייכן וועגן זין און טויבען. יעדע געזעלשאַפטלעכע אַקציע פון אַ יאָכיד

האָט אירע טיפע פּסיכאָלאָגיש-יעכידישע אָנרעגונגען און דער באַראָן האָט עס אַליין געגעבן אָנצוהערן נאָכן טויט פון זיין זון.

עס קען, בעכיין, זיין, אַז דער גאַנצער אַרגענטינער יידישער יישעוו דאַרף, אין דער ערשטער ריי, פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ נישט דער באַראָנישער גוטסקייט און ברייטהאַרציקייט, נאָר קוידעם קאָל דער באַראָנישער טראַגעדיע, ווייל אָן דער דאָזיקער טראַגעדיע וואָלט עפּשער נישט געקומען צו דער ברייטהאַרציקייט.

די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע איז, בעכיין, אין אַ ווייטן זין, אַ פּויעל-יוויצע פון אַ פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע אין אַ פאָלקסגליק. האָט דען געקאָנט געמאָלט זיין אַ גרעסערע טרייסט און אַן אָריגינעלערע קאָמפּענסאַציע פאַרן באַראָן?

IV

דעם באַראָנס לעבן און דער איקער דער ייקאָ-אָפּשניט פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיינען פאַרהאַנגען מיט געדיכטע שלייערן, מיט שווערע בראָקאַטן. הינטער די שלייערן זיינען פאַראַן אַ סאַך דאָקומענטן וואָס ליגן באַערדיקטע אין אַרכיוו-קוואָרים און וואָס די יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָט נאָך צו זיי קיין צוטריט נישט, צוליב דער איינגעאָקשנטקייט פון אַ פּאָר פאַריזער אַדוינים.

די אָפיציעלע לויבזינגער און פּאַנעגיריקער האָבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, געלאָזט אין גאַנג עטלעכע לאַפּידאַרע פאָרמולן, וואָס דער באַראָן זאָל האָבן באַנוצט און וואָס זייער וואַרעמער יידיש-עטישער אינהאַלט האָט, לויט זייער מיינונג, געדאַרפט קלעקן אויף צו כאַראַקטעריזירן דעם גרויסן פילאַנטראָפּ און באַלויכטן די שעמערירנדיקע רייכקייטן פון זיין געשטאַלט. אַזאַ האָבן זיי געוואָלט זאָל בלייבן די דאָזיקע וואוקסיקע פיגור: אַ לעגענדע איינגעוויקלט אין רעגנבויגנדיקן אַטלעס.

דער דאָזיקער קולט פאַרן באַראָן האָט אָבער אָפּגעטאָן דער ייקאָ-דירעקציע אַ נישט-פאַרויסגעזעענעם שפּיצל. די נישט גאָר פּאָפּולערע מאַיסים פון דער ייקאָ-אָנפירונג האָבן אין דער קאָלאָניסטן-מאַסע אַרויסגערופן אַ נאָך גרעסערן קולט פאַר דער לעגענדע באַראָן הירש. דורכן קויעך פון קאָנטראַסט האָט די קאָלאָניסטישע עפנטלעכע מיינונג גע-

פּאַסקנט, אַז דער באַראָן איז „כולו זכאי״ און די ייקאַ־אַדמיניסטראַציע „כולו חיב״. די לעגענדע וואָס די ייקאַ האָט זיך באמת צו שאַפן, צו איר אייגענעם רום, האָט זיך, בעכיין, אַ קער געטאָן קעגן דער ייקאַ גופא.

ווארשיינלעך קעדיי צו נישט צו מאַכן דעם דאָזיקן קאָנטראַסט, קעדיי צו פאַרגלעטן דעם שאַרפן ווידערשפּרוך און קעדיי צו מאַכן באַקווע־מער די אייגענע לאַגע, האָט אַ היגער ייקאַ-דירעקטאָר, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אויפגעהויבן זייער און זייער פּאַרזיכטיק, זייער און זייער שעמעוו־דיק אַ ברעג פון געדיכטן פאָרהאַנג און האָט אָנגעטרויט, אויף אַ פּריוואַטן אויפן, אַ היגן אָנגעזעענעם זשורנאַליסט עטלעכע קאָמפּראָמיטירנדיקע בריוו פון באַראָן. אין אַ דערלויבעניש האָט דער זשורנאַליסט אַ גאָס גע־טאָן די ליכטיקע שיין פון געדרוקטן וואָרט אויף די דאָזיקע בריוו, פון וועל־כע עס ווייזט זיך ארויס, אַז דער גאַנצער הערשנדיקער ייקאַ־רעזשים איז נאָך מיט איבער פופציק יאָר צוריק סקיצירט געוואָרן פון באַראָן גופא; אַז דער באַראָן אַליין האָט באַפוילן אַז דער ערשטער געבאָט פון דער קאָ־לאָניזאַציע זאָל זיין די פּויסט; אַז אָנשטאָט סענטימענט זאָל הערשן שטרענגע אָפּקלייבערישקייט און אַז אין עקסטרעמע פאַלן זאָל מען גע־דענקען, אַז עס איז פאַראַן פּאָליציי אויף דער וועלט, יאָ פּאָליציי... און אַז ביקלאַל דאַרפן די אַדמיניסטראַטאָרן נישט שטיצן די איבערגעטריבענע פאָדערונגען פון די קאָלאָניסטן. אויסער דעם שרייבט נישט דער באַראָן בעלאָשן „איך״ אָדער „מיר״, נאָר ער רופט זיך אַליין אָן, אין זיינע איי־גענע בריוו, „אונדזער פּרעזידענט״ (דאָס הייסט פּרעזידענט פון דער ייקאַ־געזעלשאַפט).

די דאָזיקע בריוו, וואָס רייסן אַראָפּ אַ שטיק רעגנבויגן פון דער לע־גענדע, זיינען אינטערעסאַנט, אָבער דאָך נישט מאַסגיביק. אונדז זיינען באַקאַנט עטלעכע שפּעטערדיקע בריוו פון באַראָן אָנגעזאַפּטע מיט אַ גוואַלדיקן אָפּטימיזם, מיט אַ פאָטערלעכער גלויביקער ליבע צו די קאָלאָ־ניסטן און מיט ברייטהאַרציקער הומאַניטאַרישקייט. דאָס אַרויסכאַפּן אַ פּאָר בריוו פון עטלעכע הונדערט, קעדיי צו מאַכן באַקוועמער די לאַגע פון דער ייקאַ־דירעקציע און קעדיי אָפּן כעשבן פון אַ לעגענדע אויפצור־וויזן, אַז די וועלפישקייט פון געוויסע ייקאַ-פּראָצעדורן איז אַ געיאַרשנ־טע דירעקט פון באַראָן, איז, דאַרף מען זאָגן, נישט גאָר עטיש. אויך איז

געווען אומעטיש דאָס פאַרעפנטלעכן די בריוו, נישט האָבנדיק פאַר די אויגן דעם גאַנצן אַרכיוו פון באַראָן הירש.

דאָס יידישע פאָלק מוז קענען געניי דעם גאַנצן אַרכיוו פון באַראָן. די געשטאַלט פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט און אַ קאַפּיטל פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע ליגן נאָך אין טיפער פינצטערניש און גראָד איז עס דאָס וויכטיקסטע קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע אין אַרגענטינע. אַ לעגענדע ליגט געפאַנגען אין פינצטערע אַרכיוושטיבן און די יידישע ליטעראַטור איז אָפּגעשלאָסן פון איר. די לעגענדע, אַז אויסגעגראָבענע, ווען זי וועט אַריבערגיין פון איר לעגענדע-צושטאַנד צו דער סטאַדיע פון היסטאָרישן עמעס, קען נאָך ווערן מער לעגענדע ווי זי איז, און אויב זי וועט ווערן ווינציקער לעגענדע, וועט עס אונדז אויך ברענגען גרויסע נוצן.

פאַר דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע שטייט זינט יאָרן אַ קלאָרע אויפגאַבע: באַפרייען די געפאַנגענע לעגענדע און אַ קוק טאָן איר גלייך אין די אויגן אַריין.

V

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז פון אָנהייב געגאַנגען אַפן וועג פון נאַטירלעכע אַוואַנטורעס, ווייל דער געבראַכטער עלעמענט, דאָס לאַנד און די פאַרוואַלטונג האָבן זיך נישט געקענט צונויפקנעפלען ווי געהעריק.

דאָס באַזעצן זיך אַף ערד האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ רעטעניש אין אַ ווייטן, ווילדן לאַנד, מיט ווילדע גאַוטשן, ווילדע אָקסן, ווילדע געוויקסן און האַלב-ווילדע אַדמיניסטראַטאָרן. צווישן די ערשטע ייקאַ-פאַרוואַלטער איז אַפילע געווען אַן ענגלישער קאָראָנעל, וואָס דער באַראָן הירש האָט אויסגעליען באַם ענגלישן קייסער, קעדיי איינצושטעלן אָרדענונג צווישן די גוואַרדייצעס פון קאַסרילעווקע און פון טונעיאַדעווקע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן קיין אַרגענטינע, אַף אַרויסצובאַקומען פון די פאַרוואַקסענע פּאַמפּעס די באַראָנישע מאַזל-בראָכע. דער דאָזיקער אויסגעבאָרגטער קאָראָנעל האָט אָבער געוואָלט שנעל אָפּציען פון זיין יידישער אַרמיי און דער באַראָן האָט אים אָפּגעשיקט כאַזאָרע צום ענגלישן

קייסער. אַף זיין אָרט זיינען געקומען פאַרוואַלטן מיט די איבערגעפּלאַנצ־טע קאַסרילעווקעס פאַרשיידענע פּראָנצעווזישע און ספאַרדישע יידן, טער־קישע און לעוואַנטינישע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַז זייער ראָל לעגאַבע דער קאָלאָניזירטער מאַסע דאַרף זיין ווי בוימל לעגאַבע וואַסער. דער־פאַר האָט גלייך פון אָנהייב זיך נישט איינגעשטעלט דער געהעריקער מענטשלעכער און ברידערלעכער שאַלעם־באַיס צווישן קאָלאָניזירער און קאָלאָניזירטע. אַגווו האָט די ציוניסטיש־העברעישע פּרעסע פון יענער צייט געקלאַפּט מיט צעשטערערישע האַמערס אַפן אַרגענטינער עקספּע־רימענט און אָן אויפהער אַריינגעפּעדעמט גראָבפעדעמדיקע בילבולים אַפן באַראָנס קאָלאָניזאַציע, אַזוי אַז גלייך פון אָנהייב האָט מען צוגעטשע־פּעט בייזוויליק צום איניען אַרגענטינע דעם פאַלשן עפּיטעט „דורכפאַל", וואָס האָט זיך שטילינקערהייט און אומלעגאַל איינגעבירגערט אין אַ סאַך מויכעס און האַלט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג.

די ייקאַ האָט זיך באַהעדראָגעדיק דעמאָקראַטיזירט. מיטן אַריינ־נעמען מיזרעך־איירָאָפּעישע אַדמיניסטראַטאָרן און מיט דער אויסביל־דונג פון דער יידישער עקאָנאָמישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די קאָלאָ־ניעס דורך די פּרעכטיקע קאָאָפּעראַטיוועס, איז געפונען געוואָרן אַ וועג נישט נאָר צו אָן אויסגלייך מיטן נייעם קאַסרילעווקער פּויערים־שטאַנד, נאָר אויך אַ סייכלדיקער דערעך אין דער קאָלאָניזאַציע גופא.

נאָכן טויט פון באַראָן זיינען קיין גרויסע אָריגינעלע זיבן זאַכן נישט אויפגעטאָן געוואָרן. אַף אַ ברעקלדיקן אויפן איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער באָדן־באַזיץ, אָבער קיין גרויסע, שעפערישע מעלוכע־מענערישע אידעע האָט נישט געפלאַטערט פאַר די אויגן און נישט אַריינגעשיפּט אין בוענאָס־איירעסער האַפן די צענדליקער שיפן מיט יידן, וואָס דער באַראָן האָט געטרוימט אָנצושיפן. די פאַנטאַסטיש־שעפערישע אידעעס פון באַ־ראָן זיינען אויסגעביטן געוואָרן אַף אַדמיניסטראַטיווער טיכטיקייט און אַף העמשעכדיקער אינערציע.

פון גאַנצן באַראָנישן פאַרמעסט האָט די צענטראַלע ייקאַ־דירעקציע געיאַרשנט אַ געווסן באַראָנישן רייעכל, וואָס דער באַראָן האָט גראָד נישט געהאַט...

נישט קוקנדיק אַף אַלץ איז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענ־טינע נישט קיין פולשטענדיקער דורכפאַל, ווי אַ געוויסע לייכטזיניקייט,

אָדער בייזוויליקייט, אָדער פּאַרטייאישקייט וויל עס פאַרשטעלן. עמעס, פון די דריי מיליאָן יידן, וואָס די באַראָנישע פאַנטאַזיע האָט געזאָלט אַראָפּברענגען אין לאַנד, זיינען געבראַכט געוואָרן קנאַפּע דריי טויזנט פאַמיליעס, אָבער פון די דאָזיקע דריי טויזנט האָט געגעבן אַ וואַקס אַרויס אַ דרייהונדערטטויזנטדיקער צאָפּלדיקער יישעוו. אויסער דעם, רווישן מיט יידישן ווייץ און מיט יידישן ליאָן 620 טויזנט יידישע העקטאַרן, אַ שעטעך וואָס איז עטלעכע מאָל גרעסער פון גאַנצן יידישן ערד־באַזיץ אין ערעציסראָעל. דאָס איז דער לעבעדיקער און פולסירנדיקער סאַכאַקל פון באַראָן הירשס אויפטו.

עס זיינען נאָך אויך פאַראַן ריזיקע ייקאָ־פאָנדן, וואָס זיינען דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום פון יידישן פאָלק, לויטן גייסט פון באַראָן הירשס צוואָע. זיי ליגן אָבער אויך פאַרשלייערט אונטער אייזערנע ראַ־לעטן. אַ ראַט פון נאָטאַבלען פון יידישע מאַירעוו־אייראָפּעישע קעהילעס, דאָס ראָוו ראַבינער אָדער באַנקירן, קומען זיך צונויף אַף אַ קורצער אַסי־פע, איין מאָל אַ יאָר, און זיי דאַרפן עס, אין פּרינציפּ, באַשליסן וועגן אַל־יידישן, עקאָנאָמישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן גאַנג פון דער גרויסער יידישער וועלט־אינסטיטוציע. די איניאָנים זיינען אָבער אַזוי קאָמפּלי־צירט, אַז די דאָזיקע נאָטאַבלען פאָרמירן פאַקטיש אַ צוזאַמענקום פון אַזוי פיל און אַזוי פיל „שאינו יודע לשאולס”. אַזוי אַרום ווערט אַרויפ־געצוואונגען אַ פערזענלעכע, רעדל־פירערישע, הויפּטדירעקטאָרישע דיק־טאַטור, וואָס ווערט טעאָרעטיש סאַנקציאָנירט אַף אַ „דעמאָקראַטישן אויפן” דורך עטלעכע שיינע יידן פון פראַנקרייך, בעלגיע, שווייץ און ענגלאַנד. וואָס ווייס אָבער פון דעם אַלץ דאָס יידישע פאָלק? ווי האָט געווירקט די מילכאָמע אַף די פאָנדן? ווי אַזוי איז פונאַנדערגעטיילט דער ייקאָ־קאַפּיטאַל, וואָס איז יידישער מעלוכישער פאַרמעגן?

פאָרמעל איז די ייקאָ אַ פּריוואַטע אַקציע־געזעלשאַפט און הינטער דער דאָזיקער פאָרמעלער פאַנצער־וועגטל באַהאַלט אויס די ייקאָ־פירונג איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל. דער ייקאָ־ראַט וואָלט אָבער געדאַרפט פאַרשטיין, אַז איצט, נאָך דעם אַלעמען וואָס איז געשען מיט אונדז, איז צייט אָפּצוזאָגן זיך פּריווילִיק פון דער דאָזיקער פאָרמעלער, אַלטער, אַלט־געוואָרענער און פאַרעלטער־טער פּריווילעגיע, לעטוּוועס דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

VI

ווען דער דאָזיקער אַרטיקל וואָלט געשריבן געוואָרן אין סטיל פון די סימבאָליסטיש־נאַאיווע, מיטלאַלטערלעכע יידישע כראָניקעס, וואָלט מען אים געקאָנט ענדיקן אָט ווי אַזוי:

זיין נאָמען איז געווען הירש און די נעמען פון די צוויי פרויען וואָס זיינען אים געווען צום נאָענטסטן האָבן געטוליעט אין זיך דאָס קלאָרע, וואַרעמע וואָרט היים (זיין מאַמע האָט געהייסן קלאַרא ווערטהיימער און זיין פרוי — קלאַרא בישאָפסהיים). איז ער ווי אַ פלינקער הירש געלאָפן זוכן אַ קלאָרע היים פאַר זיין היימלאָזן פאָלק און האָט מיט דער הירשי־שער הערנערקרוין פון זיינע מיליאָנען דורכגעבראָכן די ווילדעניש און אַ היים געפונען.

ער האָט געפונען זיין אייביקע רו אין האַרצן פון פאָלק.

די קינדעריאָרן פון מאָזעסוויל*)

I

אין לויף פון אונדזער געשיכטע זיינען אויפגעקומען צענדליקער און צענדליקער נייע יידישע יישואווים. זייער אויפקום איז קימאַט שטענדיק געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פריערדיקן קלענערן אָדער גרעסערן נאַציאָנאַלן אומגליק; זייער באַווייזן זיך אַף אַ נייעם געאָגראַפישן פונקט איז געווען אַ פועל-יוצא פון זייער געצוואונגענעם אָדער בלוטיקן פאַרשווינדן אַף אַן אַנדער געאָגראַפישן פונקט. אין געבורט, אין גענעזים פון אַ נייעם יידישן יישעוו איז דאָס ראָוו געלעגן אַ פריערדיקער גיירעש, אַ שכיטע, אַזאַ אָדער אַן אַנדער נאַכט פון לאַנגן מעסער.

שפעטערצו, נאָך דעם ווי די יידן האָבן באַקומען, אין צאַרישן רוס־לאַנד, האַלבע בירגעררעכט און גאַנצע פאָגראָמען, עקאָנאָמישע אויסגאַנג־לאָזיקייט און מענאַכעם-מענדלשע פערספעקטיוון, האָבן זיך אָנגעהייבן די ספאָראַדישע און דערנאָך — סיסטעמאַטישע אויסוואַנדערונגען מע־אייווער לעיאַם, וואָס פאָרמעל זיינען זיי געווען פרייוויליקע אָבער אין טאָך געצוואונגענע — אַרויסגעצוואונגענע דורך די דריקנדיקע און שטיקנדיקע אומשטענדן. די דאָזיקע נייע יישואווים, וואָס האָבן נישט געהאַט היינ־

---

*) נויעד קאַצאָוויטש „מאָזעסווילער בראשית”, פאַרלאַג ייוואָ, 232 זייטן, 14 בילדער און רעפּראָדוקציעס, בוענאָס-איירעס, 1947; סעריע „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע”.

טער זיך קיין פריערדיקע, ברוטאַלע אַרויסשטויס־קראַפט, לויטן מוסטער פון קאַטוילישן, ריטערלעך־פעאָדאַלן און פאַנאַטיש־פאַרביסענעם מיטלאַל־טער, האָבן אויך נישט געהאַט קיין עלעמענט פון פרייד בעיים זייער אויס־פאָרמירן זיך. מען איז געפאָרן אַף אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אפן באַראָט פון גורל, מען איז אויסגעריסן געוואָרן אַף די נייע ער־טער, מען איז טיילווייז אָנגעגאַנגען מיט דער טראַדיציע פון יידישע פאַר־נאָסעם און די פראָלעטאַריזאַציע האָט זיך איינגעשלאָסן אין גוואול פון די אַלטהיימישע יידישע פאַכן.

אין יעסאָד פון קימאַט אַלע אויפשטייענדיקע יידישע יישואווים איז געלעגן דער וויטיק, די בענקשאַפט, דער אומעט. דאָס געפיל וואָס האָט דאָמינירט איז נישט געווען די פרייד פון נייעם איינוואָרצלען זיך, נאָר דער אָנהאַלטנדיקער צאַר פון פריערדיקן אויסוואָרצלען זיך.

דער יידישער יישעוו אין אַרגענטינע איז איינער פון די ווינציקע, וואָס האָט געהאַט אַ ראָמאַנטישע יוגנט, ווייל ער איז געווען אַ רעזול־טאַט פון אַ גרויסער וויזיע, אַ רעזולטאַט פון אַ וויזיע וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן צו פאַרווירקלעכן.

צווישן די הונדערטער און הונדערטער יידישע וויזיעס איז עס עפ־שער איינע פון די גאַר־גאַר ווינציקע, וואָס האָבן געגעבן אַ געוויסן פראַק־טישן רעזולטאַט און אויב דער דאָזיקער רעזולטאַט באַטרעפט איצט בלויז 1, אָדער 2, אָדער 3 פּראָצענט פון דער גיגאַנטישער וויזיע, פון דער אימפּאָזאַנט־פאַרטראַכטער גרייס אירער, איז זי אָבער אין איר יוגנט געווען בעקויעך צו דערגרייכן עמעסע נאַציאָנאַלע רעקאָרדן. דער פאַר־מעסט פון גרויסן פאָלקסטימלעכן באַראָן איז געווען אַ מוישע־ראַביינו־שער. ער האָט געוואָלט באַפרייען פון אונטער די פאַראָאָנישע נעגל פון שוואַרצן צאַרישן אָדלער דריי מיט אַ פערטל מיליאָן יידן און ברענגען זיי אַף דער פרייער אַרגענטינער ערד, און נישט נאָר אַף דער ערד, נאָר צו דער ערד.

דאָס איז נישט געווען קיין סטאַם באַראָנישע פאַנטאַזיע, זי וואָלט זיכער אויסגעפירט געוואָרן; אָבער דריי רעאַלע אומשטענדן האָבן רעדו־צירט דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן פאַרמעסט צו אַ קלייניקייט, צו אַן עפּי־זאָד בלויז אין דער יידישער געשיכטע. קוידעם־קאָל האָט דער באַראָן נישט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע די געהעריקע פּאָליטישע מיטלען, מיט

וועלכע ער זאָל קענען צווינגען דעם צאַר, פּאָבעדאָנאָסצעוון און דעם שוואַרצמייעדיקן סינאָד אַרויסצולאָזן די מיליאָנען יידן, פאַר וועלכע זיין האַרץ און אַרגענטינע זיינען געשטאַנען אָפן. צווייטנס, זיינען די ערשטע גרופּעס קאָלאָניסטן געווען שלעכט אָפּגעקליבענע, די באַאַמטע טויגע־ניכטסן, אַזוי אַז די ערשטע דערפאַרונג איז געווען אַ גאַר ביטערע. דער באַראָן האָט, דורך אַנאַלאָגיע, אַסאָציאירט די דאָזיקע ערשטע גרופּעס מיטן „דור המדבר", ווייל אַ סאַך פון זיי זיינען אַרוים מיט דער קלאַ־סישער טיינע „למה העליתנו", אַנשטאָט מיט דאַנקאַרויסדרוקן אויף וועלכע ער האָט געוואַרט. דאָס האָט באַוואויגן דעם באַראָן אַביסל אָפּצוקילן זיך און אָנצוטאָן אַ צוים אויף זיין פאַנטאַזיע. דריטנס, איז דער באַראָן, אין סאַמע ברען פון זיינע נייע פּלענער, פּלוצלונג געשטאָרבן, און געשען איז עס גראַד דאַן ווען ער האָט גענומען פאַרשטיין, אַז אויך אַנטוישונגען קען מען אויסנוצן צו געזעלשאַפטלעכער בויאַרבעט. די גרויסע אַרבעט האָבן איבערגענומען זיינע קליינטשינקע עפּיגאָנען און מיט דעם איז פּאַקטיש פאַרענדיקט געוואָרן די פאַנטאַסטיש־פאַרטראַכטע, מעלוכעמענישע פּאָזע פון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע.

דאָס זיינען די 3 סיבעס פאַרוואָס דאָס אַרגענטינישע יידנטום באַ־שטייט נישט איצט פון מיליאָנען און מיליאָנען. ווען אַלץ וואָלט געגאַנ־גען לויט די טכילעסדיקע פּלענער פון באַראָן, וואָלט איצט אַרגענטינע און נישט צפון־אַמעריקע געווען דער גרעסטער יידישער קיבעץ אויף דער וועלט.

ס'איז אָבער קעדאַי צו באַטאָנען, אַז אין די ניינציקער יאָרן פון פאַ־ריקן יאָרהונדערט האָט אַרגענטינע אויסגעזען ווי אַ גרויסער ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַלער אויסוועג, אויף אַזוי וויט אַז פירער פון יונגן ציוניזם האָבן אַפילע מוירע געהאַט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד שאַפט אַן אַלטערנאַטיוו. פון דאַנען די גרויסע פּאָלעמיקעס אין „המליץ" און אין „הצפירה" און די איבערגעטריבענע, מיט סאַם און שוים אָנגעפילטע טאַרומעס, פון אַן אַלעקסאַנדער צעדערבוים.

מיטן דאָזיקן קורצן אַריינפיר האָב איך געוואָלט כאַראַקטעריזירן די דרויסנדיקע אַטמאָספער פון קאַצאָוויטשעס זיכרוינעס און אונטער־שטרייכן, אַז אין דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע ליגט אַ גרויסע היסטאָ־רישע אידעע, אַן אילוזיע וואָס האָט געהאַט קויעך אָנהייבן צו ווערן

פאַקט, אַ היבש ביסל יונגטלעך־יידישע האַקדאָמע־ראָמאַנטיק און אויך אונדזער היינטיקער סאַכאַקל: קאָרעוו צו אַ האַלבן מיליאָן יידן אין אַרגענטינע. די יידישע קאָלאָניזאַציע איז נישט דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט זיין, אין יידישן וועלט־געשיכטלעכן פאַרנעם, אָבער אין יידיש־אַרגענטינישן מאַסשטאַב איז זי אַ באַדייטנדיקער יעש. אַלע וואָרצלען פון אונדזער יישעוו שטעקן אין איר און מיט דעם דערקלערט זיך וואָס 80 פּראָצענט פון די פאָרשונגען פון ייוואָ אין אַרגענטינע באַציען זיך צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד.

נויעך קאַצאָוויטש איז איינער פון די צענטראַלסטע פערזענלעכקייטן פון דער יידישער קאָלאָניסטישער איינאָרדענונג אין אַרגענטינע, פון נייעם עקאָנאָמישן שטייגער לעבן וואָס דאָ איז איינגעשטעלט געוואָרן מיטן קויעך פון פיאָנערישער פאַרביסנקייט, און פון געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן אומרו וואָס באַגלייט דעם יידישן פאָלק אומעטום וואו ער רירט זיך און וואו ער קערט זיך, צי ס׳איז אים גוט, צי ס׳איז אים שלעכט.

שוין קאַצאָוויטשעס אַרויספאָרן קיין אַרגענטינע איז נישט געווען קיין איניען פון דורכשניטלעכער עמיגראַציע. דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון פּראָדוקטיוויזאַציע, שלאָגט ער קאַפּאָרעס מיט זיין גוטשטייענדיקער שטעטלשער קרעמעריי, נישט קעדיי אָנצונעמען אַ שטעלע וואָס ווערט אים אָנגעבאָטן דורך דער דאַן לעגענדאַרישער ייקאַ, נאָר קעדיי אַרויסצופאָרן ווי אַ געזעלשאַפטלעכער דעלעגאַט, אויסגעקליבן אַף אַ דעמאָקראַטישן אויפן, מיטן ציל פּראַקטיש צוצוגרייטן דעם אויפנעם פון זיינע כאַווירים קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע. נאָך דעם האָט ער אָנגענומען 2 אַנדערע שליכעסן פון אַ פאַרקערטן כאַראַקטער. אויב ער איז פריער געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אַהין־דעלעגאַט, איז ער מיט 5 און מיט 6 יאָר שפּעטער געווען 2 מאָל אַ צוריק־דעלעגאַט; ער איז פון אַרגענטינע געפאָרן ווערבירן קאָלאָניסטן אין רוסלאַנד און האָט אַזוי אַרום 5 מאָל דורכגעשניטן דעם אָקעאַן, אין געזעלשאַפטלעכע שליכעסן, מיט 50 יאָר צוריק. דאָס ייקאַישע מאַלכעס, וואָס האָט אין אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע געקוקט אַף די קאָלאָניסטישע מאַסן מיט אַ מין ראַסיסטישן פאָראורטייל און מיט אַ געפיל וואָס איז געווען אַ געמיש פון ביטל און כעסעד, האָט ווילנדיק נישט־ווילנדיק געמוזט אַרויסווייזן רעספּעקט צו קאַצאָוויטשן און צו זיינע געזעלשאַפטלעכע מיסיעס, נישט קוקנדיק וואָס ער האָט געשטאַמט

פון אלגעמיינעם קאלאניסטישן טייג. פון דער אנדער זייט איז קאצאוויטשן אפט אויסגעקומען אויסצוהערן מיצאד זיינע כאוויירים די באקאשע: „קצין תהיה לנו", אפילע מיצאד אוקראינער און בעסאראבער קאלאניסטן, וואס האבן מאקריוו געווען זייער אנטיליטוואקישקייט אבי צו האבן פאר זייערן א רעפרעזענטאנט קאצאוויטשן — וואס איז גראד געווען איינער פון די געבראטנסטע ליטוואקעס.

ווי געווינטלעך ווייס מען אז אין די קאלאניסטישע ראמאנטיקיארן פון היגן יישעוו איז געווען א סאך ביטערקייט. יעדע ראמאנטיק האט צו טאן מיט ליידן און אויך די יידישע באראן הירש־ראמאנטיק אף ארגענטינער ערד האט זיך אנגעזעטיקט מיט ליידן. עס איז דעריבער שטענדיק פאראן א געפאר פאר א זיכרוינעס־שרייבער, וואס איז געווען איינער פון די וועמען עס האט שטארק געקוועטשט דער שוך, אז ער זאל קוקן אף דער געשיכטע פון דער קאלאניזאציע דורך דער סוביעקטיווער פערספעקטיוו פון זיינע אייגענע ליידן און אז ער זאל באהערשט זיין פון א מין באשולדיקונג־נעווראז, וואס זעט בלויז 2 קאלירן: שווארץ און ווייס, דעם „כולו זכאי" און דעם „כולו חייב", און דערזעט נישט די הונדערטער ווייסע ניואנסן אינעם שווארצן און די טויזנטער שווארצע שפרענקעלעך אינעם ווייסן. פון אזא מין פראקוראטארישער איינזייטיקייט האט געליטן, לעמאשל, אלפערסאן, אבער אויסגעהיט האט זיך פון דעם קאצאוויטש, וועלכער האט זאכן, געשעענישן, מענטשן און אפילע די ייקא אליין נישט געשטעלט צום שטאנדגעריכט פון זיין אומגעדולד און ווייטיק, נאר סייכל־האיאשערדיק געוואויגן און געמאסטן פון א פערספעקטיוו פון 40 יאר, מיט א סאך געזעלשאפטלעכער און איך וואלט אפילע געזאגט מעלוכעמענישער פארשטענדעניש.

עס איז דא א צווייטער אלגעמיינער שטריך וואס מען דארף ארויסהויבן. דער הויפטהעלד פון א בוך זיכרוינעס איז געווינטלעך דער זיכרוינעס־שרייבער אליין. אין קאצאוויטשעס פאל איז עס נישט אזוי. ער איז נישט אזוי דער זיכרוינעס־שרייבער, ווי דער כראניקער פון ברייטשימדיקן צען-יאר־אפשניט פון מאזעסווילער קאלאניזאציע. די הויפטהעלדין פון בוך איז די קאלאניזאציע אליין, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט הונגער און מיט שטיצע און מיט נאקעטקייט, און וואס האט זיך פארוואנדלט, אין געוויסע מאמענטן, אין א קוואל פון כאלאוו־אודוואשיקער שע-

פּע; אַ קאָלאָניזאַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט נאַקעטן סטעפּ און איז אָפּגעטונקט געוואָרן אין גראָזיקן און בלעטערדיקן גרינס.

נישט אַזוי פּאַשעט איז עס אַלץ צוגעגאַנגען. מען האָט געמוזט באַזיגן די ייִקאַישע אינערציע און צוריקגעהאַלטנקייט און די קאָלאָניסטישע פּאַסיוויקייט און מעהייבעטייסעדיקייט, די נאַטור און די באַשעפענישן, די וועטערן און דעם הייִשעריק און אַפילע דעם גאַוטשישן מעסער. פּאַר דעם אַלץ האָט מען געדאַרפט באַצאָלן מיט אַ סאַך געדולד, אויסדרייסענישן און אַפילע בלוט; בלוט נישט אין רעטאָרישן זינען, נאָר טאַקע בעפויעל מאַמעש.

III

זיינע זיכרוינעס וועגן דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע הייבט קאַצאָוויטש אָן נישט מיט אַרגענטינע, נאָר מיטן שטעטל אַמסטיבאָווע, גראָדנער געגנט. אַזוי אַרום דערזעט מען 2 אַרגענטינעס, די טעאָרעטישע אַרגענטינע, די אַרגענטינע אין פּאָרבילד, וואָס האָט זיך מיט האָפענונג און מיט שרעק געוועבט אין דער פּאַנטאַזיע פון די קליינשטעטלדיקע עמיגראַנטן, און די שפּעטערדיקע רעאַלע אַרגענטינע, אַן אויסגעהאַמערטע פון ווייטיק און אויך פון פרייד. אויסער די דאָזיקע 2 אַרגענטינעס, דער אַמסטיבאָוואַער און דער מאָזעסווילער, פּאַרגינט זיך אויך קאַצאָוויטש צו געבן אַ שטיקל שטעטל־מאָנאָגראַפּיע פון אַמסטיבאָווע גופע, מיט אַלע אירע קאַסרילעווקער כיינעך, מיט איר גאַנצן שטייגערישן קאָלאָריט און מיט די שטימונגען פון יענער צייט. די דאָזיקע באַשרייבונג, ווי אויך דאָס אויסמאָלן די שפּעטערדיקע רייזע און די יאַם־עפּיזאָדן פון דער נעסיע, זיינען עלעמענטן וואָס שטעלן מיט זיך פּאָר אַ פּאָרגעשיכטלעכן אַריינפיר צו דער אייגנטלעכער געשיכטע פון דער מאָזעסווילער קאָלאָניזאַציע, ווייל סיי דערציילעריש און סיי דאָקומענטאַל פּאַסן זיי זיך אַריין, אויף אַ נאַטירלעכן אויפן, אין די זיכרוינעס און גיבן צו דעם בוך אַן אַנטוויקלונגס־פּאָדעם. זיי גיבן צו דעם בוך אַן עלעמענט פון סיפּער־האַמייסעדיקייט, וואָס קאַצאָוויטש באַמיט זיך אָנצוהאַלטן אויך באַם באַשרייבן די מעדוריי־גענעמדיקע און סאַסן־וועסימכעדיקע מאָמענטן פון דער קאָלאָניזאַציע.

פארמעל גענומען, נעמען די זיכרוינעס ארום א פעריאד פון 10 יאר, פון 5-1894 ביז 5-1904, ד״ה דעם וויכטיקסטן און קריטישסטן יאר־צענדליק פון דער מאזעסווילער קאלאניזאציע, אבער פאקטיש האבן מיר דא צו טאן מיט די ערשטע 5 יאר וואס ווערן אפגעשלאסן מיטן יאר 1900. 46 פון די 47 קאפיטלען פון בוך זיינען אפגעגעבן דעם דאזיקן פינפיאריקן צייטאפשניט, וואס איז אנגעלאדן מיט מאיסים, מיט מאסן, מיט פערזענלעכקייטן, מיט קאמפן, מיט סאציאל־עקאנאמישע אנטוויק־לונגען און מיט רייכן דראמאטישן שטאף. דער טויט האט צוגענומען בא קאצאוויטשן די מעגלעכקייט אויסצוגעשטאלטיקן ברייט און ארומנעמענ־דיק די שפעטערדיקע 6 יאר און עפשער די נאך שפעטערדיקע 30 יאר, ווען מאזעסוויל איז געווארן א שעם־דאוואר פון שעפע און וואוילזיין. אין לעצטן קאפיטל זיינען סקיצירט אף א טאמציסדיקן אויפן די עטלעכע שפעטערדיקע יארן, וואס צוזאמען מיט די פריערדיקע 5, בילדן זיי א גע־שיכטלעכע גאנצקייט. אין דאזיקן אפשניט איז אויסגעפורעמט געווארן דער כאראקטעריסטישער פארצעף פון מאזעסוויל, מיט זיינע פיאנערישע קניטשן, ארגענטיניש־יידישער כיינעוודיקייט און אויסדרוקפולקייט.

די זיכרוינעס זיינען נישט סטאם קיין כראנאלאגישע באשרייבונ־גען פון דעם וואס עס האט פאסירט. זיי האבן אין זיך א געוויסע אידעע, אדער בעסער געזאגט ריכטליניע. די זיכרוינעס צילן דער איקער צו בא־ווייזן דעם פראצעס פון וואקסן פון מאזעסוויל און איבערהויפט דעם פראצעס פון אגראנאמיש־לאנדווירטשאפטלעכן אויסרייפן זיך, ווי אויך די איבערוועגנדיקע ווירקונג פון די עקאנאמישע פאקטארן אפן געמיט־צושטאנד פון דער קאלאניסטישער מאסע. פון דעם שטאנדפונקט ארויס־גייענדיק זיינען די הויפטהעלדן פון בוך אלפאלפע און סקאט, אדער פא־שע און פי — צוויי ארטיקלען וואס זיינען פאר מאזעסוויל גלייכווער־טיק צום ביבלישן „חלב ודבש". קאצאוויטש רעדט אבער וועגן גראז און וועגן קי נישט אף א פאכמעניש־באגרענעצטן אופן, נאר ער הויכט ארײַן אין גאנצן איניען א הומאריסטישן גוטמוטיקן רואך כאים, ער ראמט עס ארײַן אין דערציילערישקייט אין פאלקסטימלעך־וויציקער אויסטייטשונג, אזוי אז דאס גראז און דער באל־כאי קריגן פארן לייענער קאלארליי כיינען און פילן אן מיט אייגנארטיקער שפאנונג דאס גאנצע בוך. קאצא־וויטש באשרייבט, לעמאשל, דעם כאראקטער פון אמאליקע אקסן, מיט

וועלכע קאלאניסטן פלעגן אקערן. איז די באשרייבונג, אזוי צו זאגן, א קאפיטל אקסן־פסיכאלאגיע, א הומאריסטישער פסיכאאנאליז פון אקסישער אויפפירונג בעייסן שלעפן דעם אקער, אדער בעייסן לאדן די אקסן אף דער שיף. פול מיט קווי־פרא־קווא־עלעמענטן איז דער עפיזאד פון געהיימען קאסטרירן די געמיינע בוהייעם דורכן אלטן קריאזשא באררא־סא, וועמען קאצאוויטש רופט אן „רב הסריסים”. מיט פיינער איראניע איז אויסגעמאלט די טעכניק פון מעלקן, צו וועלכער עס האבן זיך געדארפט צופאסן די ליטוואקעס, וואס זיינען גאר געוואוינט געווען צו האבן צו טאן מיט די שווארצע פינטעלעך און נישט מיט קיעשע אייטערס. שארף איז אויך באשריבן די ערשטע מוירע פון די יידישע קאלאניסטן ארויסצוברענגען פון באדן א ביסל אייגן גרינס צוליב דער אקסיאמע אז „בא גויאים וואקסט און בא יידן נישט” און ווי אזוי קאצאוויטש אליין האט דער ערשטער פארזייט ציבעלע און בוריקעס, נישט אויסזאגנדיק דעם אויבערשטן, אז ער איז געיידישט...

פון די פרימיטיווע ווילדע אקסן און ליטוויש־יידישער מוירע פאר א גרעזל ביז צו די שפעטערדיקע מאזעסווילער נאוויזשאס און יאמען זאפטיקער אלפאלפע איז פאלג מיר א גאנג. קעדיי צו פארשטיין די דאזיקע טראנספארמאציע, דאס מעגולגל ווערן פון געוואוינהייטן און דאס איבעראנדערשן זיך פון סיטואציעס, דארף מען לייענען קאצאוויטשן, וועלכער האט נישט נאר א שארף אויג, א געטרייען אויער און ערטערווייז דעם קויעך פון א פאלקס־בעלעטריסט, נאר אויך דעם וויכטיקן פליום פון האבן אליין דורכגעמאכט דעם דאזיקן יידישן, יידישלעכן קאמף קעגן דער נאטור, קעגן די אייגענע געוואוינהייטן, און פון האבן געפונען זיך שטענדיק אף דער ערשטער פייער־ליניע נישט נאר פון געזעלשאפטלעכן לעבן, נאר אויך אפן סעקטאר פון באצווינגען די ווילדגראזיקע, כאיע־ראעדיקע נאטור.

מען דארף אבער נישט מיינען, אז די אלפאלפע און די בעהיימעס פארשטעלן אלץ אין בוך. דאס זיינען בלויז טיילווייזע און דאס ראוו הינטערגרונטיקע עלעמענטן. דאס וואס עס זעט זיך שטארק ארויס פון בוך זיינען די מענטשן און ספעציעל 2 פיגורן, וואס זיינען אין א געוויסער מאס, הויפטהעלדן אין בוך. דאס זיינען דער אדמיניסטראטאר מיגעל קאהען און הארוו רוואוון האקויען סינאי.

ביידע זיינען רעוואָלוציאָנערע כאַראַקטערן. דער אַדמיניסטראַטאָר קאָהאַן איז פֿול ווי אַ מילגרוים מיט איניציאַטיוועס, ער איז די טרייבקראַפֿט פֿון מאָזעסוויל, נישט געקוקט אַף דער טאָרמאָזירנדיקער ווירקונג פֿון דער פֿאָרזיכטיקער, אַף־די־שפּיץ־פֿינגער־גייענדיקער ייקאַ־דירעקציע. סינאַי, ווידער, האָט אויפֿגעהויבן אַן עמעסע רעוואָלוציע קעגן דער ייקאַ־דירעקציע און האָט אין זיין ליידנשאַפֿטלעכן קאַמף אָנגעשפּאַרט מיט אַ דעלעגאַציע אַזש קיין פּאַריז.

די באַציאונג קאַצאָוויטשעס צו די דאָזיקע צוויי הויפּטפֿיגורן איז אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע. אַ פּאָזיטיווע צו קאָהאַנען און אַ נעגאַטיווע צו סינאַיען. אין איר אַריינפֿיר צום בוך האָט די רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע זיך אָפּגעשטעלט ברייטער אַף דער דאָזיקער דערשיינונג, אָנווייזנדיק אַף אַ מעגלעכן פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן אַנטאַגאָניזם צווישן קאַצאָוויטשן און סינאַיען אין יענע פּיאָנערישע צייטן, וואָס זיינען פֿול געווען מיט כשאַד און מיט אומצוטרוי צו אַלץ און צו אַלעמען, ווען די באַציאונגען ביין אַדאָם לאַכאַווייִרוי און ביין קאָלאָניסט לעייִקאַ (ל׳ייקאַ) זיינען געווען געשפּאַנט ביז צום פּלאַצן און ווען קליינע קאָנפֿליקטן פֿלעגן זיך איבערגיסן אין געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿברויזן, צוליב דער אומזיכערקייט אין נייעם לעבן, צוליבן אויספֿעלן פֿון אַן אָריענטאַציע און צוליב דער דריקנדיקער דאַכקעס.

עס זיינען נאָך אין בוך פֿאַראַן אַ ריי אַנדערע קאָלאָניסטישע און ניט־קאָלאָניסטישע פֿיגורן, וואָס גייען זייער אייגנעם דערעך און פֿאַרנעמען אַן אָרט אין זיקאָרן, נאָכן דורכלייענען דאָס בוך. ספּעציעל דאַרף מען ציטירן דעם אַפּעריסט ד״ר קליין, וואָס האָט געפּרוּווט פֿאַרנאַרן אַ גרופּע מאָזעסווילער קאָלאָניסטן קיין מאָנטעווידעאָ, קעדיי איבערצוקאָלאָניזירן זיי דאָרט, אַף אַ ברעג פֿון אַ טייך, וואָס איז פֿול מיט פֿיש. דער סאָף איז געווען, אַז פֿון דער מאָנטעווידעער קאָלאָניזאַציע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ באָד אין מאָזעסוויל. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז איינס פֿון די שפּאַנענדיקסטע אין בוך און דערמאָנט שטאַרק אין גאָגאָלס „רעוויזאָר״, נישט נאָר לויטן סיפּער־האַמאַיסע, נאָר אויך לויטן טאַלאַנט מיט וועלכן עס איז אויפֿגעשריבן געוואָרן.

אויסער דער הויפּט־אידעע קאַצאָוויטשעס וועגן וועלכער מיר האָבן דערמאָנט און דער גאַלעריע טיפּן מיט מיגעל קאָהאַנען בעראָש, איז אין

דער אַטמאָספער פון בוך פאַראַן דער שוועבל-רייעך וואָס איז שוטפעסדיק פאַר דער גאַנצער מעמואַרן־ליטעראַטור וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; מיר מיינען דאָ דעם אומאויפהערלעכן געראַנגל מיט דער יי"קאַ. קאַצאָוויטש האָט דעם דאָזיקן קאַמף נישט אָפּגעגעבן אין זיינע זיכרוינעס דעם ערשטראַנגיקן אָרט וואָס אַנדערע מעמואַרן־שרייבער האָבן יאָ אָפּגעגעבן, כאָטש די צוזאַמענשטויסן הילכן אָפּ, אָן אויפהער אַף די זייטלעך פון בוך. מיט דעם שאַרף פון זיין איראָניע גיט ער אַ שנייד אויף עטלעכע מאָל די שלימאַזלדיקע מעטאָדן פון דער יי"קאַ און שילדערט דעם אָרגאַניזירטן און נישט־אָרגאַניזירטן קאָלאָניסטישן ווידערשטאַנד, וואָס צייטנווייז עקספּלאָדירט ער און גיסט זיך איבער אין אָפענעם קאַמף. קאַצאָוויטש איז אָבער נישט שטענדיק דער באַשולדיקער פון דער יי"קאַ, נאָר צייטנווייז אויך אַ שטיקל פאַרטיידיקער. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס דער אַדמיניסטראַטאָר קאַהאַן האָט אַף אייגענער אַכראַיעס קאָרעגירט אין דער פּראַקטיק די יי"קאַישע טעאָריעס פון די אַדוינים אין בוענאָס־איירעס און פון די סופּער־אַדוינים אין פּאַריז, אַזוי אַז די יי"קאַווירקלעכקייט אין מאָזעסוויל איז בעדערעך קלאַל געווען מילדער ווי אין אַנדערע קאָלאָניעס. אויסער דעם איז קאַצאָוויטש, צוליב זיין אַרבעטזאַמקייט, יישעוו-האַדאַעסדיקן כאַראַקטער און געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש, רעספּעקטירט געוואָרן פון דער יי"קאַ גופע און אים איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו ליידן פּערזענלעך פון קיין שום יי"קאַ-ווילקיר. צוליב די דאָזיקע אומשטענדן איז נישט אַזוי שטאַרק אַקצענטירט אין בוך דער קלאַסישער אָנגריף אַף דער יי"קאַ, צו וועלכן מען איז געוואוינט פון אַנדערע מעכאַברים. נאָך ווייניקער איז פאַראַן היסטעריק אין בוך. אין אַ רואיקן טאָן אַנאַליזירט ער אָבער אַלע אומגעלומפּערטקייטן, נישט־באַרעכנטקייטן און אויסגליטשונגען סיי פון איינציקע יי"קאַ-דירעקטאָרן, סיי פון דער אינסטיטוציע ווי אַזעלכער און באַווייזט אויך, אַז אין איי"ניקע פאַלן זיינען געוויסע סאַטראַפּישע יי"קאַ־מאַיסים געווען אַ פּויעל-יויצע פון אַ נישט-צוגעפּאַסטן, אייזוער-האַמדולדיקן עלעמענט וואָס איז געווען צווישן די קאָלאָניסטן.

קאַצאָוויטשעס פּערזענלעכע מיינונגען, קאָמענטאַרן און אָפּשאַצונגען זיינען אַ דרויסנדיקע אָרנאַמענטיק צו די זאַכלעכע באַווייזן, אָן אינטים-מעמואַריסטישער לעוואָוש זייערער. דאָס וויכטיקסטע אין בוך איז

דער היסטאָרישער רווישטאַף און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאַקטן וואָס אי־לוסטרירן דעם אויפקום פון מאָזעסוויל — אונדזער יערושאָלאַים ד׳אַר־גענטינע.

די דאָזיקע מאָזעסווילער יערושאָלאַימדיקייט איז, אַגעוו, די ערשטע, וואָס טראָגט אַ גאַשמיעסדיקן כאַראַקטער און דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן נישט ליגנאַי נאָר לישוואָך. עס איז סימבאָליש פאַר דער יידישער אַרגענטינע וואָס איר מאָזעסווילער יערושאָלאַימדיקן טיטל האָט זי באַ־קומען גראָד פאַר פיזישע, ערדאַרבעטערישע פאַרדינסטן און נישט פאַר אַבסטראַקט־רוכניעסדיקע פאַרטיפונגען און דערהויבונגען.

מען מוז אויך זאָגן אייניקע ווערטער וועגן דער שפּראַך קאַצאָווי־טשעס, וועלכע איז אָנגעהאַלטן אין אַ טאָן פון גוטמוטיקער פאַלקסטימ־לעכקייט, געווירצט מיט גלייכווערטלעך, דורכגעפלאָכטן מיט טאַלמודישע אַפאָריזמען, מיט וואָרטשפּילן, מיט אַלטן שטעטלשן און מיט נייעם קאָ־לאָניסטישן פאָלקלאָר. ס׳איז די שפּראַך פון אַ טאַלמיד־כאָכעם און פון אַ פאָלקסמענטש. זייענדיק אַליין אַן אויטאָדידאַקט, האָט ער אָבער ערטער־ווייז געפּרואווט מאַכן זיין שפּראַך אינטעליגענטיש, אַריינברענגענדיק אויסלענדישע ווערטער און אַפילע טערמינען פון דער גריכישער מיטאָ־לאָגיע, ווי סיזיפוס־שטיין אָדער יאַנוס־קעפּ. דאָס דאָזיקע פאַראינטע־לעגענטעווען די שפּראַך אין אַ בוך זיכרוינעס וועגן אַלט־מאָזעסוויל איז גיכער אַ ביסאָרן ווי אַ מיילע און אין די ערטער, וואו די דאָזיקע פרעמ־דע שפּראַך־אַריינגעריסנקייט האָט צו שטאַרק געגרילצט, האָט די רעדאַק־ציע געפּרואווט רעסטאַווירן דעם יידישן שפּראַכלעכן כיין, אַרויסבאַ־גלייטנדיק פון בוך אַזאַ אָדער אַנדערן אומנייטיקן אויסלענדישן טערמין. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז קאַצאָוויטש האָט דאָס בוך געשריבן אַן ספּעציעלע צוגרייטונגען און האָט עס נישט געהאַט קיין צייט אויסצו־וואַרעמען. ער פלעגט עס אייליק צושטעלן קאַפּיטלענווייז פאַר אַ מאָ־זעסווילער צייטשריפט און האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט פונאַנדער־צוטיילן רעגלמעסיק דעם מאַטעריאַל און אויסצוהיטן זיך פון אימפּראָווי־זירטקייט.

IV

דאָס בוך איז אין אַלגעמיין אַ היסטאָרישער גוויאַס־איידעס פון אַ מענטשן, וואָס איז נישט נאָר געווען אַ קאָלאָניסט, נאָר דער איקער איי־נער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָלאָניע, איינע פון די פאָלקס־פּער־זענלעכקייטן וואָס האָט מיטגעשאַפן און געשטאַלטיקט דאָס לעבן פון מאָ־זעסוויל געזעלשאַפטלעך און קולטורעל. ער איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט דער קאָלאָניסטישער מאַסע און געקענט פון אייגענער דערפאַרונג און פון אומאויפהערלעכע קאָנטאַקטן אויך די ייקאַ־שפּיצן, סיי די שטעכיקע, סיי די האַלב־שטעכיקע, סיי די טעמפּע. ער האָט מיט איי־גענע הענט פאָרמירט און אָפּגעקליבן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר מאָ־זעסוויל און אויב מאָזעסוויל איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז געווען און דאָס וואָס זי איז נאָך, איז עס, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, דער אויפטו פון דאָזיקן מענטשן, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ „נחבא אל הכלים", נישט קוקנדיק אַף זיין אויפטועריטשקייט און אַף דער רעפּרעזענטאַטיווער ראָל וואָס איז אים אויסגעקומען צו שפּילן.

דאָס בוך רייסט אַרויס פון דער פאַרגעסנקייט און פון דער געשיכט־לעכער טונקלקייט אַ בינטל שווערע, ראָמאַנטישע, קאָנוואולסיווע, וויכער־דיקע און דאָך היימיש־געמיטלעכע קינדער־יאָרן פון דער מאָזעסווילער יידישער ערד־עפּאָפּייע, אָנהויבנדיק מיט דער יעציע פון צאַרישן מיצ־ראַים, פאַרזעצנדיק מיט דער אליע אין אַרגענטינישן קנאַאַן און ענדיקנ־דיק מיט דער זיס־ביטערער מאַזל־בראָכע פון אַ שפּאָגל־נייעם יידישן לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך מיט אימפּעט גענעבן אַ צעוואָרצל און אַ צעבלעטער אין צעקודלטן סטעפּ, אָבער עס האָט דאָרט נישט געהאַט די זכיע צו ווערן דער פולער אויסדרוק פון דער בראָכע: „פּרו ורבו ומלאו את הארץ".

די װעלט

אין שפאַן *)

I

ס'איז 5 פאַרטאָג.

אין צוויי לאַנגע, שטייפע רייען זייַנען מיר אויסגעשטעלט צו דער פרימאָרגן־טפילע. אונדזערע הונדערטער זעלנערישע גלאַט־ארומגעשוירע־נע קעפּ זיצן אומבאַוועגלעך אַף די איינגעצויגענע, איינגעפּרעסטע גופים. די צען קעפּ פון „מוישע ראַביינוס גלויבן" בילדן דעם שוואַרצן עק פון דער בלאָנדער, צווייריייעקער שערענגע.

מען דאַוונט. די טפילע ציט זיך לאַנגזאַם פון די פוילע האַלב־אָפּגע־נע מיילער און גיסט זיך שווער אַרויס דורך די צעפּראַלטע פענצטער. דאָס הייפל שוואַרצקעפּיקע פוילט זיך צו דאַוונען; לויט די פאָרשריפטן איז מען מעכויעוו צו זאָגן „שמא־יישראָעל", אָבער די יאַטן כויזעקן, מען טומלט, פון מויל צו מויל שפּרינגט אַריבער אַ וויציקער פאָלקסטימלעכער יידיש. עס דערנענטערט זיך דער דיזשורירנדיקער אונטעראָפיציר און וואָרנט שטרענג, אַז ווען אונדזער גאָטלאָזער אויפפירונג וועט גלייך נאָך דער טפילע וויסן דער שעף (עלטסטער אונטעראָפיציר, קאַנצעלאַריע־פאַרוואַלטער) מיר ווערן ערנסט און ציען פרום צונויף די ליפּן...

די טפילע ענדיקט זיך; די צוויי שטייפע, אָנגעקראָכמאַלטע רייען ווערן צערונצלט און צעברעכן זיך. מען צעשיט זיך צווישן די בעטלעך

---

*) אַ זעלנערטאָג אין דער פאַרמילכאָמעדיקער פּוילישער אַרמיי.

און אין אַ מינוט אַרום כליאַבעט מען שוין פון די „מענאַשקעס" זודיקע שוואַרצע קאַווע.

פון קאָרידאָר דערטראָגט זיך אַ קורץ־באַפעלערישער רוף:

— ב! צום שעף אין קאַנצעלאַריע!

מיינע הענט נעמען פיבערן און אין מיין קאַווע הויבן זיך אויף כוואַליעס. מיט אָפּגעבריטע פינגער פאַרצי איך שטייף דעם פּאַס און אין אַ סעקונדע אַרום שטיי איך פאַרן שעף און פליסטער אַרויס:

— ה' שעף! איך מעלד זיך געהאָרכיק אַף אייערע באַפעלן.

אַפן שעפס רויטן שטערן נעמען אַרומפּויזען עטלעכע צעהאַקטע קנייטשן:

— זאָג מיר נאָר ב. פאַרוואָס הערט מען עס קיין מאָל נישט ווי די יידעלעך דאַווענען?

איך בין אין גרויס פאַרלעגנהייט; איך זוך און נישטער אין מיין קאָפּ אַן „אָנשטענדיקן" טערעץ. סאַף־קאָל־סאַף ברענג איך אַרויס אַף מיין פּאָנעם אַן אויסדרוק פון אָנגעגריפּענער אומשולד און הייב אָן ווי נישט איז צו שטאַמלען:

— ה' שעף, כ'מעלד געהאָרכיק: „שמע־ישׂראל" איז אַ טפילע, וואָס לויטן יידישן רעליגיעזן דין דאַרף מען זי זאָגן שעפּטשענדיק, מיט אַ געפליסטער; און פון דער אַנדער זייט האָט דער מיליטערישער ראַבינאַט אין זיין אינסטרוקציע אָנגעוויזן, אַז די יידן דאַרפן דאַווענען שטילערהייט, קעדיי נישט צו שטערן די קריסטן...

דער שעף גיט זיך אַ שטעל אויף און זיינע אָנגעברויגעזטע ברעמען נעמען נערוועז אַרומשפּרינגען:

— אַ פאַקט איז אָבער אַז קיינער פון אייך הייבט נישט אָן צו דאַווענען און דאָס איז אומדערהערט, איר הערט? דאָס איז אומדערהערט!!! פון מאָרגן אָן מוזט איר אַלע דאַווענען! איך לייג איצט ב. אַרויף אַף אייך אַ כויוו, וואָס איז גלייכווערטיק צו אַ באַפעל: איר וועט מיר צושטעלן אַ רעשימע פון די אַלע, וועלכע וועלן נישט דאַווענען און אויב איר וועט עס נישט טאָן, איז נישט נאָר וואָס איך וועל אייך פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר אַלעמען, נאָר איר וועט נאָך ווי אַ צוגאָב שטיין צום ראַפּאָרט פאַרן ה' פּאָלקאָווניק, פאַר עפנטלעכער גאָטלעסטערונג, פאַר געבן אַ שלעכטןביישפּיל און פאַר ווידערשפּעניקייט, פאַרשטאַנען?

עס גיט מיר א פּיק אין האַרצן, אין האַלדז און אין שפּיץ צונג. ב׳דערמאָן זיך אָבער, אַז כ׳בין אַ זעלנער און כ׳ענטפער דעריבער, אַזוי ווי אַ זעלנער מוז אומבאַדינגט ענטפערן:

— אַזוי איז עס, ה׳ שעף!

איך סאַלוטיר אָפּ, דריי זיך ענערגיש אוים און שפּאַן מיט פעסטע טריט אַרויס פון קאַנצעלאַריע, געבנדיק אַ לייכטן קלאַפּעלע מיטן טיר. איך זאַמל אַרום זיך צונויף „מוישע ראַביינוס גלויבן״ און גיב אָפּ אַ קורצן באַריכט. פון אַלע זייטן וויל מען וויסן, וואָס איך רעכן צו טאָן. אַנשטאָט צו ענטפערן, צי איך אַרוים פון קעשענע, דעם פוילישן שמאַ-ייסראָעל-טעקסט, מיט וועלכן דער מיליטערישער ראַבינאַט האָט אונדז באַזאָרגט, און גיב אים אַ רוגזעדיקן צעקנייטש צווישן די פּאַרקראַמפּטע פויסטן. די יאָטן דריקן מיר די האַנט.

אָפּ מאָרגן איז דער שעף פונדעסטוועגן געווען צופרידן: מען האָט שוין דייטלעך געהערט ווי די יידעלעך „דאַוונען״. אַנשטאָט אָבער צו פּרעפּלען שמאַ-ייסראָעל, האָבן מיר געדאַוונט לויט אַוראָם רייזען:

דאָך קומען וועט,
צי פרי צי שפּעט,
די צייט — — — —
ס׳איז נישט קיין כאַלעם...

II

אין פולער באַוואָפענונג און באַלאָדונג מאַרשירן מיר צום איבונגס-פּלאַץ. קעדיי לעבעדיקער צו מאַכן דעם טראָט און אַרויסצוויאָגן פון קאָפּ יעטווידן אומנויטיקן געדאַנק, מוז מען זינגען; ווער עס זינגט נישט, קריגט אַ שטראָף: 5-4 מאָל אַרומקרייזן לויפנדיק די מאַרשירנדיקע אָפּטייּלונג וואָס איז פונאַנדערגעצויגן אָף אַ 100 מעטער. דער פרימאָרגן איז זייער אַ ליכטיקער; די שאָטנס וואָס וואַלגערן זיך נאָך איבער די וועגן זייּנען ערטערווייז דורכגעפּליקט דורך פּלאַכטעס ליכט, דורך זוניקע דורכ-גוסן. די הערצער בורבלען פריילעך אונטער די צעהוידעטע ברוסטן; דער אָנגעפּאַקטער רוקזאַק איז ווי אַ פליג אָפן רוקן, דער 4-קילאָעדיקער ביקס איז גרינג ווי אַ שטעקעלע, די 3-קילאָעדיקע שטיוואַליעס זייּנען לייכט ווי

שטעקשיך. הייגט ווילט זיך גראד זינגען, ארויספליוכען פון זיך די פאר־ביטערונג, מען הייבט אן דאס באקאנטע ליד:

א, הייליק לאנד אונדזערס,
מיר זיינען דיינע זין...

כ'זינג און כ'ווער אומעטיק. מיין ליכטיקע, פרימארגנדיקע שטימונג ווערט געפאטערט, די קילע פרימארגן־לופט פאלט ארויס א הייסע פון מיינע נאזלעכער, איך דערפיל אף זיך די 20 קילא מאסע מיט וועלכער איך בין אנגעזאטלט; נישט באמערקנדיק אליין הער איך אויף צו זינגען. א פאליאק, וואס מארשירט הינטער מיר ווערט אין קאס און ווענדט זיך צום אונטעראפיציר, וואס פירט אונדזער אפטיילונג:

— ה' סערזשאנט, איך מעלד געהארכיק, אז ב. הייבט נישט אן צו זינגען; מיר וועלן דא פאר אים נישט רייסן אונדזערע העלדזער. עס איז שוין שטענדיק אזוי — די זשידעס זינגען קיינמאל נישט מיט.

דער סערזשאנט גלאצט אויס אף מיר א פאר וועלפישע אויגן און וויל שוין גראב ארויסשיסן. איך גיב זיך אבער א כאפ אויף און נעם זיך רייסן העכער פון אלעמען:

א, הייליק לאנד אונדזערס...

III

די טעמע פון די היינטיקע איבונגען איז אזא: דורכפירן אן אנגריף און איינגעמען דעם סוינעס פארפעסטיקטע פאזיציעס, וואס געפינען זיך א צען קילאמעטער פאר אונדז. נאך דעם ווי אונדזער קאפיטאן קלערט אונדז אויף די סטראטעגישע און טאקטישע איינצלהייטן, ווערן מיר צעטיילט אין אפטיילונגען און צוגעגרייט צום קאמף. דער אנפירער פון מיין אפטיילונג איז א קאפראל; איך בין זיין פארטרעטער און פיר אן מיט דער קוילנווארפער־מאנשאפט. צוזאמען זיינען מיר א מאן 15. אויסערן קוילנווארפער האבן מיר גראנאטן און בלינדע אמוניציע (קוילן מיט הילצערנע שפיצן). מען טאר נישטריידן און טומלען; מיר רוקן זיך אף די שפיץ פינגער פארויס. איך בין באזונדער אויפמערקזאם ווייל איך האב אף זיך די גרעסטע פאראנטווארטלעכקייט — איך באלעבאטעווע מיטן קוילנווארפער.

נאָך אַ שאָעדיקן מאַרש דורך אַ סקריפּענדיקן סאָסנעוואַלד געפֿינען מיר זיך אַפֿן ראַנד פֿון אַ נישט־באַוואַלדיקטער, בערגלדיקער געגנט. ס'איז קלאָר, אַז דער סוינע איז דאָ ערגעץ גאָר נאָנט. מען האַלט זיך אָפּ און מען פֿאַלט אַנידער פּאָרזיכטיק אַף דער שמעקעדיקער, פֿאַרמוראַשקעטער ערד. איך פּויזע אַרויף מיט צוויי כאַוויירים אַף אַ בערגל און אָבסערוויר. פֿונדערווייטנס, אַ 2-3 קילאָמעטער פֿאַר אונדז גיט פֿון הינטער אַ שוואַרצן פֿאַס ערד עפּעס אַ גלאַנץ אַף דער זון און פֿאַרשווינדט. דאָס קלעקט. איך מעלד וועגן דעם דעם לייטענאַנט; עס קומען אָן נאָך מעלדונגען און מיר ווייסן שוין גענוי וואו דער סוינע געפֿינט זיך. איך פֿאַרפֿעסטיק דעם קוילנוואַרפֿער אין אַ גינסטיקער פּאָזיציע, קאַרמע אים אָן מיט 20 קוילן און וואַרף אים צו, ווי אַ הונגעריקן הונט, נאָך הונדערט. כ'ציל גענוי אוים אַפֿן סוינע און שיק אַ מעלדונג, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אין אַ מינוט אַרום קומט אָן אַ באַפֿעל:

„לאַנגע סעריעס פֿייער".

איך דריק אַפֿן צינגל און דער קוילנוואַרפֿער נעמט האַסטיק שטעפּן ווי אַ ניימאַשין. עס הוסטן שוין אַרום מיר אַ פֿינף שביינעסדיקע קוילנוואַרפֿער און ס'הילכן אָפּ הונדערטער קורצע ביקסנקנאַלן; עס רופֿט זיך אויך אָפּ דעם סוינעס ווייטע אַרטילעריע. נאָך אַ צענמינוטיקער קאַנאָנאַדע קומט אָן אַ באַפֿעל:

„דורכרייסן זיך דורכן אַרטילעריע-פֿייער".

מיר רייסן זיך אויף אַף די פֿים און גיבן זיך אַ לאָז פֿאַרויס צעשפּריצטערהייט. באַ יעדן גרעסערן אויפֿרייס פֿון אַ האַרמאַטן־שראַפּנעל פֿאַלן מיר אַנידער און שרויפֿן אַריין די נעזער אין דער ערד. דאָס געדויערט אַן אויגנבליק און מיר פֿליען ווייטער. דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג וואָס הענגט אַף אונדז, קלינגט און באַמבלט זיך; פֿון שוויים און שטויב בילדן זיך אוים קלעפּיקע ריטשקעלעך, וואָס יאָגן זיך אַרום איבערן פּאָנים. ענגלעך פֿליען מיר אַריבער דעם ערדאָפּשניט, וואָס געפֿינט זיך אונטערן אַרטילעריע־פֿייער. 5 מאָן פֿון מיין אָפּטיילונג ווערן דורכן לייטענאַנט רעגיסטרירט ווי „דערהאַרגעטע" פֿאַר זייער נישט קריגערישער האַלטונג, צווישן זיי — דער קאַפּראַל. אין ווייטערדיקן קאַמף טאָרן זיי שוין קיין אָנטייל נישט נעמען און כ'מוז, צו מיין גרויסער פֿרייד, איבערנעמען די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער אָפּטיילונג. כ'בין צעהיצט און פֿיבער

אביסל. מען דאַרף איבער אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיין גרייט. ס'קומט אָן א באַפעל:

„צוגרייטן זיך צום אַטאַק".

איך הייס אָנזעצן די באַגנעטן אַף די ביקסן, צוגרייטן און אָפּזיכערן די גראַנאַטן, אונטערקאַשערן אונטער זיך די לינקע פּוס און זיין גרייט צום שפּרונג. ס'איז זייער שטיל, מיר ליגן אויסגעצויגן און אונדזערע הערצער האַמערן אין גראָז. די לופט גיט זיך א צאַפּל פון קאַפּיטאַנס פייפסיגנאַל. איך שריי אויס:

— גראַנאַטן־סאַלווע!

מיר שליידערן ארויס א 20 גראַנאַטן, וואָס רייסן אויף 50 מעטער פאַר אונדז. דער קנאַל דערמוטיקט אונדז און דער רויך פאַרשטעלט אונדז פאַר די אויגן פון סוינע, וואָס געפינט זיך א 100 מעטער ווייטער.

דער קאַפּיטאַן פייפט א צווייטן מאָל. איך אינטערפּרעטיר דעם פייף הילכיק און באַפעלעריש:

— אַף באַגנעטן פאָרויס, מאַרש!

מיט א הילכיקן הוראַ־געשריי און מיט אויסגעשטעלטע באַגנעטן רייסן מיר דורך דעם רויך און דערזעען פאַר זיך א דערשראָקענע מאַכנע „פיינט", וואָס האַלטן אין פאַרלאָזן זייערע אָקאָפּעס. מיר יאָגן זיי, נעמען געפאַנגענע, ווילן זיך שלאָגן אַף אַן עמעס און דערלויבן זיך עטלעכע פּעטש זיגערישע מי־שעביירעכס. עס לויפט אָן א צופרידענער אונדזער נייער לייטענאַנט, ער לויפט ווייטער. גייענדיק צוריק שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט מיך אָן:

— דאָס זייט איר מיטן אקאַדעמישן טיטל?

כ'גיב א צי צונויף די קנאַפּל:

— יאָ, הער לייטענאַנט.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען אייך געשיקט אין פאָלק און נישט אין דער אָפיצירן־שול?

דער זיגרייך דורכגעפירטער אַטאַק גיט מיר צו מוט, און איך ענטפער דרייסט:

— ווייל כ'האָב געענדיקט א רעכטלאָזע, יידיש־וועלטלעכע מיטלשול; די שולמאַכט האָט אין העסקעם מיט די אַסימילאַציע־טענדענצן בעגעגייע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן...

— גענוג, גענוג! גיט א מורמל דער יונגער לייטענאנט מיט א גע־מאכטן בייזער. ער בלייבט אין גרוים פארלעגנהייט און גראבט איין זיי־נע אויגן אין די שפיצן פון זיינע שטיוול. ער דרייט זיך אוים און אין א ווײַלע ארום גייט ער א פארוויטלטער אוועק.

אף מארגן האט מען דורך א ספעציעלן פונקט אין טאגבאפעל מוי־דיע געווען די 2 אויסגעשטעלטע רייען, אז איך בין באפרייט פון יעטווי־דער שווארצער ארבעט.

IV

ס'איז נאך מיטיק. פון די רויטע, צעגלאנצטע פענימער שלאגט א דאמף. די אויגן זיינען פארלאפן. מען איז זאט און מיד. עס ווילט זיך א פאל-טאן אבי-וואו און אנטכראפעט ווערן. מען מוז אבער זיצן אף דער באכמיטיק-לעקציע און הערן וואס דער קאפיטאן רעדט.

„די ביקס, זאגט ער, דאס איז איצט אייער מאמע און קאלע, אייער ווייב און געליבטע, דער מיטלפונקט פון אלע אייערע לײַדנשאפטן; פאר יעדן פינטעלע זשאווער, וועט מען אייך זעצן אין ארעסט, פאר יעדן שפרענקעלע בלאטע וועט מען אייך פארשפארן; ווער עס וועט דעם ביקס אראפוואַרפן אף דער ערד וועט אים אויפהייבן מיט די ציין, ווער ס'וועט אף נאכט נישט אויסשמירן די מעטאלטיילן מיט וואזעלין, וועט א וואך צייט אפן הויף נישט אראפגיין. דאס זעלבע איז שייך אלע אנדערע זאכן, וועלכע מען טרויט אייך אן; דאס זיינען זאכן, וואס געהערן דער מעלוכע און דעריבער דארפן זיי אייך זיין טאפלט טייער. היט יעדן קנעפל און יעדן העקל, ווייל ס'קאסט געלט. ווער פון אייך ס'וועט זיך נישט צו־פאסן, וועלן מיר שטרענג באשטראפן. אייך וועלן מיר נישט זשאלעווען, ווייל מיר קריגן אייך אומזיסט, איר קאסט אונדז קיין גראשן געלט ניט און מיר קאנען טאן מיט אייך, וואס מיר געפינען פאר נייטיק. עס זיינען איצט שלעכטע צייטן, א קנעפל איז טייערער פאר א מענטשן; נעמט עס אין אכט, זייט אויפמערקזאם, זאל מען האבן נוצן פון אייך. זאל מען ווייסן, אז נישט אומזיסט האט איר דא, אין מיליטער, אזוי פיל ברויט געפאטערט און נישט אומזיסט האט איר דא איבערגעפירט די לופט"...

מען נעמט הירזשען פון דער כאַכמע און דער קאַפּיטאַן גייט איבער אַף אַן אַנדער טעמע:

— איצט ווילן מיר אַ שמועס טאָן וועגן געבוי פון ביקס. דער זעל־נער אַנדרעיטשוק וועט אונדז דערמאָנען פון וועלכע טיילן באַשטייט אַ ביקס.

אַ האַלב-דעפעקטיווער, הויכער דאַרפסיונג, וואָס איז קיינמאָל אַף קיין באַן נישט געפאָרן און וויים נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס קינאָ, גיט זיך אַ שטעל אויף און כאַזוערט איבער דאָס, וואָס עמעצער זאָגט אים ביי זוויליק אונטער:

— אַ ביקס באַשטייט פון זשאַווער, וואַזעלין און בלאָטע.

אין זאַל ווערט זייער פריילעך, מען הערט אויף צו דרעמלען.

דער קאַפּיטאַן איז אין אַ גוטער שטימונג:

— און עפּשער געדענקסטו פון דער נעכטיקער לעקציע, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ גאַז?

— אַ גאַז, דאָס איז אַזאַ מין איפּעש, אַ שעדלעכע שטינקעניש, פון וועלכער עס ווערט פאַרשטונקען דאָס האַרץ.

עס ווערט נאָך פריילעכער, מען הייבט אָן צו טומלען. פון די הינ־טערשטע בענק נעמט מען זיך וואַרפן מיט שטיקלעך ברויט, מען נעמט זיך שנעלן אין די אויערן.

ס'ווערט דערקלערט אַ האַפּסאַקע.

V

אין אָוונט איז מען אַ פּאָר שאָ פריי. אַ טייל בעוורע לאָזט זיך ארוים אין שטאָט מיט דער אויסרעכענונג אַ קנעט צו טאָן אַ פּעטלייביקע דינסט־מיידל ערגעץ אין אַ טויער, אַ טייל גייט אַראָפּ אין זעלנערקלוב כאַפּן אַ קוק אין אַ פּאַראַכאַטאַגיקער צייטונג, אויסטרינקען אַ טויט-בלאַסע גלאָז טיי פאַר 5 גראָשן, אַ האָרך טאָן די פּייפּעדייען פונעם צעפּאָרענעם ראַדיאָ. צייטנווייז ווייזט מען אויסגעריבענע ליכטבילדער פון וואַרשע, פּויזן, ווילנע און פּוילישן יאַם-ברעג. מען צערעדט זיך, מען נעמט אַרוים אַכטעלעך מאַכאָרקע, מען דרייט ציגאַרעטלעך און מען טראַכט וועגן היימיש־ווייטע זאַכן.

מיר טרעפן זיך ווידער אין די לאַנגע צוויי רייען צו דער אָוונט-טפילע. עס קומט די זיסע ווײַלע פון אונדזער ארבעטסטאָג — דאָס אַרײַנוואַרפן זיך אין די בעטלעך. איך טוליע זיך צום ליבן סעניק און לעב איבער אַזוי פיל קערפּערגליק. כ'דערמאָן זיך, אַז כ'האָב נאָך אין דער פרי באַשלאָסן איבערצוטראַכטן אין בעט וועגן עפּעס אַן איניען, אָבער איך פיל ווי די ביינער צעלאָזן זיך אין מיר, ווי מײַן מויעך ווערט באַגאָסן מיט אַ לויטערער נאַרקאָטישער כוואַליע.

כ'ווער אַנטשלאָפן, נאָך איידער עס ווערט אויפגעשפּילט אפן טראָמפּייט דער שלאָף-סיגנאַל.

VI

שפּעט באַנאַכט.

דער האַלב-שיקערער אינספּעקציע-אָפיציר, אַרויסגייענדיק קאָנטראָלירן די וואַך בײַ די אַמוניציע-סקלאַדעס, בלײַבט פּלוצלונג שטיין מיט צונויפגעצויגענע ברעמען. ער דערהערט אַ שטילן גערויש, אַ האַלב-זיידענעם שאָרך, אַ ווינט-געפּליסטער. דער אָפיציר גיט אַ וויש זײַנע באַגאָסענע אויגן און באַמערקט, אַז אַ פּרײַלעך נאַכטווינטל שטיפט אַרום אין דער לופטן מיט עפּעס שוועבנדיקס, פליענדיקס. זאָלן עס זײַן פייגל, פלעדערמייז? דער אָפיציר גיט אַ לויכט מיט זײַן עלעקטריש לעמפּל און גלייך גיט אים דאָס ווינטל אַ שמיץ אין פּאָנים אַ הויפן ווײַסע צעטלען. ער גיט זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ פאַרן רעוואָלווער און כאַפּט אָן פאַרזיכטיק אַ פליענדיק בלעטל. ער גיט אַ גאָס אָפּ דאָס בלעטל מיט עלעקטריש ליכט און בלײַבט שטיין מיט אַן אָפּגעבריט האַרץ. דאָס בלעטל שווינדלט און גריבלט מיט אַזוינע שראַצים: גענעראַל-שטרייק, באַוואָפנטער אויפשטאַנד, סאַבאָטאַזש, אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער-סאָלידאַריטעט, סאָלדאַטן-ראַט און ווידער סאָלדאַטן-ראַט, און דאַן אויסדוף-צייכנס, אויסרוף-צייכנס, ווי שפּיזן, ווי מעסערס, ווי פײַלן!

דער אָפיציר צעקוועטשט דאָס בלעטל, דערשטיקט עס אין זײַן פויסט און ווערט ניכטער. מיט איין שפּרונג איז ער אין וואַכשטיבל און אין אַ מינוט אַרום שפּילן שוין צוויי קלאַרנעטן דעם נערוועזן אַלאַרם-סיגנאַל.

איך גיב זיך אַ כאַפּ אויף און מיינע געדאַנקען ווערן צעשטויבט און פאַרניכטעט אין אַרומיקן טומל. איך וואַרף אַרויף אַף זיך אויטאָמאַטיש דאָס ביסל זעלנערישע אָנטועכץ און נעם צונויפכאַפּן די הונדערט קליינ־קייטן, וואָס אַ זעלנער דאַרף אַף זיך האָבן בישאַס אַן אַלאַרם. דער דיזשו־רירנדיקער אונטעראָפיציר מעלדעט, אַז דאָס איז נישט קיין שלאַכטאַלאַרם, נאָר אַ ריין־אינערלעכער; מען זאָל זיך, הייסט עס, אַן באַוואָפענונג אויס־שטעלן אין צוויי רייען אין קאָרידאָר און וואַרטן אַף אינסטרוקציעס. אין 10 מינוט אַרום פאַלט אַריין ווי אַ שראַפּנעל דער שעף און רייסט גלייך אויף:

— איר אומדאַנקבאַרע הינט, אַ רועך אין אייער טאַטנס טאַטן, איר צעבונטעוועטע כאַמעס, ווי לאַנג, פרעג איך אייך, וועט עס דויערן? שוין נישט דעם ערשטן מאָל ווי די קאַזאַרמעס ווערן פאַרפלייצט מיט קאָמוניס־טישער פּאַסקודסטווע; נישט איינער פון אייך פוילט שוין צוליב דעם אין טורמע און איצט כאַזערט זיך איבער די געשיכטע פון דאָס ניי. זאָלט איר וויסן זיין, אַז אונדזער גוטסקייט האָט זיך געענדיקט און אַז פון איצט אָן וועט מען מיט אייך, כאַזערישע מאַרדעס, אַנדערשריידן. אויב דאָס וואָס מען רעדט צו אייך קריכט אייך נישט אַריין אין קאָפּ, וועט מען עס אייך אַריינהאַקן אין הינטן. זעט בעסער מיט גוטן אויסצוגעפינען ווער עס ברענגט די שמוציקע פּראָקלאַמאַציעס און וואַרפט זיי פונאַנדער; זאָל זיך עמעצער פון אייך דעצידירן אַף אַ פּאַטריאָטישן שריט און העלפן אָפּ־זוכן די פאַרברעכערישע האַנט. דער וואָס וויל עפּעס קאָמוניקירן, דאַרף פאַר קיין זאַך נישט מוירע האָבן, ווייל זיין נאָמען וועט געהאַלטן ווערן שטרענג געהיים; אויסער דעם פאַרזיכער איך אייך, אין נאָמען פון ה׳ פּאָלקאָווניק, אַז ער וועט קריגן אַן אוואַנס און אַ 14-טאָגיקן אורלויב.

צווישן די צוויי רייען לויפט דורך ווי אַ וואַלדווינטל אַ שעפּטשעריי פון פאַראַכטונג און האַס. איך גיב אַ פליסטער: קאַנאַליע, נעווייל־ע.

פון רעכטס הער איך: הינטישער ביין.

פון לינקס דערטראָגט זיך: כאַזערישער קנאָכן.

און דאַן גיט ווידער אַ קראַך די צעראַצטע שטים פון שעף:

— שטילער דאָרט, הורנזין! צונויפציען די קאַפּעטעס! שטיין אַף אַכטונג, ווען איך רייד צו אייך!

פון זיינע אויסגעקאָלערטע אויגן קריכט אַראָפּ אַ גרימאַסע צו זיין רויטן, נאַסן פּיסק:

— וואַרט נאָר צו, מיינע טייערינקע, מאָרגן וועל איך ערשט האָבן דעם קאָוועד מיט אייך רעכט אַ שמועס צו טאָן, איך וועל אייך ווייזן, בע-בעלעך מיינע, וואו דער טערקישער פעפער וואַקסט... איצט אָט וואָס: יעדערער וועט אין איין גלאָף צולויפן צו זיין בעטל, עפענען זיין קופערטל און אויפבינדן זיין סעניק; פאַרשטאַנען? איך וויל אָבער זען אַ גלאָף!

דער שעף גיט אַ פייף און מיר צעלויפן זיך. אַ צווייטער פייף שטעלט אונדז אָפּ אינמיטן לויפן און דעם שעפס פאַרשווימטער פּיסק נעמט קנאַקן ווי אַ קוילנוואַרפער:

— אָט דאָס איז גלאָפן? אַז איך באַפעל לויפן, מוז מען לויפן, מוז מען ברעכן האַלדז און נאַקן און נישט אַרומקריכן ווי אַן איפּעש אין די גאַטקעס; אכטונג! פאַלן!

אויפשטיין!

פאַלן!

אויפשטיין!

אַף די עלנבויגנס פויזען!

אונטער די בעטן אַרונטערקריכן!

מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם וואַלגערן מיר זיך אין שטויב און קריכן אַרום ווי שראַצים. עס קערן זיך איבער אַלע שפייקעסטלעך און מיר שמירן זיך אויס אין שמוץ. די אָט-אָט פּלאַצנדיקע געדולד צאַפּלט זיך אין די פויסטן און אַפן שפּיץ צונג. נאָר אָט לויפן מיר שוין ווידער צו אונדזערע בעטלעך. אונדזערע קופערטלעך ווערן איבערגעקערט, דורכגעקנאָטן און דורכגענישטערט.

מיר טוען זיך אויס און לייגן זיך צוריק אין די בעטלעך. אין יעדנס ברוסט רייסט אויף די פאַרביטערונג און שפּרודלט אַרויס. עס הייבט זיך אויף אַ שטורעמווינט איבער די בעטלעך. אַף יעדע 10-8 סעניקעס ווערט אימפּראָוויזירט אַ קליינער, הייסער מיטינג. דער דיזשורירנדיקער אונטער-אָפיציר לויפט אַן און גיט צו וויסן, אַז פאַרן מינדסטן שעפּטש וועט ער אַרעסטירן; ער קריגט אָבער פון הינטן מיט אַ שפייקעסטל אין קאָפּ און פאַלט אַנידער. עס ווערט אַ קליינער טומל. בעוורע דעקט זיך אַריבער מיט די דעקעס און עס ווערט טויט-שטיל.

איך ליג צונויפגעקאָרטשעט און פאַרשליס דאָס מויל מיט אַ פויסט, קעדיי נישט פונאַנדערצושרייען זיך. איך פיל ווי עס פויקן אַלע פולסן אין קאָפּ, אין די ציינער און אומעטום. פאַרטאָג באַרויק איך זיך אַ ביסל, אָבער שלאָפן איז אוממעגלעך. איך ליג מיט אויסגעגלאָצטע, מידע אויגן אַנטקעגן דער וואַנט, וואָס ווערט אַלץ רויטלעכער און רויטלעכער. אַף דער סטעליע נעמען אַרומצאַפּלען פאַרשיידענע אָקערשט געבוירענע זונפיגורן, אַ קיל ווינטל גיט אַ פלאַטער אונטער די נאָזלעכער. שפּעטער אַ ביסל רייסן מיך אַראָפּ פון בעטל די פריילעכע קלאַנגען פון מאָרגן־טראָמפּייט.

עס הייבט זיך אָן אַ נייער זעלנערשער טאָג...

אַ טראָפּן בראַזיל

I

בראַזיל באַשטייט פון אַכט מיט אַ האַלבן מיליאָן קוואַדראַט־קילאָ־מעטער נאַטור־שיינקייט.

אַף די ברייטפּליציקע, לייכטנדיקע שטאָכים פונעם לאַנד וואַלגערן זיך האָריקע בערג, לויערן צעעפּנטע שטיינערנע פּיסקעס, גליווערן בער־דיקע פעלדזן. די שאַרף־געשניצטע לאַנדשאַפט איז אויסגעפלעקט מיט דופּטנדיקע וועלדער, אויסגעהאָפּטן מיט געשלענגלטע וואַסערן און אַלע האָריזאָנטן אירע זיינען צעשניטן דורך גיגאַנטישע, אורגעשטאַלטיקע מאַ־סיוון, אורפאָרמיקע פליינען און געקאַרבטע גראַניטפּלאַסטן.

אַלץ איז אומגעהויער און אומעטום איז זון. אומעטום — זון־פאַר־פּלייצונגען און זונאויסגוסן, און אַפילע די אָפּגרונטן זיינען אָנגעגאָסן מיט זון.

די פלייש־רויטע, שמאַלציקע ערד איז באַוואַקסן מיט איבערגעזעטיקטן גרינס. יעדער שפּאַן ערד איז פרוכטיק, איבערגעלאָדן און פאַרקלעמט אונ־טערן צונויפגעפלעכט פון צווייגן, בלעטער און קלעטערנדיקע פלאַנצונגען. דאָס גראָז אַפילע איז וואוקסיק, וויל נישט בלייבן קליין און שטרעבט צו דער בוים־פאָרעם. עס זיינען פאַראַן אין בראַזיל ביימער, וואָס אין אַנ־דערע לענדער געפינט מען זיי אין צושטאַנד פון גראָזגעוויקסן.

פון דער דאָזיקער גאַנצער אומגעהויערדיקייט און איבערקוואַקסנקייט שפּאַרט אַרויס אַ קראַפט, וואָס וויל געבוירן ווערן און נעמען לעבן. אַ וויטאַלער דראַנג באַהערשט די טויטע נאַטור און די געוויקסנוועלט, און

א פאַרגליווערטע בענקשאַפט נאָך פּלאַסטישער פאַרוואַנדלונג איז אַריינגע־קנאַטן אין די ריזיקע, אומאָרגאַנישע מאַסיוון.

פון די אַנדן ביזן אַטלאַנטיק, דורך די זומפּיק־וואַלדיקע אָפּגרונטן פון טיף־בראַזיל, וויקלט פונאַנדער דער גרעסטער טייך פון דער וועלט — אַמאַזאָנאַס — זיינע רייסנדיק־רוישנדיקע זעקס טויזנט פינף הונדערט קי־לאָמעטער. דורך זיינע בייטייכן טרינקט אוים דער דאָזיקער טייך איבער דריי פערטל פונעם גאַנצן טייכוואַסער פון דאָרעם־אַמעריקע.

בלויז אַ נישטיקע טייל פון דאָזיקן טייכסיסטעם און פון די לענדע־רייען, וואָס זיינען אַריינגעקלעמט צווישן די טויזנטער וואַסער־אָרעמס, וואָס דריבלען זיך אָפּ פונעם הויפּטטייך, זיינען באַטראָטן געוואָרן דורך מענטשן. די גרעסטע טייל פון דער דאָזיקער האַרץ־אָרטעריע פון בראַזיל איז באַהאַלטן אין אַ מיסטעריעזן, טויזנטיאָריקן אורוואַלד, וואָס איז פול מיט טראָפּישער איימע, מיט מוירעדיקע נאַטור־געזעצן און מיט פאַרצוקנ־דיקער געזעצלאָזיקייט.

ס׳איז אַ טייך אָן ברעגן; דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך דאָס וואַסער, הייבט זיך גלייך אָן דער אורוואַלד, די אומדורכדרינגלעכע, וועגעטאַטיווע פינצטערניש, וואו מיליאָנען אויסטערלישע פּלאַנצונגען וואָס זיינען אַריינ־געפלאָנטערט און אַריינגעגעסן איינע אין די אַנדערע, זיינען דורכגעפלאָכטן מיט שלאַנגען און אָפּגעשאָטן מיט פאַרשיידענע שראַצים, עקדישן, פייגל און כאַיעס. אַלץ, וואָס עקזיסטירט אין דאָזיקן צעפּרייעטן און צעפּאַרעטן רוים, פרעסט און ווערט אויפגעפרעסן, אָבער דאָס וואָס עס בלייבט פאַר־מערט זיך הונדערטפאַכיק און גדייט אין ווארעמען כווישעך, אונטער די הייסע שלאָקסרעגנס פונעם טראָפּיק.

די אָנגרייפערישע ציוויליזאַציע און די מענטשלעכע נייגעריקייט האָבן קיין אַנדער ברייערע נישט געהאַט, ווי אָפּצושטעלן זיך, דערוויילּ, אַפן ברעג פון דער דאָזיקער ווילדוואַלדיקער וועלט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר טיף־בראַזיל. אַלע נאַטורוויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס, סיי אַמעריקאַני־שע און סיי אויסערקאָנטינענטאַלע, וואָס האָבן געפּרוּווט אַריינדרינגען אינעם גרויליקן כאַלעל פון דער דאָזיקער שוואַרץ־גרינער נאַטור־אימפּעריע, האָבן זיך נישט צוריקגעקערט.

בראַזיל, וואָס איז דריי מאָל גרעסער פון אַרגענטינע, איז מער פון אַ לאַנד, עס איז אַ סובקאָנטינענט. פון די שאַרפגעשניצטע אַטלאַנטיק־ברעג־

געם ביז די אַמאַזאָנישע וואַלדזומפּן, איז אַלץ קאָלאָסאַל, אויסערגעוויינט־לעך, איבערגעוואַקסן און האָט אויסערמענטשלעכע און איבערנאַטירלעכע אויסמעסטונגען. די פּאַזראַנעסדיק-אָנגעהויפנטע לאַנדשאַפטן און באַרג־שאַפּטן מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פּאַרקילטן אימפּעט און די גאַנצע רויע מאַסיווקייט פון דער נאַטור זעט אויס ווי זי וואָלט געוואָרט אויף אַ שעפּע־רישן אויפרייס.

אַזאַ איז דער אויבנאויפיקער געאָגראַפישער פּאָנים פון דאָזיקן רויט־הויטיקן, גרינהאָריקן, ברייטוואַסעדיקן זונלאַנד, וואָס הייסט בראַזיל.

II

אין ערשטן יאָרהונדערט פון זיין אַנטדעקונג האָט דאָס דאָזיקע לאַנד פון זון געהייסן: לאַנד פון הייליקן צײלעם.

צוזאַמען מיט די ערשטע פּאָרטוגעזישע קייזערלעך־קאַטוילישע רויבער, ריטער און דעראָבערער, האָט זיך אָפּן לאַנד אַראָפּגעלאָזט אַ היישעריק פון קאַפּוצינער, בענעדיקטינער, פראַנציסקאַנער, דאָמיניקאַנער און דער איקער — יעזואיטן. די דאָזיקע פרומע ברידערלעך האָבן, אין נאָמען פון הימלישן קעניגרייך, געשפּריצט מיט הייליקע, טוכלע וואַסערלעך, גע־פרעפּלט מיט די ליפּן, געבעבעט אויף לאַטיין און געפּרוּװט עפּענען מיט די בוימלדיקע, ווײַרויכיקע צינגער די געצנדינערישע און אָפּטריניקע מויכעס, קעדיי די ביטערע זריע פון גאָטס וואָרט זאָל וואַקסן און געדייען. גאָטס גאָלאָביש וואָרט איז, אָבער, נישט געוואַקסן. גאָטס וואָרט האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו וואַקסן פרייוויליק אונטער די ליכטיקע, זוניקע הימלען פון בראַ־זיל, ווײַל די שטעכלקעס פון דאָזיקן וואָרט זיינען, אין דער אַלטער היים, געוואוינט געווען צו וואַקסן אין שאָטן, האַלב־פינצטערניש און פייכקייט.

האָבן די ברידערלעך פאַרגלאָצט די גאָטספאָרכטיקע אויגן, צונויפ־געלייגט אָפּן האַרצן די קאַלטע הענט — גליטשיקע פון ביילעוו און אָנאַ־ניזם — און אַראָפּגעבראַכט פון פּאָרטוגאַל די זייַ־ און דרעש-מאַשין פון גאָטס וואָרט — די הייליקע אינקוויזיציע.

מען האָט צעלייגט הייליקע אויטאָ־דאַ-פע־פייערלעך, צעקנאַקט און צעשטויסן אַ ביסל אַפּיקאָרסישע ביינער, אָנגעשונדן פּאַסן הויט פון אומ־גלויביקע, און גאָטס וואָרט, באַשמירט מיט דעם פוטערדיקן, פּאָרטוגע־

זישן לאַטיין, האָט ענדלעך באַוויליקט צו שפּראַצן און אַרויסצולאָזן זיינע ערשטע שפּיציקע נאָדלעך. יעדער יישעוו איז געהייליקט געוואָרן מיטן נאָמען פון אַ הייליקן, און דאָס שטילע, דערשלאָגענע, אינדישע שעפּסן־פאָלק האָט גענומען וואוינען אין הייליקע געסלעך פון הייליקע שטעט, פון הייליקע פּראָווינצן, פון הייליקן ציילעמלאַנד.

אין נאָמען פון אויבערשטנס גענאָד און דורך אַ ווייטן קייזערלעכן דעקרעט, איז די ערד צעשאָנקען געוואָרן צווישן אַ פּאָר הונדערט בלוי־בלוטיקע דאָן פּעדראָס, דאָן פּעליפּעס און דאָן זשאַימעס. די דאָזיקע גרויס־אויגיקע און גאָלדדורשטיקע אַדללייט האָבן זיך, מיט אַ פּאַטריאַטישער זשומעריי, אַראָפּגעלאָזט אַף זייער פּעאָדאַלן גרויסבאַזיץ און גענומען אַריינ־זויגן, אַריינגיסן און אַריינפּאָמפּען אין זיך דעם פּראָפּיטזאַפט, וואָס האָט געפּלייצט פון די לאַטיפונדישע לענגן און ברייטן פון לאַנד. די געקרייזלטע בראַזיליאַנער וועלדער, וואָס זיינען געווען צוטריטלעך, זיינען הויפנסווייז אויסגעפּליקט און אויסגעריסן געוואָרן; עס זיינען געטויט געוואָרן די זעל־טענע פּימסנהאָלץ־ביימער, די שוואַרצהאָלציקע מינים, דאָס רויטע לאַקיר־האָלץ; עס זיינען אָפּגעשונדן געוואָרן די צימרינגביימלעך, די געווירצ־געוויקסן, די קאָקאָ־פּאַלמעס; און דאָס אַלץ האָט געהאַט איין ציל: דאָן פּעדראָ און דאָן פּעליפּע זאָלן אָנגעפּוישט ווערן מיט פּראָפּיטן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָן פּעדראָ האָט זיך אַליין נישט געפּאַטשקעט. ער האָט אויסגעדרעסירט דעם אינדישן רויטלעכן מענטשנסקאָט. אומזיסט האָט ער נישט פאַרלאַנגט, ער האָט געצאָלט, אָרנטלעך געצאָלט: מיט ברויט, מיט שווינדזוכט און מיט ציילעמלעך. דאָס בייטשל האָט צוגעזונ־גען און דאָס רעדל האָט זיך געדרייט. די אינדישע קלאָווים האָבן אַפילע געפּרואווט נעמען אונטערשטאַרבן און ברענגען, דורך דעם, העזייקעס; האָט זיך אָבער, דאָן פּעדראָ קיין סאַך נישט געערגערט און האָט גיך גע־ביטן זיין לעבעדיקן רויטן אינוועטאַר אַפן שוואַרצן אַפריקאַנישן, וואָס ער האָט, פאַר אַ שיבעש, געקראָגן צוגעשיקט פון די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס. עס האָט זיך טאַקע גלייך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס נעגערישע מוסקלפלייש איז פיל שטאַנדהאַפטיקער און שטייפער.

און אַזוי זיינען געגאַנגען יאָרן זוניקע און זאַטע, און רואיקע. ביס־לעכווייז האָט מען זיך גענומען פירן ווי לייטישע פעלקער, מען האָט גע־נומען פּראָווען געשיכטע, מען האָט געפירט אַ פּאָר מילכאָמעלעך, מען

איז געוואָרן אומאָפּהענגיק פון דער זשעדנער פּאָרטוגאַל, מען האָט זיך איינגעשאַפּט אַן אייגענעם בראַזיליאַנער קייסער-אימפּעראַטאָר; שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט מען זיך פאַרקילט פון אַ רעפּובליקאַנישן ווינטל און דאָן פּעדראָ מיט דאָן פּעליפּען האָבן געגרינדעט אַ רעפּובליק, מיט דעמאָקראַטישע פליטערלעך, ליבעראַלע כיין-פּינטעלעך און קאָנסטיטוציאָנעלע פרענדזלעך. און די יאָרן זיינען זיך ווידער געגאַנגען פעטע און זאַפּטיקע. די פּלאַנטאַציעס און דאָס נעגערישע שווייס האָבן געגעבן גאָלד און דאָס גאָטספאָרכטיקע פּאַטערלאַנד איז געוואַקסן און געקוואָלן, געקוואָלן און געוואַקסן.

III

אַז באַם יונגיטשקן, געראָטענעם קאַפּיטאַליזם האָט גענומען שפּראָצן זיין שפּיציק, אימפּעריאַליסטיש בערדל, האָט ער ארויסגעשיקט זיינע אַנגלאָזאַקסישע שפּיההינט אַ נישטער טאָן אין די סובטראָפּישע ווילדענישן און אויסגעפינען רויב.

דער אולטראַ-פילבאַרער כוש־האָרייעך האָט זיי אַ צי געטאָן צו די דאָרעם-אַמעריקאַנישע ברעגן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוכטיקע בראַזיליאַנער שטרעקעס און מיילן זיינען פאַרשאָטן, פאַרפולט און באַהאָנגען מיט אַלדאָס גוטס: קאַווע און צוקער, ציטרוספרוכטן און אַנאַנאַסן, באַנאַנעס און זאַפּטפרוכטן, קאַוטשוק און באַוול, פלייש און פעל, און אויסער דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רויטלעכע בראַזיליאַנער ערד פאַרמאָגט גאָלדענע אָדערן און מעטאַלענע אינגעווייטן, און שטיינ-קוילענע געדערעם. אויסער דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָן פּעדראָ מיט דאָן פּעליפּען זיינען נישט זייער איבערגעשפּיצט, און אַז פאַר אַ קניפּ אין בעקל און פאַר אַ זיסן וואָרטצוקערל, איינגעוויקלט אין אַ דאָלער-אַסיגנאַציע, זיינען זיי גרייט צו ווערן ווייך ווי פּוטער. אויב אַזוי, האָט מען גענומען שטעקן פינגער אין שיסל האָניק.

געשטעקט האָבן אַלע, אָנהייבנדיק מיט אַמעריקע און ענגלאַנד און ענדיקנדיק מיט דער שעמעוודיקער, שטילינקער קאַנאַדע און מיט דער פּיטשעמאָנטשינקער, רירעוודיקער בעלגיע. דאָס שטעקן די פינגער האָט געהייסן:

באַ די יענקים: פּאַנאַמעריקאַנישע פאַרברידערונג;
באַ די ענגלענדער: טעכניש־אינדוסטריעלע הילף;
באַ די פראַנצויזן: קולטורעלע עקספּאַנסיע;
באַ די איטאַליענער: סאָלידאַריטעט פון די ראָמאַנישע פעלקער;
באַ די דייטשן: טעכנישע ציוויליזאַציע און קאָלאָניזאַציע פון די ווילדענישן.

אַנגעהויבן רוקן די פינגער האָט מען נאָך אין סאַך פון נײַנצנטן יאָר־הונדערט און ביז איצט האָט מען נאָך די דאָזיקע פינגער נישט אָפּגע־האַקט, וואָרעם, צו וואָס? דאָן פּעדראָ און דאָן פּעליפּע זײַנען צופרידן. זיי זײַנען אַף אַזוי ווײַט זאָרגלאָז, אַז זיי דאַרפן נישט מיטרוקן די פינגער צוזאַמען מיט אַנדערע; זיי לעבן זיך גאַנץ פײַן פון דעם, וואָס מען גיט זיי אַ לעק טאָן די פרעמדע פינגער. זיי האַלטן בלויז גוט אונטער, מיט קעלנעריש־לאַקייאישער אונטערטעניקייט, די שיסל, און הייסן הייסט עס, אַז זיי שטייען אַף דער וואַך פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, פון דער הייליקייט פון דער פאַמיליע, פון דער ליבע צום פאָטערלאַנד, פון דער אומבאַרירלעכקייט פון פריוואַט-אייגנטום און פון דער קריסטלעכער מאָראַל.

אויב עמיצער וויל קאָנטראָלירן, ווי האַלט עס מיט די אַלע צאַצקע־דיקע זאַכן אין בראַזיל, קען ער עס לײַכט דערגרייכן. אויב ער וויל אויס־פאָרשן די הייליקייט פון דער פאַמיליע, קען ער זיך לײַכט דערוויסן, אַז יעדער זיבעטער בירגער איז קראַנק אַף אַ ווענערישער קראַנקהייט; אַז אין די שטעט זײַנען נישט נאָר גאַסן, נאָר קוואַרטאַלן, פאַרשטעט גאַנצע, פאַר־נומען מיט פרעכטיקע שאַנדאַנשטאַלטן און מיט געוויינטלעכע הײַזלעך. שײנע פּאַסאַדן, סטיליזירטע מויערלעך מיט צוויי און מיט דריי שטאָק אויסגעלאַסנקייט ציען זיך קילאָמעטערווײַז און באַרײַכערן די מעלובע־קאַסע מיט רעגולער־געצאָלטע שטײַערן, וואָס ווערן שפּעטער פאַרברויכט צום „קאַמף מיט מאָסקווע". ער קען זיך אויך דערוויסן, אַז די געזעצלעכע פרוי איז אַ שטוביקע לוסט-כייע פון מאַן, אַ גײַסטיקע שקלאַפין פון דער קירך און דאָס אַבסאָלוטע פריוואַט-אייגנטום פון ריטערלעכן זאַכער. ווער עס וויל וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס פאָטערלאַנד, זאָל ער עפענען אַן אײַנ־פאַכן טעלעפאָן־בוך און זאָל ער זיך שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס האָבן 90 פּראָצענט פון די בראַזיליאַנישע אינדוסטריעלער און ביזנעסלײַט דורכויס אַמעריקאַנישע און דייטשע פאַמיליע־נעמען. ווער עס אינטערעסירט זיך

מיט פריוואט-אייגנטום, זאל ער זיך א פרעג טאן, וויפל צענדליקער טויזנ-טער העקטאר לאנד עס פארמאגט דאן פעדרא און דאן פעליפע, און וויפל האלבע און פערטל העקטאר עס פארמאגט א מישפאכע פון צען מיטגלי-דער פון א דערשלאגענעם קרעאל אדער „קאבאקלא"; דעמאלט וועט ער פאר-שטיין פארוואס פריוואט-אייגנטום איז הייליק. אויב ער וויל, ווידער, זוכן קריסטלעכע מאראל, קען ער זי אן שום אנשטרענגונג געפינען אין די קאַ-ווע-, צוקער- און קאקאא-פלאנטאציעס, וואו מענטשן הארעווען מיט פער-דישע קויכעס אכצן שא א מעסלעס און באקומען פאר דעם אביסל רייז מיט בעבלעך, הינטישע דערנידערונגען און גאלאכישע טרייסט.

די פארשיידענע אקופאנטישע, לעגאלע רויבער-פאריינען, וואס רופן זיך: געזעלשאפטן מיט באגרענעצטער פאראנטווארטלעכקייט (לייען: אומ-באגרענעצטער אומפאראנטווארטלעכקייט), קאנסארציומס, קאנצערנען, סינדיקאטן, טרוסטן, אקציע-געזעלשאפטן, האבן זיך, מיט א זעלבסטצור-פרידענער פאראזיטן-כוצפע, ארויסגעלאזט פארווירקלעכן די ווייטערדיקע הויפטצילן: צורייבן בא בראזיל זיינע רוישטאפן, שטערן די אויספארמי-רונג פון א נאציאנאלער אינדוסטריע, פארוואנדלען דאס לאנד אין אן איי-גענעם אפזאצמארק, פארכאפן דעם טראנספארט, באהערשן דעם קרעדיט.

דריי ביישפילן פון דריי הונדערט:

פאר דער מילכאמע פלעגן דייטשע קאפיטאליסטן אפקויפן ריזיקע ערד-שטאכים און זייען באוולפלאנצן. דער באוול איז היטלערן נייטיק גע-ווען, הויפטזאכלעך קעדיי עס אריינצוטאן אינעם ניטראגליצערין פון די מעכטיקע לופטבאמבעס. גלייך נאכן שניט פלעגט מען דעם פארטיקן באוול ארויספירן קיין דייטשלאנד; הייסן האט עס געהייסן עקספארט, זיין איז עס געווען עפעס אנדערש און שיסן פלעגט מען, דערביי, דריי האזן. אזוי ווי דער ארטיקל פלעגט ווערן ארויסגעפירט פון בראזיל, פלעגן די דייטשן, קוידעם קאל, באקומען אן עקספארט-פרעמיע פון דער בראזיליאנער רעגי-רונג; צווייטנס, פלעגט אין דייטשלאנד אפן אנגעקומענעם באוול נישט ארויפגעלייגט ווערן קיין שום גרענעץ-אפצאל, ווייל דער דאזיקער ארטיקל איז געשטאנען צום דינסט פון די הייליקע צילן פון דריטן רייך; דריטנס, נישט האבנדיק קיין קאלאניעס, פלעגט היטלער פונדעסטוועגן קריגן שפאט-ביליקע, קאלאניאלע באוולשטאפן, מיט וואס צו שפייזן זיינע באמבעס.

דאס זעלבע, מער-ווייניקער, פלעגט געשען און געשעט מיט פארדס

קאַוטשוק-פּלאַנטאַציעס אין צאָפּן־בראַזיל, מיט די אַמעריקאַנער פרוכט־
עקספּאָרטערן און מיט אַנדערע אונטערנעמער. דער דאָזיקער „עקספּאָרט"
פאַרגרעסערט נישט דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום פון לאַנד, דאָס איז אַ ריין-
פּיקטיווער עקספּאָרט, ווייל דאָס געלט, אָדער לעכאָל־האַפּאָכעס דער רעוועך
פאַרן אַרויסגעפירטן רוישטאָף, פליסט נישט אַריין צוריק אין לאַנד, נאָר
גייט צו די אויסלענדישע באַלעבאַטים, צו וועלכע דער בראַזיליאַנער רוי־
שטאָף האָט, געפינענדיק זיך נאָך אין בראַזיל, געהערט. מיט איין וואָרט,
די אַרבעט פון יעדן גרעזעלע און וואָרצעלע און זיידוועלעמל און מושעלע,
אַף דער ערד, אין וואַסער און אין דער לופטן, גייט אַוועק אין די גע־
פאַנצערטע קאַסעטקעס פון די אויסלענדישע בענק.

אַ צווייטער ביישפּיל:

בראַזיל האָט אייזן, האָט אַן אייזערנעם סקעלעט. די ערד איז רויט
פון צו פיל אייזן. די פּראָווינץ מינאַס זשעראַיס איז אויסגעשמידט פון
אייזן. וואָס זשע דאַרף מען טאָן? קלאָר: בויען מעטאַלורגישע פאַבריקן.
וואָס טוען אָבער די ענגלענדער, צו וועמען די גרעסטע טייל פון דער בראַ-
זיליאַנער אייזנערד געהערט? דעם רויען, פריש-אויסגעגראָבענעם אייזנ־
ערץ לאָדן זיי אָן אַף שיפן און פירן קיין ענגלאַנד. אין שעפילד, אין ביר־
מינגהאַם און אין גלאַזגאָו קאָכט מען דעם אייזן איבער אַף טשוהון און
אַף שטאָל, מען מאַכט שינעס און טשוועקעס און מען פירט עס פאַרקויפן
צוריק קיין בראַזיל. דאָס איז אומזין? יאָ, אָבער דער דאָזיקער פאַרברע־
כערישער אומזין דערלויבט צו האָבן אומזיסטן רוישטאָף, פאַרניכטעט אָדער
שלעפּט אָפּ די פּערספּעקטיוון פון אַ בראַזיליאַנער שווער-אינדוסטריע און
קאָנסערווירט פאַר ענגלאַנד אַ דערוואָרבענעם אַפּזאַצמאַרק.

אַ דריטער ביישפּיל:

שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, ווי מען זוכט אין בראַזיליאַנער באָדן
נאַפט. אַ סאַך לענדער אַרום בראַזיל שפּרודלען מיט נאַפט; לויט די וויסנ־
שאַפטלעכע היפּאָטעזן פון די געאָלאָגן, דאַרפן זיך אין בראַזיליאַנער באָדן
געפינען אונטערערדישע נאַפטטייכן, אָבער קיין נאַפט געפינט מען אַלץ
נישט, כאָטש מען זוכט עס ווי מיט ליכט. וואָס איז די מאַיסע? ווייזט
זיך אַרויס, אַז אין מינעראַל-דעפּאַרטאַמענט פון בראַזיליאַנישן אַגריקולטור־
מיניסטעריום (אין וועמענס קאָמפּעטענץ עס ליגט דאָס זוכן דעם נאַפט)
זיצן אַמעריקאַנער ספּעצן, וואָס זיינען, גלייכצייטיק, געהיים־אַגענטן פון

סטאַנדאַרט אָיל. אויב אַזוי, איז שוין אַלץ פאַרשטענדלעך. פאַר די אַמעריקאַנער נאַפטבאַנדיטן לוינט נישט, צוליב אַ סאַך סיבעס, אַז מען זאָל איצט געפינען נאַפט אין בראַזיל; פאַר זיי לוינט, אַז מען זאָל דעם בראַזיליאַנער נאַפט אַנטדעקן מיט יאָרן שפּעטער. די אַמעריקאַנער עקספּערטן, וואָס האַרפּן עס, אין נאָמען פון פאַנאַמעריקאַנער פאַרברידערונג, אויסלערנען דאָן פעדראָן און דאָן פעליפּען די קאָמפּליצירטע נאַפט-כאָכמע, זוכן נאַפט, עגבערן דעם באָדן אין אַזוינע ערטער, וואו קיין נאַפט קען זיך נישט געפינען און טיילווייז — אין די אַנטשפּרעכנדיקע נאַפטערטער. געפינט מען נישט קיין נאַפט, איז נישט געפערלעך; געפינט מען יאָ, מעלדעט מען דאָן פעליפּען אין מיניסטעריום, אַז מען האָט נישט געפונען און אַז די ערד איז ווערטלאָז. שטילערהייט גיט מען אָבער צו וויסן אין סטאַנדאַרט אָיל, אַז אין דער און דער ערד ליגט באַגראָבן אַ פּרעכטיקע, דאָלערדיקע צוקונפט. סטאַנדאַרט אָיל שיקט אַגענטן אויסקויפן די דאָזיקע ערד. דאָן פעליפּע דורכבלעטערנדיק מיט רעספּעקט, די טעכניש-פּרעציזע באַריכטן פון זיינע אויסלענדישע ספּעצן און זעענדיק, אַז די באַטרעפנדיקע ערד איז ווערטלאָז, פאַרקויפט ער זי פאַר גאָרנישט מיט נישט און איז נאָך בעשאַם מאַיסע צופרידן וואָס ער „נאַרט אָפּ" די דורכגעטריבענע יענקים.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען די אַמעריקאַנער נאַפטקוואַלן וועלן זיך נעמען אויסשעפּן און ווען די אַנטדעקונג פון בראַזיליאַנער נאַפט וועט שוין מער נישט באַדראָען די וועלטפּרייזן, וועט מען פּלוצלינג אַנטדעקן נאַפט אין בראַזיל. דאָן פעדראָ מיט דאָן פעליפּען וועלן זיך דערפרייען, אָבער עס וועט זיך באַלד אַרויסווייזן, אַז די גליקלעכע גאָט-געבענטשטע ערד געהערט „צופעליקערהייט", ווי אַלץ אין בראַזיל, צו די אַמעריקאַנער...

די ערד איז געווען דורשטיק

I

א פארסמאליעטע און א געפלאצטע האט געטריקנט די שמאלציקע ערד פון ענטרע־ריאס. זעקס כאדאשים האט זי געדארט און געקווארט א פארשמאכטע און א דורשטיקע, און איר גרא-געווארענע שווארצקייט האט זיך געשטויבט קעגן דער בלאסער, גלייכגילטיקער בלאקייט פון זודיקן הימל.

די דאזיקע ערד פלעגט שטענדיק זיין אויסגענעצט און דורכגעווייקט פון די יאר־יערלעכע 1.500-מילימעטערדיקע רעגן־וואסערן, וואס פלעגן, די גרעסטע טייל פון יאר, גיסן און שפריצן סיי מיט שטורעם־שטראמען, סיי מיט האלב-פארגליווערטע גארועלעך(1). אין אלגעמיין פלעגט רעגענען און רעגענען, און אז עס פלעגט אויפהערן צו רעגענען, פלעגט רעגענען נאך א ביסל...

די לעצטע טריקעניש איז אבער געווען פארביסן און איינגעשפארט אין איר וואסער־קארגשאפט, אין איר הידראפאבישער אקשאנעס. אויב דער הימל פלעגט פארלירן, פון צייט צו צייט, א טראפן וואסער, פלעגט אים אבער די צעטריקנטע ערד נישט קענען געפינען.

אלץ איז געווען פארטריקנט, פארשטיינערט און פארשטויבט אין ענטרע-ריאס, און אפילע די פארשפרייטסטע פון אלע אירע נאטור־מערק־ווירדיקייטן: דער שווארצער שמאנט (אף נישט צו זאגן „בלאטע") איז פארוואנדלט געווארן אין געוויינטלעכן שטויב. אירע געזונטע און נאטירלע-

(1) הארבסטיקע דינשפריצנדיקע רעגנדלער.

בע קאָלירן אין די גליקלעך־פּייכטע טעג פלעגן זיין: גרין־אָראַנזש־שוואַרץ; אין דער טריקעניש האָט זי זיי אָבער פאַרלוירן און איז געוואָרן: ברוינגעל-גראָ, קראַנק, האַרט, צעפּלעקט און פליכעוואַטע.

אין נאָרמאַלע צייטן פלעגט זומערצייט די יונג-גרינע פרייד פון אויפגייענדיקן מאַיס זיך אַריינרייסן שטיפעריש אין ווייצענעם זאַנגענגאָלד און אויסטיילן זיך האַרמאָניש אַפן שוואַרצן פאָן פון דער פריש־אויפגע־פראַלטער ערד, וואָס פלעגט פינקלען פעט, געדיכט און פוטערדיק, וואַרטנדיק ליידנשאַפטלעך אַף די האָבערזוימען און אַף די קילע שלאַקסרעגנס. ד ע ם זומער האָט אָבער די טריקעניש אויפגעפרעסן דעם ווייצקערנדל און זאַנג מיט דער זעלבער זשעדנעקייט פון הייזשעריק, אַרויסגעטריבן די גרינע פרייד פון די ברייטע מאַיס-בלעטער און דערשטיקט דאָס צאַרט־אַרויסשפּראָצנדיקע פּאַשע-גרעזעלע.

די שטילע, מידע ערד האָט מיט אַלע אירע טיפע שפּאַלטן, אויסגעטריקנטע ריטשקעלעך און פאַרשמאַכטן ווילדגראָז אַרויסגעהויכט איר שטומען וועגעטאַטיוון צאַר, איר בריענדיקע וואַסער־בענקשאַפט. די וואַסער־פייגל און ספּעציעל דער טערו־טערו האָבן פאַרצווייפלט אַרומגעטענצלט אַרום די פאַרשטיינערטע בלאָטעס און לאַגונעס(2), ביז זייער אינסטינקט האָט זיי שפּעטער אַוועקגעטראָגן צו די טייכן אורוגווייַ און פּאַראַנאַ. געבליבן זיינען די „שטומע צינגער" און די מענטשן.

אין די רונדע, אויסגעקוילערטע אויגן און אומרואיקע נאָזלעכער פון די פּירפּיסיקע איז געהאַנגען אַ גרויסער בעהיימישער „פאַרוואָס?"

אין די אויגן פון קאָלאָניסט איז אויך געהאַנגען אַ „פאַרוואָס", געווענדט נישט צום הימל, נישט צו גאָט, נישט צו די זונפלעקן, נישט צו די פּאָלאַרע דערשיינונגען, מיט וועלכע די אָפיציעלע מעטעאָראָלאָגן האָבן געפּרואווט, אַף אַ שטאַמלערישן אויפן, אויסטייטשן די טריקעניש און פאַרענטפערן איר אומפאַרמיידלעכקייט. דער קאָלאָניסטישער „פאַרוואָס" האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אַף דער נאַטורבלינדער טרוקנקייט פון דער טריקעניש, נאָר האָט געגעבערט טיפער און האָט זיך געשרויפט ערגעץ אַנדערשוואו. עס איז געווען אַ „פאַרוואָס" מיט אַ סאַך „פאַרוואָסלעך"...

---

(2) זומפּיקע, קליינע ערדשטרעקעס באַדעקטע מיט וואַסער.

דער קאָלאָניסטישער „פּאַרוואָס” האָט נישט געזוכט צו דערגרונטעווען דעם מעטעאָראָלאָגישן סאָד פון דער טריקעניש וואָס איז געקומען פון אויבן, נאָר די פּאָלאַרע קאַלטקייט און די אָלימפּישע רו פון די יעניקע וועמענס מעלוכישער כויוו איז געווען פייכטער צו מאַכן די דאָזיקע טריקעניש, פון אונטן.

דער קאָלאָניסטישער „פּאַרוואָס” האָט געפּרואווט דערגרונטעווען די א נ ד ע ר טריקעניש, די טריקעניש וואָס לאָזט זיך פילן אַ גאַנץ יאָר, סיי אין טרוקענע סיי אין נאַסע צייטן...

II

אין קאָאָפּעראַטיווע איז אַ געזעמל און אַ געזשום פון קאָלאָניסטן. די אַרבעט אפן קאַמפּ שטייט אַ פּאַראַליזירטע פון דער טריקעניש, צייט איז פאַראַן, שפּאַנט מען איין דאָס סולקעלע און מען כאַפּט זיך צו אין קאָאָפּע־ראַטיווע אויסקערן אפן לינקן זייט דאָס האַרץ, כאַפּן אַ נייעסל, אַ שמעק טאָן פּאָליטיק און דער איקער זען צי עס לאָזט זיך ערגעץ אויסגעפינען דאָס ברעקעלע כאַיונע פאַרן סקאָט.

אין די קאָרעדאָרן, אין אַלמאַסען, אין בערענטעס(3) צימער איז אַ יאַ־ריד. פונעם מישמאַש פון בערד, האַלדזטיכלעך. באָמבאַטשעס,(4) קאַסקעס, קאַפּעליושן, בערעטן, טשופּרינעס און פּליכן קוקן אַרויס די פאַרפינצ־טערטע פּענעמער. וואָס ליכטיקער דער הימל, אַלץ פינצטערער די פּענע־מער, אַלץ געדריידלטער די זיפצן, אַלץ געבראָכענער די שטערנקנייטשן. אַז מענטשן קומען זיך אָבער צונויף, ווערט מילדער די דערשלאָגנקייט און דער קאָלעקטיווער אָטעם מאַכט ווייכער די שטימונגען. קאָלאָניסטן נעמען כויזעקן פון די אייגענע צאָרעס און מען זוכט אינעם וויץ אַ פּינפּמינו־טיקע טרייסט.

אַ הויכער, אויסגעדאַרטער קאָלאָניסט, שטרענגט זיך אָן צו מאַכן אַ טויט־ערנסטע מינע און אַריינבייגנדיק זיין האַלדז אינעם רעדל בערד און פאַרשוויצטע פּליכן, גיט ער אַ זאָג:

---

(3) פּאַרוואַלטערס.

(4) קאַלאַניסטישע הויזן.

— „איר הערט, יידן, כ׳האָט געהערט אַז די מיניסטראַציע וועט אונדז נעמען קאָברירן אַ גרעסערן אַרענדע-אָפּצאָל, ווייל דער סקאָט עסט שוין פּראָסט-פּאָשעט די ערד; דער קאָנטראַקט פּאַזוואָלעט נישט (דערלויבט נישט), אַז דער סקאָט זאָל אויפעסן די קאַמפּן”...

אַ קורץ קוועקזילבערדיק יידל, מיט אַ פאַרשפּיצט ציטערדיק בערדעלע, גיט אַ שפּרונג:

— „סקאָט זאָגסטו? נו און אַפילע די הינער? ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן האָב איך שוין לאַנג געשלאָגן קאַפּאָרעס מיטן פּוסטן טאַראַראַם פון די קאָסעטשעס; כ׳האָב זיך גענומען בעלייוו וואָנעפּעש צום הינערפלאָד און אָוועקגעזעצט די גאַנצע קאָלאָניזאַציע מיינע אַף די אייער. קומט איצט אויס, איך זאָל דאַרפן אויספאַרקויפן דאָס ביסל הינער, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו פּיקן. פאַר מיין אַ י י ג ע נ ע ם מאַיס, וואָס יאָשקע פאַרך האָט באַ מיר אויסגענאַרט פאַר אַ פּעזע צוואַנציק, בעט מען איצט באַ מיר זיבן פּעזעס און מען גיט מיר אַ לאַ זשאַפּע(5) די גאָרגאָכעס(6) און די ווערעם”.

פון בערענטעס צימער גייט אַרויס אַ קאָמיסיע-מיטגליד מיט אַ צעקנייטשטן, אויסגעלונקענעם שמייכעלע:

— „מאַזלטאָוו אייך, יידן, אויס פּעזע! אונדזער פּעזע גייט אַוועק אין דער פּאַמפּע”... וואָס גלאָצט איר אַף מיר מיט די אויגן? יאָ, יאָ, אונדזער פּעזע! די פּעזע וואָס די רעגירונג האָט אונדז געזאָלט דערלייגן אפן קינטאַל ווייץ, שטעקט מען שוין נישט; מען גיט זי בלויז די פּאַמפּער קאָלאָניסטן, באַשער בעכיין זיי איז נאָך ערגער. איר ווייסט דאָך מיט וואָס פאַר אַ גרינגע ווערעם עס איז אונדז אָנגעקומען דער פריערדיקער צוזאָג, איצט איז שוין גוט, מען וועט שוין האָבן קאַדאָכעס מיט קאָשערע פּעדעם...

דאָס רעדל ווערט פאַרגליווערט. אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס געהערט צו דער יוגנטלעכער אַגראַר-אָרגאַניזאַציע „אָכאַ” ציגדט זיך אָן און שפּרינגט אַרויס:

— „לאַ פּ. קאַראַכאָ! קיינער נישט אַזוי ווי מיר האָט אַרויסגעוויזן

(5) ווי אַ צוגאַב.

(6) קערנער-פּאַראַזיטן.

אַזוי פיל האַרציקע סאָלידאַריטעט מיט אונדזערע ברידער פון דער פּאַמ־פּע, אָבער אויב מען וויל זיי העלפן, זאָל מען עס נישט טאָן אַף אונדזער כעשבן, בישאַס מיר האָבן אַליין נישט. עס קומט אויס, אַז מען וויל העלפן די קאָלאָניסטן, וואָס שטאַרבן פון הונגער, מיטן ביסן וועלכן מען רייסט אַרויס באַ אַנדערע ערדאַרבעטער, באַ קאָלאָניסטן, וואָס, אין זייער מאַ־טערן זיך, זיינען זיי נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מאַדרייגע פון הונגער־טויט. געהערט, צום טייוול, אַ געשיכטע ראַטעווען די פּאַמפּער קאָלאָ־ניסטן דאַרפן: נישט די סאָכרים, נישט די ספּעקולאַנטן, נישט די פאַברי־קאַנטן, נישט די גוטבאַזיצער נישט די פּיציכטלער, נישט די רעגירונג אַליין. נאָר מיר, די דערשטיקטע פון דער טריקעניש. מיט דער בלוטיקער פּעזע, וואָס מען רייסט אַראָפּ פון אונדזער ווייץ"!

אַן אַלטיטשקער קאָלאָניסט שאָקלט מיט זיין גראָער באָרד:

— „אַ מין גראַביאַזש, אַ מין גראַביאַזש".

פון כערענטעס צימער דערהערט זיך ווי אַ קאָלאָניסט מאַכט קווי־לעס:

— „איר הערט, סעניאָר כערענטע, ס'איז אַ נעבעכדיקער טאָג! איך האָב זיך שוין געהאַט געפּאַטשט אין בייכעלע, ערשט ס'איז אַן אויסגע־בלאָזענע איי. איך קום אין באַנק, זאָגט מיר דער כערענטע, אַז דער דעק־רעט איז טאַקע אַ שיינער דעקרעט און אַז קרעדיט אַף פּאַשע איז בע־פּיירעש אַ מיצווע צו געבן, נאָר מאַכן מאַכט ער זיך קעלוי יאָדאַ, כאָטש לייג אים צו אַ מאַקע און צוויי, און דריי. פון בוענאָס־איירעס, זאָגט ער, שרייבט מען אים עפּעס אַנדערש און ער איז אויך, זאָגט ער, מאַסקים, אַז דאָרט אויבן איז נישט אַלץ אין אָרדענונג. זאָג איך אים, איך בעט באַ דיר נישט קיין פופציק טויזנט פּעזעס, גיב מיר אַ צוויי הונדערטער. לאַכט ער און זייט אַרויס פון צווישן די ציינער: יאָלד איינער, ווען דו ביסט פון די וואָס דאַרפן פופציק טויזנט, וואָלט די געשיכטע עפּשער צוגע־גאַנגען אַ סאַך לייכטער. איר זייט אַ מייוון אַף דעם? יאָ, הערט נאָך עפּעס, גיי איך שוין אַרויס אַזוי אַ צעקלעמטער, באַגעגן איך אַ באַקאַנטן וויאַכאַנטע(7), זאָגט ער מיר, אַז נעכטן איז ער געווען אין נאַגאַזשאַ, איז דאָרט געווען אַ ווייסטער צוזאַמענפאָר פון פּאַשיסטן, טאַקע מיט אונדזער

(7) קאַמערץ־וואַיאַזשאַר.

אויהעווייסראָלדיקן גובערנאַטאָרס דערלויבעניש. מען האָט דאָרט, זאָגט ער, דעם כודיאָ נישט ארויסגעלאָזט פון מויל און מ'האָט פארשאָטן די שטאָט מיט אָט־אָ־די־אָ פלוגבלעטלעך. קוקט זיך צו אַף טשיקאַוועס, איר זעט וואָס דאָ איז אויסגעמאָלט? אַן אָנגעפרעסענער כודיאָ מיט באָרד און פּייעס שטעקט אריין אַ כאַלעף אין די געדערים פון אַן אויסגעדאַרטן קריאָזשאַ. און אונטן שטייט שווארץ אַף ווייס: די כודיאָס האָבן פאַר־כאַפּט ענטרע־ריאָס, די כודיאָס זיינען אונדזער גרעסטער אומגליק, די כודיאָס, די כודיאָס, די כודיאָס"...

דורך דער צעפּראַלטער טיר גיט זיך אַ טראָג אריין, ווי אַ צוקווינט אַ פארשוויצטער, רויטלעכער קאַלאָניסט, אין די פּערציקער, מיט אַ צעפלאַ־טערטער פרישער ציישונג אין האַנט:

— „יידן, לאָזט אַ מינוט צורו אייער טריקעניש! גיט אַ קוק אין ציישונג, וועט איר פארגעסן אַן אַלע אייערע טריקענישן, דריקענישן און דערשטיקענישן. די ברידערלעך אונדזערע דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ און דאָס איז דער טייערסטער באַלזאַם פאַר מיין הארצן. איר הערט, מען קנאַקט זיי די נאַצים, ווי די פליי, מען צעמורשטשעט זיי אַף ברעק־לעך, מען צעשעטקעוועט זיי ווי שטרוי, מען לאָזט זיי דורך ווי דורך אַ דרעשמאַשין, אַ בייזער, פינצטערער יאָר אַף זייער לייב און לעבן. פאַר אונדזער פארגאָסן בלוט דרעשט מען זיי גוט אוים די כאַזערישע קנאָכנס"!

דער אַלטיטשקער קאַלאָניסט הייבט אונטער זיין שטעקן און פלים־טערט אַרוים:

— „געלויבט האַשעם ייסבאָראַך, געלויבט האַשעם ייסבאָראַך".

ער פארלירט אַ טרער אין זיין ווייסער באָרד.

אַ פּינטלאָוויניקער קוק אַף קאָרדאָבע

I

מיט 3.500 יאָר יידישע געשיכטע אפן רוקן און מיט 80 יאָר יידישע ליטעראַטור אין הארצן בין איך געפאָרן דערציילן די קאָרדאָבער כאַוויירים וועגן יידישן טרויער און יידישער פרייד.

סיי די אַלטע, סיי די יונגע יידישע געשיכטע-יאָרן האָבן זיך אויסגעפוצט אין זייער שוטפישער גרייז-גראָקייט און האָבן זיך גענומען פאַרמעסטן אַף מיינע פּלייצעס, ווער פון זיי איז שווערער. די יידישע פרייד האָט זיך אָבער נישט ווייסנדיק געמאַכט פון דעם וואָס עס קומט פאַר אַף מיינע פּלייצעס און איז ווי אַ שוואַלב אַרומגעשפּרונגען פון ריפּ צו ריפּ און האָט אַלע ווײַלע אויסגעבאָדן איר צעזונגענעם שנעבעלע אין מײַן האַרצן...

פון יענעם זייט וואַגאָן-פענצטער איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע. אַיי-נעם פאַרעלטערטן, געלן ווינטער האָט זיך אַריינגעשטאָכן די שפּיזיקע גרינקייט פון יונגן ווייץ; דאָס פירפיסלדיקע, געקרייזלטע אומשולד פון אָקערשט-געבוירענע שעפּעלעך האָט געבלאַנקט אונטער פולע מאַמישע אייטערס און די רויטע סאַמעטענע נאַקעטקייט פון יונגיטשקע קעלבעלעך האָט געלויכטן אונטערן פייכטן ליבע-אָטעם פון קיעשע נאָזלעכער.

און אָט האָט זיך גענעבן אַ באַוויז אַ געשטאָרבענער, טרוקענער טייך, וואָס האָט מיך געצוואונגען אַ וואונדער צו טאָן זיך: ווי קומט עס אַז אַ וואַסער וואָס איז געוואוינט יענעם איינצושלינגען און יענעם צו דערטרינקען, זאָל גאָר אַליין דערטרונקען ווערן? עס איז אָבער פאָרט אַ

דערטרונקענער טייך; ער ליגט ווי אַ זאַמדיקער באַרמינען, וואָס דאָס וואַסערדיקע ביעס איז פון אים אויסגערונען, אָבער אָט איז אַ צווייטער טייך וואָס האָט צו פיל וואַסערדיקן רועך־כאַים און וואָס שפייט מיט רעציכע־שוים אַף אַ דאַמבע וואָס איז שטייף פאַרצויגן אַף זיינע לענדן. אָט איז אַ „קאַראַנטשאַ" וואָס פלאַטערט פויל אַרום אין דער לופטן און נישטערט פאַדלע־רייבעס, און אָט איז אַ וואָראָבייטשיקל וואָס טענצלט אַרום ווי אַ מוזיקאַלישער טאָן אַף די טעלעגראַף־דראָטן, און אָט איז קאַרדאָבע, די שטאָט אַליין.

II

קאָרדאָבע הייבט זיך אָן אומגעריכט שנעל, אָן פאָרשטעטלדיקע האַקדאָמעס, אָן איינהייטלעך־אויסגעענדיקטע, אַ גאַנצע ווי אָן איינגעבונדן בוך.

אַ סאַך אַרגענטינער שטעט זעען אויס ווי ביכער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע טאָוולען; ביכער, וואָס די ערשטע זייטלעך זייערע זיינען צעפליקט און שמוציק. די שטאָטישקייט פון אַ סאַך שטעט הייבט זיך אָן אין מיטן שטאָט און דאָרט ענדיקט זי זיך. קאָרדאָבע הייבט זיך אָן פון אָנהייב; זי הייבט זיך גלייך אָן מיט זיך אַליין, ווי אַ גוט בוך, וואָס דאַרף נישט קיין אַריינפירן. קאָרדאָבעס הינטערשטאָטישקייט איז נישט קיין פאָרשטאָטיקע נאָר אַן אָנהייבשטאָטיקע און דערפאַר פאַרמאָגט זי נישט די פאָרשטאָטיקע עלנטקייט פונעם „אַראַבאַל", וואָס איז מוזיקאַליש אַריינגעדרונגען אינעם אַרגענטינער טאַנגאָ־אומעט.

ווען מען פאָרט קיין קאָרדאָבע, שטעלט מען זיך פאָר אַז די שטאָט גופע איז באַרג און שטיין; אַז די שטאָט הענגט ווי אַ קראַנץ קאַרעלן אַפן האַלדז פון אַ מעכטיקן באַרג, אָבער דאָס ערשטע וואָס די שטאָט טראָגט אונטער, ווען זי גיט זיך נאָר אַ באַווייז, איז אַ ליימיק־טאָליקע אַנטוישונג פאַר דער צעהיצטער, שטייניק־באַרגיקער פאַנטאַזיע פון דעם גאַסט.

קאָרדאָבע, די הויפּטשטאָט פון די בערג, ליגט גאָר אין אַ טאָל, אָדער בעסער געזאָגט אין אַ באַרגשיסל. מיט אירע אָנהייבשטאָטיקע ענדגלידער כאַפּט זי זיך אָן אין די בערג, קלאַמערט זיך אין זיי, אָבער גליטשט זיך אַראָפּ. קאָרדאָבע וויל אַרויפקריכן אַף אירע בערג, אָבער עס

דוכט זיך אויס, אַז זי קען זיך נישט פאַראַנקערן אין דער קרישלדיקער ליימיקייט פון אירע ערשטע באַרגאַרויפן...

אַז מען גיט דעם ערשטן קוק אַף קאָרדאָבע, דערזעט מען נישט קיין באַרגשפיצן נאָר קלויסטערשפּיצן און נאָך דעם באַמערקט מען אַז אַ ווינקל פון קאָרדאָבער הימל איז פאַרכמאַרעט מיט בערג. פון קאָרדאָבער באַרגשיסל טויכנט אַרויס אַ פרומע פאַרשפּיציקטקייט, אַ צעציילעמטקייט. די אויבערפלאַך פון דער שטאָט זעט אויס ווי אַ שניידערשע קישעלע, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעשטעקט פאַרשיידענע איבערגעציילעמטע נאָדלען. אַז מען הייבט אויף די אויגן צו דער זון, מוז זיך דער בליק ווי אַ פאָדעם אַריינציילן אין אַ קלויסטער־נאָדל און ווי מען גייט נאָר אַרויס אין גאַס, מוז מען זיך באַגעגענען מיט עטלעכע ברייטשטייניקע, באַיאָרנטע קלויסטערס.

און נישט נאָר אַלטע און גראָע קלויסטערס באַגעגנט מען. אָט שפּראָצט אַרויס פון דער ערד אַ פרישער, אַן אויסגעפּוצטער קלויסטער, וואָס האַלט זיך אין בויען שוין עטלעכע יאָר. זיינע גאָטישע טורעם־נאָדלען ווערן ספּעציעל געצאַצקעט מיט קאַכלע־מאָזאַיק, זיי ווערן אַרומגעבאַנדאַזשירט מיט געדרייטע לייטערלעך און עס ווערן אין זיי אַריינגעקישעפּט אַן אַ שיר אַרכיטעקטאָנישע קונצן. דאָס איז מאָדערנע, אַעראָ־דינאַמישע גאָטיק. דאָס איז די מאָדערנע פריזור פון אַ נייעם קלויסטער, וואָס וויל אַריינברענגען פרישע געקרייזלטקייט אין זיין אַלטער סטילי־זירטער גאָטישקייט. מען וויל אָבער נישט לאָזן וואַרטן די גלוביקע. דער קאָפּ פון קלויסטער ווערט נאָך פריזירט און געקרייזלט, אָבער אין זיינע אינגעווייטן וואוינט שוין גאָט און פאַרנעמט דאָס געבעט, וועלכן עס איז ענג געוואָרן אין די אַנדערע קלויסטערס.

און אָט איז אַ קלויסטער מיט עטלעכע אויסגעהאַקטע שויבן. ווי קומט עס? אַ קלויסטער איז דאָך בעטעווע אַזוי נעט און אַזוי אָפּגעהיט, אַזוי ריין און אַזוי שיין געקליידט, טאָ פון וואַנען נעמט זיך דער דאָזיקער שניט, דער דאָזיקער גלאָזרים, אַף ז יי ן שטיינערנעם מאַיעסטעטישן בעגעד?

לאָזט זיך אויס אַז דאָס איז אַן אַלטע, אַ פאַרעלטערטע אויסגעהאַקט־קייט און אַז זי ווערט אָנגעהאַלטן בעקיוון. דער קלויסטער שטעלט ספּע־ציעל אויס די צעבראָכנקייט פון זיינע שויבן. עס איז אַ טיפזיניקע קלויס־

טער־דעמאנסטראציע, א דעמאנסטראציע וואס האלט שוין אן צענדליקער יארן. עס לאזט זיך אויס אז די דעמאנסטראציע איז אויך קעגן מיר, ווייל איך קען נישט לייקענען אז איך בין א ייד.

אין יענע ווייטע יארן האט מארשירט איבער קארדאבע אן ארבעטער־מאניפעסטאציע. ווען די מאניפעסטאציע איז פארבייגעגאנגען פאר־ביי דעם קלויסטער, האט זי זיך נישט איבערגעציילעמט, נאר האט אבי־סעלע צו האסטיק א שליידער געטאן א פאר שטיינער אין די שויבן. אזוי ווי צווישן דער פלייצנדיקער מאניפעסטאציע האט זיך אויך געפונען א יידישער ארבעטער, איז גלייך אויפגעקומען די לאגישע פארבינדונג: ייד־שטיין־קלויסטער און דער גאנצער איניען האט באקומען א יידישן אוי־בערשלאק און א קאמוניסטישן אונטערשלאק.

די פאטערלעך פון דער קירכע, פון זייער זייט, האבן גוויזער דין גע־ווען אז מען שטעלט נישט אריין די שויבן. זאל די אויסגעהאקטקייט שרייען און וואָרענען, זאל דאס פארוואונדעטע הייליקע גלאז דערציילן לעדויר־דוירעס, אז יידן האבן אין קארדאבע אפגעטאן א מאיסע־נוירא מיט קלויסטער־שויבן, פונקט ווי זיי האבן מיט 1900 יאר צוריק — —

נאכן באגעגענען זיך מיטן דאזיקן קלויסטער, האט דער יידישער טרויער וואס האט געהויערט אף מיינע פלייצעס באזיגט די יידישע פרייד, וועלכע האט זיך, בעכארפאסא, געמוזט באהאלטן ערגעץ ווייט, אונטער דער זיבעטער ריפ. באנאכט, האב איך מיט א ספעציעלער ווירטואזישער פארביטערטקייט געקענט ריידן צו מיינע קארדאבער כאוויירים אף דער טעמע פון יידישן ווייטיק...

III

מיין אפגעשמיסענע יידישע פרייד האט אבער לאנג נישט געוואלט ליגן באהאלטן אונטער דער זיבעטער ריפ און האט פאר איר שטאטיש־קלויסטערדיקן אגמעס־נעפעש געפאדערט אן אויסערשטאטיקע, בארג־קלעטערישע קאמפענסאציע, ביפראט אז אין אוונט האט זי זיך גענדארפט באווייזן פאר די קארדאבער כאוויירים אין איר גאנצן פאלקלאריסטישן און שאלעם־אלייכעמדיקן גלאנץ. די יאטן האבן עס פארשטאנען און מיר האבן זיך ארויסגעכאפט אין די בערג.

מיר רייסן דורך דעם געפלעכט פון געשניצטע טשאַלעטלעך מיט וועלכע קאָרדאָבע איז צוגעבונדן צו די בערג און מיר נעמען זיך שרויפן אין די הויכקייטן, אַרום דעם ערשטן באַרג-מאַסיוו.

די גראָ-געלבלעכע שטיינערנע אָנגעהויפּנטקייט גיט אַ צעשנייד די האָריזאָנטן מיט אירע קינבאַקן און גיט אונדז אַ שלונג אַריין אין אירע גראַניטענע געדערעם. דער שטילער, ווייסער וועג דרייט זיינע רינגען און ספּיראַלן, וויקלט זיך פאַרביי אָפּגרונטן און שלענגלט זיך אַרום די שטיינערנע טאָרסן און פּיראַמידן פון די באַרג-קייטן.

אַרום און אַרום גליווערט אַ שטומע נאַקעטקייט. די בערג האָבן קיין בערד נישט; נישטאָ אַף זיי קיין געדיכטע, גרינע צעקודלטקייט, קיין וואַלדיקע פּייעס, קיין געדיכט-בוימערדיקע צעשויבערטקייט און קיין רויִשיקע פאַרוואַקסנקייט. עס קרייזלט זיך אַף זיי אַ קליינוואוקסיקער קוסטן-געצווייג און איבערגעוואַקסענע געלבלעכע גראָזן, וואָס זעען אויס ווי שיטערלעכע הערעלעך אַף אַ פאַרעלטערטן קאַרק.

דער שמאָלער, שטילער וועג ליגט אַ שעמעדיקער צווישן בייזע שטעכל-דראָטן. יעדער באַרג איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטעכיקן גאַרטל און דער גאַרטל איז מאַכריז אומוידיאַ:

— האָט קיין טאָעס נישט, דאָס איז נישט סטאָם קיין באַרג, דאָס איז פּריוואַט-אייגנטום!

יעדער באַרג אין קאָרדאָבע איז קוידעם קאָל אַ באַרג פון אַ קאָרדאָבער פּאָרעץ און שפּעטער ערשט — גאָטס אַ באַרג, און נאָך שפּעטער — אַ קאָרדאָבער באַרג. קיין סטאָם באַסערוועדאָמיקע בערג זיינען נאָך אין קאָרדאָבע נישטאָ.

און אַז מיר דערקלייבן זיך דורך פאַרשיידענע באַרגאָדערן און באַרג-שפּאַלטן, דורך וועלכע דער וועג שפּאַרט דורך זיינע זיגזאַגן, צו איינעם פון די שפּיצן וואָס טראָגט דעם נאָמען צוקערהוט, באַגעגנט אונדז אַ סלופּ מיט אַ מירמלנעם טאָוול און פון טאָוול אַרויס גיבן אונדז אָפּ שאָלעם-אַלייכעם אוריבורו און קאַרלאָס איבאַרגורען...

זיי גיבן אונדז צו וויסן אַז דעם ווייסן קלעטער-וועג אַף וועלכן מיר האָבן געמאַכט אונדזערע יידישע האַקאַפעס אַרום די בערג, האָבן זיי „גע-בויעוועט און געסטראָיעוועט", נישט זיי כאַלילע, נאָר:

בעימייהעם, בעימיי האַאַדוינים, יאָרום הוידאָם...

אַף אַזאַ מין סאָרט ביטערער באַגעגעניש אַפן סאַמען שפּיץ פון צו-קערהוט האָב איך זיך נישט געריכט. האָט געלוינט צו אַנטלויפן פון קלוים-טערשפּיץ צום באַרגשפּיץ, אַז בעסאַכאַקל זיינען ביידע שפּיצן, מאַיסע סאַטן, אַזוינע אַף וועלכע מיין יידישע פריידי קען נישט אַרויפציען איר פּאָן?

צום אָנדענק פון דער דאָזיקער באַגעגעניש האָב איך גלייך אַף אַן אָרט איינגעהאַנדלט אַ קליינינקן, אויסגעשטאָפּטן קאָרדאָבער אייזעלע און, אין העסקעם מיט דער פאָלקס-טראַדיציע, האָב איך אויסגעבייטלט אַלע מיינע בייזע כאַלוימעס צו זיין גרויסאויערדיקן קאָפּ...

ס'איז געוואָרן קיל. אַ בייז באַרגווינטל האָט זיך גענומען דרייען אַרום טאָוול, גענומען שנעלן אַף אים באַרגשטויב און גענומען בלאָזן אַף אים פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט אים וועלן אומוואַרפן. האָבן מיר אַלע אַריינגעטאָטעמט אין זיך דאָס דאָזיקע מעכאַיעדיקע ווינטל און אַראָפּגע-לאָזן זיך שנעל פון אומהיימלעכן צוקערשפּיץ צו קאָסקין צו.

דאָס דאָזיקע אַנטיטובערקולאָזע שטעטעלע, וואָס לייגט קאָרדאָבער לאַטעם אַף צעלעכערטע לונגען, לויכט ווי אַ קרישטאָלן קונסט-קעסטעלע. די לופט איז עפּעס אַזוי דורכזיכטיק, ווי זי וואָלט קראַנק זיין; זי איז אָבער בלויז אָפּגעשוואַכט און פאַרשימערט פון צו פיל שייערן און רייניקן קראַנקע ברוסטקאַסטנס...

הינטערן שטעטל שטייען באַרוועסע בערג און וואַשן זייערע פיס אין שטילע וואַסערלעך, און אַרום און אַרום: שלאַכטהייזער פאַר באַצילן, סאַ-נאַטאָריע-טעראַסעס, צעפּענצטערטקייט, צעזוניקטקייט, אויסגעווייסטקייט, אַטמאָספער פון „צויבערבאַרג”... פון אַ דערבייאיקן באַרג האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן טאָמאָס מאַן...

און מיט אַ מאָל האָט געגעבן אַ כליאַפּ אין דער לופטן. שניי? יאָ שניי און נישט שניי. לופט-שניי וואָס האָט נישט קיין קויעך צו ווערן ערד-שניי. שניי וואָס איז אַזוי שוואַך און דעליקאַט, אַז פאַלנדיק צע-קלאַפּט ער זיך אַף טויט און עס לאָזט זיך פון אים אויס אַ טייך. נאָך אַ קאָרדאָבער אילוזיע וואָס פּלאַצט אין דער לופטן...

און אָט איז אַ שטיק קאָרדאָבער פּלאַכלאַנד, וואָס ווייזט יעדן דורכ-גייער איר פרוכטבאַרקייט.

צוזאַמען מיט שעפּעלעך און קעלבעלעך קומען דאָ אַף דער ליכטי-

סער שיין אויך אנדערע באשעפענישן, און איך האָב שטאַרק געוואָלט אַז די יונגיטשקע באשעפענישן, וואָס ווערן דאָ געבוירן אונטערן פרייען הימל, זאָלן אויך אַ ריר טאָן דאָס האַרץ מיט זייער אומשולד; איך האָב געוואָלט אַז זייער ציגלרויטקייט זאָל אויך אַ גלעט טאָן דאָס געמיט ווי דער רויטער, מיטן מאַמישן צונג אויסגעוואַשענער, סאַמעט פון אַ פיטשע-מאַנטשיק קעלבעלע. מיין האַרץ האָט אָבער היינט נישט געפילט דאָס זעלבע וואָס נעכטן און איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַז עפשער בין איך נישט מיט אַלעמען.

די דאָזיקע אָקערשט-געבוירענע באַשעפענישן זיינען קליינינקע, בילד־שיינע הייזקעלעך, אַזוינע גלייכינקע, אַזוינע דיסציפּלינירטע, אַזוינע אין־דער־ריי־שטייענדיקע, און לעבן זיי סקעלעטן פון גרעסערע קאַזאַר-מעס. אין דעם פאַל זיינען די סקעלעטן נישט קיין סימבאָל פון טויט. עס איז טאַקע ריכטיק אַז ווען מען זעט אַ סקעלעט פון אַ מענטשן, ווייסט מען אַז דאָס איז אַ געוועזענער מענטש, אָבער אַז מען זעט אַ סקעלעט פון אַ קאַזאַרמע, קען מען זיין זיכער אַז דאָס איז אַ צוקונפטיקע קאַזאַרמע...

און אָט איז ווידער קאָרדאָבע. אונדזער פייל-און-בויגן־אויספלוג ווערט אָבער נישט אָפּגעהאַקט אַפן שוועל פון דער שטאָט.

אָט איז אַ פּאַלאַץ וואָס האָט זיך צעלייגט ברייט אין מיטן קאָרדאָבע און וואָס געהערט צו דער פּריצישער פערעיראַ־פאַמיליע. זינט יאָרן ווי אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער מישפּאָכע הולטייעווען אין פּאַריז און טויזנטער־העקטאַריקע שטאָכים פון דער גוטער קאָרדאָבער ערד שיקן זייער זאַפטיקן האָב און גוטס פאַר זייער צוגעפּוילטן לעבן. געבליבן פאַר-וואַלטן מיטן אייגנטום איז בלויז איינער פון זיי, אַ מעלאַנכאָלישער טאָם, וואָס איז גלייכגילטיק צו פּאַריזער זינד. און שוין צענדליקער יאָרן אַזוי ווי אין הונדערט-צימערדיקן פּאַלאַץ וואוינט אין דער פינצטער די פּרי-צישע מאָרע־שכוירע און עס לייכט זיך נישט אַרויס פון דאָרט קיין שיין פון לעבן.

און אָט איז אַ שווישפּילפּלאַץ, געבויט אין גענויעם סטיל פון אַ גרי-כישן אַמפיטעאַטער. איך וויל אַריינזאַפּן אין מיינע אויגן די רעפּראָדו-צירטע העלענישע טעאַטער־אַרכיטעקטור, אָבער דער סאַטן וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיר, שושקעט צו מיין געמיט: „צו וואָס די דאָזיקע גריכישע האַלוצינאַציעס, וואָס זיינען אַזוי ווייט פון אונדזער ווירקלעכ-

קייט און פֿון די באַדערפֿעענישן פֿון אונדזער קונסט? האָט נישט אונדזער הײַנטצײַטיקייט קיין אייגענעם, אויסדרוקספֿולן פּנים? דאַרף זי נאָך אַלץ בעטלען שיינקייט אין אַלטן אַטען?״

און אָט איז אַן אָריגינעלער זאָאָלאָגישער גאָרטן, וואָס געפֿינט זיך נישט אין אַ פּאַרק, אויף דער ערד־אויבערפֿלאַך, נאָר אין אַ קאָרדאָבער שפּאַלט, אין אַ מין טעהאָם צווישן צוויי באַרג־אָראָפּפֿאַלן. דעם דאָזיקן שפּאַלט האָט מען נישט אורבאַניזירט און נישט ציוויליזירט, נאָר מען האָט אים געלאָזן אין נאַטירלעכן צושטאַנד, אַ פֿאַרוואַקסענעם, אַן אָרומגעביסענעם; נישט אַרויפֿגעצויגן קיין אַספֿאַלטענע הויט אויף זײַן זאַמדיקן לײַב, נישט אויסגעגלײַכט מיט מענטשלעכער סימעטריע זײַן שיינע, נאַטירלעכע ווילדקייט, קעדיי די כאַיעס זאָלן זיך פֿילן באַקוועמער און היימישער. און דער סאָטן וואָס זיצט אין מיר בונטעוועט זיך ווײַטער: פֿאַר וואָס זאָרגט מען גראָד אַז די כאַיע זאָל זיך פֿילן היימישער און נישט דער מענטש? איז שוין דאָס מענטשלעכע לעבן געגנוג היימיש, אַפֿילע דאָ, אין קאָרדאָבע, וואו די ערד איז אַזוי נאָענט צו די הימלען?

עס קלאַפּט די אָוונט־שאָ, ווען כ׳דאַרף איבערגעבן דעם קאָרדאָבער אוילעם אַ מוסטער פֿון יידישער פֿרייד. איך הער אויף צו שעפּן פֿון קאָרדאָבער באַרגשיסל און מיר פֿאַרנעמען זיך צוריק.

אַפֿן וועג דערציילט מען מיר, אַז אַ שטיקל פֿון קאָרדאָבער פּייזאַזש מערקט זיך אויך, פֿון צייט צו צייט, אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. עס זײַנען דאָרט אויך פֿאַראַן בערג, וואָס זייערע פֿאַרריסענע שפּיצן זעען אַרום זיך נאָר אָפּגרונטן, אַפֿילע ווען די אָפּגרונטן זײַנען פּרוכטיקע טאָלן. איך דערמאָן די כאַווײַרים, אַז אויף די בערג וואוינען געוויינטלעך שאַרפֿנעגלדיקע אָדלערס וואָס לעבן פֿון רויב, בעיים די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע איז אויפֿגעקומען אין די טאָלן, וואו עס וואַקסט און גערייט דאָס ברויט. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס דאָס גוטע ברויט פֿון די טאָלן איז אַזוי צוגענגלעך פֿאַר די פֿרעסערס פֿון די בערג. פֿאַר געוויסע עסערס וואָלט געדאַרפֿט עקזיסטירן אַ ספּעציעלער סאָרט ברויט: ברויט מיט דערנער...

אונדזער אויטאָ גיט זיך מיט אַ מאָל אַ האַסטיקן שטעל אָפּ. ווײַסע פּאָליציי־אַרבל און אַ געדיכטע קאַטוילישע פּראָצעסיע פֿאַרשטעלן אונדז דעם וועג. די יידישע פֿרייד, וואָס איך פֿיר מיט זיך, מוז מאַכן אַן אומ-

קרייז פון עטלעכע קוואַרטאַלן ביז זי באַגעגנט זיך מיטן צונויפגעקליבע־
נעם קאָרדאָבער אַמכאַ.

זעלטן איז מיר די יידישע פרייד אויסגעקומען אַזוי שווער ווי יע־
נעם אָוונט; עס איז מיר פּאַשעט געווען שווער אויפצוהייבן זי און ווייזן
זי פאַרן אוילעם. ווען נישט שאַלעם אַלייכעם וואָס האָט אונטערגעשטעלט
אַ פּלייצע און וואָס האָט בעפּויעל מאַמעש געעפנט יענעם אָוונט אַ צוויי־
טן פרייד-פּראָנט אין קאָרדאָבע, וואָלטן מיינע רייד וועגן יידישער פרייד
ארויסגעקומען זייער אומעטיקע...

IV

צוריק אַהיים האָט מיר געטראָגן אַ נאַכטבאַן. דער כווישעך האָט זיך
פאַרקליבן אין די שויבן און די פענצטער-פינצטערניש האָט פאַרשלאָסן
פאַר מיר גאַטס וועלט, מיט אַלע אירע געבורטן און ראַנגלענישן.

אָפּן ווייסן לייוונט פון מיין געמיט האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן
באַוועגן דער דאָקומענטאַלער פילם וואָס איך האָב נישט-ווילנדיק אָנגע־
דרייט אין קאָרדאָבע און אַביסל שפּעטער האָט די מידקייט גענומען שטע־
לן אירע בלייערנע טריט אַף מיינע אויגן.

אין האַלב-דרעמל האָט זיך מיר געדוכט, אַז די פליענדיקע באַן איז
אַ ביקסנקויל וואָס בויערט און צעשיסט די פינצטערניש...

ליטעראַטור

דער שוואַרצער דימענט

I

צווישן פיר גרויסע וואַסערן איז געלעגן פּאַרטייעט אַ שטילע יידישע טעריטאָריע.

די געאָגראַפיע מיט אירע שטרענגע פּאַראַלעלן און מערידיאַנען האָט זיך נישט ווײַסנדיק געמאַכט פון דער דאָזיקער מעדינע, אָבער די מעדינע גופע האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער געאָגראַפיע. האַגאַם די דאָזיקע טעריטאָריע האָט נישט געהאַט קיין דריסאַם־האַרעגל אַף קיין שום מאַפּע, האָט זי אַף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אַף צו להכעיס דער גאַנצער געאָגראַפישער אומגעזעצלעכקייט אירער.

די יידישע מעדינע איז נישט געווען קיין פאַנטאַסמאַגאָריש מאַי־סעלע־לאַנד און נישט קיין פּיבערדיקע אויסטראַכטעניש פון אַ קראַנקן גאָט, נאָר אַן עמעסדיק ערדיש וועזן, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט זײַן ליט־ווישן קאָפּ אָפן קורלענדישן באַלטיק און געווייקט זײַנע אוקראַיניש־בעסאַראַבישע פים אין שוואַרצן יאַם, און אָנגעשפּאַרט זיך מיט זײַן ווײַסרוסיש־וואָלינישן עלנבויגן אַף די אויבערשטע געהילף־וואַסערן פון דניעפּער, און געגלעט מיט זײַן פּוילישער דלאָניע די וואַסער־לאָקן פון דער ווײַסל...

דאָס דאָזיקע דרײַעקיקע וועזן איז געלעגן אין דער מאַירעוודיקער פּאָלע פון רוסישן צאַר, אָבער אין דער עמעסן איז עס געווען אַ יידישע

מעדינע, א מעלעך-עוויגנדיקע מעדינע, וואס דער מעלוכע־הערב אירער איז געווען א קליאטשע, די פּאן — א טארבע, דער הימן — „כל ישראל — איין קבצן", די בירגער — „יידעלעך", די באַרימטסטע שטעט — קאבצאנסק, גלופּסק און טונעיאדעווקע...

ווי הויפּנס טונקעלע זומער־שפּרענקעלעך זיינען זיי געלעגן צעשאטן די שווארצע יידישע שטעטלעך אפן בלאַנדפאַנימדיקן לאַנד. געלעגן זיינען זיי און געווייקט זייער הילצערנע צעהויקערטקייט אין בלאטע, און פאַרווייסט און געיידישט די דאַזיקע בלאטע מיט אויסגעגאַסענע פּאמוי־ניצעס. לויטן אינהאַלט און אויסזען פון די יידישע פּאַמויניצעס האָט מען מיט קאַלענדאַרישער זיכערקייט געקענט וויסן צי היינט איז פרייטיק אָדער שאבעס, אָדער זונטיק, אָדער מאָנטיק...

צווישן דניעפּער און ווייסל האָט געטריבן זיינע פעטע כוואַליעס דער יידישער טייך גניל־אפּיאטעווקע, וואס די וואסערן זיינע זיינען געווען אַזוי יידישלעך געדיכט, אַז מען האָט זיי געקענט אַריינלייגן אין קעשענע און נישט פאַרלירן...

קיין שאלווע האָט אָבער נישט געהערשט אַף דער אויבערפלאַך פון די בלאָטעס. די „יידעלעך" האָבן זיך נישט געוועלט אויסגלייכן צווישן זיך און האָבן זיך נישט געשפּילט אין קיין אידיליעס. אַביסעלע טיפער אין די בלאָטעס האָט זיך געבלעזלט און געקאַכט, און קאַהאַלשע קאָכלעפל און קאָל-וועלאָכס האָבן מיט רעדלפירערישער פלינקייט און טאַקיפישער בענימעסדיקייט געמישט אינעווייניק און איבערגעמישט, געקנאָטן און איבערגעקנאָטן, און געפירט די יידישע מעלוכע „ביד חזקה".

פון יענער זייט ווייסל האָט א בלאָז געטאָן די איידעלע, וויסהייטל־דיקע האַסקאָלע, וואס האָט פון גניל־אפּיאטעווקער בלאָטע געוואָלט מאַכן סמעטענע... די דאַזיקע האַסקאָלע האָט אַף א „דויטש-שפּרעכנדען" און העברעיש־מעצאפצעפּדיקן אויפן געוואָלט דערוויזן די אויסגעקוואַרטע „יידעלעך" די וויכטיקייט פון רוסישער „פּראָסוועסטשעניע" (בילדונג). האגאַם די האַסקאָלע האָט געשטאַמט פון סייכל, איז זי אָבער לוי אַליינו געווען קרומסייכלדיק און באַסמאַלקעדיק טאַמעוואַטע; זי האָט אָבער גע־מיינט, נעבעך, צו טאָן גוטס מיטן גאַנצן האַרצן. געוואָלט האָט זי אויס־פּלאַסטערן די געדיכטע בלאָטעס מיט איר הימלשן שלייער, אָבער מאַיסע־סאָטן האָבן גאָר די בלאָטעס צוגעדעקט דעם שלייער. קילאָכאַר יאַד האָט

זי יאָ עפּעס אַ ריר געטאָן אין קאַבצאַנסק, אָבער קיין סמעטענע פון בלאָ־טע האָט זי נישט באַוויזן צו פּראָדוצירן...

II

די לעבעדיקע שטריכן פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער יידישער מעדינע וואָלטן צערונען געוואָרן אין געשיכטלעכער פאַרטושטקייט, אין וואַלדגעדיכטעניש פון פאַרגעסנקייט און אין טרוקענער היסטאָרישער סאַכהאַקלדיקייט, ווען נישט דער גרויסער כראָניקער און מיניאַטור־קינסטלער אירער — רעב מענדעלע.

ווי יעדער שרייבער איז אויך מענדעלע געווען אַ באַלן צו געבן אַ שפּיגל אָפּ אין אַ קינסטלערישן טראָפּן טוי די גאַנצע זון פון יידישן לעבן, אָבער עס איז שווער געווען צו געפינען אין דער גאַנצער יידישער מעדי־נע אַ ליכטיק־לויטערן טראָפּן און נאָך שווערער — אַביסעלע זון. אַנ־שטאָט אַריינצופאַלן אין אַצוועס איז מענדעלע געפאַלן אַף אַ פּראָסטן איינפאַל. ער האָט דערשטיקט אין זיך די זוניק־טויאיקע גלוסטונגען און האָט, בימכילע, גענומען אַ גנילאָפּיאַטעוועקער טראָפּן בלאָטע, און האָט דעם דאָזיקן שווערן, שוואַרצן טראָפּן געהייסן טאָן שפּיגל־אַרבעט.

דער בלאָטע־טראָפּן האָט נישט ווידערגעשפּעניקט און איז געווען געהאָרכיק, און ער האָט גענומען אַריינשפּיגלען אין זיך שטיקער יידיש לעבן, אַריינגערעכנט שוין די נאַטור־שיינקייטן פון דער יידישער מעדי־נע. וויפל מענדעלע האָט נישט געפּאַקט און אַריינגעפּאַקט אין אים, האָט ער אַלץ אַריינגעשלונגען אין זיין שוואַרצשפּיגלדיקער קיילעכדיקייט אַריין און האָט מיט אַ מאָל גענומען לויכטן פון אינערלעכער רייכקייט און בילדערזאַטקייט, און איידער מען האָט נאָך באַוויזן גוט אַרומצוקוקן זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון טראָפּן בלאָטע איז געוואָרן אַ שוואַרצער דימענט...

דער דאָזיקער שוואַרצער דימענט פון מענדעלעס שאַפן איז געוואָרן דער ערשטער גרונט־פאַרמעגן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. עמעס, אויך פריערדיקע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן איבערגעלאָזן אָנהייבן פון ליטעראַרישער שניצאַרבעט און פאַרשיידענע פּאָלירטע שטיינער, וואָס

שוואַרץ זיינען זיי טאַקע געוואָרן, אָבער קיין דימענטן זיינען זיי נישט געווען...

מענדעלעס זיידישקייט איז נישט בלויז אַ סיידערדיק־כראָנאָלאָגישע, נאָר טאַקע אַן אָרגאַניש־יערושעדיקע, אַ דינאַסטיש־פּאַטריאַרכאַלישע, אַן אוראַם־אָווינודיקע. אין די צעשטערנטע טיפּעגישן פון שוואַרצן דימענט קען מען אויסגעפינען אַ סאַך וואָרצלען פון שאָלעם־אַליכעמען, פון בערגעלסאָנען און פון גאַנצן מאַזלבראָכעדיקן נאָכוואוקס, וואָס גרינט אין אונדזער ליטעראַטור.

III

מיטן שאַרף פון זיין אייגענעם לעבן האָט מענדעלע געמאַכט אַ שניט איבער דער יידישער מעדינע. און דער שניט איז געווען אַ טיפער, אַן אַכציקיאָריקער. פון קאַפּוליע, אין ליטווישן צאָפן, וואו ער איז געקומען אויף דער וועלט, ביז אָדעס, אויף דער דאָרעמדיקער יידישער יאַם־גרענעץ, פון וואַנעט ער איז אַוועק פון דער וועלט, האָט אים זיין גוירל דערנערט מיט די שטאַרקע, ביטערע מאַרער־זאַפטן פון יידישן פאָלקסלעבן.

ער האָט נישט אויסגעשווענקט זיין מויל מיט האָסקאָלע־וואַסער, ווי די אינטעליגענטישע מאָדע איז געווען. ער האָט איבערגעלאָזן אויף זיין צונג די ברענענדיקע ביטערניש, און די דאָזיקע ביטערקייט איז גאַנצערהייט אריין אין זיין ליטעראַרישן אַקצענט, אין זיין קינסטלערישער אויסשפּראַך. דאָס איז שייך נישט נאָר דעם סאַטירישן לעוואוש פון זיין שאַפן, נאָר אויך דעם אויפן פון איבערנעמען זיך בעליווו וואָנעפּעש מיטן געשילדערטן עפּיזאָד.

דערפאַר איז ער אין זיין שרייבן נישט געווען קיין סטאַם באַשרייבער, נאָר אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער, אַן **אָ נ ט יי ל נ ע מ ע ר**. עס האָט זיך אָפּט אויסגעדוכט, אַז ער שרייבט נישט מיט קיין פען, נאָר מיט אַ מעסער און מען האָט בעפּיירעשׂ אַרויסגעפילט, אַז זיין קונסטפּענדזל דינט אים נישט נאָר צו מאָלן נאָר אויך צו שמייסן. אָפּטמאָל איז זיין קעמפערישע אייפערדיקייט און זיין באַגער צו פאַרמישפּעטן דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט מיט שטיקער פּראָקוראַטאָרישער פּובליציסטיק זיין אייגענע בעלעטריסטיק.

און קעמפן איז געווען קעגן וועמען. קוידעם-קאָל קעגן אינערלעכן סוינע פון יידישן בלאָטעלאַנד — דעם פאַריסענעם ספאָדיק-קלאַס, די שפיכאַס-דאָמימדיקע סטראַפטשעס און באַלטאַקסעס, וואָס האָבן געזשאַנ-דאַרמעוועט אַף די ברעגעס פון גנילאָפּיאַטעווקע און געטשאַטעוועט אַפן לעצטן ביסן פון דער איידע „יידעלעך". די בערדיטשעווער פּיאַווקינס און וואַרגערס האָבן דערקענט זייער צעלעם-עלויקים אין מענדעלעס „טאַק-סע", פונקט ווי זיי האָבן מיט יאָרן שפעטער דערקענט זייערע נעזער אין שאָלעם-אַלייכעמס „יאַקנעהאָז", און האָבן גלייך אָנגעווענדט דעם ראַ-דיקאַלן שטינק-מיטל פון די „קליינע מענטשעלעך" — מעסירע. פאַר זיין ליטעראַרישן פאַרברעכן האָט מענדעלע געמוזט באַצאָלן מיט זיינע וואוינרעכט אין בערדיטשעווער קאַבצאַנסק און ראַטעווען זיך אין אַ צווייטער הויפטשטאָט פון דער יידישער מעדינע — זשיטאָמיר.

מענדעלע האָט זיך אָפגעבריט אַף הייסן, אָבער, אַף צעלאָכעס אַלע-מען, האָט ער נישט גענומען בלאָזן אַף קאַלטן. ער האָט נישט געבלאָזן אַף קאַלטן אַפילע דאַן ווען זיין זשיטאָמירער שווער-פאַרהאָרעוועטער ראַ-בינער-דיפלאָם איז נישט געווען בעקויעך אָוועקצוזעצן אים אַף קיין שום ראַבינער-שטול, ווייל קאַבצאַנסק און גלופסק האָבן געפאָדערט אַ מין „ציינגעניש פון גוטער אויפפירונג".

אַנשטאָט גוט אויפצופירן זיך האָט גאָר מענדעלע גענומען וועבן די דראַמע פון דער יידישער אָרעמקייט און אויסצוגעפינען, פאַרוואָס די יידישע בלאָטע וויל זיך נישט אויסטריקענען. ער האָט דערוויזן אַז די דאָזיקע בלאָטע דאַרף מען טריקענען נישט מיט האַסקאָלע, נאָר מיט ברויט און אַז ערשט שפעטער וועט מען קענען דאָס ברויט באַשמירן מיט האַסקאָלע, מיט פאָלקס-האַסקאָלע אַף דער שפראַך פון פאָלק.

די האַסקאָלע האָט געטיינעט, אַז יידיש איז די קוואַקנדיקע זשאַבע פון יידישן זומפלאַנד. מענדעלע האָט אָבער פאַרוואָרפן זיינע קינסטלע-רישע פישערנעצן אין גנילאָפיאַטעווקע און אַנשטאָט זשאַבעס האָט ער פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ צעפינקלטן באַרג זילבערנע פישעלעך, שטיפע-דישע, יידיש-באַכיינטע פלאָטקעלעך און שלייענדלעך, קאַרפעלעך און העכטעלעך. מענדעלע האָט ליטעראַריש אַנטדעקט דעם וויסן אויצער פון דער שוואַרצער גנילאָפיאַטעווקע, — די בויגיקע פריידשפראַך, וואָס ווערטלט און גלייכווערטלט זיך, נישט קוקנדיק אַף דער אַרומיקער צאַ-

רעדיקער שוואַרצקייט. די שפּראַך האָט אַף אַזוי ווייט באַהערשט מיט אירע שפּילעוודיקע קונצשטיק, אַז אַפילע די באַנקראָטירטע האָס־קאָלע האָט סאָף־קאָל־סאָף, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, געמוזט נעמען פאַרשטיין דעם טיפן שפּראַך־עמעס פון דער יידישער מעדינע און באַנעמען, אַז אַף העברעיש דאַוונט מען, אַף רוסיש מאַסערט מען, אַף דייטש ברעכט מען זיך דעם קאָפּ און אַף יידיש לעבט מען...

מיט זיין גאַנצער לאָמדישער צערטלעכקייט האָט מענדעלע אָנגערופן די יידישע שפּראַך „הבת לא רוחמה" — די פאַרוואָרלאָזטע טאָכטער. ער האָט זי באַזעצט אין זיין שוואַרצדימענטענעם הייכל און האָט זי פון דאַן אָן פאַרוואַנדלט אין זיין באַסיעכידישער באַסמאַלקע.

די יידישע שפּראַך דאָס איז דער איידעלער פונקנשפּיל פון מענדעלעס טיפנאַכטיקע סיוזשעטן. די שפּראַך־גוואַורע פון מענדעלעס יידיש קען מען באַמערקן נישט נאָר אין זיינע אָריגינעלע ווערק, נאָר אַפילע אין אַזאַ מין נישט־קינסטלערישער פּראָזע ווי די איבערזעצונג פון פּינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", וואָס מענדעלע רופט אָן „אַ סגולע צו יידישע צאָרעס" און וואָס איז מאַמעש איין גרויסער פאָלקלאָריסטיש־באַכיינטער שפּראַך־באַלעט.

אַ שפּראַך פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל. אַפילע די שפּראַך פון די אַסערעס האַדיברעס איז נישט אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון די הויכקייטן. אַ שפּראַך איז דער טיפּסטער אויסדרוק פון יעטווידער נאָרמאַל־וואַקסנדיקער פאָלקס־קולטור און אויב יידיש האָט, מיט איר ערשטן בעלעטריסטישן טראָט, געקענט דערגרייכן איר גוויר־אַדירדיקן מענדעלע־עטאַפּ, איז אַ סימען, אַז די „יידעלעך" פון דער יידישער מעדינע האָבן געטראָגן אין זיך גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן און אַז דאָס בלאָטעלאַנד איז אין דער עמעסן געווען אַ יידישלאַנד, וואָס איז דורכן צאַרישן סאַטראַפּנטום אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין בלאָטע און וואָס איז אין דער דאָזיקער בלאָטע מיט קויעך געהאַלטן געוואָרן דורך די פאַרזאָרגערס, שטאַדלאָנים און אונטערלעקערס.

מענדעלע האָט גוט געוואַוסט, וואָס עס ווייקט זיך אין די בלאָטעס. דערפאַר איז ער אין זיין שאַפן געווען נישט בלויז דער פאַרצוקער פון די הויטשינדערס און דער מאַסקע־אַראָפּרייסער פון דער „באַנדע שטאָטבאַלעבאַטים", נאָר אויך דער וואָרט־אַרויסטראָגער און טרוימוועבער פון

יידישן פאָלקסמענטש, פון יענעם מאַסעמענטש, וואָס איז פון דער גע־זעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישער בלאָטע בלויז פאַרכליאַפּעט אָבער נישט דורכ־געפוילט געוואָרן. די אידעע פון ארויסרייסן זיך פון אונטערן יאָך קומט צום אויסדרוק סיי דורך דעם האַלב־דערשראָקענעם, סאָציאַל־שטאַמלדיקן אייזיק זאַהיקע, סיי דורכן שיינרייידערישן, אילוזאָריש־אוטאָפּישן אינטע־ליגענט שלוימע וועקער, סיי דורכן וויזיאָנעריש־פאַרטרוימטן, ענטוזיאַס־מיש־איינגעגלויבטן בינימין האשלישי. דאָס סאַמבאַטיענדיקע, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרעם, האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו לויכטן אין די בלאָטעס, צו לאָקערן די „יידעלעך" און צו שיינען מיט אַלט־יידישער און מיט באַנייט־יידישער דייטלעכקייט פאַר זייערע אויגן.

מענדעלע האָט אָבער סימבאָליש אונטערגעשטראָכן, אַז דער וועג צו דער גליקלעכער סאַמבאַטיענדיקייט איז פאַרשטעלט דורכן פאַריפּעשטן, פאַרפוילטן טייכל גנילאָפּיאַטעווקע און אַז קוים גנילאָפּיאַטעווקע וועט נישט אויפהערן צו זיין גנילאָפּיאַטעווקע, וועט סאַמבאַטיען נישט אָנהייבן צו זיין סאַמבאַטיען...

מענדעלעס קאַמף קעגן אומרעכט איז נישט באַגרענעצט אַף צייט, אָרט און פאָלק. מענדעלעס יידישער קאַמף איז אַן אַלוועלטלעכער, אַלצייַ־טיקער און אַלפעלקערלעכער. זיין שאַפן איז אַ טיף־אָריגינעלער נאַציאָ־נאַל־יידישער וואַריאַנט פון מענטשלעכן דראַנג צו באַפרייען אינגאַנצן דעם הומאַניזם פון דער זאָאָלאָגיע. מענדעלעס שאַפן און דאָס שאַפן פון אַנדערע קעמפערישע גרויסגייסטער וועט אַריבערגיין צו דער געשיכטע ערשט דאַן, ווען די מענטשהייט וועט דערגרייכן דעם סאַמבאַטיען אין זיין גאַנצער לענג. דערווייל, קענען מיר זאָגן, צוזאַמען מיט שלוימע מיכאָעלסן, אַז „מענדעלעס פיילן טרעפן נאָך איצט"...

IV

מענדעלע איז געשטאָרבן אין 1917, אינעם יאָר, ווען גנילאָפּיאַטעווו־קע האָט גענומען טריקענען. 25 יאָר זאַטע מיט יידישער פרייד און 5 יאָר דערטרונקענע אין יידישן וויטיק זיינען זינט דאַן אַוועק אין דער גע־שיכטלעכער אייביקייט.

25 יאָר סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט אויסגעבערענט די בלאָטעס פון

גנילאָפּיאַטעווקע, אָבער 5 יאָר נאַצי-רעציכע האָט פאַרביטן די בלאָטע מיט בלוט. די טרייע סאָוועטישע וואַרעמקייט, וואָס איז קיינמאָל אינגאַנצן נישט אַוועק, האָט זיך ווידער אומגעקערט מיט איר גאַנצער מוטערלעכקייט און גענומען אַרומבינדן מיט אירע שטראַלן די יידישע אָפּענע וואונד.

איצט, 30 יאָר נאָך מענדעלעס טויט, הייבט זיך דער גרויסער יידישער שניט צווישן קאָפּוליע און אַדעס, און אַף אַ סאָוועטישן מויער פון דער יונג־ציגל־דיקער, שוואַרץ־יאַמיקער דאָרעם־שטאָט איז שוין ווידער אויסגעקסיוועט מיט זון דער זיכרוינעליוואַכעדיקער נאָמען „מענדעלע מויכער ספאָרים".

דער פּאַטריאַרך פון אונדזער מאָדערנער קולטור

I

שאַרף און קאָלירפול טיילט זיך אויס אויפן הינטערגרונט פון אונדזער מאָדערנער קולטור־געשיכטע און גײַזעלשאַפטלעכן רענעסאַנס די פיקבעסדיקע געשטאַלט פון אונזער פאָלקסטימלעכן ליטעראַרישן זיידן, וואָס האָט אַזוי זאָרגעוודיק פאַרבאַלזאַמירט אין זיינע ווערק דאָס יידישע לעבן פון אַן ערעך הונדערט יאָר צוריק.

האָרט פאַר זיין אַראָפּטריפן אין דער געשיכטע האָט דאָס דאָזיקע לאַנג שוין אָפּגעלאָפענע לעבן געגעבן מענדעלען די געלעגנהייט אַראָפּצוכאַפּן די גיפּסמאַסקע פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן געזעלשאַפטלעכן פּאָנים, פון זיינע אויסטערלישע סאָציאַלע קנייטשן און נישט־סימעטרישן, דעפעקטיוון גלידער־געבוי.

איצט, ווען דאָס יידיש־אייראָפּעישע לעבן פון קנאַפּע עטלעכע יאָר צוריק זעט אונדז שוין אויך אויס ווי אַ פאַרלאָשענע לעגענדע, איז מענדעלעס עפּאָכע פאַר אונז אין גאַנצן פאַרהוילט, סטראַטיפיקירט, פאַרבאַהאַלטן אין געשיכטלעכן אונטערערד. מיר געפינען אָבער איר קינסטלערישן אָנדענק אויף די נישט פאַרדאַרטע בלעטער פון מענדעלעס ווערק און מיר קענען זי היסטאָריש רעפּראָדוצירן, לויט די אינטערעסאַנטסטע אויסמעסטונגען, אָפּבילדונגען און נישט אויסגעלאָשענע רעפלעקסן, וואָס מענדעלע האָט פאַר אונדז קאָנצענטרירט און פאַרשלאָסן אין זיין וואָרט.

II

נישט אַף דעם אַליין, אָבער, טורעמט זיך אויף די גרויסקייט פון מענדעלען. מענדעלע איז קוידעם קאָל געווען, אַף אַלע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע געביטן פון אונדזער מאָדערנעם וואָרט, דער ערשטער, דער אָנהייבער. אויב פּיאָנערנטום פּאַרט זיך, דאָס ראָוו, מיט אומדערוואַקסנקייט, אומגעניטקייט און שליסט אויס מייסטערשאַפט, איז עס בא מענדעלען געווען פּונקט פאַרקערט. ער איז גלייך דערשינען אַ וואוקסיקער און די געווירצן פון זיין יאָדערדיקן יידישן וואָרט האָבן אים גלייך אויסגעטיילט פון די ליטעראַרישע פּיגמייען און קאַרליקלעך פון זיין צייט.

מיר ווילן מיט דעם נישט זאָגן, אַז די ליטעראַטור אַף יידיש הייבט זיך אָן נישט מיט קיין אַנדערן ווי מיט מענדעלען. לויט די לעצטע פאָר־שונגען, געפינט מען אָפּגעריבענע שפּורן פון שאַפונגען אַף יידיש אַזש אין דרייצנטן יאָרהונדערט און פ אַ ר מענדעלען זיינען געווען אַזוינע רע־לאַטיוו־באַדייטנדיקע שרייבער ווי עטינגער און אַקסנפעלד. מענדעלע האָט אָבער מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם ערשטן קאָנסאָלידירונג־פּונקט פון דער ליטעראַטור אַף יידיש; מיט מענדעלען הייבט זיך אָן דער אַספאַלט אין אונדזער ליטעראַטור און עס ענדיקן זיך די בלאָטיקע דאָרפסוועגלעך און די הויקערדיקע אַרויפן און אַראָפּן. מענדעלע האָט, אַזוי צו זאָגן, פאַרלייגט אַ נייע ליטעראַרישע דינאַסטיע און איז דער אורפאָטער פון נייעם ליטעראַרישן דאָר, דער ערשטער פון זיינע קלאַסישע אָוועס.

מענדעלעס קולטור־ליטעראַרישע גריים מוז מען מעסטן מיט די ווייטערדיקע קאַרדינאַלע הויפּטפאַרדינסטן, וואָס זיינען אין דאַמאָלסטדיקן ליטעראַרישן מידבער דערשינען ווי דערפינדונגען און אַנטפּלעקונגען:

1. די באַהאַנדלונג פון דער געשילדערטער סוויווע אַף אַ בעלעטריסטישן אויפן, אַנשטאָט אָנצוקומען צו דער „טראַדיציאָנעלער" באַדכאָנישער פלאַפלעריי.

2. דער געזונטער סאָציאַלער צוגאַנג צו דער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק, אין קעגנזאַץ צו די מאַסקיליש־דילעטאַנטישע, אַריסטאָקראַטיש־אויפגעבלאָזענע טעאָריעס.

3. די שאַפונג פון ליטעראַרישן יידיש און די אַכראַיעספולע זאָרג פאַר זיין אויסברייטערונג און פאַראיידעלונג.

III

מיטן שארף פון זיין סאטירע, וואס ווערט אפטמאל סארקאסטיש פארשפיצט, האט מענדעלע געפאלמעסט דאס יידישע לעבן פון זיין צייט און עס אנאטאמיש צעגלידערט, ארויסרייסנדיק פון די פינצטערע גדערע־רעם דאס מיעסע און דאס צעפוילטע און ווייזנדיק קלאר פון וואנען עס טראגט זיך דער פוילער רייעך.

דאס ערשטע וואס ער האט געפרואווט ארויפטויכן, קלאר און שנייי־דיק, אף דער אויבערפלאך פון זיינע ווערק, איז געווען די סאציאלע די־פערענצירונג צווישן די אמאל אזוי אידילישע „צאן קדושים", צווישן דער איידע „יידעלעך", וואס זיינען, לאזט זיך אויס, גארנישט אזוי איינהייט־לעך קלאל־יִיסראעלדיק, און וואס פון עקאנאמישן שטאנדפונקט זיינען זיי „עקודים, נקודים וברודים..."

ער באקעמפט דעם קורצזיכטיקן, הימלשוועבנדיקן, מאסקילישן שטאנדפונקט, וואס זעט נישט די עקאנאמישע נויטן און וואס האלט, אז מיט בלויזער בילדונג, מיט דער „ליכט פון דער האסקאלע" וועט מען קע־נען אויסברענען די דעמאלסטדיקע יידישע צארעס. מענדעלע ווייזט אן אין דער „קליאטשע", אין „ווינטשפינגערל" און אין דער „טאקסע", אז אין די יידישע צארעס איז שולדיק די עקאנאמישע באדנלאזיקייט און אז דער אבסקוראנטיזם און די פארגרעבטקייט זיינען באגלייט־דערשיינונגען, שמוציקע ריטשקעלעך, וואס דריבלען זיך אפ פון איפעשדיקן עקאנאמישן זומפ.

אויב די אלגעמיין־יידישע עקאנאמישע לאגע האט זיך אויסגעשטאל־טיקט אונטערן שווערן האמער־שלאג פון אויסערלעכע אויסער־יידישע אומשטענדן, איז אבער די דאזיקע לאגע באדייטנדיק פארערגערט געווארן צוליב דער יידישער פאראזיטישער קאסטע, וואס האט געהאלטן אין אירע ציין די פויפעריזירטע גרונטמאסע פונעם פאלק. די ארעמקייט האט אנ־גענומען אזוינע פארמען, אז עס האט זיך געשאפן א ספעציפישער טיפ פונעם אולטרא־קאבצן, פונעם ריטער פון דער טארבע, אזוי צו זאגן, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט א גאנצן וואנדערנדיקן טיפ אין יידישן לעבן און וואס האט, מיט דער צייט, זיך איינגעלעבט מיט זיין נעבעכדיקן צו־שטאנד, באטראכטנדיק עס פאר א יידישלעך־בעקאוועדיקער פארנאסע.

מענדעלעס סאַטירע איז מיט אַלע אירע שניידציינער אַרויפגעפאַלן אַפן „אייגענעם" קאַבצאַנסקער אינערלעכן סוינע פון יידישן פאָלק, אױף די אַלע: קאַלעפעל, פאַרזאָרגער, שטאַדלאָנים, ספּאָדיקעס, רעדלפירער, באַלטאַקסעס און בלוטזויגער, באַוויזנדיק מיט קרעפטיקן סיטואַציע־און שפּראַך־רעאַליזם די פאַקטאָרן פון דער סאָציאַלער אומגלייכהייט און פון דער פרום־פאַרגלאָצטער, מאַסקירטער אומגערעכטיקייט.

דאָס דאָזיקע אינטעגראַלע איבערנעמען זיך און מיטוױיטיקן מיט די צאָרעס פון קאַבצאָנישן האַמוין, האָט קימאַט אין אַלע מענדעלעס ווערק איבערגעלאָזן דעם מעכאַבערס טענדענץ. די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך אָבער נישט אַסימילירט אינעם סיוזשעט, קעדיי אַרויסצודרינגען פון אים אומדירעקט, מיט דער אַנטוויקלונג זעלבסט, מיט דער בעלעטריסטישער אויסוויקלונג פונעם סיפּער־האַמאַיסע, נאָר איז געבליבן שטעקן אױף דער אויבערפלאַך, ווי אַ פרעמדער קערפּער, וואָס האָט, פאַרשטענדלעך, אַ גע־וויסע קרויוועשאַפט מיט דער יידישער אַטמאָספער פון בוך, אָבער וואָס איז אָרגאַניש נישט פאַרדייט געוואָרן און וואָס איז איבערגעבליבן ווי דעם מעכאַבערס אַ זייטיק־צוגעגעבענע מיינונג, אַ פּובליציסטישער פּיי־רעש אַפן ראַנד פון לעבנס־פראַגמענט, וואָס ווערט געשילדערט. דערפאַר האָבן מיר אין מענדעלעס ווערק אַזוי פיל דידאַקטישע אָפּווייכונגען, מענ־דעלישע קאָמענטאַרן, זייטיקע מעשאָלים, האַרצאַויסגוסן, מוסער־זאָגעריי און ראַכמאָנעס־קרעכצן, מיט וועלכע דער אויטאָר רייסט זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אונטערצושטרייכן זיין הומאַניסטישע טענדענץ און אַרויס־צוברענגען אָפטמאָל זיין סענטימענטאַלע דיגרעסיע.

מענדעלעס פּערסאָנאַזשן קענען אויך נישט אָנגערופן ווערן טיפּן. ער האָט אייגנטלעך נישט געשאַפן קיין איינציקן גאַנצן מענטשן, קיין רע־פּרעזענטאַטיוון קלאַל־טיפּ, ווי שאַלעם אַלייכעמס מענאַכעם מענדל, טע־וויע אָדער מאָטל פּייסים. נישט רעכענענדיק דעם אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „שלוימע רעב כאַימס", זיינען די פּערסאָנאַזשן פון קימאַט אַלע זיינע ווערק, אַזוי צו זאָגן, קאָמפּילאַטיווע, אַקומולאַטיווע. די געשילדער־טע פּערזאָן האָט אין זיך אויסשליסלעך רעאַלע שטריכן, אָבער אַרויסגע־כאַפּטע פון דאָ און דאָרט און איז פאַר מענדעלען נישט אַזוי וויכטיק אַן און פאַר זיך, ווייל דאָס איקערדיקע וואָס אים אינטערעסירט איז די מאַ־סע, די אײדע, דער קלאַל; דער איקער איז די אידעע און די טענדענץ,

וואָס צוליב איר אויסוויקלונג די אָנטיילנעמענדיקע פּערזאָן דאַרף נישט דאַווקע טיפּיפיצירט ווערן און פאַרגעשטעלט ווערן מיט אַלע אירע טיף־מענטשלעכע אויסמעסטונגען און כאַראַקטער־ניואַנסן.

דערפאַר האָבן איצט פאַר אונדז מענדעלעס ווערק קוידעם־קאָל אַ קולטור־היסטאָרישע, שפּראַכלעך־שטייגערישע און געזעלשאַפטלעך־דאָקומענטאַלע באַדייטונג, און ערשט נאָך דעם אַ קינסטלעריש־ליטעראַרישע.

דער טרוקענער, וואָכעדיקער מענדעלע, וועמענס האָריזאָנטן עס זיינען געווען פאַרשטעלט מיט דער יידישער טאָרבע, האָט אויך נישט געקאָנט באַמערקן די עטלעכע נעשאָמע־יעסיירעדיקע מאָמענטן אין טראַגישן יידישן לעבן, מאָמענטן, וואָס דער יאָנטעוודיקער פּרעץ האָט שפּעטער אַרויסגעקישעפט פון זעלבן דעקאַדענטישן קאַבצאַנסק מיט אַזויפיל ראָמאַנטישן ציטער און פאָלקסטימלעכער דערהויבנקייט.

מענדעלעס קעמפערישע פאַרביטערטקייט, אומויפהערלעכע טאַבלעס־זוכעריי, ליטוויש־טרוקענער געמיט און סאַטיריש־אָנגרייפנדיקע רוגזע באַם באַהאַנדלען צווישנמענטשלעכע באַציאונגען, ווערט פולשטענדיק אַנטשפּאַנט באַם מינדסטן קאָנטאַקט מיט דער נאַטור. ער ווערט דאַן פאַשעט פרילינגדיק צעגאַסן און פאַרדווייקעט, ווי שאָלעם אַש אין די גוטע יאָרן. אין אַלע זיינע ביכער זיינען אָנגעהויפנט ריזיקע ערד־, וואַסער־ און הימל־פּייזאַזשן, וואָס קאָנסערווירן ביז היינט צו טאָג זייער פּאָעטיש־פּאַטעטישע פרישקייט און זייער טיף־קינסטלערישן ווערט. מיר דוכט, אַז פון יעהודאַ האַלייווי אָן האָט מען נישט געזען אין אונדזער ליטעראַטור אַזוינע העל־צעכוואַליעטע, פינקלדיק־צעשפּרינקלטע פאַרבן. מענדעלעס נאַטור איז היפּשלעך פאַרמענטשלעכט און דער איקער פאַרייִדישט. דיביימער טראָגן יידישע יאַרמלקעס און גרינע זשופּעצעס, אַלץ איז כאָסן־באָכערדיק און כופּעדיק, און די וואָלינער עמאָציע פונעם קאַפּוליער ליטוואַק קוואַלט אָן אויפהער און מאַכט נישט מיד אונדזערע שווארצאַפּלען.

מענדעלעס סטיל איז אַן איבערגעלאָדענער, אַ צונויפגעקייטלטער, אַן אַרומגעהאַנגענער מיט דער ספּעציפישער אָרנאַמענטיק פון זיינע אַרייַנזאָגענישן, פאַרויסזאָגונגען און נאָכזאָגענישן, אינעם באַקאַנטן נוסעך: „וואַאַני מענדעלע". דער סטיל איז אַ קאָמפּליצירטער. זיין אָנגעפּוישטקייט דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן, אַז מענדעלען האָט געפעלט דער זין פאַר וואָרט־סעלעקציע. פאַרקערט, מענדעלעס וואָרט שטייט אַף זיין

געהעריקן אָרט און איז שטענדיק געפּוצט, און קיינמאָל נישט אָפּגעריסן; זיין ספּעציפישער סטיל נעמט זיך פון וועלן וואָס מער אַריינזאָגן, פון פּערזענלעך אַריינמישן זיך אינעם גאַנג פון דער דערציילונג אָדער פון דער אַקציע, פון וועלן קלאָר מאַכן זיינע טיף־הומאַניסטישע קאַוואָנעס.

1V

איינער פון די מאָנומענטאַלסטע פאַרדינסטן מענדעלעס פאַר אונדזער פאָלקסקולטור איז דאָס אויסהאַמערן אונדזער ליטעראַרישן יידיש. מענדעלע האָט אויסגעהאָדעוועט אונדזער יידיש וואָרט. ווי אַן אונטערגעוואָרפן קינד האָט זיך אונדזער בלייך און אויסגעדאַרט פאָלקסוואָרט געוואַלגערט אין שטויב, ביז מענדעלע האָט עס אויפגעהויבן און געוואָרן זיין ליטעראַרישע אַם.

די העברעיסטיש־מאַסקיליסטישע אינטעליגענץ האָט געקוקט אַף יידיש ווי אַף דער שפּראַכשאַנדע פון יידישן פאָלק און די עטלעכע שרייבער וואָס האָבן, פון צייט צו צייט, גענוצט דעם דאָזיקן פאַרמיעסטן שפּראַך־אינסטרומענט, האָבן געקוקט אַף זייער אייגענער פּראָדוקציע אין „זשאַרגאָן", ווי אַף אינטעלעקטועלן אָפּפאַל, וואָס איז גענוצט געוואָרן, אַף אַ מעגושעמדיקן אויפן, קעדיי צו עפּענען די „פאַרפינצטערטע" פאָלקס-מויכעס פאַר דער „ליכט פון דער האַסקאָלע", אָדער קעדיי צוצושטעלן, אַפן באַקוועמסטן וועג, אַביסל קוואַטשיקן שונד דעם פּראָסטן אוילעם.

מענדעלע דער גלענצנדיקער טאַלמיד־כאָכעם און סטיליסט אין העברעיש האָט צוזאַמען מיט זיין נאָגנדיקער ליבע צום פאָלק דערפילט דעם פאָלקס שטיל־פליסטערנדיקע, האַרציקע וואָרט און האָט אין אים אָנגעטאַפּט דעם פולס פון דוירעס, דעם מאַרטירערישן צאַפּל פון דער ווייטיקדיקער פאַרגאַנגענהייט און דעם נישט־געפעלשטן קלאַנג פון דער ווירקלעכקייט. יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון זיין אומרו, פון זיינע זוכענישן און פון זיין פרייד. אונטער מענדעלעס פען האָט זיך דאָס יידישע וואָרט אָנגעגאָסן מיט זאַפטן און מיט אַלע יוגנט-כיינען פון אַן אָקאָרשט פונאַנדערגעעפנטן קנאָספּ.

די ליבטיקע שטאקן פון אונדזער הײנטצײטיקן, װאָלקנקראַצערישן ייִדיש שפּאַרן זיך אָן אָפּן ערשטן שטאָק פון מענדעלעס מאַמע־לאָשן און אַף די מירמלשטײנערנע יעסוידעס, װאָס אונדזער פּאַטריאַרך און זײדע האָט אונטערגעמױערט אונטער אונדזער מאָדערנער קולטור־געשיכטע.

V

אין יאָר פון מענדעלעס טויט, איז די אָקטאָבער־רעװאָלוציע געקומען קײן קאַבצאַנסק, טונעיאַדעװקע און גלופּסק און איז אָפּגעװען דאָרט אין פּרייד און אין פרידן 23 יאָר. 25 יאָר נאָך זײַן טויט האָט דער סטעפּ־װינט געגומען װיגן די נאַצישע טליע־פּעטליעס אַף די שטעטלדיקע מערק און האָט זיך גענומען שפּילן מיטן אַש פון די פאַרברענטע הײמען.

דער מענדעלע־מוזײ איז אַװעק מיטן רויך און די שולן אַף מענדעלעס נאָמען זײַנען פאַרקוילט געװאָרן, אָבער דער נאָמען „מענדעלע" איז נישט פאַרשװאונדן; פון הינטער די כורװעס האָט זיך אַרויסגעקוילערט אַ רויטאַרמײיִשער טאַנק פון 60 טאָן װאָס האָט געטראָגן זײַן נאָמען און פון הינטערן טאַנק האָט גענומען אַרויסברענגען דער צאָרן פון די רויט־אַרמײיִשע אײניקלעך פון מענדעלעס „יידעלעך".

צוזאַמען מיט אַנדערע טאַנקען האָט דער טאַנק „מענדעלע מויכער ספאָרים" באַפרײַט אַדעס און איז דערגאַנגען קײן בערלין, — דער הויפּט־שטאָט פון די „װילדע טיפּשים".

צװישן מענדעלעס טונעיאַדעװקער בויד און מענדעלעס רויטאַר־מײיִשן טאַנק ליגט אַן אָפּשניט װאָס איז דורכגעשניטן געװאָרן דורך פאַרשײדענע ייִדישע מאַרשרוטן: דער בויד־מאַרשרוט גלופּסק־קאַבצאַנסק, דער טראַקטאָר־מאַרשרוט דזשאַנקאָיע־אַמורזעט, דער קידעש־האַשעם־מאַרשרוט באַבי־יאַר ־ מײדאַנעק, דער טאַנק־מאַרשרוט אַדעס־בערלין. איצט שטײט פאַר דער פרײדיקסטער און דער סאַמבאַטיענדיקסטער פון אַלע מאַרשרוטן: מענדעלעס אויסגעטרוימטער ביניאָמין־מאַרשרוט יערו־שאָלאַים־בירעבידזשאַן...

אין דער טיף

I

קימאַט אַפן גרענעץ פון צוויי יאָרהונדערטער, אין די סטיכישע שאָען פון געשיכטלעכן ערעוו פרילינג, איז דערשינען, אין איר גאַנצער בלענדנ־דיקער ליכט, די געשטאַלט פון אונדזער גרויסמייסטער, די נעשאָמע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — ייצכאָק לייבוש פערעץ.

נישט קיין כראָנאָלאָגישע צופעליקייט האָט פונאַנדערגעטיילט ביי־דע יאָרהונדערטער, נאָר אַ ווירקלעכע היסטאָרישע גרענעץ, וואָס האָט אויפגעוויזן סיי די אייראָפּעישע פעלקער סיי דעם יידישן פאָלק, אַז עס קלייבן זיך פּאָטענציעלע ענערגיעס צום לעצטן צוזאַמענשטויס און אַז אַף יענער זייט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גרייטן זיך סאָציאַלע, עקאָנאָ־מישע און נאַציאָנאַלע שטורעמס.

די אַלגעמיינע הויפּט־סימאָנים פון דער דאָזיקער גרענעצצייט אַף דער נישט־יידישער גאַס, זיינען געווען אַזוינע: דער יונגער, ראָז־בעקלדי־קער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן פּוליאַריק, דערגרייכט זיין אימפּעריאַליס־טישן עלטער און איז אַוועק אַף רויב; די פּרעציזע וויסנשאַפטן זיינען ענדגילטיק אַרויסגעקראָכן פון ניוטאָנס און גאַליליים ווינדעלעך, קעדיי אויסצושמידן דעם יאָרהונדערט פון עלעקטריע, דיזעל־מאָטאָר, דראָטלאָ־זע פאַרבינדונגען און לופט־נאַוויגאַציע; עס האָבן זיך גענומען פאַרשאַרפן די אַנטאַגאָניזמען צווישן אַנגלאָ־זאַקסישן, גערמאַנישן און לאַטייַנישן אימפּעריאַליזמען; פון דער אַנדער זייט, האָט גענומען אויפקומען דער

סאָציאַלער באַוואוסטזיין און עס האָט זיך גענומען פארהאַרטעווען ווי שטאָל די סאָלידאַריטעט פון די עקספּלואַטירטע. עס האָבן זיך אויך באַוויזן די ערשטע פּלעקן פון פאַרגאָסענעם אַרבעטער־בלוט אויף די ברוקן פון די קאַפּיטאַליסטישע שטעט און עס האָט גענומען אַרויספּלאַצן דער ווייטיק פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן און פעלקערשאַפטן.

אויך אין סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך גענומען רירן און פּלאַצן די הונדערטיאָריקע אייזקריעס און עס האָט גענומען ווערן ליכטיקער אין צאַרישן טכום. די שטייפע, הילצערנע האַס־קאַלע, וואָס האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט פאַרמאָסטן צו ווערן די אויפקלערערישע רענעסאַנס־באַוועגונג און די פאַרניכטערן פון יידישן אָבסקוראַנטיזם און קלעריקאַליזם, האָט נישט פאַרשטאַנען די קולטורעלע און די עקאָנאָמישע באַדערפעניש פון די מאַסן. דער מאַסקיליזם מיט זיין אַריסטאָקראַטישער זעלבסטזיכערקייט, נעאָפּיטישער פוסטקייט, שטרויענער ליידנשאַפט און מעליצעדיקע פלאַפּלערייען איגנאָרירט די שפּראַך פון פאָלק, האָט נישט קיין וויסנשאַפטלעכע פּראָגראַם און אַלע זיינע שטרעבונגען זיינען איינגעטוליעט אין זייערע און אַטלאַסענע אַבסטראַקציעס. דאָס פאָלק, אָבער, האָט געוואָלט זיין שפּראַך, ווייטיקט אויס זיין ליד און וועבט זיין פּראָטעסט. דער „זשאַרגאָן" רייסט זיך מיט אורשפּרינגלעכער קראַפט צו פאַרוואַנדלען אין יידיש און זיין וויטאַליטעט איז אַזוי שפּרודלדיק, אַז ער געפינט גיך זיינע גאָלדשמידן און קלאַסיקער. די שפּראַך פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, אונדזער האַרצשפּראַך, וואָס לעבט נישט נאָר אין דער נעשאָמע פון דער דינסטמויד נאָר אויך אין מויעך פון ראָש־יעשיווע, טויכט אַרויס מיט אַלע אירע אייגנטימלעכקייטן און פאָלקלאָרישן חיין.

פונקען פון די פּראָצעסן אויף דער נישט־יידישער גאַס פאַלן אויך אַריין אין יידישן געטאָ און עס אַנטשטייען די ערשטע שוואַכע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע דיפערענצירונגען: ציוניזם, בונדיזם, אַסימילאַציע. עס אַנטשטייט דער פּאַראַדאָקס, אַז עס רוקן זיך אָן גרויסע טראַסצעדענטאַלע צייטן און אַז דאָס יידישע לעבן וועט זיך מוזן האַסטיק פאַרקירעווען און אַריינפליסן אין געווירבל פון דער אַלגעמיינער געשיכטע.

II

אין דער דאַזיקער צווישנצייט האָט אונדזער ליטעראַטור, געפינענ־דיק זיך אין אירע סאַמע יונגנטיאָרן, דערגרייכט איר קלאַסישע גאַנצקייט, אַ דאַנק אירע קאָריפּעען: מענדעלע, שאָלעם אַליינעם און דער איקער פּערעץ. יעדער פון זיי, מיט זיינע ספּעציפֿישע קונסט־מעגלעכקייטן, האָט אַנטפּלויזט דאָס יידישע לעבן אין דער דאַזיקער איבערברוך־תּקופֿה און דאָס ערשטע מאָל נאָך טויזנטער יאָרן, אויסגעטאַקט מיט אַרכיטעקטאָ־נישער שליימעס דעם הונדערטוויינקלדיקן פּילעק פון אונדזער עקזיסטענץ, איבערשטייגנדיק אַפילו די קונסט־ און קולטור־אויפטוען פון אונדזער, אַזוי גערופענער, גאָלדענער שפּאַניש־אַראַבישער תּקופֿה.

די יידישע מאָדערנע ליטעראַטור ביז פּערעצן איז געווען אַ סוויווע־און שטייגער־ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור אַ באַשרייבערישע, אַ רעפּראָ־דוקטיווע, וואָס האָט זיך דער איקער אָפּגעגעבן מיט די אויסערלעכע שיי־כעסן צווישן פּערזאָנען און געשעענישן, מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער אומגעזונטער יידישער עקאָנאָמיק אין צאַרישן תּחום, מיט אויפקלערע־רישקייט און מיט בעפיירעשע דידאַקטישע טענדענצן, ווי עס איז דער פאַל מיט מענדעלען.

פּערעץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור נייגציק־גראַדיקע שטאַרקייט, קאָנדענסירטקייט, אינערלעכע פּאַרפּולקומונג, ליידנ־שאַפט, לירישע שטימונג, עקסטאַז, פּראָבלעמען־קראַמפּן.

ער איז קוידעם־קאָל געווען דער סובטעלער אויפכאַפּער פון נעשאָ־מע־וויברירונגען, דער פּאָעט און מאָדולירער פון דער מענטשלעכער נע־שאָמע, סיי דער פּאָשעטער, סיי דער פּאַרפּלאָנטערטער. אָנהייבנדיק מיט דער פאַרשטיינערטער נעשאָמע פון באָנטשע שווייג און ענדיקנדיק מיט דער בונטאַריש־רעוואָלוציאָנערער געפּילנוועלט פון שלוימען פון דער „גאָלדענער קייט", האָט פּערעץ אין געציילטע בליצנדיקע שורעס אויפגע־כאַפּט דעם טאַמצים פון די איבערלעבונגען פון אַ פּילפאַרביקער גאַלעריע טיפּן, אויסשיילנדיק דעם אינטימסטן האַרצאַפּל פון יעדן פּערסאָנאַזש באַזונדער. ער איז נישט דערגאַנגען צו דער אייגנטלעכער פּסיכאָלאָגי־שער שילדערונג און איז אויך נישט געווען קיין ראָמאַנטיקער אין פולן זינען פון וואָרט. זיין שאַרפזיניקייט, באַגייסטערונג און ליריק האָבן זיך

אַף אַן אייגנטימלעכן אויפן צונויפגעגאָסן אין זיין שאַפונגס־מעטאָד, דער־גרייכנדיק דעם זעניט אין „כסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אין זיין קינסטלערישער עוואָלוציע האָט פּרעץ, ווי אַלע שרייבער פון זיין טקופע, דורכגעלעבט דעם קריזיס פון העברעיזם, אָבער ער האָט שנעל געביטן זיין לאָשן־קוידעשדיקע הויט, דערפילנדיק אין זיך די אָנ־קוועלנדיקע פאָלקזאַפטן פון יידיש, דער שפּראַך פון „קנאָבל און געגדזנ־שמאַלץ". אין געציילטע יאָרן האָבן זיך אויסגעוועבט די קנאָבל־רייכעם און פּערעצעס יידיש האָט געקראָגן אַן אייראָפּעישן אַראָמאַט. נאָך קורצע יוגנטלעכע בלאָנדזשענישן אין דער פּאָעזיע, וואו ער האָט זיך געראַנגלט מיט איינפלוסן פון היינריך היינע, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיין ליטע־ראַרישע ליגיע ליגט אין אַנדערע פּליינען: אין דער קינסטלעריש־דיסטי־לירטער פאָלקס־מאַיסע, אין דער בליץ־שילדערונג פון די בעסמעדרעש־פּערסאָנאַזשן, באַטלאָנים, מאַרטירערישע פרויען־טיפּן, מעקובאָלים, לאָמ־דים, פאָלקסמענטשן, דעפּעקטיווע כאַראַקטערן, יעסורימדיקע געשטאַלטן, וואָס טראָגן אַף זיך יאָרהונדערטדיקע יערושע־לאַסטן און וואָס דער צייט־גייסט האַלט באַם פאַרצערן און פאַרווישן אַף אייביק.

פון פּערעצעס פּאָעטישער טקופע איז קעדאַי צו פאַרצייכענען די באַ־לאַדע „מאָניש", וואָס איז אין איר צייט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שעדעוור, און „דריי נייטאָרינס" — געבויט אַף אַ שאַרפן סאָציאַלן מאָ־טיוו און וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָפּולער פאָלקס־ליד.

דער אייגנטימלעכער פּערעץ באַווייזט זיך מיט זיין גאַנצער אויס־דרוקספולקייט ערשט אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק, וואו ער אַנטדעקט די גאַנצע בלוטאָרעמע און אויסגעצערטעווירקלעכקייט פון אַ גייסטיקער וועלט, וואָס איז הוילע סובלימירטקייט און רוכניעסדיקע אַבסטראַקציע.

זינט הונדערטער יאָרן איז דאָס יידישע לעבן, צוליב אויסערלעכע צוואַנגפאַקטאָרן, געפלאָסן איזאָלירטערהייט און איז עקאָנאָמיש דעפּאָר־מירט געוואָרן. די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע אַטראָפיע האָט אָבער אַרויסגערופן אַ גייסטיקע היפּערטראָפיע, וואָס האָט אין דער רעליגיעזער קולטור, קאָלעקטיוון מאַרטירערטום און אינדיווידועלן אַסקעטיזם געזוכט דעם העכערן זין פון דער עקזיסטענץ. דער גייסטיקער איבערוואוקס און די אינטעלעקטועלע גריבלענישן זיינען אָבער געווען אומשעפעריש, ווייל

יעדע קולטורעלע סופּער־סטרוקטור, קעדיי צו זיין באַרעכטיקט און קענען עפּעס פּראָדוצירן, מוז האָבן אַ געזונטע, רעאַלע, עקאָנאָמישע באַזע; אַזוי ווי קיין שום ענלעכס האָט אָבער נישט עקזיסטירט, האָבן די לאָמדים, פּרושים און רעליגיעזע אינטעליגענץ געפּרואווט איינוואָרצלען די גרינג־שעצונג צום גאַשמיעס, צום כוימער, צום אוילעם־האַזע, צום פיזישן גע־נוס, עקזאַלטירנדיק, אין קעגנזאַץ, דאָס רוכניעסדיקע, נעשאָמעדיקע, אי־בערנאַטירלעכע, יענצוועלטיקע, דערציענדיק אַף אַזאַ מין אויפן דוירעס פון גייסטיקע און פיזישע קאַליקעס, וועמענס לעבן האָט פאַר יעדן איי־נעם פון זיי געהאַט מעטאַפיזישע שיינקייט, אָבער וואָס איז געווען אַב־סאָלוט ווערטלאָז, אַנטיביאָלאָגיש, העסלעך פון יעטווידן אַנדערן שטאַנד־פונקט.

פּערעץ שילדערט מייסטערהאַפט דעם דאָזיקן דואַליזם, דעם געראַנגל צווישן גאַשמיעס און רוכניעס, צווישן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן פון מענטשלעכן קערפּער און דער אידעע פון אומקערפּערלעכער פאַר־וואַנדלונג, צווישן יעצער־האָרע און דער באַהעפטונג מיט דער קאַבאָלע, צווישן וויינגעשריי פון די יוגנטלעכע בלוטאינסטינקטן און דעם מיסטישן געזאַנג פון מענטשלעכן קערפּער („מעקובאָלים", „אַ טאָנעס" און אַנדערע דערציילונגען). ער אַנטוויקלט די, אין גרונט גענומען, פּלאַטאָנישע אי־דעע, אַז דער מענטש איז בלויז אַ קאָפּיע פון זיין אָריגינאַל, וואָס גע־פינט זיך אין אַנדערע אומבאַגרייפלעכע וועלטן, אַז דער גוירל פון יעדן איז דעטערמינירט און וועט געפינען אַ טיקן אין זיין באַהעפטונג מיטן דאָזיקן אידעאַל.

אין קעגנזאַץ צו די מענלעכע פּערסאָנאַזשן ווייזט פּערעץ די יידי־שע פרוי אין איר רעאַלער סוויווע. נישט קוקנדיק אַף איר ראָל פון דער ברויטגעבערין ווערט די יידישע פרוי באַטראַכט, אין דער פּאַט־ריאַרכאַליש־רעליגיעזער מישפּאָכע־אָרדענונג, פאַר מינדערווערטיק, אומ־באַדייטנדיק. זי ווערט איגנאָרירט און ווערט געהאַלטן פאַר אַ גייסטלאָז הויז־באַשעפעניש און קינדער־מאַשין („מענדל בריינעס"); איר איינציקע סאַטיספאַקציע דאַרף זיין איר פוסבענקעלע־ראָל אַף יענער וועלט, וואו איר מאַן, דער שלימאַזל, באַטלען און פּאַראַזיט וועט אַף איר אָנשפּאַרן זיינע פיס. פּערעץ ברענגט אַרויס דעם רעוואָלט פון דער באַוואוסטזיני־קער פרוי („האשה מרת חנה"), וואָס איז, אין אַ סאַך פאַלן, אַ פּערזענ־

לעבקייט אין פאַרגלייך מיט דער מאַריאָנעטן־פיגור פון איר אויסגע־קוועטשטן מאַן.

פּערעץ האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי פאַרשיידנאַרטיקע טיפּן און זיי קאָנסערווירט אויף אייביק. אפן שוועל פון נייעם יאָרהונדערט האָט דער גרויסער קינסטלער דערפילט און פאַרשטאַנען, נישט אַזוי דיאַלעקטיש ווי אינסטינקטיוו, אַז עס רוקט זיך אָן די נאַציאָנאַל־אויסלייזנדיקע און סאָציאַל־באַפרייערישע טקופע, וואָס וועט זיך אויך דורכברעכן צום יידישן לעבן און פאַרניכטן די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט געדאַרט און געקוואַרט, אָן ליכט, אונדזער פאָלק. דעריבער האָט פּערעץ באַמיט זיך אויפצוהיטן קינסטלעריש די דאָזיקע ביין־האַשמאָשעס־עפּאָכע, וואָס האָט געוואַרט אויף איר טויט־אורטייל, מאָלנדיק סיי איר אויסטערלישע פּאָעזיע, סיי איר צעפוילטקייט.

ער האָט אויך געפּרואווט אָפּפרישן די פאָלקסטימלעכע אידעען פון כסידיזם, וואָס זיינען מיט דער צייט פאַרהאָלצט און סטראַטיפיקירט געוואָרן דורכן ראַבייאישן ריטואַל, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין בלינדן געצנדינסט צום צאַדיק און גוטן יידן. פּונקט ווי די לערעם וועגן מענטשנליבע פון יעזוסן, זיינען אויך דעם באַל־שעם־טאָווס אידעען קאַנאָניזירט געוואָרן און גענומען געוואָרן אין אַרענדע פון פאַרשיידענע ראַבייאישע דינאַסטיעס און גאַבאַאישן אַדל. פּערעץ ברענגט אַרויס בוילעט די דאָזיקע דעגענעראַציע און אין דער „גאָלדענער קייט" ווייזט ער דעם געוויסן־קריזיס, וואָס עס לעבט דורך, אויף דער עלטער, דער רעבע שלוימע. דעם פינצטערן כסידישן האַמוין, וואָס איז געקומען מיט קוויטלעך אויסבעטן באַם מאַכטלאָזן רעבן פּאַרנאָסע, בען־זאָכערס, געזונט או"וו, גיט שלוימע אַ שליידער דעם רעוואָלוציאָנערן לאָזונג פון אייביקן שאַבעס, פון וועלט־צעשטערונג, פון אַ נעשאָמע־יעסיירעדיקן יידנטום, אָבער דער אוילעם באַנעמט נישט דעם אַבסטראַקטן פּאַטאָס פון גרייז־גראָען צאַדיק און זיין אייגענער זון — אַ דורכשניטלעכער קונילעמלדיקער רעבל, רייסט איבער, מיטן אַקט פון האַוודאָלע, די שעפע פון שלוימעס באַגייסטערונג, באַטראַכטנדיק זי, צוזאַמען מיטן אוילעם, פאַר אַן אומגעזונטער האַלוציִנאַציע.

דער אורשפּרינגלעכער כסידיזם, וואָס איז געווען גלייכוועדטיק צו דער אידעע פון פאַרברידערונג, פאָלקסטימלעכקייט און כעדווע, איז פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין אַ דאָגמע, אין אַ פּוסטן ריטואַל פון קעלבערנער היספּיילעס און שירייעם-כאַפּעניש.

פּערעץ האָט געפּרואווט, דער איקער, געבן דעם עקסטראַקט פון אָריגינעלן ריינעם כסידיזם („אויב נישט נאָך העכער", „צווישן צוויי בערג") אין קעגנזאַץ צו י. י. לינעצקי, וועלכער האָט געשילדערט דעם כסידיזם אין זיין גאַנצן דעקאַדענטישן שמוץ.

פּערעצעס קינסטלערישע פּאָטענץ פּאַרלירט עטוואָס פון איר קראַפט אין זיינע דראַמעס. זיינע העלדן זיינען, אין אַ סאַך פאַלן, נישט קיין פּולבלוטיקע לעבעדיקע מענטשן, נאָר פּערזאָניפיצירטע אידעען. אַנשטאָט דראַמאַטיק, פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן, דינאַמישן ווערטער־אויס־טויש, אַקציע, אַנטוויקלונג פון קאָנפליקט, זעען מיר פּאַטעטיק, דעקלאַ־מאַציע, ראָמאַנטישע היסלאַוועס; מיר זוכן פּענעמער און געפינען פּראָב־לעמאַטיק. אַזוי איז אין „פאַליש אַף דער קייט", אין „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק" און טיילווייז אויך אין דער „גאָלדענער קייט", ווי אויך אין די קלענערע דראַמען. מען דאַרף אָבער אונטערשטרייכן, אַז די דאָזיקע שאַ־פונגען האָבן אַ באַדייטנדיקן ווערט ווי דראַמאַטיזירטע פּאָעמעס און ווי אַן אויצער פון פּערעצעס געדאַנק, וואָס טראָגט זיך אַרום ווי אַ גליוועריעמל אין דער טונקלער געדיכטעניש פון די אָנגעוואָרפענע פּראָבלעמען.

III

פּערעצעס שאַפן שוימט אַריבער איבער די ברעגעס פון בעלעטריס־טיק. מען מוז דערמאָנען פּערעצן דעם ליידנשאַפטלעכן טיף־אָריגינעלן פּובליציסט און פּראָגרעסיוון קעמפער, וועמענס ווערטער עס בלאַנקן נאָך ביז היינט ווי איידעלע מעטאַלשטיקער, אַף וועלכע דער געשיכטלעכער זשאַווער האָט קיין שליטע נישט.

דערמאָנענדיק זיך אָן זיין געפעכט מיט דער אַסימילאַציע, שמענדרי־קיזם און פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, דאַכט זיך אונדז, אַז מיר געפינען זיך אין וואַרשע אין יאָר 1939. די זעלבע מאַיאָפּעסדיקע גרימאַסן פון די גמי־נע־טאַקיפים, די זעלבע שאָפלדיקע אַסימילאַציע פון דער „גאָלדענער יוגנט" און דער זעלבער שמענדריקיזם פון אונדזערע היימישע סנאָבן, וואָס קול־טיווירן זייער אינדיפערענטקייט און זעלבסטצופרידענע אָנגעפּרעסנקייט

אין דער גורל־שאַ פון אונדזער געשיכטע. אין „געדאַנקען און אידעען״ צעפּאַלמעסט פּערעץ אַף פּיץ־פּיצלעך זייער גאַנצע נישטיקייט און פאַר־ניכטעט זיי מיט דער סטיכישער קראַפט פון זיין וואָרט. מיר דערקענען אויך דעם היימישן כאַזערשן פּאַרצעף פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, און מיר דערוויסן זיך, אַז די באַיקאָט־פּאָליטיק איז בא די פּוילישע הינט־שלעגער געווען אַקטועל מיט פערציק יאָר צוריק, בישאָס זיי זיינען נאָך אַליין געווען צעטראָטענע ווערעם.

פּערעץ האָט נ אָ ך איין גרויסן פאַרדינסט, וואָס כאַראַקטערי־זירט זיין פילגעשטאַלטיקע פּערזענלעכקייט. ספּאַנטאַן האָט זיך אַרום אים געשאַפן אַ ליטעראַרישע שול; נישט קיין ליטעראַרישער צירלעך־מאַניר־לעכער סאַלאָן אַפן פאַריזער שניט, נאָר אַ ליטעראַרישער בינשטאָק וואו זיין לייבן־געשטאַלט איז געוואָרן דער מאַגנעטישער צענטער פון אַלע שעפערישע קויכעס. פּערעץ האָט מיט מאַמישער איבערגעגעבנקייט אויס־געוואָרעמט טאַלאַנטן, געלערנט און געפירט, און מען קען זאָגן, אַז אַף זיינע דלאַניעס איז אויסגעוואַקסן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. אַף וואַרשעווער צעגלאַנע גאַס נומער איינס האָט זיך געפונען דער גענעראַל־שטאַב פון באַגייסטערטן יידישן וואָרט, דאָס יונגיטשקע, נאַקעטע וואָרט, וואָס איז געגאַנגען פון זיג צו זיג, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אונ־דזער גרויסן פעלד-מאַרשאַל ייצכאָק לייבוש פּערעץ.

IV

עס איז נישט קיין צופעליקייט וואָס אין דער איבערברוך־עפּאָכע פון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ האָבן אַרויסגעטוויכט פון די אינגע־ווייטן פון פאָלק אונדזערע דריי קלאַסיקער. די פאַרשטיקטע הונדערט־יאָריקע ענערגיעס האָבן ווי פּרילינגדיקע וואַסערן אויפגעפּראַלט די דאַמ־בעס, וואָס האָבן פאַרצוימט די שעפערישע פאָלקס־קויכעס, אַרויסברענ־גענדיק די דריי אויטענטישע ריזן, וואָס האָבן קינסטלעריש פאַרפעסטיקט זייער עפּאָכע. שאָלעם אַלייכעם און מענדעלע האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער בליק די לענגען און ברייטן פון יידישן לעבן און פּערעץ האָט אַראָפּגע־נידערט אין דער טיף.

פּערעצעס עפּאָכע עקזיסטירט שוין מער נישט און איז טויט, מיר

זעען זי אָבער דורך און אין די צוואַנציק ליכטיקע בענד פון גרויס־מייסטער. פאַר דער מילכאָמע האָבן מיר זיך געפרייט אַף איר טויט, ווייל מיר האָבן געמיינט, אַז אַף איר קיווער וועט זיך אויפטורעמען אַ נייַ יידיש לעבן, וואָס וועט לויכטן אין שיין פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַנטשיידונגען פון אונדזער גרויסן יאָרהונדערט.

דאָס לעבן וואָס האָט גענומען אויפגיין אויף איר קיווער האָט זיך אָבער מיט אַ קראַך צעקרישלט און אויפן אַלטן קיווער איז אויפגעקומען אַ נייער הונדערטשטאָקיקער טויט...

דאָס וואָרט וואָס איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן

I

ווי אַן אַלטער שטומער פֿילם, באַגלייט פֿון ווייט־ווייטע עלעגישע פּיאַנאָ־טענער, דערשיינט פֿאַר מיר דאָס טיפֿע באַרוישנדיקע בילד:
פּערעץ — וואַרשע — פּוילן.

דאָס בילד גיסט אַן מיינע שוואַרצאַפּלען מיט אָפּגלאַנצן פֿון אַלטן זילבער און מיטן מאַטן שיין פֿון פּורפּור־בראָקאַטן, אָבער דער אַלטער פֿילם האַלט זיך אין איין רייסן און מיטאַמאָל רייסט ער זיך אין גאַנצן איבער.

אין דער פֿינצטערניש נעמען שווינדלען מיינע ווייעס; איך דערפֿיל ווי אַ ווינט פֿון טרעבלינקע נעמט שיטן אין מיינע אויגן דעם הייסן אַש פֿון מיינע פּוילישע ברידער און דעם ציגלשטויב פֿון פּערעצעס פֿאַרסאַר־פּעטער וואַרשע.

אין דאָזיקן געוויטער פֿון מענטשלעכן אַש און גליענדיקן געטאָ־שטויב דערשיינט אָבער פֿאַר מיר, אַנשטאָט אַ שאַרבן מיט צוויי גע־קרייצטע קנאָכן־ביינער, פּערעצעס שטראַלנדיקער קאָפּ מיט די זודיקע אויגן. ער איז דאָ. ער איז איצט מערער דאָ ווי שטענדיק, ווייל אין אים זיינען פֿאַרבליבן די פּעניצלעך, די ברעקעלעך, די זייד־פּעדימלעך און די גאָלדזעמדעלעך פֿון אונדזער אַלט פּוילן. דאָס רייכטום, וואָס איז געבליבן

אַף אייביק פאַרמויערט אין זיין וואָרט האָט קיינער נישט געקאָנט צורויבן, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַש אין די בראַטאויוונס פון מיידאַנעק. דאָס דאַזיקע וואָרט איז דאָ און עס גלאַנצט מיט אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע כיינען און מיטן היימישן קאָלאָריט פון זבאַראַזש, קאָנסקעוואָליע און נעמיראָוו...

צווישן דעם אַש פון אונדזערע מאַמעס און דעם שטויב פון אונדזערע היימען לעבט אונדזער יידיש וואָרט, אָטעמט ליידנשאַפטלעך פערעצעס וואָרט.

דאָס שענסטע אָרט, וואו מיר קאָנען איצט געפינען עפּעס פון אונדזערע געשאָכטענע און פאַרברענטע, זיינען די טיפענישן פון דאַזיקן וואָרט.

II

פּערעצעס וואָרט.

דאָס וואָרט מיטן דימענטענעם שפּיץ, וואָס האָט זיך אריינגעבויערט אין די פינצטערסטע שאַכטן פון דער יידישער נעשאָמע; דאָס וואָרט, וואָס האָט אַזוי לייכט אויפגעקליבן אומעטום דעם שווערן נעשאָמעשטויב און עס פאַרוואַנדלט אין שוועבנדיקן בלומענשטויב; דאָס וואָרט, וואָס האָט ווי אַ ניצעצדיק גליווערעמל געפינטלט אין די ליידנשאַפטלעכע פינצטערנישן און ליכטיקייטן פון כסידישן וועלטבאַנעם; דאָס וואָרט, וואָס האָט געמאַכט פאַרשטענדלעך די אויסטערלישע, אויסערכורשימדיקע מוזיק פון אַ ניגן, וואָס איז סאַמע רוכניעס, אַ ניגן, וואָס ווערט געזונגען טיף אין אונדזערע ביינער און וואָס מען באַנעמט אים נישט מיטן געהער נאָר מיטן ווייטיק פון אונדזער פאַרשמאַכטן בלוט.

דער מיסטישער געזאַנג פונעם בלוט, וואָס טריקנט אויס אין די ביינער...

ראַכיטישע ביינער און שטאַרבנדיק בלוט...

דעם זעלבן בילד אין אַ העראָישן קריגסוואַריאַנט און די זעלבע מוזיק אין אַ סימפאָנישער שלאַכט-פּאַרטיטור האָבן מיר געזען און געהערט אין וואַנדערלעכן יאָר פון געטאָ-אויפשטאַנד. די טויטע מיסטיק פון די מעקובאָלים האָט זיך פאַרוואַנדלט אַף וואַרשעווער צעגריזשעטע ראָגן אין

לעבעדיקער מיסטיק. אויך דאָרט, אין די בלינדע געטאָ־קעלערן האָבן גע־נומען זינגען אונדזערע ביינער און אויך דאָרט האָט מען דערפילט מיט אַ מאָל דעם געפּליסטער, דעם גערויש און שפּעטער דעם געבריל פון אייגע־נעם בלוט.

דאָס בלוט האָט גערעדט און די ביינער האָבן געזונגען. עס איז גע־ווען דאָס זעלבע פאַרשמאַכטע בלוט און די זעלבע ראַכיטישע ביינער, אָבער דאָס מעקובאָלישע האָט זיך אין זיי פאַרוואַנדלט אין מאַקאַבייאַי־שעס. דאָס בלוט האָט זיך נישט אויסגעדאַמפּט אַפן פייער פון מיסטישן עקסטאַז, נאָר האָט זיך אויסגעגאָסן אין קאַמף, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעך און שוועבל, אין ברענענדיקער סמאָלע, אין פאַרצוקנדיקער לאַווע, אין טייכן פון גאַל און גיפט.

פּערעץ האָט אויפגעכאַפּט די נאַציאָנאַלע מעלאָדיע פון אונדזער בלוט. ער האָט זי געהערט אין איר מעקובאָלישער וואַריאַציע; ער האָט זי אָבער נישט באַוויזן צו הערן דירעקט אין אירע צוויי אַנדערע וואַ־ריאַציעס: אין דער מאַקאַבייאַישער און אין דער קידעש־האַשעמישער. אין אַלע דריי וואַריאַציעס איז אונדזער בלוט געווען העלדיש און האָט אַנגעהאַלטן איר אייגענע אָריגינעלע ריטמיק. אין טאַקט פון דער דאָזיקער ריטמיק האָט אונדזער געשיכטע געהאַט קויעך דורכצושלאָגן זיך דורכן קראָקאָדיל־פּיסק פון בייזע פרעמדע יאָרהונדערטער, אַריינגיסנדיק פון צייט צו צייט אין טעהאָם פון שוואַרצן וועלטגאָרגל גאַנצע עמערס פון אונדזער בלוט.

אין 1943 האָט מען אָבער פון אונדזער געשיכטע פאַרלאַנגט דאָס גאַנצע בלוט אונדזערס; האָט וואַרשע, פּערעצעס וואַרשע, מיט מאַקאַביי־אישער ריטמיק אַ געשריי געטאָן:

ניין, כאָרעוו זאָל ווערן די וועלט!

איצט זינגען שוין מער נישט אונדזערע ביינער אין וואַרשעווער געטאָ, עס זיינען שטום די צעבראָכענע קנאָכנס, קיין בלוט איז שוין מער נישטאָ אין זיי...

איבער וואַרשע הענגט נישט דער געזאַנג נאָר די קלאָלע פון אונ־דזערע ביינער, די גרויסע ביטערע קלאָלע, וואָס זוכט אַ וואָרט אין וועלכן אַנצוקליידן זיך, אין וועלכן שאַרפער, בייסיקער און פאַרניכטנדיקער צו ווערן.

אין פערעצעס מויל וואָלט אונדזער וואַרשעווער קלאָלע שוין לאַנג דאָס געזוכטע וואָרט געפונען.

III

דאָס בונטאַריש-רעוואָלוציאָנערע וואָרט פערעצעס האָט געבריט ווי ספּירט. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט געפּאַלמעסט די נישטיקייט און די קליינלעכקייט, ווי אויך די באַגריפעלעך און געפילעכלעך פון די אַלע, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר מאָסן און געוויכטער גרעסערע פון אַ מילימעטער און שווערערע פון אַ מיליגראַם. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט סאַטיריש אויסגעכויזעקט די „קליינינקע מיצוועלעך, אַווייַרעלעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך", די אַלע פּיצינקע עמאָציעלעך פון טאַל־אומאָטערדיקע הערצעלעך און האָט אויסגעפונען און אויסגעפּיקט דאָס ווערעמדיקע אינעם מענטשן. דאָס פּערעצישע וואָרט האָט געאָטעמט מיט באַרגלופט און האָט אויך אין די מענטשלעכע נעשאָמעס געזוכט באַרגפייַזאַזשן, סימעטרישע שיינקייט און פּסיכישע דערהויבנקייט.

דערפאַר איז נישט קיין וואונדער וואָס פּערעץ איז געוואָרן דער ראָמאַנטיקער פון ריינעם אורשפּרינגלעכן כאַסידיזם, פון דער ערשטער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס איז אויסגעפילט געווען מיט לויטערער פאַרברידערונג, מיט אַלטרואיסטישער פרייד, מיט אומפּערזענלעכער גוטסקייט, מיט מאָראַלישער גוואורע, מיט לעבנס־בעדווע און מיט טיפזיניקער שיינקייט אין מיטן פון אַ לעבן וואָס איז געווען גראָער שטיין און קלעפּיקער ליים. דאָך איז זיין ראָמאַנטיק נישט געווען קיין אידעאַליזאַציע פון אַ גרויסער, קאָנאָניזירטער פאַרגאַנגענהייט. זי איז נישט געווען אידיליש־גלעטנדיק, ווייך־פאַרוויגנדיק אָדער שטאָלץ־פאַררייסעריש. עס איז געווען רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, אויפטרייסלענדיקע שטורעם־ראָמאַנטיק פּאָנים־על־פּאָנים מיטן שפּעטערדיקן דעקאַדענטישן כסידיזם, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנגעפּרעסענעם קלעריקאַל־געצנדינערישן ריטואַל, אין אויגן־גלאָצעניש, קעלבערנער היספּיילעס, שיראַים־כאַפּעניש און קונילעמלדיקער קרעטינישקייט.

פּערעץ האָט טיפּיפיצירט די אידעאַלן פון כסידישן הומאַניזם, פון פאָלקסטימלעכן דעמאָקראַטישן כסידיזם אין קעגנזאַץ צו דער כסידי-

שער רעאַקציע. ער האָט אין דער נאַרקאָטיזירטער מאַסע, וואָס איז דער־צויגן געוואָרן אפן דעגראַדירנדיקן באַגריף פון בעטלען באַ גאָט און בעט־לען באַם רעבן, אַריינגעשליידערט שלוימעס אידעע פון נעשאָמע־יעסיי־רעדיקייט, פון קריטישער באַטייליקונג אין די אַפּפּלוסן און צופּלוסן פון וועלט־סיידער און פון אַקטיוון קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, אַף אַ רעוואָ־לוציאָנערן אויפן און אַפילע פאַרן פּרייז פון אַ כאַרוווער וועלט.

אין אַ טליענדיקן צושטאַנד האָט פּערעצעס לאָזונג יאָרנלאַנג גע־וואָרט אַף דער היסטאָרישער געלעגנהייט, אַף די געשיכטלעכע באַדינגונ־גען פון זיין פאַרווירקלעכונג. עס האָט געדאַרפט מיט אונדז טרעפן דער שוידערלעכסטער וועלטאומגליק, קעדיי די דאָזיקע באַדינגונגען זאָלן אַרויסוואַקסן פון דער צעשטויסענער, צעטראָטענער וואַרשע. אין צעמיי־מיסטן געטאָ האָט אויפגעלעבט פּערעצעס רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק. די שלאַכט־ראָמאַנטיק האָט געבלוטיקט אַזוי פּאַשעט און רעאַל אַף אַזוי־נע גראַע, איינפאַכע ערטער ווי נאַוואַליפּיע, קאַרמעליצקע און דזשיקע. דאָרט איז דעם לעצטן מאָל אויסגעזונגען געוואָרן די נאַציאָנאַלע מעלאָדיע פון אונדזער בלוט...

אונדזער וועלט איז כאַרעוו געוואָרן, אָבער די נעשאָמע־יעסיירעדיקע יידן זיינען נישט געגאַנגען איבער אירע כורוועס, אַזוי ווי פּערעץ האָט געוואָלט, זיי זיינען געבליבן אונטער די כורוועס...

עס איז אָבער געבליבן די געטאָ־ראָמאַנטיק. מיט יעדער מינוט וואָס פאַרשווינדט ווערט די דאָזיקע ראָמאַנטיק אַלץ מער אָנגעזאַפּט מיט גע־שיכטלעכע זאַפטן, מיטן הארבן רייעך פון אונדזער צוגעברענטן בלוט, מיטן מיידלשן אַראָמאַט פון אונדזערע דערוואָרגענע טעכטער און מיטן לעצטן דערשראָקענעם אווינגלאַנץ פון אונדזערע פאַרצוקטע אויפעלעך. אַזאַ איז אונדזער ראָמאַנטיק און אַזאַ איז דער גרעסטער נאַציאָנאַלער עפּאָס פון אונדזער געשיכטע.

די געטאָ־ראָמאַנטיק וועט אָבער נישט בלייבן אַליין. הינטער אונ־דזער גרויסן געטאָ־עפּאָס קוקט אַרויס אַזוינס, וואָס איז נישט ווינציקער גרויס: די נייע וועלט; די וועלט, וואָס האָט אין אָן עמבריאָנערן טרוים־צושטאַנד געלעבט אין פּערעצעס אינטואיציע מיט פופציק יאָר צוריק.

די דאָזיקע וועלט רוקט זיך אָן; פינף יאָר איז זי געשוואומען אין

בלוט און האָט געשלאָגן אַלע שווימערעקאָרדן פון דער געשיכטע. אירע ערשטע טריט הילכן אָפּ אין ווארשעווער געטאָ.

מיר זיינען געבליבן ווייניק, אָבער מיר וועלן אַלע דערגיין צו פּע-רעצעס נעשאָמע־יעסיירעדיקן שאַבעס. מיר זיינען נאָענט פון אים.

IV

פּערעץ שילדערט אין ערגעץ נישט קיין פּשאָרעס, קיין ניוועלירנדי-קע אויסגלייכן, קיין קאָמפּראָמיסן. ער ווייזט אומעטום דעם קאַמף, דאָס שטרייטן פאַר אַ הייליקער זאַך, דעם געראַנגל מיטן סאָטן, דעם געפּעכט פאַרן עמעס. ער ברענגט ארויס די טראַגישע שיינקייט פון מאַקריוו זיין זיך, פון בייקומען אַ ניסאָיען, פון באַזיגן שוואַכקייטן, פון לייבט אוועק-געבן דאָס שווער אָנגעקומענע, אויב דאָס פאָדערט דער אימפּעראַטיוו פון אַ העכערן ציל.

ער טוט עס נישט צוליב גוטמוטיקער מאַראַליזירונג, צוליב דידאַק-טישע טענדענצן אָדער צוליב זשאָנגלירן מיט קאָנטראַסטן. פּערעץ האָט גראָד ליב אַ יאָג צו טאָן אין קאָנטראַסט אָפן צווייטן, אָבער נישט סטאַם אַזוי; קאָנטראַסטן זיינען באַ אים נישט קיין פּאַסיווע קעגנזאַצן, נאָר קאַמפּס-פּאָזיציעס. עקסטרעמען שפּיגלען זיך באַ אים נישט איינער אין צווייטן, נאָר גיבן זיך אַ שטויס צונויף, ווייל פּערעץ האָט פיינט דעם פּאַרעוון מיטן, דעם לעבלעכן מיטן, וואָס מען האָט אונדז איינגערעדט, אַז ער איז פון גאָלד, דעם מיטלפּונקט צווישן אַהין און אַהער, וואָס איז נישט אַהין און נישט אַהער.

אין פּערעצן האָט געברענט אַ קאַמפּסגייסט און קימאַט יעדע דער-ציילונג זיינע איז אַ קאַמפּס־ארענע סיי צווישן וועלט-אָנשויאונגען און אידעען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאָנקרעטע סאָציאַלע פּערסאָנאַזשן, סיי צווישן געפילן און פּסיכישע אַנונגען ווען די קאַמפּס־ארענע איז בלויז די נעשאָמע פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער־טיפּ.

פּערעץ לייזט קיינמאָל נישט דעם דואַליזם דורך גלייכגעוויכט. גלייכ-געוויכט איז אַן אָפּגאַרנדיקע, צייטווייליקע פּאָזיציע, וואָס פאַרראַט מיט איר אומשטאַנדהאַפטיקייט. פּערעץ האָט עס פיינט און דערפאַר האָבן באַ אים די קעגנזאַצן ציין און נעגל. גאַשמיעס און רוכניעס מיימעסן

זיך אין הארצן פון מעקובל, די מענטשלעכע קערפער־פיזיאלאגיע גרייפט אן אף דער אסקעטישער מיסטיק. אין „צווישן צוויי בערג" גייט אן א געפעכט, אין דער „גאלדענער קייט" שטויסן זיך צונויף פערזאניפיצירטע קאנצעפציעס, און „באם גויסעס צוקאפנס" קומט פאר א דראמאטישער געראנגל. אין קימאט אלע „פאלקסטימלעכע געשיכטן" און „כסידיש" האט יעדע ווירקונג איר קעגנווירקונג און אומעטום, וואו דאס גוטע איז נישט נאר גוט נאר אויך שטארק, דארט איז ליכטיק און דארט שימערירט מיט נאטירלעכער פרייד.

פון אלע פערעצעס ווערק קוקט ארויס אף אונדז דער עמעס אין טויזנט געשטאלטן, אבער אלע טויזנט געשטאלטן זאגן אונדז די זעלבע ווערטער:

דאס גוטע טאר נישט זיין טמימעסדיק און איינגעדרייט אין דרייען, דער עמעס דארף האבן מוסקולן, און אידעען, אין זייער פריער יוגנט, מוז מען דערנערן אפילע מיט בלוט, אויב דאס איז נייטיק.

נאך שארפער, האסטיקער און קאטעגארישער איז פערעץ אין זיין דיכטערישער פובליציסטיק. דארט איז זיין פאעטישער טעלעגראפן־סטיל הוילע שפיז־שליידעריי און בלענדנדיקער מעסער־געדריי. זיין יעדער אנגרייפעריש ווארט, זיין יעדער אטלעטישער אויסדרוק באדייט דארט:

קאמף, קאמף, קאמף!

V

היינט, צום דרייסיקסטן יארצייט פון פערעצן, ווען אונדזערע אויגן זיינען נאך פארשטאכן מיט די כורוועס פון ווארשע, ווילן מיר דערמאנען בלויז:

פערעצעס שפיזיק ווארט;
פערעצעס רעוואלוציאנערע ראמאנטיק;
פערעצעס לײדנשאפטלעכן קאמפסגייסט;

מיר וואלטן אויך געדארפט דערמאנען אנדערע פערעצישע אייגנטימלעכקייטן און אנדערע רעליעפע אויסדרוקן פון דער פערעצישער געשטאלט, אבער פאנים־על־פאנים מיטן בלוטיקן מאיעסטעט פון די כורוועס און מיטן רייעך פון פארוויכערטן בלוט, דארף היינט דאס געזאגטע גענוג זיין.

פֿערעצעם וואַרשע איז פֿאַרברענט; אפילע די מירמלשטיינער וואָס האָבן צוגעדעקט דאָס אַלטע יידישע געביין וואַלגערט זיך ערגעץ אַף בלאָ־טיקע דאָרפסוועגן; דאָס געטאָ איז בליִנד און פֿאַרסאַרפעט, אָבער דאָס איינציקע וואָס איז נישט פֿאַרברענט געוואָרן, נישט דערשטיקט געוואָרן, נישט צעטראָטן געוואָרן, נישט דערשטאָכן געוואָרן, איז פֿערעצעס וואָרט.

מיר עפֿענען איצט אויף דאָס דאָזיקע וואָרט און טרינקען אויס זיין קרישטאָלענעם אינהאַלט ביזן דעק.

דער יידישער פאָלקס־געלעכטער

I

ווען עס וואָלט עקזיסטירט אַ וויסנשאַפטלעכער מעטאָד פעסטצושטעלן דעם אַפּשטאַם פון יידישן הומאָר, וואָלט לייכט געקאָנט באַוויזן ווערן אַז דער יידישער געלעכטער איז אַ געזעצלעך קינד פון יידישע צאָרעס. עס וואָלט נאָך לייכטער געווען צו באַווייזן, לויטן געזעץ פון קידער־ווידערדיקער פּראָפּאָרציאָנעלקייט, אַז אַזוי ווי עס זיינען נישטאָ קיין גרעסערע צאָרעס ווי יידישע, איז נישטאָ קיין גרעסערער און קיין זאַפטיקערער הומאָר ווי דער יידישער.

וואָס גרעסער עס זיינען געווען די יידישע געהאַקטע צאָרעס, מיט אַלץ מער יאַשטשערקעס האָט מען געלאַכט, אָבער מען ה אָ ט געלאַכט און אַז מען לאַכט אַ ס אַ ד פאַרשווינדן סאָף־קאָל־סאָף די יאַשטשערקעס און עס בלייבט די לויטערקייט, און עס טריקענען זיך די וואונדן.

דער יידישער געלעכטער איז דער אויסדרוק פון אַ טיפן, נאַציאָנאַלן שטריך, וואָס די יידישע פסיכאָלאָגיע און דער יידישער גייסט האָבן דערוואָרבן אויף די וואָגלוועגן פון אונדזער לעבן. דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז, אָבער, וואָס דער דאָזיקער געלעכטער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אונדזער שפּראַך און האָט זי געפורעמט בעצאַלמוי אובידמוסוי. קיין שום שפּראַך האָט נישט אַזוינע פאָלקסטימלעכע הומאָרשטריכן, אַזאַ מין פּיקבעסדיק־גלייכוועטלדיקן כאַראַקטער ווי יידיש, און דאָס איז נישט קיין

געיאַרשנטער כאַראַקטער, נאָר אַ דערוואָרבענער, דורך צאָרעס און בלוט אַ פאַרהאַרעוועטער.

נישט פון העברעיש און נישט פון אַראַמיש האָט יידיש געיאַרשנט איר פריילעכקייט, איר אויפגעלייגטקייט און אפילו דעם מעסער-געקריץ פון איר שניידיקייט. אין העברעיש זיינען מיר געווען פאַטעטיש, שטראָ-פעריש, ראָמאַנטיש, שיר־השירימדיק, קוהעלעסדיק, טהילימדיק, יירמע־יאָהעדיק און יאָמים-נוראָאימדיק, אָבער לאַכן און אויסלאַכן אַף העב־רעיש האָבן מיר נישט געקענט. אין אונדזער אמאָליקן אָריענטאַליש־רייכן, אויסגעטאַפיצירטן, אויסגעטאַפעטירטן און אויסגעגלעקלטן העב-רעיש האָבן די נעוויאים נאָר געקענט שטראָפן די אמאָליקע טאַקיפים און בלוטזויגער, אָבער נישט אָפלאַכן פון זיי ווי מענדעלע האָט עס געטאָן מיטן דינאַמיט פון זיין פענאָמענאַלן יידיש.

אין שפּעטערדיקן אַראַמיש איז שוין יאָ פאַראַן אַ טראָפּנדל הומאָר, אָבער ער איז פאַרבונדן מער מיט אַנעקדאָטאַרישער סיפּער-האַמאַיסעדי-קייט, מיט אַגאַדטע, מיט שפּריכוואָרטיקער סענטענץ־כאָכמע, מיט לייכטן סיטואַציע־הומאָר, אָבער עס פעלט דאָס מעסיקעסדיקע, דאָס אוממיטלבאַ-רע, דער נעשאָמע-גלעט, וואָס גיט אַ צענעם און אַ צעקיצל. ערשט ווען מיר האָבן נאָך טויזנט יאָר אַרומוואַנדערן גענומען איבערגעשטאַלטיקן זיך אין אַ נייעם נאַציאָנאַלן יעש, אין צענטער און אין מיזרעך פון אייראָפּע, איז אונדזער ווייטיקדיקע דערפאַרונג שוין געווען אַזוי גרויס אַז זי איז געוואָרן שעפעריש און גענומען היילן זיך מיט איר קאָנטראַסט — מיט פאָלקסשאַפערישער גוטמוטיקייט, אַף דער ניי־אויפגעקומענער שפּראַך וואָס דאָס לעבן האָט אַליין אויסגעקנאָטן, ווי אַ טונקעלע, קאָרענע כאַלע. און אויב כאַלע קען זיין שוואַרץ, קען דאָך דער ווייטיק באַצוקערט ווערן מיט פרייד; איז אויב אַזוי — הוליע קאַבצן!

אַף דער אָ ליניע איז געגאַנגען דער יידישער פאָלקלאָר פון די עלטס־טע צייטן אָן און אין דאָזיקן פאָלקלאָר, וואָס האָט געקוקט קרום אַף ייעש און פאַרצווייפלונג, דאַרף מען זוכן די מאַזלבראָכעדיקע אורשפּורן פון הערשעלע אָסטראָפּאָלערס האַרשפּאַלטערישע אַריינזאָגעכצן, פון שיי-קע פייפערס בורלעסקן כויזעק, פון מאָטקע כאַבאַדס לאַמדאָנישער שטעכ-וועדטלדיקייט, פון מענדעלעס אָנגרייפערישער בייסיקייט און טאָרבע־הומאָר, פון גרויסן שאָלעם־אַלייכעמדיקן וואונדער, פון בערגעלסאָנס

שטילן, בעניִמעסדיקן הומאָר און אפילע פון נאַדירס צירקטענצערישן יידיש.

מענדעלע און אַלע עמעסע שרייבער פון זיין צייט און די גרעסטע טייל פון די עמעסע שרייבער פון אונדזער צייט פילן דעם דאָזיקן הומאָר־געבאָט פון דער יידישער שפּראַך און פון יידישן שטייגער לעבן, און דערפאַר האָט מענדעלע געזאָגט: „איזהו גבור הכובש את הגלייכווערטל". אַ יידישער שרייבער דאַרף זיין אַ גיבער אויב ער וויל בייקומען און אויסמיידן דעם גלייכווערטלדיקן כיין אָדער די גלייכווערטלדיקע דיקטאַטור פון דער יידישער שפּראַך.

דער יידישער הומאָר דאָס איז די לופּטיקייט, די באַרגיקע לופטיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור. פאַר און נאָך שאָלעם־אַלייכעמען האָט דאָס יידישע פאָלקסלעבן געשטילט זיין דורשט אינעם געלעכטער. אפילע פּאָגראָם-הומאָר איז געווען און געטאָ־הומאָר, און אפילע קאָנצענטראַציע־לאַגער-הומאָר, און קוים איז דאָס צעפּיצלטע יידישע לעבן אַרויס פון אונטערן נאַצי־שטיוול, האָבן זיך גלייך באַוויזן יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַמיט אַרויסצוצאַפּן פון גרויסן יידישן אומגליק דעם הומאָר וואָס איז אַפילע ד אָ ר ט געווען.

דער אייגנאַרטיקסטער יידישער הומאָר איז אָבער קאָנצענטרירט אין שיינענדיקן שאָלעם אַלייכעם-געלעכטער, אין דער וועלט מיט ליכט, אין דער וועלט פון צעשפּיגלטקייט, אין שאָלעם אַלייכעמס וועלט.

II

ש. אַלייכעמס וועלט איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך, אַ וועלט וואָס איר רע געאָגראַפישע גרענעצן ציען זיך פון יעהופּעץ ביז ניו־יאָרק, אָבער וואָס איר מענטשלעכע און יידישע עסענץ קרייזט אַרום קאַסרילעווקע, ווי אונדזער פּלאַנעטן-סיסטעם אַרום דער זון. קאַסרילעווקע — די סימבאָלישע הויפּטשטאָט פון יידישן צעוואַקלטן גוירל, דעקלאַסירטקייט און אָרעמקייט איז די מעטראָפּאָליע פון אַלע שאָלעם אַלייכעמס וועלטן און וועלטעלעך, די גרויסע סצענישע אַרענע, אַף וועלכער שאָלעם אַלייכעם וויקלט פונאַנדער, אונטער דער מוזיקאַלישער באַגלייטונג פון יידישן פאָלקסגעלעכטער, די טראַגיק פון אַן אונטערגייענדיקער אָבער פאַרבנרייכער

טקופע פון יידישן לעבן, אפן שוועל פון קאָמפּליצירטע סאָציאַלע וועלט־פּראָצעסן. אין שאָלעם אַליכעמס וועלט און וועלטעלעך איז אָנגעזאַמלט דער סאַכאַקל פון דורעס יידישער לעבנס־דערפאַרונג, פון יידישער שפּראַך־פאַרפיינערונג, וואָס האַלט אין שטייגן, און פון נאַציאָנאַלן שטייגער, וואָס האַלט אין פאַרלירן זיינע ספּעציפישע שטריכן.

דער הינטערגרונט פון אַלע שאָלעם אַלייכעמס וועלטן און וועלטעלעך, סיי אין מאַזעפּעווקע, סיי אין בויבעריק, סיי אין ניו־יאָרק באַשטייט פון איין גרויסער דייגע, פון איין גרויסער יידישער דייגע — ד יי ג ע ם פּ אַ ר נ אָ ס ע , וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער דינאַמישער עלעמענט אין זיינע סיוזשעטן; און דער מ ע ט אָ ד , מיט וועלכן שאָלעם אַלייכעם מאַכט לעבעדיק און אויסדרוקספול די אויסגאַנגלאָזיקייט, דעם צאַר און דעם ווייטיק פון יידישן לעבן, איז, אַף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן, גראָד דער יידישער געלעכטער, דער יידישער פאָלקס־געלעכטער, מיט וועלכן ש. אַלייכעם הויכט אריין אַ „רוח חיים" אין אַלע זיינע וועלטן און וועלטעלעך.

דער יידישער פאָלקסגעלעכטער איז דאָס גרויסע געווינס וואָס שאָלעם אַלייכעם האָט געוואונען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, דער גרויסער אוצער, וואָס זעט אונדז שוין איצט אויס ווי אַ נאַטירלעך אייגנטום פון יידישן גייסט, אָבער וואָס האָט פ אַ ר שאָלעם אַלייכעמען אויסגעזען ווי אַ פּוסטע אָפּשפּאָטעריי, אַ מינדערווערטיקע לעצאָנעס, וועלכע קען גאָר נישט האָבן קיין שייכעס מיט קיין קולטור־קאַטעגאָריע און וואָס איז פרעמד נישט נאָר דעם העכערן יידישן געדאַנק, נאָר אפילע דער באַוואוסטזיניקער טאָג־טעגלעכער יידישקייט.

שאָלעם אַלייכעם האָט עמאַנציפּירט דעם יידישן פאָלקס־געלעכטער, וואָס האָט געלעבט אַנאָנים אין די טיפע שיכטן פון יידישן פאָלק און וואָס האָט, פון צייט צו צייט, ספּאָראַדיש ארויסגעשאָסן אַף אַ קורצן פאַרשפּיציקטן, אַנעקדאָטאַריש־כויזעקדיקן אופן פון אַ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, פון אַ מאָטקע כאַבאַד, פון אַ שייקע פייפער און אפילע פון די „שיחות חולין של תלמידי חכמים". דרייפאַך טרייף איז געווען דער דאָזיקער געלעכטער: פאַר זיין „זשאַרגאָנישער" אויסדרוק־פאָרעם, פאַר זיין פאַרשטעלן מיט זיך אַ קלוימערשט נישט־יידישע מידע און פאַר די רעוואָלוציאָנערע געפאַרן וואָס האָבן פּאָטענציעל געשטעקט אין אים, ווי־

אין יעדן געלעכטער, לעגאַבע דער דיקטאַטור פֿון איבערגעוואַקסענע דעספּאָטישע טראַדיציעס און פֿון דער אַקסיאָמאַטישן „חוק ולא יעבור".

י. ל. פּערעצעס ניצעצדיק־רעמאָזימדיקע אַריינטויכענישן און אַרויסטויכענישן, די סצענאַרן פֿון זיין „פּמליה של מעלה" און די מאָראַל פֿון זיינע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען, אין אַ געווסן זינען, געלעגן אַף דער טראַדיציאָנעלער און לאָגישער ליניע פֿון יידישן עטישן אַפּאָטעאָז; אַפילע מענדעלעס סאַטיריש־בייסיקע אַנאַליזן פֿון דער אינערלעך־יידישער סאָציאַלער אָרדענונג האָבן אין זיך געהאַט נעוויאיש־שטראָפישע רעמיניסצענצן און האָבן זיך דערנענטערט צו די טאַנאָיש־אַמוראָישע מעטאָדן פֿון כקירע אודרישע, אָבער שאָלעם אַלייכעמס אָפענער און ליכטיקער געלעכטער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ וואַרעמער טראָפּישער רעגן אַף דער פֿאָלאַרער פּאַרקילטקייט פֿון יידישן גייסטיקן לעבן, איז געווען ניי און פריש. ניי, אָבער נישט פרעמד.

דער דאָזיקער פּאַרשוויגענער יידישער פֿאָלקס־געלעכטער, וואָס איז געווען דער אייגנטלעכער און אייגנטימלעכסטער סימען־מאָוזהעק פֿון דער יידישער וויטאַליטעט, נישט פֿון דער טראַדיציאָנעל־רומפֿולער נאָר פֿון דער אַקטועל־ליידנדיקער, האָט דערוואָרבן זיין גלייכבאַרעכטיקונג דורך שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם אַלייכעם איז דער אויסקעמפער פֿון דער אינטעלעקטועלער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון יידישן געלעכטער, ער איז דער באַפרייער פֿון יידישן נאַציאָנאַלן שמייכל, וואָס איז פּ אַ ר אים געווען פּאַרקויפט אין קנעכטשאַפט צו דער לאָמדישער און מאַסקילישער טויטערנסטקייט.

איצט, נאָך פופציק יאָר פרייהייט פֿון יידישן פֿאָלקס־געלעכטער, דאַרף מען געדענקען, אַז ווי יעדע אַנדערע אויסלייזונג, איז אויך די דאָזיקע באַפרייאונג נישט אָנגעקומען לייכט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז סיי די טראַגיק פֿון צעטרייסלטן יידישן לעבן ערעוו די געשיכטלעכע שטורעמס פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, סיי די ספּעציפֿישע טויזנטיאָריקע טראַדיציעס פֿון דער יידישער גאָלעס־ליטעראַטור, וועלן שטרענג באַוואַכן די גרענעצן פֿון יידישן גייסט קעגן וועלכער נישט איז אַריינדרינגערישקייט פֿון געלעכטער און הומאָר. נישט נאָר פֿון דרויסן האָבן די דאָזיקע שטערונגען און באַוואָרענישן אַרומגערינגלט שאָלעם אַלייכעמען מיט אַ קרייז פֿון שפּיזן, נאָר אַפילע אינעווייניק מיט זיך אַליין האָט זיך דער

יונגנטלעכער שאָלעם אַלייכעם געדאַרפט ראַנגלען מיטן האַלאַכעדיק־מעד־רעשדיקן ערנסט, מיט דער לאַשנקוידעשדיקער, מעליצעדיקער טראַדיציע, מיט דער לאַמדיש־סייפערדיקער אינערציע, מיט דער עלעגיע, סימבאָליק און סכאָלאַסטיק פון עלטערן יידישן וועלטבאַנעם און מיט דער נייער מאַסקיליש־דידאַקטישער מאָדע. נאָך לאַנגע וואַקלענישן האָט אים זיין קינסטלערישע אינטואיציע געבראַכט צום סאַמע צענטער פון יידישן לעבן, אַפן קירצסטן, ריינסטן און אומבאַטראַטנסטן וועג, אפן וועג פון יידישן געלעכטער.

שאָלעם אַלייכעם האָט דערוויזן, אַז דער יידישער געלעכטער איז נישט דער קרומער שפיגל פון דער יידישער טראַגיק, נאָר אַ הויפטשטריך פון דער יידישער לעבנס־פילאָזאָפיע; אַז אַ פאָלק וואָס לאַכט, גייט נישט אונטער; אַז אַ פאָלק, וואָס ווערטלט זיך און וואָס געפינט אין זיינע צאָרעס אַ מאָטיוו פון גוטמוטיקייט און פון הומאָרפולער זעלבסטקריטיק, ווערט נישט פאַרפאַלן צווישן די געשיכטלעכע זאַמדשטורעמס.

שאָלעם אַלייכעמס הומאָר איז נישט געווען קיין קיצל־הומאָר, קיין פּאָרמעלער מיטל אַרויסצורופן געלעכטער, נאָר איז געווען דער געלעכטער אַליין. פון שאָלעם אַלייכעמען האָט אַרויסגערעדט, מיטן פולן מויל, דאָס פאָלק און פונעם פאָלק האָט אַרויסגערעדט און אַרויסגעלאַכט אונ־דזער שפּראַך, — איינע פון די שפּרודלדיקסטע, וויציקסטע און בויגעוו־דיקסטע שפּראַכן אַף דער וועלט, וואָס איז, אין אַ גרויסער מאָס דורך שאָלעם אַלייכעמען, אויך ליגדולע געוואָרן צו אונדזער היינטיקן נאַציאָ־נאַלן יידיש.

שאָלעם אַלייכעמס דעפיניציעס, פערסאָנאַזשן, ווערטלעך, פאַר־גלייכן און קאַלאַמבורן זיינען גאַנצערהייט אריין אין אונדזער לעקסיק, אין אַלע אונדזערע ריידנסאַרטן, אין אונדזערע פאַרשטעלונגען און זיינען געוואָרן עלעמענטן פון אונדזער געדאַנקענגאַנג און פון אונדזער געפילן־ספערע. עס איז שווער צו געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור פון אַלע צייטן אַ שרייבער, וואָס זאָל האָבן אַזוי פאַרשווענדעריש באַרייכערט מיט פרייד דאָס גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אַ פאָלק, ווי דאָס האָט געטאָן שאָלעם אַלייכעם.

דערפאַר, אויב מיר זאָגן, אַז צו מענדעלען פילן מיר פּאַטריאַרכאַ־לישן רעספּעקט, צו פּערעצן — יראַס־האַקאָוועד, איז קלאָר אַז צו שאָלעם

אלייכעמען פילן מיר פאשעטע ליבע, יענע ליבע, וואס גיט א פלייץ ארויף ווי הויך עס לאזט זיך נאר, ווען אין דער נעשאמע גיט א לויכט דער וואַרעמער באגריף שאלעם אלייכעם.

III

שאלעם אלייכעם האט זיך געראנגלט מיט א סאך ליטעראַרישע שטאפן און מיט א סאך קינסטלערישע פארמען ביז ער איז געווארן, אף אן עמעס, שאלעם אלייכעם.

דעם ערשטן מאטעריאל, וואס ער האט געפרואווט געשטאלטיקן איז געווען דער יידישער סענטימענטאלער ראמאן. דעם עמאטיוון שטוים צו דעם האט אים ווארשיינלעך געגעבן זיין שלעכט־אנגעהויבענע און גוט־פארענדיקטע ליבע מיט אלגא לאיעוו, ווי אויך זיין אנטשיידענער קאמף קעגן יידישן שונדראמאן און ספעציעל קעגן שונדזיידע פון דער יידישער ליטעראטור — שאמערן. זיין יונגער שיר־האשירימדיקער געמיט־צושטאנד און דער ווילן צו געבן מוסטערן פון עכט־יידישער ליבע אין א שטייגעריש־יידישער סוויווע, האבן ארויסגעצוואונגען פון אונטער זיין אומראמאנטישער פען די ראמאנען „יאסעלע סאלאוויי" און „סטעמפעניו". מיר זאגן „ארויסגעצוואונגען", ווייל זיי שטעלן פאר א סענטימענטאל בלאנדזשעניש, אין וועלכן די גוטע קאוואנעס שאלעם אלייכעמס קריגן נישט קיין געהעריקן קאמפאזיציאנעלן, פסיכאלאגיש־ראמאנטישן און שפראכלעכן טיקן. אין פארגלייך מיט די עכטע, שפעטערדיקע פערסאנאזשן שאלעם אלייכעמס, זיינען ראכעלע און פערעלע קארטאנענע מונעקינען, ווייל עס פעלט זיי דאס לעבעדיקע פלייש פון שיינע שיינדלען, פון האדלען און פון שפרינצען.

גיך האט שאלעם אלייכעם דורכגעפיבערט זיין סענטימענטאלן ראמאנען־פעריאד און האט, קריגנדיק שוין א לייכטע אנונג וועגן זיין קינסטלערישער גענויגטקייט צו הומאר, א ווארף געטאן זיך צו ברייטע געזעלשאפטלעכע ראמאנען, וואו אנשטאט צו קאמבינירן הומאר פון סיטואציע מיט הומאר פון שפראך, האט ער, אפן שטייגער פון די אייראפעישע הומאריסטן, אפגעגעבן זיך בלויז דער הומאריסטישער בריט־פארצווייגטער סיטואציע, ווי דאס קומט צום אויסדרוק אין „בלאנדזשענדע שטערן",

אין „בלוטיקן שפּאַס" און טײַלווײַז אין „מאַבל". דאָ איז שאָלעם אַלײ־כעם נאָך אַלץ געווען נאָכמאַכעריש, איז נאָך נישט דערגאַנגען צו זײַן אײגנטלעכער פּאָרעם און האָט זיך פּארקוקט, מײַן איך, הויפּטזעכלעך אויף דיקענסן, וועמענס שאַפן כאַראַקטעריזירט זיך דורך גרויסע, באַוועגלע־כע, טראַגיקאָמישע סיטואַציעס, וואו דאָס געשעענע, די פּאַקטן־רײַכ־קײַט פון סיוזשעט פאַרנעמט דאָס אָרט פון שטײַגערישער באַשרײַבעריש־קײַט, מעדיטאַציע און פּסיכישער מיליע־שילדערונג. בײַ שאָלעם אַלײכע־מען זײַנען די דאָזיקע באַוועגלעכע ראָמאַנען ארויסגעקומען פאַרפּלאַכט סײַ ארכיטעקטאָניש, סײַ פּסיכאָלאָגיש. עס פעלט אין זײ אײנהײטלעכ־קײַט, אויסגעהאַלטנקײַט און זײ האָבן נישט קײן אידעישן געביין. דער גאַנצער מאַטעריאַל האַלט זיך אויף אַ לויזן צוזאַמענהאַנג פון צופעליקע אינטריגעס און עס זעט זיך באַשײַנפּערלעך, אַז דער געיעג נאָך שפּאַנענ־דיקײַט אינעם סיוזשעט ווערט געטאָן אַפן כעשבן פון דער קינסטלעריש־קײַט פונעם ווערק, נישט מיט אַ בעקיוונדיקער אויסרעכענונג, פאַרשטײט זיך, נאָר צוליב דער ניט־אָריענטירטקײַט פון מעכאַבער אינעם פרעמדן פאַר אים, ליטעראַרישן זשאַנר.

די דאָזיקע אַלע סענטימענטאַלע און ווײַטשעטעכדיקע בלאָנדזשע־נישן האָבן זיך, אָבער, אײנס און צוויי געענדיקט, ווען שאָלעם אַלײכעם האָט פאַרשטאַנען, אַז „דאָס לעבן אַלײן איז אַ ראָמאַן", און אַז זײַן קינסטלערישער ווזן קען באַקומען זײַן גאַנצע יעניקע אַפּן פּערימעטער פון קאַסרילעווקע — די שפּעטערדיקע קרוינשטאָט פון זײַן רום און פון זײַן גרויסקײַט.

IV

געאָגראַפיש האָט שאָלעם אַלײכעמס וועלט געוואָרצלט אין קאַסרי־לעווקע, בויבעריק און יעהופּעץ; סאָציאָלאָגיש — אינעם באַלמעלאָבע און פאַראָרעמטן קלײנבירגער; פּסיכאָלאָגיש — אין די אָנוואַקסנדיקע טראַגיקאָמישע קאָנפליקטן אין דער יידישער מישפּאָכע, ווי אַ רעזולטאַט פון די ווײסטע פאַרנאָסעס און פון דער בעהאַדראָגעדיקער פאַרוועלטלע־כונג פון יידישן לעבן; עקאָנאָמיש — אין דער אויסגאַנגלאָזיקײַט פון אומגעזונטן, קינסטלעך־אויפגעבלאָזענעם האַנדל־וואַנדל.

פון די הונדערטער טיפּן, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט אַרויסגעקרי־שעפּט פון זיין קאַסרילעווקער שאַצקאַמער, זיינען דריי שוין לאַנג און לע-אוילעם קאַנאָניזירט געוואָרן. דאָס זיינען: מאָטל פּייסי דעם כאַזנס — אַ וועלט־מאָנומענט פאַרן יידישן קינד, טעוויע דער מילכיקער — אַ פאַר-קערפּערונג פון קלוג־נאַיוון און גלויביק־ביטאָכנדיקן פאָלקסמענטש און מענאַכעם מענדל — דער קאָלירפולער, זייפנבלאָזיקער פאַטאַמאָנטאַזש פון אויסגערונענע, אומשעפערישע כאַלוימעס.

אין די אַלע דריי היסטאָרישע געשטאַלטן, וואָס וועלן דויערן ביז אַלע יידישע אייביקייטן, שטעקט אַ שטיק שאָלעם אַלייכעם. מאָטל פּיי־סים איז, אין אַ גרויסער מאָס, שאָלעם נאָכעם וועוויקס, דער קליינער שאָ-לעמל פון וואָראָנקע, די „פאַרשלעפּטע קרענק"; מענאַכעם מענדל איז דער רואינירטער שאָלעם ראַבינאָוויטש אויף דער אָדעסער בערזע און טעוו-יע איז דער איינגנטלעכער גוטמוטיקער שאָלעם אַלייכעם פון שטענדיק.

צום ערשטן מאָל האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ קלוגע געטאָן דאָס עכטע זילבער פון אַ געזונטן קינדערשן געלעכטער, האָט אַן עמעסן שטיף געטאָן אַ יידישער קונדעס און עס האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט צו גלאַנצן דער אומענדלעכער צאַר פון יידישע אייגעלעך אויף בלאַס-גרינע פּענימלעך. שאָלעם אַלייכעם האָט צוריק פאַרוואַנדלט די קליינע יידעלעך אין קינדער און אַרויסגעראַטעוועט די קינדערשע פרייד פון די טויזנטער „ניטעס", „לאַוון" און „לאָ תעשהס".

מענאַכעם מענדל — דער ערשטער פּראָדוקט פון צעטרייסלטן קאַס־רילעווקע, וואָס ווערט, אויף אַן אויסזיכטלאָזן אויפן אַרויסגעשפּיגן אין יע־הופּעץ, איז נישט קיין אַפּעריסט און נישט קיין מאַניאַקישער אוטאָפּיסט. ער איז, אויף זיין שטייגער, אַ באַל־ביטאָכן און זיין גאַנצער האַוועגען איז אַן אויסדרוק פון נאַיוון גלייבן אינעם איינס פּראָצענט היפּאָטעטישער מעגלעכקייט אויף 99 קעגן. און ער טוט עס, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס וואו ער זאָל זיך נישט קערן, האָט ער קעגן זיך 99 אויסגעשטעלטע פייגן און דער הונדערטסטער וואָס איז שוין נישט קיין פייג, איז, אָבער, אויך נישט מער ווי אַ פראַגע־צייכן. ער ווערט, אָבער, נישט פאַרצווייפלט און פאַרוואַנדלט אַ שלאָל מיט ענערגיע און דערפינדערישקייט, וואָס וואָלט, אין אַנדערע אומשטענדן, געמאַכט פון אים אַ שעפערישן מענטשן.

נישט מענאַכעם מענדל איז שולדיק אין די ביטערע און קאָמישע

דורכפאַלן, נאָר די געזעלשאַפטלעך-דעגראַדירנדיקע אומשטענדן אין וועל־
כע ער איז פאַרשלאָסן צוליב זיין יידישקייט און דעקלאַסירטקייט. קען
זיין, אַז מיט פופציק יאָר שפּעטער, אין ביראָבידזשאַן אָדער אין קרים,
וואָלט מענאַכעם מענדל, אָנשטאָט צו האַנדלען מיט אַקציעס „אַ לאַ האָס"
און „אַ לאַ בעס", געוואָרן גאָר אַ שלאָגלער, אַ טראַקטאָריסט, אַ לופט־
מענטש אין אַן אַוויאָן, אַ דעפּוטאַט צום העכסטן סאָוויעט. די נעגאַטיוו־
קייט פון מענאַכעם מענדלשן טיפּ איז אַלזאָ אַן אומדירעקטע; די אַנטי־
פּאַטיע וואָס שלאָגט פון אים איז נישט קיין פּערזענלעך־אָרגאַנישע און
געווים נישט קיין אַבסאָלוטע; זי איז אַ געצוואונגענערהייט־דערוואָרבענע,
אַן אַרויפגעצוואונגענע דורך דער צאַריסטישער אויסנאַם־פּאָליטיק. דער־
פאַר איז מענאַכעם מענדל מיט זיין גאַנצער טראַגיקאָמישקייט, פּאַראַזי־
טישקייט און אַנטיפּאַטיע דאָך אַ העלד, אַף וועלכן עס לויכט אַ ווייטער
אָפּגלאַנץ פון דער יידישער איינגעאַקשנטקייט נישט אונטערצוגעבן זיך
אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן. מענאַכעם מענדל קעמפט און קאַ־
פּיטולירט נישט און וויל נישט אַפילו דעזערטירן קיין קאַסרילעווקע, צו
שיינע־שיינדלען, וועלכע איז גרייט אים מוחל צו זיין פאַר אַלע זיינע
דורכגעפאַלענע געשעפטן, וואָס זיינען נישט מער ווי בוידעם, לאָקש,
ציבעלע און עפּשער דאָס אויך נישט...

וואָס שייך טעוויע דעם מילכיקן, איז ער די פאַרקערפּערונג פון דער
טמימעסדיקער יידישער גוטמוטיקייט. ער באַנעמט און פאַרשטייט אַלץ
מיט זיין פּרימיטיווער פּיקכעס און טראָגט אַריבער זיינע צאָרעס דורך אַ
פּראַקטיש־לאָגישן, פילאָזאָפישן אַנאַליז. זיינע דיסקוסיעס מיט זיך אַליין
בינדט ער איבער מיט זיידענע פעדימלעך הומאָר, קעדיי נישט צו לאָזן
זיך באַהערשן פון דער לוירנדיקער פאַרביטערטקייט. אַט דער אויסלייגן
אַלץ צום גוטן, די גענייגטקייט מוחל צו זיין און צו פאַרגעבן, דאָס אויס־
טיינען זיך אַף אַ שעלמישן אויפן מיטן ריבוינע שעל אוילעם און דאָס
אויסהיטן זיך פאַר איבערגעטריבנקייט זיינען די דורכשניטלעכע סימאַ־
נים פון דערהויבנקייט פון געוויינלעכן יידישן פאָלקסמענטשן, וואָס ווייכט
פון דראַמאַטישע פאַרפלאָנטערטקייטן און וויל אויסקעמפן, אַפילו פאַרן
פּרייז פון פּערזענלעכע קאָרבאָנעס און איבערציינגונגען, אַ ברעקעלע אידי־
לישע געלאַסנקייט, נישט אַזוי פאַר זיך ווי פאַר זיינע נאָענטסטע, מעג
עס אַפילו זיין אַף איין מאָמענט בלויז, ווייל שטענדיק עקזיסטירט דאָך

די שאָלעם אַלייכעמדיקע האָפענונג, אַז ווען דער דאָזיקער מאָמענט וועט קומען, וועט ער זיך עפּשער פאַרצווייפלען, פאַרדרייפאַכן און פאַרפיר־פאַכן...

פון אַלע שאָלעם אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן, וואָס זיינען אַף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן אומגליקלעך, ווייט מיט זעלטענעם אָפּטימיזם און מיט איינ־געגלויבטקייט, מיט איינגעשטשעמעטקייט אינעם לעבן און מיט פאַרביסנ־קייט צו טאָן גוטס, נישט געקוקט אַף די פינצטערע אויסזיכטן. אַזאַ איז געווען דער יידישער פאָלקסמענטש און אַזאַ איז ער דערשינען אין שאָ־לעם אַלייכעמס ווערק, מיט זיין בילדעריש וואָרט, מיט זיין ביינעוודיקן גלייכווערטל און מיט זיין טיפזיניקן הומאָר, דורך וועלכן עס איז געקו־מען צום אויסדרוק, אַף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אויפן זיין נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער ווייטיק.

V

שאָלעם אַלייכעם האָט באַוויזן, אַז דאָס טראַגישסטע פאָלק אַף דער וועלט פאַרמאָגט דעם ליכטיקסטן פאָלקס-געלעכטער און אַז דער דאָזיקער געלעכטער איז, אין אַ גרויסער מאָס, אַן אַנטידאָטום צו אונדזער היסטאָ־רישער טראַגיק.

דורך שאָלעם אַלייכעמס וואָרט איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע לעבע־דיקייט און בויגזאַמקייט פון האָרעפּאַשנעם יידישן לעבן, זיין דעמאָקראַ־טישער אַמכאָ-גייסט און זיין היפּערטראָפירטע טרוימערישקייט. שאָלעם אַלייכעמס ווערק איז אַ שטיק לעבעדיקע יידישע געשיכטע „אין עקסטענ־סאָ", אַ שטיק „אבר מן החי" פון יידישן לעבן, אַ געניויע אָפּטישע אָפּ־בילדונג און אַ געטרייער אַקוסטישער אָפּקלאַנג פון די היסטאָרישע אי־בערברוכן אין אונדזער עקזיסטענץ, אין דער צאַרישער פעלקער-טפּיסע.

איצט איז שאָלעם אַלייכעם פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. צוואַנציק פעלקער לייענען אים און אַפּשן כעשבן פון מעלוכישע מיליאָנען גייען זיך פונאַנדער מיליאָנענ־ווייז די עקזעמפּלאַרן פון שאָלעם אַלייכעמס ווערק אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. כוועדקע דער דאָרפשרייבער, פון וועמען טעוויע האָט געהאַט אַזוי־פיל האַרצווייטיק, לייענט שוין אויך איצט שאָלעם אַלייכעמען און קייכט

פון יידישן פאָלקס־געלעכטער. זעט עס נישט אוים ווי אַ כאָלעם, וואָס אַפילע מענאַכעם מענדל וואָלט נישט געוואָגט צו כאָלעמען?

אונדזער לעבן איז געוואָרן טיפער, קליגער און גלייביקער מיט שאָ־לעם אַלייכעמען, און אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן וועט הילכן דער דאָזיקער גרויסער פאָלקסגעלעכטער, וואָס שאָלעם אַלייכעם האָט אַרויסגעקישעפּט פון די לאַבירינטן פון אונדזער פאָלקסלעבן, דער דאָזיקער פאָלקס־געלעכטער, אין וועלכן עס פוצט זיך אוים סיי אונדזער פרייד און סיי אונדזער טרויער.

דער סאָציאַלאָגישער פילאָזאָף פון דער ווירקלעכקייט

I

אין מיינע פאַרטרוימטע יינגלשע יאָרן, נאָך איידער איך האָב דערוואָרבן די אינטעלעקטועלע געניטקייט דורכצומאַכן מיין ערשטע זשיטלאָווסקי־דערפאַרונג, האָב איך שוין געפילט אַ דייטלעכן זשיטלאָווסקי־שטאָלץ אין די טיפענישן פון מיין נאַציאָנאַלן אונטערבאַוואוסטזיין.

ווען אָף דער יידיש־וועלטלעכער שולבאַנק האָט אין מיין יונג־צעגליטן געמיט אויפגעלעבט, מיט אַנטשלאָסנקייט און ליבע דער נישט־רעדוצירלעכער באַגריף „יידיש", ווי אַ שפּראַכלעך־נאַציאָנאַלער אַטריבוט פון מיין פאָלק, ווי אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע, געשיכטלעך־נויטווענדיקע און צייטמעסיק־באַרעכטיקטע פאָרעם פון אונדזער אידעאָלאָגישן פונאַנדערוואוקס אין נייעם פאָלקסלעבן, האָב איך טיף אין דער נעשאָמע געפילט זשיטלאָווסקין.

דער יוגנטלעכער יידיש־אייפער, וואָס פלעגט אָפּט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידיש־פּסיכאָז, האָט זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס „מיר האָבן אַן אייגענעם, עמעסן, יידישן פילאָזאָף" און דער אינטואיטיווער קינדערשער זשיטלאָווסקי־שטאָלץ פלעגט אָנקוועלן וואָס אונדזער יונגער יידיש־אַרסענאַל פאַרמאָגט שוין נישט נאָר ביינעוודיקע בעלעטריסטיק, שאַרפזיניקע פּובליציסטיק און גראַציעזע פּאָעזיע, נאָר אויך שווערע, ווייטשיסנדיקע פילאָזאָפיע פון גרויסן זשיטלאָווסקישן קאַליבער.

אין קינדערשן באַנעם איז פּילאָזאָפיע דער איידעלסטער מעטאַל פון אינטעלעקטועלן שאַפן, די קרוין פון דער קולטור. דערפאַר איז דער קול־טור־באַוואוסטזיין פון מיינע פריע יוגנטיאָרן אָנגעפילט מיט זשיטלאָווס־קי־דערהויבונג און זשיטלאָווסקי־רעספּעקט. בעיים די מאַכטלאָזע אָנ־פאַלן פון דער אַסימילאַציע און פון העברעיִסטישן שאָוויניזם אַף אונדזער לעבעדיקן לעבן האָב איך מיט מיינע קימאַט קינדערשע הענט זיך אָנגע־האַלטן אינסטינקטיוו אָן זשיטלאָווסקיס אינטעלעקטועלע פאַלעס. איך האָב געגלויבט אין אים נאָך איידער איך האָב אים פאַרשטאַנען און אָנגע־שפּאַרט, צווישן אַנדערע, אויך אַף אים מיין יינגלשע נאַציאָנאַלע אייגנ־ליבע, מיין עקזאַלטירטן יידיש־פּאַטריאָטיזם, און געפונען אין אים דעם וויסנשאַפטלעך־פּילאָזאָפישן קולטור־ייכעס פון אונדזער נייעם וואָרט.

II

אַף זשיטלאָווסקיס פּילאָזאָפישע האָריזאָנטן געפינען מיר נישט קיין מעטאַפיזישע וואָלקנדלעך, קיין קאָסמאָגאָנישע במאַרעס און קיין ספּעקו־לאַטיווע בליצן. זיין פּילאָזאָפיע איז אַ געזעלשאַפטלעכע, אַ סאָציאָלאָגיש־סאָציאַליסטישע, אַ נאַציאָנאַל־יידישע און אַ קולטור־פאַרשערישע. ער איז אויפגעקומען ווי אַ קולטור־פּילאָזאָף פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיעם און ווי אַ סאָציאַליסטישער קאָאָרדינאַטאָר פון אונדזערע נאַציאָנאַלע ווידעראַנאַנדן און אַנטאַגאָניזמען.

אונדזערע קלאַסיקער האָבן בעלעטריסטיש דעפינירט די באַדנלאָזי־קייט פון אונדזער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, ערעוו די סאָ־ציאַלע ערדציטערנישן פון וועלכע עס האָט גענומען ליידן די צאַרישע אימפּעריע. זשיטלאָווסקי האָט אַריינגעגאַנגען אין אָנקומענדיקן געשיכט־לעכן געווירבל דאָס גאַנצע ליכט פון זיין וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, קעדיי צו ענטפערן ניכטער אַף דער ברענענדיקער פראַגע „וואָס טוט מען?"

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס יידישע לעבן וועט מוזן אַרויסקריכן פון זיין פאַרמעטענער הויט און פון זיין מיטלאַלטערלעכער איזאָלירט־קייט, קעדיי, אַף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן, צו דערגרייכן אַ געוויסע מאָד־דייגע פון נאַציאָנאַלן אויפשטייג, נאָכן לאַנגן פּעריאָד פון וועגעטאַטיווער איינגעקאָרטשעטקייט. עס האָבן זיך גענומען אויסטיילן און קאָנקרעטי־

זירן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, אין מיטן פון וועלכע עס איז שפּעטער דערשינען זשיטלאָווסקי מיט זיין גלאַסענעם אָבער טיף־שניידנדיקן וואָרט.

א סאַך פון די דאָזיקע שטרעמונגען האָבן זיך געשטיצט נישט אַף קיין פּאָזיטיווע פאָלקסווערטן, נישט אַף טיפגלייביקער ליבע צום פאָלק, נאָר אַף נעגאַציעס, אַף פאַרלייקענונגען, אַף לייכטזיניקייט.

די האַסקאָלע, וואָס האָט דאַן שוין דורכגעמאַכט אירע לעצטע באַנ־קראָטירטע יאָרן, האָט מיט איר אַריסטאָקראַטיש־אינטעליגענטישער פאַר־דיסנקייט, אַ סאַך נעגירט און ווינציק געשאַפן.

די עקלהאַפטע אַסימילאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די פול־שטענדיקע נעגירונג פון יידישן לעבן.

די באַגרינדער און טעאָרעטיקער פון בירגערלעכן, נאַציאָנאַליסטישן ציוניזם זיינען אויך געקומען צו דער יידישער פראַגע דורך דער נעגאַציע. הערצל האָט אַנטדעקט דאָס יידישע לעבן און דערפילט די יידישע טראַגיק ערשט דאַן, ווען די פרעמדע סוויווע, אין וועלכער ער איז געווען אַסי־מילירט, האָט אים צופעליק צוריקגעשטויסן און דערפאַר האָט ער, פונקט אַזוי ווי פינסקער, באַגריפן די נאַציע „ווי אַ קאָלעקטיוו, וואָס זיין איינ־הייט עקזיסטירט אַ דאַנק אַ שוטפעסדיקן פיינט". דאָס איז אַ נעגאַטי־ווער, פאַרצווייפלטער שטאַנדפּונקט, וואָס לייקנט אָפּ די לעבעדיקע, אומ־אָפּהענגיקע נאַטורקראַפט, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין יעדן פאָלק און וואָס איז דער ערשטער געזעץ פון זיין עקזיסטענץ.

געוויסע יידישע סאָציאַליסטן אפילו זיינען געקומען צום סאָציאַ־ליזם נישט דורכן גלייכן וועג פון מאַרקסיזם, נאָר דורך די פינצטערע גריבער פון מיטלויפעריי, וואָס רעדוצירט זיך אויך, סאַף־קאָל־סאַף, צו נעגאַציע. זיי האָבן געזאָגט, אַז סאָציאַליזם איז וואויל, ווייל „קיין בע־סערער אויסוועג איז דאָך אַלץ איינס נישטאָ", אָדער ווייל „אַזוי לוינט זיך בעסער פאַר אונדז", דאָס הייסט „בעלעם ברייירע", „מעהייכע טייסע", דאָס הייסט אַרויסגיין פון אַ דרויסנדיקן שטאַנדפּונקט, נישט אַריינלעבנ־דיק זיך אינעם סאָציאַליזם און נישט פאַרשטייענדיק אים.

זשיטלאָווסקי האָט צונישט געמאַכט אַלע וואַריאַנטן פון דאָזיקן נע־בעכדיקן נעגאַציע־צוגאַנג צו יידישע פראַגעס. פון אַלע זיינע ווערק לייען איך אַרויס די דאָזיקע צווישנשורעדיקע ווערטער:

„אוים מיט נעגאַציעס אין יידישן לעבן!"

אנשטאָט צו נעגירן, האָט זיך זשיטלאָווסקי פאַרמאָסטן צו באַיאָען דאָס יידישע לעבן, מיט זיכערקייט, מיט אומבאַדינגטקייט, מיט קאַטע־גאָרישער באַשטימונג, אַ דאַנק זיין אָרגאַנישער פאַרוועבטקייט און אריינ־געוואַקסנקייט אינעם פאָלק, וואָס איז געוואָרן דער אָביעקט פון זיין גלויבן און ליבע.

פון אָנהייב אָן האָט ער באַקעמפט די צוויי עקסטרעמע, אומגעזונ־טע און אַנטיפאָפּולערע שטרעמונגען אין יידישן לעבן: דעם האַלב-אַסימי־לאַטאָרישן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט זיך געפּרואווט אויסלעבן אויף רוסיש און דעם נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם, וואָס האָט אויסלעבנדיק זיך אויף רוסיש, געשטרעבט צו העברעיש (לויטן באַקאַנטן לאָזונג: „רוסיט אַ איווריט"). די דאָזיקע צוויי פאָלקספיינטלעכע שטרעבונגען האָבן, איגנאָ־רירנדיק יידיש, זיך אויסגעטאָן פון די לעבעדיקע נאַציאָנאַלע פאָרמען, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַן אידעאָלאָגישן געשפּענסט, וואָס קען דעפינירט ווערן, ווי אַ רעאַקציאָנערער אינהאַלט אין אַ נישט נאַציאָנאַלער פאָרעם.

זשיטלאָווסקי האָט, פון ערשטן מאָמענט אָן אָנגעוויזן, אַז דאָס יידי־שע לעבן מוז קריגן אַ פּראָגרעסיוו־מענטשלעכן אינהאַלט אין אַן אויסגע־שפּראָכן־נאַציאָנאַלער פאָרעם, אַז דער מינדערוויכטיקייט־געפיל פון דער אַסימילאַציע און דער מערווערטיקייט-געפיל פון אומגעזונטן נאַציאָנאַ־ליזם, מוזן ליקווידירט ווערן לעטויוועס דעם פולווערטיקייט-געפיל פון דער צאַפּלדיקער יידיש-אָטעמענדיקער ווירקלעכקייט; דאָן וועט בעמיי־לע געשאַפן ווערן דער גלייכווערטיקייט־געפיל צווישן יידישן פאָלק און דער מענטשהייט. ער האָט אויך אויפגעוויזן, אַז אומאָפּהענגיק פון די צייטאומשטענדן און פון דער היסטאָרישער קאָניונקטור, דאַרף עקזיסטירן אַ גאַנצע אינטעגראַלע יידישקייט, וואָס דאַרף פאַרוועלטלעכט און פאַר־מענטשלעכט ווערן דורך מאַמאָשעסדיקן סאָציאַליזם.

זשיטלאָווסקיס אידעאָלאָגישע גרונטליניע איז געווען אַ געזונטע. אָבער אָפטמאָל האָט זי זיך געוואַקלט צום טאַקט פון די קאָנוואולסיווע שטויסן און נערוון־דערשיטערונגען פון צעמאַזיקטן יידישן לעבן. זיין אומשטאַנדהאַפטיקייט, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין ערלעך און אויפריכטיק, דערקלערט זיך דורך געוויסע בירגערלעכע עלע־

מענטן אין זיין סאָציאַליזם און דורך זיין עס-ערישער אינטערפּרעטאַציע פון מאַרקסיזם.

אַזוי, לעמאָשל, האָט ער טכילעס פאַרשטאַנען דעם ציוניזם ווי אַ „רעאַקציאָנערע און שעדלעכע דערשיינונג פאַרן מיזרעך-אייראָפּעישן יידנטום”, שפּעטער זיך דערנענטערט צו דער דאָזיקער באַוועגונג און נאָך דעם זיך ווייטער דערווייטערט, ווייל עס האָט אים געשראָקן די סאָציאַלעטישע אומדעפינירטקייט און פילאָזאָפיש-היסטאָרישע אומדערוואַקסנקייט פון דעמאָלסטדיקן פּאָליטישן ציוניזם.

זיין אומרואיקער פריי-סאָציאַליסטישער גייסט, וואָס איז נישט אַלעמאָל געווען באַוואָפנט מיט מאַרקסיסטישן געווער, האָט געמאַכט פאַרשיידנפאָרמיק זיין אידעאָלאָגישן געפעכט. אַזוי געפינען מיר אים, אין פאַרשיידענע צייטן, אַ קעמפנדיקן אפן פראָנט פון טעריטאָריאַליזם, סיימיזם, אויטאָנאָמיזם, סאָציאַליסטישן גאָלעס-נאַציאָנאַליזם און דער איקער יידישיזם.

זיין יידישיזם איז נישט קיין שפּראַך-איינשטעלונג, נאָר אַ לעבנסדאָקטרין פון מאָדערנעם יידנטום, וואָס דריקט זיך אויס סינטעטיש אין דער פאָרמול: „רעסטאַווראַרונג פון יידישן פאָלק אַף דער באַזע פון לאַנדווירטשאַפט, יידיש און אייראָפּעישער קולטור”. שטיצנדיק זיך טיילווייז אַף אַ טאָ באַאַוערם שאַרפזיניקער טעאָריע פון נאַציאָנאַלער אפּערצעפּציע און אַף דער גרונט-האַנאָבע, אַז די הויכע טויזנטיעריקע קולטור-אייגנטימלעכקייטן פון אַ פאָלק זיינען די שאַרפסטע סימאָנים פון נאַציאָנאַלער לעבנספעיקייט, האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס באַנייטע יידנטום אין דער דיאַספּאָרע קען בויען זיין נאָרמאַלן לעבן אין די באַדינגונגען פון עקסטעריטאָריאַלקייט, איידער אפילע עס קומט אָן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

שפּעטער, נאָך דעם ווי די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט פאַשעט און מאַרקסיסטיש באַשיידן די אַזוי קאָמפּליצירטע פילגעשטאַלטיקע יידןפראַגע, וואָס האָט אויסגעזען פונקט אַזוי אומבאַשיידלעך ווי די קוואַדראַטור פון קרייז אָדער ווי דאָס פּערפּעטואום מאָבילע, האָט זשיטלאָווסקי אנערקענט די עקאָנאָמישע בלויזן און עס-ערישע אויסגליטשונגען פון זיין וועלט-אַנשויאונג. ער האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז די פראַגעס פון סטאַם-יידישיזם, פון גאָלעס-נאַציאָנאַליזם און פון טעריטאָריאַליסטישן

אָדער עקסטעריטאָריאַליסטישן סאָציאַליזם זיינען דעפיניטיוו געלייזט געוואָרן לעטויוועס דער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט.

נאָך זעכציק יאָר וויבּרירן אַרום דעם סאָציאַליזם, זיינען זשיטלאָווס־קיס טיפּזיניקע סאָציאַליסטישע טעאָרעמעס און זיין גאַנצע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע ענדלעך צוגעקומען צו דער געשיכטלעכער אַקסיאָמע: אַז די פולשטענדיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע קען גאַראַנטירט און פאַר־ווירקלעכט ווערן בלויז דורך דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אין די ראַמען פון פאַרווירקלעכטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די איינפאַכסטע אַריטמעטישע לייזונג פון דער יידן־פראַגע, צו וועלכער מען האָט געפּרוּווט אָנווענדן די דעמאַגאָגישע דיפערענציאַלן און פיראַטעכנישע אינטעגראַלן פון דער העכערער מאַטעמאַטיק, קעדיי צו דערווייזן, אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף...

זשיטלאָווסקיס לעצטע איינשטעלונגען שטעלן מיט זיך נישט פאַר קיין צופעליקן עטאַפּ אין זיינע זוכענישן, נאָר סימבאָליזירן דאָס געפּי־נען דעם לאַנג געזוכטן עמעס אַפן קרייצפּונקט פון דער דאָפּלטער לאָגיק: די לאָגיק פון טיפן, ערלעכן אינטעלעקט און די לאָגיק פון דער געשיכטע.

III

אונדזערע קולטורוועלטן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם צע־מענט פון אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס, האָבן געפונען אין זשיטלאָווסקין זייער גרויסן קאָעדיפיצירער און באַגרינדער.

אין דער צייט ווען געוויסע אויסגעלינקטע „אויפקלערער" און „באַ־נייער" האָבן מיט נעאָפיטישער האַסטאָדע געפּרוּווט צו נישט מאַכן אַלע טראַדיציאָנעלע ווערטן פון אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט, מיטן פאַלשן און געפעלשטן אַרגומענט פון אַנטיקלעריקאַליזם, האָט זשיט־לאָווסקי, זייענדיק דער שאַרפסטער אַנטיקלעריקאַל, דער ערשטער באַ־גרינדעט דעם באַגריף פון קולטור־ירושה און האָט אויסגעפונען אַ שלאַל פון פּאָזיטיווע גרונט־עלעמענטן אין די שאַפונגען פון יידישן פאָלק אין די לעצטע דריי טויזנט יאָר.

סיי אין דער אומדרייסטער פרייִדענקערישקייט פון איעוון אָדער אין סאָציאַלן פּאַטאָס פון די נעוויאים מיכאַ און יעשאַיע, סיי אין די

עלעגישע געזאַנגען פון באָוועל אָדער אין נאַציאָנאַלן געדאַנקען־גאַנג פון איבן־גאַביראָל, סיי אין פּאַנטעאיסטישן מאָניזם פון שפּינאָזען אָדער אין דער נאַציאָנאַל־עוואָלוציאָניסטישער פילאָזאָפיע פון מוישע העס, סיי אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון מאַרקסן אָדער אין די האַלב־מעטאַפיזישע טעאָריעס פון לעבנס־אימפּעט און פון שעפערישן אינסטינקט פון בערגסאָנען, פילט זיך זשיטלאָווסקי היימיש און באַקוועם, און זוכט אויסצוגעפינען בא אַלעמען שוטפעסדיקע סימאָנים פון נאַציאָנאַלן יידישן סטיל און כאַראַקטעריסטישער מענטאַליטעט אפן פעלד פון אידעישער פאָרמירונג, געדאַנקען־אויסוויקלונג און מעטאָדאָלאָגישער אַנטוויקלונג.

אין אונדזער הייַנטצייַטיקער וועלטלעכער קולטור דאַרף זשיטלאָווסקי באַצייכנט ווערן, קוידעם־קאָל, ווי דער וויסנשאַפטלעכער קלאַסיקער פון אונדזער שפּראַך. אויב מענדעלע האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער שפּראַך איר ליטעראַרישע געבורט־מעטריקע, האָט זשיטלאָווסקי איר אַרויסגעגעבן דעם וויסנשאַפטלעכן רייפקייט־אַטעסטאַט. ער האָט גרינטלעך דערשפּירט די שפּרודלדיקע פאָלקסלעקסיק און האָט זי אַנטוויקלט מיט לעבעדיקער נאַטירלעכקייט ביז צו די אַדעקוואַט־פּרעציזע טערמינען פון וויסנשאַפטלעכן אַרט דענקען, ביז צום שפּראַכלעכן זייגער־מעכאַניזם פון דער פילאָזאָפישער לאָגיק.

ווען עס איז דערקלערט געוואָרן די גענעראַל־מאָביליזאַציע פון יידישן וואָרט דורכן איקוף, ערעוו דעם גרעסטן קאַטאַקליזם פון אונדזער געשיכטע, איז אין זשיטלאָווסקיס פיגור צענטראַליזירט געוואָרן די אַנטשלאָסנקייט פון אונדזער קולטור צו באַוואָפענען זיך פון קאָפּ ביז די פיס און אָנצוהייבן דעם געראַנגל פאַר איר לייב און לעבן און פאַר איר מענטשלעכן עמעס, אַף די פּראָנטאָפּשניטן וואָס די געשיכטע האָט צוגעטיילט אונדזער פאָלק.

ביזן לעצטן מאָמענט און נאָך דער קורץ־דויערנדיקן בילבל־האַמויכעס פון יאָר 1939, האָבן אַלע אויסשטראַלונגען פון זשיטלאָווסקיס יירעס־האַקאָוועדיקער געשטאַלט זיך קאָנצענטרירט אפן אידעישן פּערימעטער פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד. די גרייזגראָע כאָכמע פון זיין יונגן וואָרט האָט, אָן אויפהער, גערופן אונדזער פאָלק צו נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, צום צוזאַמענגוס פון אַלע אונדזערע ענערגיע־

טראַפּנס, אין דער גרויליקער גורל־שאַ פון אונדזער האַלב־געקוילעטן לעבן.

מיטן זעלבן ווויסנשאַפטלעכן אימפּעט, מיט וועלכן ער האָט גע־פּרואווט אַרויסברענגען די מאַניסטישע נייגונגען פון יידישן גייסט און די אידעישע אויסמעסטונגען פון סימבאָלישן „אחד", האָט זשיטלאָווסקי, אין די לעצטע ווינטערטעג פון זיין לעבן, געזוכט צו דער רעאַלער ברייט־האַרציקער אייניקייט און צו בלוט־סאָלידאַריטעט מיטן קעמפנדיקן ראַטנ־פאַרבאַנד, פאַרענדיקנדיק, אַזוי אַרום, ווירדיק און מיט נעוויאישן פּאַטאָס זיין ווערק און זיין לעבן.

IV

ער איז געשטאָרבן, אונדזער גרויסער וואַנדערנדיקער קאַטעדראַטי־קער, מיטן אויפקלערונגס־וואָרט אין מויל, און ביזן לעצטן מאָמענט האָט אים דער קולטורמוט נישט פאַרלאָזן.

זיין לעצטער רוף צו אַליידישער פאַרשטענדעניש האָט, נאָך זיין טויט, נישט אויפגעהערט צו ציטערן ווי אַ מאַגנעטישע נאָדל אפן צע־שטורעמטן פּליין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט און זיין וועגווייזעריש וואָרט האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט אפן קרייצוועג צווישן באַשיידונג און אויסגאַנגסלאָזיקייט אין אונדזער לעבן, אין קריטישסטן מאָמענט פון נאַציאָנאַלן פּיקואַך־נעפעש.

אָבער מען האָט דאָך געפּרואווט פאַרפלעקן די פאָלקס־פאַרערונג וואָס האָט אים אַרומגעוויקלט מיט איר זיידנס. נאָך איידער זיין גוף האָט זיך באַוויזן אָפּצוקילן אין קייוועד האָט מען געפּרואווט פאַרניכטן און פאַרשוועכן זיין אָנדענק, סיי מיט ניגערס פערפומירטן סאַלאָן־גיפט, סיי מיט ליבערמאַנס און אב.קאַהאַנס וואַנטקריכערישע ליגנס, אַף די זייטן פון נישט־פערפומירטן „פאָרווערטס".

די דריטהאַלבן פאַרשוועכער פון זשיטלאָווסקיס אָנדענק האָבן נישט געפילט ווי זיי ווערגן זיך אין געשיכטלעכן שטויב, וואָס האָט זיי צוגע־דעקט ש ו י ן בא זייער לעבן, אין דער צייט ווען זשיטלאָווסקיס וואָרט, נ אָ כ ן טויט פון מעכאַבער, האָט זיך איינגעוואָרצלט אין באָדן פון אונדזער צעטראָטענערווירקלעכקייט און האָט זיך באַדעקט גע־דיכט מיט די שפּראָצונגען פון אויטאָריטאַטיוון היסטאָרישן עמעס.

די וואָס קולטיווירן די קראָפּעווע פון האַס צום ראַטנפאַרבאַנד, האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין זשיטלאָווסקין דריי פון זיינע ווייטערדיקע „הויפּטזינד":

1) ניט געקוקט וואָס די גרעסטע טייל פון זיין לעבן איז ער געווען אַ פילאָזאָפישער באַשטרייטער פון מאַרקסיזם, אין גייסט פון פריינטלעכער קריטיק, האָט ער ד אָ ך פולשטענדיק אָנערקענט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווי אַ פאַרקערפערונג פון סאָציאַליזם, און די ראַטנפאַרבאַנדישע ווירקלעכקייט — ווי אַ הויפּטפאַקטאָר אין דער היינטצייטיקער וועלט-געשיכטע.
2) זיין צוריקאַריינטרעטן אין „איקוף", נאָך דעם ווי זיין קורצדויערנדיקער אַרויסטריט איז מיט שאָדנפרייד געפייערט געוואָרן דורך די שפּאַלטערס,ווי אַ טויטקלאַפּ פאַר דער דאָזיקער אַלוועלטלעכער קולטור-אינסטיטוציע.

3) נישט געהערנדיק צו קיין שום פּאַרטיי, האָט ער אָנשטאָט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אַנאַרכיסטישן שיינגייסט, גערופן אַלע פּאַרטייען צו קריסטאַליזירן צייטווייליק זייערע אידעאַלן אַרום ווייגעשריי, וואָס איז אָנגעקומען פון קויבישעוו, אין זינען פון ברייטהאַרציקער פאָלקס-אייניקייט קעגן דרויסנדיקן סוינע און פאַר ווייטגייענדיקסטער הילף פאַר די באַצווינגער פון נאַציישן וואַלד-כאַזער.

דער פּאַרדרוס פון די גיפטמישער האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס זשיטלאָווסקי האָט, צוליב זיינע פאַרענדערלעכע שטעלונגען און אַנטי-מאַרקסיסטישע אויסגליטשונגען, געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן אַ סוינע אין פּאָטענץ פון די פּראָגרעסיווע וועלטקויכעס און פאַרוואַנדלען זיך צוליב זיין אויטאָריטעט, ווען ער וואָלט עס נאָר געוואָלט, אין רויזן-קוסט פון די מיסטקאָסטנס.

זיי האָבן אָבער אַ טאָעס געהאַט, ווייל זשיטלאָווסקיס וואַקלונגען זיינען נישט געווען קיין סאָכרישע האָסע- אָדער בעסע-פאַרצייכענונגען אַף דער אידעען-בערזע, נאָר דער צייטמעסיקער רעזולטאַט פון דער שפּאַנונג פון זיין געוויסן, פּאָנים-על-פּאָנים מיט היסטאָרישע געשעענישן פון אויסערגעוויינטלעכן קאַליבער. טאַקע אַ דאַנק זיין נישט-מאַרקסיסטישער שיטע אין סאָציאַליזם זיינען מעגלעך געווען די אַלע וואַקלונגען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, אָבער דאָס זיינען געווען וואַקלונגען אין דער ריכ-

טונג פון עמעס, וואַקלונגען, וואָס באַ זייער גאַנצער לאָגיק, זיינען זיי גע־ווען עמאָציאָנעל־כטיכישע און וואָס זייער מאָטאָר־קראַפט איז געווען שטענדיק דער לויטערער געוויסן. די אַלע, וואָס זייערע וואַקלונגען האָבן זיי דערפירט צו פּאַשעטער בעגידע, זיינען עס די וואָס האָבן אים נישט געקאָנט מויכל זיין דערפאַר וואָס ער האָט זיי נישט באַגלייט אין זייער יערידע און וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרדעקן מיט זיין פּאַטריאַרכאַלן נאָמען זייער נאָמענלאָזע מענוואוולדיקייט.

זיי האָבן זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, אַז זשיטלאָווסקים לעצטע איינשטעלונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון זעכציק יאָר ערנטלעכע זוכענישן און אַז איר הויכווערטיקע מאָראַלישע גרייס ווערט נאָך ריזיקער דורך דעם, וואָס זי איז נישט קיין פּויעל־יוציע פון אַן ענגער פּאַרטיי־דאָקטרין, נאָר אַ דורכזיכטיקער סאַכאַקל פון פאַרשיידענע שטרעמונגען, וואָס האָבן זינט יאָרצענדליקער זיך געשלייפט איינע אָן דער אַנדערער אין זשיט־לאָווסקים באַוואוסטזיין. איבערלייענענדיק זשיטלאָווסקים לעצטע שריפטן, אין וועלכע עס קלינגען מעיושעוודיקע צאַוואָע־טענער, קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז זשיטלאָווסקי זאָל פּעיק זיין אָנצונעמען אַ שטעלונג, וואָס איז נישט דורכגעברוינט און דורכגעבראָטן געוואָרן דורך און דורך אַף די פייערן פון זיין אינטים־גייסטיקער איבערצייגונג?

V

ניגער, ליבערמאַן און דער „פאָרווערטס" האָבן אויפגעהויבן אַרום זשיטלאָווסקין אַ וואָרטזאַמדיקן שטורעם און האָבן געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק אַז דאָס איז אַ געוויטער לעשעם שאָמאַיִם. עס איז אָבער גלייך קלאָר געוואָרן וואו עס שטעכט זיי דער האָבער.

וואָס זשע, ניגער האָט דען, כאָלילע, עפּעס געמיינט? ער האָט בלויז אַ פליסטער געטאָן מיט אַ ווינקל פון זיין פרומען מויל, אַז די לעצטע איינשטעלונגען זשיטלאָווסקים און זיין דערגיין דאָרט וואו ער איז דער־גאַנגען, איז בלויז געווען אַ קאָניוקטור־זאַך, אַ לוינעוודיקער געשעפט, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשלאָסן „נישט צוליב וואוילטאָג עפּשער" און אַז די באַוועגונג צו וועלכער ער האָט זיך צוגעטוליעט אַף די עלטערע יאָרן האָט אים „אין בעסטן פאַל געקאָנט זיין נאָענט נאָר פּאָליטיש, אָבער נישט

נאַציאָנאַל־קולטורעל, נישט אינטים־גייסטיק און נישט מאָראַליש".

איבערזעצנדיק ניגערס שטעכווערטלדיקע אָנצוהערענישן אַף אַ פּול־מויליקער שפּראַך, באַקומט זיך אַט וואָס: קיין שום אידעישער מאָטיוו האָט נישט באַוואויגן זשיטלאָווסקין אָנצונעמען זיין לעצטע שטעלונג. ער האָט זיך פּאַשעט פּאַרקויפט, נישט קוקנדיק אַף זיין אינערלעכן מאָראַלישן ווידערשטאַנד און אינטים־גייסטיקן ווידערווילן. נאָך זעכציק יאָר גייסטיקן געפעכט אַף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, האָט זשיטלאָווסקי פּאַראַטן זיך אַליין און דער איקער ניגערס גוטע מיינונג וועגן אים.

דער „פאָרווערטס", וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעשוונדן שלום אַשן, האָט אויפגעפּראַלט זיינע שויפענצטער קעדיי אַלע זאָלן זען ווי ער נעמט טרייבערן זשיטלאָווסקין. קעדיי דאָס שטיקל אַרבעט זאָל נישט האָבן דעם געוויינטלעכן רייעך־ניכויעך און נישט אַרויסרופן קיין אומצוטרוי צו די פאַלשע אַבקאַהאַנישע קולטור־געוויכטער, האָט מען צו הילף אַרויסגענומען פון קייווער שימען דובנאָוון, פּאַרוואַנדלענדיק אים, אומפאַרשעמטערהייט, אין אַ פאַלשן איידעס; און דאָס אַליץ איז געטאָן געוואָרן קעדיי צו דערווייזן, מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, אַז:

זשיטלאָווסקי איז אַן אַנטיסעמיט!

אַזוי אַרום האָט מען זיך, אין אַ קורצער צייט, דערוואוסט דורכן „פאָרווערטס", אַז:

שאָלעם אַש איז אַ מעשומעד, זשיטלאָווסקי — אַן אַנטיסעמיט און דובנאָוו — אַ פאַלשער איידעס.

אַזוי ווי דער לעבעדיקער אַש האָט מוטיק און גאָר נישט אַף קיין ראָמאַנטישן אויפן רעאַגירט און געמאַכט אויסצודרייען פון דער קנופּיע קולטור־פעלשער פון „פאָרווערטס", האָבן זיך די דאָזיקע העלדן אַ נעם געטאָן פאַכדאָנעסדיק צו די טויטע. מיט די געפעלשטע רייד פון איין גרויסן טויטן האָבן זיי געוואָלט צו נישט מאַכן אַ צווייטן גרויסן טויטן. וואָס זשע, זיי האָבן זיך, כאַלילע, עפּעס געמישט? זיי האָבן נאָר געטאָן די „טעכנישע" אַרבעט, זיי האָבן בלויז פיזיש צוגעגרייט דעם געהעריקן ציטאַטן־סאַם און האָבן אַרויסגערופן די געהעריקע כעמישע רעאַקציע מיט עלעמענטן, וואָס טראָגן דובנאָווס מאַרקע. אי, די מאַרקע איז טאַקע נישט דובנאָווס, וועט זיי דאָך אָבער רעב שימען אָלאָוו האַשאָלעם אַליץ איינס אין געריכט נישט אָנקלאָגן.

לויט אַן אָפּגעמאַכטן צייכן, האָט דער ערשטער אויפגעהויבן זיין קאָל דער ליטעראַרישער לונאַטיקער־טעלעפּאַט כאַים ליבערמאַן, גראָד אויסערן טכום פון „פאָרווערטס", אין אַ ספּעציעלן בוך, קעדיי עס זאָל הייסן: „וואָס־זשע, דער „פאָרווערטס" האָט דען אָנגעהויבן"? דער טאַמ־צים פון ליבערמאַנס באַהויפּטונג איז געווען, אַז דובנאָוו זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, מיט זעכציק יאָר צוריק, אַז זשיטלאָווסקי איז אַ יידישער אַנטיסעמיט.

אפן סמאַך פון דאָזיקן „טעזים" זיינען דערשינען קילאָמעטער־לאַנ־גע, ענטוזיאַסטישע פּיירושים אין „פאָרווערטס", פון וועלכע עס איז בלויז גענוג צו ציטירן אַט וואָס:

פון הילעל ראָגאָף: „דובנאָוו האָט זשיטלאָווסקין שנעל דערקענט; ער האָט אין אים אַנטדעקט די ריכטיקע סימאָנים פון דעם אַנטיסעמיט און דערטאַפּט דעם סוינע אונטער דער מאַסקע פון „וויסנשאַפט" און „פילאָזאָפיע".

פון אַטאַמאַן אַב. קאַהאַן: „ווי ליבערמאַן באַווייזט, איז זשיט־לאָווסקי געווען איינער פון די ערנסטע און ווילדסטע אַנטיסעמיטן, וואָס האָט געאַרבעט קעגן יידן". „ער איז געווען אַ יידישער „פּאַטריאָט", וואָס האָט געפּריידיקט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד און האָט באַרעכטיקט פּאָגראָמען און היטלערן".

עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז קיינמאָל און אין קיינע שום אומ־שטענדן האָב דובנאָוו נישט באַנוצט דעם דיסקרימינירנדיקן עפּיטעט, מיט וועלכן דער „פאָרווערטס" האָט געוואָלט שפּאַלטן זשיטלאָווסקין דעם קאָפּ.

דער עמעס איז, אַז ווען זשיטלאָווסקי האָט, צו 22 יאָר, פאַרעפנט־לעכט זיין ווערק: „די היסטאָרישע גוירהאָלעס פון יידישן פאָלק", האָט דובנאָוו אַנטשיידן קריטיקירט אייניקע באַהויפּטונגען פונעם ווערק, אַרויסווייזנדיק, גלייכצייטיק רעספּעקט צום יונגן מעכאַבער. דעם אויס־דרוק „יידישער אַנטיסעמיט" האָט דאַן אַ וואָרף געטאָן אַן אומבאַדייטנ־דיקער פענקוועטשער מיטן נאָמען קאַנטאָר, אין דער העברעישער רעאַק־ציאָנער־בורזשואַזער מאַסקיליש־אַריסטאָקראַטישער, צייטונג „היום", וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר זשיטלאָווסקיס סאָציאַליסטישער דרייסט־קייט און דער איקער פאַר זיין גלאָריפיצירונג פון דער יידישער שפּראַך.

סיי דובנאָוו און סיי זשיטלאָווסקי זיינען נאָך דאַן גייסטיק און פיזיש געווען היציקע באַכערימלעך און דאָך איז צווישן זיי דאַן נישט געפאַלן דאָס מעטורעפדיקע וואָרט, וואָס אַב. קאַהאַן לייגט אים אַרויף אַף דובנאָווס טויטע ליפּן. די זעכציק שפּעטערדיקע קרישטאָל־לויטערע יאָרן זשיטלאָווסקיס זעט נישט די „פאָרווערטס"־קליקע, נאָר נוצט אויס, פּרעך און געמיין, אַן אומשולדיקן יוגנט־דיספּוט צווישן צוויי שפּעטערדיקע ריזן, קעדיי צו לאָזן אין גאַנג אַ באַנדיטיש וואָרט, וואָס וועט אַליין איינס נישט אָנרירן זשיטלאָווסקין, נאָר וואָס וועט אָן אויפהער, אויסקלינגען זיין פאַלשן קלאַנג אַף די קופּערנע שטערנס פון אַב. קאַהאַנס קאַצעוו־יונגען.

שוין אין 1904 האָט זשיטלאָווסקי געהאַלטן אַב. קאַהאַנען פאַר אַ „גייסטיק־קראַנקן" און האָט פאַרניכטעריש געבויזעקט פון אים, אַף די עפנטלעכע דעבאַטן וועגן סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען. דערפאַר האָב אַב. קאַהאַן יאָרצענדליקער געהאָדעוועט די סינע און קינע צום גרויסן אייפערדיקן יידן, צום „אַנטיסעמיט" זשיטלאָווסקין. זיין קרענקלעכע סינע צום ראַטנפאַרבאַנד, צום פּראָגרעסיוון יידישן וואָרט, צו דער יידישער שפּראַך און צו אַליץ, וואָס גראָד זשיטלאָווסקי האָט פאַרהערלעכט און אַרויסגעהויבן, האָט זיך קאָמבינירט מיט דער פּערזענלעך־קליינלעכער פיינטשאַפט צו זשיטלאָווסקין גופע און האָט אומגעלומפּערט אַרויסגעשפּאַרט, ווי די שמוץ פון אַ געפּלאַצטן געשוויר, נאָך דעם ווי זשיטלאָווסקי איז שוין געווען טויט, נישט מיט אַ יאָר פריער און נישט מיט צוויי יאָר פריער, ווען זשיטלאָווסקי און דובנאָוו האָבן נאָך געקאָנט פּערזענלעך רעאַגירן, ווייל אַזאַ איז שוין דער נאַטור־אינסטינקט פון די שאַקאַלן: נישט אָנפאַלן אַף לעבעדיקע וועזנס, נאָר דערנערן זיך מיט טויטן פליייש.

VI

פּאָנים־על־פּאָנים מיט די געוויסנלאָזע ניגעריש־קאַהאַנישע רעכילעסן און מיט די פאַרשיידענע פוקסענע דריידלעך און קעצישע האַוואַיעס פון ליבערמאַנען, איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער פּערזענלעכסטער שטריך זשיטלאָווסקיס איז געווען גראָד זיין געוויסנהאַפטיקייט.

אַן אַקט פון נאַציאָנאַלער געוויסנהאַפטיקייט איז געווען דאָס אַרי-

בערטראַגן זיין יוגנטלעכע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע טעטיקייט פון
רעלאַטיוו־האַנקבאַרן ברייטשעטעכדיקן רוסישן באָדן אַף די אָבסקוראַנ־
טיסטישע, מאַסקילישע און אַסימילאַטאָרישע סטעזשקעס פון דער האַלב־
שלאָפנדיקער יידישער סוויווע. אַ קאָרעלאַטיווער אַקט פון געוויסנהאַפטי־
קייט איז געווען זיין יוגנטלעכער געפעכט פאַר דער אָנערקענונג און כשי־
ווער פון יידיש, שוין אין יאָר 1885, ווען אונדזער פאָלקסשפּראַך האָט
נאָך נישט פאַרמאָגט אירע קלאַסישע אָוועס, ווען זי איז נאָך געווען אָפּ־
געריסן און אָפּגעשליסן, און געפונען זיך אין צושטאַנד פון אַ דעפּעק־
טיוו, אויסגעקרימט שטיפקינד. שוין אין יענער צייט האָט זשיטלאָווסקי
געהאַלטן אַז עס איז פונקט אַזוי וויכטיק צו באַשיידן די קולטורנויט ווי
די עקאָנאָמישע נויט און אַז אונדזער קולטורנויט וועט אָן יידיש פאַר־
וואַנדלט ווערן אין אַ קולטור־קאַטאַסטראָפע. דעריבער האָט ער אַרויסגע־
רוקט דעם האַן דאָנקיכאָטישן געדאַנק, אַז דער שטאַמלדיקער פאָלקס־
זשאַרגאָן דאַרף טייקעף ווערן די שפּראַך פון דער יידישער אינטעליגענץ.

אַף דער זעלבער ליניע פון געוויסנהאַפטיקייט האָט ער באַקעמפט
די פּרימיטיווע בונדישע קאָנצעפּציע פון אויסערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם,
פאָדערנדיק אַן אייגענעם יידישן נאַציאָנאַלן הינטערגרונט פאַר די סאָציאַ־
ליסטישע פּאָסטולאָטן. אַפילע זיין נישט אָנערקענען דעם היסטאָרישן
מאַטעריאַליזם, איז באַ אים, אין גרונט גענומען, געקומען פון איבערגע־
טריבענער, היפּערטראָפירטער געוויסנהאַפטיקייט. די דאָזיקע געוויסנ־
האַפטיקייט האָט זיך קעגנגעשטעלט דער מאַרקסיסטישער לאָגיק דורך
דעם, וואָס זי האָט געגלויבט אין איינגעבוירענע עטישע געפילן, אין דער
היפּאָטעטישער גרונטגוטסקייט פונעם מענטשן, אַרויסברענגענדיק אַזוי
אַרום דעם פילאָזאָפישן אידעאַליזם, אין קעגנזאַץ צום ברוטאַלן שפּיל
פון די פּראָדוקציע־קרעפטן אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־
שאַפט.

אַלע זשיטלאָווסקיס שפּעטערדיקע וואַקלונגען זיינען אייגנטלעך גע־
ווען קאָנצעסיעס צו זיין אויסערגעוויינטלעך שפּירעוודיקער געוויסנהאַפּ־
טיקייט. אומעטום האָט ער אַרויסגעבראַכט אַף דער אויבערפלאַך דעם
עמאָציאָנעלן „עפּשער" און דעם סענטימענטאַלן „דאָך", און געזוכט צו
ברענגען קאָרבאָנעס צו זיין געוויסן אפֿן כעשבן פון קאַטעגאָרישקייט און
לאַנג־דויערנדיקער אויסגעהאַלטנקייט. די דאָזיקע געוויסנהאַפטיקייט און

די ליבע צום עמעם האָבן אים שפּעטער אַלץ אָפּטער און אָפטער געצוואונ-גען צו אָנערקענען די אידעאָלאָגיש-פּאָליטישע עמעסן פון מאַרקסיזם, אין זייער פּראַקטיש־רעאַלער אָנווענדונג, כאָטש פילאָזאָפיש, טעאָרעטיש און אידעאָלאָגיש האָט ער נישט אויפגעהערט צו באַשטרייטן מאַרקסן און זיינע נאָכגייער.

די שטעלונג וואָס ער האָט אָנגענומען פּאָנים־על־פּאָנים מיט אונ-דזער נאַציאָנאַלן אומגליק, זינט היטלערס קאַנשפּרונג אױף אונדזער לייב און לעבן, איז זיין לעצטער אַקט פון ברייטהאַרציקער געווויסנהאַפטיקייט. פאַרשיטן מיט נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט די פּאַרטיי־אָפּגרונטן און די טאָג־טעגלעכע ווידעראַנאַנדן, קעדיי מיר זאָלן מיט זיך פאַרשטעלן איין שטאָלענע פאָלקסוואַנט — דאָס איז די צוואָע פון גרויסן פאָלקס-קאָ-ריפיי.

פאַר זיין גרויסמוטיקער אויפפירונג און פאַר דער דאָזיקער צוואָע, האָט אים ניגער דעקאָרירט מיטן מעדאַל פון „פאַרקויפטקייט" און אַב. קאַהאַן — מיטן קרייץ פון „אַנטיסעמיטיזם". דאָס איז די געלע לאַטע, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אױף זיין קיוווער. דאָס יידישע פאָלק, אָבער, וואָס האָט געבלוטיקט אָפּן נאַצישן יאַטקעקלאָץ, וועט באַצירן זשיטלאָוס-קיס קיוווער מיטן ווייסן צוויט פון זיין ליבע און מיט די לויטערע טרערן פון זיין ווייטיק.

דאָס יידישע פאָלק וועט נישט לאָזן אָפּקילן זיין אָנדענק אין פּאַנ-טעאָן פון אונדזער געשיכטע.

די וועלט פון מאָרגן וועט וויסן, אַז ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אויסגעווייטיקט איר גליק אינעם בלוטיקן נעכטן.

דאָס רייזעגישע פּייערל

I

ווען אווראָם רייזען האָט אין יאָר 1928 באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער באַגעגנט דאָרט זיין העמערל, זיין אַלטן שוסטערשן העמערל...

ווייט האָט ער זיין העמערל נישט געדאַרפט זוכן און האָט אַפילו ניט געדאַרפט אַראָפּנידערן אין אַ פינצטערן קעלער, קעדיי אים צו געפינען. דאָס העמערל איז אים אַנגעלאָפן אַנטקעגן, עס האָט געשוועבט אין דער לופטן און האָט יונג אַראָפּגעשמייכלט פון רויטן צעפלאַטערטן זיידנס. דאָס רייזענישע העמערל האָט זיך געהאַט אַרויסגעצויגן פון פייכטן קעלער, האָט אַראָפּגעגינדערט פון די שוסטערשע דלאָגיעס און האָט שוין געוואוינט אויף די פענער פון פאָלק...

אַנשטאָט דער צאַרישער קרוין האָט די נייע מעלוכע געטראָגן דעם העמערל אויפן קאָפּ, דעם דאָזיקן אומבאַדייטנדיקן העמערל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סימבאָל פון נויט און אונטערדריקונג, פון הונגער און שלאָפלאָזיקייט און וואָס איז געוואָרן דער עמבלעם פון סאָציאַליסטישער מאַיעסטעט, צוזאַמען מיטן סימבאָל פון דער אַמאָליקער פויערישער פאַרשקלאַפונג — דעם סערפּ.

דאָס דאָזיקע העמערל האָט שוין מער נישט אויסגעקלאַפּט די יעסורימדיקע ריטמיק פון מענטשלעכן ווייטיק. ער האָט מיט ליבע אויסגעטאָן און אַראָפּגענומען פון זיך דעם אַלטן רייזענישן שוסטער-הימן און האָט זיך אָנגעקליידט אין אַנדערע הימנען. ער האָט אָבער נישט בויגעד געווען

אין רייזענען און אין די שוסטערשע דלאָניעס; ער האָט אָן אויפהער אָנגעוויזן, אַז די וואָרצלען פון זיין נייער גרויסקייט שטעקן אין די טיפענישן פון זיין קעלערדיקער פאַרגאַנגענהייט...

אַזאַ איז געווען די קאַריערע פון רייזענס העמערל, ווען רייזען האָט זיך מיט אים באַגעגנט אין יאָר 1928. איז רייזען זינט דאַן געוואַקסן צוזאַמען מיט זיין העמערל? האָט רייזען דעריאָגט זיין העמערל? האָט ער זיך אויסגעלערנט פון אים, ווי אַזוי צו מאַכן דעם היסטאָרישן קפיצאַס־האַדערעך פון קעלער צו דער פאָן?

מען מוז מודע זיין, אַז רייזענס העמערל איז געווען פלינקער פון רייזענען, און אַז רייזענען האָט פאַרפעלט אידעאָלאָגישער און דיכטערישער אָטעם צו דערגרייכן אים. רייזענס ליטעראַרישע באַוועגונגען זיינען געווען און פאַרבליבן קרייזפאָרמיקע און נישט קיין ווערטיקאַלע, און אַגעווישאַס רייזען האָט זיך באַגעגנט אין יאָר 1928 מיט זיין העמערל, איז שוין זיין שאַפן געווען אַ געשלאָסענער ציקל. ער האָט שוין מער נישט געקענט גיין פאָרויס, נאָר פאָרזעצן ז י ך אַ ל יי ן, אויף דער ליניע פון זיין פאַרענדיקטער געשלאָסנקייט. זיין שאַפן איז שוין דאַן, זינט יאָרן, געווען אַ פאַרענדיקטע גאַנצקייט און אין די ראַמען פון דער דאָזיקער גאַנצקייט דאַרף מען קוקן אויף זיין גרויסער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג פאַר אונדזער ליטעראַטור.

II

די נייע יידישע פּאָעזיע זעט אין רייזענען דעם אָנהייב פון איר געשיכטלעכן שטאַמפּאַדעם, איר ערשטן זעלבסטשטענדיקן טראָט. אירע מאָדערנע אָנהייבן פאַרלירן זיך נישט אין דער אומבאַשטימטקייט און אַנאָנימער באַהאַלטנקייט; זי קען אָנווייזן מיט שטאָלץ אויף איר בעקאָוועדיקן אָפּשטאַם און פּראָקלאַמירן מיט סענטימענט און מיט באַוואוסטזיין: „איך שטאַם פון אַוראָם רייזענען"!

עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז רייזען, דער וועטעראַן, דער ערשטער פוסגייער, דער ערשטער באָרוועסער פוסגייער פון דער יידישער דיכטונג איז געוואָרן פאַרקלענערט און געבליבן הינטערשטעליק לעגאַבע דער צעפליגלטער, צעפלאַטערטער, אַעראָדינאַמישער יידישער פּאָעזיע, וואָס

האָט אין די לעצטע 25 יאָר אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַלע אירע זיבן כיינען, אין זינען פון שפּראַכרייכקייט, בילדערישקייט און סאָציאַלער פּאַרטיזאַנ־קייט. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז וואָס שייך רייזענען, קענען נישט גילטיק זיין קיינע שום דיסקרימינירנדיקע פאַרגלייכן. רייזען איז אַן עטאַפּ. ער איז דער ערשטער עטאַפּ, אַף וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהויבן די וויקלטרעפּ פון דער יידישער פּאָעזיע. דעריבער שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ פעסטע גרונט־פּאָזיציע אין דער יידישער דיכטונג, אַ פּאָזיציע, וואָס איר געשיכטלעכער גראַניט הייבט זיך אויף ביז צו דער קאָכיקער קעגנ־וואָרט.

ער איז דער שטאַמפּאָטער פון יידיש־וועלטלעכן דיכטערישן וואָרט. ניט דער שאָטן זיינער, נאָר אַ רייזעניִשער פּאַס ליכט וויברירט ביז צום היינ־טיקן טאָג אין דער יידישער דיכטונג און פאַרשפּרייט אַ זויבערע לויטער־קייט אין אַלע ווינקעלעך, און טראָגט אריין די געמיטלעכקייט פון אַן אַלטן נאַפּטלאָמפּ אָדער פון אַלטהיימישע שאַבעס־ליכט פּאָנים־על־פּאָנים מיט דער פאַרבלענדנדיקער עלעקטרישער ליכט פון אונדזער היינטצייטיקן ווער־טער־געווירבל און ליטעראַרישער פילגעשטאַלטיקייט.

III

אווראָם רייזען איז דערשינען אין דער יידישער ליטעראַטור אין סאַמע ערעוו־פרילינג אירן, קימאַט צוזאַמען מיט די אָוועס פון יידישן מאָדערנעם שאַפן. פון דאַן אָן ביז איצט, בעמעשעך פון 55 יאָר, פון זיין 15־יאָריקן עלטער ביז זיין 70־יאָריקער זקיינעשאַפט, באַאַרבעט ער מיט זיין ליטע־ראַרישן אַקער דעם באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער טוט עס נישט נאָר מיט זיין דיכטערישן וואָרט, מיט זיין קורצער, אויסגעשניצטער דער־ציילונג און מיט זיינע בעלעטריסטישע זיכרוינעס, נאָר אויך מיט זיין קריטיש־רעדאַקטאָרישער טעטיקייט און מיט זיין זאָרג פאַרן ליטעראַרישן נאָכוואוקס.

רייזענס לעבן האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער אַלטער פּאָעטישער פאַרכאָלעמטקייט און צעשויבערטער פּאַסיווקייט. פון זיינע ערשטע יוגנט־יאָרן אָן האָט אין אים געשלאָגן אַן אָדער פון ליטעראַרישער אונטערנע־מערישקייט, נישט אָפּן פּערזענלעכן געביט און לעטוויוועס זיך אַליין, נאָר

לעטוויוועס דעם געזעלשאַפטלעכן אַנזען פון נייעם קוים-אַף-די-פיס-שטייענ-דיקן יידישן וואָרט, וואָס האָט וואונדערקינדעריש גענומען וואַקסן, אָבער וואָס איז נאָך געווען שוואַך אין די עלנבויגנס...

אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישן שאַפן האָט נאָך רייזען באַוויזן אָפּ-צודינען „פּאָניע גאַנעוו" גאַנצע פינף יאָר צייט און גלייך נאָך דעם האָט ער זיך געשטעלט אַף שטענדיק צו דינסט דער יידישער ליטעראַטור, אָנ-הייבנדיק גלייך צו מאַכן גרויסע ליטעראַרישע מאַנעוורעס און פונאַנדער-וואַרפנדיק דעם יידישן קולטור-פראָנט איבער שטעט, לענדער און קאָנ-טינענטן.

עס איז ביז איצט, בעעמעס, זייער ווייניק געשריבן און אויסגע-פאָרשט געוואָרן רייזענס ברוויזנדיק, געזעלשאַפטלעך-ליטעראַריש לעבן און זיינע גרויסע, מאַמאַשעסדיקע אויפטוען פאַר דער יידישער ליטעראַטור בלויז אין די יאָרן 1900-1922. מיט דרייסטער אונטערנעמערישקייט, פלייס און גרויסצוגיקייט האָט דער קליינשטעטלדיקער קוידענעווער יונגערמאַן צענומען זיינע הענט, און בעמעשעך פון צוואַנציק וואַנדעריאָרן האָט ער אין פיר לענדער און צוויי קאָנטינענטן געגרינדעט אַכט וואָגיקע, ערנסטע צייטשריפטן און האָט גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין קימאַט אַלע אַנדערע דאַן עקזיסטירנדיקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און טאָגבלעטער. מען קען זאָגן, אַז קיין איינער פון די יידישע שרייבער, נישט אפילע פּערעץ און שאָלעם אַליכעם, האָבן זיך אַזוי פיל באַמיט און אַזוי פיל זיך געשניטן אין ביין פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ יידישן צייטשריפט-וועזן און פאַר דער אַרויסהייבונג פון אַן ערנסטער ליטעראַרישער טריבונע. עמעס, די מאַראָכע פון די אַלע צייטשריפטן איז נישט געווען קיין מאַזלדיקע. רייזען האָט נישט געהאַט די גרויסע אויטאָריטעט צו פאַרוואַנדלען זיי אין אָר-גאַנען פון וואָגיקער וואָרטזאָגערישקייט און האָט אויך נישט געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו פאַרהיטן זייער יונגן געביין פון שנעלן אונ-טערגאַנג, אָבער דער עצעם פאַקט פון ניט אַנטוישן זיך, פון זוכן אַן אויפ-הער געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט צווישן ליטעראַטור און לעבן, איז אַ באַ-וויז פון רייזענס יידישן אַלטרואיזם, הומאַניזם און ביטאָכן אין יידישן וואָרט.

זיין צוטרוי צום יידישן וואָרט איז נאָך ביז איצט אַזוי גרויס, אַז ער הערט נישט אויף צו לויבן אַלץ וואָס עס דערשיינט אין יידיש און הערט

נישט אויף צו געבן ליטעראַרישע סמיכעס אַפילע אַזוינע, וואָס האָבן עס נישט פאַרדינט. אַבי יידיש, אַבי אַן אָנדייט פון אַ געדאַנק, אַבי אַ הויך פון אַ געפיל, הייליקט ער עס מיט זיין בראָכע. זיין זאַרגעוודיקע באַציונג צו אָנפאַנגער האָט נישט אין זיך קיין עלעמענטן פון פערעצעס קריטיק און פון אַנוויזערישער סעלעקציע. ער עלימינירט קימאַט קיינעם נישט, ער אַדאָפּטירט קימאַט אַלעמען, ווייל אַלע זיינע מיינונגען זיינען געוועבט און געשפּינט פון זיידענער ליבע צום יידישן וואָרט. ער מישפּעט נישט מיט לאָגיק, מיט יורידיש־ליטעראַרישע פּאַראַגראַפן; ער מישפּעט מיט ליבע און ליבע פאַרמישפּעט נישט, ליבע פאָרשט נישט; ליבע פאַרגלעט, ליבע טאָלערירט, ליבע האָט נישט קיין געשריבענע געזעצן, ווייל געזעץ איז דאָס ראָוו פאַרבאָט און די רייזענישע גוטמוטיקייט און גוטסקייט האָט נאָך קיין מאָל גאָרנישט פאַרבאָטן אַף דעם ליטעראַרישן שטיקל טעריטאָריע, וואו זי געוועלטיקט מיט אַן אַרמיי פון הונדערט טויזנט שמייכלען און וואו דאָס שוידערלעכסטע געווער איז גוטמוטיקע איראָניע, וואָס גיט אַמאָל אַ שטילן הילך מיט אַן עפּיגראַמאַטישן אויפּרייס. פון אַזאַ מין אויפרייס גיסט זיך אָבער נישט קיין ליטעראַריש בלוט אַפן ברוק פון זיין צייטשריפט.

IV

רייזען, צוזאַמען מיט ראָזענפעלדן, באָווּשאָווערן, עדעלשטאַטן און ווינטשעווסקין, איז איינער פון די גאָר ערשטע יידישע פּאָעטן אין מאָ־דערנעם זינען. פ אַ ר אים האָט נישט עקזיסטירט קיין יידישע פּאָע־זיע, נאָר אַ הילפלאָזע פערזן־פּלעכטעריי, וואָס האָט ז י ך אַליין נישט גענומען ערנסט און וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן באַדכאָנעס און פאָל־קלאָריסטישער אומבאַהאָלפנקייט. דאָס ליד איז נישט געווען אָרגאַניזירט אַף דער באַזע פון ריטם, פּאָעטישער קולטור, שטימונג און שפּראַכרייכ־קייט. די פאַר־רייזענישע קלוימערשטע פּאָעזיע איז געווען, ווי פרוג דריקט זיך אויס:

„אַן אַלטע יעסוימע, אַן טאַטן, אַן מאַמען,
וואָס שלעפּט אַף די פּלייצעס אַ טאָרבע מיט גראַמען״.

מיט זיין דערשיינען, נישט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט געעפנט

א נייע עפּאָכע אין דער יידישער פּאָעזיע, האָט זיך רייזען נישט גענומען רייסן אין די הימלען, נישט דערטרונקען געוואָרן אין „וועלט-שמערץ", נישט געזוכט נייע טעמעס צווישן די שטערן, נישט געיאָגט זיך נאָך היס-טאָרישע בענקענישן, נישט געוואָרפן קיין נאַציאָנאַלע לאָזונגען, נאָר האָט גלייך גענומען אויסדיכטן און פּאָעטיזירן דעם נישט-פּאָעטישן אַרום. ער האָט נישט באַזונגען קיין שום היפּאָטעטישע, אויסגעמויעכטע שיינקייט, ער האָט זיך נישט געצאַצקעט מיט דער נאַטור, וועלכע ער האָט סיי־ווי נישט געקענט, ווי ער זאָגט אין א ליד:

„ווי קום איך צו שיינקייט, פון וואַנען מיין קינד?
דער וועג צו די פעלדער — דורך גאַים און הינט;
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
בא איטלעכער טיר נאָר א בערגעלע מיסט".

אַזעלכע זיינען געווען רייזענס האָריזאָנטן און פּייזאַזשן. ער האָט נישט געטראַכטן מיט קאַעס אף זיי, נישט באַשפּיגן זיי און נישט מוירעד געווען אין זיי, נאָר האָט פּאַשעט אָנגעהויבן בויען אף זיי זיין פּאָעטיק, מיט דער גאַנצער זעלבסטפאַרשטענדלעכער עכטקייט פון א ברייטהאַרציקן, איינגעוואָרצלטן סוויווע־דיכטער. ער האָט ביכלאַל אויסגעפונען א שלאַל מיט פּאָעטישע טעמעס אין הונדערטער אומבאַדייטנדיקע פּראָטים פון, אין גרונט גענומען, וויניק דיפערענצירטן אַלגעמיין־גראָען אַרום. די גאַנ־צע געזעלשאַפטלעכע סוויווע איז געווען א שוואַרץ־גראָע און די איינצלנע ווינקלדיקע שטריכן פון דער דאָזיקער סוויווע האָבן זיך קימאַט ווי נישט אַרויסגעזען, אָבער רייזען האָט געזען אין דער פינצטער און האָט גענומען פּאָעטיש דעפינירן דאָס, וואָס פריערדיקע פיינשמעקער און פאַרגליווערטע מאַסקילים האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט ווערט דעפינירט צו ווערן.

רייזען איז געוואָרן דער דיכטער פון פּראָט, פון ניואַנס, פון פאַרביי־שוועבנדיקן שאָטן, פון קלוימערשטדיקע קליניקייטן. ער האָט באַפרייט דעם שטומען פיין פון אומבאַדייטנדיקע זאַכן און האָט באַוויזן מיט גע־ציילטע שטריכן די גרויסקייט, וואָס איז אָפט אריינגעפרעסט אין קלייני־קייטן. ער האָט זיך נישט געיאָגט צו מאָלן דאָס אַלגעמיינע בילד פון יידישן נאַציאָנאַלן פּאָנים, נאָר די הונדערטער סאָציאַלע קנייטשעלעך, וואָס דאָס אומראַכמאָנעסדיקע און שווערע לעבן האָט אויסגעהאַפּטן אפן

יידישן געזעלשאַפטלעכן פּאַרצעף. אַנשטאָט צו מאָלן די אַלגעמיינע פיזיאָ־נאָמיע־שטריכן און די גלידער, האָט ער אַנגעהויבן פון די הונדערטער קניי־טשעלעך טרויער און די עטלעכע קנייטשעלעך פרייד. ערשט פון דער קאָמ-בינאַציע פון די אַלע קנייטשעלעך האָט מען אַרויסגעזען דאָס האַרעפּאַשנע יידישע לעבן. רייזענס איבער צוויי טויזנט לידער זיינען אַ סימפאָניע, אַ האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל פון צוויי טויזנט קנייטשעלעך, וואָס קיין איין יידישער דיכטער, נישט פריער און נישט שפּעטער, האָט זיך נישט אָפּגע-שטעלט אויף זיי מיט אַזוי פיל געטרייקייט און אַזוי פיל גרינטלעכקייט ווי רייזען, וועלכער האָט געוואוסט דעם פּאָעטישן סאָד, ווי אַזוי אינספּירירט צו ווערן פון זייער אויבנויפיקער נישט-וויכטיקייט.

ער איז אויף אַזאַ מין אויפן נישט געגאַנגען אויף דער טראַדיציאָנעל־אָנגעצייכנטער ליניע פון זוכן דעם ראָמאַנטיש־אידעאַליזירטן קלאַל, נאָר האָט געזוכט דעם ראַזן, לײדנדיקן יאָכיד, ווי אויך זיין אייגענעם ווייטיק, זיין אייגענע מוירע. אַנשטאָט אַרויסצוווייזן פאַלשע בראַוואָור, האָט ער זיך נישט געשעמט מוידע צו זיין אין זיין אייגענעם צווייפל, ווי ער זאָגט אין אַ ליד:

„און מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט,
ווערן ווערט עס נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט עס נישט קיין קראַפט".

דאָך, ווי שטאַרק דער דיכטער האָט נישט געפילט אויף זיך די בלייענע פּלאַסטן פון אומעט און פיין, האָבן אים שטענדיק באַגלייט צוויי אַנדערע קאָמפּלעקסן פון געפילן: ליבע, באַרעמהאַרציקייט און גוטסקייט, פון איין זייט, און דער גלויבן אין דער גרויסער סאָציאַלער באַפרייאונג, פון דער אַנדער זייט. אָפּהענגיק פון דעם, ווי שטאַרק עס האָט אין געגעבענעם מאָמענט דאָמינירט איינער פון די דאָזיקע דריי גרונטגעפילן, האָט זיין פּאָעטישע שאַפונג געטראָגן אַזאַ אָדער אַנדער כאַראַקטער, אָבער שטענ־דיק האָט דעם דיכטערס נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוואוסטזיין, ווי אויך זיין גאַנצער געפילן-סיסטעם, געוואָרצלט אין דער ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן, אין דער פאַרכמאַרעטער וואָר, אין דער גרויסער נויט פונעם

היינט, אינעם ווירקלעכן לעבנס-שטייגער און אינעם אויפוואכנדיקן סאָ-ציאַלן רעוואָלט.

רייזענס לידער זיינען נישט באַגלעקלט און נישט באַפרעגדזלט, און מאַכן דערפאַר אָפּט דעם איינדרוק פון סטיליזירטער פאַלקשאַפונג. פון דאַנען נעמט זיך אויך זייער מעלאָדישקייט, זייער שטרעבונג צו באַהעפטן זיך מיט מוזיק. דאָס וואָרט פון קיין איין יידישן פּאָעט שפּרודלט נישט מיט אזוי פיל געזאַנג, ווי דער קורצער, לייכט-שוועבנדיקער מוזיקאַלישער פערז פון רייזענען. אין דעם פאַל, אַז מען זאָגט „געזאַנגען", דאַרף מען נישט מיינען „פריילעכקייט", נאָר דעם באַליבטסטן אויפן ווי אזוי דאָס רייזענישע פּאָעטישע וואָרט איז אריינגעדרונגען אין אונדזער סוויווע, ווי אזוי דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך אידענטיפיצירט, ווי אזוי עס האָט זיך דאָרט געלאָזט דערקענען און אף וואָס פאַר אַן אויפן זיין עכאָ האָט זיך צעטראָגן אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער יידישער אַלוועלטלעכער צע-שפּרייטקייט.

רייזענס וואָרט האָט זיך באַוועגט אף מוזיק און די מוזיקאַלישקייט פון זיין פערז איז געווען דאָס מאַגישע דרעטל, מיט וועלכן ער האָט אויפ־געבראָכן אפילו יענע פאַרפאַנצערטע יידישע אויערן, וואָס זיינען אף זיבן שלעסער פאַרהאַקט געווען פאַרן יידישן דיכטערישן וואָרט. מיטן קוועך פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער מוזיקאַלישקייט פון זיין פערז האָט ער אריינגעהויכט שטילוווינטלדיקן טרויער און פרייד, עמאָציע און אויפ־דודערונג אין יידישע הערצער, און ארויסגערופן נישט נאָר רעספּעקט, נאָר אפילו סענטימענט צו דער אויפגייענדיקער יידישער פּאָעזיע.

רייזען האָט קיין מאָל נישט פאַרשמעלערט די פאַרשטענדלעכקייט פון זיין פערז צוליב סטאַם מעלאָדישקייט. ער האָט קיין מאָל נישט געזוכט קיין מוזיקאַלישקייט אָפּן בעשבן פון דער קלאָרקייט, ווייל די קלאָרקייט אַליין זיינע האָט שוין געהאַט אין זיך נאַטירלעכע ריטמיק און צעזונגענ־קייט. ער האָט זיך באַמיט, אַז אין זיינע לידער זאָל ארומשוועבן נישט נאָר אַ וואָלקנדל פון שטימונגען, נאָר אַז זיי זאָלן אויך האָבן אַן אינהאַלטלעכן אונטערשפּאַר און אַ דערציילעריש רוקנביין. אין אַ סאַך פון זיינע לידער זאָגט ער שוין אין דער ערשטער סטראָפע דאָס אַלץ וואָס ער האָט גע־האַט צו זאָגן; די איבעריקע סטראָפעס גיט ער צו צוליב מער פאַרשטענד־לעכקייט, צוליב בעסער מאַסביר זיין די ערשטע סטראָפע, וועלכע איז

שוין אַזוי אויך קלאָר. די דאָזיקע איבעריקע סטראָפעס זיינען שוין, אַזוי צו זאָגן, וואַריאַנטן אַף דער ערשטער און דינען אויסצוטייטשן דעם גרונט־געדאַנק.

די אַרכיטעקטור, די פערזן־פאָרעם פון זיינע לידער איז גראַדליניקע איינפאַכקייט. לויט דער קורצאָטעמענדיקער, פירשוריקער סטראָפע, וואָס טענצלט אונטער אַף אירע לייכטע פערזנפיס, קען מען דערקענען רייזענס אַ ליד פון דער ווייטסטער ווייט. רייזענס אַ ליד האָט זיך זיין כאַראַקטעריסטישע פיגור און כאַראַקטעריסטישן גאַנג. עס שלעפּן זיך אים נישט נאָך קיין קינסטלער־געקרייזלטע לאָקן און מען זעט אויך נישט בא אים קיין איינגעבוירענע אָדער דערוואָרבענע צעשויבערטקייט. רייזענס לידער זיינען שטענדיק אָפּגעשוירן קורץ, אַזוי קורץ, אַז קעדיי צו פאַרשטיין און דערפילן זיי, דאַרף מען אַפילע נישט זוכן, צי זיי האָבן אַ שרונט, אַף וועלכן אונדזער געדאַנק אָדער געפיל זאָל זיך קענען באַוועגן, קעדיי צו־נויפצוטרעפן זיך מיט דעם, וואָס רייזען האָט אויסגעדריקט. דער זין פון זיין יעדן ליד הענגט אָפּ שפּיץ פון יעדן הערעלע, האַגאַם אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט רייזען גענומען קולטיווירן אין זיינע לידער די נישט־דערזאָגטקייט, אָבער אַפילע די נישט־דערזאָגטקייט זיינע איז אַזאַ, וואָס לאָזט זיך לייכט באַשיידן.

דער איקער ווירקט רייזען מיט זיין געמיטלעכקייט און האַרציקער־גלויביקייט, אָדער ווי יאַנקעוו גלאַטשטיין זאָגט „מיט דער טפילעדיקייט, וואָס מאַכט פון אַלע זיינע לידער דעם ערשטן וועלטלעכן יידישן סידער".

רייזענס פּאַשטעס, קאָנקרעטקייט, זיין זוכן דעם פּראַט אין לעבן און זיין אָפּגעבן זיך דער יעבידישקייט האָבן אַף אַ נאַטירלעכן אופן אַריבער־געוואַנדערט פון ליד אין דער דערציילונג און געפונען דאָרט אַ פּאַראַלעלן פּראָזאַאישן וועג פאַר זיינע איבערלעבונגען און פאַר דער מער פרייער אויסלאָדונג פון זיינע געפילן. די דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט זייער פיינעם אינהאַלטלעכן איינפאַל, מיט דעם אירָאָניש־באַזאַכטן הומאָר, וואָס גייט אַרום אַף די שפּיצפינגער צווישן די שורעס און מיט דער דיכטערישער אינספּיראַציע, וואָס שוועבט אַרום אין געוויסע דערציילונגען און וואָס פילט אָן דעם פאַקטישן עמעס פון סיוזשעט מיט די טיפערייכקייטן פון קינסטלערישן עמעס.

V

אין רייזענס דיכטונג קרייזן אַרום פאַרשיידענע מאָטיוון: סאָציאַלע עלעגיע, יעבידישער טרויער, ראָמאַנטיק פון יידישן עלנט, יוגנטלעכע פאַר־צווייפלונג, טרוימערישע ליבע און סאָציאַלער אויפברויז. מער פון אַלץ האָבן גרויס געמאַכט רייזענען זיינע סאָציאַל־קעמפערישע געזאַנגען, וואָס זיינען, איבער פאַרטייען און ריכטונגען, געוואָרן עמעסע הימנען פון פריי־הייט און וואָס האָבן געטראָגן באַהאַלטענערהייט אין זייערע קנייטשן די העלפּאַרביקע שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך נישט גע־וואָלט לאָזן דערוואַרגן דורך די צאַרישע לאַפּעס.

צווישן די לידער פון סאָציאַלן אויפברויז איז קוידעם קאָל קעדאַי צו דערמאָנען „דאָס נייע ליד". דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז דיסקרעט אין זיינע אויסדרוק־פאָרמען און איז דיכטעריש געמויערט פון שטילע, האַר־ציקע ווערטער, איז שוין מיט 50 יאָר צוריק געוואָרן אַ פרייהייט־מאַרש אין רוסישן טכום־האַמוישעוו, צוליב דער זעלטענער פרילינגדיקער שטי־מונג, וואָס עס שטעקט אין אים, צוליבן ליכטנדיקן אָפּטימיזם, וואָס שפּרודלט אַרויס פון אונטער יעדן אָס און צוליבן אַקטועלן, מיט זון אויס־געמישטן מעשיכיזם, וואָס איז פאַראַן אין יעדער שורע. דאָס דאָזיקע ליד האָט עפּשער מער אויפגעטאָן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַ סאַך פּאָליטישע דראָשעס און אין ד ע ם שטעקט זיין ניט־פאַרגייענ־דיקע גרויסקייט.

צום זעלבן זשאַנער געהערט אויך דאָס ליד „קירכנגלאָקן", וואָס איז איינס פון די מוטיקסטע און באַרימטסטע, וואָס רייזען האָט געשאַפן, און וואָס איז אַריין אין אַרסענאַל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכ־טונג, ווי איינס פון אירע שאַרפסטע און שניידיקסטע געווערן.

ווער עס דערמאָנט זיך די קלאַנגען פון די קלויסטער־גלעקער אין די קליינע שטעטלעך פון אונדזער אַלטער היים, אין אַ רואיקן שאַבעס־צו־נאַכטס, ווען אין דער שטילער יידישער לופט נעמען זיך טויוולען די דאָזיקע שרעקנדיקע קופּערטענער, וואָס וואַרפן זיך אַראָפּ פון די באַ־ציילעמטע טורעמס און פילן אָן די יידישע הערצער מיט דער דריקנדיקער, דווירעסדיקער אומהיימלעכקייט און רופן אַרויס אָן אונטערבאַוואוסטזיני־

קע דערמאָנונג אָדער אַן אומקלאָרע אַנונג פון וואַנדערונגען און פּאָגראָמען, פון קידעש־האַשעם, אויטאָדאַפעען און דערוואָרגענע שמאַ־ייסראָעלס; ווער עס דערמאָנט זיך אָן די דאָזיקע טענער, וועט בעעמעם דערפילן ווי גע־טריי רייזען האָט אויפגעכאַפּט און פאָרמולירט די יידישע שטימונג און ווי געלונגען ער האָט, דורכן קויעך פון קאָנטראַסט, אַ קלונג געטאָן מיט די נייע טענער פון דערוואַכונג קעגן די יעזואיטישע טענער פון טויט. רייזען, נישט קוקנדיק אַף דער גאַנצער היסטאָרישער מאַסע אינקוויזיציע־קלאַנגען אַף זיין קאַרק, האָט זיך דאָך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרייס און האָט רעבעלירט, מיטן סימבאָל פון נייעם גלאָק, פאַר זיינע אויגן, קעגן די שוואַרצע פלאַכטעס, וואָס פּרואוון נאָך פאַרדעקן און פאַרשטיקן די ליכטיקע וועלט. דאָס שענסטע וואָס די וועלט פאַרמאָגט, — מוזיק — קען נישט זיין קיין אינסטרומענט פון שרעק און קיין אויסדרוק פון שווערע גלאָקן. מוזיק רייסט קייטן, מוזיק פאַרברידערט, מוזיק — דאָס איז די זינגענדיקע נאַטור אין איר פערפעקטקייט און נישט קיין גלאָקן־דעגענע־ראַציע, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין שווערן קופּער און אין מאַסיוון בראָנז.

דאָס באַרימטע ליד „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן" איז אויפגעקו־מען אין די פינצטערע רעאַקציע־יאָרן, נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען דער צאַריש־זשאַנדאַרמישער שטיוול האָט מיט זיין גאַנצער שוואַרצמייעדיקער קראַפט אַרויפגעטראָטן אַפן לעבן.

אין גרונט גענומען וואָלט מען זיך געדאַרפט וואונדערן, פאַר וואָס דאָס דאָזיקע ליד הויבט אָן אַזוינע קעמפערישע שטימונגען. בעסאַכאַקל ווענדט זיך דאָך רייזען צו די בייזע ווינטן מיט אייצעס, ווי אַזוי זיי זאָלן נאָך בייזער ווערן, ווי אַזוי זיי זאָלן נאָך מער ברעכן און נאָך מער לעשן, אָבער אין דאָזיקן ליד איז פאַראַן איין וואָרט, איין־איינציק וואָרט, וואָס באַ זיין גאַנצער אומשולדיקייט, לאַכט ער זיך אויס פון די בייזע ווינטן. דאָס דאָזיקע וואָרט איז „איצט", „איצט איז אייער צייט", ד"ה אַז די ווינטן קענען בלויז הוליען אין די גרענעצן פונעם ברעקעלע איצט, פו־נעם פעניצל איצט. דער איצט פאַרשווינדט, און די אייביקייט וועט זיי פאַרגעסן. דאָס דאָזיקע אומבאַדייטנדיקע, שטילע וואָרט „איצט" איז דער טשוואָק פון גאַנצן ליד און דער אויסגאַנג פון די מענטשלעכע האָפענונגען. מען זעט, בעכיין, נאָך אַמאָל, ווי רייזענס מייסטערשאַפט דערטרינקט זיך נישט אין ווערטער, קעדיי אַרויסצורופן אַן עפעקטפולע ווירקונג, נאָר באַ־

גנוגנט זיך מיט אַ געלונגענעם וואונק. דערפֿאַר טאַקע איז דאָס דאָזיקע ליד אַזוי סאַטיריש-בייסיק און אַזוי דראָענדיק פֿאַר דער רעאַקציע. האַגאַם, פֿאָרמעל גענומען, האָט עס פֿאַר דער צאַרישער צענזור געקענט אויסזען ווי אַן אומשולדיק ליד, ווי אַ באַטלאָנעסדיק דורכריידן זיך פֿון אַ נאַרישן פֿאָעט מיט נאַרישע ווינטן.

צו רייזענס אויפֿבּרויז-לידער דאַרף מען אויך פֿאַררעכענען „העמערל, העמערל, קלאַפּ", — אַ ליד, וואָס לאָזט זיך קימאַט נישט פֿאָרלייענען אָן מוזיק און וואָס פֿון יעדער שורע זינגט אַרויס דער ריטם פֿון אַרבעט. דער דאָזיקער פּרעכטיקער שוסטער-הימן, וואָס איז אַריין אין פֿאָלק און גייט נאָך דאָרט אַרום ביז איצט, איז איינס פֿון רייזענס קליינע שעדעוור-לידער, וואָס נישט געקוקט אַף זיין טרויעריקן אינהאַלט, פֿילט ער אָן מיט רייסיקער פֿרייד די יידישע אַרבעטער-הייזער און וואַרשטאַטן. אַ ריזיקער רעוואָלוציאָנערער אויפֿריים-שטאָף שמידט זיך דאָ אויס אונטער די ריטמישע קלעפּ פֿון שוסטערשן העמערל און מען פֿילט בעכוש, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס דאָזיקע העמערל וועט זיך געזעגענען מיט די זוילן, קעדיי אַ שאָט צו טאָן זיינע קלעפּ אַף די קעפּ פֿון די טיראַנען.

דאָס סאַמע קאָנקרעטסטע פֿון רייזענס קאַמף-לידער איז „זייט גרייט". ער רופֿט דאָ אָן די זאַכן פּשוטאָס קעמאַשמאָאָס און נעמט רופֿן צום קאַמף גאָרנישט אַף קיין רייזעגישן שטייגער. מען הערט קימאַט צום ערשטן מאָל, ווי אין רייזענס אַ ליד פֿלאַטערט אַ פֿאָן און קלינגט אַ קייט, און גיט זיך אַ טראָג דער פֿייערדיקער לאָזונג „זייט גרייט!" דאָס דאָזיקע ליד איז מיסטאָמע געשריבן געוואָרן אין יאָר 1917, ווען די בייזע ווינטן האָבן געביטן זייער ריכטונג, נעמענדיק ברעכן אַף פֿיץ-פֿיצלעך די צאַרישע פֿעלקער-טפֿיסע און דעם אַבסאָלוטיזם פֿון די ראָמאַנאָווס. אין דאָזיקן ליד האָט שוין רייזען נישט געדאַרפֿט באַנוצן קיין רעמאָזים און נישט באַהאַלטן זיין מיין אונטער קאָנספּיראַטיווע ווערטער. האַגאַם נאָך נישט איינגאַנצן מיט אַן אָפֿענעם מויל, האָט ער אָבער דאָך געזאָגט דאָס, וואָס האָט געדאַרפֿט געזאָגט ווערן אין יענעם מאָמענט.

פֿון אַן אַנדער מין איז די סעריע סאָציאַלע שטייגער-לידער, פֿון וועלכע „מאַי קאָ מאַשמע לאָן" איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע.

ס'איז דאָס ליד פֿון אַ קלויזניק, וואָס טראָגט אַריבער דעם פּילפּל-

דיקן מאַי קאָ מאַשמע לאָן פון דער געמאָרע אין זיין אייגענעם לעבן אַריין און שטעלט פאַרשיידענע טרויעריקע קאַשיעס וועגן זיין אייגענער עקזיסטענץ. האַגאַם די אויספירן זיינען פיינלעכע און דערשיטערנדיקע און קיין סימען פון דעפינירטן פּראָטעסט איז נישטאָ אין זיי, איז אָבער דער עצעם פאַרגלייכן זיין לעבן צו אַן אויסגייענדיקן זייגער און צו אַן אויסגייענדיק ליכטל אַזוי ווירקנדיק, אַז עס רופט אַרויס אַן אומדירעקטן פּראָטעסט, וואָס איז עפשער אין דעם פאַל שטאַרקער פון אַ דירעקטן. מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי רייזען מיידט דאָ אויס שרייאיקייט, האַגאַם אַן אַנדער דיכטער וואָלט זיך דאָ עפשער געקענט פּאָעטיש אויסגליטשן און נעמען פריער פון אַלץ קריטיקירן אַזאַ מין לעבן. די קריטיק איז אָבער איבעריק, ווייל די פעסטשטעלונגען, וואָס רייזען מאַכט זיינען אַזוי שאַרף און שלאָגנדיק, אַז די קריטיק קומט שוין אויף בעמיילע באַם לייענער פון זיך אַליין. דער שרייבער דאַרף שילדערן און דער לייענער דאַרף רעאַגירן. די העכסטע מאַדריגע, צו וועלכער אַ שרייבער קען דערגרייכן אין זיין ווערק, איז בלויז פאָרשטעלן אַ סיטואַציע, אָבער נישט אָנטייל נעמען אין איר ווי אַ באַשולדיקער אָדער פאַרטיידיקער. די סיטואַציע דאַרף אָבער אַזוי דייטלעך און רעליעפמעסיק געצייכנט ווערן, אַז עס זאָל גלייך קלאָר ווערן פאַר אַלעמען, צי די פאָרגעשטעלטע לאַגע איז אַ געוואונטשענע, צי נישט. „מאַי קאָ מאַשמע לאָן" איז אַ מוסטער פון אַזאַ מין קאָרעקטן אויפן פון פאָרשטעלן. האַגאַם רייזען דייט נישט אָן מיט קיין איין וואָרט זיין קעגנערשאַפט צום קלויזניקס אַרט לעבן, דערוועקט ער, נישט נאָר מיטגעפיל צום דאָזיקן באָכער, נאָר אויך די אַנטשליסונג צו קעמפן, אַז די יידישע יוגנט זאָל נישט אויסגיין ווי אַ ליכט און זיך נישט דערשטיקן אין איר ווייטיקדיקער אויסגאַנגלאָזיקייט. ווען רייזען אַליין וואָלט עס געזאָגט, וואָלט זיך באַקומען דעקלאַמאַטאָרישע פּובליציסטיק, וואָס וואָלט געשאַדט דער פּאָעטישער גאַנצקייט פונעם ליד. זיין דיסקרעטקייט שאַפט אָבער אַן עמעס אויסדרוקספול בילד, וואָס נישט קוקנדיק אַף זיין נישט־דערזאָגטקייט, קומען שוין די אויספירן אַליין אין געדאַנק פון לייענער.

פון גאָר אַן אַנדער מין זיינען רייזענס אינדיווידואַליסטיש-עלעגישע לידער, וועגן וועלכע עס גיט אַ פאָרשטעלונג די ווייטערדיקע סטראָפע פון ליד „מיין שפילן":

„אַף מיין קליין צעבראָכענער פידעלע

האָב איך אָפּגעשפּילט מיין וועלט;
און דערמאָן איך איצט מיין שפּילן,
לויפט מיין זעלע דורך אַ קעלט".

ווי ס'איז צו זען, איז דער אינהאַלט, די שטימונג, דער טעמפּ און די גאַנצע דיכטערישע אַטמאָספער פון די דאָזיקע שורעס אַ היפּערדיקע צו רייזענס קאַמף־מאָטיוון. רייזען, ווי אַ שטימונג־מענטש, פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין שטאַרקע סטירעס און פלעגט אַראָפּפאַלן פון דער באַרגיקער הויך פון זיין גלויבן ביז צו דער אָפּגרונטיקער טיף פון פּעסימיזם. עפּשער האָט עס באַ אים, אין דעם פאַל, דער געדאַנק וועגן פידל אַרויסגערופן די דאָזיקע מיינונגען וועגן אָפּגעשפּילטקייט און אויסגעשפּילטקייט, ווייל לויט דער יידישער טראַדיציע האָבן די יידישע וואָגלער אַף די טייכן פון באָוועל אויסגעשפּילט אַף פידלען און אַף האַרפן זייער געוויין און זייער פּיין. יידישע מוזיק האָט זיך שטענדיק איינגעוויקלט אין מינאָר־טענער און האָט זיך שטענדיק אויסגעפּוצט אין יידישע טרערן.

אין דאָזיקן רייזענישן ליד סימבאָליזירט דאָס „קליין צעבראָכן פידעלע" די יידישע שפּראַך, וואָס האָט זיך דאַן ערשט גענומען אויסטשוכען פון איר זשאַרגאָנישער אָרעמקייט, און די „וויינענדיקע טענער" דאָס איז די טעמאַטיק פון דער יידישער פרעסנדיקער נויט. גראָע טעמאַטיק אַף אַ נאָך אומבאַהאָלפענער, אומדערוואַקסענער שפּראַך — דאָס איז געווען רייזענס שפּילן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, און מען האָט בעעמעס געדאַרפט זיין אין גאַנצן דורכגעדרונגען מיט ליבע צום פאָלק, קעדיי די דאָזיקעביידע אומשטאַנדן זאָלן נישט פירן דעם דיכטער צו פאַרצווייפלונגען און צו ציניזם, נאָר צו ברויזנדיק־צעברויזטער שאַפערישקייט און ליטעראַטור־געזעלשאַפטלעכער אויפטועריישקייט.

די איצטיקע גרויסע יידישע דיכטונג, די איצטיקע סימפאָנישע העראָאיק פון יידישן וואָרט, די איצטיקע עלעגאַנץ און דרייסטקייט פון אונדזער אויסדרוק, אונדזער איצטיקער אָרקעסטראַלער און ווירטואָזישער יידיש וואָלט נישט מעגלעך געווען אָן רייזענס „קליין צעבראָכן פידעלע". אויב רייזענס אַרט שרייבן איז איצט, אין אַ געוויסן זינען, פאַרעלטערט, האַלטן מיר אָבער דאָס דאָזיקע פידעלע זיינס אין מוזיי פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע און מיר האָבן עס ליב ווי אַ רעליקוויע, וואָס דער-

מאַנט אונדז אָן דער טרויעריקער אָבער העלדישער יוגנט פון יידישן וואָרט, וואָס איז דיכטעריש אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף די דלאָניעס פון רייזענען און פון זיינע אַמאָליקע מיטצייטלער.

רייזען פאַרמאָגט נאָך אַ גאַנצע סעריע לידער וואָס האָבן נישט קיין שום סאָציאַלן אונטערשלאַק און קיין שום סימבאָלישן זין. דער דיכטער וויל אין זיי בלויז אויסדריקן די אומאויפהערלעכע בענקשאַפט נאָך שיינקייט, וואָס יעדער פּאָעט פאַרמאָגט אין זיך, טאָמיד און אומעטום. מען דאַרף ספּעציעל דערמאָנען זיינע איבערדיכטונגען פון היינען, דורך וועלכע עס לויכט זיך דורך דער געדאַנק, אַז די העמשעכדיקייט פון לעבן אויף דער וועלט איז ליבע, וואָס איז, אין טאָך גענומען: האַרמאָניע, גוטסקייט, ריטם און געזאַנג. ליבע פאַרגייט נישט אַפילו אין דער פינצטערניש און לעבט אַריבער די נאַכט.

VI

אַוואַדאי רייזענס פאָלקסטימלעכע ליריק און זיין מעלאָדישער אָ־מעט, זיין שטילער קאַמפגייסט און זיינע סאָציאַל־עטישע איינשטעלונגען, פילן אָן, זינט צענדליקער יאָרן, דעם געמיט פון יידישן קולטור־מענטשן. אין די טיפענישן פון איינפאַכן פאָלק קען מען שטענדיק דערפילן דעם עמאָציאָנעלן שטראָם פון רייזעניזם, פון גוטן, איבערגעגעבענעם און איינענעם רייזעניזם, וואָס לעבט אַזוי נאַטירלעך, ווי ס׳לעבט די מוטערשפּראַך באַם פאָלק אין מויל.

רייזען האָט קיין מאָל נישט געטאָן דאָס, וואָס איז העכער פון זיינע מעגלעכקייטן, און האָט זיך נישט געפּרוּווט מאָדערניזירן, און דערפאַר טיילן זיך נישט אויס אין דער רעגנבויגנדיקער פּאַנאָראַמע פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג רייזענס נייערע שאַפונגען. וואָס רייזען זאָל נישט שרייבן און וואָס ער זאָל נישט טאָן, קען ער גאָרנישט מוסיף זיין און גאָרנישט פאַרמינערן פון זיין ווערק, וואָס איז, זינט יאָרן, אַ כאַראַקטערפולע גאַנצקייט אין די ראַמען פון זיין ליטעראַטור־היסטאָרישער, ערשטראַנגיקער וויכטיקייט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז גראָד אין דער צייט ווען אַ סאַך מאָדערנע דיכטער האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון פּעסימיזם און פאַרשלאָסן זיך אין אויסערסאָציאַ־

לער דיכטונג, איז רייזען, דער אמאָליקער מייסטער פון דער עלעגיע און דער דיסקרעטער אויסזינגער פון סאָציאַל־קעמפערישן מאָטיוו, געוואָרן אָפּטימיסטישער און זאָגט צו, אַז ער וועט קיין מאָל נישט פאַראַטן די פרייהייט־טראַדיציע פון זיין דיכטונג. אין זיינס אַ נייערן ליד זאָגט ער:

„איך וועל נישט ווערן אַנדערש,
ווי פריינט פון מיר פאַרלאַנגען,
איך בין דעם וועג צו פרייהייט
פון יוגנט אָן געגאַנגען.

איך וועל נישט ווערן אַנדערש,
ווי ס'מיינען גאָר די ווייטע,
איך האָב אין זייערע רייען
געזונגען פון באַפרייטע"...

זיין אָפּטימיזם, ווידער, וואָס שייך דער יידישער דיכטונג און דער יידישער יוגנט, דרינגט אַרויס פון די ווייטערדיקע סטראָפן:

„דאָס יידיש ליד זיך וועבט
אין וועלט, אין אַלע עקן,
עס רופט, עס זינגט, עס לעבט,
דו וועסט אונדז נישט דערשרעקן.

נישט זאָג: „דער יונגער דאָר
איז שוין אַוועקגעגאַנגען",
הער, ווי עס הילכט דער כאָר
פון אונדזערע געזאַנגען!".

רייזען איז, אַזוי אַרום, אַ גאַנצער און אַ האַרמאָנישער מיט זיך אַליין און זיין עלטער איז, אין אַ געוויסן זין, לויטערער פון זיין יוגנט. ער האָט אָנגעהויבן ווען די יידישע דיכטונג איז נאָך געווען אַ גראָשנדי־קע און איצט איז אַפילו שווער אָפּצושאַצן אירע אויסגעוואַקסענע רייכ-

קייטן. דאָס דיכטערישע וואָרט, וואָס ער האָט מיט איבער 50 יאָר צו־ריק ארויסגעצויגן פון קעלער, שטעכט איצט דורך מיט זיינע ווייטגרייכנ־דיקע שפּיצן די הויכקייטן. רייזען קען עפּשער איצט די דאָזיקע הויכ־קייטן נישט דערגרייכן, אָבער ער פרייט זיך פּאַטערלעך מיטן דאָזיקן מאָזל־בראָכעדיקן וואוקס פון יידישן דיכטערישן וואָרט.

דאָס דאָזיקע וואָרט, ווידער, איז שטאָלץ מיטן זיבעציקיאָריקן זינ־גער, ווייל סיי פון ליטעראַרישן קוקווינקל, סיי פון סאָציאַלן, קען עס ניט אָנווייזן אַף קיין קרעפּטיקערן און פּאָפּולערערן אָפּשטאָם, ווי אַף רייזע־נען. דערפאַר, טאַקע, איז אוואָס רייזען דאָס היימישע ליכט, וואָס לייכט באַשיידן אין סאַמע אינטימסטן ווינקעלע פון דער יידישער ליטעראַטור.

פון פסיכאָלאָגישן ראָמאַן צו סאָציאַליסטישן רעאַליזם

(בערגעלסאָן ביז 1935)

I

אין שיטערלעכן יונגן וואַלד פון דער הײנטצײטיקער ייִדישער ליטעראַטור, וואו עס מערן זיך אַזוי פיל קורצשטענגלדיקע פלאַנצן, אײנטאָניקע רויזן, ווילדע יאַגדעקוסטן, הויקערדיקע בײמעלעך, טונקעלע סכאַך־יאָדלעס, ווײנענדיקע בעריאָזקעלעך, טרויערנדיקע ווערבעס, פרומינקע לולאָווים, ציטערדיקע הוישאַנע־צווײגעלעך און ביטערע שוואָמען, הײבט זיך אַרויס, פון צווישן דער מאָכיקער פאַרוואַקסנקײט, דער שלאַנקער רויט־קופערנער סאָסנע־שטאַם פון בערגעלסאָנס שאַפן.

מיט שטײגנדיקער קינסטלערישער פּאָטענץ און קעסיידערדיקן אידעאָלאָגישן אויפשטײג איז אָפּגעצײכנט דער ווערטיקאַלער ליטעראַטור־וועג פון דאָוויד בערגעלסאָנען, דער וועג, וואָס נעמט זיך שלענגלען צווישן די שאָטנדיקע פלײנען פון אינדיווידואַליסטיש־סוביעקטיווע, פאַרשלײערטע לײדנשאַפטן און וואָס דערגרײכט איצט צו די ליכטיקע באַרגשפּיצן פון סאָציאַליסטישער בויאונג. דער דאָזיקער וועג איז נישט קײן שטײנערדיק־פאַרגליווערטער און אויך נישט קײן געבראָכענער; אין געעריקן היסטאָרישן מאָמענט האָט אים בערגעלסאָן פאַרקירעוועט צו דער זון, צום לעבעדיקן לעבן, צו דער פליסנדיק־פאַרפלײצנדיקער געשיכטע פון אונדזערע טעג.

מען דאַרף, דעריבער, אונטערשיידן אין בערגעלסאָנס שאַפן צוויי פּעריאָדן, וואָס באַזיצן זייערע באַזונדערע קינסטלערישע קאָנטורן: דער ערשטער פּעריאָד וואָס נעמט אַרום דעם ריין־פּסיכאָלאָגישן, הויך־קוואַלי־טאַטיוון ראָמאַן און דער צווייטער פּעריאָד, וואו די טיפע פּסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט דאָוויד בערגעלסאָנס גייט שוין האַנט בא האַנט מיט סאָציאַליסטישן רעאַליזם. די ווערק פון ערשטן פּעריאָד האָבן אַ גרויסן קינסטלערישן ווערט און אַ קנאַפּע סאָציאַל־אידעאָלאָגישע באַדייטונג; די ווערק פון צווייטן פּעריאָד זיינען סיי קינסטלעריש, סיי סאָציאַל־אידעאָ־לאָגיש ווערטפול און מען קען מיט זיי מעסטן דעם גרויסן אידעאָלאָגישן אויפשטייג, וואָס בערגעלסאָן האָט דורכגעמאַכט, ווי אויך זיין קינסטלע־רישע וויטאַליטעט, וואָס שפּרודלט מיט עכטקייט און ציל־באַוואוסטקייט און וואָס האָט אים פאַרוואַנדלט אין גרעסטן פון אונדזערע לעבעדיקע פּראָזאיקער.

II

בערגעלסאָן האָט אויפגעבליצט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ מעטעאָר און איז גלייך געוואָרן דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט. שוין זיין ערשט ביכל „אַרום וואָקזאַל" האָט אַרויסגערופן דעם וויטגייענדיקסטן רעספּעקט און אויסדרוקן פון באַרעכטיקטן ענטוזיאַזם. מען האָט אַרויסגעזען און אַרויסגעפילט דעם גרויסן קינסטלער, וועמענס אָריגינעלקייט איז באַשטאַנען נישט נאָר אינעם ליטעראַרישן שטאָף, אין דער טעמאַטיק און אין דער פּראָבלעמאַטיק, נאָר אויך אינעם נייעם טאָן, אין דער שטימונג, אין די קינסטלערישע מיטלען, אין דער עלעגאַנץ פון אויסדרוק, אין דער גוואַלדיקער גוואורע פון וואָרט, אינעם געוועב פון סיוזשעט און אין ספּעציפישן בערגעלסאָנישן אַראָמאַט וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיינע שורעס.

בערגעלסאָן איז דער שעפער פון יידישן פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן. ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די אינערלעכע טראַגישע ראַנגלענישן פון יונגן ווערטפולן מענטשן, וואָס זוכט אַ זין, אַ באַרעכטיקונג און אַ ניצלעך פון שיינקייט אין דער פּוסטקייט פון אַ לעבן, וואָס איז ענלעך צו אַ לעטאַרגישן שלאָף, אַ לעבן וואָס איז אומסאָציאַל און דורכאויס אָנגעפילט

מיט אינטעליגענטיש־יעכידישע גריבלענישן, מיט עגאָצענטרישער פאַר־טיפטקייט און מיטן ווילן צו אנטלויפן פון זיך אליין אין דער אומענד־לעכקייט און אומבאַשטימטקייט.

בערגעלסאָנס ראָמאַנען שפּילן זיך אויך אָפּ אין קאַסרילעווקע און אין קאַבצאַנסק, אָבער אין דער צייט ווען אונדזערע קלאַסיקער, ראָמאַנטיקער און נאַטוראַליסטן האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס שטעטל ווי אַ געזעלשאַפט־לעכע סטרוקטור, ווי אַ יידישע סוויווע, ווי אַ צענטער פון אונדזער נאַ־ציאָנאַלן, פאָלקסטימלעכן אייגנאַרט, מאָלנדיק די טיפן אין זייערע צווישנ־אַנאַנדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַציאונגען און אין זייער אויסערלעכן שטייגער לעבן, האָט בערגעלסאָן לעבאַטכילע אָנגעהויבן פון אינעווייניק, אָפּגעבנדיק זיך דער איקער מיט דער קינסטלערישער אָפּבילדונג פון די פּסיכאָלאָגישע סטירעס און צוזאַמענשטויסן פונעם מענטשן ווי אַזעלכן, פאַרוואַנדלענדיק דאָס שטעטל בלויז אין אַ סצענישן הינטערגרונט. אַף וועלכן עס טיילן זיך אויס די אויסטערלישע פּערסאָנאַזשן פון יענע ווערק זיינע, וואָס געהערן צום ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן.

אין די דאָזיקע ווערק שיילט בערגעלסאָן אויס די ליידן פון דער בע־סערער טייל פון דער בירגערלעכער אינטעליגענטער יוגנט, וואָס באַ־גרייפט די גאַנצע פאַרפאַרוירענע פוסטקייט און האָפענונגסלאָזע באַגרע־נעצטקייט פון איר עקזיסטענץ, אַ יוגנט וואָס איז, אין טאָך גענומען, ווערטפול, וואָס וויל זיך נישט צופּאַסן צו די מיקראָסקאָפּיש־קליינע אינ־טערעסעלעך פון איר סאָציאַלן שטאַנד, וואָס וויל זיך דורכרייסן צו עפּעס, אָבער וואָס קען נישט פאָרמולירן אירע אידעאַלן, ווייל זי האָט זיי נישט. כאָטש זי וואָלט זיי געוואָלט האָבן. זי האָפט אַז אַ מיסטישער „עמעץ" אָדער „עפּעס" וועט „ערגעץ" באַפרידיקן איר גייסטיקן אומרו. דער באַ־וואוסטזיין פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט און באַדייטונגסלאָזי־קייט, פון איין זייט, און די פולשטענדיקע אַבסטראַקטקייט פון שטרעבונ־גען, וואָס פאַרווירקלעכן זיך נישט, פון דער אַנדער זייט, פאַרשאַרפן דעם ווייטיק פון נישט־דערפילונג, פון פאַרוואונדעטער, בלוטנדיקער בענקשאַפט. דער סאָף איז, אַז זשאַווער פון אומגלויבן, האָס צו דער אַרו־מיקער געזעלשאַפט, מיזאַנטראָפּיע, צוריקגעהאַלטנקייט און זעלבסטפאַר־לייקענונג וואַקסן אָן שיכטנווייז אין דער נעשאָמע און פאַרגיפטן זי.

די צוויי וויכטיקסטע ווערק פון ערשטן פּעריאָד זיינען „נאָך אַלע־

מען" און „אָפּגאַנג". די נעמען אַליין זאָגן שוין אַ סאַך און רעזומירן, אַזוי צו זאָגן, די גאַנצע אינערלעכע אַטמאָספער פון די צוויי ביכער, וואָס זיינען אָנגעפילט מיט ייעש, רעזיגנאַציע, אַנטוישונג, מאַכטלאָזיקייט און טויט.

דער אינהאַלט פון די דאָזיקע ווערק איז אָרעם אין אויסערלעכע געשעענישן, דאָס רעאַלע לעבן זעט זיך קוים־קוים אַרויס פון אונטערן נעפּל פון נעשאָמע־וויבּרירונגען, האַרץ־אויפטרייסלונגען, ווייטיקדיקע שטימונגען און טעמפּעראַמענטלאָזע אימפּולסן פון די אויסגעמאַטערטע העלדן.

די הויפּט־פיגור פון „נאָך אַלעמען" — מירעלע הורוויץ, — איז אַ צאַרטע, אויסגעאיידלטע, געוויריגע באַס־יעכידע, וואָס באַזיצט אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער און אַ סובטעלע אינערלעכע געפילנוועלט. פון די פריסטע יאָרן פון איר יוגנט איז זי אומבאַפרידיקט און אַנטוישט, מיט מעשונעדיקע אומבאַוואוסטע פאָדערונגען צום אַרומיקן אייגנטאָניקן, קליינשטעטלדיקן לעבן. זי וויים וואָס און וועמען זי האָט פיינט, זי וויים אָבער נישט וואָס און וועמען זי וואָלט ליב געהאַט; זי קען נישט אַנאַליזירן אירע צעפלאָסענע שטימונגען און קען נישט געפינען קיין גלייכגעוויכט צווישן רעאַלן האָס און דער אויסגעטרוימטער בענקשאַפט, אין וועלכער עס טרינקט זיך איר האַרץ. אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיקער אייגגעבוירענער אינטעליגענץ, מאַכט זי אַ אימפּאָזאַנטן איינדרוק אויף אַלעמען; מען דערפילט אין איר די פּערזענלעכקייט, די גרויסע פרוי, און ספּעציעל געפינען זיך אונטער איר איינדרוק די זעקס יונגעלייט, וואָס פּרוּוון אַריינדרינגען אין איר לעבן מיטן גאַנצן יירא־האַקאָוועד, וואָס זי אינספּירירט זיי, אָבער אַלע, אָנהייבנדיק מיטן פאַרגרעבטן וועלוול בורנעס און ענדיקנדיק מיטן ראַפינירטן, סנאָבישן פּאָעט הערץ, קענען נישט דורכגיין דעם פּרוּוושטיין פון איר סענסיביליטעט און ווערן אָפּגעשטויסן, צייטנווייז, מיט עמעסן קאַלטן סאַדיזם. הערץ פּרוּווט זי אָפּשאַצן אָביעקטיוו און דעפינירט זי ווי אַ „קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע", „איבערגאַנגס־פּונקט", „מיטגליד פון אַן אויסשטאַרבנדיקן דאָר", אָבער ער דאַרף זיך בלויז צוויי מאָל באַגעגענען מיט איר, קעדיי אַליין אַרונטערצופאַלן אונטער דער צויבערקראַפט פון איר פּערזענלעכקייט, דאָס וואָס שטערט אים נישט, פונדעסטוועגן, צו נעמען נישט ערנסט אירע גייסטיקע זאָרגן.

איר לעבן ציט זיך לאַנגזאַם צווישן איר מיידלשן בעט און די איינ־זאַמע שפּאַצירן מיטן סטודענט ליפּקיס, אין דער פאַרשנייטער ווייסער אומגעגנט פון שטאָט, וואו זי זוכט דעם ווינט און די פאַרפרוירענע האָרי־זאָנטן, נישט באַמערקנדיק קימאַט איר קרומען באַגלייטער. נאָך דעם גרויסמוטיקן קאָרבן, וואָס זי ברענגט איר פאָטער, כאָטשע האַבנדיק מיט שמוליק זיידענאָווסקי — אַן אויסגעצערטלטן, רעליגיעזן יונגנמאַנטשיק וואָס האָט נישט די קלענסטע אַנונג וועגן דער טראַגעדיע און אומאויס־דריקלעכע ליידן פון מירעלען, ווערט בײַ איר געשאַפן אַ מער אַקטיווער דראַנג אַרויסצורייסן זיך און אויסקעמפן איר זעלבסטשטענדיקייט. די הילף וואָס זי בעט בײַ הערצן נוצט זי נישט אויס, ווייל זי פילט, אַז דער דאָ־זיקער העברעישער פּאָעט קוקט אויף איר מיט באַדויערונג, מיט סאָכרישן זעלבסטגעפיל פון אַ מענטשן, וואָס האַלט זי אין אָפּשאַצן. זי גנבעט זיך און פאַרשווינדט, איבערלאָזנדיק אַ בריוול, אַז זי גייט אוועק נישט וויסנ־דיק וואוהין, אָבער עס איז איר שוין אַלץ איינס; זי לעבט איצט איבער איר האַרבסט, פון איר געבוירן ווערן אָן לעבט זי איבער איר האַרבסט. עס איז פאַר איר קלאָר, אַז איידער זי איז נאָך געבוירן געוואָרן, האָט שוין עמעץ דורכגעלעבט איר פרילינג.

„אָפּגאַנג״ איז אַן עלעגיש געזאַנג פון טויט און אונטערגאַנג, פון אַפּאַטישן אונטערגעבן זיך דעם פאַטום. עס פאַרשווינדט די גרענעץ צווישן לעבן און טויט, און עס קומט אויס גאַנץ נאַטירלעך ווען בערגעל־סאָן פירט אַריין דעם געשטאָרבענעם, פאַרסאַמטן מיילעכן אין דער לעבע־דיקער געזעלשאַפט פון זיינע העלדן. מיילעכס טויטע בלויע אויגן טראָגן זיך אַרום שמייכלענדיקע און מילדע, און זיינע רעמאַזים וויברירן שאָטנ־דיק אין די דיאַלאָגן וואָס כאַים־מוישע פירט מיטן טויטן.

אפן ערשטן זייטל פון ראָמאַן קערט מען זיך אום פון דער לעוואַיע פון איינעם פון די הויפּטהעלדן — מיילעכן, אין וועמענס טויטן שאָטן עס אַנטוויקלט זיך די מער פאַנטאַסמאַגאָרישע ווי רעאַלע אַקציע פון ראָ־מאַן. ער האָט זיך געסאַמט, קעדיי אויסצודריקן אויף אַ גוטמוטיקן אופן זיין פרידלעכן פּראָטעסט קעגן דער אַרומיקער נישטיקער וועלט, וועלכע ער אָנערקענט נישט, אַ וועלט, וועלכער ער האָט אַפילו געפּרוואווט ווידער־מענען אַ פּאָר העלע רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון זיין יוגנט, אָבער וועלכע האָט אים פּלוצלונג דערדריקט אונטער דער מאַסע פון איר פוסטקייט און

נישטיקייט און אין וועלכער ער וויל זיך מער נישט מישן. ער גיט אַ סימ־באָלישן פּאַטש אין פּאָנעם דער דאָזיקער וועלט מיטן אַקט פון זעלבסט־מאָרד, וועלכן ער באַגייט שמייכלענדיק.

זיין כּאַוועֶר כאַים מוישע קומט אַראָפּ אין שטעטל קורץ נאָכן זעלבסטמאָרד און ווערט דערשיטערט פון מײלעכס באַשלוס. אַף טריט און שריט זעט ער דעם טויטן שמייכלענדיקן מײלעכן, מיט וועלכן ער אי־דענטיפיצירט זיך גייסטיק און מיט וועמען ער שמועסט זיך דורך, פאַר־מולירנדיק זיין פילאָזאָפישע לעבנסטעזע פון „שטומען פּראָטעסט" פון „אומרו" פון נישט „מישן זיך און נישט קלאָגן זיך", פון נישט אָנער־קענען דעם אַרומיקן לעבן, אָבער ער פּאָדערט צו פאַרבייטן מײלעכס שמייכל אַף אַ שטאָלצער גרימאַסע, ווי אַ אויסדרוק פון פאַראַכטונג צו דער וועלט, פון וועלכער ער וויל אויך פרייוויליק אַוועקגיין, אָבער אָן אַ שמייכל, נאָר מיט אַ טראַסק אין טיר. אונטערן אָנפּראַל פון יוגנטפרייד וויל כאַים מוישע פונדעסטוועגן פאַרזוכן דאָס לעבן, עפּעס געניסן, אָבער דער שפּאָטישער, שעמעוודיקער שמייכל פון מײלעכן פאַרפאָלגט אים ווי אַ נישט געשריבן פייערדיק געזעץ און באַזיגט אים.

די איבעריקע פיגורן פון דאָזיקן גסיסע־בוך זיינען אויך דאָמינירט פון פאַרשיידענע אומנאַטירלעכע שטימונגען, זיי פאַרמאָגן נישט קיין לע־בעדיק געפיל, אַלץ איז באַ זיי אינסטינקט, צעפלאָסענער בלאָסבלוטי־קער אינסטינקט. מאָמענטנווייז ווערט עפּעס יאָ געבוירן אַ לעבעדיק געפיל, איז ער אָבער אַזוי שוואַך און אָנעמיש, אַז שוין באַם געבוירן ווערן ווערט ער פאַרקריפּלט און האָט נישט קיין קויעך צו קעמפן פאַר עקזיסטענץ.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז סיי אין דאָזיקן ווערק, סיי אין „נאָך אַלע־מען" פעלן אין גאַנצן קינדער־פּערסאָנאַזשן. דאָס איז דערפאַר, ווייל בער־געלסאָנס פסיכאָלאָגישע ליניע האָט איר ספּעציפישע טענדענץ, פאַר וועל־כער ס'איז נעפּערלעך דאָס בײזיין פון קינדער און פון קינדערשער פרייד.

האַגאַם „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" פאַרמאָגן נישט קיין שום אינ־טריגירנדיקן אינהאַלט, קיין שום לעבעדיקע אַקציע און קיינע שום געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען, מוז מען די דאָזיקע ווערק איבערלייענען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווייל די גרויסע מייסטערשאַפט בערגעלסאָנס וויברירט אין יעדער שורע. בערגעלסאָן, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ גרויסער פּ ס י -

ב אָ ס י נ ט ע ט י ק ע ר אין קעגנזאַץ צו פּסיכאָאַנאַליטיקער; ער אַנאַליזירט נישט די פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, נאָר סינטעטיזירט זיי. אין דריי ווערטער קען ער אויסדריקן די קאָמפּליצירטסטע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציע און מיט אַ פּאָר אויסדרוקן מייסטערהאַפט דעפינירן דאָס געמיט פון אַ מענטשן. זיין סטיל כאַראַקטעריזירט זיך דורך דער שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט, אָבער יעדער וואָרט איז, אַזוי צו זאָגן, עלעקטריש געלאָדן און פילט אויס זיין פּרעציזע פונקציע, אין קעגנזאַץ, לעמאָשל, צו דער סענטימענטאַלער באַריידעוודיקייט פון שאָלעם אַשן, אין וועמענס סטיל עס דרייען זיך אַרום אַזוי פיל בלאָנדזשענדיקע, אַרבעטלאָזע ווערטער, וואָס זאָגן איידעס וועגן קנאַפּע קענטעניש אין שפּראַכווירטשאַפט און אין לינגוויסטישער טאַקטיק. בערגעלסאָן איז דער מייסטער פון טאַמצים און צימצום; יעדער וואָרט איז געגאָסן פון ריינעם שפּראַכלעכן שטאָל און איז אַ גוט-צוגעפּאַסטער שליסל צו די סוידעספולע פאַרשלאָסענע סיטואַציעס און פאַרפּאַנצערטע נעשאָמעס פון זיינע ווערק.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, ווערן אין די דאָזיקע צוויי ווערק נישט באַהאַנדלט און אַפילע נישט באַרירט אויבערפלעכלעך קיינע שום סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. עס ווילט זיך, דעריבער, קומען מיט זייער וואָגיקע טאַינעס צו בערגעלסאָנען: „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" זיינען געשריבן געוואָרן אַ צייט נאָכן יאָר 1905; אַף דער יידישער גאַס האָט שוין אַ יאָר 15 עקזיסטירט די ערשטע מעכטיקע אַרבעטער-פּאַרטיי — דער דעמאָלסטיקער „בונד", אין שטאָט און שטעטל איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער קלאַסנקאַמף און אַן אויסניכטערונג-פּראָצעס. וואו זיינען די סימאָנים פון דעם אין די ערשטע ווערק פון דאָוויד בערגלסאָן?

קעדיי צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ מין פאָרוואורף וואָלט געווען אומבאַרעכטיקט, מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דער יונגער בערגעלסאָן איז אויסגעוואַקסן אין אַ בירגערלעכער סוויווע, ער האָט געפילט, אַז ער קען קינסטלעריש אויספורעמען נאָר ד ע ם מאַטעריאַל, מיט וועלכן ער פילט זיך היימיש. נישט קוקנדיק אַף דעם וואָס ער האָט זיך פון זיין יוגנט אָן באַצויגן צו די סאָציאַלע פּאָסטולאַטן פון אַרבעטער-קלאַס מיט סימפּאַטיע, איז אים ד אָ ך, אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, די דאָזיקע סוויווע געווען אָרגאַניש פרעמד און ער האָט זי, דעריבער, נישט געקאָנט פאַרקערפּערן מיט געוואַלד אין זיינע ווערק, קענן אַלע נאַטירלעכע קלאָלים פון

קינסטלערישער עכטקייט. אויסער דעם, האָט זיך דער דעמאָלסטיקער בער-
געלסאָן, ווי אַן אָנפאַנגענדיקער שרייבער, געפונען באַוואוסטזיניק אָדער
אומבאַוואוסטזיניק אונטער געוויסע ליטעראַרישע איינפלוסן און ספּעציעל
אונטערן רוישעם פון דער רוסישער ליטעראַטור. ווי באַקאַנט, האָט זיך די
רוסישע ליטעראַטור, נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע פון 1905, גע-
געבן אַ האַסטיקן קער אַף רעכטס, די מערהייט פון די רוסישע שרייבער
האָט איבערגעלאָזט דאָס לעבן הינטער זייערע פּלייצעס, איז פאַרזונקען
געוואָרן אין מיסטיציזם און אין כאַלוימעס, און אין בעסטן פאַל, אָפּגע-
געבן זיך מיט אומשולדיקער ריין-פּסיכאָלאָגישער קונסט. דער כאַראַקטע-
ריסטישסטער שרייבער פון דער דאָזיקער עפּאָכע איז געווען אַרציבאַשעוו —
דער מייסטער פון ראַפינירטער עראָטיק און פון אינטעליגענטיש-צוגעפּוצטן
שונד. יעדנפאַלס, איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען פאַר אַ גוטן טאָן אין דער לי-
טעראַטור אָפּצוגעבן זיך מיט דער אויסטערלישער, אויסער-סאָציאַלער פער-
זענלעכקייט, אומאָפּהענגיק פון צייט און געזעלשאַפט.

פון דער אַנדער זייט, איז בערגעלסאָן געשטאַנען אונטערן געוואַל-
דיקן איינדרוק פון די רומפולע סקאַנדינאַווישע שרייבער און ספּעציעל
פון קנוט האַמסון, וואָס איז, קען מען זאָגן, בערגעלסאָנס אַ קונסט-קאָרעוו,
סיי בענעגייע סטיל, קאָמפּאָזיציע, דיאַלאָג, אָנוואוקס פון דראַמאַטישן קאָנ-
פליקט און אַנטשפּאַנונג פון סיטואַציעס, ווי ס'איז צו זען באַזונדערס
קלאָר אין „מיסטעריעס" און „די בראָכע פון דער ערד".

בערגעלסאָן האָט בעצייַן געשריבן אַזוי ווי זיין קינסטלערישער אינ-
כטינקט האָט אים דיקטירט. אין אַ געוויסן זינען האָבן זיינע ווערק פון
ערשטן פּעריאָד דאָך אַן אומדירעקטן פּאָזיטיוון סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכן
פאַרדינסט, דורך דעם וואָס זיי האָבן געוויזן דעם גוירל פון דער פרוי אין
דער בירגערלעכער געזעלשאַפט; די אָרגאַנישע גייסטיקע פּרוכטלאָזיקייט
פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך שוין איבערגעלעבט און כטי-
מולירט צו גאָרנישט; דעם גוירל פון דער אינטעליגענטער יוגנט, וואָס זוכט,
אַף אַן אַבסורדאַלן אויפן, אַן אויסער-געזעלשאַפטלעכע וועלט-אַנשויאונג און
אַן אומסאָציאַלע דערלייזונג פון אירע גייסטיקע ווייטיקן.

די דאָזיקע איזאָלירטע לעבנס זיינען רעליעף געצייכנט פון דאָוויד
בערגעלסאָנען און די שטילע אַקאָרדן, מיט וועלכע דער קינסטלער באַגלייט
זיי, קלינגען פאַר אונדז איצט ווי אַ טרויערמאַרש אַפן טויט פון אַ יוגנט,

וואָס האָט זיך דערשטיקט אין דער פינצטערניש, פון וועלכער זי האָט נישט געקענט אַרויסבאַקומען זיך.

III

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, קומט אויך פאָר אַ שטילע רעוואָלוציע אין בערגעלסאָנס שאַפן. אַפן ערשטן שטאָק פון זיין פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן טורעמט זיך אויף ביסלעכווייז דער צווייטער שטאָק פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס טראָגט אַף זיך אַלע אַרכיטעקטאָנישע אייגנטימלעכקייטן פון זיין פּסיכאָלאָגישער מייסטערשאַפט און בליצנדיקן סטיל.

וואָס איז אַזוינס סאָציאַליסטישער רעאַליזם און מיט וואָס אונטערשיידט ער זיך פון איינפאַכן רעאַליזם? דער איינפאַכער רעאַליזם באַגנוגנט זיך מיט באַשרייבן זאַכן אַזוי ווי זיי ווערן געזען, ווי זיי ווערן דערפילט מיט די כושים; דאָס איז אַ כושימדיקע רעפּראָדוקציע פון דערווירקלעכקייט. ער ענטפערט קינסטלעריש אַף די פראַגן: ווער, וואָס, וואו, וויפל, בישאַס דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם ענטפערט נישט נאָר אַף די דאָזיקע פראַגעס, נאָר דערקלערט אויך: ווי אַזוי, פאַרוואָס און צוליב וואָס. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַווייזט אונדז דעם קוואַלן, פיבערדיקן צוזאַמענהאַנג פון געשעענישן, ער ווייזט די סאָציאַל-געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע וואָרצלען פון דעם אָדער יענעם טיפּ, פון דעם אָדער יענעם קאָנפליקט. די זאַכן ווערן נישט געגעבן ריין-אויבערפלעכלעך, נאָר פאַרטיפט. עס זיינען, אויסער דעם, נישטאָ קיין ריין צופעליקע בילדער; יעדער בילד האָט זיין ציל און, אַזוי צו זאָגן, אַ געוויסע אידעאָלאָגישע טעמפּעראַטור, דאָס אומבאַדייטנדיקע און צופעליקע ווערט עלימינירט און עס שאַפט זיך אַ מין ליטעראַרישער פּאַטאָמאָנטאַזש, וואו יעדער רעאַליסטיש בילד האָט זיך זיין באַשטימטע ראָל, זיין געוויסע מיסיע. אין אַלגעמיינעם סאַכאַקל באַקומט זיך, אַז דאָס ווערק האָט אַ געזונטע סאָציאַלע טענדענץ, אַ רעאַל פּאָנעם און אַן אידעאָלאָגישן רוקנביין.

צו בערגעלסאָנס ווערק פון צווייטן פּעריאָד געהערן: „פּענעק", „בירעבידזשאַנער" און אין אַ געוויסער מאָס די צוויי בענדער דערציילונגען „דאָר אויס, דאָר איין" און „צוגווינטן". „מידאַס האַדין" איז אַן איבערגאַנגסווערק, וואָס האָט זיך שוין טיילווייז באַפרייט פון דער דריקנדיקער אַט-

מאַספּער פון „נאָך אַלעמען” און „אַפּגאַנג”, אָבער האָט נאָך נישט דער־גרייכט צום ברייטן רעאַליסטישן שוואונג פון די שפּעטערדיקע בערגעל־סאָנס ווערק.

„פּענעק” איז דער ערשטער טייל פון דער נאָך נישט פאַרענדיקטער טרילאָגיע: „באַם דניעפּער”. בערגעלסאָן האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן צו געבן אַ ברייטע עפּאָפּעע פון יידישן לעבן אין צארישן טכום, אָנהייבנדיק מיטן ערשטן צענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ענדיקנדיק וואַרשיינ־לעך מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דאָס ווערק „פּענעק” איז דער ערשטער אָפּשניט פון דער דאָזיקער עפּאָפּעע און שטעלט מיט זיך פאָר די געשיכטע ווי אַזוי דאָס ארומיקע לעבן האָט אויסגעשמידט און פאַרהאַרטעוועט דעם איידעלן מעטאַל פון אַ קינדערשער נעשאָמע, די געשיכטע ווי אַזוי אַ 10-11 יאָריק יינגל איז באַ־וואוסטזיניק געוואָרן, אין ליכט פון די סאָציאַלע דיפערענצירונגען אין שטעטל. אַלע געשעענישן ווערן פאַרגעשטעלט דורך בערגעלסאָנען אַזוי ווי זיי ווערן אויפגעפאַסט און באַלויכט אין פּענעקס קעפּל און אַזוי ווי פּענעק פירט דורך אויף זיי, אַזוי צו זאָגן, זיין קינדערשן ספּעקטראַל־אַנאַליז. פּענעק שיילט ארויס דאָס געשעענע פון די פאַרשיידענע קאָנווענציאָנעלע ליגנס און הייליקער אומבאַרירלעכקייט און דערגראָבט זיך אַליין צום עמעס, צום גרויסן סאָציאַלן עמעס.

פּענעק איז אַ פריילעך, נייגעריק קינד, אַ מאַזיק און דערמאָנט אָן מאָטל פּייסי דעם כאַזנס. אין זיין גווירישער היים באַציען זיך צו אים זיינע פיין־דערצויגענע סטאַטעטשנע און אויסגעצערטלטע ברידער און שוועסטער מיט פאַראַכטונג. אויך די אייגענע מוטער קוקט אויף אים קרום און אומ־פריינדלעך ווי אויף אַ „גווירישער אַווייִרע”, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אומגעריכטערהייט, אויף דער עלטער, און ווייל זיין איינגעבוירענע „אומדער־צויגנקייט” צעשטערט די נעגידישע שאַבלאָנע פון הויז. ער דערציט זיך אין קיך, צווישן בוניע דער קעכן, שיינדל דער לאַנגער און יאַנקל דעם פורמאַן — די איינציקע גוטע פריינט פון זיינע קינדעריאָרן.

ער זיצט נישט איין אין שטוב. עס ציט אים צו די פינצטערע, כווי־שעכדיקע הינטערגעסלעך, וואו פאַרשיידענע באַלמעלאָכעס ראַנגלען זיך צען מאָל אַ טאָג מיט דער נויט און וואו מען נעמט אים אויף ווי אַן אייגענעם. פּענעק אידענטיפיצירט זיין אייגענעם שטוביקן גוירל מיט דער פינצטערער־

לאגע פון די אלע אויסגעהונגערטע, פארכאלעשטע און דערשלאגענע, ער דערפילט די גרויסע סינע, וואס איז אנגעזאמלט אין די אלע קעלערן און שטיבלעך צו זיין טאטנס גווירישן הויז און יעדער שטאכווארט פון א קאבצן קלינגט אפ אין זיינע אויערן מיט אן עכא: „עס וועט נישט געשאנקען ווערן, עס וועט נישט געשאנקען ווערן". ער דערזעט דעם טעהאם, וואס טיילט אפ די הינטערגעסלעך פון שטאטמארק, דעם פאקטישן גרענעץ, אף איין זייט פון וועלכן עס געפינט זיך זיין פאטער — דער וואלד-סויכער און ביר-פאבריקאנט, דער פראצענטניק — געדאליע דער ערעציסראעל-פויגל, ארן יאנקעלעס, וואס לופטערט א גאנצן זומער זיינע דריי פוטערס אפן שוועל פון זיין קראם, יווינע — דער פארדייטשטער צוקער-פאבריקאנט, און אף דער אנדערער זייט — נאכמען דער פארבער, וואס אין די צייטן פון דער בעסטער קאניוקטור, אזוי צו זאגן, גייט ער אויס פון הונגער, יעראכמיעל דער שוסטער, וואס בענקט א גאנצן יאר נאך א שטיקל ראסלפלייש און אנדערע.

פענעקס הארץ קלאפט מיט מיטן פולס פון די הינטערגעסלעך און עס ווערן אים אנטפלעקט אלץ נייע און אויסטערלישע עמעסן. ער באפריינדעט זיך מיט נאכמען דעם פארבערס יינגל, בארעכן, וואס לערנט אים אויס צו פארלירן די פאלשע מוירע פאר פארשיידענע ארויפגעצוואונגענע פארבאטן, נישט דערשרעקן זיך פאר הינט און פאר מענטשן וואס זיינען געגליכן צו הינט. בארעך ווייזט אים אף אן ארעמען פויער פעטריק, וואס העלפט ארויס זיין פאטער, אין דער צייט ווען די אייגענע שטאט-געווירים מיידן אים אויס צו געבן ארבעט. בישאס בארעך קלערט אים אויף ווי אזוי עס ווערט געבוירן א מענטש, ווערט פענעק געפלעפט פון פארוואונדערונג און עס נעמט אים עקלען פון די פארשיידענע פרומע און „גוטע יידן", וואס זאגן אשער-יאצאר און שפרינגען קאדויש, און האלטן זיך, מיט פארגלאצטער הייליקייט, פאר צאדיקים. פענעק דערוויסט זיך אויך וועגן פאבריקן, שטרייקן, הויזאפעס אף סכירעס און אנדערע ביז איצט אומבאגרייפלעכע זאכן. אים פארדריסט בלויז וואס די קאבצאנישע יינגלעך פילן צו אים א געוויסע צוריקגעהאלטנקייט צוליב זיין סאציאלן אפשטאם, אבער נאך דעם ווי ער העלפט מיט מיט פארשיידענע האמצאעס דורכפירן א שטרייק פון שניידער-ארבעטער, ווערט ער אנערקענט ווי אן אויפריכטיקער כאווער.

פארן אנקומען פון ראשעשאנע, פארוועררט אים „דאס הויז" ארומצו-

שלעפּן זיך אין די הינטערגעסלעך און הייסט אים גרייטן זיך צום גרויסן יאָם־האַדין. פּענעק פאַרטראַכט זיך וועגן דער מעשונעדיקן שרעקלעכן אויבערהאַר, וואָס מען רופט גאָט; ער זעט, אַז אַלע טפילעס זיינען פול מיט כניפע און זעלבסט-דערנידעריקונג, אַז באַם טאַטן אין סידער שטייט דאָס זעלבע וואָס באַ נאַכמען דעם פאַרבער און ער קען עס ניט פאַרשטיין. זעענדיק די צעטרייסלטע, פאַרוויינטע בערדלעך פון די גווירים, זייער פאַלן קוירים, זייער קלאַפּן זיך אין האַרצן, זייערע מעשונעדיקע האַוואַיעס, כאַפּט אים אָן אַן עקל, און ער אַנטלויפט פון בעסמעדרעש. אין אַ דראַמאַטישן שמועס מיט יאַנקל דעם פורמאַן, ווערט אים פולשטענדיק קלאָר אויך די „גאָטפראַגע".

זיין פאָטער ווערט ערנסט קראַנק און די שטוב ווערט פול מיט קרעכצן און געוויינען. פּענעק געפינט אָבער ווידער אַ מאָל אויס, אַז דער גאַנצער צאַר און פאַרצווייפלונג פון די קינדער איז אַן איינפאַכע מיסטיפיצירטע אינסצעניזאַציע און אַז פאַקטיש טראַכט יעדערער וועגן זיין כיילעק יערושע. נאָך דער לעוואַיע פון זיין פאָטער דערפילט פּענעק, אַז ער האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט דעם דאָזיקן פרעמדן, גווירישן הויז און ער גייט אַוועק צו זיינע כאַווײרים אין די הינטערגעסלעך.

דאָ איז איבערגעגעבן קוים אַ טויזנט-כיילעק פון דעם אַלץ וואָס עס טוט זיך אין בוך און עס איז קוים דערמאָנט די פּרעכטיקע גאַלעריע פון פאַרשיידענע טיפּן, געמאָלטע מיט אויסערגעוויינטלעכן הומאָר און שאַרפקייט. דאָס בוך איז, ביז די ברעגעס, אָנגעפילט מיט הומאָר פון וואָרט און הומאָר פון סיטואַציע, מיט פאָלקסשאַפונג, פאָלקלאָר און קוואַליקן לעבן. די דאָזיקע אַלע זאַכן דינען איין ציל: באַווייזן די פאַלשקייט און שאָפּלדיקייט פון בירגערלעך־גווירישן לעבן, די שאָפּלדיקייט, וואָס באַהאַלט זיך פאַכדאָניש אויס אונטער גאָטספאָרכטיקייט און פרומקייט.

דער הויפּטפאַרדינסט פון בערגעלסאָנען באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט קלאָר באַוויזן די קלאַסן־דיפערענצירונג אין שטעטל; עס איז פאַרשוואונדן דאָס איינהייטלעכע, פאַרכאָלעמט-עלעגישע שטעטלע פון זיינע ערשטע ווערק און עס איז דערשינען דאָס שטעטל אַזאַ ווי עס איז, אין זיין גאַנצער מיעסער פראַכט, אַזוי צו זאָגן. מען דערזעט אין דאָזיקן שטעטל: ערשטנס, צוויי פיינטלעכע קלאַסן — באַזיצנדיקע און נישט באַזיצנדיקע; מען זעט, צווייטנס, די אָנגעזאַמלטע סינע, וואָס האַלט אָט-אָט

אין עקספּלאָדירן און פאַרוואַנדלען זי אין קלאַסנקאַמף; מען זעט, דריטנס, די סאָציאַל־פּאַרזיטערישע און פאַרשקלאַפנדיקע ראָל פון די קלייקוידעש; מען זעט, פערטנס, די צווישן־פעלקערלעכע סאָלידאַריטעט פון די אַר־בעטנדיקע; מען זעט, פינפטנס, דעם ערשטן לוינקאָנפליקט אין שטעטל און די אָנווענדונג פון שטרייק; מען זעט, זעקסטנס, די אויספאָרמירונג פון דער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער־יוגנט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַוואַנגאַרד פון אַ נייער, ליכטיקער וועלט; מען זעט, זיבעטנס, די צעפוילטקייט פון דער בירגערלעכער פאַמיליע, וואָס ווערט אַזוי פאַר־הערלעכט דורך דער רעליגיע און דער קאַפּיטאַליסטישער עטיק.

די אַלע אונטערגעשטראָכענע מאָמענטן ווייזן אַף די נייע סאָציאַלע איינשטעלונגען בערגעלסאָנס און דעם ריזיקן אידעאָלאָגישן מעהאַלעך, וואָס דער שרייבער האָט דורכגעמאַכט פון „נאָך אַלעמען" ביז „פּענעק". די עפּאָכע, די פּאָליטישע געשעענישן און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן בערגעלסאָנען געצוואונגען צו געבן אַן ענטפער: „אַהין אָדער אַהער". בער־געלסאָנס ענדגילטיקער ענטפער איז געווען דאָס בוך „פּענעק" — דער בעסטער ענטפער, וואָס האָט געקאָנט געגעבן ווערן.

צי איז בערגעלסאָן דורך זיין ענטפער, געוואָרן אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער? מען דאַרף וויסן, אַז אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ליטעראַטור זיינען די שרייבער געווען איינגעטיילט אַף עכט־פּראָלעטאַרישע און אַף די אַזוי גערופענע מיטלויפער, אָדער מיטגייער. די עכט־פּראָלעטאַרישע שריי־בער זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן אַלע זייערע יאָרן געשריבן דירעקט אָדער אומדירעקט וועגן אַרבעטער, פאַרן אַרבעטער און פאַרן זיג פון דער אַרבעטער־זאַך. די מיטלויפער, ווידער, זיינען אויפריכטיק צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, אונטערן דרוק פון וועלטאיבערקערערישע געשעענישן אָדער אונטערן דרוק פון דער פּערזענלעכער געענדערטער איבערצייגונג. בערגעלסאָן איז אומבאַדינגט אַ מיטגייער, אָבער אין שענסטן און זוי־בערסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. אין דער צייט, וואָס אַ סאַך, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַזוי ווי ער, טאָפּטשען נאָך ביז איצט אין אַ געמויזעכץ פון שאָוויניזם אָדער סטאַם־שרייבעריי, איז בערגעלסאָן, דורך זיין אויפריכ־טיקער שטעלונג, געוואָרן דער קאָריפיי און דער גליפּונקט פון דער יידי־שער קינסטלערישער פּראָזע נישט נאָר דאָרטן וואו ער איז, נאָר אין דער גאַנצער וועלט.

דאָס וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט איז שייך צו די אידעאָלאָ־גישע מאָמענטן פון „פּענעק". דאָס ווערק „פּענעק" איז נאָך, אויסער דעם, די געשיכטע פון אַן אומגליקלעכער קינדהייט, נישט אַזוי אין מאַטעריעלן זינען, ווי אין מאָראַלישן, די געשיכטע פון קינדער־דערקענטעניש און פון קינדער־רעוואָלט, איבערגעגעבן דורך אַ גרויסן קינסטלער און פּסיכאָלאָג. אַ קינדהייט פון באַליידיקונגען און אַנטוישונגען, אַ קינדהייט וועלכע צווינגט אַף אַן אויטאָרידאַקטישן אויפן צו דערגרייכן דעם עמעס, וואָס ווערט מאַסקירט דורך די דערוואַקסענע, אַ קינדהייט, וואָס איז ווייט פון יענע גליקלעכע יוגנטיאָרן, וואָס לעוו טאָלסטאָי באַשרייבט אין זיין בוך „מיין קינדהייט", פון יענער זאָרגלאָזער קינדערשער פרייד, וואָס פלעגט איבערגעגעבן ווערן אַפן קינאָ־לייוונט דורך דזשעקי קאָגאַן און שירלי טעמפּל. פּענעקס קינדהייט האָט אין זיך עלעמענטן פון יויעל לינעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל", פון שאָלעם אַליכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"; דאָס איז אַ קינדהייט, וואָס האָבן דורכגעלעבט יאָסל קאָטלער און מוישע־לייב האַלפּערן, מאַקסים גאָרקי און טשאַרלי טשאַפּלין, זשאַן זשאַק רוסאָ און דזשעק לאָנדאָן, די אומגליקלעכע קינדהייט, וואָס צעמענטירט און שמידט אויס די שטאַרקע כאַראַקטערן און וואָס דעמאָראַליזירט די שוואַ־כע, אַ קינדהייט, וואָס פון איין זייט גיט זי אַרויס אַ מאָטקע גאַנעוו און פון דער אַנדער זייט אַ הירש לעקערט.

פּענעק געהערט צו די שטאַרקע כאַראַקטערן און אין די איבעריקע צוויי טיילן פון „באַם דניעפּער" וועט מען קלאָר זען ווי אַזוי דער דער־וואַקסענער פּענעק האָט אַלץ צו פאַרדאַנקען די העראָישע אָנשטרענגונגען פון זיין קינדהייט.

די קינסטלערישע זייט פון ווערק איז, ווי שטענדיק, אויסגעצייכנט. די שפּראַך איז אַזוי ווי אַ קאָנצענטרירטער עקסטראַקט, וואָס איז פול מיט סינטעטישער, געווירצטער שאַרפקייט, די זאַצן זיינען מאַמעש דעס־טילירט און פון די פּרעציזע און עפעקטפולע אויסדרוקן ווייט מיט זעלבסטזיכערער פּיקכעס. סיי פון קינסטלערישן, סיי פון אידעאָלאָגישן, סיי פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, איז „פּענעק" אַ מייסטערווערק און שטעלט שוין מיט זיך פאַר איינעם פון די קאַרדינאַלסטע ניי־קלאַסישע ווערטן אין אונדזער בעלעטריסטיק.

דאָס ווערק „בירעבידזשאַנער" איז אַ פּרוּוו אָפּצושפּיגלען די פּיאָ־

נערישע אָנשטרענגונגען פון די ערשטע בויער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, דעם קאמף מיט דער ווילדעניש און מיט דער טייגע, די ערשטע צארטע שפּראָצונגען פון א ניי, געזונט לעבן צווישן די טייכן בירא און בידזשאן, צווישן די קאלכיקע כינגאנער בערג און די אייזערנע בורעיער פעלדזן. דאָס ווערק פאַרמאָגט נישט קיין צענטראַלע פיגור, קיין הויפּטהעלד, נאָר צענטראַלע גרופּעס; עס טויכט אַרויס די קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג, דער העכערער אימפּולס, דער סאָציאַלער געוועט, דער נאַטירלעכער אידעאַליזם, וואָס שאַפט זיך באַם בויען אַן עמעסע נאַציאָנאַלע היים אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

שוין באַם אַרויספאָרן פון איבערוואַנדערונגס-עשאַלאָן קיין ביראָבידזשאַן טיילן זיך אויס דריי כאַראַקטעריסטישע גרופּעס: אַ גרופּע האַלב-באַוואוסטזיניקע אומפּאַרטייאישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס בילדן דעם מענטשלעכן רוישטאָף, וועלכער וועט זיך שפּעטער איבערגיסן אין די נייע פורעמס; אַ גרופּע ענטוזיאַסטישע יוגנט, בעראָש מיט אַרקע באַמקער, וואָס וועט שפּעטער מיט זיך פאָרשטעלן דאָס צירקולירנדיקע בלוט פון ביראָבידזשאַן און אַ גרופּע פאַרבאַהאַלטענע שעדיקער, פון וועלכע עס טיילט זיך אויס אַ באַוועגלעך, פּאַסקודנע יידל — מוישע ליפשיץ און אַן אינטעליגענטיש־צעקוועטשטער רוסיש־ריידנדיקער יונגערמאַן, וועלכן בעוורע גיבן אַ נאָמען „יעווּרעיסקי וואָפּראָס", פאַר זיינע סכאָלאַסטישע פּילפּולים, צי ביראָבידזשאַן וועט לייזן די יידן־פראַגע צי נישט.

אין ביראָבידזשאַן, פּאָנים-על-פּאָנים מיט דער אוראַלטער נאַטור-געדיכטעניש און מיטן קאָסמישן אומגעהויער, הייבט זיך אָן די מאַיסע בעריישים פון דער נייער יידישער היים. עס דערשיינען נייע פיגורן, ווי דער פאַרוואַלטער פון בויקאַנטאָר און הויפּט־אַגראָנאָם פון ביראָבידזשאַן — מענטשן אייזערנע און שטילע, פאַרביסענע און געדולדיקע, דורכגעדרונגענע דורך און דורך מיט דער גרויסער אידעע און מיט דער ריזיקער געשיכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אַף זייערע מענטשלעכע פּלייצעס. מיט פאַנאַטישער העלדישקייט קעמפט מען אויס באַם אורוואַלד דעם ערשטן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלווירט „וואַלדהיים", נישט געקוקט אַפן פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון די שעדיקער. דורך אַ נאַטירלעכן סעלעקציע-פּראָצעס ווערן די טרוימער פון סאַבאָטאַזש אויסגעשפּיגן און

„וואַלדהיים" צעבליט זיך ווי אַ טייגעבלום אין ווייסטן צונויפגעפלעכט פון טויזנטיאָריקע שטאַמען.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט דער פייערונג פון אָקטאָבער אין וואַלדהיים. עס קומען זיך צונויף אַלע שלאָגלער פון דער געגנט, יעדערער מיט זיין אומגלויבלעך-העראָישער געשיכטע און מיט אַ יאָם פרייד אין האַרצן. אין דער דאָזיקער שטורמישער, פאַרשנייטער, יאָנטעוודיקער אָקטאָבער־נאַכט צינדט זיך אָן דאָס ערשטע עלעקטרישע לעמפל אין דער טייגע און עס הילכט אָפּ אין דער אַרומיקער ווילדעניש דער מעכטיקער אַרבעטער־הימן.

מען מוז נאָך באַמערקן, אַז דאָס בוך איז אַ קאַליידאָסקאָפּ פון אויסערגעוויינטלעכע נאַטורבילדער. בערגעלסאָן האָט דאָ געגעבן, אַזוי צו זאָגן, אַ בעלעטריסטישע געאָגראַפיע פון ביראָבידזשאַן. אַזוינע בילדער ווי די באַשרייבונג פון ביראָבידזשאַנער טייכן־סיסטעם, פון דער באַרימטער באַרגיקער אומגעגנט אַרום טיכאָנקע, פון די ביראָבידזשאַנער הימלען נאָך אַ רעגן אָדער פון דער פאַרפלאָנטערטער אוראַלטער טייגע, זיינען פאָשעט ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט און זאָגן אייעדעם סיי וועגן בערגעלסאָנס מייסטערשאַפט, סיי וועגן דער נאַטור־שיינקייט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

IV

ווען מען באַטראַכט בערגעלסאָנען צווישן אַזוינע פאָליוסן פון זיין שאַפן, ווי „נאָך אַלעמען" און „ביראָבידזשאַנער", זעט מען קלאָר וואָס פאַר אַ מעכטיקן טראָט פאָרויס דאָס יידישע לעבן האָט געגעבן בעמעשעך פון געציילטע יאָרן אין לאַנד פון סאָציאַליזם. דאָס איז דער זעלבער מעהאַלעך, וואָס ליגט צווישן דער פאַרצווייפלטער הילפלאָזער מירעלען מיטן קנויל מאַכטלאָזע ליידן און ליידנשאַפטן און דער יונגער זאַרגלאָזער קאַלווירטלערן פון וואַלדהיים מיטן סנאָפּ ווייץ אין די הענט און מיטן סנאָפּ פרייד אין האַרצן; דאָס איז דער מעהאַלעך וואָס ליגט צווישן אָפּגאַנג און אויפגאַנג און צווישן „שטומען פּראָטעסט" און געזאַנג פון אַלע אַרבעטנדיקע.

עס ווילט זיך דעריבער ענטפערן מירעלען פון „נאָך אַלעמען": ניין, מירעלע, א ו נ ד ז ע ר פרילינג האָט נאָך קיינער נישט דורכגעלעבט, אונדזער עמעסער פרילינג וועט נאָך קומען!".

דער ניסטער איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש

I

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַן אַלטער מעיושעוודיקער טייך שפּרינגט אַרויס פון זיין געלעגער און נעמט זוכן נייע דורכגענג, דורכבריסן און דורכגוסן פאַר זיינע אימפּעטדיקע וואַסערן. אַזאַ זעלטענע דערשיינונג איז ניט קיין מיסטעריעזע נאַטור-מעשוגאַעס און נישט קיין וואַסער-קאַפּריז פון אַ געהיימער סטיכיע, נאָר אַן אויבערפלעכלעכער פויעל-יויצע פון געוויסע געאָדינאַמישע און הידראָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס קענען וויסנשאַפטלעך גענוי דעפינירט ווערן. די אויסערלעכע פּלוצימדיקייט פון דער דערשיינונג און דער פאַקט, וואָס אָפטיש באַמערקן מיר בלויז דעם קולמינירנדיקן איבערגאַנג-מאָמענט, ווירקט עמאָציאָנעל און רופט אַרויס די פאָרשטעלונג פון אַ „בלינדער קראַפט", בשעת, אין טאָך גענומען, האַנדלט זיך עס אינעם מאַטעריעלן אויסגאַנג פון אַ לאַנגער אינטערערדישער אַנטוויקלונג.

אַן ענלעכע נאַטור-דערשיינונג איז לעצטנס פאָרגעקומען מיטן ניסטער. איבער 35 יאָר האָבן די שטאַנדיקע וואַסערן פון זיין שאַפן קוים-קוים געריזלט זיך צווישן סימבאָלישע ברעגעס, אויסגעטראַכטע פּייזאַזשן און אויסערמענטשלעכע לאַנדשאַפטן. אויב ער האָט שוין יאָ ווען באַשריבן אַ לעבעדיקן וועזן, איז עס, דאָס רוב, געווען נישט דער מענטש, נאָר די נידעריקערע ברואים פון זאָאָלאָגישן לייטער, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט אויססימבאָליזירן עפּעס מענטשלעכס, אָפּעדירנדיק הינטן אַרום,

דורך אַלעגאָריעס, וויזיעס, פאַרשלייערטקייטן און רעמאָזים. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעצויגן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַנטאַסטישקייט, און האָט זיך אָפט באַנוצט מיט די אַבסטראַקטע דריי אויסמעסטונגען פון אַנטירעאַליזם און אומפאַרסאָנאַליזם: עפּעס־ערגעץ־עמעץ.

זיין סובטעלע פאָרשטעלונגס־קראַפט איז נישט געווען קיין קרעאַטיווער הילפסמיטל, נאָר אַן אומבאַוואוסטזיניקער אויפן אָפּצושליסן זיך פון די אָנשוילעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן, קעדיי צונויפצושטוקעווען אַ מעשונעדיקע וועלט, וואו קיין זאַך איז נישט געווען סאָליד און וואו אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פאַרדאַמפונג, פון צעשווימונג, פון צעלאָזונג און וואו עס האָבן זיך באַוועגט, אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג, אויסגעמויעכטע, אַנטמענטשלעכטע פּערסאָנאַזשן, רוישנדיק מיט זייערע בינטלען ספּייקעס און זוכנדיק אָנצוכאַפּן די געגאַרטע טרייסט, וועגן וועלכער זיי האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג און נישט געוואוסט וואָס אַזוינס זי דאַרף אַנטהאַלטן אין זיך.

דעם ניסטערס נעגאַטיוויסטער גרונטשטריך איז געווען אַזאַ: אָנשטאָט צו מאָלן פּערזאָנען וואָס דענקען, האָט ער געפּרואווט פּערזאָניפיצירן געדאַנקען. זיין מעטאָד איז געווען אָנצוכאַפּן אַן אָפּגעריסענעם געדאַנק, אַ רוי געפיל, אָדער צום אָפטסטן סטאַם אַ שמערצלעכע שטימונג און לאָזן זי גיין אַף מענטשלעכע פיס אָדער אַרומקריכן אַף כאַיעשע לאַפעס. דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן סימבאָליסטישן אַרומטאָפּטשען אַף קוליעס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע זיינע ערשטע ווערק, וואָס זיינען באַשטאַנען פון לידער אין פּראָזע און אַלעגאָרישע מייסעס, און וואָס זיינען געבליבן ליגן נישט קיין פאַרדייטע אינעם מאָגן פון דער יידישער ליטעראַטור. שפּעטערצו, האָט ער, לאָגישערהייט, עוואָלוציאָנירט צום קינדערפּערז, אין וועלכן ער האָט אָבער ווידעראַמאָל נישט אַרויסגעבראַכט די לעבעדיקע קינדער־סוויווע, דאָס ספּעציפיש־שטייגערישע פון אונדזער אייגענעם קליינוואַרג. אין זיין פּערז דרייען זיך אַרום די פאַרשיידנסטע היימישע און נישט היימישע כאַיעס, וואָס גייען אַרום מיט לאָשן, וואָס האַלטן אָן אַ פאַרווײַלנדיקן קינדערטאָן, אָבער ספּעציעל באַרירן זיי מיט גאָרנישט דעם יידישן קינד ווי אַזעלכן. די דאָזיקע פּערזן האָבן אויך נישט קיין פאַבל־אונטערשלאַק, נאָר זיינען סטאַם מייסעלעך, אין וועלכע עס

אַקטואירן אַנטראָפּאָמאָרפֿיזירטע כאַיעס, לויטן אַלט־באַקאַנטן נוסעך פֿון אַלע קינדער-ליטעראַטורן.

מיר קענען זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין ליטעראַטור־פֿאָרשערישע באַטראַכטונגען וועגן די סיבעס פֿון ניסטערס אומגעוויינטלעכן שעפֿערישן אומרו און פֿון זיין אויסטערלישן שאַפֿונגס-מעטאָד, אָבער מען דאַרף באַמערקן, אַז די מיסטיש־סעקטאַנטישע עלעמענטן פֿון זיין גייסטיקער פֿאָרמירונג און די כסידיש־לאַמדאָנישע ירושע פֿון זיין אינטעלעקט האָבן, אַף אַן אומגינסטיקן אויפֿן, געקרייצט זייערע שאָטנס איבערן זיין שאַפֿן. אַפֿילע נאָכן יאָר 1917 האָט די ראַטנפֿאַרבאַנדישעווירקלעכקייט באַוויזן קוים-קוים אַריינצוטריפֿן אין ניסטערס ביין־האַשמאָשעסדיקער וועלט, אַזוי אַז די דאָרטיקע ליטעראַטור־קריטיק איז געווען זיכער, אַז דער סימבאָליזם בלייבט שוין דעם ניסטערס אומהיילבאַרע ליטעראַרישע קראַנקייט; מיט אַ יאָרצענדליק שפּעטער האָט אָבער דער אונטערערדישער פּראָצעס פֿון לאַנגזאַמען איבערבוי זיך דאָך אָנגעהויבן. אין 1934, נישט האָבנדיק דערגאַנגען נאָך אַלץ צום לעבעדיקן מענטשן, גיט שוין אָבער דער ניסטער אַרויס רעפּאָרטאַזשן וועגן די נייע סאָציאַליסטישע שטעט און אין 1939 געשעט דער נאַטור-וואונדער וואָס הייסט „די מישפּאָכע מאַשבער."

די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעכע פֿאַרוואַנדלונג איז די שענסטע מייסעלע, וואָס דער ניסטער האָט צוגעטראַכט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט ווי אַ גרויסער פּראָזע-קינסטלער, ווי אַ רעאַליסטישער שרייבער און טיפֿזיניקער קענער פֿונעם מענטשן און פֿון די היסטאָרישע שייכעסן צווישן איין פּלאָנטער געשעענישן און דעם צווייטן. אין זיין מייסטערהאַפֿטן פֿאָרוואָרט צו „מישפּאָכע מאַשבער" לעגיטימירט דער ניסטער זיין נייע באַוואוסטזיניקע איינשטעלונג און מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז די ראַטנפֿאַרבאַנדישע ווירקלעכקייט האָט אים פֿאָרט דערמינטערט און אויסגעהיילט פֿון זיין סימבאָליסטישער בלוטאָרעמקייט, אָפּראַטעווענדיק, אַזוי אַרום, פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור אַ שעפֿערישע קראַפֿט, וואָס וואָלט, אין אַנדערע באַדינגונגען, פֿרובטלאָז פֿאַרלוירן געגאַנגען.

II

„די מישפּאָכע מאַשבער" איז דער ערשטער טייל פֿון אַן עפּאָפּעישן

פאַרמעסט, וואָס וויל ווייזן די דראַמאַטישע פּאַרוואַנדלונג אין יידישן לעבן, אָנהייבנדיק מיט די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די גרויסע עטאַפּן פון דער דאָזיקער פּלאַנירטער עפּאָפּעע זיינען די ווייטער־דיקע: די לעצטע יאָרן פון בירגערלעכן פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער לעבן, זיין דעקאַדענץ, די בעהאַדראַגעדיקע פּאַרוועלטלעכונג און דעמאָקראַטיזי־רונג פונעם לעבנס־סיידער און צום סאָף די קלאַסן־עמאַנציפּאַציע פון די פאָלקס־שיכטן אין די צייטן פון גרויסן סאָציאַליסטישן איבערברוך. דער ניסטער האָט אין דער „מישפּאָכע מאַשבער" דערוויל אָדורכגעפירט בלויז דעם ערשטן עטאַפּ. ווי מיר דרינגען ארויס פון דער אַרכיטעקטאָנישער פּלאַנירונג פונעם ווערק, פון ניסטערס צעוואָרפענע אָנדייטונגען און פון ראַנד בא וועלכן עס זיינען געבליבן שטיין די געשעענישן און די אינדי־ווידועלע גויראָלעס פון די הויפּטהעלדן אין דאָזיקן ערשטן בוך, וועט די ווייטערדיקע אויסוויקלונג פון דער עפּאָפּעע פאָדערן לעכאָל האַפּאָכעס נאָך צוויי בענד, אין וועלכע די ביזאַיצטיקע סטאַטישע אַנטוויקלונג פונעם סיוזשעט וועט מוזן אָלץ מער אַריינוואַקסן אין דינאַמישן אויפבראַוז.

פון ניסטערס פאָרוואָרט צום בוך, מוזן מיר ציטירן די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטישע פראַגמענטן:

„שילדערנדיק אָט די פּאַרשוינען, שוין פיזיש און גייסטיק פאַרענ־דיקטע, האָב איך זיך באמת נישט גלאַט צו „קעמפן" קעגן זיי, נישט אויסצושרייען פאָרויס אַף זייער פּאַראורטיילטקייט, נאָר זיי געלאָזט אַליין שטיל און פאַמעלעך גיין צו זייער אָנגעצייכנטער באַשערט־קייט, צו זייער געשיכטלעך־נויטווענדיקן לעצטן גאַנג — צום אָפּ־גרונט".

און דאַן:

„דער איקער־ציל פון מיין אַרבעט אָבער איז געווען נישט נאָר צו פאַרענדיקן מיט אַן אַלטן דאָר, וואָס האָט געשטעקט איבערן האַלדז אין מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן, נאָר דער אי־קער־ציל פון בוך איז ווייזן יענע פאַרבאָרגענע קויכעס, וואָס זיינען דאַן געלעגן טיף דערנידעריקט אין „דריטן רינג" און וואָס זיינען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אונטערן לאַסט פון יענעם לעבנסיאָך".

און צום סאָף:

„עס זיינען שוין דאַן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּע־

טער געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראָגנדיק פייער אין די פּאַלעם פאַר אַלעם דווערסדיקן שימל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביז זיי. איז אָט, צו דעם באַהאַלטענעם פייער, וואָס אין די פּאַלעם פון יע־נעם יונגן דאָר, איז, דער איקער, מיין אויג געווענדט. כ'וויל זיך צו אָט דעם דאָר דערקלייבן, קינסטלעריש אים שילדערן און אים אָפּ־געבן די ערע, פאַרוואונדערונג און אכטונג, וואָס גייענדיק מיט אים, האַנט אין האַנט, האָב איך לעבנלאַנג געזאַמלט".

דאָס ציטירטע ברענגט אַרויס דייטלעך דעם ניסטערס איינשטעלונג און זיין שעפערישן ענטוזיאַזם, און ווייזט אויך אַז די ערשטע טייל פון „די מישפּאָכע מאַשבער" שטעלט מיט זיך פאַר אַ געשיכטלעך־פעריפערי־שע צוגרייטונג צו דער קומענדיקער צענטראַלער טעמע, צום אַפּאָטעאָז פונעם נייעם לעבן און צום הייסן אָטעם פון יונגן צייטאַלטער. דעם ניס־טערס קינסטלערישע בוי־קאָנצעפּציע פונעם ווערק באַשטייט אין מאָדו־לירן די דאָזיקע נייע צייט אַפן פאָן פון דער אָפּגעקילטער געשיכטלעכער פערספּעקטיוו, מאַכנדיק זי אַזוי אַרום מער רעליעף און מער קאָנטיק, דורכן שפּיל פון די דיאַמעטראַל־דערווייטערטע קאָנטראַסטן.

די פאַרשיידענע געשעענישן וויקלען זיך פונאַנדער אַף אַן אַלט־באַקאַנטער היימישער סצענע אין דער יידישער ליטעראַטור — אין בער־דיטשעוו, די שטאָט, וואָס איז אַן און פאַר זיך דער דאָפּלטער נאַציאָנאַ־לער סימבאָל פון אונדזער אייגנאַרט און פון אונדזערע קראַנקהאַפטע עקאָ־נאָמישע לעבנס־פאַרהעלטענישן. אויב אָבער מענדעלע און שאָלעם אליי־כעם האָבן אָנגענומען בערדיטשעוו טאַקע בלויז ווי אַ סימבאָל, בלויז ווי אַ פּאַראַלעמיינערטן מוסטער פון אונדזער לעבנס־פּאַטאָלאָגיע, האָט דער ניסטער אַרויסגעבראַכט די שטאָט ווי אַן אָביעקט פאַר זיך. נישט האָבנ־דיק פאַר אַ הויפּטציל צו געבן אַ מאָנאָגראַפיע פון דער אַלטער יידישער שטאָט, האָט דער ניסטער דאָך אַרויסגעבראַכט, מיט אַן אַלץ־זעענדיקן פילם־בליק אַ דאָקומענטאַל־קינסטלערישע אָפּבילדונג פון די דריי קאָנ־צענטרישע שטאָטרינגען וואָס וויקלען זיך אַרום דעם מאַרק־קערן, פון דער יידישלעכער האַלב־שיקערער אַרכיטעקטור און פון דער דרויסנדיקער שטאָט־אַקטיוויטעט.

די אַקציע פונעם ווערק וועבט זיך אַרום דער נעגידיש־פּאַטריאַרכאַ־

לער הויזגעזינט פון מוישע מאַשבער, — דער איינציקער פון דער ייבעם־דיקער פאַמיליע, וואָס איז געוואָרן אַ דערפאַלגרייכער געשעפטסמאַן. אַ צווייטער, עלטערער ברודער — לוזי, וואָס וואוינט ערגעץ אין אַ גרענעצ־שטאָט, פאַרקערפּערט די גייסטיקע טראַדיציעס פון דער פאַמיליע. זיין גייסטיקע וועלט איז אָבער נישט קיין אָפּגעזעצטע און דעפינירטע, און אַ לעבנלאַנג זוכט ער אַ קלאָרן לעבנס־אידעאַל צווישן די פאַרשיידענע כסי־דישע אָפּצווייגונגען און שטרעמונגען, ביז ער וואַרפט זיך אַריין ענטו־זיאַסטיש אין דעם וועלטבאַנעם פון בראַסלאַווער כסידיזם, ליקווידירנדיק זיין פּריוואַטן לעבן און אָפּגעבנדיק זיך אין גאַנצן דער גייסטיקער לעבנס־פּראַקטיק, וואָס עס פּריידיקן די בראַסלאַווער. ער נעמט איבער און זעצט פאָר דעם נעשאָמע־אומרו פון זיין פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן יונגער־הייט פון טאַנייסים, וועלנדיק אַזוי אַרום פאַרגעבן די זינד פונעם זיידן, וואָס האָט אַ געוויסע צייט זיך געהאַט פאַרבונדן מיט שאַבסעצווינקעס. אַ דריטער ברודער — אַלטער, וואָס איז אַ גייסטיק קראַנקער, לעבט אָפּ־געזונדערט באַ מוישען און נאָך עטלעכע אַטאַק־אָנפאַלן פון עפּילעפּסיע, האַלט ער באַם געזונט ווערן.

נאָך אַ צענטראַלע פיגור אין בוך איז סרולי גאָל, אַ רעטענישפולע פערזאָן אין שטאָט, וואָס קיינער ווייס נישט פון וואַנען ער איז געקומען און וואו ער פאַרשווינדט. נישט האָבנדיק קיין וואוינאָרט, כאַפּט ער זיך אַריין אומגעבעטענערהייט צו די שטאָט־געווירים, זידלט זיי אָפּן פאַר באַגאַנגענע אוולעס, מיט אַ ספּעציפישער האַזע וואָס אַנטוואַפנט און אַף וועלכע מען דערוועגט זיך נישט צו רעאַגירן. ער טאַנצט אַף אָרעמע כאַ־סענעס און איז זיך מיפּאַסעק, מיט האַנאָע, באַ גווירישע לעוואַיעס, טוט גאָרנישט און פאַרשווינדט זומערצייט. שפּעטער, פון זיינע אַ ווידע פאַר לוזין, צו וועלכן ער בינדט זיך צו מיט אַן אומגעוויינטלעכן רעספּעקט, דערוויסט מען זיך, אַז צוליב זיין יעסוימיש־אומגליקלעכער, באַליידיק־טער יוגנט, האָט ער, נישט קוקנדיק אַף דעם וואָס ער האָט געיאַרשנט פון זיידן אַ גרויס פאַרמעגן, באַשלאָסן צו פירן אַ וואַנדער־עקזיסטענץ, דערגיין די יאָרן די גווירישע פּיאַווקעס און נישט האַנאָע האָבן פונעם פּאַק געלט, וואָס ער טראָגט באַהאַלטן אין בוזעם.

די אייגנטלעכע אַקציע פונעם ווערק הייבט זיך אָן מיט מוישעס אַ כאָלעם, דורך וועלכן ער דרינגט אַרויס, אַז עס רוקן זיך אָן אַף אים אַ

כעריע אומגליקן און גראַדע דורכן געליבטן לוזין, וואָס ווערט באַטראַכט דורך אַלעמען אין הויז ווי אַ הייליקער און וואָס זיינע וויזיטן שאַפן אַן אַטמאָספער פון געשפאַנטן יירא-האָקאָוועד.

באַלד טאַקע פּלאָנטערט זיך אָן צווישן ביידע ברידער אַ קאָנפליקט צוליב לוזים, דעם טאַלמיד-כאָכעמס באַשלוס צו באַהעפטן זיך מיט די בראַסלאַווער, אַ סעקטע וואָס באַשטייט פון סאַמע אינטעלעקטועלן אָפּ־פאַל, פון פּראָסטאַקעס, פון נישט־דערבאַקענע לוי־יוצלעכס, וואָס האָבן נאָך דערצו אַ ספּעציעל ווילדן נוסעך צו דינען דעם בוירע. מוישע מאַש־בער איז געפּלעפט פון שאַנדע און פּאַרדרוס און פאַרשטייט נישט די טי־פע כעדווע און צערודערטע שיינקייט וואָס לוזי געפינט בא די בראַסלאַ־ווער.

דער דראַמאַטישער הויכפּונקט פון בוך ווערט דערגרייכט אין איין איינציקן טאָג. אין דאָזיקן טאָג קאָנצענטרירט דער ניסטער אַ שלאַל מיט געשעענישן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אַף מוישעס קאָפּ ווי האַמערקלעפּ פונעם גוירל. פון אין דער פרי ביז אין אָוונט טרעפן די ווייטערדיקע זאַכן:

1) דער פאַרהאַסטער סרולי גאָל באַווייזט זיך פּלוצלונג, ווי אַ פּלע־דערמויז, אין מוישע מאַשבערס הויז, נאָך אַ האַלביאָריקער אָפּוועזנהייט אין שטאָט. 2) די דאָזיקע פאַרהאַסטע מיזאַנטראָפּישע בריע באַפריינ־דעט זיך אין געציילטע שאָען מיטן פאַרגעטערטן לוזי, איז זיך מיסוואַדע פאַר אים און ווי ס'זעט אויס, שליסט ער מיט אים אַ מין געהיימען פּאַקט, וואָס דערשיטערט דאָס גאַנצע הויזגעזינט. 3) בא מוישעס אַן איידעם, וואָס האַנדלט מיטן שווער, נאַרט אויס אַ פּוילישער פּאָרעץ וועקסלען פאַר זייער אַ באַדייטנדיקער סומע. 4) מוישעס אַ באַאַמטער — זיסיע קריגט אַ געפּערלעכן בלוטשטורץ און זיסיעס מאַמע רופט אַרויס אַ סקאַנדאַל אין מוישעס הויז. 5) סרולי גאָל זידלט עפנטלעך מוישען פאַר נישט וועלן געבן הילף זיסיען און מוישע יאָגט אַרויס ברוטאַל סרולין פון זיין הויז. 6) לוזי סאָלידאַריזירט זיך נישט מיט מוישען נאָר מיט סרולין און רייסט איבער עפנטלעך מיטן ברודער, פאַרלאָזנדיק דעמאָנסטראַטיוו דאָס הויז. 7) דער מעשוגענער אַלטער קריגט דעם ערשטן אומגעריכטן אַטאַק־אָנפאַל פון עפּילעפּסיע פאַר אַלעמען אין די אויגן.

די דאָזיקע פּילפּאַכע צאָרעס, קאָנצענטרירטע אין איין טאָג, צע־ברעכן שיר נישט מוישען און צעמישן זיינע נעגידישע האַסאָגעס. עס קו־

מען נאָך אָבער צו גרעסערע צוגאָב-צאָרעס: דאָס יאָר איז שלעכט, באַלעכוּוועס צאָלן נישט און מענטשן וואָס האָבן געלט באַ מוישען ווילן וואָס גיכער אַרויסכאַפּן זייערע קאַפּיטאַלן; מען מוז אויסקויפן די פּולישע פּריצים פון אַ צאַרישן בילבל; די באַליבטסטע טאָכטער קרענקט און צאַנקט ווי אַ ליכט; די איידעמס ווילן זיך אָפּרייסן פונעם שווער, און איבער אַלעמען רוקט זיך אָן אומפאַרמיידלעך און האַרב ווי אַ כאַלעף די געפאַר פון באַנקראָט, שוין נאָך דעם אַפּילע ווי מוישע דאַרף דורכמאַכן די גרעסטע שאַנד אין זיין לעבן: אָנקומען צו סרולים געלט און פּאַקטיש פאַרקויפן זיך צום דאָזיקן שלעפער, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגעיאָגט פון שטוב. אין זיין פאַרצווייפלונג גייט מוישע בעטן מעכילע באַ לוזין. וועלכער ראַט אים איבערצושרייבן זיין פאַרמעגן אַף סרולים נאָמען, אַנשטאָט אַף זיינעם לוזים, אַזוי ווי מוישע האָט עס געוואָלט. מוישע קלייבט זיך אויך כאַסענע צו מאַכן דעם עלנטן קלאָרווערנדיקן אַלטערן מיט אַ שטוביקער דינסט, קעדיי אַף אַזאַ מין אויפן עפּשער ווייך צו מאַכן די האַשגאָכע, וואָס האָט גענומען אויסגיסן אַף אים דעם גאַנצן ביטערן אַרסענאַל פון דער טויכעכע. אַף דעם האַקט זיך אָפּ דאָס בוך.

III

מיט גרויס מי קומט אויס אַרויסצוציען דעם אינהאַלט-פאָדעם פון די 420 טעקסטזייטן, ווייל קיין גרויסע געשעענישן און קיין באַוועגלעכע אַקציע איז אין בוך נישט פאַראַן. די זייטן זיינען אָבער אָנגעלאָדן מיט אינערלעכער שפּאַנונג, מיט הינטערגרונטיקע איינצלהייטן, מיט סוויווע-בילדער, מיט צענדליקער צווייטראַנגיקע און צופעליקע פּערסאָנאַזשן, מיטן נעשאָמע-פיין פון די אומבאַפרידיקטע און מיט דעם ניסטערס אינטערעסאַנטער באַריידעוודיקייט.

דער ניסטער איז צוגעגאַנגען צום סיוזשעט מיט דער גאַנצער מעיושעוודיקער רואיקייט פון אַ געזעלשאַפטלעכן היסטאָריקער, האָבנדיק פאַר אַ ציל אַרויסצוהויבן, אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דער עפּאָכע, די מאַטעריעלע פּאָזיציע פון יידישן בירגערטום, פאַרקערפּערט אין מוישע מאַשבער, און די גייסטיקע בלאָנדזשענישן פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ, פאַרקערפּערט דורך לוזין, סרולי גאָלן און אַפּילע מיכל דעם מע-

לאַמעד. ווי אַף צוויי אַפּטייק־וואָגשאָלן ציטערן אַ׳נעם בוך די מאַטעריע און דער גייסט, און קענען נישט כאַפּן דעם גלייכגעוויכט. סאָף־קאָל־סאָף ווייזט זיך אַרויס, אַז די האָפּערדיקע זעלבסטשטענדיקייט פון מוישע מאַשבערס וועלט נעמט זיך קרישלען צוליב דער אומגעזונטער אויפגעבלאָזענער עקאָנאָמיק און אַז דער בונטאַרישער גייסטפּלאָנטער פון לוזין האַלט אויס, נישט אַזוי צוליב זיין עמעסדיקייט ווי צוליב לוזים מאָראַלישער געוואָורע, וואָס באַזיגט די מיסטיש־דעקאַדענטישע אַנאַרכיע־שטימונגען פון אַ סרולי גאָל און פון אַ מיכל מעלאַמעד ווי אויך די גווירישע פאַרצווייפלונג פון זיין אייגענעם ברודער.

אָן מענדעלעס סאַרקאַסטישער פאַרשפּיציקטקייט און אָן שאָלעם אַלייכעמס שעלמישער איראָניע, געלינגט עס דעם ניסטער, מיט זיין גוטמוטיקער געמיטלעכקייט, אויסצוטאָן נאַקעט דאָס בערדיטשעווער גווירנטום, באַווייזנדיק גלייכצייטיק, אַז אַ קליינצאָליקע טיף־אָרנטלעכע יידישע אינטעליגענץ האָט, נישט שטייענדיק אין קאָנטאַקט מיטן האַלב־פּראָלעטאַרישן, דאַן נאָך אומבאַוואוסטזיניקן „דריטן רינג“, זיך געפּרואווט שטעלן אין אָפּאָזיציע צו די האַרבע היפּאָקריטישע קאָנוועלנציאָנאַליזמען פון בירגערלעכן סיידער, דורכן קולטיווירן דעם פאָלקסטימלעכסטן עקסטרעם־ראַדיקאַלן כסידיזם, אין זיין טיף־דעמאָקראַטישער בראַסלאַווער פאָרעם. די דאָזיקע אָפּאָזיציע איז אָבער געווען נישט קיין ס אָ צ י אַ ל ע, נאָר אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע. פון דאַנען נעמען זיך אירע אוטאָפּיסטישע אויסגליטשונגען, איר אומפּראַקטישע פאַרגייסטיקונג און איר שפּעטערדיקע דעקאַדענץ צום פּוסטן ראַבייאישן ריטואַל. ביכלאַל האָט דער כסידיזם געהאַט, נישט אַזוי לויט זיין טאָך, ווי לויט זיין איינשטעלונג געוויסע אַנאַלאָגיעס מיטן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט מיט אַן איבערגעטריבענעם ענטוזיאַזם אַליין זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין נאַאיוו־קינדערשער אויסגאַנגסלאָזיקייט.

די כסידישע באַוועגונג, וואָס האָט נאָך דער דערשיטערנדיקער שאַבסעצווי־אַוואַנטורע, געשפּילט אַזאַ אויפמונטערנדיקע ראָל אין אונדזער פאָלקסלעבן, האָט דער ניסטער נישט נאָר פאַרזען אָדער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אַזוי ווי עס האָבן עס געטאָן אַנדערע, נאָר האָט זי אַרויסגעהויבן ווי איינעם פון די צענטראַלע סיוזשעט־עלעמענטן אין

זיין בוך, צוגעבנדיק, אזוי ארום, זיין ווערק אַן אַלזייטיקע פּאַרקיילעכדי־קייט, אַן פּאַרפּלאָנטשיקטקייטן און אַן אויסגעקוילערטקייטן.

דאָס בוך לייענט זיך אָנגענעם, צוליב זיין געוויסנהאַפטיקער עכט-קייט און צוליב דער ווארעמקייט פון דער שפּראַך. פון אָנהייב איבער־ראשט אַ ביסל די סטיליסטיש-סינטאַקטישע פּאָרמירונג פונעם זאַץ, מיט דער עטוואָס דייטשמערישער געוואוינהייט צו שטעלן דעם צייטוואָרט צום סאָף פון דער פראַזע, אָדער באַגיין זיך אָן אים דאָרט וואו ס׳לאָזט זיך. אז מען לייענט זיך אָבער איין אינעם ווערק און מען לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפענישן פון יאָר 1865, דערפילט מען, אז דעם ניסטערס זאצבוי איז זייער צוגעפּאַסט צום היסטאָריש-דערציילערישן טאָן, וואָס ער באַ-נוצט, אַ טאָן, אין וועלכן מען דערפילט, ערטערווייז, אַ לייכטן ביבלישן אָפּקלאַנג און וואָס האַלט אויף די ספּעציפישע שטימונג, מיט דער טריי-קייט פון כאַראַקטעריסטישער באַגלייט-מוזיק. די שפּראַך אַן און פאַר זיך, אראָפּרעכענענדיק עטלעכע דייטשמעריזמען און אוקראַיניזמען, וואָס לי-טעראַריש זיינען זיי נישט קאָרעקט, אָבער וועלכע מען קען טאָלערירן צו־ליב זייער לאָקאַלן קאָלאָריט, איז אַ מייסטעריש-אויסגעענדיקטע, אַ גע-שליפענע אינעם זין ווי מענדעלע האָט עס געמיינט; זי איז פּרעציז און טרעפט אין פּינטל.

אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז דעם ניסטערס באַריידעוודיקייט, וועלכע מען דאַרף אָבער נישט צונויפמישן מיט סטאַם ריידעריי, מיט שפּראַך-צעצויגנקייט אָדער מיט איבערכאַזערונגען. זי איז אויך נישט ענלעך אַף מענדעלעס באַריידעוודיקייט, וואָס איז ווי באַוואוסט, געקו-מען ווי אַ רעזולטאַט פון וועלן אַריינמישן זיך פּערזענלעך, מיט דער אייגענער מיינונג, אינעם גאַנג פון די באַהאַנדלטע געשעענישן. ניסטערס באַ-ריידעוודיקייט קומט פון צו פיל ליטעראַרישער אַכראַיעס און אָרנטלעכ־קייט; אַפן כעשבן פון קלאָרקייט זשאַלעוועט ער נישט קיין צוגאָב-דער־קלערונגען, אויפקלערונגען און אויסטייטשונגען, אזוי אז דורכן לייענערס מויעך זיפּט זיך דורך דער אינהאַלט אָן קיין שום אָפּהאַלט, אָן קיין שום גייסטיקער אָנשטרענגונג אָדער פּראָבלעמאַטישן צווייפל. דאָס אַרויסגע־זאָגטע דורך אַ העלד אָדער זיין רעאַגירן אַף עפּעס באַגלייט שטענדיק דער ניסטער מיט אַ געהעריקער באַגרינדונג, מיט אַ גענויער פּאַרענטפערונג פון דעם אָדער יענעם שריט, כאָטש אין אַ סאַך פאַלן איז עס בעמיילע

זעלבסטפאַרשטענדלעך אָן דעם אויך. אויב באַם לייענען דעם צימצום־מייסטער בערגעלסאָנען, דאַרף דער לייענער דערגאַנצן מיט אייגענע וואָ־כעדיקע פינף ווערטער יעדן וואָרט פונעם שרייבער, קומט עס אים נישט אויס צו טאָן באַם גנעסן פון ניסטערן, וואָס שרייבט מיט אַ פולער האַנט און האָט ליב אויסשעפּלעכקייט. אים אַרט נישט, אַז אַף יעדע קינסטלע־רישע פינף ווערטער, וואָס ער דאַרף זאָגן, זאָל ער זאָגן נאָך פינף, אַבי עס זאָל בלײַבן פון קלאָרקייט. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז ער האָט עס גע־טאָן ספּעציעל צוליבן נייעם סאָוועטישן דאָר, וועמען עס איז פרעמד דער געדאַנקען־גאַנג פון אַלטן בירגערטום און די גייסטיקע קאָמפּליצירטקייטן פון די לאַמדאָניש־סעקטאַנטישע און שטעטלדיק־פאַרהאַוועטע פערסאָ־נאַזשן. יעדנפאַלס, איז די דאָזיקע שעפע בעשום אופן נישט קיין באַ־לאַסט, נאָר אַ צוגאָב־גערעטעניש, אַף וועלכער מען האָט זיך נישט גערעכט און וועלכע ווערט מיט פאַרגעניגן פאַרדייט, צוליב איר קינסטלערישער גאַנצקייט און אינטימער אריינגעוואַקסנקייט אינעם ווערק.

דער ניסטער פילט זיך אַף אַזוי ווייט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לייע־נער, אַז נישט נאָר אין דער האַקדאָמע, נאָר אויך אין טעקסט פון בוך, שמועסט ער זיך אָפּטמאָל דורך דירעקט מיטן לייענער, מייסע היסטאָ־ריקער, דערקלערנדיק פאַר וואָס ער שטעלט זיך נישט אָפּ אַף געוויסע פּראָטים און פאַר וואָס ער ברייטערט אויס אַנדערע, ווי אויך פאַר וואָס ער האַלט אָן אַזאַ און נישט קיין אַנדער סיידער פון די געשעענישן. דאָס שאַפט באַם לייענער אַ ספּעציעלע היימלעכקייט מיטן שרייבער, אַ מין דאַנקבאַרקייט פאַרן האָבן געוואָרן פאַרטרויט אין די איינצלהייטן פון שאַפונג־פּראָצעס.

אויסער מיט צענטראַלע העלדן איז דאָס בוך איבערגעפּולט מיט צענדליקער ריין־צופעליקע פיגורן, וואָס נישט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אַ סאַך פון זיי באַווייזן זיך אינעם ווערק פּולשטענדיק עפּיזאָדיש, ווי שאָ־טנס, ווי אומבאַדייטנדיקע סטאַטיסטן, אָדער ווי דרויסנדיקע פאַרביי־גייער, וואָס האָבן נישט קיין אָרגאַנישע אָדער דירעקטע שייכעס מיטן סיפּער־האַמייסע, לאָזט זיי דאָך דער ניסטער נישט אָפּ, ביז ער באַשרייבט זיי נישט און גיט נישט קיין סינטעטישן קוק־אַריין אין זייער לעבן. ער לאָזט בוכשטעבלעך נישט דורך קיינעם, מעג עס זיין אַ מעשאָרעס, אַ סעק־טע־מיטגליד, אַ דינסט, אַ פּאָרעץ, אַ שלעפּער, אַ זשאַנדאַר, אַ ראָוו, אַ

שלעגער, אַ קאַצעוו-יונג אאַ״וו. ווער נאָר עס באַוווייזט זיך אין בוך, מעג עס זיין מיט אַ שפּיץ נאָז בלויז, איז גלייכבאַרעכטיקט און האָט זיך זיין פּאָרטרעט. דער דאָזיקער אינדיווידועל-געשילדערטער האַמוין גיט בילעכווייז און שפּעטער אַלץ מערער און מערער אַן אַנונג וועגן דער גאַנצער אַרומיקער סוויווע און די הערשנדיקע לעבנס-באַדינגונגען. איייניקע פון די דאָזיקע פּאָרטרעטלעך זיינען אַזוי לעבעדיק און רעליעף אויפגעכאַפּט, אַז מיר מוזן כאָטש דערמאָנען צוויי פון זיי: קריינצי די באָבע „פשעפּראַשאַם״ און קעצעלע דער פּראָצענטניק.

מען קריגט אַ לעבעדיקע אַנונג פון הולטייסקן, פּאַרפּוילטן לעבן פון די פּוילישע פּריצים, וואָס צעטרענצלען זייערע טעג צווישן זנוס, שיקרעס און ליידיקגייערייַ, אפן כעשבן פון זייערע אוקראַאינער פּאַראָבקעס און יידישע געלט-אויסלייער. עס ווילט זיך בעעמעס אַ שפּיי טאָן אף זייער גאַנצן איפּעשדיקן שטאָלץ און עס ווערט קלאָר, ווער עס איז שולדיק אין אַלע פּוילנס אומגליקן, פון אכצנטן יאָרהונדערט ביז איצטער.

אין בוך דרייט זיך אויך אַרום אַ קליין ייִנגעלע מייערל, מוישע מאַשבערס אייניקל, וואָס קוקט זיך צו צו אַלץ מיט אַן עמפּינדלעך האַרץ און וואָס וועט קענטיק אין די ווייטערדיקע ביכער אַלץ מער און מער אַרויסגערוקט ווערן אין פאָדערגרונט צוזאַמען מיטן „דריטן רינג״, פּונקט ווי פּענעק מיט די „הינטערגעסלעך״ אין בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער״. דורך דעם דאָזיקן מייערל, וואָס איז, אָן שום צווייפל, דער ניסטער אַליין, וועלן מיר מיסטאָמע אין די ווייטערדיקע טיילן פון „די מישפּאָכע מאַשבער״ אַרויסקריגן אַ סאַך אויטאָביאָגראַפישע איינצלהייטן פון שרייבערס לעבנס-דערפאַרונג און פון זיין אינטעלעקטועלן וואוקס.

פאַר נישט געלונגען אינעם ווערק האַלטן מיר דעם פאַקט, וואָס די גרעסטע טייל פון די הויפּטגעשעענישן ווערן פּרעדעטערמינירט פון כאַלוימעס, ווי לעמאָשל די אויסערגעוויינטלעכע סעריע כאַלוימעס פון מוישע מאַשבער, וואָס אַלע פון זיי פאַרווירקלעכן זיך און וואָס מוישע האָט געגלויבט אין זיי, נאָך איידער זיי זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָבנדיק אַפילע צוגעפּאַסט זיין אויפפירונג צו זיי. עס איז זייער אומנאַטירלעך אַריינצופירן אין אַ רעאַליסטיש ווערק אַזאַ עלעמענט ווי כאַלוימעס און עס איז אַן אומזין צוצושרייבן זיי אַן אויסערגעוויינטלעך-דאָמינירנדיקע ווירקונג. ניסטער האָט עס געטאָן אין אַן איבערגעטריבענער פאַ-

רעם, ביפראַט אַריינלייגנדיק די כאַלוימעס אין אַזאַ מין ניכטער-מאַטעריאַליסטישן קאָפּ ווי מוישע מאַשבערס. אויסער מוישען כאַלעמען נאָך צו ביסלעך אינעם בוך אַ פּאָר אַנדערע פּערזאָנען און אַפילע מייערל האָט שוין אויך כאַלוימעס.

דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן לוזים זעאונגען און האַלוציניאַציעס באַם לערנען אין בעס-מעדרעש: ניסטער מאָלט אונדז אָפּ עטלעכע אַזוינע נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע בילדער, וואָס באַזירן זיך אַף די סאַמע אומוואַרשיינלעכע קאָמבינאַציעס פון פאַרשטעלטע פּערזאָנען מיט יענצוועלטיקע באַשעפענישן, פון כאַיעס און פייגלען מיט פּאַסטעכער און וואָגלער, פאַרבונדענע צווישן זיך מיט סוידעס און שליכעסן, וואָס האָבן עפשער אַן אַלעגאָרישע באַדייטונג, אָבער וואָס זייער בוילעטע עקזאָטישקייט אינעם דאָזיקן רעאַליסטישן ווערק לאָזט אַבסאָלוט קאַלט און געפּלעפט דעם לייענער, ווייל עס לאָזט זיך גאָרנישט גלויבן, אַז אַזאַ מין אויטענטישער טאַלמיד-כאָכעם ווי לוזי זאָל, שוין נישט אין כאָלעם נאָר טאַקע אַף דער וואָר, קענען דערלויבן זיך אַף אַזוינע פאַנטאַסטישע עקסטראַוואַגאַנצן, אַפילע אין אַ מאָמענט פון פאַרגעסונג. די דאָזיקע כאַלוימעס און האַלוצינאַציעס שטעלן מיט זיך פאָר דעם ניסטערס אַ סימבאָליסטישן רעצידיוו, אַ שוואַכן און קורצדויערנדיקן אָפּהילך פון זיין פריערדיקן שרייבמעטאָד, וואָס האָט, האַגאַם אין אַ גאָר מינימאַלער מאָס, זיך דאָך אַריינגעפילטרירט אינעם ווערק.

פון סטרוקטורעלן שטאַנדפּונקט פונעם ווערק איז אויך נישט געלונגען וואָס דער ניסטער האָט די קאַרדינאַלסטע געשעענישן קאָנצענטרירט, אַף אַן אומנאַטירלעכן אופן, אין איין איינציקן טאָג, ווי מיר האָבן עס שוין פריער באַמערקט, אָנשטאָט פונאַנדערצוטיילן זיי גלייכמעסיק און פּראָפּאָרציאָנעל איבער אַ גרעסערן צייט-געדויער. דאָס נעמט זיך זיכער פון אומדערפאַרנקייט באַם ווירטשאַפטן מיטן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, אָדער אין וועלן אַרויסרופן אַ גרעסערן עפעקט, באַנוצנדיק דערביי אַ נישט-ריכטיקע ליטעראַרישע טאַקטיק. אַזוי אָבער ווי דער הויפּטפאַרדינסט פונעם בוך באַזירט זיך, נישט אַזוי אַף די באַשריבענע געשעענישן און אַף דער פּליסנדיקער אַקציע, ווי אַף דער מייסטערהאַפטער רעסטאַווראַציע פון אַ פאַרשוואונדענער סוויווע, אַף דער שטייגערישער, עקאָנאָמישער און גייסטיקער אויפלעבונג פון אַ פאַטריאַרכאַלישן לעבן,

ערעוו זיין היסטאָרישער צעקרישלונג, זיינען די עצעם סטרוקטורעלע כעם-רוינעס נישט אזוי אָנזעעוודיק, ווייל אין דעם פאַל שטעלט די סטרוק-טור מיט זיך פאַר בלויז אַ פאָרמעלע נויטווענדיקייט, בלויז אַ פאָדעם, אַף וועלכן עס זיינען אָנגעצויגן די לעבנס-קאַרעלן, וואָס דער ניסטער האָט אונדז געוואָלט וויזן. צי די קאַרעלן זיינען אָנגעצויגן אין אזא אָדער אַנ-דער אָרדענונג איז אַ פראַגע פון האַרמאָניע און געשמאַק. וויכטיק איז דערוויייל פאַר אונדז וואָס אַלע קאַרעלן זיינען פאַראַן און וואָס מיר זעען זיי איינעם אין איינעם.

IV

פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע ניס-טערס אַרויסגיין פון זיין באַהעלטעניש און דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע — וואָס ער איז אַרויס נישט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן, נישט קיין בלאַ-סער און אויסגעקרענקטער פון דער קעלערלופט, אין וועלכער ער האָט 35 יאָר געאָטעמט מיטן פאַרדעמפטן סימבאָליזם. דער פּלוצלונגדיקער ווער-טיקאַלער, מאַמעש סטראַטאָספערישער אויפשטייג פונעם ניסטער, ווע-מענס אויסערלעכע קאָנקרעטיזירונג מען האָט מיט דערשטוינונג באַמערקט ערשט באַם דערשיינען פון דער „משפּחה מאַשבער", איז דער דרויסנ-דיקער אויסברוך פון אַ שטילן צעניאַריקן פּראָצעס, און באַווייזט ווי אזוי געוויסע גראַנדיעזע ווירקלעכקייטן קענען פאַרוואַנדלען נישט נאָר זאַמד אין באַוול, זומפּן אין ברויט און מענטשן אין ברידער, נאָר אויך אַזאַ האָפענונגסלאָזן, פאַרעלטערטן סימבאָליסט, ווי דער ניסטער איז געווען, אין אַן ערשטקלאַסיקן רעאַליסטישן קינסטלער.

אַ בליק אַף קאַלטע מאַרמאָר

I

די געשיכטע און קולטור-געשיכטע פון אונדזערע נאָענט־פאַרגאַנגענע און ווייט-פאַרלאָפענע טעג, פון אונדזער היינטצייטיקייט און אַלטצייטיקייט, זיינען באַשריבן געוואָרן דורך אַ סך געטרייע פאָרשערס, מעפאָרשים, וויסנשאַפטלער און באַשרייבער, וואָס זיינען, אין טאָך גענומען, בלויז ווייסערס. זיי ווייסן אַ סאַך, אָבער עס טרעפט, אַז זיי פאַרשטייען נישט ווי געהעריק דאָס וואָס זיי ווייסן. דאָס וויסן איז אין זיי אָנגעזאַמלט, קאַטאַלאָגירט, נומערירט, פאַרבונדן מיט זיידענע בענדלעך און אויסגעלייגט אין דער גרעסטער אָרדענונג, אין די פאַרשיידענע טישקעסטעלעך פון זייער באַהאַוונטקייט.

דאָס דאָזיקע געפּעקלטע און קאָנסערווירטע וויסן איז אַן אָנזאַמלונג פון פאַקטן און יעדיעס, אָן אַ פיבערדיקן צוזאַמענהאַנג, אָן אַ שייכעסדיקער צונויפגעפלאָכטנקייט און אָן דעם געזעלשאַפטלעכן גרונטפּרינציפּ וואָס די אַלע פאַקטן טיילן אויס פון זיך.

געשיכטלעכע פאַקטן זיינען אָבער נישט אַלץ; דאָס זיינען בלויז די אָנזעעוודיקע ענדפּונקטן פון געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס זיינען אָפט פאַרהוילן פאַרן אויבערפלעכלעכן פאַקטן-וויסנשאַפטלער, וואָס קוקט פון אויבן און טוּיכט נישט אַראָפּ טיפער. די ענג-קאָנקרעטע פאַקטן-אויפפאַסונג פון דער געשיכטע (פון וועלכער געשיכטע עס זאָל נישט זיין) איז אַ פעלערדיקע; זי דאַרף פאַרשווינדן לעטוויוואָס דעם פּראָצעסן־אויפפאַ-

סונג, לעטוויוואָס דער אויספאָרשונג פון די געזעלשאַפטלעכע הינטער־גרונטן פון יעדן פאַקט. אויף דעם סמאַך וועלן נאָך אַ סאַך געשיכטעס דאַרפן איבערגעאַנדערשט און איבערגעשריבן ווערן.

קאַלמען מאַרמאָר איז נישט נאָר איינער פון די וואָס וויסן אַ סאַך, נאָר אויך איינער פון די וואָס ווייסן ווי אַזוי צו וויסן. ער איז נישט נאָר אַ ווייסער, נאָר אויך אַ פאַרשטייער. ער ווייס ווי אַזוי צו עפענען פאַקטן און אַריינקוקן אין זיי, ווי אַזוי אָפּצושיילן געשעעניש און אַריינבייסן זיך אין זייער איקערדיקן טאָך. ער ווייס, אַז וויסן איז נישט נאָר זאַמלען און אַסימילירן, נאָר דער איקער אינטערפּרעטירן; אַז די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג איז נישט בלויז אַ געיעג נאָכן „וואָס" נאָר דעראיקער — נאָכן „פאַרוואָס".

ער איז אַ מענטש מיט אַ פעסטער וועלט־אַנשויאונג און זינט דרייסיק יאָר נוצט ער אויסשליסלעך מאַרקסיסטישע געצייג צו דער אַרבעט. די פאַקטן זיינען בא אים אויסגעלייגט נישט פלאַך נאָר טרעפּאַרטיק, ווייל זיי פירן צו ערגעץ. זיי פירן, נישט צוליבן מעכאַבערס אַ פּאַרטייאישן קאַפּריז, נאָר צוליב דער סאָציאַל־געשיכטלעכער לאָגיק וואָס שפּרודלט אַרויס פון די פאַקטן גופע. ער באַהאַנדלט די פאַקטן נישט ווי אַ ציל פאַר זיך, נאָר ווי גלעזער וואָס דערלויבן אַריינצוקוקן אין געשעענישן און דער־שיינונגען. מאַרמאָר איז איינער פון די וואָס אַנטדעקן די געזעלשאַפטלע־כע פּראָצעסן פון אונדזער געשיכטע און פון אונדזערע קולטור־פאַרהעל־טענישן מיט אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, וואָס אַפילו די סאָנים פון זיין סאָציאַליסטישן וועלטבאַנעם קענען נישט אָנרופן „פּאַרטיי־פאַנאַטיזם" אָדער „טענדענץ". אויף יעדן טראָפּ פון זיין דאָקומענטירטער קאָמפּעטענץ און רייכן וויסן האָט ער שטענדיק אַ טראָפּן סאָציאַלן באַוואוסטזיין. דער דאָזיקער אומשטאַנד פאַרוואַנדלט אים אין איינעם פון אונדזערע גרעסטע פאָלקס־וויסנשאַפטלער אויפן געביט פון יידישער געשיכטע, קולטור־באַוועגונגען, ליטעראַטור און סאָציאָלאָגישער פאָרשונג.

ער שעמט מיט זיין בעקיעס און ערנסטקייט אין אונדזער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער וועלט. ווען זאַלמען רייזען האָט אַרויסגעגעבן זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע", האָט אים מאַר־מאָר צוגעשטעלט דעם גאַנצן צפון־אַמעריקאַנער מאַטעריאַל. דער אַב־סטראַקטער יידישיסט רייזען, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געהיט און אָפּ־

געהיט זיין קולטור-נייטראַלקייט, האָט זיך אױף קיין אַנדערן אין ניו־יאָרק נישט געקענט פּאַרלאָזן ווי אױפן קאָמוניסט מאַרמאָרן. אין אַ ספּעציעלן בריוו, פּאַרעפנטלעכט אין אַ האַקדאָמע־פּאַרעם אין „לעקסיקאָן", שטעלט רייזען אויס מאַרמאָרן אַ צייגעניש פון „גרויסער בעקיעס אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע", „ליבשאַפט צו אונדזער ליטעראַטור און שפּראַך" און באַצייכנט מאַרמאָרס צושטייער צום „לעקסיקאָן" ווי אַ „ווערטפולע און אומפּאַרגלייכלעכע".

II

די ערשטע טייל פון מאַרמאָרס לעבן איז אַ לעבן פון באַוועגונגען, סיי אױפן געאָגראַפישן, סיי אױפן אידעאָלאָגישן שעטעך. ווייניק יידישע שרייבער האָבן דורכגעמאַכט גייסטיק און פיזיש אַזוי פיל אינטערעסאַנטע וואַנדערונגען ווי ס'האָט דורכגעמאַכט מאַרמאָר בעמעשעך פון אַ וואָסערע 25 יאָר.

פון זיין פּריסטער יוגנט אָן האָט זיין גייסט זיך געיאָגט נאָך דערפּאַרונגען. צענדליקער מאָל האָט ער געהאַלטן דעם גליטשיקן עמעס צווישן די פינגער און צענדליקער מאָל פלעגט זיך דער עמעס אַרויסגליטשן פון זיינע יוגנטלעכע אומדערפּאַרענע הענט.

מען מוז קוידעם־קאָל אונטערשטרייכן, אַז מאַרמאָר איז אָן אויטענטישער פּראָדוקט פון ווילנער ליטע. זיין קליינשטעטלשע קינדהייט האָט זיך יוגנטלעך אויסגעריפט אין ווילנע גופע, אין די לעצטע יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווען אין יידישן לעבן האָט גענומען שווינדלען און גריבלען מיט אַזויפיל פראַגע-צייכנס.

איידער ער איז געקומען צום עלטער פון גייסטיקן אומרו, פון דראַנג צו וועלט־דערקענטעניש און פון זאָרג פאַרן געזעלשאַפטלעכן טאַכלעס פון דער מענטשהייט, האָט אים אַ צי געטאָן צום פּאַשעטן וויסן און קענען. פּאַראַלעל מיט דער סקאַרבאָווער שול-וויסנשאַפט האָט ער אַ פּאָר יאָר געשאַרפט זיין נייגעריקייט אין דער באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק און שוין אין עלטער פון אַ יאָר 15 געוואָרן אַ טאַנאַכיקער סאָציאַליסט, אױפן סמאַך פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די נעוויאים.

פון דאָזיקן מאָמענט אָן האָבן אים קעסיידער אַרומגערינגלט אידעאָ־

לאָגישע און סאָציאַל־יידישע פּראָגע־צייכנס. אנשטאָט אריבערצושפּרינגען איבער זיי מיט א יוגנטלעכן „וויים איך וואָס", האָט ער זיי אַלע גע־פּרואווט פאַרענטפערן מיט דער אָרנטלעכער אומדערפאַרנקייט פון זיינע 18־20 יאָר. ער האָט די אַלע פראַגע־צייכנס געפּרואווט אויפקנאַקן ווי ניס און פאַרזוכן זייערע יאָדערן.

אין אַ מאָמענט פון קריזיס הערט ער אויף מאַקפּיד צו זיין אַף זיין זוויסנדורשט, פּראָדוקטיוויזירט זיך דורך טאַקעריי און שליסט זיך אָן אין א געהיימער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אין עלטער פון 18 יאָר גיט אים א באַפאַל אַן עקסטרעמיסטישע גאַטזוכעניש, און אַנשטאָט צו פאַרשפּרייטן, אַזוי ווי פריער, געהיימע פּראָקלאַמאַציעס, שאָקלט ער זיך אָפּ, קימאַט ווי א יאָרצייט איבער געמאַרעס און הייליקע ספאָרים. אין א יאָר אַרום קומט פאַר א רעליגיעזער אַפּפאַלוס אין זיין מויעד און ער נעמט זיך שטו־דירן, נישט לעשעם טאַכלעס, נאָר טאַקע קעדיי צו געפינען דעם נישט־גליטשיקן עמעס, וואָס זאָל קענען דעפיניטיוו בלייבן אין זיין האַנט. אין עלטער פון 20 יאָר גייט מאַרמאָר אריבער אַף גייסטיקע קעסט צו דער אייראָפּעישער וויסנשאַפט.

ער שטודירט א יאָר צייט הומאַניסטיק אין בערן און דריי יאָר נאַ־טור־וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און אַסיראָלאָגיע אין פריבורג, באַזוכט אַלע היסטאָרישע קולטור־צענטערס אין אייראָפּע און קליין־אַזיע און זאַמלט אָן אין זיך דעם גרויסן וויסן, וואָס ער וועט שפּעטער איבערקנעטן און אַסימילירן מאַרקסיסטיש אין די יאָרן פון זיין אידעאָלאָגישער רייפקייט.

ער ווערט אויך פאַרכאַפּט פון די אַנטיאַסימילאַטיווע קולטור־איינ־שטעלונגען פון האָפּערדיקן יונגן ציוניזם און באַטייליקט זיך ווי אַן אַק־טיווער דעלעגאַט אין פיר ציוניסטישע קאָנגרעסן. פּרואווט אריינשמוג־לען וואָס מער סאָציאַליזם אין ציוניזם און איז שפּעטער איינער פון די מיטגרינדער פון פּועלע־ציוניזם, אין יאָר 1907, צוזאַמען מיט באָראָ־כאָוון, נירן און אַנדערע.

נאָך דער דאָזיקער דאַטע פאַרוואַנדלט זיך מאַרמאָרס לעבן אין א דייסנדיקן, געזעלשאַפטלעכן וועלטשטראָם. ער נעמט אָנטייל אין צוזאַ־מענפאָרן — אין אַלע וועלטטיילן, גיט לעקציעס — אין אַלע יידישע קולטור־ווינקעלעך, ווירקט מיט מיט זיין שרייבערישער מיטאַרבעט — זואו נאָר אַן ערנסט יידיש בלאַט, און צייכנט זיך אוים מיט זיין רעדאַק־

טאַרישער אונטערנעמערישקייט — וואו ס׳לאָזט זיך, און דער איקער פאַר־מירט ער אוים זיין וועלטבאַנעם, וואָס ווערט בעהאדראַגעדיק אויסגע־שאַרפט אפן שאַרפשטיין פון דער צייט.

אין 1914 טרעט ער אריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און צווישן 1916 און 1919 דערווייטערט ער זיך פון ציוניסטישן סאָציאַליזם צוליב דער אָפּנויגלערישער, אָפּאַרטוניסטישער און קאַזאיסדיקער קוואָטע סאָציאַליזם וואָס בלייבט אינעם דעמאָלסטיקן פּויאַלע־ציוניזם. אין גוואו־רע-רייפן עלטער פון 40 יאָר שפּאַנט ער אריין אַן אַנטשלאָסענער אין די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס פון צאָפן-אַמעריקע, באַזעצט זיך דעפיני־טיוו אין ניו־יאָרק און לייגט אוועק זיין יידישן וועלטנאָמען, זיין מומכע־דיקייט אין זיינע דערפאַרונגען צוקאָפּנס פון דער יידישער אוואַנגאַרד־פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צוקאָפּנס פון דער יידישער געשיכ־טע-פאָרשונג און ליטעראַטור־פּראָבלעמאַטיק.

III

אין זיין קאַרדינאַל ווערק „קלאַסנקאַמף אין אַלטערטום” באַווייזט קאַלמען מאַרמאָר ווי געשיכטלעכע פאַקטן זיינען, זינט די ווייטסטע אַל-טערטום-צייטן, אַ פּויעל־יוויצע פון געשיכטלעכע פּראָצעסן און ווי אַזוי די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין אַלע פעלקער-געשיכטעס זיינען פּויעל־יוויצעס פון קלאַסנקאַמפן. די דאָזיקע קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום, בא זייער גאַנצער פּרימיטיווער רויקייט און באַ זייער גאַנצער אויסזיכטלאָזיקייט פאַרן עקספּלואַטירטן צאַד, זיינען, אין אַ געוויסן זינען, געווען שאַרפער ווי די היינטצייטיקע, ווייל דער מעהאַלעך און דער אַנטאַגאַניזם צווישן שקלאַף און האַר זיינען געווען גרעסער און שטאַרקער ווי צווישן אַרבע־טער און באַלעבאַס. אַף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן האָבן די צוויי קעמפנדי־קע צדאָדים שטענדיק און אומעטום עקזיסטירט און זייערע קאַמף-באַצי־אונגען האָבן באַווירקט די מעלוכע־פאָרעם, די עקאָנאָמיק, די דערציאונג, די מילכאָמעס, די מאָראַל און דער איקער — די רעליגיע. די גאַנצע מיי־רעוודיקע ציוויליזאַציע איז אַ זויערלעכער פּראָדוקט פון טויזנטעריאָרי־קע קלאַסנקאַמפן, וואָס זיינען נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.

פון מאַרמאָרס בוך ווערט אויך קלאָר, אַז דער גרונטפעלער פון אונ־

טערגעדריקטן קלאַס אין אַלטערטום און אַפילו אין דער גייער צייט איז געווען דער גלויבן, אַז דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן פאַרן באַזייטיקן דעם שלעכטן האַר קעדיי אַוועקצוזעצן אַף זיין אָרט אַ בעסערן. אַז מען קען זיך אין גאַנצן באַגיין אָן פּרעמדקלאַסיקע האַרן, האָט מען זיך צו שפּעט געכאַפּט. עס איז פּאַרהעלטענישמעסיק שפּעט קלאָר געוואָרן, אַז דער באַוואוסטזיניקער קלאַסנקאַמף דאַרף נישט באַשטיין אין ווען בייטן איין האַר אָפן צווייטן, נאָר איין סיסטעם אַף דער צווייטער.

עס איז אויך באַלערנדיק מאַרמאָרס אַנאַליז פון דער יידישער געשיכטע, וואו עס שטעלט זיך אַוועק לעבעדיק די טרויעריקע ראָל פון דער קלאַסן-צעטיילונג אין אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע אומגליקן און אין פאַרלוסט פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט, ווי אויך אין שפּעטערדיקן פאַרלוסט פון אונדזער לאַנד. דער הערשנדיקער קלאַס, וואָס האָט רואינירט דאָס יידישע פויערים-פאָלק, האָט אין מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער געפאַר אידענטיפיצירט זיין קלאַסן-פּאָזיציע מיט די אינטערעסן פון אַריינדרינגער און האָט, אין אַ סאַך פאַלן, איבערגעגעבן פאַררעטעריש דאָס לאַנד צו די רוימער און צו די סעלעווקידן. די זעלבע עלעמענטן האָבן זיך פרייוויליק געריסן צו דער אַסימילאַציע און האָבן אַפילו געהאָלפן אונטערדריקן די מאַקאַבייאישע, באַרקאָכבישע און אַנדערע אויפשטאַנדן, וואָס זיינען געווען טיפע פאָלקסאויסברוכן קעגן אַקופּאַנט און קעגן זיינע קלאַסן-אַליאירטע יידישע אַגענטן.

ביז גאָר געלונגען איז אויך דער אַנאַליז פון די קריטישע קלאַסן-פאַרהעלטענישן און אימפּעריאַליסטישע צאַנקערייען אינעם יאָרהונדערט פאַר קריסטוסעס געבורט, און דאָס אויפווייזן אַז נישט קיין מיסטישע נאָר קאָנקרעט-מאַטעריעלע סיבעס האָבן געטריבן צום אויפקום און צו דער אויסשפּרייטונג פון קריסטנטום.

אָנהייבנדיק פון באַווליסן קייסער האַמוראַבי אין יאָר 4000 פאַר קריסטוסן און ענדיקנדיק מיטן פינפטן יאָרהונדערט פון אונדזער ערע, וויקלט פונאַנדער מאַרמאָר אַ פּאַנאָראַמע פון 4.500 יאָר מענטשלעכן וויטיק און ווייזט קלאָר דעם גאַנצן „ספר היחוסין" פון דאָזיקן ווייטיק, זיין מענטשלעכן, וואוילגעבוירענעם אָפּשטאַם. אומעטום און אין אַלע צייטן איז די הערישע מאָראַל געווען די זעלבע. אין מיצראַים, אין כינע, אין אינדיע, אין רוים, אין גריכנלאַנד, אומעטום האָט עקזיסטירט דער

פינצטערער אינטערנאציאנאל פון האריש-באלעבאטישן אייגננוץ און פארכאפערישקייט אפן כעשבן פון די אייגענע מיטברידער און מיטבירגער.

IV

גרויסע פארדינסטן האט קאלמען מארמאר פאר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע. א דאנק זיין זאמלעריש-פארשערישער ליידנשאפט און זיין וויסנשאפטלעכער אכראיעס, האט ער אויפגעקליבן וויכטיקע דאקומענטן וועגן די געבורטווייען און זויגקינדערישע יארן פון אונדזער יידישן ווארט אין צאפן-אמעריקע.

ער האט בעעמעס נאך א מאל אנטדעקט די פארשוויגענע און באהאלטענע אנהייבן פון דער אמעריקאניש-יידישער ליטעראטור, וואס האט אן אויסגעשפראכענעם פראלעטארישן ייכעס. ער האט, אין א גרויסער מאס, מעכאיע-מייסים געווען די דריי דיכטער — עדעלשטאט, באווושאווער און ווינטשעווסקי, וואס די אפיציעלע, „לייטישע" קריטיק האט קימאט ווי אוועקגעמאכט מיטן האנט. זיין בוך „דער אנהייב פון דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע" איז טאקע דער עמעסער אנהייב פון דער עמעסער יידישער ליטעראטור-געשיכטע אפן מיירעווודיקן האלבקייליעך.

פון זיינע אנדערע ווערק איז קעדאי צו דערמאנען די הונדערטער ביאגראפיעס פון דער סעריע „וועגווייזער פון דער מענטשהייט" און ביאגראפיעס פאר קינדער אונטערן נאמען „אמאל איז געווען איינער"; די אנטאלאגיע „לידער פון ארבעט און קאמף" (פון עדעלשטאטן ביז פעפערן), די איבערזעצונג פון אסקאר אואיילדס „דע פראפונדיס" און צענדליקער האקדאמעס צו פארשיידענע ווערק.

אין די דאזיקע אלע ארבעטן זיינען פאראן צוויי זאכן וואס פעלן קיין מאל נישט אין זיין שרייבן: געוויסן און ליבע. פאראנטווארטלעכקייט און געזונטער סענטימענט זיינען די עלעמענטן פון זיין שעפערישער דיספיצפלין, וואס געווינען אזוי פיל צוטרוי פאר דער וואגיקייט און ווארעמקייט פון זיין ווארט.

ווען מען נעמט נאך, אויסער דעם, אין אכט זיין שטענדיקע פובליציסטישע, וויסנשאפטלעכע און ליטעראטור-קריטישע מיטארבעטערשאפט אין דער „מארגנפרייהייט", זיין מיליטאנטישע פאזיציע אין „איקוף",

זיינע טורן און לעקציעס, זיין אַנגעשלאָסנקייט אין פאַרשיידענע קאָמי-טעטן און געזעלשאַפטן, מוז מען פעסטשטעלן אַז נישט אומזיסט האָט די דאָזיקע וועטעראַנישע געשטאַלט אַזאַ גוטן נאָמען אין אַלע טכומים פון אונדזער יידיש-וועלטלעכן וואָרט.

V

קאַלמען מאַרמאָר איז געקומען פון די טיפקייטן פון טראַדיציאָנעלן יידישן וויסן און דורך יאָרן פון זוכענישן און ניסיוינעס, בעזיוינעס און דימיוינעס, איז ער צוגעקומען צו דער פּאָזיציע וואו ער געפינט זיך איצט.

פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט אים אַרומגענומען דער יידישער וואָרטפּיבער, די יעסורים פון דער געזוכטער אידעע, דער ציטער פון נאָך נישט דערגרייכטן אידעאַל, ער איז אָבער אָנגעקומען צו אַ וואַרעמען און היימישן ברעג, וואו עס האָבן זיך געענדיקט זיינע זוכענישן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע געפינסן.

ער איז פון די וויניקע וואָס האָבן אַ פּולן, אַ גאַנצן וועלטבאַנעם און דער דאָזיקער וועלטבאַנעם איז נישט קיין צופעליקייט און נישט קיין צו-פּאַסונג, נאָר אַ שווער פאַרהאַרעוועטע און דעראָבערטע זאַך, אַ דערגרייכ-טע מיטן ערלעכסטן אינטעלעקטועלן קליי-זאַין און מיט דער לויטערקייט פון אַן אָפן האַרץ.

ניגער דער ערשטער און ניגער דער צווייטער

(צו זיין אַלט ווערן זעכציק יאָר)

I

זינט 30 יאָר איז ניגער אַן אָנגעזעענע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט אויפֿן געביט פֿון אונדזער מאָדערנעם וואָרט. אין ערשטן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן האָט ער דורכגעפֿילטרירט דורך זיין פּען אונדזער גאַנצן ליטעראַרישן אייגנטום, מיט דער דורכדרינגלעכקייט און קאָמפּעטענץ פֿון אַ וויסנשאַפֿטלער און מיט דער וויברירנדיקער עמאָציע פֿון אַ קינסטלער, און דערפֿאַר קען ער באַצייכנט ווערן ווי די ערשטע גרעסערע פֿיגור פֿון אונדזער ליטעראַטור-קריטיק.

צוליב דער גרויסער צאָל שוואַכע און צופֿעליקע קריטיקער און צוליב דעם וואָס, אויפֿן ערשטן אויגנבליק, דוכט זיך אויס אַז קריטיק איז בלויז אַן אינטערפּרעטאַטיווער און נישט שעפֿערישער געביט, ווערט דער דאָזיקער זשאַנר פֿאַררעכנט פֿאַר אַ צווייטראַנגיקן, פֿאַר אַ באַגלייטנדיקן, פֿאַר אַ האַלב-דרויסנדיקן, אַ זשאַנר, וואָס נישט זייענדיק אויסערליטעראַריש, פֿאַרנעמט ער אָבער דאָך אַ שטיפֿקינדערישע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור. אָננעמענדיק, אַז דאָס איז אַפֿילו עמעס אין 95 פּראָצענט פֿאַלן, איז עס אָבער אַבסאָלוט פֿאַלש אין די איבעריקע 5 פּראָצענט. אין אונדזער ליטעראַטור, פּונקט ווי אין אַלע ליטעראַטורן, דעצידירן בלויז

די האָזיקע 5 פּראָצענט, ווייל אין די גרענעצן פון זייער אריטמעטישער אומוויכטיקייט איז קאָנצענטרירט דער גאַנצער ליטעראַרישער געוויכט פון ניגערן און זיין געוועזענע גייסטיקע קאָרפּולענץ.

עמעסע ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז אַף אַזוי פיל עכט אַף וויפל זי איז דער סינטעז פון קונסט און וויסנשאַפט, איז נישט קיין צווייטראַנגיקער נאָר אַ ספּעציפישער ליטעראַרישער זשאַנר, וואָס האָט אין זיך עלעמענטן פון עסיי, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, און געשיכטע, און איז פונקט אַזאַ מין גוטער אינטעלעקטועלער וועג אַף אַרויסצושיילן אַ פּערזענלעכקייט, ווי יעטווידער אַנדערער „ריין־שעפערישער״ געביט.

אויך דער קינסטלער, אין זיין שאַפן, איז דאָך אייגנטלעך אַ קריטיקער. דורך דער באַפּאַרבונג וואָס ער גיט זיינע העלדן, דורך דער אידעאָלאָגיע וואָס ער פירט דורך, דורך דער שיין וואָס ער וואַרפט אַף די געשעענישן, קריטיקירט ער אומדירעקט דעם לעבנס־פראַגמענט, וואָס ער רעפּראָדוצירט אין זיין ווערק. צי ער וויל, צי ער וויל נישט, אָרגאַניזירט ער בעלעטריסטיש דעם רווישטאָף פון לעבן אַף אַ סוביעקטיוו־קריטישן אויפן און פאַרוואַנדלט אים אין אַ ליטעראַרישן פּראָדוקט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, פון זיין זייט, דעם ליטעראַרישן רווישטאָף פון קריטיקער.

דער קריטיקער איז נישט נאָר דער אויסטייטשער און אויפקלערער פון דעם אָדער יענעם ווערק, נאָר אויך דער אויסגעפינער פון די פונדאַמענטאַלע שייכותן צווישן די שאַפונגען פון אַ געגעבענער קעגנוואַרטיקער אָדער היסטאָרישער עפּאָכע, פון די אַלגעמיינע אידעישע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, פון דער כאַראַקטעריסטיק פון די ליטעראַרישע שולעס, פונעם מאַצעוו פון דער קולטור, און דאָס פאַרוואַנדלט אים אייגנטלעך אינעם קולטור־פילאָזאָף פון דער ליטעראַטור וואו ער איז טעטיק. דאָס איז דער פאַל פון אַזוינע ריזן ווי היפּאָליט טען, ווי געאָרג בראַנדעס, ווי סען בעוו, ווי אַלעקסאַנדער בעלינסקי, וואָס זיינען געווען נישט מער ווי ליטעראַטור־קריטיקער, אָבער נישט ווייניקער ווי קאָאָרדינירער און אויפשטעלער פון קולטור־סיסטעמען, און דערפינדער פונעם קינסטלערישן קרעדאָ פון זייערע פעלקער. אַף אַזאַ מין אויפן האָט זייער נאַציאָנאַלער רום באַקומען אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטראַלונגען און אַלמענטשלעכן אָנזען.

אויב דער קינסטלער איז, פון שעפערישן שטאַנדפונקט, אַ דערפינדער, איז דער קריטיקער — אַן אַנטדעקער, ווייל דער דורכשניטלעכער קולטורמענטש קען נישט מיטן נאַקעטן אויג אַלזייטיק אַנטדעקן און דעפינירן די קינסטלערישע דערפינדונגען פון אַ שרייבער־דאָר אָדער אַ קולטור־פעריאָד.

ניגער איז אומבאַדינגט געקנאָטן פונעם טייג פון די גרויסע. עס איז בלויז אַ שאָדן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַווייזן צו זיין אומאויפהערלעך גרויס, און וואָס זיין נעכטיקע גריים איז גרעסער פון זיין היינטיקער, כאָטש לאָגיש וואָלט געדאַרפט זיין פונקט פאַרקערט.

II

ניגער איז אַ גאַנצער קריטיקער. גאַנץ איז ער נישט אין זינען פון אויסגעהאַלטנקייט און פון פראָגרעסיוון וואוקס, נאָר אין זינען פון אָפגעבן זיך קימאַט אויסשליסלעך דער ליטעראַטור־קריטיק, פון ערשטן טאָג אָן פון זיין ליטעראַרישן דעביוט. ער האָט גלייך אָנגעטראָפן אַף זיין באַרוף און איז באַ אים געבליבן, אָן קיינע שום קווענקלענישן און אָן אַנדערע „געהויבענערע“ ליטעראַרישע אַמביציעס.

מיט אַ צען יאָר פאַר אים האָט אָנגעהויבן צו שרייבן דער באַדייטנדיקער פרי־פאַרשטאָרבענער קריטיקער באַל־מאַכשאָוועס, וואָס האָט, אין זיין פיאָנערישן אייפער געהאַט אַ ראָמאַנטיש־ענטוזיאַסטישן צוגאַנג צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור; ער האָט זי קעסיידער געפרוּווט באַפרייען פון איר זשאַרגאָן־פסיכאָז און האָט זי קעסיידער באַטראַכט ווי אַ וואַקסנדיקן וואונדער. ניגער האָט שוין אָבער געקוקט אַף דער יידישער ליטעראַטור ווי אַף אַן אויסגעוואַקסענער, דעפיניטיוו־גרויסער זאַך און האָט אָן ליריק און מיט דער גאַנצער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, אָן דער נייטיקייט זי פריער צו באַרעכטיקן.

זיין גרעסטער אויפטו, וואָס ער האָט אַגעוו רעאַליזירט אין די ערשטע צען יאָר פון זיין שאַפן, דריקט זיך אויס אין זיינע מאַגיסטראַלע, גרינטלעכע פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן אונדזערע קלאַסיקער. אויך איז ער

גרויס, האָגאָם נישט אויסשעפּנדיק, אין זיינע קלאַסיש־אַנאַליטישע עטיודן וועגן אונדזערע ראָמאַנטיקער און פּסיכיקער.

אין די דאָזיקע ערשטע ברייטאָטעמענדיקע סיסטעמאַטיש־פּלאַנירטע, אַנאַליטישע אַרבעטן זעט מען ניגערן דעם אַנאַליטישן מעפּוירעש, וואָס באַמיט זיך צו זיין דער מאָדערנער ראַשי פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור, דער טיפזיניקער אַריינדרינגער, אַרויסדרינגער און אונטערטויכער, דער גרויסער וואָרט־עקספּערט און ליטעראַטור־קענער. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט געזען דאָס סאָציאַל־אויפבראויזנדיקע, דאָס געזעלשאַפטלעך־קעמפּעריש אין די ווערק. דערפאַר ליידט זיין קריטישער מעטאָד אויף גרויסע סאָציאָלאָגישע בלויזן.

זיין מעטאָד איז דער אַנאַליז, וואָס שטעלט אָבער מיט זיך נישט פאָר קיין קליינלעך־אַלגעמיינע צעגלידערונג פון אַ ווערק אויף זיינע פיזישע פּיץ־פּיצלעך, נאָר באַדייט די קאַנאַליזירונג פון זיין אינהאַלט אין זיינע פּראָבלעמאַטישע, יעבידישע, קולטורעלע, נאַציאָנאַלע, שפּראַכלעכע און סטיליסטישע פּליינען, אויף וועלכע זיי שניידן זיך האַרמאָניש און דערגאַנצן זיך סימעטריש אָדער פאַרניכטן זיך און שליסן זיך אויס צוליב זייער אומפּראָפּאָרציאָנעלקייט.

די דאָזיקע אַנאַליטישע אַרבעט, דורכגעפירט מיט פּרעציזקייט און טאַלאַנטפולער געראָטנקייט, אָבער נישט מיט סאָציאָלאָגישער אַריינדרינגלעכקייט, איז באַהויכט מיט זיין אייגענעם קינסטלערישן אינסטינקט, וואָס העלפט אים אויפכאַפּן די גייסטיקע היץ און די עמאָציאָנעלע געשפּאַנטקייט פונעם ווערק ווי אויך די פּערזענלעכע גרונט־איינשטעלונג פונעם דיכטער.

אָננעמענדיק דעם מאָדערנעם פאַרגלייכנדיקן מעטאָד אין דער קריטיק, ברענגט ער אַרויס, דורך דער שפּיל פון קאָנטראַסטן, די פילגעשטאַלטיקייט פון אַ שרייבער אין זיינע פאַרשיידענע ווערק, אָדער די גרונט־אונטערשיידן פון פאַרשיידענע שרייבער אין דער זעלבער עפּאָכע.

דאָס וואָס ער האָט, אין אַלגעמיינע שטריכן, געזאָגט מיט איבער 30 יאָר צוריק וועגן מענדעלען, שאָלעם אַלייכעמען און פּרעצן, איז מען געוואוינט צו באַטראַכטן ווי די באַזע פון דעם אַלץ, וואָס איז שפּעטער

געזאָגט און איבערגעזאָגט געוואָרן ווען די דריי קאָריפייען. אױף דער דאָזיקער ערשטער ניגערישער קריטיק, קען מען זאָגן, האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן צו וואַקסן אונדזער ליטעראַרישער באוואוסטזיין און אונדזערע הויפּט־האָסאַנעס וועגן אונדזער קינסטלערישן גרונט־קאַפּיטאַל.

זינט היפשע עטלעכע יאָר איז אָבער פאַרשוואונדן די איינשטימיקייט וועגן ניגערס גרייס. ער איז געשטיגן, אָבער ער האָט נישט דערגרייכט וואו ער האָט נעדאַרפט דערגרייכן. אין איצטיקן מאָמענט קען מען זיין שטאָלץ אױף זיין יוגנט, אָבער נישט אױף זיין עלטער.

III

ניגערס וואַקלדיקייט און טיילווייזע פאַרגליווערטקייט הייבט זיך אָן פון עם מאָמענט, ווען ער האָט ניט געוואָלט אַקטואַליזירן זיינע ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס און דערהייבן זיין געזעלשאַפטלעכן וועלטבאַנעם צום ניוואָ פון די וועלט־געשעענישן, וואָס האָבן דורכגעקרייצט און דורכגעשטאָכן אונדזער לעבן אין די לעצטע 30 יאָר.

פון דעם נעמט זיך זיין שפּעטערדיקע איינזייטיקייט, די פראַגמענטאַרישקייט און צופעליקייט פון זיינע אַרבעטן, וואָס בלייבן אומבאַהאָלפן אָרגאַניש און וואָס האָבן נישט קיין סימען פון אַמאָליקן שוואונג. ליטעראַריש באַגייט ער פּאָליגאַמיע, צעבראָקנדיק זיין פעדער צווישן ליטעראַטור־קריטיק און „אומפּאַרטייאישער" שרייבעריי אױף געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין ניו־יאָרקער „טאָג".

דעם ערשטן „אומפּאַרטייאישן" פעלער וואָס ער באַגייט איז דאָס נישט־דערשאַצן די נייע יונגע ליטעראַטור, וואָס קומט אויף אינעם ראַטנפאַרבאַנד און ביכלאַל די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע און סאָציאַלע דיכטונג אין אַלע לענדער, וואו עס צירקולירט אַן אויסגעפייניקט יידיש לעבן. דער אַמאָל געוויסנהאַפטיקער ניגער, וואָס פלעגט בוכשטעבלעך באַגלייטן די יידישע ליטעראַטור טריט נאָך טריט, האָט גענומען אונטערהינקען און נישט דערזען. און נישט דערזען האָט ער אָפט דאָס סאַמע לעבעדיקסטע, פאַרבאַריקאַדירנדיק זיך הינטער פאָראורטיילן און איבערגעקליגלטן ווייכביינדלדיקן סאַרקאַזם.

אַזאַ בעהאַדראַגעדיקע פאַרוואַנדלונג האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט ווירקן נעגאַטיוו אַף זיין שרייבן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין פּראָ־דוקטיוו, אָבער איז שוין מער נישט געווען פּרוכטיק, פונקט ווי אַ נישט אַרומגעשוירענער פּרוכטבוים, וואָס ווערט באַוואַקסן מיט צווײַטלאָזע צווייגן. און אויסער אַלץ האָט ער נישט געשאַפן דאָס גרויסע סינטעטישע ווערק, וואָס מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פון זיין ערשטקלאַסיקער עקס־פּעריענץ, אַלזייטיקער באַהאַוונטקייט און פּיליאַריקן סטאַזש, בישאַס אַי־נעם ראַטנפאַרבאַנד זיינען, אין אינטימען קאָנטאַקט מיטן לעבן, דערשי־נען אַזוינע אינטערעסאַנטע און טיפע קריטיקער ווי אויסלענדער, דאָברו־שין און נוסינאָוו.

אין 1941 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך: „די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור“, אין וועלכן ער קומט, אַפן סמאַך פון קאָרעקטע היסטאָרישע פאַקטן, צו פאַלשע אויספירן. אויסגעטאָן פון יעטווידן סאָ־ציאַלן קריטעריום, באַמיט ער זיך צו איגנאָרירן דעם געזעלשאַפטלעכן עלעמענט פון אונדזער שפּראַכנקאַמף, רעדוצירנדיק אים צו איינפאַכער פאָרמאַליסטיק און פאַרגעסנדיק, אַז דער דאָזיקער שפּראַכן־געראַנגל איז בלויז איינע פון די דרויסנדיקע קאַמפּסאויסדרוקן פון צוויי אידעאָלאָגי־שע ריכטונגען, פון צוויי קעגנזעצלעכע שיכטן. אַגעוו, איז איצט נישט די פראַגע „יידיש צי העברעיש“, ווייל דער קאַמף אַף דער ברייטער יידישער וועלט איז שוין לאַנג געלייזט געוואָרן לטובת יידיש; די וויטאַלסטע שפּראַכפּראַגע איז איצט: „יידיש אָדער די לויערנדיקע פרעמדשפּראַך פון דער סוויווע“.

לויט ניגערן איז דאָס דערקלערן יידיש ווי אַ מעלוכעשע קולטור־שפּראַך אין ראַטנפאַרבאַנד דאָס זעלבע וואָס דער, מיט געוואַלד אַרויפ־געצוואונגענער, העברעיש אין ערעציסראָעל. עס קומט בעכיין אויס, אַז די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג און דערהייבונג פון אונדזער מאַמע־לשון אין יע־נעם לאַנד איז דאָס זעלבע וואָס די העברעיסטישע קולטור־פאַרגוואַלטיקונג פון די איינגעוואַנדערטע מאַסן אין פּאַלעסטינע, וואו זייער מאַמע־לשון, וואָס איז אונדזער אַלעמענס, ווערט געטראָטן מיט די פיס.

ניגער קומט צום אויספיר, אַז מען דאַרף מאַכן אַ פשאָרע אינעם פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט און אַז קעדיי עס צו דערגרייכן איז גע־

בוג, אַז עטלעכע שרייבער זאָלן זיך צענויפריידן פּריוואַט און אַף אַן אומ־געזעלשאַפטלעכן אויפן דערקלערן וואַפנשטילשטאַנד. דעריבער איז פול־שטענדיק געדעכט מוישע קאַץ, ווען ער זאָגט: „ניגער איז גרייט אויפצו־געבן פּאָזיציעס פון דער יידישער שפּראַך אין נאָמען פון שאָלעם מיט אירע קעגנער".

ווי אַ באַווייז ווי טיף ניגער שטעקט אין פּאַראַורטיילן, קען דינען זיינע אַ רעצענזיע וועגן בערגעלסאָנען, אין וועלכער ער דערלויבט זיך צו זאָגן, אַז דער דערמאָנטער גרויסער קינסטלער האָט, שרייבנדיק זיין מיים־טערהאַפטע עפּאָפּעע „באַם דניעפּער", באַמיט זיך אויפצוהאַלטן אַן אויפ־הער די „פּאַרטיי־ליניע". נאָר וואָס זשע דען, פאַרוואָס איז דאָס ווערק פּאָרט אַזוי גרויס? לאָזט זיך אויס, אַז בערגעלסאָנס טאַלאַנט האָט, אין אַ סאַך ערטער, אָפּגעטאָן אַף טערקיש דער פּאַרטיי־ליניע און איז אַרויס־געקראָכן ווי אַן אָל פון זאַק. ווער עס האָט געלייענט „באַם דניעפּער" ווייס, אַז בערגעלסאָן האָט דאָס מאָל מער ווי שטענדיק געטונקט זיין קינסטלערישע פען אין אייגענעם האַרצן און נישט אין קיין פּאַרטייטינט. עס איז בלויז אַ וואונדער, וואָס ניגער זאָל נישט פילן די געשמאַקלאָזי־קייט פון באַנוצן דעם אויסגעקראָכענעם, אָפּגעריבענעם און אומלאָיאַלן אַרגומענט, אַז אויב עס דערשיינט עפּעס קינסטלערישס און ווערטפולס אין ראַטנפאַרבאַנד, געשעט עס אַף צעלאָכעס דער „פּאַרטיי־ליניע".

ניגער האָט אויך געהאַלטן פאַר נייטיק צו נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע פון איינקייט אַף דער יידישער גאַס, אָפּן גרונט פון אַ לאָזונג פון אַ. מענעס. אין דער צייט ווען פון די טיפענישן פון די יידישע מאַסן גייט אויף דער געשריי און דער ווילן פון אַבסאָלוטער, צעמענטירטער איינ־קייט פון גאַנצן יידישן פאָלק, האָט דער דערמאָנטער מענעס, אַ רעליגיע־זער בונדיסט, אַ וואָרף געטאָן דעם אַריסטאָקראַטישן לאָזונג פון „איי־ניקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ". דער דאָזיקער איינקייט־לאָזונג איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך ניגערן אין דער לופטן און איידער ער איז נאָך אַראָפּגעפאַלן אַ צעשמעטערטער אַף דער ערד, האָט אים ניגער שוין קוואַליפיצירט ווי „געניאַל", נישט כאָלילע דערפאַר וואָס ער קאָן דינען ווי אַ דערנענטערונגס־טריט צו דער איינקייט בכלל, נאָר בעפּיירעש ווי אַ קעגן־אַרגומענט. ניגער שווערט זיך (פּונקט ווי מען וואָלט גאָרנישט

געקאָנט גלייבן אַף אים אַזאַ זאַך), אַז ער איז קעגן דער „וואולגאַרער איי־ניקייט", מיט וועלכער געוויסע עלעמענטן פאַרפלייצן די יידישע גאַס; אים גייט, קוידעם-קאָל, אין דער אייניקייט „לשמה", אין דער אייניקייט וואָס זאָל ראַטעווען די יידישקייט און אַזאַ זאַך קאָן אויפטאָן נאָר די דערוואַכטע יידישע אינטעליגענץ, אָן וועלכן נישט איז אַנדערן צומיש.

עקזיסטירט דען אָבער אַזאַ מין איינהייטלעכע אומאָפּהענגיקע און אָפּגעריסענע זאַך ווי יידישע אינטעליגענץ? קלינגט דען נישט אַזאַ מין לאָזונג ווי אַן אויסדרוק פון סינע צו די יידישע מאַסן?

ווען מען גיט נאָך צו אַז ניגער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן מיט קונצנמאַכערישע דריידלעך און בויכסוואָרעדיקע אַנצוהערענישן, געפּרואווט פאַרשוועכן זשיטלאָווסקים אָנדענק, ווערט קלאָר אַף וועלכער ליניע ער האָט עוואָלוציאָנירט.

IV

עס איז דעריבער קלאָר, אַז פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור עקזיסטירן צוויי ניגערס: ניגער דער ערשטער גרעסערער ליטעראַטור־קריטיקער פון אונדזערע קלאַסיקער און פונעם צווייטן דאָר מאָדערנע שריפטשטעלער, און ניגער דער יווירעד, דער צוגעשטאַנענער, דער פאַר־טומלטער.

דעריבער, דערמאָנענדיק זיין זעכציקיאָריקן געבוירנטאָג, זאָגן מיר מיטן גאַנצן הארצן, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און אָן אַ ברעקל איראָניע:

— זאָל לעבן ניגער דער ערשטער.

ווייל ניגער דער צווייטער האָט אונדז ווייניק וואָס צו זאָגן.

האַלעוואַי מיר זאָלן קאָנען אין גיכן שרייבן, מיט מער פרייד, וועגן אַ באַנייטן ניגער, וועגן ניגער דעם דריטן.

געמיט און וויזיע פון יידישן דיכטער

I

עס זיינען נאך ניטא די פסיכאלאגישע מאסן, די פיינפילנדיקע, אינסטרומענטאלע מיטלען, די דורכדרינגלעכסטע איקס־שטראלן, וואס זאלן קענען מעסטן אדער כאטש אנטאפן אזא מין רוקניעסדיק־פארהוילענע און דאך עקזיסטירנדיקע זאך, ווי ס׳איז דאס דיכטערישע געמיט.

איז עס א געשפאנטער צושטאנד פון דער נעשאמע? איז עס בלויז א סובלימירטע פיזיאלאגישע דערשיינונג? איז עס א פערמאנענטער אויס־דרוק פון דעליקאטן נערוון־ציטער, וואס כוואליעט אריין א ספעציעלע ריטמיק אינעם געלאף פון די בלוטן? איז עס א שארפע כושימדיקע און איבערכושימדיקע נייגונג אויפצוכאפן אינטענסיוו דעם ארום, אדער אן אינטואיטיווע אייגנשאפט אויסצוליוטערן דאס אויפגעכאפטע מיט עמאָ־ציאנעל־עסטעטישער אייגנארטיקייט?

נישט פראפעסאר פרויד מיט זיין פסיכאאנאליטישער שיטע, נישט פראפעסאר פישל שנייערסאן מיט זיין מענטשלערע, האבן געקאנט אפ־דעקן דעם דאזיקן פאעטישן שלייער. נאך מער, אפילו דער דיכטער אליין ווייס נישט גענוי וואס אזוינס זיין געמיט איז, כאטש ער פילט די ספע־ציפישע אנדערשקייט זיינע. ער ווייס בלויז, אז עפעס שטעקט אין אים, אז עפעס ווערטפולס איז פארמויערט אין זיין ברוסטקאסטן, אז עפעס א קראפט געוועלטיקט אין דער אומגעגנט פון זיין הארצן, אדער ווי ביאליק האט זיך אויסגעדריקט: „איך בין געשטראפט פון גאט מיט הארץ”...

דער דיכטער שפּירט, אַז זיין געמיט איז די עמאָציאָנעלע אַטמאָספער, וואו עס שניידן זיך דורך זיינע שטימונגען און וואו דער גייסטיקער וועטער שמעקט שטענדיק מיט שטורעם. ער פילט אויך, אַז זיין געמיט איז צייטנווייז, אַזוי צו זאָגן, דאָס פעלד, וואָס שטראַלט אויס די ראַדיאָ־אַקטיווקייט פון זיינע געפילן.

כאָטש דאָס וואָרט „געמיטלעך" שטאַמט פונעם וואָרט „געמיט", זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן אַ סאַך דיכטער מיט אומגעמיטלעכע געמיטער, ספּעציעל אין דער איצטיקער צייט. די סאָציאַלע באַדינגונגען, זינט דיכטער דיכטן, זיינען אַזוינע, אַז קימאַט אַלע גרויסע פּאָעטן האָבן, אין אַלע צייטן, פּראָדוצירט שטראָפּנדיקע און רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע. דאָס געמיט פון עמעסן דיכטער איז שטענדיק פול מיט פערמענטן און פאַרגעסט נישט צו זיין וואַך אַפילו אונטער די קלאַנגען פון אַ וויגליד.

דאָס דיכטערישע געמיט איז דער איידלסטער און טרייסטער פאָלקס־אינסטרומענט, וואָס ווערט נישט מיד צו פאַרצייכענען דעם עמאָציאָנעלן וועטער פון פאָלק, אַזוי ווי אַ באַראָמעטער, וואָס פאַרצייכנט דעם אָנקומענדיקן שטורעם, דעם ווינט און די טריקעניש.

דעריבער האָט דער דיכטערישער געמיט־צושטאַנד פון יעדן פאָלק, אין אַ באַשטימטן צייטאָפּשניט, אַ טיף־דאָקומענטאַלן ווערט און קען אַרייננבלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם, אַ גייסטיקע טעמפּעראַטור אין דער פאַרגליווערטער געקעסטלטקייט פון די אויסגעטריקנטע געשיכטלעכע דיאַגראַמען.

II

עס זיינען פאַראַן לייכטע געמיטער, וואָס פלאַטערן ווי פּעדערלעך אַפן ווינט און עס זיינען פאַראַן געמיטער, וואָס די שווערקייט זייערע האַלט זיי איינגעזונקען אין דער ערד.

דאָס יידישע דיכטערישע געמיט געהערט צו די שווערסטע זאַכן אויף דער וועלט. דער מעטאַל, וואָס מאַכט אים שווער, איז דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער וויטיק, — אַ מעטאַל וואָס מיר עקספּלואַטירן זינט יאָרטויזנטער און וואָס נעמט זיך נישט אויס.

יעדער שאָ וואָס פאַרגייט און יעדער טאָג וואָס פאַרשווינדט, פאַר־

געסט נישט איבערצולאזן פאר יידישן דיכטערישן געמיט א בלייענע יערושע. דאס גאנצע געשיכטלעכע בליי פון ווייטע, ראצכישע יארן און פון נאנטע, גרויזאמע טעג, ליגט אנגעלייגט קופעסווייז אף אונדזער געמיט און מאכט אים, פון מינוט צו מינוט, נאך שווערער.

בלאנדזשעט ארום, דעריבער, דאס יידישע דיכטערישע געמיט אין א פאלאץ פון בליי און אויב עס רייסט זיך ווען נישט איז ארויס פון דארט דורך א שפאלט א פלאטערל, איז ער אויך באדעקט מיט בלייענעם שטויב.

דער יידישער דיכטער איז איבערדריסיק זאט מיט געוויין, מיט געיאמער און מיט קלאג, אבער דאך מוז ער אלע טאג עסן דעם זעלבן שווידערלעכן אנבייסן און אראפשלינגען זיין פארציע ריצן, וואס איז געמאכט פונעם בלוט פון זיין פאלק, פון זיין מאמען, פון זיין קינד.

ער מוז. און דער דאזיקער מוז איז גילטיק סיי פאר אזא מין סענטימענטאלן דיכטער ווי סעגאלאוויטש, סיי פאר אזא יונגן פאטעטיש-נעוויאישן גייסט ווי כאים גראדע, סיי פאר די דיכטערישע כריין-ווערעם, סיי פאר די אינזיכיסטן, סיי פאר די שיינגייסטער און סיי אפילע פאר דער סאוועטישער ליריק.

עס איז נאטירלעך, אז אונדזער אומגעהויערע לעבנס-קאטאסטראפע זאל ארויסשרייען פון אלע פארן פון אונדזער הויט, פון אלע אונדזערע ראמאך אייוורים; עס איז נאטירלעך, אז אונדזער דיכטערישער געמיט זאל זיך אויסבליצן, אויסדונערן און אויסרעגענען, אבער דאס וואס מיר מוזן אויך פאדערן פון אונדזערע דיכטער, איז וו י ז י ע , ווייל אן וויזיע קאן מען דיכטעריש אומקומען אין אייגענעם געמיט-שטורעם. דאס איז, אזוי צו זאגן, די סאציאלע באשטעלונג פון איצטיקן מאמענט, די סאציאלע באשטעלונג וואס, אין זיין צייט, האט אזוי געאוויניש אויפגעכאפט און ארויסגעפילט וולאדימיר מאיאקאווסקי, און וואס אן אנדייט פון דעם איז אויך פאראן אין אונדזער אייגענעם אלט-נעוויאישן „נחמו, נחמו עמי".

אייניקע דיכטער זיינען שוין איבערגעבליבן און איינגעלעבט זיך מיט דער פארצווייפלונג. זיי האבן זיך פארקנאסט צו איר ווי אן „עבד כנעני" און זיי ווייסן נישט ווי אזוי ארויסצונעמען זייער נאקעטן געמיט פון אונטערן בלוטשפריץ. זיי פילן, פונדעסטוועגן, אז דער פעריאד פון אויסשליסלעכן באוויינען גייט פארביי, אבער ווייטער ווי פון אן אומקאנ־

קרעטן שטראָפוואָרט און פון אַן אומאָריגינעלן אויסטיינען זיך מיט גאָט זיינען זיי נישט אַוועק. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט מיינען, אַז זייערע טיינעס צו אונדזער יידישן „אומפאַרשעמטן" גאָט האָט פאַר זיי אַליין אַ וועלכן נישט איז זין; עס איז בלויז אַ באַווייז פון זייער דיכטערישער אומבאַהאָלפנקייט און פונעם פאַרבייטן די וויזיע, וואָס זיי באַזיצן נישט, מיט אַ צאַר־און־צאָרן־אויסבראָך, וואָס ברענגט אַ געוויסע, מאָמענטאַלע באַרואיקונג, כאָטש די ריכטונג פון דאָזיקן אויסבראָך האָט קיין ריכטונג נישט און דערפאַר טאַקע הייבט ער זיך אויף צום הימל...

אַנדערע דיכטער, פון די אַזוי גערופענע פילאָזאָפירנדיקע שיינגייסטער, פון וועלכע עס איז אַ טיפּישער פאָרשטייער מיילעך ראַוויטש, זוכן טרופּעס און טרופּעלעך, ווי אַזוי צו באַפרייען זייער דיכטערישן געמיט פונעם אייגענעם געוויסן־פּיין.

דורך דער שאַרפער פּריזמע פון דער ווירקלעכקייט קוקט איצט ראַוויטש קריטיש און אָרנטלעך אויף זיינע פריערדיקע דיכטערישע זינד און דאָס איז גוט. שלעכט איז, אָבער, זיין צאַצקען זיך מיט זיין אַגנאָסטיציזם, זיין פאַרשפּילן זיך מיט קלייניקייטן, זיין אָפּדריבלען זיך פונעם איקער, ווייל, ווי ער איז זיך אַליין מודע, ווייס ער נאָך אַלץ נישט אין וואָס דער איקער שטעקט, לויט דער פילאָזאָפישער אַלט־גריכישער פאָרמול: „ער ווייס, אַז ער ווייס נישט", נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט זיך דרייסט און העלדיש געיאָגט נאָכן עמעס אויף די זייטלעך פון דער ביבל, פון נייעם טעסטאַמענט, פון מאַכמעדס קאָראַן און פון שפּינאָזאַס „עטיק". יעדנפאַלס, ווייס ער שוין איצט, אַז יידישקייט איז נישט קיין זאַך פון פאַטום. ער האָט דערגרייכט די מאַדרייגע פון וויסן גענוי וואָס זי איז נישט, אָבער צו דער מאַדרייגע פון וויסן וואָס זי איז, איז ער נאָך נישט דערגאַנגען. מיט איין וואָרט, עס פעלט אים די וויזיע און ער ווייס, אַז זי פעלט אים, און עס טוט אים וויי וואָס ער האָט זי נישט. ער איז, דערצו, אויף אַזוי ווייט אָרנטלעך, אַז ער היט זיך פון פּסעודאָ־וויזיעס, ווייל ער האָט שוין אַזוינע געהאַט און עס איז פון זיי גאָרנישט געבליבן.

דעריבער איז אויסגעצייכנט זיין קריטיק און זעלבסטקריטיק אויף דער אייגענער און פרעמדער „רויטיאָגעריי"; עס איז אויך סימפּטאָמאַטיש זיין רוף צו פאַרבינדן זיך מיט די יידיש־סאָוועטישע שרייבער און עס איז איבעראַשנדיק זיין מעשונעדיק־נאַיווע, איבערגעטריבענע פרייד באַם

בלויזן געדאַנק, אַז די סאָוועטישע שרייבער וועלן ענטפערן. עס איז אָבער נאָך מער איבעררעשנדיק, וואָס אין זיין פילאָזאָפישן גייעג נאָך אַ וויזיע, ברענגט ער אַרויס אַזויפיל ווילדקייטן וועגן אַ „נייעם טאַנאַך" און וואַרפט די לאָזונג פון „שטאַרקונג דורך טרויער". עמעס, די דאָזיקע נייע איינפאַלן האָבן שוין נישט דעם כאַלאַשעסדיקן רייעך פון „פּאַטום־יידישקייט", אָבער זיי זיינען סימאָנים פון דעזאָריענטירטער שיינגייסטעריי, וואָס וויל ווערן נוצלעך און ווייס נישט ווי אַזוי.

פון איין זייט, זעען מיר, אַז אין אַ טייל פון דער אַקטועלער יידישער דיכטונג באַקומט די פאַרצווייפלונג שטאַרקע בירגעררעכט, מיטן פויל־שלאַבעריקן קלוימערשט סאַרקאַסטישן צוגאָב־געדאַנק, אַז אין דער יידישער קאַטאַסטראָפע איז אויך „שולדיק" אַ מין געטלעכער דעטערמיניזם. פון דער אַנדער זייט, איז פאַראַן דיכטערישער אָרנטלעכער ווילן אַראָפּצורייסן פון זיך דעם קאָשמאַר, אָבער עס איז נישטאָ קיין שום וויזיע.

די דאָזיקע דיכטערישע צושטאַנדן זיינען נישט קיין אָפּגעריסענע דערשיינונגען. זיי שפּיגלען אָפּ: דעם צופיל פאַראַלגעמיינערטן, אַפּטויטנדיקן יערידע־קאָמפּלעקס, די איבערגעטריבענע פּערספּעקטיוון פון אויסזיכטלאָזיקייט, די קינסטלעך־צעבלאָזענע פּאַניק — אַ געקויפלטע אַף הונדערט־אויגיקער שרעק און די לייכטזיניקע פּראָפּאַגאַנדע, אַז „די גאַנצע וועלט איז קעגן אונדז".

III

מער ווי אין וועלכן נישט איז אַנדער צייטאָפּשניט פון אונדזער געשיכטע נייטיקט זיך איצט אונדזער דיכטעריש וואָרט אין אַ וויזיע, וואָס זאָל טרייסטן און באַרואיקן און נאָכדעם מיטרייסן און עקזאַלטירן.

דער דיכטער טאָר זיך נישט אונטערגעבן דער רעזיגנאַציע, מיטן אויסרייד אַז די וויזיע „אַנטפּלעקט זיך אים נישט", אַז ער פילט זי נישט אין זיין געמיט. ער טאָר נישט וואַרטן פּאַסיוו ביז זי וועט זיך, אַף אַ געהיימנישפולן אויפן „אַנטפּלעקן", מיט דער קאַוואַנע אַז ער זאָל, מיט אַ רואיקן דיכטערישן געוויסן, קאָנען אָנהייבן צו זאָגן וויזיאָנעריש: „און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי..." ער טאָר אויך נישט זוכן די דאָזיקע אַנטפּלעקונג אפן שליימיקן וועג פון אינדיווידואַליסטישע גריבלענישן און

קראַצעניש‏ן. ער דאַרף נישט וואַרטן אַף דער וויזיע, ווייל די וויזיע עקזיסטירט און זי וואַרט אַף אים. זי עקזיסטירט אַ רויע אין די טיפעניש‏ן פון פאָלק, פונקט ווי אייזנאַרץ עקזיסטירט אין די טיפעניש‏ן פון דער ערד. מיט זיין דיכטערישן וואָרט און מיט דער אימפּולסיווער קראַפט פון זיינע שטימונגען דאַרף ער די דאָזיקע רויע אַנונג, וואָס דרימלט אינעם פאָלק, פאַרוואַנדלען אין אַ וויזיע, פונקט ווי אַ שמעלצאויוון מאַכט פון רויען אייזנאַרץ קלינגענדיקע אייזן־שטאַבעס.

די פּרעלימינאַרע באַדינגונג איז, אַז דער דיכטער זאָל קענען אויפכאַפּן מיט דער אַנטענע פון זיין געמיט די פאָלקס־כוואַליעס פון דער נאָך־דרעמלדיקער וויזיע. ער דאַרף האָבן אַן עמאָטיוון קאָנטאַקט מיטן פאָלק, נעמען באַם פאָלק דעם גאַנצן דיכטערישן רוישטאָף וואָס ער דאַרף, קעדיי צו קענען אומקערן, אין אַ געלייטערטן צושטאַנד, דאָס אין וואָס דאָס פאָלק נייטיקט זיך. די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן דיכטער און פאָלק האָט דער גרויסער סאָוועטישער פּאָעט מאַיאַקאָווסקי, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, דעפינירט אויסערגעוויינטלעך טרעפלעך מיט דער פאָרמול: סאָציאַלע באַשטעלונג.

מ'דאַרף פאַרשטיין זיך, נישט פאַרשטיין די דאָזיקע פאָרמול אין דעם זינען, אַז דאָס פאָלק באַשטעלט באַם דיכטער די מאָטיוון פון זיין דיכטונג. די באַצייכענונג איז אַן אידעאַלע, אָבער אַ גרינטלעך־עמעסדיקע. דער דיכטער דאַרף אַרויספילן, אין יעדן מאָמענט, די עמאָציאָנעלע נויטן פון פאָלק און דאָס איז די שטילשווייגנדיקע מאַסן־באַשטעלונג, וועלכע ער דאַרף אויפכאַפּן סיי מיט זיין אינטואיציע, סיי מיט זיין וויסן. ער דאַרף, נישט נאָר שאַפן, נאָר אויך האָבן די גייסטיקע געניטקייט פעסטצושטעלן, צי דאָס וואָס ער גייט שאַפן איז געזעלשאַפטלעך נויטיק צי נישט. פאַרשטייט זיך, אַז אויב ער וועט אַרויסגיין פון אַ ריין־אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפּונקט, וועט דער דיכטער נישט ווערן אויס דיכטער, אָבער ער וועט זיך אַליין פאַרניכטן, סיי נאַציאָנאַל, סיי סאָציאַל.

בעדערעך קלאַל, פאָדערט מען נישט פון קיין דיכטער, אַז זיין דיכטונג זאָל זיין דערפינדונג. אַזוי האָבן עפּשער געמיינט די דאַדאַיסטן, אימאַזשיניסטן און פוטוריסטן, וואָס האָבן די פּאָעזיע פאַרוואַנדלט אין מעכאַניק, געאָמעטריע און טרומייטעריי. די איצטיקע צייט פאָדערט ניט פונעם דיכטער קיין דערפינדונגען, נאָר אַנטדעקונגען און אַנטפּלעקונגען.

א דיכטער, וואָס זעט שאַרפער דאָס אַלץ וואָס אַלע זעען, דאַרף נאָך, אויסער דעם, דערזען דאָס אַלץ וואָס קיינער זעט נישט און מיט זיין וואָרט דאַרף ער מאַכן זעעוודיק פאַר אַלעמען דאָס נישט־דערזעענע, אויב עס איז ווירקלעך וויכטיק, אַז דאָס זאָל דערזען ווערן.

דאָס געמיט פון דיכטער טאָר נישט זיין איזאָלירט, ווי א הייליקער כאָלעל; עס דאַרף אויך באַווירקט ווערן דורכן באַוואוסטזיין און קיינער דאַרף זיך נישט שרעקן, אַז דורך דעם וועט באַשרענקט ווערן די אומ־מיטלבאַרקייט פון די ריין־דיכטערישע אימפּולסן. דאָס דיכטערישע געמיט, האָגאָם קיין איין פאָרשער איז נאָך אין אים נישט אַריינגעדרונגען, איז נישט קיין אָפּגעשלאָסענע, אַף זיך אַליין אַרומגעוויקלטע זאַך. עס נייטיקט זיך אין אינטעלעקטועלער, הומאַניסטישער און אַפילע וויסנשאַפטלעכער דערנערונג און באַוואַסערונג.

דאָס, אַף וואָס א היינטצייטיקער און ספּעציעל יידישער דיכטער טאָר זיך בעשום אויפן נישט דערלויבן, איז דער קראַנקהאַפטער, דעגענערירטער לוקסוס צו פאַרוואַנדלען זיין דיכטונג אין טרויערמאַרש פון דעראַטיזם און אין דער באַגלייט־מוזיק פון פאַרצווייפלטן אונטערגאַנג. גראָד ווייל מיר זיינען פיזיש צעריבן געוואָרן, דאַרפן מיר האָבן לידער, וואָס זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פענער און נישט אין טאַכריכים; לידער, וואָס זאָלן שוועבן אַזוי הויך, אַז זיי זאָלן אונדז שטענדיק צווינגען צו פאַררייסן די קעפּ אַלץ העכער און העכער, אַלץ שטאָלצער און שטאָלצער.

אונדזער נאַציאָנאַלער אומגליק האָט פאַראייניקט אַלע יידישע דיכטער אין די גרענעצן פון איין וויטיק. אין בוענאָס איירעס, ניו־יאָרק, פּאַריז, מאָסקווע, טעל־אוויוו און אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, האָט דער זעלבער הייסער טריוואָקס פון דיכטערישן צאָרן אַרויסגעטריפט פון אונדזערע געמיטער. איצט מוזן מיר אָבער שטעלן א טריט ווייטער; איצט דאַרפן זיך אַלע יידישע שרייבער פאַראייניקן אין די גרעניצן פון איין האָפענונג, פון איין קאָנסטרוקטיוון אימפּולס. זאָל דער אָנדענק פון אונדזער וויטיק־אייניקייט, פון אונדזער אייניקייט אין דער בייזער שאָ, אונדז פאַראייניקן און שטאַרקן אין דער בעסערער שאָ, און זאָל אין אונדז אויפקומען דער קאַטעגאָרישער באַוואוסטזיין, אַז איצט מוזן מיר גיין נאָך ווייטער און אויפכאַפּן דעם סטיכישן ווילן צו לעבן וואָס איז אויפגעקומען אין אונדזער פאָלק.

מיר טאָרן אָבער נישט פאַרגעסן, קיין איין מינוט, אַז דאָס דיכטערישע געמיט מוז האָבן וויזיע און אַז די וויזיע אַליין דאַרף נישט הענגען אין דער לופטן, נאָר זיין אַ דירעקטער פּויעל־יוצא פון דער סאָציאַלער באַשטעלונג פון יידישן פאָלקסמאַסיוו.

פּאָעזיע פון טויט

I

ביסלעכווייז נעמען די יידישע דיכטער אַראָפּשאָקלען די ביטערע פּאָעטישע פּיירעס, וואָס האָבן זיך בעמעשעך פון 6 מילכאָמע־יאָרן אָנגעגאָסן מיט בלוטזאַפט און גענומען צייטיקן אין די געדיכטענישן פון זייערע געמיטער.

דאָס דיכטערישע וואָרט איז, די גאַנצע צייט, געווען אָפן פאַרן גסיסע־ווייטיק פון אונדזער פאָלק, אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך נישט באַגנוגנט צו זיין בלויז אַ שטילער רעזערוואואַר פון פּיין, אַן עמאָטיווע קיילע פאַרן אָנפליסנדיקן ווייטיק, אָדער אַן איינפאַכע רעפּראָדוקטיווע פאַרצייכענונג פון דורכגעלעבטן שוידער. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט, אין דער גרעסטער צאָל פאַלן, אַריינזאַפנדיק אין זיך דעם נאַציאָנאַלן ווייטיק, אָפּגעשפּיגלט אים אַ נייטראַליזירטן, אַ נויקעם־וועגנויטערדיקן, אַן אָנגרייפּעריש.

דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט האָט, אין העסקעם מיט די אייגנטימלעכסטע שטריכן פון אונדזער אַלטער פּאָעטישער טראַדיציע, זיך ניט איינגעקנייטשט, נישט פאַלפלאַטשיקט געוואָרן און נישט צונויפגעדרייט זיך אין אַ קנייַלעכל, נאָר האָט זיך צעשאָטן אַף טויזנטער פונקען און יעדער פונק האָט אַראָפּגעטראָגן ביטאָכן און טרייסט אין די פאַרטיזאַנישע וועלדער, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די גליווערנדיקע מויכעס פון פאַרטאַיעטן געטאָ־יידנטום און אויך צווישן אַלע פיזיש־אומבאַשעדיקטע יידן אַפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

איצט ליגט פאַר אונדז מיילעך ראַוויטשעס וואָרט.*)

דאָס ערשטע איז וויכטיק צו וויסן, וואָס פאַר אַ מיינונג ראַוויטש אַליין האָט וועגן וואָרט. ער הייבט אָן אַ ליד מיט אַזוינע שורעס:

„פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין וואָרט.
וואָס האָסט געדאַרפט אונדז זיין אַ היילונג און אַ טרייסט
און ביסט נישט מער ווי אַ פאַרכאַמטע שלאַנג אַף דעם פעלד פון אונדזער גייסט."

דאָס ליד פאַרנעמט צוויי זייטן און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויסשעפלעכן זידל-לעקסיקאָן קעגן מענטשלעכן וואָרט. אונדזער וואָרט איז, לאָזט זיך אויס, אַ „טאַליענטע", אַ „קנעכטין", אַ „זוינע אין גאַס", אַ „העפקערדיקע אַנדרויגעניסטע", אַ „שלאַנגען-נעסט פון ליגנס", אַ „וועלט-צעשטערערין", אַן „אורקוואַל פון שלעכטס"; און דאָס אַלץ — דערפאַר, ווייל היטלער נוצט אויך מענטשלעכע ווערטער. עס קומט, בעכיין, אויס, אַז די שולד פאַלט נישט אַף היטלערן, נאָר אַפן וואָרט; אַפילע נישט אַף היטלערס וואָרט, נאָר אַפן וואָרט אין אַלגעמיין, אַפן מענטשלעכן וואָרט. אַרויסגייענדיק פון אַזאַ מין שטאַנדפונקט, וואָלט מען, לעמאָשל, מיטן זעלבן דערפאָלג, געקענט באַהויפּטן, אַז פרוכט איז אַן עקלהאַפטע שפייז, ווייל אויך מאַלפעס עסן פרוכט...

עס איז דערשטוינענדיק די קאָנפוזיע, אין וועלכער אַ וואָרטמייסטער ווי ראַוויטש קען אַריינפאַלן בענעגייע דעם וואָרט, האַגאַם ער וועט זיכער קאָנען אויפווייזן דעם מעטאַפאָרישן זין, דעם עמאָטיוון „שאָק" און די דיכטערישע „סובטעלקייטן" וואָס האָבן אים געצוואָונגען צו באַנוצן די פּראָפאַנירנדיקע עפּיטעטן קעגן זיין אייגענעם אויסדרוק-אינסטרומענט.

אונדזער יונגער, דיכטערישער דאָר וועט מוזן אָפּוואַרפן די סובטעלע „נאַיוּוקייט" ראַוויטשעס בענעגייע דעם מענטשלעכן וואָרט, ווייל דאָס דאָזיקע וואָרט איז די פיזישע אינקאַרנאַציע פון אונדזער נעשאָמע, דער אַרטיקולירטער סימבאָל פון מענטשלעכן צעלעם עלויהים, דאָס שאַל-העוועס-אייש פון דיכטערישן געמיט. אויב אַפילע הונדערט הינט וועלן בילן דורך דער פאַרמיטלונג פון מענטשלעכן וואָרט, איז עס ניט די שולד

*) „67 לידער", פאַרלאַג ד. לערמאַן, בוענאָס-איירעס, 1945.

פונעם וואָרט. די עצעם אויפגאַבע פון גרויסן דיכטער איז שטענדיק באַ־שטאַנען אין אויסלייזן דאָס מענטשלעכע וואָרט פון די הינטישע פּיסקעס, אָבער מיילעך ראַוויטשן איז נישט בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין פּאָע־טישקייט, פון זיין ריטערלעכקייט, פון זיין הזשענטלמענישקייט, פון זיין וועגעטאַריאַנישקייט, פון זיין דענקערישקייט, פון זיין מעדיטאַציע־קראַפט, פון זיין פילאָזאָפיע, פון זיין ליבהאָבערישער אַסטראָנאָמיע, קע־דיי מענעריש צו פאַרטיידיקן דאָס פאַרגוואַלדיקטע, געשענדעטע וואָרט אונדזערס. אָנשטאָט דיכטעריש אַרויסצורייסן דאָס דאָזיקע וואָרט פון היטלערס מויל, האָט ער עס אַזוי ווי צוגעוואונטשן: ליג און פויל דאָרט.

אַ גרויסן דיכטער וועט זיך קיין מאָל נישט דוכטן, אַז דעם טיראַנס ליגנעריש און בלוטיק וואָרט איז שטאַרקער פון זיינע אייגענע „אוממעב־טיקע״ רייד. אַפילו אונטערן איינדרוק פון אַ דעפּרימירנדיקן אימפּולס וועט אים קיין מאָל נישט איינפאַלן צו דעגראַדירן דאָס מענטשלעכע וואָרט אין אַלגעמיין, ווייל גראָד דער דיכטער איז דער ערשטער, וואָס מוז זיין אייפערזיכטיק אַף יעדן וואָרט זיינעם, אָנשטאָט אַריינצופאַלן אין אַ זעלבסטדערנידערנדיקער וואָרט־היסטעריע.

נישט געקוקט אַף דעם אַלץ, וואָלט מען נאָך אָבער געקאָנט זיין מילד צו ראַוויטשן, צושרייבנדיק זיין עקסטראַוואַגאַנטע וואָרט־פאַר־צווייפלונג צו אַ פאַרבייגייענדיקן, דיכטערישן געמיט־צושטאַנד, אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז ער ליידט פון אַ טיפער וואָרט־צעטרייסלונג. אויב היטלערס וואָרט האָט אַזוי אויסטערליש אויפגעשווידערט זיין נערוון־סיסטעם, איז אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס פאַר אַ מיינונג ער האָט וועגן זיין אייגענעם, דיכטערישן, ראַוויטשישן וואָרט. אינעם ליד: „זיי ליגן אַפן טיש מיינע לידער״, זאָגט ער:

„און איך האָב זיי פיינט מיינע לידער
און נישט נאָר מיי'נע, נאָר ביכלאַל,
און אַז איך ריר זיי אָן מיט די ליפּן
איז ווי איך וואָלט געלעקט די גאַל.

איז ליגן זיי אַפן טיש אונדזערע לידער
סאָרטירטע אין ביכער, געבונדענע אין פּעק
און מיר ווילט זיך שפּייען אַף אַלע זיי קלעק
און צישען דורך די ציינער איין וואָרט: — — —״

וואָס באַדייט דער דאָזיקער סטיליזירטער, וואוילױנגערישער ציניזם וועגן דיכטערישן וואָרט, וועגן אייגענעם וואָרט, וואָס איז, געוויינטלעך, דאָס הייליקסטע בײַ אַ דיכטער? ווי זאָלן מיר פאַרשטיין דעם דאָזיקן רייעך־ניכויעכדיקן בילבל אָפּן יידישן, דיכטערישן וואָרט, אין דער צייט, ווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערם און געטאָס האָט גראָד דאָס דאָזיקע וואָרט אויפגעהאַלטן דעם גייסטיקן אָטעם פון פאָלק? אַז מען דערמאָנט זיך אָן קאַצעטלאָנס דערשיטערנדיקע לידער, אָדער אַפילו אָן פּאַרטיזאַנער־הימן, ווילט זיך פאַרמישפּעטן ראַוויטשן, פאַר דער סטיליזירטער אומריינקייט פון זיינע רייד שיר נישט צו דיכטערישן טויטשטראָף.

זיכער, איז ראַוויטש געווען אויפריכטיק און ער באַגרינדעט זיין לעסטערנדיקע מיינונג מיט דעם, וואָס די רייד פון שעקספּיר, דאַנטע און פּערעץ האָבן נישט אויסגעבעסערט די מענטשהייט. ער שטעלט זיך אָבער נישט די פראַגע, פאַרוואָס זייער וואָרט האָט נישט געווירקט, פאַרוואָס די קולטור איז נישט אַריינגעדרונגען אינעם לעבן ווי אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר און ער באַמיט זיך נישט צו פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געדאַרפט געטאָן ווערן, קעדיי דאָס גרויסע דיכטערישע וואָרט זאָל לויכטן אין דער געשיכטע. אָנשטאָט דעם אַלעמען צאַצקעט ער זיך מיט זיין אויסגעמויעכטן סאַלאָן־פּעסימיזם, וועלכן ער פּרואווט מאַכן אָנזעעוודיק פאַרן פאָלק, מיט אַ גראָבן וואָרט און מיט נישט קיין זייער זויבערע פאַרגלייכן.

אויב אַפילו דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז נישט בלויז אָן אויסדרוק פון באַהעמישן אָנשטעל, נאָר די אויפריכטיקייט אַליין, האָט דאָך ראַוויטש געדאַרפט פאַרשטיין, אַז סיי צוליב טיימים פון טאַקט, און סיי קעדיי אויסצומיידן די מעגלעכקייט פון אַ געוויסער ליטעראַרישער דעמאָראַליזאַציע, האָט ער דאָס געזאָגטע נישט געדאַרפט זאָגן. היפּאָטעטיש, קען זיך דאָך בײַ די געציילטע לייענער פון יידישער פּאָעזיע, שאַפן די מיינונג, אַז אויב ראַוויטש אַליין, דער פּאָעט, וואָס קאָקעטירט מיט זיין געלערנטקייט, טיפקייט און אויפריכטיקייט און וואָס האַלט זיך פאַר אַ קעמפער פאַר אָנשטענדיקייט און טאַקט אין יידישן לעבן, האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן דער דיכטונג, איז זאָל זי טאַקע ברענען אָפּן פייער.

II

דאָס גאַנצע בוך ראַוויטשעס איז אָנגעפּילט מיט אַן אומבאַשרייב־לעכער פאַרצווייפלונג. אָפּן פאַן פון דער דאָזיקער שוואַרצער האָפענונג־לאָזיקייט, געפינט מען אויך: שטערנזעעריי, גאָטזוכעניש, פאַמיליע־סענ־טימענטאַליזם, עלעגישע געוויינען, באַלאַדנמעסיקע איינפאַלן און דער איקער — טויט. טויט, נישט נאָר ווי אַ טעמע, נאָר אויך ווי אַ דאָמינירנ־דיקע שטימונג אין בוך. קימאַט יעדער ליד איז פאַרדונגען צום טויט.

עס איז נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע לידער, וואָס זיינען געשריבן גע־וואָרן אין די זעקס פינצטערסטע קריייציאָרן אונדזערע, זאָלן אומבאַדינגט באַהאַנדלען די דאָזיקע טעמע, אָבער דאָס וואָס ראַוויטש טוט, איז, אין אַ געוויסער מאָס, אַן ארויסהעלפן דער סיטרע־אַכרע, דורך דעם וואָס ער גיט זיך איר אונטער מיט אַ פאַטאַלער געהאָרכזאַמקייט. ער טוט אָן אַף זיין געמיט, מיט אַ מין פאַטאַלאָגישער אָקשאָנעס, הונדערטער פּיין־אויס־געמייסטרעוועטע פעסימיסטישע שלעסעלעך, און אויסער דעם, אָדער טאַ־קע צוליב דעם וויקלט ער אָפּט אויס פאַלש אַ פאַטעטישע, דערשיטערנ־דיקע סצענע, אַזוי אַז אָנשטאָט אַ לעצטן, שטאַרקן אַקאָרד, באַקומט זיך אַ דיסאָנאַנס. אַזוי, לעמאָשל, דאָס ליד: „איבער אַ פאָטאָגראַפיש בילד", וואו ער באַשרייבט ווי ער באַטראַכט, בעמעשעך פון שאָען, די פאָטאָ־גראַפיע פון אַ גרוב מיט צעשניטענע יידישע לייבער, צווישן וועלכע, ווי ער זאָגט, עס געפינט זיך וואַרשיינלעך אויך זיין דערהאַרגעטע מאַמע, פאַרענדיקט ער מיט אַזוינע שורעס:

„שפעטער האָב איך געלאַכט צו זיך אַליין, געגענעצט ווי אַ הונט.
שפעטער ווי אַ וואָלף געבילט
און צום סאָף לאַנגזאַם, טראַף בײַ טראַף געזאָגט: איך, דו, ער, זי.
מיר, איר, זיי, אַלע זיינען מיר כאַיעס".

וואָס באַדייט דער דאָזיקער אַבסורדישער פינאַל, וואָס איז נישט מער ווי עכטער שטוס, סיי פון עמאָציאָנעלן, סיי פון לאָגישן, סיי פון קאָמפּאָזיציאָנעלן שטאַנדפּונקט? צו וואָס די גאַנצע אומזיניקע, כאַיעשע מימיק און די באַהויפּטונג, אַז אַלע זיינען מיר כאַיעס? נעמט עס אין אכט: נישט נאָר די נאַצים אַליין זיינען כאַיעס, נאָר מיר אַלע, מיט היט־לערן צוזאַמען.

זיין ראָל ווי אַ דיכטער פאַרשטייט ראַוויטש אַזוי:

„...מיין גורל איז זיצן ווי אַן אַלטער סאָוולען (סבלן) אַף דעם
רוקן פון מיין קליאַטשע
און צוזאַמען מיט אַלע סאָוולאָנים דעם אונטערגאַנג
רואיק אַנטקעגן רייטן
...איך בין אַ דיכטער און אַ ייד און כ׳ווייס, אַז קיינער קען נישט,
אַ ייד אַוואַדע נישט פון די הויטן זיינע שפּרינגען,
איז לאָמיר. דעריבער, דיכטער, סאָוולאָנים און יידן ווייטער רייטן
און אין דער טונקלקייט לאָמיר אַ פינצטערן ניגון זיך אונטערזינגען”.

אַזאַ איז מיילעך ראַוויטשעס פּראָגראַם און אַזוינע זיינען זיינע לאָזונגען. אונדז דוכט, אַז דער דאָזיקער גאַנץ שטאָלצער דיכטער, האָט אַף אַן אומבאַגרייפלעכן אויפן געשלאָגן אַ רעקאָרד פון שאָפלדיקייט, פּונקט אין מאָמענט, ווען דער יידישער דיכטערישער שטאָלץ האָט געדאַרפט שלאָגן סטראַטאָספערישע רעקאָרדן. עפּשער קען מען, טיילווייז, דערקלערן די דאָזיקע געפאַלנקייט מיט די ווייטערדיקע שורעס ראַוויטשעס:

„אַלץ אין דער וועלט האָט שטאַפּלען, אַלץ אין דער וועלט
איז שרעק און איך וועל דיר אַדאַ
דערציילן וועגן לעצטן שטאַפּל פון שרעק. דערגרייכט — קען
גאָרנישט שרעקלעכער זיין:
אַט די שרעק האָט אַ נאָמען — איימע פאַר זיך אַליין.

פון אַלע שרעקן פון דער וועלט — פאַר אַלץ וואָס אויסער דיר,
איז די שרעקלעכסטע די איימע, די איינציקע, וואָס איז אין דיר אַליין,
אין דיר פאַר דיר, מעשוגאַעס פון דיין גייסט אין קיווער
פון דיין גופס געוויין”.

פאַר וואָס שרעקט זיך ראַוויטש פאַר זיך אַליין? אַליין אַ דיכטער, פילט ער, זיכער, אינטואיטיוו די דאָזיקע גרויסע פעסימיסטישע אויסגע-לייזדיקייט, וואָס קרייזט אין זיין געמיט און שפּירט, אַז ער איז אַ האַרבס-טיק בלאַט, וואָס איז אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זיין בוים. דער דאָזיקער דיכטער ליידט אַף אַ פאַרשפּרייטער דיכטערישער קרענק: ער האָט קיין וויזיע נישט, און אַ דיכטער אָן אַ וויזיע איז ווי אַ באַרג-אָדלער, וואָס האָט

צעבראָכן זיינע פליגל און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זומפּן־שפּרינגער.

ראַוויטש איז איינער פון די אינטעליגענטסטע יידישע דיכטער און האַלעוויי וואָלטן אַ סאַך דיכטער געווען אַזוי אינטעליגענט ווי ראַוויטש, אָבער זיין אינטעליגענץ האָט אים געפירט צו אַבסטראַקטער שיינגייסטעריי און שיינגייסטעריי, ווי באַוואוסט, דאַרף זיין „אומאָפּהענגיק"; די אומאָפּהענגיקייט האָט אים געפירט צו זיין אַזוי שטאַרק אויסגערימטער „אומפּאַרטייאישקייט" און זיין „אומפּאַרטייאישקייט" האָט אים דערפירט צו זיין איצטיקער אומפּאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַזאַ איז די אומפּאַרמיידלעכע דעקאַדענץ פון אַלע יענע ווייטזיכטיקע דיכטער, וואָס זעען די שטערן און דערזעען נישט באַצייטנס מיט זייער שיינגייסט די „גראָבגייסטיקע" רעאַליטעט. דערפאַר, אַז עס קומט אַ פּאָלקסאומגליק, וואָס טרעפט דירעקט אויך זיי, ווערט זייער געמיט פּאַרפּלייצט מיט פינצטערע, איבערגעטריבענער פאַרצווייפלונג און אַפילע אין אַזאַ מין מאָמענט פאַרגעסן זיי נישט צו טרייסטן זיך מיט זייער שטערן־אידעאָלאָגיע.

אין אַ שטערנקוקעריש ליד, וואָס הייסט: „אַ ליד וועגן שטערן, וועגן גאָטס פּנים זען און זיין שטים דערהערן" באַשרייבט ראַוויטש אַ באַנאַכטיקן הימל, אויסרעכענענדיק אַלע קאָנסטעלאַציעס, מאַזאַלעס, שטערן־גרופּעס און פּלאַנעטן, באַהויפּטנדיק, אַז ער זעט גאָטס פּנים און הערט זיין שטים. אין אַ באַמערקונג, וואָס ער גיט צו, אין פּראָזע, צום ליד, רעקאָמענדירט ער, אַז דאָס דאַזיקע ליד זאָל געלייענט ווערן מערערע מאָל און ער זאָגט צווישן אַנדערן: „נאָר דורך דער באַהעפטונג מיט דעם אומענדלעכן כּאַלעל קען דער מענטש דערהויבן ווערן, בעסער ווערן". מיר האַלטן, אָבער, אַז די מענטשהייט וועט קאָנען אָנהייבן דערהויבן צו ווערן ערשט דאַן, ווען עס וועט, קוידעם־קאָל, יעדן מענטשן „געזיכערט ווערן יעדן טאָג אַ ליטער מילך", ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער אַמעריקאַנער מעלוכע-מאַן הענרי וואַלאַס, וועמען ראַוויטש ווידמעט גראָד אַ ליד. ביז דאַן קענען מיר גאַנץ רואיק איבערלאָזן די שיינע שטערן און גאָטס פּנים אין הימלישן מוזיי.

ראַוויטש דאַרף פאַרשטיין, אַז ער איז, אין הינזיכט פון קאָסמאָס־שיינקייט נישט קיין אויסנאַם. באַ אַלע דיכטער, אַפילע פּראָלעטאַרישע, טרעפט, אַז זיי פאַרטיפן זיך שאָענווייז אין די הימלישע פּראַכט־קאָמבינאַטן, אין די מיליאָנען וועלטן וואָס וואַלגערן זיך אָפן מילכוועג און אַז

די סאָציאַלע דיכטונג שליסט בעשום אויפן נישט אויס דעם הימל פונעם קרייז פון אירע פונדאַמענטאַלע אָנרעגונגען און פון דער וויסנשאַפטלע-כער זייט פון איר וועלט-אָנשויאונג, ווייל אויך די הימל-קערפּערס פירן אויס געהאָרכיק די נאַטור-געזעצן און זיינען אַן אויסדרוק פון האַרמאָ-ניע, שיינקייט און סימעטריע. דאָס שלעכטע אין דאָזיקן ראַוויטשישן שטערנליד איז זיין פאַרמעסט צו פאַרשטעלן מיטן הימל די ערד, זיין פאַרלאַנג צו געפינען אַ לייזונג פאַר אונדזערע צאָרעס נאָר אין „אומענד-לעכן באַלעל". אין קעגנזאַץ צו זיין הימלישן ענטוזיאַזם, איז זיין ערדישע דעפּרימירטקייט אַזאַ פּלאַטשיקע, אַזאַ נעבעכדיקע, און דערפאַר וויל ער, אַז די ערד זאָל זיך פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אויפהייבן זיך אַן אויס-געדאַמפטע צום הימל, אָבער מיר אַלע ווילן גראָד זען די הימל-שיינקייט אַ מאַטעריאַליזירטע אַף דער ערד.

III

יעדע דיכטערישע איינשטעלונג האָט אירע קאָנסעקווענצן, נישט נאָר אינהאַלטלעכע, נאָר אַפילו ריין-פאָרמעלע. ראַוויטשעס יערידע אין דער טעמאַטיק לאָזט זיך אויך מערקן אין דער פּאָעטיק.

דער ריטם אין די לידער איז אַ לאַנגער און אַ שווערער, און כאַ-זערט זיך איבער מיט דער זעלבער רעגלמעסיקער איינטאָניקייט אין קי-מאַט אַלע לידער זיינע. דער גראַם רעזאָנירט וויניק און קייטלט נישט די פערזן צווישן זיך מיט אַ נאַטירלעכער אַריינגעפּאַסטקייט.

עס זיינען אַפילו אין בוך פאַראַן לידער, וואָס מיר וואָלטן גאָר קיינ-מאָל נישט געגלויבט אַז ראַוויטש, וואָס וויל שטענדיק זיין אָריגינעל, זאָל זיי קענען אָנשרייבן, ווייל עס קוקט פון זיי אַרויס אַ סאַך דורכשניטלעכ-קייט, מיטלמעסיקייט און ערטערווייז אַפילו אָנפאַנגערישע צעגאָסנקייט. אַזוינע זיינען די לידער: „וואָס ווילסטו טויטער עקלהאַפטער טויט", „ערעוו סאָף פון צווייטער מילכאָמע — דער וועלט-מילכאָמע", „אַכטער מאַי-פערצנטער אויגוסט 1945". אינעם ליד „דאָס דריטע, דאָס אומהיימ-לעכע, דאָס אומבאַוואוסטע" זאָגט ער אַרויס אַזוינע גראָטעסקע שטור-סים:

„און קאָווער האָבן טויטע ליב מער נאָר ווי די לעבעדיקע,
ווייל די וואָס לעבן האָבן האַלט קאָווער און געלט און טויטע
דאַרפן נישט מער קיין געלט.
דערפאַר האָבן זיי אָבער טאָפּלט ליב דעם קאָווער די טויטע:
יעדער לעבט ווי ער קען און דאַרף אין אַט אַזוי לעבט די טויטע וועלט.

יאָ, יאָ, ברודער, די טויטע זיינען נישט אַנדערש אַ סאַך
ווי די לעבעדיקע זיינען:
הייטלעך איז אין זייער געזעלשאַפט, מ'רעדט רעכילעס,
מ'טוט אַ שטיף, אַ לאַך.
נאָר ווי, מען בלייבט אַן לאַשן, ס'נעמט אָפּ די הענט, די פיס,
ווי נאָר עס באַווייזט זיך די שרעקלעכע מאַרע — דאָס געשפּענסטיקע
פּאָנים פון דער דריטער זאַך".

וואָס איז די „דריטע זאַך"? ווייס עס טאַקע ראַוויטש אויך נישט און ווייל ער ווייס נישט, האָט ער טאַקע וועגן דעם אָנגעשריבן אַ ליד.

אַפן ערשטן אויגנבליק מאַכט דאָס בוך אַ געוויסן איינדרוק, צוליב די קעפּלעך פון די לידער. ראַוויטש האָט די געניטקייט צו באַזאָרגן זיינע לידער מיט אָריגינעלע, אַנציעוודיקע קעפּלעך, וואָס גיבן אַ ברי. די קעפּ־לעך פאַרבלענדן און פאַרשאַרפן אָפּטמאָל דעם קאָנטראַסט צווישן דעם וואָס מען דערוואַרט פון ליד אַפן סמאַך פונעם קעפּל און צווישן דעם ליד גופא. אַזוי, לעמאָשל, אַז מען דערזעט אַ קעפּל: „דער גאַנצער עמעס אין דריי סטראָפן", גיט מען זיך אַ וואָרף צום ליד, מיטן מיין צו אַנטדעקן עפּעס וועלטפּולס, אָבער מען בלייבט געפּלעפט, ווייל עס לאָזט זיך אויס, אַז „דער גאַנצער עמעס" איז אָט־וואָס:

„דער הימל איז אַן אָפענער סייפער, אַן אָפענער טויער,
אַ סאַך אַן אויסגעזאָגטער.
עפּשער טאַקע צופיל אָפן. וויל מען נישט לייענען, נישט
אַריינגיין, נישט הערן אַ סאַך וואָס איז אָפן.
דאָס איז דער גאַנצער עמעס, פּראָסט ווי צוויי מאָל צוויי,
ווי וואַסער מיט ברויט
און פאַרן גאַנצן עמעס איז גאַנץ גענוג אַ טוצן שורעס
און אָט אַ די דריי סטראָפן".

דאָס צוזאָגנדיקע קעפּל האָט אונדז געטריבן צו זוכן אינעם ליד אַ קור־

צע און שאַרפֿע ערדישע פֿאָרמולירונג און מיר האָבן ווידער געליטן אַ הימל־אַקצידענט. יעדנפֿאַלס, שטעלט זיך די פֿראַגע: אויב ראַוויטש האָט שוין געפֿונען גאָט, אויב ער לייענט אויסנווייניק דעם הימל און אויב ער האָט פֿון די שטערן אַראָפּגעשאַרט דעם גרויסן סאָד, וואָס ער מיינט, אַז ער זאָגט אים אונדז אויס און זאָגט אים פֿאָרט נישט אויס, טאָ וואָס איז ער אַזוי מוירעדיק פֿאַרצווייפֿלט אַף דער ערד? אויב דער הימלישער סאָד קען נישט דינען דעם ערדישן עמעס, אַפֿילע נישט דורך דער פֿאָרמיטלונג פֿון ראַוויטשן, טאָ צו וואָס דער דאָזיקער גאַנצער קאָסמישער שטערן־טאַראַראַם זיינער? ראַוויטשן געפֿעלט דער הימל, ווייל דאָרט איז שוין אַלץ איינגע־שטעלט און אויסגעסיידערט און ווייל די פֿאַרשיידענע מענטשלעך־סאָציאַ־לע ערד־ציטערנישן האָבן נישט קיין אַנטשפּרעכנדיקע עקוויוואַלענץ אין ענלעכע הימל־ציטערנישן. ווי זאָגט אונדזער יונגער און קרעפֿטיקער דיכ־טער כאַים גראַדע:

> „דעם הימל איז די ערד עגאַל,
> ער איז איר קאַלטע אַנטיטעזע,
> דאָס ליד פֿון בלוט און פֿון מעטאַל
> פֿאַרטויבט נישט זיין לעוואַניקע פּאָעזיע,
> די שטערן זינגען נישט דעם אינטערנאַציאָנאַל,
> די ווייטן הערן נישט די מאַרסעליעזע".

אינטערעסאַנט, אַז ראַוויטש פֿילט אַרויס זיין מעשונעדיקע אויסגע־וואָרצלטקייט און אין דער „באַלאַדע פֿון אַ דערפֿאַלגרייכן פּאָגראָם־דיכ־טער" זאָגט ער פֿאַרויס, אַז דאָס פֿאָלק וועט אַנטלויפֿן פֿון אים, איבער־לאָזנדיק פֿאַר אים דעם דרימל און דעם טויט. מען מוז אונטערשטרייכן ראַ־וויטשעס אָרנטלעכקייט און אויפֿריכטיקייט; ער איז צייטנווייז אויפֿריכ־טיק ביז אומזיניקייט, ער ברענגט אַרויס אָפֿט זיינע געדאַנקען מיט אַזאַ מין אויפֿריכטיקער נאַיווקייט אַז עס דוכט זיך אַזש, אַז דאָס איז עפּ־שער אַ מאַניר, אַ סטיליזירטע רוטין אַנשטאָט אויפֿריכטיקייט.

דאָס בוך לידער איז געשריבן מיט דער געוויינטלעכער סאָלידער קול־טור ראַוויטשעס, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין פֿילאָזאָפֿישער באַהאַוונט־קייט, אין וויסנשאַפֿטלעכע אויסקוקן, אין געאָגראַפֿישער קענטעניש און אין אינטימע מישפּאָכע־רעמיניסצענצן, אָבער אַף די דאָזיקע אינטעלעק־

טועלע רושטאָוואַניעס און עמאָטיווע געשטעלן איז אָנגעהויפּנט צופיל שטרוי און צעפּרוכנעט געהילץ, אנשטאָט דעם בעטאָן און צעמענט, אין וועלכן אונדזער דאָר און אונדזער פאָלק גייטיקט זיך.

IV

אין זיין הקדמע זאָגט ראַוויטש, אַז זיין בוך וואָלט געדאַרפט הייסן: „נאַקעטע לידער". מיר מיינען, אַז דער צוגעפּאַסטסטער נאָמען וואָלט געווען „ליידיקע לידער", אין זין פון אינערלעכער נאַקעטקייט.

עס איז אַ דעקאַדענטיש בוך. אַ בוך, וואָס אַנטוישט און אַנטמוטיקט. עס איז אַ בוך מיט אויסגערונענע אויגן, אַ בוך אָן ליכט. דאָס בוך גיט אַ קינסטלעכן שימעריר מיט זיין קעפּל־מייסטערשאַפט און מיט זיין אויס־טערלישער אויפריכטיקייט, וואָס רופט, ערטערוויז, אַרויס כשאַד, צוליב איר עקסהיביציאָניזם און איבערגעטריבנקייט, וועלכע דערגייט, אין איי־ניקע פאַלן, צו שאַרזש.

דאָס בוך איז אַ באַוויז, ווי אַזוי דאָס אויספעלן פון אַ וויזיע, קען בלינד מאַכן אַ דיכטער, אַפילע ווען ער באָדט זיך אַלע נאַכט אין שטערן־שיין.

אונדזער ערדישער גורל וועט נישט אַנטשיידן ווערן אָפן מילכוועג, מעג דער דאָזיקער שטערנוועג זיין אויסגעפּלאַסטערט מיט „אָפענע סוי־דעס". ער וועט אויך נישט אַנטשיידן ווערן אָף די פאַרבראָכענע הענט פון ראַוויטשעס פאַרצווייפלונג. ראַוויטשעס שטעלונג איז אַן אויסערערדישע, אויסערצייטיקע און אַפילע ערטערוויז אַ נישט־יידישע. דערפאַר קען דאָס דאָזיקע בוך נישט זיין קיין טרויערבאַנד אָף אונדזער ווייטיק און אַוואַדע נישט קיין פאָן פאַר אונדזערע האָפענונגען.

צווישן צוויי בלוט־ציכנס

I

מיט אַשער שוואַרצמאַנס רויטאַרמייאיש בלוט איז דורכגעווייקט געוואָרן אין יאָר 1919 דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט אין ראַטנפאַרבאַנד און מיטן רויטאַרמייאישן בלוט פון ש. ראָסין, מ. כאַשטשעוואַצקי, א. גור־שטיין, מ. ווינער, ע. פאַלקאָוויטש, ב. אָליעווסקי און מ. גאָלדשטיין איז אָפּגעצייכנט געוואָרן דער 25־יאָריקער עלטער פון דאָזיקן וואָרט.

פון בלוט צו בלוט ציט זיך די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער נישט פון שכיטע־בלוט צו שכיטע־בלוט, נאָר פון שלאַכטבלוט צו שלאַכטבלוט. די ערשטע 25 יידישע ראַטנפאַרבאַנדישע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ווייסגוואַרדייאישע האַריגעס און געענדיקט זיך מיט די נאַצישע שכיטעס, אָבער די יידישע דיכטער האָבן נישט געוואַרט ביז דער פּאָגראָם־מעסער וועט קומען צורויבן זייער בלוט; זיי האָבן אויך ניט פאַרגאָסן קיין רעטאָריש בלוט אין זייער קאַמפּספּערז, נאָר האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס גאַנצע בלוט זייערס, דאָס יידישע, דאָס דיכטערישע און דאָס רויטאַרמייאישע אַפן שלאַכטפעלד. דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט האָט רויטאַרמייאיש אָנגעשפּיצט און פאַרשניצט שוואַרצמאַנס קאַוואַלעריסטישן שפּיז און האָט געקילט, מיט 25 יאָר שפּעטער, די רער פון ראָסינס אויטאָמאַט.

אַז דער יידישער ליטעראַטור פון ראַטנפאַרבאַנד ליגט אַ קראַנץ פון דיכטערישע קוואָרים. מיט אַלטן און נייעם דיכטערישן בלוט איז רויט־

ארמייאיש געהייליקט געווארן דאס יידישע קינסטלערישע ווארט אף די פעלדער פון אקטאבער-לאנד.

פון יענער זייט גרענעצן פון ראטנפארבאנד האט דאס יידישע דיכטעריש ווארט נישט געהאט די זכיע צו בלוטיקן אין קאמף. אין דער זעלבער צייט וואס שווארצמאן האט מיט זיין שווערד געשניטן די ווייסע פאליאקן, האבן די זעלבע פאליאקן דערמארדעט א. וויטערן אין ווילנע, און אין דער זעלבער צייט וואס מוישע כאשטשעוואצקי האט, מיט 25 יאר שפעטער, געשטויסן די נאצים מיטן שטויסל פון זיין „קאטיושא", האבן אוקראינישע נאצים מיט פלעקענער צעפלעט דעם קאפ פון אלטער קאציזנע, הינטער לעמבערג.

אנדערש האט פארלוירן בלוט די ראטנפארבאנדישע יידישע ליטעראטור און אנדערש האט פארלוירן בלוט די יידישע ליטעראטור אויסערן ראטנפארבאנד.

אט ליגט אף א בלעטל פון אונדזער געשיכטע דער זעלבער 25-יאריקער אפשניט פון אונדזער לעבן אין צוויי וואריאנטן. די ראנדן פוןביידע וואריאנטן זיינען אויסגעשמידט אין בלוט, און זעלבן יידישן דיכטערישן בלוט, אבער ווי פארשיידן גלאנצט אפ דאס בלוט פון שווארצמאן-ראסין און ווי פארשיידן — דאס בלוט פון וויטער-קאציזנע.

נישט ענלעך זיינען ביידע, זייט-בא-זייט ליגנדיקע וואריאנטן פון דער דאזיקער איין און דער זעלבער צייט, ווי נישט ענלעך עס איז א רויטארמייאישער גארטל אף א טליע-שטריק, און דערפאר טאקע זיינען די דייטלעכסטע סימאנים פון לעבן גראד די רויטארמייאישע שרייבערישע קווארים, וואס זיינען אויסגעגראבן צוקאפנס און צופוסנס פון דער יידישער ליטעראטור אין ראטנפארבאנד.

II

די יארן 1917 - 1920, אפגעמונקטע אין בלוט און אין צוויט, אין רעוואלוציאנערער ראמאנטיק און אין פאגראמען, אין נעוויאישן פאטאס און אין הונגער, אין סאציאלן פיבער און אין טיפוס-פיבער, האבן אלעמען ארומגעכאפט מיט זייער רויטן פאן-געפלאטער און מיט זייער אנטבלויזטער נאקעטקייט.

און אַלטע וועלט האָט זיך איבערגעקערט, אָבער די נייע וועלט האָט זיך נאָך נישט באַוויזן צו שטעלן אויף די פיס. ביידע וועלטן האָבן זיך געוואַלגערט איבערן לאַנד און געפּרואווט איינע דער אַנדערער אַריינשטעכן אַ מעסער. די אַלטע וועלט האָט געהאַלטן אַ גרויסן קאַצאַווישן מעסער, אָבער איר האַנט האָט זיך געטרייסלט. די נייע וועלט האָט געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ קליין פּענמעסערל אין פויסט, אָבער אירע פינגער האָבן נישט געגעבן קיין ציטער.

די אַלע און דאָס אַלץ וואָס די רעוואָלוציע האָט מעכאַבעד געווען מיט דער קלאָלע „דאַלאָי״ (נידער) האָבן שנעל געבראָכן זייער ליימענעם האַלדז-און-נאַקן, אָבער דאָס אַלץ וואָס זי האָט געהייליקט מיט דער בראָכע „דאַ זדראַסטוואויעט״ (זאָל לעבן) האָט מען ערשט גאַדאַרפט אויפשטעלן צום לעבן און מען האָט ערשט גאַדאַרפט נעמען קעמפן קעדיי צו קענען אָנהייבן די אויפשטעל-אַרבעט.

דער רעוואָלוציאָנערער „דאַלאָי״, דער אָקטאָבערשער „אין ד׳רערד מיט די ביינער״ האָט פאַר די יידן געהייסן: אויס פּאָגראָמען, אויס שוואַרצע מייע, אויס זשיד, אויס טכום, אָבער איידער די אַלטע צייט האָט זיך געזעגנט מיט קאַסרילעווקע האָט זי לאַנג, לאַנג געשווענקט איר טרייפענעם נאַרגל מיט יידיש בלוט.

דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט איז געבליבן פאַרגאַפט: אַזוי פיל שטעכעדיקס און אַזויפיל גלעטנדיקס מיט איין מאָל, אַזוי פיל שטראַלן און אַזוי פיל שפּענער אין די אויגן! דאָס וואָרט וואָס איז אויפגעקומען האַרט נאָך 1905, דאָס בערגלסאָנישע און דאָס ניסטערישע, האָט זיך נאָך געשאָטנט און געשאַרט באַ די ווענט; דאָס מעשיכיש-פאַרגייסטיקטע וואָרט פון שטיימאַן און קאַציזנע האָט זיך געוויקלט אין נעפּלדיקע טאַלייסים; דאָס שלעפּערדיקע וואָרט פון אַנדערע שרייבער האָט געגענעצט פון שלאָפּלאָזיקייט און האָט זיך געפּרואווט אַרויסכאַפּן קיין אויסלאַנד דורכגענעצן די ווילדע צייט; דאָס יונגע לירישע-אוקראַינישע וואָרט פון האָפשטיין, פינינבערג און קוויטקאָ האָט אָקערשט געהאַט צעוויקלט איר שפּיצגראָזיקן, צאַרטבלעטלדיקן געמיט, אָבער האָט ביסלעכווייז, מיטן אינסטינקט פון אַ זונבלום, אַ נויג געטאָן זיך צום אויפגייענדיקן אָקטאָבער; מאַרקישעס צעפּראַלנדיקער, הערקולעסישער פּערז האָט נאָך געווירבלט אין דער לופטן סטאָם אַזוי; קושניראָוו האָט אַ נעם געטאָן מאַיאַקאָווסקישע אַקאָרדן, פּע-

פער איז געקומען אַ פריש־צאַפּלדיקער פון קאַמיוג און שוואַרצמאַן האָט גע־נומען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רויטאַרמייאישער לעגענדע.

די עפּאָכע פון זון און בלוט איז אַריבער. דער זאַווערוכעדיקער אַקטאָ־בער האָט ניצאָכנדיק געשטילט זיין צאָרן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אויפ־געכאַפּט און עס האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט יידיש־ליטעראַריש מאָסקווע און מינסק. די יידישע ליטעראַרישע מאָסקווע האָט אַ רויש געטאָן דורך אירע זשורנאַלן „שטראָם" און „יונגוואַלד"; מינסק האָט אַ פינקל געטאָן מיט איר „שטערן" און צוזאַמען האָבן זיי זיך גענומען דורכריידן מיט דער קיעווער „רויטער וועלט", „פּראָליט" און „פּאַרמעסט" וועגן אַ נייעם טאָב־לעם פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור אין נייעם לאַנד.

עס האָבן זיך געעפנט נייע מעקורים פון אינספּיראַציע און פון יעדן ווינקעלע פון געוועזענעם רויבפויגלדיקן לאַנד האָט גענומען אַרויסקוואַלן די גרויסע נייע טעמאַטיק. קוידעם־קאָל האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן שרייבער די אָט־אָט־פאַרגאַנגענע, די פריש־היסטאָרישע, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן אין קילן און אָפּקילן; דאַן האָט אָנגעשפּאַרט די טע־מאַטיק פון בירגערקריג און פון די פּאָגראָמען; שפּעטער האָט זיך דער־נענטערט די טעמאַטיק פון איבערבוי, פון אָנהייבן גיין מיט אַ סאָציאַ־ליסטישן גאַנג און פון אַרויפציען אַ נייעם אויבערשלאַק אַף די פּאַרבלו־טיקטע טראַנטעס פון קאַסרילעווקע. נאָך שפּעטער האָט זיך אַ וויז געטאָן די טעמע פון ערד־איינאָרדענונג און די גרויסגעווינסיקע טעמאַטיק פון בירעבידזשאַן און דאַן — די טעמאַטיק פון אָנגורטן דאָס לאַנד שטאָל־און־אייזנדיק און מאַכן זי ברויט־און־פּוטערדיק.

די יידישע טעמאַטיק פון די קלאַסיקער האָט זיך איבערגעבראָכן מיט איין קנאַק. דאָס וואָס איז נאָך אין 1917 געווען גראָע, הונדערט־פּודיקע וואָר, האָט אין 1921 אויסגעזען ווי הונדערטיאָריקע אויסגעדראַמפּטע גע־שיכטע. יונגע צוואַנציקיאָריקע באָכערימלעך זיינען געשטאַנען אַפן ברעג פון אַ נייעם ליטעראַרישן אָנהייב און האָבן מיט זייערע צוציקדיקע פינגער געדאַרפט אַריינברענגען אין דער ליטעראַטור דאָס נייע לעבן און די נייע טעמאַטיק, און געפינען אייגענע גרויסע ווערטער פאַר דער גרויסער צייט.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז די אַלטע יידישע טעמאַטיק אַריינגע־שוואומען, אַ קינדערש־צעשמייכלטע און אַ סאָציאַל־געלייטערטע, אין דער

סאָוועטיש-יידישער ליטעראַטור, אַף די וואַסערן פון בערגלסאָנס דניעפּער און דורך די דריי עפּישע רינגען פון ניסטערס בערדיטשעוו.

III

צווישן אָפּקיל־פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע און דעם נייעם אָנגלי־פּראָצעס פון סאָציאַליזם האָט די יידישע ליטעראַטור גענומען קריגן אירע ערשטע סאָוועטישע פאָרמען; זי איז געוואָרן קאָמפּאַקטער, אינהאַלטלע־כער און האָט זיך גענומען פאַרגינען אָפּטער דורכצופלעכטן איר פּאַטעטיש־פּאָעטישן פערז מיט דער עפּיש־פּראָזאישער פּראָזע. פון שטימונגען האָבן זיך אויסגעפּעדעמט געפילן און די סענטימענטן פון בירגערקריג האָבן זיך ליטעראַריש גענומען פאַרפעסטיקן אין ליבע צום יונגן לאַנד, וואָס איז פול געווען מיט פרייִדיקע יוגנט־צוזאָגן אויך פאַרן אַלטן יידישן גורל.

דער בירגערקריג איז אַריין קינסטלעריש אין דער יידישער ליטעראַ־טור דורך איציק קיפּניסעס „באַדאַשים און טעג", וואו עס פלאַטערט אַרום אַ הייסהאַרציקע ליבע צווישן אַ יונגן יידישן פּאַרפּאָלק אין מיטן פון אַ יידישן בלוט־געוויטער. ש. גאָדינער שטעלט אַריין אין דער יידישער לי־טעראַטור זיין „מענטש מיט דער ביקס", קעדיי צו באַווייזן דעם רויטאַר־מייאישן איבערגוס פון צאַרישן סאָלדאַט אין אַ מענטשן וואָס נעמט פאַר־שטיין דעם אָקטאָבערשן באַטייט פון זיין ביקס. שטיקער בירגערקריג טראָגן אַריין אין דער ליטעראַטור: מ. דאַניעל, נ. לוריע, אַ. קאַהאַן. קימאַט אַלע יידישע פּאָעטן, מיט פּעפערן בעראַש, גיסן אַריין אין זייערע פערזן דאָס סאַמע פייערדיקע פון בירגערקריג, די ראָמאַנטישע פונקנשפּיל און די מו־זיקאַלישקייט פון דער רעוואָלוציע.

וואָס ווייטער האָט זיך די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור גענומען אַלץ מער אָנקליידן און באַשוכן מיט דער נייערווירקלעכקייט. ביז דאַן און אַפילע שפּעטער, בעמעשעך פון האַלב־האָנאָכעדיקן נעפּ-פּעריאָד, האָט די יידישע ליטעראַטור געטראָגן אַף זיך די סאָוועטישע ווירקלעכקייט ווי אַ מאַנטל פאַרוואָרפן אַף די פּלייצעס: אָט טו איך אים אָן און אָט גיב איך אים עפּשער אַ ביסעלע אַ וואַרף אַראָפּ; אָבער זינט 1928 האָבן זיך אין גאַנצן אויפגעהערט צו באַמבלען די פּוסטע אַרבל. דער מאַנטל איז אָנגעטאָן געוואָרן קעדיבאָע, פאַרקנעפּלט געוואָרן און גענומען וואַרעמען. עס האָט

זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז גראָד אַזאַ מין סאָרט מאַנטל, וואָס אַז מען טראָגט אים לענגער ווערט ער גאָר שענער און פאַרלירט זיינע אַלטע קנייטשן.

דאָס יאָר 1928 איז פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד אַ יאָר פון סאָוועטישער און פון יידישער באַגייסטערונג. עס ווערט געבוירן דער ערשטער פינף־יאָר־פּלאַן און צוזאַמען מיט אים דאָס נאַציאָנאַלע מעזיניקל פון אָקטאָבער — די יידישע מעלוכעשאַפט אין בירע-בידזשאַן. נייע אָנרעגונגען און אַ נייע יידישע טעמאַטיק גיט זיך אַ הייב אַרויס פון די וווייטמיזרעכדיקע טיפעגישן און אַ גרויסע אַלגעמיין־סאָוועטישע טעמאַטיק צעוויקלט זיך אויף יעדן טריט און שריט.

דאָוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט עטלעכע יאָר געלופטערט אין בערלין זיינע ספּייקעס, אונטערן געבלאָז פון די מיירעוו־אייראָפּעישע ווינטעלעך, האָט זיך איבערצייגט אַז די דאָזיקע ווינטעלעך פאַרשטויבן מער ווי זיי לופטערן און ער האָט זיך אומגעקערט מיטן ברייטן סאָוועטישן טראַקט אַהיים. פּערעץ מאַרקיש, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג פאַרזאַמט אין וואַרשע, קעדיי אויסצובאָדן זיין ליטעראַרישן טעמפּעראַמענט אין פּויליש-יידישע וואַסערן, האָט זיך איבערצייגט אַז דאָס היימישע וואַסער איז פאַר אים געזינטער, און ער האָט פאַרלאָזן די דעמאָלסטדיקע פּוילישע שוועבלבעדער...

דאָס בעסטע פון יידישן שרייבער־אַקטיוו איז פון פריער געבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד און דאָס ווערטפולסטע האָט זיך אומגעקערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיקער ליטעראַרישער געוועט און מען האָט אָנגעהויבן לייגן קלאַפּטער צוזאַמען מיטן לאַנד וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און וואָס האָט מיט זיין וואוקס מיטגעריסן דאָס יידישע לעבן. דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן אויס זעקסטער פינגער אין אַ פרעמדער האַנט און אויס פינפטער ראָד אין אַ פרעמדן וואָגן. עס איז דערשינען אַן אייגן פינפינגערדיק, פירערעדערדיק לעבן, וואָס האָט גענומען גלייך אָפּהילכן אין דער ליטעראַטור.

נאָך ע. גאָרדאָנס „ווילדגראָז”, ע. שעכטמאַנס „פּאַראַקערטע מענשעס” און ה. אָרלאַנדס „הרעביליעס”, גיט זיך אַ באַווייז דאָס קרעפטיקע ערדוועריק „דער סטעפּ רופט” פון יונגן נאָטע לוריע, וועלכער איז אַ גוואַורעדיקער און אַ גאַנצער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור דירעקט

פון יידישן פעלד און פון קאָמיוג. עס באַווייזט זיך מאַרקישעס פּאָעמע „נישט געדייגעט" און אָן אַ שיר אַנדערע ליטעראַרישע ווערק וואָס דעפּינירן בעלעטריסטיש און דיכטעריש, עפּיש און ליריש די פּראָדוקטיוויזאַציע, די קאָלעקטיוויזאַציע, דעם וועג פון יידישן טייטל און פון יידישן „טאַפּ אין וואָגן" צו דער קאָלווירטישער סאָבע און צום סאָציאַליסטישן האַמער.

דער הייסער מעטאַלורגישער אָטעם פון לאַנד גיט זיך אַ גאָס אַרויס פון אָרלאַנדס „אַגלאָמעראַט"; דעם הידראָעלעקטרישן טיקן פון דניעפּער גיט אַ באַווייז גילדין אין זיין „דניעפּערבוי" און דער שוואַרצער קוילן־אַנטראַציט לויכט אַרויס פון פּעפּערס „פּלאַסטן" און פון אַלבערטאָנס „שאַכטעס".

פון די דאָזיקע ווערק, ווי אויך פון „אינזשעניערן" אַ. קאַהאַנס און „פיגורן אויפן ראַנד" ש. גאָדינערס זעט זיך אַרויס נישט נאָר דאָס אייזן, דער דינאַמאָ, דאָס וואַסער, די טורבינע, די מעטאַלאַרצן און די קוילן, נאָר דער איקער דער מענטש, דער סאָציאַליזירטער מענטש וואָס הומאַניזירט די נאַטור און דער יונגער ייִד וואָס געווינט זיין יוגנט. ער דאַרף זי אַפּילע נישט געווינען, ער נעמט זי און ער טרינקט זיך פּאָשעט אָן מיט איר. די יוגנט וואָס דוירעס האָבן געהאַלטן אין איין פאַרלירן אין די בלאָטעס פון קאַסרילעווקע ווערט מיט איין יידישן קלאַפּ פון סאָוועטישן האַמער געוואונען אומעטום.

דאָס איז דער וועג פון גנילאָפּיאַטעווקע צום דניעפּער און פון סאַמבאַטיען צום אַמור. אין מענדעלעס און שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַריש־קינסטלערישע עקספּעדיציעס צו די גליקלעכע „רויטע יידעלעך" איז געלעגן אַ מין טיפער, פאַרוויקלט־פאַרהוילענער, אינטואיטיוו־פאַרבאָרגענער פאַרגעפיל פון דעם וואָס עס קען קומען. די סימבאָלישע אידעע וואָס איז געלעגן אין די דאָזיקע ביניאָמינהאַשלישעדיקע און סאַמבאַטיענדיקע עקספּעדיציעס איז געוואָרן אַף אַזוי וויט פאַרווירקלעכט און מאַטעריאַליזירט, אַז מען האָט זי אַפּילע נישט באַמערקט. דער סאָציאַליזם האָט אָפּגעטאָן מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען אַ שפּיצל: ער האָט געבראַכט י ע נ ע ם זייט סאַמבאַטיען קיין קאַסרילעווקע און האָט געזאָגט צו די קאַסרילעווקער טוישווים: וואָס דאַרפט איר ז ו כ ן רויטע יידעלעך? זייט אַ ל יי ן רויטע יידעלעך!

אַ גאַר ליוויאַסנדיקן אָרט פאַרנעמט אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור די טעמאַטיק בירעבידזשאַן. פון די סאַמע ערשטע האָבן זיך גענומען צו דער דאָזיקער סאַמבאַטיענדיקער און גלייכצייטיק ערדיש־צאַפּלדיקער טעמע: בערגעלסאָן, אַלבערטאָן, גאָלדשטיין און עס איז בע־פּויעל מאַמעש נישטאָ קיין איין יידישער שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד וואָס זאָל עפּעס נישט האָבן געשאַפן וועגן בירעבידזשאַן. עס איז איינע פון די ווינציקע געגנטן אויף דער וועלט, וועלכער מען גיט אָפּ אַזאַ גרויסן ליטעראַרישן קאָוועד, אויסער אַנדערע קיבודים. אָנהייבנדיק מיט פעפערן, מאַרקישן, האַפשטיינען און קוויטקאָן און ענדיקנדיק מיט די סאַמע לעצ־טע, נישט נאָר מיט די וואָס זיינען אין איין עלטער מיט דער רעוואָלוציע, נאָר אַפילע פון די וואָס זיינען געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער אויטאָ־נאָמער געגנט, האָבן אַלע אַ וואָרט פאַר בירעבידזשאַן דער מירמלבאַרגי־קער, דער וויסערדיקער און שוואַרצערדיקער, דער טיפוואַלדיקער, דער רייכוואַסערדיקער, דער ברייטטייכיקער, דער גאָלד־און־אייזנדיקער. עס איז שוין אַפילע פאַראַן אַ יידישער ליטעראַרישער צענטער אין בירעבי־דזשאַן גופע, מיט אַן אָנגעלעבטן קינסטלערישן אייגנס און מיט אַן איי־גענעם טעגלעכן „שטערן".

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, אַ דורכגעפּיבער־טע מיט די ראָמאַנטישע טראַדיציעס פון אָקטאָבער און אַ דורכגעדרונגע־נע מיט דער יידישער יערושע פון דוירעס, האָט זיך אַ נעם געטאָן צו סאָ־וועטישער בויאַרבעט. יעדער וואָרט איז געוואָרן ציגלייגנדיק און אין יעדן זאַץ האָט זיך אַריינגעצויגן דאָס לעבן. נישטאָ אין ראַטנפאַרבאַנד קיין ליידיקע, נישט־באַוואוינטע ביכער; די שיינקייט גליווערט נישט אין זיי אַ פאַרשלאָסענע אונטער אַראָפּגעלאָזענע ראָלעטן. דורך זייערע אָפענע פענצטער און טירן גיסט זיך אַ דורכגעזוניקטער וואַסערפאַל פון מענטשן, אָבער נישטאָ אין דאָזיקן שטראָם דאָס רוישיק־וואַסערפאַליקע, דאָס סטאָם־פאַרשפּריצנדיקע, נאָר דאָס האַרצקלאַפּעריש־שעפערישע פון אַ טורבינע אין גאַנג.

IV

געגנוג אַ קוק צו טאָן אויף בערגעלסאָנען, אויפן ניסטער און אויף מאַר־קישן, קעדיי צו זען ווי אַזוי די סאָוועטישעווירקלעכקייט האָט אויסגע־

האָדעוועט און געשפּייזט מיט סאָוועטישער כאָכמע זייער שאַפן און ווי אַזוי זי האָט אַריינגעקישעפּט אַ נייעם טאַם אין זייערע ליטעראַרישע פּיירעס.

וואָלט די טויט-פּסיכיק פון „נאָך אַלעמען" און פון „אָפּגאַנג" געקענט דערגרייכן דעם עטאַפּ פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין „פּענעק" און „בירעבידזשאַנער", ווען דער נייער סאָוועטישער עמעס וואָלט נישט געגעבן בערגעלסאָנען קיין ליכט-איינשפּריצונג? בערגעלסאָן האָט זיך פון גאָרנישט אָפּגעזאָגט און האָט גאָרנישט פאַרלייקנט אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן. ער האָט בלויז גענומען וואַקסן אַף אַ נייעם באָדן, וואָס זיין שוואַרצערד איז רייך געווען אין שעפערישע פּאָספּאַטן און אין לעבנסזאַלצן. דער זעלבער רייכער, ביאָלאָגיש אַקטיווער באָדן האָט אים טאַקע דערמעגלעכט שפּעטער, בעיים דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, צו עפענען זיין שאַפן, גראָד דורך די אָנרעגונגען פון דער בלוטיקנדיקער יידיש-סאָוועטישערווירקלעכקייט, פאַר פיגורן פון דער יידישער געשיכטע און פאַר אַלט-יידישע קיעם-לאָזונגען. דאָס הייסט נאָך אָבער נישט אַז פריער איז זיין שאַפן געווען דורך עמעצן מיט געוואַלד פאַרשלאָסן פאַר יידיש-געשיכטלעכן שטאָף. די סאָוועטישע יידישע ווירקלעכקייט, מיט איר גאַנצער רייכקייט אין באַשטימטע סאָציאַלע דורכבראָך-אידעען, האָט טעמאַטיש קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן די שרייבער פון דער זייט אָקטאָבער גרענעץ, ווהאָראַיע — אָט זיינען אין סאַמע ברען פון אויפבוי-פּעריאָד דערשינען אַזוינע ווערק ווי האַלקינס „באַר-קאָכבאַ" און דאַניעלס „שלוימע מיימען". וואָס מער סאָוועטישער און ריין-געווויסנדיקער אַ שרייבער איז, אַלץ ווינציקער פילט ער זיך געבונדן דורך דער טעמאַטיק, ווייל ער האָט אַן אידעאָלאָגישן קאָמפּאַס וואָס וועט אים נישט לאָזן פאַרבלאָנדזשען אין קיין שום שטאָף, ווי פאַרוואַקסן און אורוואַלדיק ער זאָל נישט אויסזען; קיין שום ליטעראַרישער רוישטאָף וועט נישט קענען בויגעד זיין אין זיין שרייבערישער אָרנטלעכקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. בערגעלסאָן האָט דערפילט די דאָזיקע אַבסאָלוטע פרייהייט בעיים דער מילכאָמע און האָט דורך היסטאָרישן און אַקטועל-בלוטיקנדיקן שטאָף דערגרייכט דעם קעמפערישן ביטאָכן-עטאַפּ אין זיין שאַפן.

מיט אַ וואָסערע 30 יאָר צוריק האָט בערגעלסאָן געהאַט פאַר זיינע העלדן איין אויסגעטראָטענעם, באַרגאַראָפּיקן וועג — דעם וועג פון לעבן

צום טויט. די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט פאַראַקערט דעם דאָזיקן בייסוילעם־וועג און אַלע בערגעלסאָנס העלדן האָבן גענומען קעמפעריש רייסן זיך צום לעבן, אַפילע דורך די אומוועגן פון נאַציישן טויט. די געשיכטע באַווייזט אַז דאָס איז נישט נאָר דער יידיש־סאָוועטישער וועג, נאָר דער יידישער וועג אין אַלגעמיין. ביידע זאַכן האָט בערגעלסאָן קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט אין מיטן פון מילכאָמע־געפלאַקער.

גאָר גרויסע איבערקערערישע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין ניסטערס שאַפן. פון זיין פריערדיקן שאַפן האָט געווייט עפּעס בוידעמדיקס און קעלערדיקס, געשפּענסטיקס און שאָטנדיקס. זיינע ווערק זיינען געווען פאַרהאַקט מיט סימבאָלישע שלעסער און אָפּגעשפּאַרט מיט שווערע מיסטישע שטאַבעס. אין זיינע שאַפונגען האָט מען געדאַרפט אַריינקוקן דורך פּיטשינקע, פאַרקאָפּטשעטע שייבעלעך אָדער גאָר דורכן קוימען. די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט אָבער דורכגעהאַקט ברייטע טירן, טויערן און פענצטער אין דער דאָזיקער ניסטערישער סוידעסדיק־רוכניעסדיקער פאַרהוילעניש און דער פרישער שטראָם לופט וואָס האָט זיך דאָרט אַריינגעיאָגט, האָט אַרויסגעטראָגן אַ טראָפּיי — „די מישפּאָכע מאַשבער". דאָס איז גראָד אַ ליטעראַרישער שטאָף וואָס איז מיט גאַנצע 50 יאָר עלטער פון אָקטאָבער, אָבער דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט דאָרט אַזוינע קינסטלערישע, גראַציעזע טריט, אַז מען דערזעט בערדיטשעוו נישט נאָר אין איר גאַנצער טיף־יידישער גייסטיקייט און פלאַכער עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין איר שטילן גאַנג צו איר געשיכטלעכער, סאָציאַלער באַשערטקייט, צו די גרענעצן פון ווייטן אָקטאָבער.

פּערעץ מאַרקישעס גרויספּאָעטישע בונטאַרישקייט און צעווינטיקטקייט האָט זיך געוואָרפן ווי די נאַטורקראַפט פון טומלדיקן דניעפּער, פון פאַראָקטאָבערדיקן דניעפּער וואָס האָט צעשפּריצט זיין קויעד אָף פעלזן און אָף טייכשוועלן. דער סאָוועטישער דניעפּער האָט אָבער אויפגעהערט צו צעטרענצלען זיין קראַפט אָף פוסטער שפּריצעניש און אנשטאָט מיט וואַסער האָט ער אָנגעהויבן צו שפּריצן מיט עלעקטריע. נישט אַרויסגייענדיק פון די ברעגעס האָט דער דניעפּער אַרויסגערופן די גרעסטע פאַרפליצונג: ער האָט פאַרגאָסן און פאַרטרונקען אוקראַינע מיט ליכט. אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען אַן ענלעכע ענדערונג מיט מאַרקישן. פון זיינע ערשטע וואַסערשטורעמדיקע ווערק „סטאָם"

און „פּוסט און פּאַס" ביז צו די עלעקטריע-טראַגנדיקע שורעס פון זיין „נישט געדייגעט", „אַנשל זאַליאַזניק", „ברידער", „דאַר אויס, דאַר איין", און „אַ טויט די קאַניבאַלן" איז אַזאַ מעהאַלעך אַז מען קען ריידן פון אַ מאַרקישבוי אין דער יידישער ליטעראַטור, פּונקט ווי מען רעדט וועגן אַ דניעפּער־בוי אין שייכעס מיט דער עלעקטריפיקאַציע פון אוקראַינע. אַ באַווייז פון דעם איז דער לענין-אָרדען וואָס דער העכסטער סאָוועט האָט אויפגעהאָנגען אַף מאַרקישעס ברוסט אין 1939.

און אַזוי איז געשען מיט אַלעמען. די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט צוגענומען בײַ די מיטגייערישע שרייבער בלויז איין זאַך: זייער פּסוילעס־דיקייט, די שלעכטע טייל פון זייער בירגערלעכער ירושע, זייער אומ־סאָציאַלע ציללאָזיקייט, זייער יעבידישע פּאַרוויקלטקייט. פאַר זייער אַלטן קופּערנעם גראָשן האָט זי זיי אָפּגעצאָלט מיט גאָלד: זי האָט זיי אַוועק־געגעבן דאָס גאַנצע נייע לעבן און האָט אַריינגעפירט עלעקטריע אין זייער שאַפן. עס זיינען פאַרשוואונדן די קאָפּטשנדיקע נאַפטלעמפּלעך און די טרערנדיקע ליכטלעך, און עס איז געוואָרן גרויסער טאָג.

אין ליכט פון דאָזיקן טאָג האָט מען דערזען און ליב באַקומען די באַרגאַרויפיקע טאָג-טעגלעכקייט. דאָס נייע יידישע ליטעראַרישע שאַפן האָט זיך נישט געפילט ווי אַ יונג, שוואַך ווערדל, ווייל פון ביידע זייטן זיינע איז אויסגעוואַקסן אַ סאָוועטישער שאָלעם־אַלייכעם-וואַלד פון דריי מיליאָן ביכער און פון הונדערטער טויזנטער אַנדערע ליטעראַטור־ביימער מיקאַל האַמינים. אויסער דעם איז דער יידישער וואָרטקינסטלער געוואָרן דער איינציקער וואָרטזאָגער אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. צי איז דען מעגלעך פאָרצושטעלן זיך, כאָטש אַף איין רעגע, אַז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן אין צאָפן-אַמעריקע קען באַקומען איר עפנטלעכן אויסדרוק דורך לייוויקן און דורך מאָרים שוואַרצן, ווי דאָס געשעט אין ראַטנפאַרבאַנד מיט איציק פעפערן און מיט מיכאָעלסן?

V

דער נייער, נייוועלטיקער, ניי-יידישער און נייטאָניקער ריטם פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד איז אין יאָר 1941 איבער־געריסן געוואָרן דורך דער ברוינבמאַרעדיקער פינצטערניש וואָס האָט זיך פאַרצויגן איבערן לאַנד.

דאָס ליטעראַרישע וואָרט וואָס האָט ביז איצט באַדינט די ליכטיקע שאַלווע און דעם עפּישן וואוקס פון אַ לעבן אַף רושטאָוואַניעס האָט זיך מאָביליזירט און באַוואָפנט, און איז אַרויס מיט זיין גאַנצער קינסטלע־רישער שימשון־האַגיבערישקייט קעגן טויטפיינד פון יידישן און פון סאָ־וועטישן לעבן.

בערגעלסאָן וואָס האָט געקענט דעם דייטש מיט 20 יאָר צוריק אין בערלין, האָט אים דערקענט מיט 20 יאָר שפּעטער אין באַבי־יאַר, אין מאַריופּאָל, אין די קאַווקאַזער באַרגשפּאַלטן און ער האָט אים אַרויסגע־געבן אַ בערגעלסאָנישן ליטעראַרישן „שיין". פון דער גרעסערער מילכאָ־מע־דערציילונג זיינער „און עס איז געווען נאַכט און עס איז געוואָרן טאָג" ביז זיין דראַמע „לא אמות כי אחיה" שיינט אַרויס פון הינטער דער אויסגעשפּאַנטער, קאַלטשווייגנישער אַכזאָריעס די יידישע טיפגלויביקייט, און פון הינטער דעם מאַרטירערישן טויט — דאָס מאָרגנדיקע אויפגע־פינקלטע לעבן.

אין די דאָזיקע ווערק איז נישט פאַראַן קיין קינסטלעכער אָפּטימיזם, קיין צוגעפּראַוועטע, ביליק־צוגעטראַכטע סטאַם־זיכערקייט אין קומענדיקן זיג, נאָר אומעטום, פון יעדער שורע לויכט אַרויס דאָס טיף־יידישע, זיבנ־רעריקע ליכט פון אונדזער קינסטלערישן עמעס, דורכגעפלאָכטן מיט דער רויטאַרמייאישער, פאַרבלוטיקטער ווירקלעכקייט. די נאַכט־ און טאָג־דערציילונג דערמאָנט אָן אַלט־יידישן „ויהי אור" און „לא אמות כי אחיה" רעדט שוין פאַר זיך אַליין מיט אַן אַלטן און מיט אַ נייעם יידישן קאָל, מיט אַריינגעביסנקייט און אַריינגענעגלטקייט אין לעבעדיקן לעבן. דער־פאַר איז נישט קיין וואונדער וואָס אין מיטן קריג האָט בערגעלסאָן אָנ־געשריבן די דראַמאַטישע פּאָעמע „פּרינץ רואוויני", אין וועלכער ער קליידט אָן אין קינסטלערישן בלוט און פלייש אַ גרויסע יידישע פרייהייט־זוכערישע פיגור, אַ פיגור וואָס האָט זיך באַוויזן אין שווערע צייטן פאַר אונדזער פאָלק און וואָס האָט בעשאַטוי אויפגערודערט די יידישע און נישט־יידישע וועלט מיט זיינע דרייסטע אָנשטרענגונגען לעטוויועס אַ נאַ־ציאָנאַל־טעריטאָריאַלן, קעמפערישן ווידעראויפקום פון אַ יידישער מעלו־כעשאַפט.

דאָס טיף־יידישע און דאָס פּאַטריאָטיש־סאָוועטישע האָט זיך אי־
בערגעפלאָכטן בא אַלע איבעריקע שרייבערס. עס האָט אַ שפּאַר געטאָן

דער סאָוועטיש־יידישער „שפוך המתך", וואָס האָט זיך אַ ריזל געטאָן אין די דערציילונגען פון ניסטערן, אין פעפערס „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", אין מאַרקישעס „פאַר פאָלק און היימלאַנד", אין פינינבערגס „אין ריזיקן פייער", אין פאָליאַנקערס מאָנאָלאָגן און אין דעם גאַנצן פאַר־שיידנאַרטיקן, דונערדיק־און־בליצנדיקן שאַפן פון די איבער צוויי הונ־דערט סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע האָבן כאַלעפדיק, יידישדיק און סאָוועטיש אַ שנייד געטאָן מיט זייער וואָרט.

אָבער נישט בלויז מיט זייער וואָרט האָבן זיי געשניטן. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט זייער בלוט דערפילט אַשער שוואַרצמאַנס געבאָט און איז געוואָרן רויטאַרמייאיש. נישט נאָר די ליטעראַטור נאָר די שרייבער גופא האָבן ווי אָנגעגריפענע בינען אַוועקגעלייגט זייער האָניק־אַרבעט און אַ טראָג געטאָן זיך צום פראָנטפייער מיט אָנגעצילטע גיפטשטעכער.

אַלע, פון בערגעלסאָנען ביז צו דער סאַמע יינגסטער — דאָרע כיי־קין — זיינען געקומען אַף די פראָנטן, און אַ סאַך פון זיי האָבן אָנגעזויגן מיט זייער קאָמפּסבלוט די פאַרסאַרפּעטע, רויטאַרמייאישע ערד. אַרום אַשער שוואַרצמאַנס בלוטפלעק, וואָס האָט געלויכטן 20 יאָר אַפן שאַר־בלאַט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן זיך באַוויזן נייע בלוטפלעקן. די פרישטריפנדיקע טראָפּנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן און דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט איז אַרומגעזוימט געוואָרן אַרום און אַרום מיט אַ שנור רויטאַרמייאיש בלוט.

און אַזוי וועלן זיי שוין בלייבן באַ אַלעמען אין זיקאָרן די יונגע יאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד: נישט צווישן לע־דערנע טאָוולען, נישט צווישן גאָלדגעשטיקטע איינבונדן, נאָר צווישן רויטאַרמייאישן שלאַכטבלוט פון יידישע פּאָעטן...

וואָס פאַר אַ ליטעראַטור?

ווען דער פּרימיטיווער אורמענטש האָט נאָכן אָפּשינדן אַ דערשטאָבענעם ווילדטיר, אָדער נאָכן צעמאָלן צווישן זיינע קינבאַקן אַ בלוטיקנדיקע שטיק בופלאָקספלייש, אָדער נאָכן אָפּשניידן דעם קאָפּ פון זיינעם אַ סוינע, דערפילט אַ נויטווענדיקייט אויסצודריקן זיינע געפילן, האָט ער אָפּגעבראָכן אַ שפּיץ האָרן פון אַ הירשקרוין, אָדער האָט אַרויסגעריסן פון זיין האַלדזבאַנד אַ שניידצאָן פון אַ שאַקאַל, אָדער האָט פאַרשניצט אַ פלאַכן שטיין און גענומען קריצן מיט אים אויף די ווענט פון זיין הייל סצענעס פון יאַגד און פון מילכאָמע. די דאָזיקע אומבאַהאָלפענע קריצערייען, עלטערע פאַרן אַלעף-בייס און פאַר דער הערער־אָגליפן-שריפט, זיינען אומבאַדינגט געווען ליטעראַטור, ווייל יעדער אויסגעקריצטער שטריך האָט אויסגעדריקט דאָס אינטענסיווע לעבן, דעם מעאוויעמדיקן געראַנגל פאַרן קיעם און די טיפע נאַטורפרייד.

ווען מיט צענדליקער טויזנטער יאָרן שפּעטער, אין 20טן יאָרהונדערט, האָט אַן איינגעמאַרינירטער, בלאַסבלוטיקער דיכטער, מיט זיינע אומנוצלעכע נעגל און סטיליזירטער האָר־צעשויבערטקייט, נאָכן פאַרטאַכלעווען זיין שלאָפלאָזיקייט אין אַ נאַכטלאָקאַל און נאָכן אָנפילן זיין האַרצשמאַרציקע פּוסטקייט מיט אַלקאָהאָל, רויך און פּערפומירטן לייבשווייס, גענומען פאַרטאָג זוכן דעם פאַרנאַס-וועג צום ווייטן אָלימפּ, פּלעכטן באַלאַדנמעסיקע שטוסערייען און שניידן קופּאָנעם פון דער לעוואָנע, ווי איציק פעפער האָט זיך אויסגעדריקט, איז ד אָ ס וואָס ער האָט געשריבן נ י ש ט געווען קיין ליטעראַטור, נישט קוקנדיק אויף

די געקרייזלטע ווערטער, אַף זיינע נעשאָמע־ספּאַזמעס און אַף זיין אַקראַ־באַטישער פּאָעטיק.

אין ערשטן פאַל האָט דער פּרימיטיוועו מענטש, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין אַלעף־בייס, אויסגעדריקט זיין לעבן און זיין קאַמף און עפּ־שער אויך סקיצירט זיין האָפענונג צו טויטן נאָך אַ באַיע־ראָע און צו פאַרניכטן נאָך אַ סוינע, קעדיי צו מאַכן פרייער זיין לעבן. בעיס אין צווייטן פאַל האָט אַן איבעריקער מענטש, אויסער דער צייט און אויסער דעם לעבן, אויסגעיאָמערט אַף אַ סופּער־ראַפינירטן אופן זיין דעקאַדענץ און זיין נישטיקייט.

אין אַלע צייטן און בא אַלע פעלקער איז ליטעראַטור געווען דאָס דורכגעלעבטע לעבן, אויפגעשניטן דורכן קינסטלערישן וואָרט. ליטעראַ־טור איז געווען דער עמעס אַרויסגעבראַכט דורך שיינקייט, דער שיין־פאָר־מולירטער עמעס, אָדער דער סינטעז צווישן זין און שיינקייט. מען האָט אויך געשאַפן מאָדערנע און פאַלשע טעאָריעס וואָס האָבן געזאָגט אַז דער סינטעז צווישן אומזין און שיינקייט איז אויך ליטעראַטור, אַבי שיינקייט. דאָס זיינען געווען די פאַרשיידענע ליטעראַטור־טעאָריעס וואָס זיינען גע־לעגן אין איין וויגעלע מיטן פאַשיזם. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז פון דער קאָמבינאַציע צווישן אומזין און שיינקייט, געווינט שטענדיק דער אומזין, וויפל מען זאָל אים נישט באָדן אין שיינקייט. אין אַזאַ פאַל ווערט דער אומזין קיין מאָל נישט שענער, אָבער די שיינקייט ווערט אַלע מאָל אומזיניק. עס זיינען אויך געווען טעאָריעס, אַז ליטעראַטור קען זיין אַ סינטעז צווישן זין און אומשיינקייט — דאָס איז דער ברוטאַלער, רויער נאַטוראַליזם, וואָס גרענעצט מיט עקל און מיט ליטעראַרישער פּאַטאָ־לאָגיע.

עס איז, בעביין, קלאָר וואָס עמעסע ליטעראַטור איז. די גרויסע ליטע־ראַרישע ווערק פון אַלע צייטן האָבן אַף אַן עסטעטישן וועג געזוכט אַ זין, אָדער געפּרואווט פאָרמולירן דעם עמעס פון זייער צייט. דער זין פון לעבן און דער עמעס פון אַלע צייטן האָט זיך געפונען שטענדיק אין סאַמע מיטן פון געראַנגל צווישן די אוראַלטע באַגריפן „גוטס" און שלעכטס", וואָס האָבן איצט אַנדערע מאָדערנע נעמען. איידער עס איז אויפגעקומען דאָס אַבסטראַקטע דענקען און די באַגריפן פון מענטשלעכן קאַמף אין דער־גרייכן אַ בעסער לעבן, און די דיאַלעקטישע שייכעסדיקייט צווישן דער־

שיינונגען, האָט דער אינטעלעקט פון פרימיטיוון מענטשן אָפּגעגעבן די הויפּטראָל אין דאָזיקן געראַנגל דעם פאַטום, דעם גורל, דער באַשערט-קייט, דער האַשגאָכע. פון דאַנען די פאַרשיידענע מיטאָלאָגיעס, די גאָט־אינטערווענצן אין די מענטשלעכע איניאָנים און די שפּעטערדיקע פאָלקס־עפּאָסן וועגן נאַציאָנאַלער גרויסקייט און וועגן איבערנאַטירלעכער פּער־זענלעכער העראָאישקייט. שטענדיק, אָבער, און אין אַלע אַלטערטימלע-כע ליטעראַטורן, סיי אין דער יידישער, סיי אין דער עגיפּטישער, סיי אין דער באַבילאָניש-אַסירישער, סיי אין דער פּערסישער, סיי אין דער אַלט-כינעזישער, סיי אין דער גריכישער הערן נישט אויף צו עקזיסטירן די דאָזיקע 2 גרונטבאַגריפן פון גוטס און שלעכטס און דער איקער — דער פּרינציפּ פון ק א מ ף, פון אייביקן געראַנגל צווישן די דאָזיקע 2 קויכעס. אין די אַלטערטימלעכע ליטעראַטורן זיינען די דאָזיקע 2 קויכעס סימבאָליזירט דורך גייסטער און דורך געטער, וואָס זיינען אָבער נישט מער ווי באַקוועמע פאַרקערפּערונגען פון דעם וואָס עס קומט ווירקלעך פאָר אין לעבן. שפּעטערצו, ווען דער מענטש האָט גענומען אונטערדריקן זיין מיטמענטשן, ווען די מענטשלעכע אַרבעט איז געוואָרן אַן אַרטיקל פון רויב, פון פּרום־לעגאַליזירטער גנייווע און פון שקלאַפּעריי, האָט דער דאָ־זיקער קאַמף פאַרלוירן די כאַראַקטעריסטיק פון געטלעכע אייפּערזוכטן, ליידנשאַפטן און רייסערייען און האָט אָנגענומען פאָרמען פון מענטשלע־כער באַפרייאונג און סאָף-קאָל-סאָף זיך אַריינגעפּאַסט אין אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס, וואָס צילן צו דער פולשטענדיקער באַפריי־אונג פון דער מענטשהייט.

דער זין פון די באַגריפן „גוטס" און „שלעכטס" האָט עוואָלוציאָ־נירט בעמעשעך פון טויזנטער יאָרן און איז דערגאַנגען צו אונדזער צייט: דאָס שלעכטס איז געוואָרן אַ סאַך בלוטיקער און שלעכטער ווי אַמאָל, אָבער דאָס גוטס איז געוואָרן קליגער און קאַמפּשלאָגיקער. דער מאָדער־נער נאָמען פון די דאָזיקע 2 אייביקע מענטשלעכע באַגריפן איז פּאַשיזם און אַנטיפּאַשיזם. עס איז די טעזע און די אַנטיטעזע, אָבער צווישןביידן קען נישט עקזיסטירן די העגעליאַנישע סינטעזע. נישטאָ אַזאַ מין זאַך. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען עס הויבט זיך אָן צו דערנענטערן דער ענדגילטי־קער קאַמף צווישן דער טעזע פון גוטס און דער אַנטיטעזע פון שלעכטס, און איינע פון די ביידע וועט מוזן אומקומען. די אַנטוויקלונג פון מענטש-

לעבן גייסט און פון דער מענטשלעכער עטיק ווייזט, אַז אומקומען וועט דאָס שלעכטס, מעג עס זיך אַפילו שטעלן מיט די העלנער אַראָפּ און מיט די קאָפּעטעס אַרויף. קען זיין, אַז אין אונדזער צייט וועט פאַרענדיקט ווערן דער צענדליקער-טויזנטער־יאָריקער קאַמף צווישן די דאָזיקע 2 אור-באַגריפן און אַז פון אונדזער צייט זאָל זיך אָנהייבן דער צייטאַלטער פון גוטס, דער גרויסער עפּאָס פון מענטשלעכן גליק.

שטעלט זיך איצט די פראַגע: וועלכע דאַרף זיין די שטעלונג און די איינשטעלונג פון שרייבער ביכלאַל און פון יידישן שרייבער ביפּראַט, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען, ערעוו די דאָזיקע אַנטשיידונגען?

שוין אין יאָר 1933 האָבן די וואָס רעפּרעזענטירן דעם קולטור־באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט און פּאַרקערפּערן דעם הייגטצייטיקן וועלטגייסט, דערפילט, אַז דער שווער-פּאַרהאַרעוועטער אינטעלעקטועלער פאַרמעגן פון 2 טויזנט מיליאָן מענטשן און 3 טויזנט יאָר ציוויליזאַציע איז אין געפאַר; אַז די קולטור ווערט דורכן פאַשיזם געשלעפּט צו דער טליע; די זעלבע קולטור, וואָס איז קערנדל צו קערנדל אויפגעזאַמלט געוואָרן דורך יאָרהונדערטער און איז מעסירעס-נעפעשדיק דורכגעטראָגן געוואָרן דורך אַלע אָבסקוראַנטיזמען, אויטאָ-דאַ-פעען, רויבערייען, אַבסאָלוטיזמען, טיראַניעס, מיטאַלטערס און שכיטעס, קעדיי צו סינטעטיזירן איר שוואונג אין גרויסן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי די קולטור איז דער זע־כוש פון דער מענטשהייט, צילט דער פאַשיזם קוידעם־קאָל אין דער קולטור, קעדיי בלינד צו מאַכן די פעלקער.

עס איז דעריבער געוואָרן קלאָר, אַז אויך די קולטור מוז זיך באַוואָפענען, אַז צו אירע ספּעציפישע פונקציעס מוז צוקומען נאָך איינע: מיליטאַנטישקייט, בעלינגעראַנץ. עס איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז דער ביאָלאָגישער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס שטעקט אין יעדן לעבעדיקן וועזן, מוז איינגעפלאַנצט ווערן אויך אין דער קולטור, אָבער נישט אין דער פאָרעם פון אַן אינסטינקט, נאָר פון אַ באַוואוסטזיניקן פּאָסטולאַט.

דעריבער זיינען פון 1934 ביז 1937 פאָרגעקומען 6 גרויסע וועלט־קאָנגרעסן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער קולטור, אַריינגערעכנט אונדזער ערשטן יידישן קולטור-קאָנגרעס, אַף וועלכן עס איז געשלאָסן געוואָרן

אַ דעפענסיווער וועלטפּאַקט פאַר אונדזער מאָדערנער יידישקייט און פאַרן פּראָגרעסיוון אינהאַלט פון אונדזער קולטור.

צוויי אָרגאַניזאַציאָנעלע אייגנשאַפטן האָבן אָבער געפעלט דער קולטור פאַרן פאַשיסטישן קריגסקלאַפּ: די אינערלעכע איינִיקייט פון אַלע קולטור-פאַקטאָרן אין דער קולטור־ספערע אַליין און די דרויסנדיקע סאָלידאַרישע איינִיקייט פון דער קולטור מיטן סאָציאַלן קאַמפּס-באַוואוסטזיין פון די פעלקער.

די מאָביליזאַציע פון די קולטור-קויכעס אַף די קאָנגרעסן איז געווען אַ פראַגמענטאַרישע און אַ קורץ־דויערנדיקע און האָט זיך דאָס ראָוו געמוזט באַגנוגענען מיט רעטאָרישע מאַנעווערס אין אומבלוטיקן וואָרטגעפעכט, ווייל די פּאָליטישע רעאַקציע איז געווען וואָך און דער איקער ווייל צו פיל קולטור-טוער און שרייבער האָבן פאַרטיידיקט זייער אומפּאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטערן אויסרייד אַז זיי פאַרטיידיקן זייער שעפערישע „אומאָפּהענגיקייט”.

„אומאָפּהענגיקייט” איז געוואָרן און איז נאָך ביז היינט צו טאָג דער לייטישער טערעץ, דער גרויסהאַלטערישער סינאָנים פון אַכראַיעסלאָזיקייט, פון דרייען מיטן צונג, פון אָפּנאַרן זיך אַליין, און פון נישט דאַרפן אָננעמען אַ קאָנסעקווענטע, איינהייטלעכע שטעלונג צו די בלוט־פּראָבלעמעס פון דער איצטיקער שאָ. די שיינגייסטער און די גייסט־אַפּעריסטן האָבן געוואָלט זיין אין זייער שאַפן און אין זייער קולטור-אַקטואַציע „פריי ווי דער פויגל”, אָבער זיי זיינען געבליבן בלויז נאַריש און קורצזיכטיק ווי דער פויגל.

די דאָזיקע „פרייהייטלעכע” פויגל-דעגראַדאַציע פונעם שעפערישן מענטשן, דאָס דאָזיקע נאַרישע וועלן זיין מיט גוואַלד „אומאָפּהענגיק” און אָפּגעריסן פון יעטווידער קאָאָרדינירטער וועלט־אָנשויאונג, פון יעטווידער הומאַניסטישער דיסציפּלין, פּאָנים־על־פּאָנים מיט דער אויסגעדרעסטירטער צירקקולטור, פון אָנגרייפנדיקן פאַשיזם, וואָס האָט גראָד זיך געשלייכט צו זיין געניטן, פינצטערן ציל מיט דער פרעציזקייט פון אַ זייגער־אויטאָמאַט, האָט אַ באַדייטנדיקן כייִלעק אין גרויסן וועלטבראָך און אין דער גייסטיקער אימפּאָטענץ פון די פעלקער אין די ערשטע מילכאָמע־יאָרן.

אינעם אַרסענאַל פון דער פינפטער קאָלומנע האָט די דאָזיקע גע־

קינצלטקייט און אומאָרנטלעכע מידע פון קראַנקהאַפטער „אומאָפּהענגי־קייט״ פאַרגעשטעלט מיט זיך איינעם פון די ווירקזאַמסטע אַנעסטעזיע־מיטלען, איינעם פון די „אומשולדיקסטע״ אָפּיום־פּרעפּאַראַטן, מיט וועלכע דער פאַשיזם האָט פאַרשלעפּערט די קולטור־וואַכזאַמקייט פון די פעלקער.

קיין שום געזונטע קולטור קען זיך נישט באַגיין אָן אַ גרינטלעכער וועלט־אָנשויאונג און אָן אַ קלאָרער שטעלונג צום וועלט־סיידער, ווייל קיין שום קולטור איז נישט קיין איזאָלירטער, מאַגישער כאָלאָל, נאָר אַ סובלי־מירטע אָפּשפּיגלונג פון די אַלגעמיינע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פאַרהעלטע־נישן. די קולטור, אויב זי וויל נישט בלייבן ביי איר אַבסורדאַלער, נאַקע־טער „פויגל־פרייהייט״, מוז זיין דער קינסטלעריש־אינטעלעקטואַלער אויס־דרוק פון די סאָציאַלע פאָלקס־אידעאַלן; מוז פאָרמולירן אַף אָן עמאָציאָ־נעלן אופן איר געזעלשאַפטלעכן אומרו און פאַרשטעלן מיט זיך די ערנ־וואַך פון דער בלוטיק־פאַרהאָרעוועטער פרייהייט.

אין דער דאָזיקער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט צווישן קולטור און פאָלק שטעקט די עמעסע אומאָפּהענגיקייט פון אינטעלעקטועלן שאַפן און פון דאָזיקן סימביאָז וואַקסן ארויס די עמעסע נאַציאָנאַלע גרונט־עלעמענטן פון יעדער פאָלקסקולטור. ערשט נאָך דעם ווי דאָס טיף־מענטשלעכע וועט אייזן־פעסט פאַרזיכערט ווערן אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד, וועלן גע־שאַפן ווערן די באַדינגונגען פאַר דער אויטענטישער „פויגל־פרייהייט״ פון שעפערישן מענטשן. די דאָזיקע פרייהייט וועט דאַן פאַרלירן איר פויגל־שע טיפּשעס און געווינען איר מענטשלעכן מאַיעסטעט.

יעדער אָרנטלעכער שרייבער און קולטור־מענטש וואָלט געדאַרפט גע־דענקען די ווייטערדיקע ווערטער, וואָס דער גרויסער, נישט־לאַנג פאַר־שטאָרבענער פראַנצויזיש־יידישער שרייבער זשאַן־רישאַר בלאָך האָט גע־זאָגט אָפן שרייבער־קאָנגרעס פון 1937, אין קעמפנדיקן מאַדריד: „אָן אינטעלעקטואַל איז שטענדיק אַ מענטש פון לינקס; שרייבן אָן פאָלק איז שרייבן קעגן אים, קעגן דעם מענטשלעכן קלאַל און, אין אַ געוויסן זינען, קעגן זיך אַליין״.

דער ווײַנעשרײַ פֿון דער וואָלגע

I

אַ קלײן יאָסעמל, אַ פֿאַרלוירן שטויבעלע אַף די ברעגעס פֿון אַ גרויסן וואַסער, וואָס זעט אויס ווי אַ פּליסיקער סטעפּ, — גאָרקי אַף דער וואָלגע...

אַף דער וואָלגע האָט זיך פֿאַר אַלעקסעיושקען אַנטפּלעקט די וועלט, די בייזע, די רוגזעדיקע. עס זײַנען געגאַנגען יאָרן פֿינצטערע און קויטיקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, אָנגעפּילטע מיט בורלאַקישן פּײַן און מיט שטאָטישער נויט. פֿון ווײַטן האָבן געגלאַנצט די גאָלדענע קופּאָלן און די איקאָנעס, דער סאָכרישער אַטלעס און דער קולאַקישער פּעלץ, אָבער פֿון נאָענטן האָט געבוישעכט די אָרעמע כאַטע, דער פֿינצטערער בוידעם און די שאַרסטיקע רובאַכע. די פּאָליציייִשע נאַהייקע האָט געהיט דעם צאַרישן קאָוועד און די קייטן האָבן אויסגעקלונגען די וויזיע פֿון סיביר.

דער יעסוימישער גורל האָט אַרײַנגעוואָרפֿן גאָרקין אין וויר־וואַר פֿון דאָזיקן לעבן. גאָרקיס דורשטיקער אינטעלעקט און קינדערשער געמיט האָבן אַרײַנגעזויגן אין זיך די אַלע ווײַטיקדיקע דערפֿאַרונגען און אָנגעגעסן זיך מיט טיפֿן און געשעעֵנישן. דאָס ייִנגל איז, אַזוי צו זאָגן, געוואָרן עלעקטריפֿיצירט מיט הויכער סאָציאַלער שפּאַנונג, וועלכע ער האָט אויסגעלאָדן שפּעטער, אין אַ געלײַטערטער פֿאָרעם אין זײַנע ווערק. ווי גאָרקי דריקט זיך אַלײן אויס אין „מײַנע אוניווערסיטעטן”, האָט ער זיך געפּילט צווישן די דאָזיקע אַלע בראָדיאַגעס, וואַגאַבונדן, שיקורים, ציניקער, לערניונגען, טאָג-אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און רעוואָלוציאָנערן, ווי אַ

שטיק אייזן צווישן אָנגעגליטע קוילן, אין דאָזיקן פייער איז ער אַליין געוואָרן אָנגעגליט און גענומען פאַרשטיין און ליב האָבן דאָס לעבן.

אַף אַן אויטאָדידאַקטישן אופן האָט זיך גאָרקי דערגראָבן צו די אויטענטישע גאָלדרייכע טיפענישן פון דער רוסישער פאָלקס-נעשאָמע, וואָס האָט זיך געשטיקט און געוויייטיקט אין וואַרשטאַט, אין פעלד, אַף דער טראַטווע און אַפן שיפל. ער האָט געגעבן אַ פולבלוטיקן קינסטלערישן טיקן דעם ווייגעשריי, וואָס די וואָלגע האָט געטראָגן אַף אירע ראַבוועסדיקע וואַסערן פון ניזשני-נאָווגאָראָד ביז אַסטראַכאַן.

דער פולווערטיקסטער אָנהייב פון גאָרקים שריפטשטעלערישער טעטיקייט פאַלט צונויף מיטן געבורט פון אונדזער יאָרהונדערט און ווערט ספּעציעל יאָדערדיק און שאַרף אינעם יאָרצענדליק וואָס ענדיקט זיך מיטן אָנהייב פון דער וועלט-מילכאָמע.

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די דעפּעטיסטישע שטימונגען און דער איבערגעטריבענער ייעש האָבן זיך אויך אריינגעריסן אין דער ליטעראַטור און פאַרפּלייצט זי, ווען די בעלעטריסטיק האָט גענומען אַנטלויפן מיילנווייט פון בלוטיקנדיקן לעבן, ווען אין דער ראָמאַנען-ליטעראַטור איז געוואָרן אַ מאָדע אַף אַרציבאַשעווס זיסלעך-עראָטישע סיוזשעטן, באַפּעפּערטע מיט ראַפינירטן זנוס, ווען אַפילע אַזוינע ווערטפולע שרייבער ווי אַנדרייעוו און ווערעסאַיעוו האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ טעמפּן ווינקל און ווען אַפילע דער גרויסער טאָלסטאָי האָט זיך געגריבלט אין זיינע לעצטע טיף-ערלעכע, אָבער, אין גרונט גענומען, פרוכטלאָזע זוכענישן און בלאָנדזשענישן, איז גאָרקי געווען דער איינציקער, וואָס איז ווי אַ „סאָקאָל” געפלויגן איבערן געזעלשאַפטלעך-ליטעראַרישן געמויזעכץ און אַראָפּגעדונערט מיט זיין וואָרט, דאָס גרויס-רוסישע, טיפהאַרציקע וואָרט פון די וואָלגע-מענטשן, דאָס וואָרט וואָס האָט אויך אָפּגעהילכט אין די זיידענע, סאַמעטענע און פּליושענע סאַלאָנען, און וואָס האָט זיך אריינגעגעבערט אומעטום מיט זיין נאַקעטן און בלוטיקן עמעס.

II

אַרום פערציק יאָר האָט זיך אין גיגאַנטישן רוסישן קעסל „גע־
טאָכט” די רעוואָלוציע. ווען דאָס געקעכץ איז נאָך געווען רוי און אָן אַ

טאָם, האָט דאָס פאָלק אַרויסגעגעבן פון זיך, קימאַט אין איין און דער זעלבער צייט צוויי מערקווירדיקע מענטשן: לעניןן און גאָרקי, דער פּאָליטישן פירער און דעם ערשטן אינזשעניער פון דער רוסישער פאָלקס־נעשאָמע.

דער אוואַנטוריסטישער קאַמף קעגן צאַריזם, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך, ביז דאַן, מיט זיין אַנאַרכיסטישער צעפּאַטלטקייט און צעבראָשטשעטקייט, טרעט ביסלעכווייז אָפּ זיין אָרט דער פּלאַנמעסיקער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק פון לענינס גרופּע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די ליטעראַטור, פון איר זייט, וואָס האָט געלעבט מיטן ווייטן אָנדענק פון פּושקינען און לערמאָנטאָוון און מיטן נעענטערן פון דאָסטאָיעווסקין און טאָלסטאָיען, איז געוואָרן סטראַטיפיקירט, פאַרהילצט און געגעבן דעם אומווירדיקן קאַצנשפרונג צו אַרציבאַשעוון. גאָרקיס וואָרט האָט רעהאַביליטירט די רוסישע ליטעראַטור און איר צוגעגעבן דעם כיין אין וועלכן זי האָט זיך געניימיקט און פאַרוואַנדלט זי אין אַן אומדירעקטן געווער קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם.

עס איז מערקווירדיק, ווי דער פּאָליטיקער און ליטעראַט האָבן זיך פון ערשטן מאָמענט אָן פאַרשטאַנען און פאַרוואַנדלט זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען אין אַ מאַגנעטאַרטיקער פריינטשאַפט, וואָס איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. די פאַרבליבענע דאָקומענטן פון דער דאָזיקער אינטימער פריינטשאַפט — די הונדערטער בריוו, וואָס ביידע האָבן זיך געשריבן, באַווייזן מיט וויפל מוט און ליבע ביידע טיטאַנישע מענער האָבן באַטראַכט זייער שוטפעסדיק ווערק, וואָס איז געווען, פאַר יעדן איינעם פון זיי, בלויז פאַרשיידן אין דער פאָרעם.

גאָרקיס וואָרט איז געווען אַזוי פריש און עכט, אַז אויסערגעוויינטלעך שנעל זיינען זיינע ווערק באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע. די סטודענטישע יוגנט און אַפילו די קליינבירגערלעכע סנאָבן זיינען געווען פאַרליבט אין זיין יונגן פּויערשן פּאָנים, אין זיין דאָרפישער העמד, אין זיינע וואָכטענע שטיוול. עס איז אין יענע צייטן געווען פּאָפּולער אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם יונגן גאָרקין און דעם גרייז־גראָען טאָלסטאָיען, שפּאַצירנדיק אין פּאַרק פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. די שטורמדיקע יוגנט, וואָס איז געווען, אין איר מערהייט, ראַדיקאַליזירט, האָט

מיטן פאַרשפּרייטן דאָס דאָזיקע קאַרטל, געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז טאָלסטאָי האָט אַ ווירדיקן יורש.

קורץ פאַר גאָרקיס טויט, האָט די גאַנצע אינטעלעקטועלע וועלט זיך איינגעשטעלט, אַז דער רום פון גרויסן רוסישן שריפטשטעלער זאָל סאַנקציאָנירט ווערן דורכן נאָבעל־פּריז. אומעטום איז מען געווען זיכער, אַז אַזוי וועט געשען, אָבער די שוועדישע שטרויענע אַקאַדעמיקער, אונטערן דרוק פון אַנטיסאָוועטישער פּאָליטיקעריי, האָבן דעצידירט אַנדערש. נאָך מער, זיי האָבן געמאַכט אַ קליינלעך־קינדישע דעמאָנסטראַציע קעגן גאָרקין, אָפּגעבנדיק דעם פּריז טאַקע אַ רוסישן שריפטשטעלער, דעם פאַרגעסענעם, פאַרשטויבטן עמיגראַנט בונינען, וואָס האָט געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער וואָס אין פאַרגלײַך צו גאָרקין, באַציט זיך זיין אינטעלעקטועלער געוויכט, אַזוי ווי איין גראָם צו הונדערט קילאָ.

די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט, מיטן דאָזיקן אַקט, נישט געוואָלט פּרעמירן בונינען, נאָר ספּעציעל אונטערשטרייכן, אַז זי פּרעמירט נישט גאָרקין.

די ליטעראַטור־געשיכטע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעלאַכט פון די שטאָקהאָלמער ליטעראַרישע מומיעס.

III

גאָרקיס קינדעריאָרן האָבן דעם דיכטער נאָך באַם לעבן איבערגעלאָזן אַ פּראָלעטאַרישע ירושע: קראַנקע לונגען, וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג געמוזט קורירן אויף דער איטאַליענישער ריוויערע.

ספּעציעל לאַנג האָט ער זיך געמוזט אָפּזונדערן פון האָטנפאַרבאַנד, נאָכן זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָבער די פּאָספּאָריסצענץ פון זיין נעשאָמע האָט אָפּגעגלאַנצט אין די טיפסטע שיכטן פון באַפרייטן פאָלק. די אַלע בראָדיאַגעס און וואַגאַבונדן זיינען אין בירגערקריג געוואָרן רויטע פאַרטיזאַנער און אין דער פרידלעכער אַרבעט: שלאָגלער, שמידער, אייזנגיסער און קאָלכאָזניקעס. אין די הערצער פון די דאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן אַן אייגענעם פּאָנים און באַדעכטיקט זייער עקזיסטענץ, האָט געפּלאַקערט דער סאַמע לויטערסטער ליבע־פייער צו זייער באַזינגער און טרובאַדור. גאָרקי איז געוואָרן אַ ספּע-

ציעלער באַגריף און אַ ספּעציפישע דערשיינונג אינעם נייעם סאָוועטישן געדאַנקען־גאַנג. אין די סאָוועטישע געמיטער איז דער באַגריף גאָרקי איינ־קרוסטירט געוואָרן צוזאַמען מיטן באַגריף לענין. דער ערשטער באַגריף האָט געגלעט און דער צווייטער האָט געוואַרעמט.

אין די קינסטלערישע קרייזן איז גאָרקי געוואָרן דער גרויסער וועג־ווייזער, דער לויכטנדיקער מיטלפּונקט פון די סאָוועטישע ליטעראַרישע קאָנגרעסן, דער לעבעדיקער איידעס פון דעם וואָס איז געווען און וואָס וועט זיך שוין מער נישט אומקערן, די איינציקע גרויסע רעליקוויע פון דער פאַרהאַסטער פאַרגאַנגענהייט.

אַ ספּעציעלע פיעטעט האָט צו אים אַרויסגעוויזן דער וועלט־באַרימטער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער פון סטאַניסלאַווסקין, וואו עס זיינען מייסטערהאַפט דראַמאַטיזירט געוואָרן אייניקע פון זיינע ראָמאַנען. דאָס אַרטיסטישע יונגוואַרג און דאָס ברייטע טעאַטער פּובליקום האָט זיך פּאַשעט געשפּיגלט אין זיין הויכער אַסקעטישער פיגור און געזען אין אים דעם סימבאָל פון זייער נייער וועלט.

IV

אין יאָר 1936 איז גאָרקי וויסנשאַפטלעך געטויט געוואָרן דורך דער שפּיאָנען־באַנדע, וועלכע איז שפּעטער אויפגעדעקט און אויסגעבערענט געוואָרן ווי אַ פינטל ווילדפלייש. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז צוזאַמען מיט די גרויסע שאָדנס וואָס די סאָנים האָבן געפּלאַנט אָנצוטאָן, האָט אויך גאָרקי געדאַרפט פאַלן און איז געפאַלן ווי אַ קאָרבן. מער פון אַלע האָבן די דאָזיקע דעגענעראַטן געציטערט פאַרן האַרצקלאַפּן און פאַרן בליק פון מאַקסים גאָרקין, וואָס האָט פאַרקערפּערט דעם וויברירנדיקן, קריש־טאָלענעם פאָלקסגעוויסן, דעם מירמלזייל פון דער סאָוועטישער קונסט און דאָס הייליקטום פון דער רעוואָלוציע.

גאָרקי האָט דערלעבט צו הערן, ווי אַזוי דער ווייגעשריי פון דער וואָלגע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הימן פון אַרבעט און פרייהייט, אָבער ער האָט שוין נישט דערלעבט צו הערן דעם גרויזאַמען ווייגעשריי: פון גוואַלדאַלקיוויר, פון דער סענע, פון דער ווייסל, פון דונאַי, פונעם דאָן. די סאָוועטישע יוגנט האָט אויסגעגאָסן עטלעכע וואָלגע־טייכן מיט

בלוט, קעדיי די ווייגעשרייען, וואָס טראָגן זיך פון אַלע געשענדטע טייכן און יאַמים, זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין גרויסן מעכטיקן הימן פון אַלע אַרבעטנדיקע און אונטערגעדריקטע.

דער דאָזיקער הימן וועט פריער אָדער שפּעטער געזונגען ווערן אויף אַלע ברייטן און לענגען פון דער וועלט, און אין זיינע סטראָפן וועט פיבערן דער גייסט פון גרויסן דיכטער פון דער וואָלגע.

גאָרקיס רעוואָלוציע

I

מיט גענויע 25 יאָר פריער איידער דאָס פאָלק פון פעטראָגראַד האָט זיך אַריינגעריסן אין מירמלנעם ווינטער־פּאַלאַץ פון די ראָמאַנאָווס אין אָקטאָבער 1917, האָבן גאָרקיס ליטעראַרישע העלדן אָנגעהויבן אויפצוברעכן, אין אָקטאָבער 1892, די געשניצטע טויערן און דעם פּאַראַד־אַריינגאַנג פון דער רוסישער בעלעטריסטיק.

דורך די צעשערבלטע, אויפגעבראָכענע טויערן האָט זיך אַריינגעריסן גאָרקיס פאָלק: די באָסיאַקעס, די באַטראַקעס, די בורלאַקעס, די בראָדיאַגעס, די טשודאַקעס, די קאַצאַפּעס, די כאָכאָלן, די סאָלדאַטן, די מאַטראָסן, די פּריקאַזטשיקעס, די מוזשיקעס און שפּעטער אויך די פאַבריק־אַרבעטער, די קעמפער און די רעוואָלוציאָנערן.

אין דער הייך־געוועלבטער, פּריציש־שאַלוועדיקער און נעשאָמעדיקמיסטישער רוסישער ליטעראַטור, וואו מען האָט געטראָטן אָף זיידענע שפּיצפינגער, האָט אַ קנאַק געטאָן מיט שטיוול־טופּעריי און עס האָט אַ רויש געטאָן אַ באָרוועסער געלאָף. צווישן די גאָלד־געשטיקטע קרינאָלינעס און געקראָכמלטע מאַנישקעס האָט אַ פלאַטער געטאָן די לייזיקע הובאַכע, די צעשפּילעטע קאָפּטע, די לייוונטענע הויזן און די געפלאָכטענע לאַפּטשעס. צווישן פראַנצויזישן געצוויטשער פון צונויפגעצויגענע דאַמען־ליפּעלעך און גאַלאַנטער האַנט־קושעריי האָט זיך אַריינגעריסן דאָס מישע-

ביירעכדיקע, רייעך־ניכויעכדיקע לאָשן פון די קעלערס און דאָס צעפּליוּם־קעטע געריידערײַ פון וועשינס און קעכנס.

אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין וועלכער עס האָט געהערשט דער אויסגעפּוצטער ליגן, האָט גאָרקי אַריינגעפירט דעם אָפּגעריסענעם עמעס. ער האָט איינגענומען די רוסישע ליטעראַטור פאַרן רוסישן פאָלק, פּונקט ווי לענין האָט מיט 25 יאָר שפּעטער דעראָבערט דאָס רוסישע לאַנד פאַר די זעלבע מאַסן, וואָס גאָרקי האָט אָן צערעמאָניעס אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור.

די בורזשואַזיע האָט געקוקט אױף גאָרקיס און אױף לעניִנס העלדן ווי אױף אויסוואָורפן, ווי אױף דער פאַרקערפּערונג פון אויפשטייענדיקן כאַם, אָבער אָט וואָס גאָרקי זאָגט וועגן זיי:

„דאָס זיינען וועזנס וואָס זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן דורך דער עקלהאַפטער אָרגאַניזאַציע פון דער קלאַסן־מעלוכע, וואָס קען נישט עקזיסטירן נישט פאַרגוואַלדיקנדיק קיין מענטשן, נישט דערוועקנדיק אין זיי קינע, בייזקייט, גיריקייט, פוילקייט, עקל צו געצוואונגענער און זינלאָזער אַרבעט, שטרעבונגען צו אַ לייכט פאַרדינסטל, צו ביליקע און געמיינע פאַרגעניגנס, צו אויסגעלאַסנקייט, צו שיקרעס און קאַלערליי געמיינהייטן”.

אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען גאָרקי האָט פאַרשניצט זיין וואַנדער־שטעקן און פאַרוואַנדלט אים אין אַ שרייבערישער פעדער, איז די רוסישע ליטעראַטור געלעגן איזאָלירט ווי אַ קעז אונטער אַ גלעזערנער קולבע. וואָלט כאָטש דער קעז געווען געמאַכט פון קעז, וואָלט שוין נישט אויסגעמאַכט, איז עס אָבער געווען אַ קעז געמאַכט פון הימל־צוואָרעך און נעשאָמע־שמאַנט. אין דאָזיקן קעז האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט מיסטיש־רעליגיעזע ווערעמלעך, מיט אַנטיגעזעלשאַפטלעכע טעאָריעס, מיט ליידנשאַפטן וואָס האָבן געפירט נישט צו קונסט־שעפערישקייט נאָר צו קונסט־אָנאַניזם.

אַ שרייבער ווי מערעזשקאָווסקי האָט געזוכט אַן „אַנדער וועלט”, אַ „דריט מאַלכעס” און עפּעס אַ רעליגיעז־פאַנאַטישע העכערע קראַפט וואָס זאָל באַשיידן די ברענענדיק־רעאַלע רוסישעווירקלעכקייט. לעאָניד אַנדרעיעוו האָט, אַ דערשראָקענער, פּרייוווּיליק זיך פאַרקליבן אין אַ פּסי־

בישער שטייג. ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם, אַז אַלע מענטשלעכע אַנשטרענגונגען זיינען אַרויסגעוואָרפן; אַז די אַכזאָריעסדיקייט פון מענטשלעכן גורל איז אומפאַרמיידלעך; אַז עס איז נישטאָ קיין אויסגאַנג פון די ליידן. דער דאָן באַרימטער פּאָעט באַלמאָנט האָט זיך אויסגעבעט אַ געלעגער אַף ווייטע, אומרעאַלע פאַנטאַזיעס, ווייל דער מענטש איז העסלעך און אַלץ אַרום איז פינצטער און טויט. אַ צווייטער באַדייטנדיקער פּאָעט — סאָלאָגוב, האָט געוואָלט לעבן אין „פאַרקישעפטער שיינקייט" און האָט זיך דערקייקלט ביז צו פריידיקן אויסגעלאַסנקייט און סאַטאַניזם. בריוסאָוו, וואָס איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געוואָרן אַן אַנדער מענטש, האָט נאָך דאָן געזונגען וועגן פאַרגעסנקייט און אָפּגעריסנקייט פון דער קעגנוואַרט, וועגן פאַרלירן דעם אויסקוק צו דער פאַרגאַנגענהייט און די פּערספּעקטיוו צו דער צוקונפט, און אַנשטאָט דעם אַלעמען — לעבן אין אַ לעגענדע. און אַפילו דער גרויסער טשעכאָוו, וואָס האָט נ י ט געטרוימט וועגן פאַרקישעפטקייט און לעגענדעס, האָט זיך באַגנוגנט מיטן אַריינברענגען אין זיין שרייבן, ספּעציעל אין זיינע דראַמעס, די סענטימענטאַלע מעלאַנכאָלישקייט פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַזוי אַנגעמיש אַנגענומען איר גורל, איר געזעלשאַפטלעכע גאָרנישטדיקייט, איר פּרוכטלאָזיקייט אונטער די שוואַרצע אָדלער־פליגל פון צאַרישן רעזשים.

אין דער דאָזיקער בייסוילעמדיקער עסטעטיק, אין וועלכער מען האָט נישט געקענט געפינען אַף אַ רעפּוע דעם פריערדיקן רעאַליזם פון טאָלסטאָיען און טורגעניעוון, אין דער דאָזיקער אַנטיסאָציאַלער, פּעסימיסטישער פאַרשטיקטקייט האָט גאָרקי אַריינגעגאָסן זיין שלאָגסרעגנדיקע פרישקייט. זיין „שטורעם־פויגל" האָט דערשראָקן אַלע פלעדערמייז („פלעדערמויז" האָט געהייסן איינער פון די באַרימטסטע טעאַטערן אין רוסלאַנד), אַלע טשעכאָווס מעוועס, מעטערלינקס „בלאָען פויגל" וואָס איז געווען אַזוי היימיש אַף דער רוסישער בינע, און אַלע אַנדערע באַשעפענישן וואָס האָבן געהאַט פליגל, אָבער וואָס זיינען נישט געווען באַפליגלט...

II

פון זיין פינפיאָריקן עלטער אָן, ווען זיין יעסוימישער גורל האָט אים פאַרטריבן אונטער די קנאָכיקע פינגער פון זיין זיידן, ביז זיין אַלט

וועדן 24 יאָר, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע דערציילונג „מאַקאַר טשודראַ" האָט זיך גאָרקי קערפּערלעך געפּרעגלט אין די שעווע מעדורריי געגנעט פון זיין וואַנדער-לעבן, אָבער גייסטיק האָט ער זיך געברוינט די גאַנצע צייט אונטער די פאָלקספייערן, ווי אונטער אַן עמעסער זון.

זעלטן קומט אוים אַ שרייבער, אַזוי ווי גאָרקין, צו קענען זיין בעמעשעך פון 20 יאָר אַ לערנייינגל באַם לעבן, באַ דער נויט, באַ דער ווירקלעכקייט. זעלטן קומט אוים אַ קינסטלער, אַזוי ווי גאָרקין, צו קענען שרייבן וועגן אַלץ און וועגן אַלעמען אַפן סמאַך פון דער אייגענער שווער-פאַרהאַרעוועטער דערפאַרונג. איינער פון די ווינציקע שרייבער אין דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס האָט עפּשער אַף אַן ענלעכן אויפן „געבידעוועט" ווי גאָרקי, איז געווען דזשעק לאָנדאָן, אָבער ער האָט זיין רייכע דערפאַרונג אויסגענוצט פאַר פיינע אַוואַנטורע-ראָמאַנען, פאַר אַנציענדיקן סיוזשעט, נישט האָבנדיק קיין ספּעציעלן אינטערעס פאַרן מענטשן גופע, פאַר זיין באַפרייאונג, און פאַרן אַרויסשלעפּן אים פון זיין דעגראַדירטקייט.

גאָרקין האָט קוידעם-קאָל אינטערעסירט דער מענטש און ער האָט זיך צו אים געגראָבן, דורך קופּעס שמוץ, ווי צו אַ זעלטענעם מינעראַל. געפינען דעם מענטשן — דאָס איז געווען גאָרקיס גאָלדזוכערישע לייִדנשאַפט און ער האָט שטענדיק געפונען דאָס מענטשלעכע גראָד דאָרט וואו אַלע האָבן געזען דעפיניטיווע שיפלעס און פאַרדאָרבנקייט.

די דאָזיקע איינשטעלונג גאָרקיס האָט אים אויטאָמאַטיש פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין זיין שרייבן האָט גענומען לייכטן יענע אידעיש ליכט, אָן וועלכן עס איז ביכלאַל נישט מעגלעך קיין עמעסע שאַפערישקייט. אַ דאַנק זיינע גרויס-קינסטלערישע, פּאָפּולער-געוואָרענע דערגרייכונגען, האָט ער ליטעראַריש אויפגעטאָן פאַרן רוסישן פאָלק דאָס זעלבע וואָס לענין — פּאָליטיש. זיין ווירקונג אַפן געמיט און אַף דער שטימונג פון פאָלקסמענטש און פון דער פאָלקס-אינטעליגענץ איז געווען פונקט אַזאַ ווי לענינס ווירקונג אַפן באַוואוסטזיין. זיין ראָמאַן „די מוטער", וואָס איז דערשינען אין 1907, גראָד אין אַ צייט ווען די יערידעשטימונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור האָבן נידעריקער נישט געקענט פאַלן, ווייל זיי זיינען שוין געלעגן אַפן סאַמע דעק פון געזעלשאַפטלעכער דעקאַדענץ, איז געוואָרן דאָס באַליבטסטע בוך נישט נאָר פון רוסישן אַרבעטער, נאָר פון גאַנצן אייראָפּעישן פּראָלעטאַריאַט וואָס האָט אין דאָזיקן

ווערק דערזען זיינע העלדן, זיינע אַספּיראַציעס און זיין קאַמף, נישט קוסנ־דיק וואָס ריין קינסטלעריש איז דאָס בוך נישט פון די בעסטע גאָרקיס.

גאָרקיס ליטעראַרישע טעטיקייט האָט אַף אַ קינסטלערישן אויפן געהאָלפן פּאָליטיש דערציען גרויסע טיילן פון רוסישן פאָלק און צוגרייטן זיי עמאָציאָנעל צו די שפּעטערדיקע גרויסע, רעוואָלוציאָנערע פּאַרמעסטן. אין דעם זין איז גאָרקי נישט נאָר אַ גראַנדיעזע ליטעראַרישע פיגור, נאָר אויך אַ גרויס סאָציאַל געווינס פאַרן רוסישן פאָלק. עס קען זיין אַז ווען אין איטאליע, לעמאָשל, וואָלט צווישן די אַלע פּיראַנדעלאָס, ד'אַנונציאָס, פּאַפּינים און מאַרינעטיס געווען כאָטש איין גאָרקי, וואָלט אויך דאָס איטאַליענישע פאָלק דערצויגן געוואָרן צו קענען אויפנעמען, אין געהעריקן מאָמענט, זיין אייגענעם אָקטאָבער און נישט אַראָפּצושלינגען אַזוי לייכט דעם „מאַרש אַף רוים”.

III

גאָרקי האָט אָנגעהויבן זיין שאַפן גראָד אַף אַ ליריש־ראָמאַנטישן שטייגער. כאָטש עס איז אים אויסגעקומען צו זען דעם מענטשן און זיין קליינלעכקייט און פאַרדאָרבנקייט, האָט ער אים, אין באַגינען פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, געוואָלט ווייזן ווי אַ העלד, ווי אַ זיגער, ווי אַ פּראָדוקט פון קראַפט און ווילן, אין העסקעם מיט די רוסישע פאָלקס־לעגענדעס און פאָלקס־עפּאָסן. פון דאַנען די ציגיינערישע דרייסטע פאַרביסנקייט אין „מאַקאַר טשודראַ” און דער אָדלערישער שטאָלץ אין דער „אַלטער איזערגיל”. דער דאָזיקער יוגנטלעכער רעספּעקט פאַר דער פאָלקסשאַפונג, פאַרן פאָלקלאָר, פאַר דער רווישטאָפּיקער, מיטאָלאָגישאַרטיקער ליטעראַטור, אין וועלכער עס ווערט אידעאַליזירט דאָס גוטע און דערהויבענע, האָט גאָרקי אָנגעהאַלטן זיין גאַנץ לעבן און האָט שטענדיק געשיקט די יונגע שרייבער אָפּפרישן זיך און אינספּירירן זיך אינעם נאַציאָנאַלן פאָלקלאָר.

אַ ווייטערדיקער עטאַפּ אין גאָרקיס שאַפן איז דאָס שילדערן באַסיאַקישע און נישט־באַסיאַקישע כאַראַקטערן וואָס קענען זיך נישט אַריינפּאַסן אין די איינגעשטעלטע פאָרמען פון בירגערלעכן לעבן, אַזוינע „וואָס זיינען געבוירן געוואָרן מיט אַ האָלדז, אַף וועלכן עס גייט נישט אַרויף קיין שום יאָך” („קאָנאָוואַלאָוו”, „געוועזענע מענטשן”). אין „וואַרענקאַ אָלע־

סאָווא" ווייזט גאָרקי אַרויס אַ טיפּע קענטעניש פון דער רוסישער בירגער־לעכער אינטעליגענץ און דראַמאַטיזירט דעם בונט פון וואַרענקאַס געזונטע אינסטינקטן קעגן געזעלשאַפטלעך־געפענטעטן לעבנס־סטיל פון רוסישן ערדאָדל.

פונעם שילדערן דאָס אינדיווידועל-בונטאַרישע גייט גאָרקי איבער צום אַנאַליז פון דער קלאַסן-איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט, צום פונאַנ־דערגלידערן איר סאָציאַלע סטרוקטור. זיין יוגנטלעכע פּאַטעטישקייט ווערט אַלץ מער און מער פאַרביטן מיטן דראַנג צו פאָרשן די אַרומיקע ווירקלעכ־קייט און צו זען די אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט ווי אַ בלויזן פּעדעמל אין אַ קאָמפּליצירטן געוועב. עס האַנדלט זיך שוין נישט מער פון דער בלויזער באָסיאַקישער פרייהייט, נאָר פון דעפינירן דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס וואָס פירט צו די שרייענדיקע אונטערשיידן און צו דער אונטער־דריקונג. די העפקערדיקע בונטאַרישקייט ווערט שוין פאַרביטן מיט אַ פּאָזי־טיווער ציל־באַוואוסטזיניקייט, מיט אַ סאָציאַלן אידעאַל. די דאָזיקע נייע איינשטעלונג גאָרקיס קומט דעראיקער צום אויסדרוק אין „פאָמאַ גאָרדיע־יעוו", וואָס איז דער ערשטער, בוילעט-רעאַליסטישער ראָמאַן זיינער.

ווי אַ לאָגישער ווייטערדיקער עטאַפּ אין זיין שאַפן קומט דער ראָמאַן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף „די מוטער", אין וועלכן עס זיינען פאַראַן אַ סאַך גוטע, ענטוזיאַסטישע קאַוואַנעס, אָבער וואו די העלדן מאַכן ערטער־ווייז דעם איינדרוק פון פּערזאָניפיצירטע אידעען. זיין סאָציאַלער פּאַ־טאָס האָט געשטערט גאָרקין צו באַמערקן געניי, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט צו זאָגן, צו שטראָפן און פּאָרויסצוזען שטייגט איבער די אינטעלעק־טועלע מעגלעכקייט פון די פּאַשעטע פּראָלעטאַריער וולאַסאָוו און ריבין און נאָך מער פון דער פּראָסטער, גוטער מוטער. דערפאַר פילט זיך ערטער־ווייז אַן איבערפלוס פון עטישע סענטענצן און פון נעוויאַישער לעבנס־פילאָזאָפיע אין שייכעס מיט דער קומענדיקער סאָציאַלער אָרדענונג. די הויפּט-אידעע פון ווערק איז, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וואָס איז פאַר־שקלאַפט פיזיש וועט זיך לייכט פון דער דאָזיקער פאַרשקלאַפונג קענען באַפרייען, בעיים די בורזשואַזיע וואָס איז פאַרשקלאַפט גייסטיק, ליגט אַן אָנמעכטיקע אין די טיפענישן פון אַן אידעישער פּרובּטלאָזיקייט. די סאָציאַלע דערהויבנקייט און פּאַטעטישע צעפליגלקייט פון ווערק וועגט איבער די סטרוקטורעל-קינסטלערישע בעסרוינגעס. דאָס איז איינס פון

די ביכער וואָס האָט אויפגעטאָן פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט עפּשער מער ווי אַ זיגרייכע אַרמיי.

אַ באַזונדערן אָרט אין גאָרקיס שאַפן פאַרנעמט דער ברייטער שטייגער-ראָמאַן, אין וועלכן גאָרקי צעגלידערט אַנאַטאָמיש, ביינדעלע נאָך ביינדעלע, דאָס רוסישע לעבן. ער בויט דאָ אויס זיין סאָציאַלע לײדנשאַפט אויף אַנטדעקערישער אַנאַליטישקייט און פּרוּווט אַרויסצושיילן פון פּראָווינציעל-דאָרפישן נעפּל דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון דער דורכשניטלעכער רוסישער געזעלשאַפט. אָנגעהויבן עס צו טאָן האָט ער אין זיין ראָמאַן „דאָס שטעטל אָקוראָוו", וואָס דערמאָנט שטאַרק, לויטן מעטאָד ווי עס איז געשריבן געוואָרן, אין ניסטערס בערדיטשעוו און עטוואָס אין שאָלעם-אַליכעמס קאַסרילעווקע. דאָס עפּישע און דאָס מאָנאָגראַפיש־שטעטלשע פון רוסישן לעבן קומט נאָך ברייטער צום אויסדרוק אין „געשעפט פון די אַרטאַמאַנאָווס" און אין „קלים סאַמגין", אין וועלכער גאָרקי האָט אָנגעהויבן צו געבן אַ קינסטלערישן אַנאַליז פון די 40 יאָר וואָס גרענעצן זיך מיט יענעם זייט אָקטאָבער. דאָס דאָזיקע בירגערלעך-פאַרגרעבטע פריידלאָז־איינגעקאַרטשעטע און זינלאָז־פּוסטע לעבן האָט באַקומען דעם קלאַל-נאָמען „אָקוראָווטשינע" און איז געוואָרן אַ דעפיניציע פון אַ געזעלשאַפטלעכן צושטאַנד, ווי בא אונדז יעהופּעץ אָדער קאַסרילעווקע.

צום סוף קומט גאָרקיס ווייטיק-באַגאַזש — זיין באַרימטע אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע: „קינדהייט", „צווישן מענטשן" און „מיינע אוניווערסיטעטן". דאָס איז די געשיכטע ווי אַזוי גאָרקי האָט זיך 20 יאָר געקאָכט אין זודיקן יעסורים־קעסל און ווי אַזוי ער איז אין דאָזיקן קעסל נישט געוואָרן ווייכער און צעקראָכענער, נאָר האַרטער און עלאַסטישער. דער גורל האָט אים נישט איינגעקאָכט און נישט אויסגעקאָכט, און אַפילע נישט צעפּאַרעט, און נישט צעבריט. ער איז אַרויס פון קעסל אַ האַרטבייניקער און אַרויסגעטראָגן פון די זודיקע טיפענישן דעם סאַד פונעם געקעכץ, מיט אַלע זיינע גרייפּעלעך און לינדזועלעך, פעפערלעך און ציבלעס, פעטסטראָפּנס און שוימבלעזלעך. די דאָזיקע בילדערישע כראָניק פון גאָרקיס לעבן און פון הונדערטער אַנדערע לעבנס איז אַ דעפּילאַדע פון גאַנצן רוסישן פאָלק, אַ מאַרש פון די רוסישע מאַסן, אַ רעאַלער ספּעקטאַקל פון דער רוסישער ווירקלעכקייט אויף די ברעגעס פון דער וואָלגע.

עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך אַז גאָרקיס שאַפן וואָס האָט אַזוי

טרעפלעך קאַנאַליזירט אין זיך דאָס דראַמאַטישע, טיף־נעשאָמעדיקע און ספּעקטאַקולאַרע פון רוסישן לעבן, זאָל טרעפן דעם וועג צו דער טעאַטער־אינטערפּרעטאַציע.

דער הויפּטמייסטער פון דער רוסישער בינעקונסט און הויפּט־רעזשיסאָר פון „מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער" ק. סטאַניסלאַווסקי, זאָגט דאָס וויטערדיקע אין זיין בוך „מיין לעבן אין דער קונסט": „דער הויפּט־איניציאַטאָר און שעפער פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָריענטאַציע פון אונדזער טעאַטער איז געווען מ. גאָרקי". זיינע דראַמעס „קליינבירגער" און „אָפּן דעק", נישט קוקנדיק אַף אַלע ריסן און שניטן וואָס די צאַרישע צענזור האָט געמאַכט אין זיי, האָבן נאָך אין יאָר 1902 אויפגערודערט גאַנץ מאָסקווע, גאַנץ רוסלאַנד און גאַנץ אייראָפּע. נעמי־ראָוויטש־דאַנטשענקאָ דריקט זיך אויס אַזוי וועגן גאָרקיס סצענישן דער־פאָלג: „דער דערפאָלג פון „אָפּן דעק" איז געווען אַ וועלטדערפאָלג. פאַר דער קונסט פון אונדזער טעאַטער איז דער ספּעקטאַקל געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע. מען קען זאָגן אַז דער סעזאָן 1902־1903 איז אַרי־בער „אונטערן צייכן פון גאָרקין". אין דער זעלבער צייט האָט זיך גאָרקי געפונען אונטערן פּאָליצייאישער אויפזיכט און די צאַרישע מאַכט האָט פאַרבאָטן די קאָנטראָליאָרן פון די בילעטן אין טעאַטער אַף זשאַנדאַרן און שפּיאָנען.

גאָרקיס דראַמעס האָבן ווי הייסער „קיפּיאַטאָק" אַ זיד געטאָן אין גרעסטן רוסישן טעאַטער, וואָס האָט ביז דאַן געוויקט זיין גומען אין לעפּ־לעך־זיסן, איבסעניש־טשעכאָווישן רעפּערטואַר. גאָרקיס דראַמעס האָבן געדיכטער געמאַכט די שוועבל־רייכעס אין דער לופטן; עס איז געווען ערעוו 1905.

די דראַמע „אָפּן דעק" איז דאָס ווערק וואו עס דערגרייכט צו דער העכסטער מאַדרייגע די פאַרהערלעכונג פונעם מענטשן; וואו עס ווערט פּראָקלאַמירט גאָרקיס הומאַניזם און וואו עס ווערט באַוויזן ווי טיף־טיף אין דער באָסיאַקישער נעשאָמע קען לעבן דער סאַמע עכטער פונק פון אַנטציקונג פאַרן באַגריף „מענטש".

IV

און גאר־גאר צום סוף קומט די לעצטע ארבעט גארקיס, וואס א סך וויסן נישט אז זי איז זיינע. גארקי איז געווען איינער פון די הויפט־מעכאברים פון דער סאוועטישער קאנסטיטוציע און די דאזיקע ארבעט, לויט ווי ראמען ראלאן גיט איבער, האט אנגעפילט גארקין מיט אומבאשרייבלעכן גליק.

צי קען מען זיך פארשטעלן א העכערע היסרוממעס, א טיפערן גליק פארן דיכטער פון „אפן דעק" און פון „די מוטער", ווי דאס אויספלעכטן מיט די אייגענע הענט דעם רעכטלעך־קאנסטיטוציאנעלן אינסטרומענט, לויט וועלכן דער העפקערדיקער באסיאק קען ווערן א סטאכאנאוו, דער באטראק פון דער וואלגע — א מישורין און די אויסגעיאגטע וועשין — א דעפוטאטקע צום העכסטן סאוויעט? קען מען זיך פארשטעלן א זוניקערע פרייד פארן דיכטער פון די „געוועזענע מענטשן", ווי דאס באקומען די פריווילעגיע אויסצוקריצן דעם סאוועטישן קאנסטיטוציאנעלן ערנווארט, אז דער מענטש איז דאס הייליקסטע וואס איז פאראן אף דער דאטנפארבאנדישער ערד? צי קען מען באנעמען מיטן הארצן דאס וואס גארקי האט געפילט אין די דאזיקע שאען, ווען ער האט געהאלפן אויפהייבן די לוכעס פונעם גרויסן צוזאג, וועגן וועלכן אזוי פיל העלדן זיינע האבן געטרוימט און צו וועלכע עס האט זיך מיט 45 יאר צוריק א טראג געטאן, דורך צעוויכערטע כוואליעס, זיין שטורעם־פויגל?

פון שטורעם־פויגל ביז צו דער סאוועטישער קאנסטיטוציע — דאס איז דער רעוואלוציאנערער וועג וואס גארקי האט דורכגעמאכט!

צי קען נאך זיין א שווערערער אנהייב און א גליקלעכערער סוף? צי איז גארקי נישט דער איינציקער צווישן די גרויסע שרייבער און נעוויאישע גייסטער, וואס האט זויכע געווען דורכצומאכן, אן שום קפיצאסהאדערעך, אזא מין אוילע־דעגלדיקן וועג? א וועג אף וועלכן עס זיינען געבליבן ליגן זיינע 20 יעסורעמדיקע וואגליארן און זיינע 45 ליטעראַרישע קאמפסיארן וואס ער האט אוועקגעגעבן פאר דער כשיוועס פונעם מענטשן, פארן גליק פונעם מיטברודער!

דער שטורעם־פויגל האט געזיגט! די סאוועטישע קאנסטיטוציע איז דער זיג פונעם שטורעם־פויגל! דאס איז דער ניצאכן פון גארקיס הומאניזם, דער לעצטער אויפבליץ פון זיין העראישן גייסט!

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי

I

„מאַיאַקאָווסקי איז געווען און איז נאָך ביז איצט דער טאַלאַנטפולסטער פּאָעט פון דער סאָוועטישער עפּאָכע".

י. וו. סטאַלין

„אויב מיין לעבן וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדער אויפטראָג, ווי בלויז באַקאַנט צו מאַכן מאַיאַקאָווסקין, אַט־דאָ אין בוענאָס־איירעס, וואָלט עס גענוג געווען אָנצופילן מיט פרייד מיין עקזיסטענץ.

לילאַ גערערא.

צוזאַמען מיט אַלע וואולקאַנישע דערשיינונגען, וואָס האָבן באַגלייט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זינט זי איז אַ פאַרבלוטיקטע געבוירן געוואָרן אפן שוועל פון צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד, האָט אויך אַראָפּגעגידערט, פון די קאַווקאַזער באַרג־קייטן, די פייערשפייענדיקע דערשיינונג — וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.

דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער פאַקט האָט מאָמענטאַל געפונען אַ גרויסן דיכטערישן וואָרט, ווי אַ באַווייז פון זיין היסטאָרישן עמעס און הומאַניסטיש־פּראָגרעסיוון צאַפּל. דערשיינונגען אומבאַרעכטיקטע היסטאָריש אָדער רעגרעסיוו־אַרויפגעצוואונגענע קענען קיין מאָל נישט געהייליקט ווערן מיטן דיכטערישן וואָרט. די מעליצעדיקע און געשמינקטע ווערטער, וואָס זיי שלעפּן אַרויף אַף זיך, זיינען בלויז פּאַנעגירישע אונטערלעקעריי און דיטיראַמבישע קופּלעטלערייען. דאָס גרויסע דיכטערישע

ווארט ווייכט פון דארט און איז דארט קיין מאל נישטא. דערפאר טאקע האבן די פארשיידענע פאשיזמען, סיי איצטיקע, סיי פריערדיקע און סיי אלטערטימלעכע נישט געקענט איבערלאזן קיין איין דיכטערישן שפור נאך זיך, קיין איין ווערטפולן ווארט. דער ברוטאלער אונטערדריקעריש־קייט קלעקן נישט אלע אירע אויצרעס אף איינצוקויפן זיך א גרויס ווארט, מיט וואס צו פארדעקן איר קרעציקע נאקעטקייט, אין דער צייט ווען די גרויסע, באפרייערישע פאלקס־באוועגונגען געבוירן דאס גרויסע ווארט אף זייער אייגענעם שויס, ווי א לייבלעך קינד.

די אקטאבער־רעוואלוציע איז, פון ערשטן מאמענט אן, פול געווען מיט געזאנג און מיט גרויסע ווערטער, וואס האבן געשווידערט פון היץ אף אלע ראגן, צופוסנס פון די שטעפנדיקע מיטראליעזן און צוקאפנס פון די שווערע קוילנווארפער. די דאזיקע צעזונגענע רייד האבן זיך געצוואגן אין סאלדאטישן שוויים און האבן זיך געטריקנט אף די צעגליטע האר־מאטן־רערן.

אף אזא מין ראג האט, צום ערשטן מאל, א פויק געטאן מאיא־קאווסקיס ווארט. דאס דאזיקע ווארט איז נישט געקומען אהין פון ערגעץ אנדערשוואו, נאר איז דארט אויסגעוואקסן פונעם סאמע ברוק און האט שוין נאך דעם באגלייט די רעוואלוציע אין אלע אירע ברייטסטעפיקע צעשטורעמטקייטן און פארטייעטע לאבירינטן. זיין ווארט איז געווען אזוי ווי ספעציעל צוגעשניטן פאר דער רעוואלוציע און איז געלעגן אף איר ווי אויסגעגאסן. די רעוואלוציע, ווידער, האט ליב געהאט אויסצופוצן זיך אין מאיאקאווסקיס ווארט און פילן אף איר נאקעטן לייב, אזוי ווי א פריש העמד, די לייוונטענע מעכאיעדיקייט פון זיין פאעטישער באגייס־טערונג.

אין די ערשטע צוקווינטיקע צייטן פון דער רעוואלוציע האט ער זיין ווארט נישט געלאזט רוען אין די איינגעשטעלטע ליטעראַרישע גרענעצן. ער האט אים דערצויגן אף דער אויסטערלישער נאטור־שיינקייט פון אקא־פעס און באריקאדן. די גאנצע נאטור האט געביטן אירע פארבן: אנשטאט בלא און גרין, איז זי געווארן רויט און שווארץ, און עס האט געזעצט פון איר מיט רויכיקע פולווער־געשטאנקען, אנשטאט מיט דופטיקן רויזן־נעקטאר. נישט אפן שויס, נאר אף די אויפגעריסענע אינגעווייטן פון דער דאזיקער רעוואלוציאנערער מילכאמע־נאטור, האט אנגעהויבן זיין פאע-

טיש-פּאַטעטישן לעבן מאַיאַקאָווסקיס וואָרט. און נישט בלויז דאָס וואָרט זוינס, נאָר זיין גאַנץ קינסטלעריש וועזן.

אַליין אַ שילער פון אַ מאָלערשול, האָט ער אויסגעגעבן אין סאָלדאַטן-דינסט דער רעוואָלוציע נישט נאָר זיין וואָרט, נאָר אויך זיין עקספּרעסיאָניסטישן פּענדזל. פון די צייטן פון דער רעוואָלוציע און פון בירגערקריג זיינען איבערגעבליבן דריי טויזנט פּלאַקאַטן זיינע און זעקס טויזנט לאָזונגען. אומעטום, וואו עס זיינען נאָר געווען פראָנטן, וואָגזאַלן, פאַרקאַנעס און „טעפּלושקעס", אומעטום, וואו די יונגע סאָוועטנמאַכט האָט פאַרגאָסן איר בלוט, האָבן מאַיאַקאָווסקיס פּלאַקאַטן אַראָפּגעשריען און געגוואַלדעוועט מיט זייער פיאָלעט-רויט-געלער פאַרבנשפּראַך און צוגעשטעלט גייסטיקע אַמוניציע דער אָנגרייפנדיקער רעוואָלוציע.

פון יענע צייטן אָן האָבן מאַיאַקאָווסקיס שפּראַך און סטיל דערוואָרבן די דריי ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין דיכטונג: קאָליר-דימענסיע-באַוועגונג. פון דעמאָלט אָן האָבן גענומען צירקולירן אין זיין פּאָעזיע: דער באַרימטער רעציטאַציע-טעמפּ, דער רוף און דער אַרויסרוף, די נייע פאַרגלייכן, אַרויסגעריסענע פון דער צעוויבערטערווירקלעכקייט, די אָריגינעלע וואָרטגעבויען און די דרייסטקייטן פון סטיל.

די רעאַקציאָנערע קריטיקער פון עלטערן דאָר האָבן זיך, פון אָנהייב, קימאַט ווי אָפּגעברית פון מאַיאַקאָווסקיס קאָבעדיקייט און צעקאָכטקייט. זיי האָבן געוואָלט איינריידן, אַז זיין דיכטונג איז אָנגעפילט מיט פוטוריסטישער פאָרמאַליסטיק, פּלאַקאַטן-פּאָעזיע און שפּראַך-אַקראָבאַטיק. אָבער נישט קיין אַנדערער ווי מאַקסים גאָרקי האָט אָפּגעשלאָגן די אַלע בייזוויליקייטן און האָט נאָך אין יאָר 1915 אויפגעוויזן, אַז מיט מאַיאַקאָווסקין קומט אויף אַ פּאָעט פון גרויסן, פּושקינישן קאַליבר.

מאַיאַקאָווסקי איז דער פּאָעט פון אַ גרויסער היסטאָרישער קאָנוואולסיע. זיין דיכטונג איז, אָבער, נישט בלויז אַ פּאַשעטער אָפּשיין פון אַ געשיכטלעכן שטורעם, נאָר אויך אָן אויצער פון נייע באַגריפן, נייער עסטעטיק און נייע פּאָסטולאַטן, וואָס זיינען געבליבן לעבן אין דער ליטעראַטור און וואָס וועלן אַריבערגיין בעירושע צו אַלע ליטעראַרישע נאָכוואוקסן.

II

מאַיאַקאָווסקי איז נישט בלויז געווען אַ דיכטער, נאָר אויך אַ טעאָרעטיקער פון דער דיכטערישער קונסט. זיינע טעאָריעס זיינען בא אים נישט אויפגעקומען ווי פּרעלימינאַרע סכעמעס צו זיין דיכטערישער פּראַקטיק; פאַרקערט, אין סאַמע טראַנס פון שאַפן האָבן זיך די דאָזיקע טעאָריעס אַרויסגעפּיקט פון אונטערן געזונטן באָדן פון מאַיאַקאָווסקיס רעאַלער פּאָעטיק. זיי האָבן געהאַט אַ נאַטירלעכן פיזישן אָפּשטאַם און זיינען נישט אויסגעמויעכט געוואָרן, ווי עס טרעפט זיך אָפט, אונטער די הויכע געוועלבן פון אַבסטראַקטע קאָמבינאַציעס און פון קלינגענדיקער ווערבאַליסטיק.

מען דאַרף זיך ספּעציעל אָפּשטעלן אַף די צוויי באַגריפן, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע און פאַר וועלכע ער האָט אומאויפהערלעך געקעמפט. דאָס זיינען: דער פּרינציפּ פון דער סאָציאַלער באַשטעלונג און דער באַגריף פון פּראָדוקציע אין דער דיכטונג.

די סאָציאַלע באַשטעלונג דאָס איז די דיכטערישע אַנונג פון דעם, אין וועלכע עמאָציאָנעלע באַפרידיקונגען עס נייטיקט זיך דאָס פאָלק. דער דיכטער, וואָס איז דער פיינפילנדיקסטער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, דאַרף אַרויספילן דעם אַקטועלן סאָציאַלן פיין, די אינטימסטע שטרעבונגען, די נאַציאָנאַלע געשעענישן און קאַמפן, קעדיי זיין וואָרט זאָל האָבן געשיכטלעכן ריטם, סאָציאַלע אָנלאָדונג און צייטנווייז אַפילע פּאָליטישע שלאָגערישקייט, פאַרשטייענדיק אונטערן באַגריף פּאָליטיק דעם אויפן אויסצובעסערן דאָס לעבן. דאָס דיכטערישע וואָרט דאַרף זיין וואָרטזאָגעריש און קעדיי עס צו קענען זיין מוז דער דיכטער אַרויס פון דער אַסאָציאַלער פאַרשפאַרטקייט, שטילן זיין עמאָטיוון דורשט אַף די ברעגעס פונעם לעבן און אויפכאַפּן די סאָציאַלע באַשטעלונג פון געגעבענעם מאָמענט. די דיכטונג דאַרף זיך נישט נאָכשלעפּן נאָך דער צייט, נאָר אינטערפּרעטירן זי, אָדער אַפילע פאַרוואַנדלען זיך אינעם שפּיץ מעסער פון אירע באַפרייערישע שטרעבונגען.

מאַיאַקאָווסקי האָט אויסגעפירט בישליימעס די סאָציאַלע באַשטעלונג פון זיין צייט און דערפאַר איז ער גרויס אין אַלע צייטן. זיין פּאָעטישער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם האָט דערוויזן, אַז פּאָעזיע קען ווערן אַן

אַרטיקל פֿון ערשטן געברויך, אַנשטאָט צו גליווערן ווי אַ לוקסוסדיקע קרישטאָל־וואַזע, וואָס שפּיגלט זיך אין איר אייגענער פּוסטקייט.

מאַיאַקאָווסקיס דראַנג צו זיין קאָנעקטירט מיטן פֿאָלק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געהאַט אַ טיפֿע באַדערפֿעניש נישט אַזוי צו דרוקן זיין פּאָעזיע ווי צו אינטערפּרעטירן זי פּערזענלעך פֿאַר ריזיקע אוידיטאָריעס. דערפֿאַר האָט ער די גרעסטע טייל פֿון זיין לעבן פֿאַרבראַכט אויף פּאָעטישע מיטינגען. מיר זאָגן מיטינגען, ווייל דאָס זיינען נישט געווען קיין פּאָשעטע פֿאָרלעזונגען, נאָר דיכטערישע געפֿעכטן מיטן עולם, מיט אָפּאָנענטן, מיט אַנדערע דיכטער. ער האָט אויך אָרגאַניזירט דיכטערישע בריגאַדעס, וואָס זיינען אַרומגעפֿאָרן מיטן פּאָעטישן וואָרט איבער פֿאַבריקן, אוניווערסיטעטן און פֿאַראיינען, טראָגנדיק מוט און דערהויבונג איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד און צעשטויבנדיק מיט מאַיאַקאָווסקיס אומפֿאַרגלייכלעכער פּאָלעמישער שאַרפֿקייט די מיינונגען פֿון די אַרויסלויערנדיקע, שעדיקערישע אָפּאָנענטן.

זיין פּאָעמע „150 מיליאָן", וואָס רוישט ווי אַ וואַלד אין שטורעם און וואָס איז אייגנטלעך אַ סימפֿאָניע אין ווערטער, האָט אויפֿגעברויזט דעם גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד; גאָרקי איז ביז טרערן גערירט געוואָרן פֿון זיין באַרימטער פּאָעמע „אַ וואָלקן אין הויזן" און אַזאַ מין פֿאַרהאַרטעוועטער מענטש ווי סטאַלין האָט זיך עפֿנטלעך געווישט די אויגן, ווען מאַיאַקאָווסקי האָט פֿאָרגעלייענט זיין העספּעד־פּאָעמע „לענין".

אין די דאָזיקע אַלע קרעפֿטיקע פּאָעמעס האָט דאָס פֿאָלק דערהערט, אויסגעדריקט אין טיטאַנישע ווערטער דאָס אַלץ וואָס איז שטומערהייט געלעגן אויפֿן סאַמע דעק פֿון מיליאָנען צעווייטיקטע געמיטער. מאַיאַקאָווסקי האָט אויפֿגעכאַפּט אינטואיטיוו די דאָזיקע סאָציאַלע באַשטעלונג פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק אין סאַמע פּאַטעטישסטן מאָמענט פֿון זיין געשיכטע און ער האָט די דאָזיקע אומבאַשטימטע ווערטערלאָזע אָנונג וואָס איז צו אים דערגאַנגען, אויסגעביטן אויף דיכטערישע וואָרט־אַסיגנאַציעס, וואָס ער האָט גלייך געלאָזן אין טאָג־טעגלעכן אומלויף, צווישן זעלבן פֿאָלק.

אַ צווייטער פּרינציפּ, וועלכן מאַיאַקאָווסקי האָט אַריינגעפֿירט איז דער באַגריף פֿון פּראָדוקציע. די אינספּיראַציע מוז באַדינט ווערן פֿון דיכטערישער טעכניק און פֿון אַזוי־גערופֿענע פּאָעטישע רעזערוון, וואָס באַשטייען פֿון אָנגעקליבענע און דורכגעטראַכטע ווערטער, אויסדרוקן, גע-

דאנקען, פארגלייכן, ווענדונגען, אסאנאנסן און אנדערע רוישטאפן. דיכטונג איז א רעזולטאט פון טאלאנט און ארבעט. די ארבעט אין דער דיכטונג דיסציפלינירט דעם טאלאנט און מיידט אויס צופעליקייטן און סטאם ליבהאבערישע אומפאראנטווארטלעכקייט. עס זיינען געווען פאלן ווען מאיאקאווסקי פלעגט אויפשרייבן זעכציק וואריאנטן אף איין און דער זעלבער דיכטערישער שורע, און ער פלעגט צייטנווייז כאדאשימלאנג זוכן א ווארט אדער א פראזע, וואס זאל אים באפרידיקן.

עס קומט אויס אומגלויבלעך, אז אזא מין רעוואלוציאנערער פלאמפייערדיקער דיכטער, וואס זיין פאעזיע איז דורכויס באוועגונג און טעמפ, רעוואלט און אויפברויז, דורכבראך און לאזונג, זאל מיט אזא מין געוויסנהאפטקייט שטעלן קאטעגארישע פאדערונגען צו דער אינערלעכער און אויסערלעכער פארגאנצונג, אויסענדיקונג און ארגאניזאציע פון דער פאעטישער שאפונג, צו וועלכער מען שטעלט שטענדיק, גראד אין דאזיקן זינען, קלענערע פאדערונגען ווי צו בעלעטריסטיק. די דאזיקע פרעציזקייט פון א וויסנשאפטלער אין אזא מין אומרואיקן גייסט ווי מאיאקאווסקי איז א דערשטוינענדיקער באווייז פון זיין טיפן רעספעקט פארן מענטשלעכן ווארט און אן אויסדרוק פון הויכער דיכטערישער פאראנטווארטלעכקייט און פון עמעסער גרויסמייסטעריי.

אין זיין ליטעראטור־וויסנשאפטלעכער ארבעט: „ווי אזוי מען שרייבט לידער" פירט ער דורך א קווערשניט איבער זיין אויפן פון שרייבן און מען ווערט פאשעט נישטוימעם פון דער לאבאראטארישער קליינארבעט און פון דער מוראשקע־געדולד, מיט וועלכער דער דאזיקער בארי־קאדן־דיכטער האט אויסגעמייסטערוועט זיינע פערזן. דאס הייסט נישט, אז דאס שרייבן איז אים אנגעקומען שווער; ער איז טאג און נאכט געווען אינספירירט און ער האט אין יעדן מאמענט געקענט אימפראוויזירן לי־דער; ער האט אבער געפילט די נויטווענדיקייט פרייוויליק ארויפצוצווינגען אף זיך אליין די טעכנישע צוגאב־פראצע, ווייל ער האט געוואלט אז אין יעדן ליד זיינעם זאל נישט ארומבלאנדזשען קיין איין איבעריק ווארט און אז מען זאל דארט נישט געפינען קיין איין בלעזעלע שוים. דאס איז געווען זיין דיכטערישער קאמף פאר קוואליטעט, וואס האט זיך שפעטער פארוואנדלט אין אן אלגעמיינעם פראבלעם אין ראטנפארבאנד, אף אלע אנדערע געביטן.

מאַיאַקאָווסקי איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אַרכעאָלאָג פון דער שפּראַך, נישט מיטן מיין צו אַרכאַאיזירן זי, נאָר צו דערגראָבן זיך צו אירע נאָלדטיפּעניש, צו אירע קוואַליוואַסעדיקע אָדערן. ער האָט דורכגעפירט אַ רעוואָלוציע אין דער רוסישער שפּראַך, ער האָט פאַרמישפּעט צום טויט אַ סאַך ווערטער און האָט געבראַכט צום לעבן אַ סאַך אַנדערע. זיין רוסיש שפּילט און שמעקט, און רייסט מיט. פון שפּראַכלעך־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט דאַרף ער פאַררעכנט ווערן צו די גרעסטע פיגורן פון אָקטאָבער.

III

מאַיאַקאָווסקי האָט געהאַט צוויי גרויסע ליידנשאַפטן: די רעוואָלוציע און אַ פרוי.

די פרוי איז געווען לילאַ בריק — אַ כאַסענע־געהאַטע יידישקע, וואָס האָט בעמעשעך פון צוואַנציק יאָר אָנגעזאַפּט און איבערגעפולט מאַיאַקאָווסקיס לעבן מיט באַגייסטערונג און מיט פּיין. עס איז געווען איינע פון יענע גרויסע, מערקווירדיקע ליבעס, וואָס האָבן באַרייכערט די וועלט־ליטעראַטור. די דאָזיקע ליבע האָט, אָבער, אויפגעטאָן פאַר דער ליטעראַטור מער ווי, לעמאָשל, אַלע ליבעס פון יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע צוזאַמענגענומען.

מאַיאַקאָווסקיס וויכטיקסטע ווערק, ווי אַ „וואָלקן אין הויזן" און „די פלייט פון מיין רוקנביין" זיינען אינספּירירט געוואָרן און זיינען אָנגעפילט מיטן אַראָמאַט פון דער דאָזיקער קליינער פרוי מיט די וואונדערלעכע קוואַלנדיקע אַפּגרונטאָויגן. אין פיל פּאַעמעס איז דער ליבע־מאָטיוו דורכגעפלאָכטן מיט דער אַלגעמיינער סאָוועטישער טעמאַטיק און די דאָזיקע דורכפלעכטונג האָט צוגעגעבן אַ סאַך וויכטיקייט און געמיטלעכקייט מאַיאַקאָווסקיס אָנגרייפערישן סטיל. די דאָזיקע דויערהאַפטיקע, נישט געלונגענע ליבע גייט דורך ווי אַ שטאַנדיקע באַגלייט־דערשיינונג אין זיין גאַנצן שאַפן און איז וואַרשיינלעך אויך געווען איינע פון די אומדירעקטע סיבעס פון דיכטערס טראַגישן סאָף.

מאַיאַקאָווסקיס לעבן איז, ביזן לעצטן מאָמענט, געווען דאָס לעבן פון אַ מאָטאָר אין גאַנג. דער עלעקטרישער פונק איז געווען לילאַ בריק

און דער ברענשטאָף — דאָס יונגע סאָוועטישע פּאַטערלאַנד. די דאָזיקע מאָטאָר־אַקטיוויטעט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויף דיכטונג. ער איז געווען אַ באַדייטנדיקער מאָלער און אילוסטראַטאָר, ער האָט אָנגע־שריבן אַ ריי פאַנטאַסטיש-סימבאָלישע פּיעסן, די באַרימטסטע פון וועל־כע עס איז „מיסטעריע בוף". ער איז אפילע געווען אַ קינאָ־אַרטיסט און אַן אומפאַרגלייכלעכער רעציטאַטאָר, האָבנדיק דורכגערעציטירט טויזנ־טער מאָל, איבערנוייניק, זיינע צען לידערביכער.

אפן כעשבן פון דער מעלוכע האָט ער עטלעכע מאָל באַזוכט אויס־לאַנד, קעדיי צו באַרייכערן זיין אויג און זיין אויער. די סאָוועטן-רעגי־רונג האָט געהאַלטן די נייע וועלט-דערפאַרונגען מאַיאַקאָווסקיס פאַר פונקט אַזוי וויכטיק ווי די אויסבילדונג פון אירע טעכנישע ספּעצן אין אויסלאַנד און אויף זיין ערשטן פאַרלאַנג זיינען פאַר אים געשטאַנען אָפן אַלע גרענעצן. דאָס האָט אים דורכגעדרונגען מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ און ער האָט אפילע אַ באַגייסטערט ליד וועגן זיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט.

ער איז געווען און איז געבליבן דער ערשטער אפן סאָוועטישן פּאַרנאַס און מען קען זאָגן, אַז עס האָט זיך אפילע געשאַפן אַ מאַיאַ־קאָווסקי-שול אין דער וועלט־פּאָעזיע. מאַיאַקאָווסקיס אינטערנאַציאָנאַלע איינפלוסן זיינען, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, אָנזעעוודיק אין דער פּערזנ־קונסט פון די פּאָעטן: יאָהאַן בעכער אין דייטשלאַנד, לואי אַראַגאָן אין פראַנקרייך, אַנאַטאָל געדראַטש אין אונגאַרן, ברונאָ יאַשענסקי אין פּוילן, לעקסטאָן יוגס אין צפון-אַמעריקע, פּעדראָסאַ אין קובאַ, פּאַבלאָ נערודאַ אין טשילע, גאָנסאַלעז טוניאָן אין אַרגענטינע. אויף אַן איבערפלעכלעכן, ריין-פּאָרמאַליסטישן אופן האָט אים אויך נאָכגעמאַכט דער געוועזענער היגער יידישער דיכטער ה. בלאָשטיין.

IV

ווען אַ צווייטער באַדייטנדיקער רוסישער פּאָעט, סערגיי יעסענין, איז, צוליב זיין שוואַכן כאַראַקטער און מאָראַלישער יערידע, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט ער מיטן בלוט פון זיינע אויפגעשניטענע אָדערן, אָנ־געשריבן די־אָ סטראָפע:

> „שטאַרבן איז, אין לעבן, נישט קיין נייעס,
> אָבער לעבן איז דאָך אויך נישט נייער".

דער איינדרוק פון דער דאָזיקער סטראָפע איז געווען אַ ריזיקער און האָט געדראָט צו דעמאָראַליזירן אַ סאַך סאָוועטישע מענטשן. פאַר מאַיאַקאָווסקין איז קלאָר געוואָרן, אַז ער מוז באַקעמפן די דאָזיקע צע־שטערערישע פערזן. דערפילנדיק די סאָציאַלע באַשטעלונג דיקטעריש צו פאַרניכטן זיי, האָט ער זיינס אַ ליד וועגן יעסענינס טויט פאַרענדיקט מיט אַזוינע שורעס:

„שטאַרבן איז, אין לעבן, גרינג.
אָבער לעבן איז, אין לעבן, פיל־פיל שווערער".

דערמיט האָט ער געוואָלט באַטאָנען אַז שטאַרבן פרייוויליק איז אַ פּאַכדאָנעסדיקע לייכטזיניקייט און אַז מען דאַרף דרייסט דורכטראָגן אויף די פּלייצעס די שווועריקייט פון לעבן; אַז עס איז נישט קיין פראַגע צי לעבן איז נייער פון טויט אָדער טויט איז נייער פון לעבן; אַז אומברענ־גען זיך אַליין, ווייל אַזוי איז לייכטער, איז, ווי יעדער פּרעמידיטירטער מאָרד, אַ פאַרברעכן; אַז די מענטשלעכע מיסיע איז — לעבן, אונטער אַלע באַדינגונגען און אין אַלע אומשטענדן.

דאָך האָט מאַיאַקאָווסקי מיט יאָרן שפּעטער מוירעד געווען אין זיין אייגענעם פערז און האָט געטאָן דאָס זעלבע וואָס יעסענין, אָבער נישט צוליב אַ גאָרנישטדיקן יעסענינישן קאַפּריז, נאָר צוליב אַ נעוראָטישן צו־זאַמענברוך. עטלעכע קראַנקהייטן האָבן גענעסן זיין ריזיקן גוף און דער דינאַמישער, עמאָטיווער, באַוועגלעכער מאַיאַקאָווסקי האָט נישט געקענט פאַרלײַדן דעם דאָזיקן דעגראַדירנדיקן צושטאַנד פון דאַרפן אָנקוקן, אין זיין בעט, זיין אייגענע, אויסגעצווינגענע, האָריזאָנטאַלע אומבאַהאָלפנקייט. אויסער דעם האָט זיך לילאַ בריק דערווייטערט פון אים און איז אַוועק אַזש קיין לאָנדאָן צו איר אומבאַדייטנדיקן געזעצלעכן מאַן. און דאָן איז מעקויעם געוואָרן דאָס וואָס ער האָט, האַלב שפּאַטנדיק, געזאָגט אין זיינס אַ יונגנט־ליד: „איך וועל אָוועקשטעלן נאָך מיין לעבן דעם פּונקט פון אַ קויל".

אַזוי איז ער פאַרשוואונדן.

געבליבן אומבאַרירלעך איז זיין ווערק פון אַ שטורעם־פויגל, וואָס האָט דעם אָקטאָבער־געזאַנג אַראָפּגעטראָגן אפן ברוק, אפן הייסן רעוואָ־

לוציאנערן אספאלט, אף די קרעכצנדיקע גאסן. ער האט זיך שטענדיק גע־פילט ווי א כמארע אין הויזן און איז גלייכצייטיק געשטאנען פעסט אפן אויסגעבלוטיקטן באדן פון דער סאוועטישער ווירקלעכקייט, דינענדיק מיט זיין ליידנשאפטלעכן ווארט און מיט זיין גאנצן עקזאלטירטן וועזן דער נייער קונסט און דעם יונגן לעבן.

מאיאקאווסקי, דער דאזיקער, וואלט איך געזאגט, וואולקאן אין הויזן, האט מיט דער פאטענץ פון זיין פרישן ווארט אויפגערודערט ליטע־ראריש און געזעלשאפטלעך זיין צייט. די דאזיקע רעוואלוציאנערע אויפ־רודערונג איז שוין, פארשטייט זיך, פארשוואונדן, אבער אין דער סאמע מיט פון דער ליטעראַרישער געשיכטע פון דער אקטאבער־רעוואלוציע פינקלט רעגנבויגנדיק זיין אנדענק און אין סאמע אויבנאן פון דער וועלט־פאעזיע רוט זיין אומרואיק ווארט.

אַזוי האָט גערעדט פרידריך ניטשע

I

אַ סאַך דילעטאַנטישע היצקעפּ זיינען אַזוי אָנגעהיצט געוואָרן פון געבעלסעס פּראָזעלאָגישן טאַראַראַם, אַז זיי אָנערקענען, אַז אויך דער נאַציזם האָט פילאָזאָפישע וואָרצלען און אַז די טיפסטע געשיכטלעכע שפּירפעדעמלעך פון די דאָזיקע וואָרצלען זיינען צונויפגעקנוילט אין ניטשעס פילאָזאָפישן סיסטעם.

איז עס דאָך אַזוי לעכערלעך, פּונקט ווי ס'איז לעכערלעך צו ריידן וועגן די שיינע ליפּעלעך פון אַ כאַזערשן שנוק, אָבער אַפן ערשטן אויגנבליק פאַלט דאָך צונויף די גייסטיקע אויסוויקלונג פון ניטשעס אינטעלעקט מיט געוויסע היינטצייטיקע נאַצישע סימאָנים. די אויסערלעך־אָנזעעוודיקע עטאַפּן פון זיין גערעדנקען־גאַנג און געפילנפלוס זיינען אַזוינע: מעטאַפיזיש־ראָמאַנטישער וועלטבאַנעם; עקסטרעם־פּאָזיטיוויסטישע אויסניכטערונג אין זינען פון אָפּוואַרפן יעטווידע מאָראַל; שאַפונג פון דער טעאָריע פון באַהערשנדיקן אויבערמענטש; פּריידיקונג פון אַ מאָראַל וואָס געפינט זיך פון יענער זייט גוטס און שלעכטס, און צום סאָף — מעשוגאַעס. ניטשע ווערט מעשוגע, ליידנדיק פון אַ גרויסקייט־מאַניע.

דאָס אַליין און ספּעציעל דאָס לעצטע דעקט זיך מיטן נאַציזם, אָבער עס זיינען פאַראַן אַ סאַך זאַכן, וואָס דעקן זיך פאָרמעל און קוואַנטיטאַטיוו, און וואָס זיינען דאָך נישט גלייכוועדטיק. פון רעאַל־מאַמאָשעסדיקן שטאַנדפּונקט איז ביידנס פילאָזאָפישער צוויי־מאָל־צוויי נ י ש ט פיר,

אָבער בעשאַס דער נאַצישער צוויי-מאָל־צוויי איז אַבסאָלוטער זעראָ, איז ניטשעס צוויי־מאָל־צוויי אַן אויפגעבלאָזטער אַכט, אין פאַרגלייך מיט דער נאַצישער נישטיקייט.

דער נאַציזם לעבט פון רויב. ער רויבט דעם לעצטן ביסן פון מויל און ער רויבט לעבנסרוים, און ער רויבט אויך ייכעס און גייסט, ווען ער דאַרף אָנקלעפּן אַ ביין-פּלאַסטערל אויף זיין רויטן מערדערנאַז. ער האָט צוגערויבט און פּאַראַזיטירט ניטשען, אָבער ער האָט אים נישט פאַרדייט איינגאַנצן, ווייל ווען ער טוט עס, וואָלט ער געוואָרן קליגער, טיפזיניקער. דער איקער האָט דער נאַציזם אָנגערויבט בא ניטשען זיין פאַרטיקע טערמינאָלאָגיע און האָט אין ניטשעס זאַפטיקע דעפיניציעס איינגעוויקלט אַלע זיינע איפּעשדיקע סאַם-פּרעפּאַראַטן.

דעריבער איז ניטשע אַ נאַצי-קאָרבן און נישט קיין אינטואיטיווער פאָרויסגייער און פאָרויספילער פון דער גרויסדייטשער לאַנגמעסערדיקער אָרגיע, אין די בלוטלאַגערן פון אייראָפּע.

II

ניטשעס פילאָזאָפישע ווענן זיינען נישט קיין געפּלאַסטערטע באַקוועמע שאַסייען, נאָר וואַלדיקע וועגלעך, וואו ס'איז אָפט פייכט און פינצטער, אָבער וואו ס'פינקלט אַרום, אָן אויפהער, אין דער שטעכעדיקער געדיכטעניש אַ פונק נאַטור־שיינקייט און וואו דער מענטשלעכער אָטעם שאָקלט די שפּיץ ביימער.

ניטשעס פילאָזאָפיע איז דורכגעזאַפּט און אויסגעוויקט אין דיכטונג. זי איז נישט קיין מאַסיווע אַרכיטעקטאָנישע סיסטעם, אַ פונאַנדערגעלייגטע סימעטריש אויף שטאָלענע ריפּן און אויף שווערוואָגיקע באַלקנס פון לאָגיק. אַזוינע סיסטעמען האָבן געשאַפן אין דייטשלאַנד: לייבניץ, קאַנט, דיכטע, שעלינג, העגעל, פויערבאַך, מאַך, מאַרקס, הורסערל. זייער פילאָזאָפיע איז וויסנשאַפט. ניטשעס פילאָזאָפיע איז דיכטונג. די עמאָציע פאַרוואַנדלט זיין פילאָזאָפיע אין קונסט.

ווערט פון דעם די פילאָזאָפיע ווינציקער פילאָזאָפיש? ליידט די פילאָזאָפיע, ווען זי ווערט קינסטלעריש און עמאָציאָנעל אַרויסגעבראַכט? אין אַלגעמיין — נישט, אָבער אין ניטשעס פאַל — יאָ, ווייל זיין עמאָציע

האָט אַריינגעבראַכט אַן אַנאַרכיזירנדיקן עלעמענט, אַן עלעמענט, וואָס אַנשטאָט אונטערצושטרייכן עמאָציאָנעל דעם לאָגישן געבוי פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער אויפֿפֿאַסונג, האָט ער זיך גאָר, אויף אַ פּאָעטיש-רעוואָלוציאָנערן אופֿן דערוואָרבן פֿילאָזאָפֿישע זעלבסטשטענדיקייט און האָט אויף זיין אייגענער דיכטערישער אַכראַיעס אַרויסגערוקט אָריגינעלע, מעשונעדיקע קאָנצעפּציעס, וואָס האָבן געהאַט דעם אויסזען פֿון פֿילאָזאָפֿיע און די שיינקייט פֿון דיכטונג. מיט זייער צוגעפּעפּערטקייט, צולעהאַכעסדיקייט און אַראָגאַנץ האָבן זיי פֿאַרבלענדט דעם אָנגענעסענעם קליינבירגער, וועלכער האָט געפֿונען אין זיי אַ סאַדיסטישן פֿאַרגעניגן, אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע קאָמפּענסאַציע פֿאַר די לאַנג שוין באַגראָבענע יוגנט-אידעאַלן.

צוגעבנדיק צו דעם, אַז ניטשע האָט געצוואונגען דער שווערפֿיסיקער דייטשער שפּראַך אויסצוטאַנצן, מיטן קינסטלערישן כיין פֿון אַ באַלערינע און מיט אַ שלאַנקן אַפֿאָריזמען-סטיל, אַלע זיינע פּאָעטישע עקסטראַוואַגאַנצן און פֿילאָזאָפֿישע אויסטערלישקייטן, ווערט קלאָר פֿאַרוואָס די ווילדע שיינקייט פֿון זיין גייסט האָט אים אָוועקגעשטעלט אין סאַמע צענטער פֿון דייטשן שאַפֿן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ ווילדע, שיינע קאַץ אויף די גייסטיקע בוידעמער פֿון דער בירגערלעכער אייראָפּע.

III

פֿון ערשטן מאָמענט אָן פֿון זיין שאַפֿן ווייס נישט ניטשע וואָס צו טאָן מיט זיין צעוויכערטן יוגנט-אימפּעט, אָבער ער באַהערשט אים באַצייטנס און צווינגט אים ציטווייליק אָנצונעמען, אַזוי צו זאָגן, אַ שוואָמטעמפּעראַמענט און אַריינצוזאַפּן אין זיך דערפֿאַרונגען, דערקענטענישן און אַנטפּלעקונגען אָפּן געביט פֿון פֿילאָזאָפֿיע, קונסט, פֿילאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע, קעדיי צו קרעפֿטיקן און באַוואָפֿענען זיין גייסטיקן אומרו, וואָס רייסט זיך איבערצוקערן די בערג מיט די באַרגשפּיצן אַראָפּ, אָבער די ראָזע נעגל זיינע ברעכן זיך נאָך, באַ דער מינדסטער אָנשטרענגונג.

ווי דאָס ראָוו דייטשן אין זייער ערשטער בלאָנדער יוגנט, איז אויך ניטשע איבערגעטריבן ראָמאַנטיש, נישט קוקנדיק אויף זיין אוניווערסי־

טעטישן פראפעסאר־אמט צו 24 יאר. ער קוקט אף דער וועלט דורך א די־ניטשקן וואואל פון קונסט און זעט זי אף א מעטאפיזישן הינטערגרונט. זיין אינטעלעקט הייבט זיך אן אנצוגליען צווישן שאפענהויערן און וואג־נערן, און געפינט זיין ערשטע בארואיקונג אין שאפענהויערס „די וועלט אלס ווילן און פארשטעלונג". דורך שאפענהויערס עסטעטישע איינשטע־לונגען ווערן אלע דריי קינסטלער צונויפגעפלאכטן אין א מין קונסט־ברו־דערשאפט, וואס דויערט אבער קורץ, צוליבן אטלעטישן פונאנדערוואקסן זיך פון ניטשעס פערזענלעכקייט.

פון דער דאזיקער ראמאנטישער ארייגפיר־טקופע אין ניטשעס שאפן אנערקענען מיר פאר ריכטיק בלויז איין עסטעטישן געדאנק: אז די קונסט פון אלע קונסטן, דאס סאמע סובלימירטסטע פון אונדזער נא־טירלעכער גרויסקייט און פון אונדזער מענטשלעכער געטלעכקייט איז מוזיק, — די שפראך פון אונדזער בלוט און דער געפליסטער פון אונדזער נעשאמע.

די ערשטע רייפקייט ניטשעס, די ערשטע אנונג פון רעאליטעט דערוווייזט אים, אז שאפענהויער איז פארזונקען אין פעסימיזם און אז וואגנער טרינקט זיך אין מאגיע. ער טיילט זיך אפ פון זיי, מיט פאר־דרוס, אבער אויך מיטן געפיל, אז פון זיין הארצן זיינען אראפגעפאלן א פאר טייערע אבער שווערע שטיינער. ער געפינט זיך מיט אמאל אליין אין טראפישן דזשונגל פון דער פילאזאפיע און דא אייגנטלעך הייבט זיך אן ניטשע.

IV

מיט דער זעלבער געניוגטקייט פון אלע דייטשן ארייגצופאלן אין פלוצלונגדיקע סטירעדיקע עקסטרעמען, גיט זיך ניטשע א ברעך איבער און ווערט אנטימעטאפיזיש און פאזיטיוויסטיש. די פארגעטערטע קונסט שמייסט ער אראפ צו די פיאטעס פון דער וויסנשאפט און ער נעמט זיך צו דער מאראל, וועלכע ער וועט שוין זיין גאנצן לעבן גריזשען און בייסן, ווי א פארביסענער בולדאג.

זיין איינשטעלונג איז געווען א ריכטיקע, אבער אין זיינע אויספירן האט ער זיך פארפלאנטערט. פון אנהייב צעדריבלט ער אלע פעדעם פון

דער קריסטלעכער מאָראַל, דערווייזנדיק אירע מעטאַפיזישע פאַרשלייערטקייטן און צאָלרייכע ווידערשפּרוכן. זיין לאָזונג, וואָס ער גיט אַ וואָרף איבער אייראָפּע איז „אָן גאָט, מיטן עמעס ווי אַ מאָראַל", אָבער די צאָרע איז וואָס ניטשע האָט נישט געקענט דעפינירן דעם עמעס, ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס דער אַבסטראַקטער עמעס ווערט רעאַל־עמעסדיק, ווייל זיין אַרט דענקען איז נישט געווען קיין דיאַלעקטישער, נאָר אַן אַנאַרכיסטישער און דערפאַר טאַקע האָט ער גערופן נישט צו אַ מאָראַל אָן שלעכטע דאָגמען, נאָר ביכלאַל צו אַ מאָראַל אָן דאָגמען, אַ מאָראַל אָן פאַרפליכטונגען און אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

שפּעטערצו, האָט ער דערפונדן אַזאַ מין אויסטערלישן סאָרט מאָראַל, וואָס דאַרף זיך געפינען „פון יענער זייט גוטס און שלעכטס", דאָס הייסט אַ מאָראַל אָן אַנטמענטשלעכטע, אָן אַטראָפּירטע. ווייל וואָס איז אייגנטלעך מאָראַל? מאָראַל איז, אין טאָך גענומען, דער קוואַנטום גוטס מיט וועלכן מיר ווילן באַקעמפן דאָס שלעכטס. דאָס איז גענוג קלאָר. ווינציקער קלאָר איז, פאַר אַ סאַך פילאָזאָפישע באַנקקוועטשער, וואָס אַזוינס איז גוטס און וואָס אַזוינס איז שלעכטס. אָנשטאָט עס צו דעפינירן, אָנשטאָט צו דאָזיפיצירן די מאָראַל און פעסטצושטעלן איר קוואַליטאַטיווע קראַפט, האָט זי ניטשע אָוועקגעשטעלט אויסער די גרענעצן פון איר אַליין, דערפירנדיק זי צו אַן אַבסורדאַלער, פאַרקילטער אַבסטראַקציע, ווייל פונקט ווי ס'האָט נישט קיין זין צו זאָגן, אַז אַ מענטש קאָן זיך געפינען פון יענער זייט לעבן און טויט (דאָס הייסט נישט טויט און נישט לעבעדיק), פונקט אַזוי איז אוממעגלעך צו באַגרייפן ווי אַזוי די מענטשלעכע מאָראַל, וואָס גראַוויטירט צווישן גוטס און שלעכטס, קאָן זיך געפינען אויסער אירע נאַטירלעכע גרעניצן.

נאָך שפּעטער, און מער אַף דער עלטער, האָט קענטיק ניטשען גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, ווייל ער האָט דערזען צוויי מאָראַלן: די מאָראַל פון די הארן און די מאָראַל פון די שקלאַפן. פאַר דער ערשטער מאָראַל איז דערלויבט אַלץ און אַלע דאַרפן זיך בוקן צו אירע רווישנדיקע פאַווע־פעדערן. די צווייטע מאָראַל איז אַן אַנטקעגנקומענדיקע, אַ צונויפגעדרייטע אין דרייען און דאַרף געפּאַשעט ווערן מיט רעליגיע, אַלקאָהאָל און פאַרווילונגען.

און נאָך שפּעטער, ערעוו זיין מעשוגאַעס, האָט ניטשע איינגעפונען,

אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן צופיל אַרומגעבאָמבלט זיך מיט מאָראַל, אַז דאָס איז אַ ווערעמדיקע קרענק און אַז דער גרויסער, אויסדערוויילטער מענטש דאַרף זיין אַמאָראַליש און דאָס איינציקע וואָס דאַרף דעצידירן איז נישט זיין מאָראַל, נאָר זיין „ווילן צו מאַכט”.

דאָס איז, אין פּערספּעקטיוו גענומען, די געשיכטע פון ניטשעס מאָראַל־ספּאַזמעס. זיי באַווייזן קלאָר, אַז דער פּעיקסטער מאַרך ווערט פאַרגאָסן פון דער גערדיכטסטער, קלעפּיקער פינצטערניש, ווען אַנשטאָט צו פאַרמאָגן אַ גרונט־איינשטעלונג און אַ קאָנסטרוקטיוון וועלטבאַנעם, גיט ער זיך איבער דער אומגליקלעכער, פאַרניכטנדיקער, אַנאַרכיסטישער „סופּער־פּריוויהייט”.

V

ניטשעס ווייטע און געפערלעכע מאָראַל־עקספּעדיציעס פון איין זייט און די טראַנספאָרמאַציע־טעאָריעס פון דאַרווינען פון דער אַנדער זייט, פירן אים אַרויף אפן געדאַנק, אַז די איצטיקע מענטשהייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ צווישן־עטאַפּ צווישן דער מאַלפּע און דער פּערפעקציאָנירטן מענטשן פון דער צוקונפט, און דאָס ברענגט אים צונויף מיטן „וויזיאָנערישן” געדאַנק פון אויבערמענטש, וועלכן ער ברענגט אַרויס, מיט אַזוי־פיל פאַרשווענדערישן גלאַנץ, אין „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ”.

אַף דער באַזע פון זיין קרענקלעכער סינע צו דער מאַסע, צום איינפאַכן מענטשן, הייבט ער אַרויף ביז צו דער סטראַטאָספערע זיין פילאָזאָפישן מעזיניקל — דעם אויבערמענטש. דער אינטעלעקט פון דאָזיקן מענטשן דאַרף זיין אונטערטעניק בלויז דעם ווילן און נישט דער עטיק. עטיק איז ווייכביינדלדיק און קאָרומפּירט און דערפאַר דאַרף זי פאַרשווינדן, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר די פּאַטאָלאָגישע שוואַכקייט פון שטאַרקן מענטשן. די מאָראַל דאַרף איבערגעלאָזט ווערן פאַר דער איגנאָראַנץ פון די מאַסן, פאַר די שוואַכע, צעבראָכענע, קאַליקעס. דער עמעס איז אַף אַזוי פיל וויכטיק אַף וויפל ער פאַרשטאַרקט דעם שטאַרקן. עמעס און ליגן זיינען נישט קיין לעבעדיקע מאָראַל־עלעמענטן, נאָר פּאָשעטע קאַלטע אינסטרומענטן, קעדיי צו פאַרזיכערן די גאַנצע לעבנספרייד פאַרן אויבערמענטש. ראַכמאָנעס צעברעכט דעם מענערישן אימפּעט פון באַ־

הערשער און דאַרף פאַרשווינדן. דאַן ברענגט ער ארויס די טעאָריעס פון „אויפשטייגנדיקן לעבן” און פון „אייביקן צוריקקער” אפן סמאַך פון וועלכע ער בויט אויף אַ שטרויענעם אָפּטימיזם, גלויבנדיק, אַז דער שטאַרביקער מענטש שטאַרבט נישט דעפיניטיוו, נאָר האָט טויזנטערליי עקזיסטענצן אין דער אומענדלעכקייט.

ניטשעס טעאָריעס האָבן אויפגערודערט, נישט אַזוי דורך די נייע ווילדקייטן, וואָס ער האָט פאָרמולירט. ווילדקייטן זיינען עס טאַקע געווען, אָבער נייע בעשום אויפן נישט. אפן געביט פון ווילדקייט איז שווער צו זיין אָריגינעל, ווייל ווילד האָט די מענטשהייט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין. ניטשעס אינטעלעקטועלע צוגרייטונג האָט זיך פאָרמירט אַף דער קלאַסישער באַזע פון דער אַמאָליקער גריכיש־רוימישער קולטור און גראָד אין די דאָזיקע קולטורן, מיט וועלכע די מירעוו-איירָאָפּעישע ציוויליזאַציע צאַצקעט זיך אַזוי, זיינען פאַראַן סיי אין עמבריאָנערן סיי אין אַנטוויקלטן צושטאַנד, אַלע טעאָריעס פון ניטשען. אונטער אַ סאַך פון זיינע מאָראַלע, אַמאָראַלע און אַנטימאָראַלע טעזיסן וואָלט זיך געקאָנט אונטערשרייבן דער פאַרדאָרבענער מאַקיאַוועלי אַליין, און וואָס שייך אַלע זיינע עקזיסטענציאָנעלע טעאָריעס, זיינען זיי אין גרונט גענרמען אויסגעשניטן געוואָרן בא די גריכישע פילאָזאָפן הערַאקליט און אַנאַקסימאַנדער. זיין שאַפן האָט געמאַכט אַ פוראָר צוליבן אויפן ווי אַזוי ער האָט די אַלע טעאָריעס לעבעדיק געמאַכט, אַקטואַליזירט און פּאָעטיזירט מיט דער טיטאַנישער קראַפט פון זיין ליטעראַרישער גענאויגעס, מיט זיין צעשמעטערנדיקער שפּראַך, מיט זיין אָריגינעלן אויפן פון פאָרמולירן אַ געדאַנק. זיינע אַפאָריסטישע פראַזן זיינען בלאַנקע שווערדן, וואָס כאָטש זייער שטאָל איז אַ געמיינער, גלאַנצן זיי אַף דער זון און צעשניידן מיט אַ פייפעריי די לופט.

אַ דאַנק זיין פענאָמענאַלער דרויסנדיקער עפעקטפולקייט, זיינען אַ סאַך פון ניטשעס געדאַנקען געוואָרן שלאָגווערטער אין פּאָליטישן זשאַרגאָן פון די מאָדערנע דעספּאָטיזמען. אין גרונט גענומען איז ער בלויז געווען אַ גרויסער דיכטער; ער האָט אָבער פאַרשמירט זיין דיכטערישע גרויסקייט מיט זיינע פילאָזאָפישע אומגעלומפּערטקייטן. ער איז געווען און ער איז נאָך איצט, מער ווי שטענדיק, אַ פאַלשער נאַווי.

ווען זיין פילאָזאָפיע וואָלט געגאַנגען אפן וועג פון קאָנסטרוקטיווער

מענטשן־ליבע, וואלטן זיך אירע אקסן נישט צעבראכן און עס וואלט נישט געקומען צו דער פסיכישער קאטאסטראפע, וואס האט בא ניטשען צוגע־רויבט דעם פארשטאנד. ער האט געהאט די פאטענציעלע מעגלעכקייט צו ווערן איינער פון די ריזיקסטע ווארטזאגער פון גאנצן מענטשלעכן מין, ווען ער פארפלאנטערט זיך נישט אין זיין אנטימענטשלעכער איבער־מענטשלעכקייט און ווען ער דערטרינקט זיך נישט אין די קריטיקע וואסערן פון זיין דעמאראליזירטער מאראל.

VI

ניטשע איז בלויז געווען פארמעל א דייטש, פאקטיש איז אים דייטשלאנד און דאס דייטשנטום ווינציק אנגעגאנגען. ער איז צו דייטש־לאנד געווען ווינציקער אפילע ווי אינדיפערענט און אין געוויסע מאמענטן האט ער אפילע געהאסט זיינע פאלקסברידער, צוליב זייערע שאפענע קוואדראט־מויכעס און זעלבסטצופרידענער אנגעפרעסנקייט.

אין אלע זיינע וויכטיקסטע ווערק דערמאנט ער קיינמאל נישט די־רעקט דייטשלאנד אדער דאס דייטשע פאלק. זיינע 5 קארדינאלע ווערק: „דער אפשטאם פון דער גריכישער טראגעדיע", „דער אפשטאם פון דער מאראל", „די פריילעכע וויסנשאפט", „פון יענער זייט גוטס און שלעכטס" און „אזוי האט גערעדט זאראטוסטא", זיינען אויסגערייניקט פון דייטשישקייט און מען געפינט אין זיי נישט קיין ברעקל נאציאנאלן ניואנס, קיין לייבטסטן פאלקס־קאלאריט. אויסער דעם האט ער זיין גאנץ שעפעריש לעבן געוואוינט אויסער די גרענעצן פון דייטשלאנד, ווייל זיין היים פלעגט אים מעשונעדיק שרעקן און אויסצאפן זיינע ענערגיעס.

אלע זיינע עקסטראוואגאנטע פילאזאפישע שטיק האט ער געוויד־מעט אויסשליסלעך דער מענטשהייט. דורך זיינע טעאריעס פון איבער־מענטשלעכקייט און לעגיטימער אמאראלישקייט האט ער קיינמאל נישט געמיינט ארויסצוהויבן דייטשלאנד אדער אנדייטן, אז אויב עס האנדלט זיך וועגן אן איבערמענטש, דארף ער האבן ארישן ייכעס אדער א פריי־סישן פאספארט. פארקערט, ער האט שטענדיק אינטואיטיוו ארויסגערוקט, אז דייטשלאנד איז הינטערשטעליק אין אייראפעישקייט און מענטשלעכ־קייט און דערפאר טאקע האט ער נישט געוואלט אטעמען די לופט פון זיין

הײמישן זאַקסן. אין דער גאַנצער דײַטשער געשיכטע האָט ער נישט געפונען קײן אײן העלד, װעלכן ער זאָל קאָנען גלאָריפיצירן װי אַ פריצײַטיקן אויבערמענטש, בעשאַס באַ אַנדערע פעלקער האָט ער זײ יאָ געפונען.

יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז ניטשעס שטאָלץ איז נישט געװען קײן נאַציאָנאַלער און אַז ער איז ספּעציעל געװען דערװײַטערט פון גערמאַנישן שאָװיניזם. װען ער געפינט זיך אין היטלעריסטישן דײַטשלאַנד, װאָלט ער מיסטאָמע געמוזט טראַכטן זײַנע אויבערמענטשלעכע מאַכשאָװעס אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער, װאו ער װאָלט זיך געפונען פאַר פאָלקספאַראַט.

זײַן הײמלאָזיקײט, אײנזאַמקײט און כראָנישע קראַנקהײט האָבן געשאַפן די פּסיכאָלאָגישע און שפּעטער פּאַטאָלאָגישע פאָרבאַדינגונגען פאַר זײַנע באַצװינגערישע אויסנאַם-טעאָריעס, דורך װעלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק אַ װילן צו קאָמפּענסירן דעם פאַרדרוס-קאָמפּלעקס, פון װעלכן ער האָט נישט אויפגעהערט צו לײַדן.

אַף אַזאַ מין אויפן האָט ער זיך פאַרװאַנדלט אין אַ רײַכן אָבער אומגעזונטן פּראָדוקט פון די אומשטענדן, פּונקט װי אַ פּרעכטיקער, רײַכפאַרביקער מוכאָמאָר-שװאָם, װעלכער פאַרבלענדט די אויגן מיט זײַן אײַדעלער שײנקײט, אָבער מיט װעלכן מען מוז זײַן זײער פאָרזיכטיק, װײַל ער איז גיפטיק און װײַל פון זײַן שײנקײט קאָן מען בלויז באַקומען אַ שײנעם טויט.

פאַרלאַג „איקוף“

בוענאָס-איירעס

א. סוצקעווער

ווילנער געטאָ

פרייז 10 פעזעס

אַלעקסאַנדער בעק

פּאַנפילאָווס מענטשן

יידיש: מ. וואָלאַנסקי

פּרייז:
פאָלקס-אויסגאַבע — — 8.00
אין לייוונט־בונד — — 10.00
לוקסוס-אויסגאַבע — — 12.00

סימכע סנע

בלעטער אפן ווינט

פרייז: בראָש. 6.00, געבונדן 9.00

שאָלעם אליכעם

דאָס מעסערל

אויסגאַבע פאַר קינדער, אילוסטרירט

פרייז: 1.00

זישע וויינפּער

דער גילדענער האָן

פרייז: בראָש. 6.00, געבונדן 9.00

פּאָרטרעט פון

מענדעלע מוכער ספאָרים

אַרויסגעגעבן צו זיין 30טן יאָרצייט

פאָרמאַט 22×28 פרייז: 0.50 סענט

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de agosto de 1948, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires Rep. Argentina